STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01331

# SOVETNLAND

Hewlett Johnson

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Anna Besmann*
*in honor of her Bat Mitzvah*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# סאָוועטנלאַנד

## אַ זעקסטל פון דער ערד

## SOVIET POWER




**פון היולעט דזשאַנסאָן**

דין פון קענטערבערי


איבערזעצט פון

**ש. אַלמאַזאָוו**

מיט אַ פאָרוואָרט צו דער אידישער אויפלאַגע פון

**נ. בוכוואַלד**

*Copyright by the*
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE
of the International Workers Order
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
September, 1941

209

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, סעפּטעמבער, 1941

ערשטע אויפלאַגע — 10,000 עקזעמפּליאַרן

# צו די אידישע לייענער

היולעט דזשאנסאָנ׳ס בוך „סאָוועטנלאַנד" איז פּון יענע גרויסע ווערק, וואָס לאָזן איבער אַ צייכן אין דער געשיכטע פּון דער מענטשהייט. אַליין אַ הויכער גייסטלעכער פּון דער ענגלישער קירך, איז דער פּראָפעסער פּון דעם בוך באַזונדער צוגעפּאַסט פאַר דער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען: צו ברענגען דער ברייטער וועלט אויסער די סאָוועטישע גרענעצן אַן אמת׳דיג בילד פּון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַן אינזשענער און איז דעריבער גרינטלעך באַקאַנט מיט די טעכנישע מאַטעריעלע פּראָבלעמען פּון דער מאָדערנער אינדוסטריע. אַ קולטורעלער מענטש, מיט אַ טיפן חוש פאַר יושר און גערעכטיגקייט, האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט די עוולות פּון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם ווידערשפּרוך צווישן די אידעאַלן פּון יושר, ברידערלעכקייט און גלייכהייט — וואָס לויט זיין איבערצייגונג זיינען דאָס די יסודות פּון דער קריסטלעכער עטיק — און די עוולות, אומגערעכטיגקייטן און אומגלייכהייטן פּון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַ וויסנשאַפטסמאַן מיט ברייטער ערודיציע אויף פילע געביטן פּון מענטשלעכן וויסן, האָט ער אויך ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם ווידערשפּרוך צווישן די מעגלעכקייטן, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט גיט דעם מענטשן צו לעבן אין וואוילזיין און אין פרידן, און דער זינלאָזער פאַרשווענדונג פּון נאַטור־אוצרות און שעפערישער מענטשלעכער ענערגיע אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם פּון פּראָדוקציע צוליב פּריוואַטן פּראָפּיט.

די סאָציאַליסטישע סיסטעם פּון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די נייע אָרדענונג, וואָס באַנוצט די אוצרות פּון לאַנד און באַטרייבט די פּראָדוקציע פּון די אינדוסטריען פאַר דעם וואוילזיין פּון אַלעמען, האָט פאַרכאַפּט דעם פּראָפעסער פּון אָט־דעם בוך סיי פּון דעם וויסנשאַפטלעכן און סיי פּון דעם מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. נאָכדעם ווי ער האָט גרינטלעך דורכגעשטודירט און אויסגעפאָרשט די סאָוועטישע סיסטעם און דעם נייעם לעבנס־שטייגער, איז ער געקומען צום שלום, אַז די נייע אָרדענונג איז סיי עכט־וויסנשאַפטלעך און סיי עכט־יושר׳דיג.

היולעט דזשאנסאָן איז טיף איבערצייגט, אַז אין פּרט פּון יושר שטימט דער קאָמוניזם מיט די גרונד־פּרינציפּן פּון קריסטלעכן גלויבן. זיינע איבערצייגנדיגע אַרגומענטן און אָנווייזונגען וועלן געווים מאַכן אַ טיפן איינדרוק

אויף די מיליאָנען קריסטלעכע לייענער. נאָר ווען ער רעדט וועגן „קריסטנטום“, „קריסטלעכער עטיק“ און „קריסטלעכע פּרינציפּן“, האָט ער אין זינען יענע ברייטע אַל־מענטשלעכע פּרינציפּן און מידות פון יושר, גערעכטיגקייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, וואָס זיינען דאָס געמיינשאַפטלעכע מאָראַלישע פאַרמעגן פון אַלע פעלקער, אָפּגעזען פון זייער רעליגיעזן גלויבן אָדער אומגלויבן. דעריבער מוז נישט דוקא דער אידישער לייענער מיטגיין מיט דעם דין אין זיינע אָנשויאונגען בנוגע דער קריסטלעכער רעליגיע, צי רעליגיע בכלל, כדי מיט אים מסכים צו זיין בנוגע די פעסטע מאָראַלישע יסודות פון דער סאָוועטישער אָרדענונג.

גראָד דערמיט, וואָס דער דין רעדט אויף אַ געמיינשאַפטלעכער „קריסטלעכער“ שפּראַך מיט מיליאָנען מענטשן, באַקומט זיין בוך אַ באַזונדערע היסטאָריש־וועלטלעכע באַדייטונג ווי אַ ווערק, וואָס שאַפט אַ בריק פון פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע צווישן די סאָוועטישע פעלקער און די פעלקער אויסערן סאָוועטן־פאַרבאַנד. איצט, ווען די סאָוועטישע פעלקער און זייער העלדישע רויטע אַרמיי קעמפן דעם קאַמף פון דער גאַנצער מענטשהייט, איז אַזאַ בוך באַזונדער וויכטיק ווי אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די איינינגקייט פון אַלע פעלקער געגן אַלעמענס שונא — דעם פאַשיזם.

„סאָוועטנלאַנד“ איז אַ בוך פון סאָלידער ראַיעלער אינפאָרמאַציע וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס׳איז אָבער אויך אַ בוך, וואָס איז דורכגעשטראַלט מיט וואַרעמער מענטשלעכקייט און מיט ענדלאָזער סימפּאַטיע פאַר די פאָלקסמאַסן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון גאָר דער וועלט. צו לייענען היולעט דזשאַנסאָנ׳ס בוך מיינט צו דערלערנען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ממילא מיינט עס צו האָבן ענדלאָזן צוטרוי צו די כחות פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו זיין קאַמפּס־גרייטקייט און זיין פייאיגקייט, צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער און לענדער, צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם און דערשלאָגן אויף טויט די נאַצי־בעסטיע.

דעריבער איז היולעט דזשאַנסאָנ׳ס בוך אין דער אידישער איבערזעצונג ניט סתם אַן אינפאָרמאַטיווער, ווערטפולער און פאַרכאַפּנדיקער בוך — ס׳איז אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, פון מוט און פון טיפן גלויבן אין די שעפערישע כחות און אין דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. ס׳איז אַ דערמוטיקונג פאַר דעם אידישן מענטשן און דעם אידישן פאָלק און אַן אָנזאָג וועגן דעם ענדגילטיגן טריאומף פון פרידן און ברידערלעכקייט פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט און ממילא אויך פאַר דעם אידישן פאָלק.

נ. בוכוואַלד.

# וועגן דעם ענדגילטיגן זיג קאָן גאָר קיין צווייפל ניט זיין...

דעם דיניס דערקלערונג צו די אַמעריקאַנער לייענער, געשריבן נאָך דעם נאַצי־איבערפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איך שרייב אָט־די שורות אויף דעם פינפטן טאָג נאָך דעם נאַצישן איבערפאַל אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך שרייב, כדי צו באַשטעטיגן נאָך אַמאָל מיין גלויבן אין יענעם גרויסן לאַנד און אין די פּרינציפּן און כחות, וואָס איך האָב פּרובירט צו באַשרייבן אין אָט־דעם בוך. אויב דאָס, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, איז אמת — און איך גלויב, אַז עס איז אמת — דעמאָלט מעגן ווי גרויס זיין די לײַדן, וואָס די באַלדיגע צוקונפט וועט ברענגען, איז אָבער דער ענדגילטיגער זיג אויסער יעדן צווייפל.

איידער מיר באַטראַכטן דאָס, וואָס דאַרף ערשט קומען, לאָמיר וואַרפן אַ בליק אויף צוריק אויף דעם פריער־שוין געזאָגטן. אפשר מעג איך, מיט דער פולער באַשיידנקייט, אָנווייזן, אַז די אַנטוויקלונגען פון אָט־די היס־טאָרישע טעג זיינען פאַר מיר ניט געקומען אינגאַנצן ווי אַן איבערראשונג. מיט צען חדשים צוריק האָב איך געשריבן, אַז „רוסלאַנד קאָן ווערן גע־צוואונגען — פונקט ווי די פאַראייניגטע שטאַטן קאָנען ווערן געצוואונגען — זיך אַריינצומישן" אין אָט־דער מלחמה. אָט־די אַריינמישונג איז איצט גע־קומען. איך רעקאָמענדיר דעם לייענער זייער שטאַרק דורכצושטודירן אויפ־מערקזאַם דעם גאַנצן עפּילאָג, וואָס איך האָב געשריבן דעם ערשטן סעפּ־טעמבער 1940. דאָס גיט מיר צו מוט צו זאָגן דאָס, וואָס איך טראַכט איצט.

אין דעם איצטיגן מאָמענט דערוואַרט יעדער איינער אין ענגלאַנד, אָנ־הויבנדיג פון דער רעגירונג און פון דעם אויסערן־מיניסטעריום און אַרונטער ביז יעדן מיליטערישן „עקספּערט" און יעדן עדיטאָריעל־שרייבער אין די צייטונגען, אַ פולשטענדיגן דורכפאַל פון דער רויטער אַרמיי און אַ קאַטאַס־טראָפאַלע נידערלאַגע פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. לויט דער קוים־פאַר־מאַכקירטער מיינונג פון די אָפיציעלע קרייזן קומט אויס, אַז גאָר אין גיכן וועט פאָרקומען די גרעסטע מפלה און צוזאַמענברוך אין דער געשיכטע.

דערלויבט מיר צו ציטירן צוויי ביישפּילן פון דער זעלבער זייט פון דער נעכטיגער „ניוס קראָניקל". ערשטנס שרייבט דער אַמעריקאַנער מיליטערי־שער עקספּערט, מאַיאָר פילדינג עליאָט: „עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער קנאַפּער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן וועגן דער רויטער אַרמיי, דעם רויטן

לופט־פלאָט און דעם אינערלעכן צושטאַנד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו באַרעכטיגן וועלכע ניט איז האָפענונגען, אַז די רוסן האָבן אַ מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט זייער ווידערשטאַנד געגן דער פולער קראַפט פון דעם דייטשישן אָנגריף." דער עדיטאָריעל אויף דער זעלבער זייט לייענט זיך אַזוי: „אויב עס וואָלט פאַסירט אַ נס און די רויטע אַרמיי וואָלט באַוויזן צו פאַרלענגערן איר פאַרטיידיגונג ביז אין הערבסט אַריין און פאַרהאַלטן היטלער'ס כחות, וואָלטן מיר נאָך אַלץ באַדאַרפט האָבן יעדן ברעקל מלחמה־פראָדוקציע אויף צו קאָנען דערלאַנגען דעם נאַצישן רעזשים אַ טויט־קלאַפ קומענדיגן יאָר. פאַרקערט אָבער, אויב די רויטע אַרמיי זאָל צוזאַמענברעכן נאָך עטלעכע וואָכן — און דאָס איז אַ מעגלעכקייט, מיט וועלכער מען דאַרף זיך ערנסט רעכענען — דעמאָלט קאָן אונזער פראָדוקציע אין לויף פון אָט־די וואָכן שאַפן דעם גאַנצן אונטערשייד צווישן אַ זיג אָדער אַ דורכפאַל פאַר אונז. קיין זאַך איז ניט אַזוי זיכער, ווי אַז היטלער וועט זיך אַ נעם טאָן צו אונזערע אינזלען אַזוי שנעל ווי ער וועט פאַרטיג ווערן מיט רוסלאַנד."

ווען מע זאָל אָנערקענען זייער גרונד־געדאַנק, וואָלט מען נעקאָנט געפינען אַ געוויסע מאָס באַרעכטיגונג פאַר זייער באַציאונג. צוריק מיט צוואַנציג יאָר איז רוסלאַנד געווען דאָס לאַנד פון דעם אומוויסנדן פויער און האָט ניט פאַרמאָגט קיינע מאָדערנע אינדוסטריעלע אויסשטאַטונגען און קיין טעכנישע פאַכמענישקייט. דייטשלאַנד אָבער איז, מיט דער אויסנאַם פון אַמעריקע, געווען דאָס העכסט־אינדוסטריאַליזירטע לאַנד אין דער וועלט. היטלער האָט ניט באַדאַרפט אויפבויען קיין אינדוסטריעלע מאַשין; ער האָט געהאַט אַזאַ מאַשין פאַרטיג אָנגעגרייט פאַר אים, און מיט דער הילף פון אָט־דער מאַשין האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו טרענירן און אויסצושטאַטן דאָס אויסגעצייכנטע מלחמה־געווער, וואָס ער פאַרמאָגט איצט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווידער, האָט געמוזט בויען די אינדוסטריע, דערציען קינדער, טרענירן אינדוסטריאַליסטן און ערשט דעמאָלט אויפבויען און אויסשטאַטן די אַרמיי און די שוץ־דינסט. די אויפגאַבע, וואָס רוסלאַנד האָט פאַר זיך געהאַט, איז געווען און איז איבערמענטשלעך. דריי און צוואַנציג יאָר איז אַ צו־קורצע צייט אויף איבערצובויען אַ מלוכה.

עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אָט־די שרייבער, וועלכע פאַרשטייען ניט די ריזיגע שעפערישע כחות, וואָס זיינען פריי־געלאָזט געוואָרן און וואָס זיינען שטאַרק געגנעריש צו דער נייער אידייע און צו די נייע מעטאָדן, ווערן געפאַנגען אין דער נעץ פון זייער אייגענער פראָפאַגאַנדע. זיי האָבן אַזוי אָפט איינגערעדט זייערע לייענער און זיך אַליין, אַז קאָמוניזם איז אַ דורכפאַל, אַז זיי האָבן טאַקע אַליין אָנגעהויבן גלויבן אין דעם און זיי קאָנען, נאַטירלעך, פון אָט־דער איינרעדעניש זיך ניט באַפרייען אין דעם איצטיקן קריטישן מאָמענט.

אָבער נעגן אַט־דער דעפּיטיסטישער באַציאונג, וואָס שטאַמט פון דער טיפער אומוויסנהייט בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַן אומוויסנהייט, וואָס איז אַזאַ געוויינלעכע דערשיינונג אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד — האָב איך אָנגעשריבן דאָס פאָלגנדיקע און עס אָנגעבאָטן נעכטן דער „ניוס קראָניקל", וואָס האָט עס העפלעך צוריקגעוויזן.

„אַ ווענדונג צו די ענגלישע אַרבעטער:

„3 אַזייגער מיט פינף מינוט זונטאָג פאַרטאָג, דעם 22טן יוני, 1941, האָט היטלער אונטערגעשריבן זיין אייגענעם טויט־אורטייל און דעם טויט־אורטייל פון נאַצי־פאַשיזם. אין יענער שעה האָט ער פאַר־רעטעריש אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט אַט־דער האַנדלונג האָט ער פאַרזיכערט זיין אייגענע ענדגילטיקע מפּלה. אַט־דער פראַנקענ־שטיין פון דער מלחמה־מאַשין, וואָס ער האָט באַשאַפן, וועט צע־שמעטערט ווערן ווי אָן אַ פעלז נעגן דער העלדישקייט פון דער רויטער אַרמיי און נעגן דער ניט־וויניקער העלדישער מי פון 193 מיליאָן סאָ־וועטישע מענטשן. דאָס איז אַזוי זיכער, ווי ס'איז זיכער, אַז נאָך דער נאַכט קומט דער טאָג.

„היטלער האָט דריי חדשים אויף צו צעשמעטערן און באַזיגן רוס־לאַנד. עס איז ניטאָ דער מענטש און דאָס לאַנד, וואָס קאָנען דאָס באַווייזן.

„אויב מיר זאָלן זיך פאָרשטעלן אפילו דאָס ערגסטע, אַז אים זאָל זיך אַפילו איינגעבן, ווי אַ רעזולטאַט פון פאַררעטערישן סורפּריז, אָפּ־צוהאַלטן אין אָנהויב גרויסע זיגן, ווי, למשל, פאַרכאַפּן מאָסקווע, וואָס ליגט זעקס הונדערט מייל פון דער גרענעץ, וואָלט נאָך אַלץ פאַרבליבן די גרויסע באַזע אין די אוראַל־בערג זעקס הונדערט מייל צו מזרח פון וואַנען צו פירן דעם קאַמף. און ווען יענע באַזע זאָל פאַלן, איז נאָך דאָ טויזנט מייל ווייטער מזרח־צו די דריטע גרויסע באַזע אין קוזבאַס.

„אַט־די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן קאָנען ניט דערגרייכט און באַזיגט ווערן אין דריי חדשים צייט פון קיין אַרמיי אין דער וועלט, אַפילו ווען דער ווידערשטאַנד זאָל אינגאַנצן אויפהערן. נאָר הינטער יעדן שפּאַן ערד, וואָס די נאַציס וועלן אפשר פאַרכאַפּן, וועלן זיי אָנ־טרעפן די באַוואָפנטע אַרבעטער און פויערים פון רוסלאַנד, וואָס זיינען גרייט צו שלאָגן זיך מיטן שונא. דאָרט וועט מען ניט אָנטרעפן קיין קאַפּיטולאַנטישע באַפעלקערונג, וואָס לאָזט זיך טעראָריזירן, ווי דאָס איז דער פאַל אין יעדן באַזיגטן לאַנד. די רוסישע פעלקער זיינען די באַלעבאַטים פון זייער ערד און זייערע פאַבריקן. זיי וועלן זיך שלאָגן פאַר אַט־די זאַכן ביז דעם לעצטן אָטעם, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן. זיי קאָן מען קיינמאָל ניט באַזיגן.

„אָבער דאָס איז אויף דעם ערגסטן פאַל. איך גלויב ניט, אַז די נאַצישע מיליטערישע מאַשין, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער ברוטאַלער „עפישענסי" און פולקאָמענהייט, וואָס זי האָט ביז איצט אַרויסגעוויזן, וועט אָפּווישן די רויטע אַרמיי, ווי זי האָט עס געטאָן מיט די אַרמייען פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, פוילן, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד. אין דער צאָל סאָלדאַטן, אין באַוואָפענונג און אויסשטאַטונג זיינען ביידע

כמעט גלייך. אין פירערשאפט, מוט און מאראל וועט די רויטע ארמיי ווייזן וואס א פאלקס־ארמיי מיינט.

„איך גלויב, אז סוף כל סוף וועט די נאצי־ארמיי צוריקגעטריבן ווערן קיין דייטשלאנד א צעשמעטערטע און באזיגטע. און ווען דאס וועט געשען, וועט זיך אנהויבן א נייע און בעסער קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווייל רוסלאנד שטעלט מיט זיך פאר אלץ, וואס איז פראגרעסיוו: גערעכטיגקייט און גלייכהייט צווישן קלאסן און ראסן, א סוף צו עקספלואטאציע פון איין מענטשן דורך א צווייטן; א גערעכטערע און נאבעלערע עקאנאמישע און סאציאלע ארדענונג. אט־דערפאר האט מען זי אזוי פיינט; אט־דערפאר האט היטלער זי איצט אטאקירט.

„מען קאן מיט רעכט זאגן, אז דער גורל פון דער מענטשהייט הענגט אפ פון אט־דער גרויסער שלאכט, וואס האט זיך ערשט אנגעהויבן. אויף איין זייט איז ליכט און פראגרעס און אויף דער צווייטער זייט איז די פינצטערניש און קארופציע פון רעאקציע, שקלאפעריי און טויט. רוסלאנד קעמפט פאר איר אייגענער סאציאליסטישער פרייהייט און זי קעמפט אויך פאר אונזער פרייהייט. באשיצנדיג מאסקווע, באשיצן זיי אויך לאנדאן.

„מיט וואס קאנען מיר העלפן? דורך אונזער דרוק אין דער לופטן, דורך פארשטארקן אונזערע באוואפנטע כחות מיט די בעסטע מאשינען און מענטשן און דורך אויסנוצן דאס אלץ אין דעם געהעריגן מאמענט פאר אן אטאקע אין מערב בעת די רויטע ארמיי קעמפט אויפן מזרח־פראנט. פאר אט־דעם צוועק מוז יעדער מאן און פרוי ארבעטן. איך אפעליר צו יעדן פראגרעסיוון מאן און פרוי, צו יעדן מאינער, אייזנבאן־ארבעטער, פאבריק־ און אמוניציע־ארבעטער צו ארבעטן אזוי, ווי ער האט נאך קיינמאל פריער ניט געארבעט; אויף אזא אופן וועלן זיי בייטראגן זייער חלק אין דעם קאמף פאר פרייהייט; אויף אזא אופן וועלן זיי ברענגען הילף צו זייערע סאוועטישע ברידער־ארבעטער, וואס קעמפן פאר זיי; אויף אזא אופן וועלן זיי באפרייען יענע איירא פיאישע ארבעטער, וואס זיינען געפאנגען און צעדריקט געווארן אין די נאצישע לאפעס און זיינען געווארן הילפלאזע שקלאפן ביי דער פאשיסטישער מאשין; אויף אזא אופן וועלן זיי ברענגען די איצטיגע מלחמה צו א סך א שנעלערן סוף, ווי מיר האבן ביז איצט געקאנט האפן. ווען מיר וועלן אזוי האנדלען, וועלן מיר אפשר אויף אן אמת'ן אוועקלייגן דעם פונדאמענט פאר א וועלט אן קריג."

מיט אט־די ווערטער האב איך אויסקריסטאליזירט מיין גלויבן אין די נייע כחות פון דעם ארבעטער־קלאס, וואס דער סאוועטן־פארבאנד האט פריי־געלאזן. א נייע ציוויליזאציע איז ארויסגערופן געווארן צום לעבן צו פארבייטן די אלטע ציוויליזאציע. מיט שטאלץ בינד איך צו מיין פאן צו דער מאסט פון דער נייער ציוויליזאציע, און ניט מיט ווייניגער שטאלץ פאדער איך פון דעם אמעריקאנער ארבעטער־קלאס און פון אלע מיינע פריינט אין יענעם גרויסן לאנד, אז זיי זאלן מיט דיסציפלין און אייניגקייט

אָנווענדן זייער גאַנצע שעפֿערישע ענערגיע בייטאָג און ביינאַכט פֿאַר דער אומגעהויערער אויפֿגאַבע צו באַזאָרגן זייערע ברידער און חברים דאָ און אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מיט יעדן נויטיגן וואָפֿן. איך ווייס פֿון זייער ביטערער דערפֿאַרונג וואָס פֿאַר אַ הילפֿלאָזיגקייט עס ווערט געשאַפֿן דורך אַ מאַנגל פֿון וואָפֿן אין די פֿראָנט־רייען. כינע, עטיאָפּיע און שפּאַניע זיינען באַזיגט געוואָרן, ווייל העלדישע מענער דאַרפֿן האָבן מער ווי ווערטער פֿאַר זייער פֿאַרטיידיגונג. זיי דאַרפֿן האָבן אַזעלכע מאַשינען און וואָפֿן ווי זייערע שונאים באַזיצן.

איך שרייב אָט־די שורות אין די געבליבענע חורבות פֿון מיין אַלטן און פּראַכטפֿול־שיינעם דין־הויף, וואָס איז לעצטן אָקטאָבער באָמבאַרדירט געוואָרן פֿון טויך־באָמבערס בשעת מיר האָבן געגעסן מיטאָג. איך האָב דעמאָלט ניט געפֿילט און איך פֿיל איצט ניט קיין צאָרן און קיין פֿאַרביטערטקייט אין מיין האַרצן. איך פֿיל בלויז אַ טיפֿן רחמנות בנוגע דעם ווייטאָג און דער טעמפּקייט פֿון אונזער וועלט און אַ פֿעסטע איבערצייגונג, אַז עס פֿאָדערט זיך שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט, כדי די פֿאַרשקלאַפֿטע אַרבעטער און פֿעלקער פֿון אייראָפּע זאָלן באַפֿרייט ווערן.

אונזער גרויסער און ליבער קאַטעדראַל שטייט אַרומגערינגלט מיט דעם חורבן, וואָס די באָמבעס האָבן אָנגעטאָן. שוידערלעכע און העסלעכע לעכער פֿאַר׳מיאוס׳ן די פֿריערדיגע שיינקייט פֿון אונזערע פֿרידלעכע געביידעס און פֿון די אַלטע שטאָטישע גאַסן. און דאָך הויבט דער קאַטעדראַל זיך אַרויס איבער דעם אַלעם רואיג און אומבאַשעדיגט, און דער אומבאַרירטער פּרעכטיגער גלאָקן־טורעם שטרעקט זיך צום הימל. אָט־דאָ זע איך אַ סימבאָל פֿון דעם אייביגן מענטשלעכן גייסט און פֿון גאָט׳ס פֿאַרבאָרגענע און גנעדיגע ענד־צילן.

היולעט דזשאַנסאָן, דין־הויף, קענטערבערי.

ערשטער טייל

# אַן אַנטשולדיגונג און אַ רעכטפערטיגונג

## 1. אויטאָביאָגראַפיע

אונזער עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָרדענונג רופן מיר קריסטנטום. ס'איז שווער צו באַרעכטיגן אַט־דעם נאָמען. קוקנדיג מיט די אויגן פון א באַלמעלאָכע, אַן אינזשענער, אַן אַרבעטגעבער אָדער אַ קריסטלעכן גייסטלעכן — און איך בין געווען אַלע פיר — זע איך דאָס ווי אַן אָרדענונג, וואָס איז שרייענדיג אומקריסטלעך און אויסדריקלעך אומוויסנשאַפטלעך; אַן אָרדענונג, וואָס וואָלט — ווען זי זאָל האָבן אַ ממשות'דיגן באַגריף וועגן קריסטלעכער עטיק און וועגן דער פּראַקטישער באַלדיגער אָנווענדונג פון אַזאַ עטיק — אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַזאַ עטיק ווי אַ חלום, אָדער — ווי היטלער און ראָזענבערג — דאָס אונטערדריקט ווי אַ געפאַר.

אונזער אָרדענונג איז נישט קריסטלעך און נישט וויסנשאַפטלעך, און ס'איז שווער פאַר מיר צו זאָגן, צי זי פאַרדריסט מיך מער ווי אַ קריסט אָדער ווי אַ וויסנשאַפטלער. ווען איך האָב פאַר דער מלחמה איבערגעלייענט אַ קעפּל אין דער צייטונג „אָבזערווער":

„פּוילניס גוטע געוועטעניש
אַ שווערער קלאַפּ פאַר עקאָנאָמישער אויפלעבונג"

האָב איך זיך דערמאָנט אַן די ווערטער פון אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר פון אַגריקולטור, נאָכדעם ווי ער האָט געזען, ווי צען מיליאָן אַקערס קאָטן זיינען פאַראַקערט געוואָרן און פינף מיליאָן חזירים אויסגעשאָכטן: „אויב דאָס וועט ברענגען וואָוילזיין פאַרן לאַנד, האָב איך אומזיסט פאַרשווענדט מיין לעבן."

ס'איז אַ מאָנסטערהאַפטע זאַך. אַן עפּאָכע פון וויסנשאַפט האָט אָפּ־געטראָטן דאָס פּלאַץ פאַר אַן עפּאָכע, ווען וויסנשאַפט ווערט איינגעקראַמפּט און אונטערדריקט; און די אונטערדריקונג פון וויסנשאַפט איז נישט ווייניגער, נאָר מער, קאַטאַסטראָפיש ווי פריער גראָד אין אונזער צייט, ווען אַ יאָרצענדליג פון באַשרענקטער פּראָדוקציע, וואָס דערלויבט נישט קיין שפע, קומט נאָך אַ יאָרצענדליג פון פאַרשווענדונג, ווען מיר האָבן אויף אַ

מאָמענט דערלויבט אונזער פּראָדוקטיווער מאַשין צו לויפן מיטן פולן גאַנג. אין קיין זין איז אונזער אָרדענונג נישט וויסנשאַפטלעך.

נאָך ווייניגער איז זי קריסטלעך. באַשטימענדיג אַ פּרעמיע פאַר עגאָ־איסטישע מאָטיוון, צעפלאַמט זי דעם דעראָבערישן אינסטינקט, דולדעט הונגער אין מיטן פון שפע און צעשמעטערט מענטשלעכע לעבנס. בעת אַ האַלב פון אונזער באַפעלקערונג און אַ זעקסט־חלק פון אונזערע קינדער ליידן פון קאַטאַסטראָפיש־קנאַפּער דערנערונג, לויט דער פאַרזיכערונג פון סער דזשאָן באָיד אָר, ענגלאַנדס פירנדער דיעטע־עקספּערט—שטייען מאַשינען ליידיג, חוץ אין דער צייט פון מלחמה אָדער מלחמה־שרעק, און הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, וואָס זיינען פייאיג צו פּראָדוצירן שפּייז, קליידער און וואוינונגען לרוב, פירן אַ קלאָגעדיג געמאַטערט לעבן פון געצוואונגענער און דעמאָראַליזירנדיגער אומבאַשעפטיגונג. אונזער אָרדענונג האָט ווי איינעם פון אירע ווינקל־שטיינער דעם מאָטיוו פון אינדוסטריעלן פּראָפיט און דעם מעטאָד פון גאָרגל־שניידנדיגער קאָנקורענץ. די פּראָדוקציע פון זאַכן, וואָס מענטשן באַדאַרפן האָבן, און פון אַנדערע זאַכן, וואָס ס׳וואָלט בעסער געווען זיי נישט צו פּראָדוצירן, איז פּלאַנלאָז און אומפאַראַנטוואָרטלעך, און פירט צו שווערע אומגלייכהייטן, צו רייכקייט אינמיטן פון דחקות, צו אָרעמ־קייט, וואָס רופט אַרויס האַס און פאַראַכטונג.

אויב דאָס זיינען שטאַרקע ווערטער, קומען זיי פון אַ שטאַרקן געפיל און דאַרפן געזאָגט ווערן. מיט דעם גאַנג פון יאָרן ווערט דער קאָנטראַסט און אַרויסרוף אַלץ גרעסער. האַרטקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין גרויזאַמקייט און ברוטאַליטעט. די לאַגע ווערט ערגער.

* * *

נאַטירלעך, ווי אַלע מענטשן, וואָס ווייזן אַרויס אַן אינטערעס צו מאָ־ראַלישע פּראָבלעמען און זייער מענטשלעכער סביבה, האָב איך געלייענט, שטודירט און געדייזט; אונטערזוכט און אויסגעפאָרשט פאַרשיידענע גע־פּרוווטע לייזונגען און נאַציאָנאַלע עקספּערימענטן. דייטשלאַנד איז אַ לאַנגע צייט געווען דער צענטער פון אינטערעס פאַר מיר, און כינע אויך. דערנאָך האָט רוסלאַנד איבערגעשניטן דעם וועג ווי אַ בלענדנדיגער מעטעאָר און האָט אַ שליידער געטאָן אַן אויסעראָרדנטלעכן אַרויסרוף. זי האָט געמאָנט אויפמערקזאַמקייט און גרינטלעכן, כסדר׳דיגן שטודיום פון דער פּראָגראַם, וואָס איז געווען אויסגערעכנט צו פאַרבייטן דעם מאָטיוו פון פּריוואַטן פּראָ־פיט ווי די טרייב־קראַפט פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אויף דעם מאָטיוו פון באַדינען די געמיינדע און געבן יעדן מאַן, פרוי און קינד, אָן אונטער־שייד פון הויט־פאַרב, ראַסע אָדער שפּראַך — און אין אַ לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטל פון דער ערד — גלייכע מעגלעכקייטן פאַר באַלוינטער אַרבעט און

רו־צייט, גלייכע דערציאונג און בילדונג פאַר קינדער און יוגנט און גלייכע שוץ פאַר קראַנקע און אַלטע.

דאָס איז געווען עפּעס גאָר ניי, עפּעס אַזוינס, וואָס שטאַטסלייט פון אַ גרויסער מלוכה האָבן פאַרקערפּערט אין אַ פּראָגראַם, וואָס אונזערע אייגענע שטאַטסלייט און געשעפט־מענער האָבן אונז, קריסטן, פאַרזיכערט, איז בלויז אַן אידעאַליסטישער חלום, וועלכער וועט אפשר פאַרווירקלעכט ווערן אין דער ווייט־ווייטער צוקונפט, אָבער אין דער היינט־צייטיגער וועלט איז דאָס דורכאויס אומפּראַקטיש און קאָן נאָך פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע, ווען מען זאָל דאָס פּרואוון פאַרווירקלעכן.

אין איר באַהויפּטונג, צום ווינציגסטן, באַטראַכט אָט־די סאָוועטישע פּראָגראַם די מענטשן פון לאַנד ווי אמת'ע מענטשן און פּלאַנירט פאַר זייערט־וועגן ווי פאַר ברידער. פאַראַן עפּעס אומגעווייגלעך קריסטלעכס און ציוויליזירטס אין אָט־דער באַציאונג און כונה. ווייל אויב די ערד איז גאָטס ערד און אויב מענטשן זיינען ווירקלעך זיינע קינדער, מוז עס אים פאַרשאַפן גרויס צער צו זען אויף איין זייט פון זיין טיש די איבערגעזעטיגטע און אויף דער אַנדערער די הונגעריגע — צי דאָ האַנדלט זיך וועגן שפּייז אָדער קולטור אָדער די שיינקייטן און באַקוועמלעכקייטן פון לעבן. נאָך ווייניגער קאָנען געפינען לייטזעליגקייט אין זיינע אויגן די גראָבקייטן און גרויזאַמקייטן פון דער יאָגעניש נאָך דעראָבערונג, אָדער די אומדערבאַרעמדיגע אָנהאַלטונג פון חזקה־פּריווילעגיעס פאַר אַ געקליבענער גרופּע מענטשן. די רוסישע פּראָגראַם פּאַסט, צום ווינציגסטן, פאַר אַ וועלט פון ברידער. אָדער — אויב מיר דריקן אויס די קריסטלעכע אויפפאַסונג פון מענטשלעכן לעבן אויף אַן אַנדער אופן—אויב די געמיינדע איז דער וועזנטלעכער אמת בנוגע דער מענטשהייט, איז ווען מיר וואַרפן־אָפּ דעם געמיינדע־פּרינציפּ, שפּרינגען מיר אין פּנים אַריין דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט, וואָס דאָס פירט צו אומפאַרמייד־לעכער אַנטוישונג און אונטערדריקונג, ווי אַ רעזולטאַט פון אונזער בלינדקייט און אומוויסנהייט.

* * *

געגוג וועגן רוסלאַנדס פּראָגראַם. אָבער וואָס איז וועגן רוסלאַנדס ווירק־לעכקייט? מע מאָלט דאָס בילד פון רוסלאַנד אין קאָלירן אָדער פון פעך־שוואַרץ אָדער פון שניי־ווייס — אַ גן־עדן אויף דער ערד, אָדער אַ גיהנם; וואָס דאָס מאַכט אונז צו גלויבן פון איין זייט, אַז די סאָוועטישע אָרדענונג וועט באַאיינפלוסן און באַקערן די וועלט פון מאָרגן, און פון דער אַנדערער זייט, אַז זי וועט ליידן אַן אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענבראָך.

טיילמאָל באַווייזן זיך די שאַטירונגען פון שוואַרץ און ווייס אין איינע און די זעלבע פּערזאָנען אויף פאַרשיידענע שטופן פון זייער באַאָבאַכטונג. דאָקטאָר ע. דזש. דילאָן, צום ביישפּיל, אָט־דער ווייט־גערייזטער פּראַכטפולער

באַבאַכטער, וואָס זיין טויט אין 1933 איז געווען אַזאַ שווערער פאַרלוסט פאַר די פאָרשער פון אויסלענדישע ענינים און וועלכער איז אַ שטיק צייט געווען אַ פּראָפעסאָר אין אַ רוסישן אוניווערזיטעט אין כאַרקאָוו און איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען רעדאַקטאָר פון דער רוסישער טעגלעכער צייטונג „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" און האָט אויפגעמאָלן אַ שווידערלעך בילד פון דעם לעבן אונטער די צאַרן — דר. דילאָן האָט פאַרלאָזט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט די ווערטער: „אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג איז ניטאָ קיין שפּור פון אַ קאָנסטרוקטיווער סאָציאַלער אידייע." ווען ער האָט, צוליב סענטימענטאַלער נייגעריקייט, ווידער באַזוכט רוסלאַנד מיט 10 יאָר שפּעטער, אין 1928, און נישט באַקומען „קיינע טובות פון קיינעם אין סאָוועטנטום", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין דעם לאַנד, וואו זיינע אָפּגעשפּאַרטע געלטער זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן און וואו ער האָט אומדירעקט פאַרלאָרן, דורך אַ סאָוועטישער פאַראָרדענונג, „איינעם, וואָס איז אַזוי טייער און נאָענט, אַז קיין געלט אין דער וועלט קאָן ניט גוט־מאַכן דעם פאַרלוסט", האָט ער אויסגערופן מיט שטוינונג: „באָלשעוויזם איז נישט קיין געוויינטלעכע היס־טאָרישע געשעעניש. ס'איז איינע פון די אומגעהויערע וועלט־ריייניקנדיגע אַגענטורן, וואָס מיר באַצייכענען אַמאָל מיטן וואָרט „גורל" און וואָס דער־שיינען דורך לאַנגע צייט־איבעררייסן אויף אָפּצוראַמען דעם באָדן פאַר אַ נייער אָרדענונג פון מענטשן און זאַכן."

מיר לייענען וועגן רוסלאַנדס אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענבראָך און וועגן איר שטוינענדיגן דערפאָלג. קיין זאַך איז אין דעם דאָזיגן זין נישט אַזוי באַלויכטנדיג ווי צו לייענען כסדר די אַמאָליגע נומערן פון דער לאָנדאָנער „טאַימז", אַנהויבנדיג פון יאָר 1918, צו באַמערקן די פריידיגע פאָראויס־זאָגונגען וועגן דעם אומפאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך פון באָלשעוויזם און דערנאָך — די אומווילינע האַלב־אָנערקענונג, אַז דער באָלשעוויזם ווערט אַלץ שטאַרקער.

די לאַנגע דערפאַרונג מיט רוסישע נייעס האָט געלערנט דעם פאָרזיכטיגן לייענער נישט צו נעמען צו־ערנסט אָט־די נביאים פון צוזאַמענבראָך. רוס־לאַנד, ווי מערסטע אייראָפּייאישע און אַזיאַטישע לענדער, איז פול מיט עוולות; עס וועלן אַוועק צענדליגער יאָרן איידער ס'וועט פולשטענדיג אויסגעראָטן ווערן אומאָרנטלעכקייט און אפילו גרעסערע פאַרברעכנס, וואָס ווערן באַ־זונדער שאַרף געפילט מצד די, וואָס גלויבן אין אמת און חסד און גערעכ־טיגקייט און טאָלעראַנץ ווי אין אַבסאָלוטע ווערטן. רוסלאַנד האָט גע'ירשנ'ט אַ טראַדיציע פון שלעכטס, וואָס קאָן אין קיין איין טאָג נישט אויסגעוואָרצלט ווערן. געוואוינהייטן ענדערן זיך נישט אַזוי שנעל ווי רעגירונגען.

אָבער אַ סך יאָרן זיינען שוין אַוועק זינט רוסלאַנד'ס גע'ירשנ'טע איבלען, אָדער די איבלען, וואָס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן דורך דעם איצטיגן רעזשים, האָבן ערנסט באַדראָט די סטאַביליטעט פון דער מלוכה

אָדער אָנגעדרייטעט אויף דעם מעגלעכן צוזאַמענבראָך פון דער נייער אָרדענונג. די ביכער, וואָס מאָלן אַזאַ שווידערלעך בילד פון סאָוועט־רוסלאַנד, אַז די לייענער רופן אויס: „ווי קאָן דאָס לאַנג געדויערן?", דאַרפן געלייענט ווערן זייער פאָרזיכטיג און קריטיש.

ס'איז צום ביישפּיל, שוין אַוועק אַ סך צייט — לויט ווי צייט רעכנט זיך אין אַ לאַנד פון אַזאַ שנעלן וואוקס ווי רוסלאַנד — זינט מר. יודזשין לאַיאָנס האָט געוואוינט אין סאָוועט־רוסלאַנד און געשריבן זיין „אַסאַינמענט אין יוטאָפּיאַ". נישט ווידערהאָלנדיג די קריטיק מצד די, וואָס האָבן געקענט מר. לאַיאָנס'ן אין אַמעריקע אָדער אין רוסלאַנד, ווען זיין גענוג אָנצוגעבן זייט ביי זייט מיט זיין בריליאַנטענעם אָבער עמאָציאָנעלן זשורנאַליזם די דערפאַרונגען פון אַנדערע זשורנאַליסטן, וואָס זיינען בעסער פון אים צו־געפּאַסט פאַר זייער אַרבעט, אָדער נאָך וויכטיגער — צו דערמאָנען און פאַר־צייכענען די זאַכלעכע דערפאַרונג פון עקספּערטן אויף אַ סך געביטן, פון מענטשן, וואָס האָבן נישט בלויז געוואוינט אין רוסלאַנד, נאָר זיינען דאָרט געווען באַשעפטיגט מיט אַקטיווער אַרבעט.

אין פיר יאָר אַרום, נאָכדעם ווי לאַיאָנס האָט פאַרלאָזט מאָסקווע, האָב איך געלייענט די פאָלגנדיגע ווערטער פון מאָריס הינדוס, וואָס איז אַליין געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין רוסלאַנד און האָט זיך אַ לאַנגע צייט באַצויגן קריטיש צום סאָוועטישן רעזשים — ווערטער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אַ חדשים זעקס נאָך איינער פון די פינצטערע וואונטש־נביאות פון דער לאָנדאָנער „טאַימז": „די קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד איז אַ באַשטימטער דערפאָלג, און דאָס לאַנד וועט קיינמאָל מער נישט ליידן קיין הונגער און נישט פאַרלירן קיין מלחמה דורך הונגער."

בכלל אָבער בין איך אַ סך וויניגער באַאיינפלוסט געוואָרן דורך גלענצנ־דיגע זשורנאַליסטן, אויף איין זייט אָדער אַ צווייטער, ווי דורך ממשות'דיגע פאַקטן, דורך די זאַכן, וואָס כ'האָב געזען אין רוסלאַנד מיט מיינע אייגענע אויגן און דורך די אָביעקטיווע פאָרשונגען און שריפטן פון עקספּערטע אינזשענערן, וויסנשאַפטלעכע סטודענטן אָדער לערער, וועמען כ'האָב גע־טראָפן אין דער היים אָדער אין רוסלאַנד גופא, וועמען איך קען פּערזענלעך און אויף וועמענס וואָרט און אורטייל איך קאָן זיך פאַרלאָזן.

כ'האָב, צום ביישפּיל, זיך באַקענט מיט אַן ענגלישן אינזשענער־עקספּערט, וואָס האָט געהאַט געאַרבעט ווי הויפּט־אינזשענער אין דעם עלעק־טרישן דעפּאַרטמענט פון דער מעטראָ־וויקערס פאַבריק אין שעפילד און איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד אין דעם זעלביגן יאָר, ווען מר. לאַיאָנס האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד, און איז דאָרט פאַרבליבן ביז 1937 ווי אַן אינזשענער־קאָנסולטאַנט אין מאָסקווער „דינאַמאָ"־זאַוואָד — אַ טיפּישע סאָוועטישע פאַבריק, וואָס באַשעפטיגט אַכט טויזנט אַרבעטער און פאַבריצירט אויס־שטאַטונג פאַר עלעקטרישע אייזנבאַנען, אָמניבוסן און טראַמוואַיען. חוץ

דעם, וואָס ער האָט מיר דערציילט פּערזענלעך, האָט ער אָפּגעדרוקט זיינע אויספירן אין אַ לענגערער אַרבעט אין „מאַנטשעסטער גאַרדיען" פון דעם 19טן פעברואַר, 1938.

פּאָרשריט אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע איז אָפּהענגיג, ווי ער דערקלערט גאַנץ ריכטיג און ווי יעדער אינזשענער ווייסט, כמעט איינגאַנצן אָן דער אויסבילדונג פון אַ קוואַליפיצירטן און צופאַרלעסלעכן טעכנישן פּער־סאָנאַל. דאָס ווידער ווענדט זיך אָן דער פריערדיגער טרענירונג פון דער יוגנט, אָן דער שול־בילדונג פון די סאַמע ערשטע שטופן, אָן דעם כאַראַקטער פון דער גאַנצער געמיינדע און אָן דעם צוטרוי צו דער נייער אָרדענונג און דער ווילינקייט צו אַרבעטן מיטן גאַנצן האַרצן אין אַ פּלאַנירטער פּראָדוקציע פאַרן וואוילזיין פון דער געמיינדע.

דער דערפאָלג אויפן געביט פון אויסבילדן אַ קוואַליפיצירטן פּערסאָנאַל איז, לויט דער מיינונג פון אָט־דעם בריטישן עקספּערט, באַזונדערס גרויס. די צאָל, די קוואַליטעט, די טרענירונג פון רוסלאַנדס יונגע אינזשענערן און פּאַרוואַלטער גאַראַנטירן אַן אומגעהויער שנעלערן טעמפּאָ פון טעכנישן פּאָרשריט. די פאַראַנטוואָרטלעכע אינזשענערן אין „דינאַמאָ" זיינען אַלע יונג — פון צוואַנציג ביז דרייסיג יאָר — און האָבן געקראָגן זייער טרענירונג אין די נייע סאָוועטישע טעכנישע לערן־אַנשטאַלטן. אַזוינע אינזשענערן גראַדואירן איצט און שטראָמען אריין יערלעך אין דער אינדוסטריע אין די צענדליגער טויזנטער.

טעכנישע בילדונג אין סאָוועט־רוסלאַנד, זאָגט ער, איז הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט די בעסטע ענגלישע טעכנישע שולן. די מאַטעמאַטישע, סיסטעמאַטישע, טעאָרעטישע טרענירונג פון די סטודענטן איז אָבער אַזוי גוט אָדער בעסער ווי אין ענגלאַנד; און קוים טרעטן זיי אריין אין דער פאַבריק, באַהערשן די רוסישע סטודענטן זייער שנעל זייער אַרבעט: „ס'איז נאָר קיין ספק ניטאָ ווענן זייער ענטוזיאַזם, פיאיגקייט און צוגעפּאַסטקייט פאַר שווערער אַרבעט."

נו, גראָד בין איך געווען אין אַ לאַגע צו קאָנען אויספּרובירן דורך פּער־זענלעכע פּראָבן די ריכטיגקייט פון אָט־דער אָפּשאַצונג בנוגע דער סאָוועטי־שער „עפישענסי", ווייל איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אויסצופאָרשן אויפן אָרט די פּראָדוקציע פון יענער פאַבריק ביים באַטראַכטן מאַסקווע'ס טראַנס־פּאָרט־פּראָבלעמען און די מיטלען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן זיי צו לייזן.

מאָסקווע, דאַרפן מיר געדענקען, איז אין איין־און־צוואַנציג יאָר אויס־געוואַקסן פון אַן אַלטער שטאָט מיט אַ מיליאָן איינוואוינער, וואָס האָבן געוואוינט אין שמאָלע ענגע גאַסן, ביז צו אַ ריזיגער שטאָט מיט אַ באַ־פעלקערונג פון דריי מיט דריי־פערטל מיליאָן איינוואוינער. די אַלטע, לאַנג־זאַמע טראַמוואַיען האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט ספּראַווען מיט דעם טעגלעכן פאַרקער פון אָט־דער מענטשן־מאַסע. די שמאָלקייט פון די גאַסן

האָט געמאַכט אוממעגלעך דעם מאָטאָר־פּאַרקער אין די גערדראַנג־שעה'ן.

מאָסקווע האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער טראַנספּאָרט־פּראָבלעם אויף דריי אופנים. איבערלאָזנדיק דעם צענטער פון שטאָט פאַר מאָטאָר־פּאַרקער און טראַלי־באָסעס, האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט אונטער דער ערד און אויסגעבויט אין צעשטראַלטע ליניעס אַ סאַבוועי־סיסטעם, וואָס הייסט „מעטראָ", וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכן ניט צווישן די אונטערערדישע באַן־סיסטעמען אויף דער גאַנצער וועלט. זי האָט אויסגעבויט די דאָזיגע סיסטעם אין רעקאָרד צייט און אויף אַ כוואַליע פון מאַסן־ענטוזיאַזם: דאָקטוירים, סטודענטן, מוזיקער, לערער, מענער און פרויען פון אַלערליי באַשעפטיגונגען האָבן קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע אין זייער פריי־וויליגער אַרבעט צו פאַרענדיגן די סאַבוועי־בויאונג וואָס שנעלער.

אין פּרט פון שיינקייט, באַליכטונג, אַלגעמיינער באַקוועמלעכקייט און פּינקטלעכער אַרבעט האָט אָט־די אונטערערדישע אייזנבאַן צו זיך קיין גלייכן ניט. אירע סטאַנציעס, פּלאַטפאָרמען און עסקאַלאַטאָרס, פריי פון העסלעכע רעקלאַמעס, זיינען גראַם און באַדעקט מיט מאַרמאָר. אָבער אַ באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר די עלעקטרישע באַנען, וואָס זיינען גע־צייכנט און געבויט געוואָרן דורכאויס פון סאָוועטישע אינזשענערן. די דאָזיגע באַנען האָבן אין דעם ערשטן יאָר געפירט העכער הונדערט מיליאָן פּאַסאַזשירן אָן שום ערנסטן דעפעקט אָדער פּאַטאַלן אומגליק־פאַל, און אין די ווייטערדיגע יאָרן האָבן זיי ווידער דעמאָנסטרירט זייערע ממשות'דיגע דערגרייכונגען.

די עלעקטרישע אויסשטאַטונג פאַר דער דאָזיגער אונטערערדישער אייזנ־באַן איז געקומען פון דעם „דינאַמאָ"־זאַוואָד, וואו מיין פריינט האָט גע־אַרבעט, און האָט פולשטענדיג באַשטעטיגט זיין אָפּשאַצונג בנוגע די פיאיג־קייטן פון די יונגע רוסישע אינזשענערן.

נאָך בעסער, ווי אַ באַווייז פון רוסלאַנד'ס נייער „עפישענסי" זיינען די שנעלע טראַמוואַיען, וואָס פירן פּאַסאַזשירן אויף די אויסער־שטאָטישע און קרייז־ליניעס, איבערלאָזנדיג דעם צענטער פון שטאָט פאַר מאָטאָר־ און טראַלי־אָמניבוסן.

די דאָזיגע טראַמוואַיען זיינען פּראַכטפולע וואַגאָנען — „סטרימלאַינד", בלוי־געפאַרבט, מיט פיין־באַשלאָגענע זיץ־פּלעצער, גוט באַלויכטן, באַהייצט פון אינעווייניק און אויסגעשטאַט מיט אויטאָמאַטישע טירן. זייער 500 פערד־קראַפט, אין פאַרגלייך מיט די 200 פערד־קראַפט פון די ענגלישע צוויי־גאָרנדיגע טראַמוואַיען, גיט די מעגלעכקייט פאַר פּראַכטפולער פאַרשנעלערונג. די סיסטעם פון „רעגענעראַטיווע טאָרמאָזן" גיט צוריק די עלעקטרישע ענערגיע צו דער קראַפט־סטאַנציע. קיין עלעקטריק ווערט נישט פאַרלאָרן, ווען דער טראַמוואַי ווערט אָפּגעשטעלט.

מאָסקווער עלעקטרישע טראַמוואַיען זיינען אַ באַווייז, אַז די סאָוועטישע

אינזשענערן באַהערשן פולשטענדיג די מאָדערנע טעכנישע מעגלעכקייטן און דערפינדערישקייט.

* * *

איך פיל זיך, הייסט עס, מער היימיש אין דער געזעלשאַפט פון אַזוינע עקספּערטן ווי דער אינזשענער, וועגן וועלכן כ׳האָב נאָר וואָס גערעדט, איידער אין דער געזעלשאַפט פון אומוויסנשאַפטלעכע זשורנאַליסטן, ווי מר. לאַיאָנס. דער צוגאַנג פון די צוויי מענטשן צו איינער און דער זעלבינער פּראָבלעם איז אַזוי אַנדערש! מיינע פּריינט צווישן אינזשענערן אָדער פּעדאַגאָגן וואָלטן, צום ביישפּיל, קיינמאָל נישט געשריבן אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן יודזשין לאַיאָנס, אַז ביים אַריינקומען קיין רוסלאַנד האָבן די רויטע שטערן „אַזוי ווי געגלים אויף די שפּיצינע מיצלעך פון די רויטע סאָלדאַטן מיט אַן אייגענעם אינערלעכן ליכט אין דער פּאַרנאַכטיגער טונקלקייט פון אונזער באַן־וואַגאָן. זיי האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספערע פון אינטימקייט און האָבן באַשטעטיגט, אויף דער מיסטעריעזער שפּראַך פון סימבאָלן, די רעוואָ־לוציע און אַלצדינג, וואָס זי האָט געמיינט פאַר אונז. נאָך דעם ווי איינער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן, אין וועלכן די פאַרשטייער פון מלוכה־מאַכט זיינען ממילא פאַרשטייער פון רעאַקציע און עקספּלואַטאַציע, איז די לעבעדיגע בלוט־און־פלייש געשטאַלט פון אַ קאָמוניסטישן סאָלדאַט אָדער קאָמוניסטישן פּאָליסמאַן פאַרגעקומען שיר ניט ווי אַ נס.״ דעם וויסנשאַפטלעכן אינטעלעקט זיינען פרעמד אַזוינע דערפאַרונגען. אויך קאָן ניט דער וויסנשאַפטלעכער עקספּערט אַבזיכטלעך, צוליב „פּאָליסי״, אָפּנאַרן דעם עולם. ס׳איז אפשר דערלויבט פאַר אַ זשורנאַליסט צו פאַרלוימדן די גלויבלעכקייט פון אַ קאָלעגע־זשורנאַליסט דורך פאַלש עדות־זאָגן. פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן טוער וואָלט אַזאַ ליגן געווען אָפּשטויסנדיג ביז גאָר, און ביי די וואָס זוכן דעם אמת וועגן רוסלאַנד, רופט דאָס באַלד אַרויס אומצוטרוי. אין דעם אינצידענט, וואָס ער גיט איבער אויף זייט 575 פון זיין בוך, דערציילט אונז מר. לאַיאָנס, אַז דעם ערשטן ראַיעלן באַריכט וועגן דעם הונגער אין רוסלאַנד האָט געגעבן דער וועלט אַן ענגלישער זשורנאַליסט, אַ געוויסער גאַרעט דזשאָנס, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ סעקרעטאַר ביי לאָיד דזשאָרדזש׳ן. „דזשאָנס האָט אין זיך געהאַט אַ שטריך פון געוויסנהאַפטיגקייט, וואָס האָט אים באַוועגט צו מאַכן אַ געהיימע רייזע אין אוקראַינע און אַ קורצן טור צו־פוס איבער די דאָרפישע געגנטן.״ דזשאָנס האָט געגעבן דער וועלט אַ באַריכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט פון מר. לאַיאָנס און אַנדערע זשורנאַליסטן און דיפּלאָמאַטן.

„. . . מיר האָבן אַלע געקראָגן אָנפראַגן וועגן דעם ענין פון אונזערע רעדאַקציעס אין דער היים. . . . צו דיסקרעדיטירן דזשאָנסעס באַריכט איז פאַר אונז געווען איינע פון די אומאַנגענעמסטע אויפגאַבן אין די אַלע יאָרן פון זשאָנגלירן מיט פאַקטן, כדי צופרידן צו שטעלן דיקטאַטאָרישע רעזשימען

— מיר האָבן אים אָבער איינשטימיג דיסקרעדיטירט און כמעט דורך די זעלביגע פֿאָרמולעס פֿון זיך דרייען אויפֿן קאָרעק. דער אָרעמער גאָרעט דזשאָונס האָט נעבעך געמוזט זיין שטאַרק איבעררױשט, ווען די פֿאַקטן, וואָס ער האָט צונויפֿגעזאַמלט מיט אַזוי פֿיל מי, צונויפֿגעזאַמלט פֿון אונזער מויל, זיינען פֿאַרשניים געוואָרן דורך אונזערע אַפּלייקענונגען.״ איז — ווי אַזוי קאָנען מיר זיין זיכער, אַז מר. לאַיאָנסעס גאַנצער בוך איז נישט אַזאַ מין זשאָנגלעריי מיט פֿאַקטן?

איך האָב געפֿונען בעסערע וועגווייזער אין מענטשן, וואָס זיינען אונטער קיינע אומשטענדן נישט פֿיאַיג אויף סענטימענטאַלע אויסברוכן אָדער באַוואוסטזיניגער אַפּנאַרעריי. מענטשן ווי פּראָפֿעסאָר ב. מאָט דזשאָונס, דער איצטיגער וויצע־דירעקטאָר פֿון לידז אוניווערזיטעט און צו יענער צייט דער הויפּט פֿון דעם טעכנאָלאָגישן קאָלעדזש פֿון מאַנטשעסטער, וועלכער האָט אין די ערשטע יאָרן פֿון דעם סאָוועטישן עקספּערימענט געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג און אַ באַריכט וועגן רוסלאַנדס טעכנאָלאָגישער בילדונג. אָדער אַ גאָר לעצטן ביישפּיל, אַ מענטשן ווי פּראָפֿעסאָר האַנסאָן, דער אַמעריקאַנער עקספּערט איבער פּרוכט־קולטיווירונג, מיט וועלכן איך בין אַרומגעפֿאָרן אין קאַווקאַז, אין קרים און אין אוקראַינע — מענטשן פֿאַר וועמען דער אמת איז הייליג און וואָס זייערע באַהויפּטונגען לאָזן זיך באַשטעטיגן דורך קאָנקרעטע באַווייזן.

בעת איך האָב, ווי אַ פֿאָרשער פֿון רוסישער ווירקלעכקייט אין דעם משך פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, געזען און געהערט זאַכן, וואָס האָבן מיך שאָקירט און צערודערט, האָב איך געהערט, געזען און אויסגעפֿונען זאַכן, וואָס האָבן מיך באַגייסטערט און דערמוטיגט. ווי דער קריסט אין באַניאַנס „פּילגרימס פּראָגרעס״, האָב איך אָפֿטמאָל געהאַט דעם נסיון צו זאָגן: „די דאָזיגע זאַכן ברענגען מיך אריין אין האָפֿענונג און אין שרעק.״ צום גליק ווערט, מיטן גאַנג פֿון יאָרן, די האָפֿענונג אַלץ גרעסער און די שרעק פֿאַרשווינדט.

איך דערוואַרט נישט קיין אוטאָפּיע אין רוסלאַנד. איך דערוואַרט אין ערגעץ נישט צו זען קיין אוטאָפּיע. פֿאַר מיר וואָלט אַן אוטאָפּישע וועלט געווען אַ טויטע און סטאַטישע וועלט. וואָס איך זע אָבער יאָ אויפֿגיין, איז אַ נייע שטופּע אין דער געשיכטע פֿון מענטשלעכן פֿאָרשריט, און דער דאָזיגער בוך איז אויסן צו באַשרייבן וואָס איך זע און צו דערקלערן פֿאַרוואָס איך באַגריס דאָס. און ווי אַ הילף פֿאַר דעם לייענער, וואָס קאָן שטענדיג בעסער אָפּשאַצן דעם באַטרעף פֿון אַ גינסטיגער מיינונג אָדער אַ קריטיק, ווען ער ווייסט ווער דער קריטיקער אָדער באַוואונדערער איז און וואָס פֿאַר אַ פּראָבלעמען דאָס לעבן האָט פֿאַר יענעם אָוועקגעשטעלט, וועל איך זיך נישט אַנטשולדיגן דערפֿאַר, וואָס איך הויב אָן, ווי כ׳האָב דערקלערט אין דעם פֿאָרוואָרט, מיט אַ קאַפּיטל פּערזענלעכער ביאָגראַפֿיע.

# אין אַ בורזשואַזער סביבה

איך בין געבוירן געוואָרן אין 1874 אין קערסאַל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מאָדישע פאָרשטאָט צוויי מייל פון דעם צענטער פון מאַנטשעסטער, וואו דער בישאָף און דער דין האָבן געהאַט זייערע רעזידענצן און פאַר־מעגלעכע מענטשן האָבן מיט זייערע קאַרעטן גרינג געקאָנט צוקומען צו זייערע וואַרע־הייזער און שטאָטישע אָפיסעס.

מיין פאַמיליע איז געווען פון דעם פאַרמעגלעכן מיטל־קלאַס. מיינע עלטער־עלטערן שטאַמען פון אונדל, וואו זייערע שיין־געשניצטע געאָרגישע מצבות שטייען נאָך אַלץ אנטקעגן די ווענט פון דער אַלטער געמיינדע־קירך. מיין מוטער האָט געשטאַמט פון הוגענאָטן, און געשיכטעס פון רעבעלן און מאַרטירער זיינען געווען אַ טייל פון איר טייער־געשאַצטן יחוס.

מיין מוטערס זיידע איז געווען אַ באַוואוסטער פּריידיגער פון לאַנקאַשיר, וואָס האָט אין דעם משך פון 53 יאָר אָנגעהאַלטן זיין וויקאַר־הויף אין אַסטלי אויף טשאַט מאָס, אַ פּראַכטפול אַלט הויז אין טודאָר־סטיל, וואו די אייניקלעך פלעגן זיך צונויפקומען קריסטמעס־צייט. אַ טעאָלאָג מיטן טיטול פון דאָקטאָר אָוו דיווינעטי און אַ היפּש געלערנטער מענטש, האָט ער חוץ אויפציען אַ פאַמיליע פון עלף קינדער און זיי באַזאָרגן מיט אַלערליי ערנהאַפטע און אפילו אָנגעזעענע פּאָזיציעס אויף אַן איינקונפט פון וואָסערע דריי הונדערט פונט אַ יאָר, אויך געלערנט און געפירט אויפן גלייכן וועג די אייניקלעך פון דאָרף, אַלע פון דעם אַרבעטער־קלאַס, מיט אַזוי פיל דערפאָלג, אַז אַ סך פון זיי זיינען באַרימט געוואָרן אויף פאַרשיידענע געביטן: איינער ווי דער גרינדער פון דער מאַנטשעסטער קאָמוירשעל עקסטשעינדזש באַנק, אַ צווייטער ווי פּאָרזיצער פון לאָנדאָנער סקול־באָארד און אַ דריטער ווי בישאָף פון קאַרלאַיל. אין דעם וויקאַר־הויף אין אַסטלי האָב איך אויסגעפונען, אַז דער בעסטער אָנהויב אין לעבן איז אין אַן איינפאַכער היים מיט קולטיווירטע געשמאַקן און אָן דער דענערווירנדיגער אַטמאָספערע פון געזיכערטע פינאַנצן. דאָס רוב מענטשן, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו פּאָזיציעס פון נוצלעכער באַרימטקייט אין ענגלאַנד פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר — אַזוי דערקלערט „ווער איז ווער” — האָבן געשטאַמט גראָד פון אַזעלכע וויקאַר־הויפן און מיטל־קלאַס היימען. נישט רייכקייט און נישט אָרעמקייט קריגן אַרויס דאָס בעסטע פון אַ אינגל אָדער אַ מיידל.

אין אַסטלי האָב איך אויך אויסגעפונען, אַז מאַרך, גייסטיגע פייאיגקייט, איז ניט קיין מאָנאָפּאָליע פון איין קלאַס. אַסטלי האָט באַוויזן די פאַלשקייט פון דער נאַציאָנאַלער כלומרשט וויסנשאַפטלעכער לערע פון העכערע און נידעריגערע קאַסטעס און האָט פאַר מיר מעגלעך געמאַכט אויסצוגעפינען יונגערהייט, אַז ענגלאַנד ליידט גרויסע פאַרלוסטן דורך פאַרנאַכלעסיגן טאַלאַנטן. ניט אַלע קינדער פון דאָרף האָבן געהאַט אַזוינע פייאיגע און

איבערגעגעבענע לערער, ווי די קינדער פון אסטלי אין יענעם האלב־יאָר־הונדערט, און אַפילו היינט צו טאָג האָבן נישט אַלע קינדער אין ענגלאַנד קיין מעגלעכקייט צו קריגן צום ווינציגסטן אַ גלייכע מאָס בילדונג און טרענירונג.

דאָס געשעפט, פון וועלכן מיין פאָטער איז געווען דער הויפּט, איז געווען איינע פון יענע וואוילע אינדוסטריעלע פירמעס פון אַ קלענערן פאַר־נעם, וואָס געפינט זיך שטענדיג אין די הענט פון אַן איינציגער פאַמיליע, מאַכן קיינמאָל נישט קיין צו גרויסע פאַרמעגנס, נאָר זיי בלייבן לעבן נאָכדעם ווי פּלוצים־אויפגעקומענע אונטערנעמונגען לויכטן אויף און ווערן אויס־געלאָשן און פאַרגעסן. די פירמע האָט געפייערט איר הונדערט־יאָריגן יובילעיי, ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, און מיין פאָטער האָט איינגעלאַדן דעם פּערסאָנאַל און די אַרבעטער צו אַ באַנקעט לכבוד דעם הונדערט־יאָריגן יובילעיי.

אינגלווייז האָב איך פאַרבראַכט אַ סך שעה׳ן אין דער פאַבריק, וואָס מיר פלעגן דעמאָלט רופן „וואָירקס" (זאוואָד). באַזונדער האָב איך ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין דעם ענדזשין־צימער מיט דזשימען, דעם קליינוואוקסיגן טאָקער, וואָס האָט באַוויזן וואונדער אויף זיין מאַשין, וואָס וואָלט איצט געווען אַ מוזיי־שטיק, און האָט אונז קינדער געהאָלפן באַרייכערן אונזערע אוצר־קעסטלעך מיט שפּולקעס און קלעצלעך און שטיקלעך דראָט־געוואַנט, וואָס פלעגט דעמאָלט געמאַכט ווערן אויף האַנט־וועבשטולן; אויף ביידע זייטן וועב־שטול האָבן אַרבעטער אַריינגעטאָן די שופלען און אינגלעך אויף אַ געהעכערטער פּלאַטפאָרם אין צענטער האָבן אַרויפגעצויגן די שטאַנגען, וואָס האָבן געבראַכט די פעדים אין דער געהעריגער פּאָזיציע.

אין יענע טעג האָט געהערשט אַן אינטימקייט צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים, און די פאַבריק איז געווען דורכגענומען מיט אַן אַטמאָספערע פון היימישקייט. די עלטערע אַרבעטער, וואָס זיינען פון אינגלווייז־אָן געווען באַשעפטיגט אין דער פירמע, פלעגן זאָגן צו מיר, ווען איך האָב געהאַלטן אין וואַקסן: „מיסטער היולעט, איר וועט זיין אַ העכערער מאַן ווי מיסטער טשאַרלס, אייער פאָטער; און ער איז געווען העכער פון אייער זיידן, דעם אַלטן באַלעבאָס." איינמאָל, ווען מ׳האָט אַן אַלטן געטרייען אַרבעטער אָנ־געבאָטן אַ פּענסיע, אַז ער זאָל קאָנען אויסלעבן זיינע יאָרן אָן מי, איז ער געקומען אין אָפיס אַריין און זיך געבעטן: „פּליז, טוט דאָס ניט: דאָס האַרץ וועט מיר צעבראָכן ווערן, ווען איך וועל פאַרלאָזן מיין אַלטן פּלאַץ."

שפּעטער, אין מאָדערנע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, האָט מיין דערפאַרונג מיט אַ מער האַרבער און ווייניגער מענטשלעכער אַטמאָספערע פאַרשנעלערט אין מיר, ווי אין אַ סך אַנדערע, דאָס זוכן פון אַ מאָראַלישער גלייכווערט, וואָס זאָל פאַרבייטן דאָס פאַרשוואונדענע.

אין דער מאָס ווי מיר זיינען אויסגעוואַקסן, אַ פאַמיליע פון ניין קינדער,

האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן — ווי דאָס רוב פּאַרמעגלעכע מענטשן פון יענער צייט — פון קלענערע דירות אין גרעסערע, פון די רויכיגע צפון־פּאַרשטעט אין די זוניגע דרום־פּאַרשטעט, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אויס־געשפּרייט איבער די גראָזיגע שטרעקעס און אויף טשעשיר זייט. אַרום אונז האָט געזשומעט אַ פּאַרמעגלעכע, זיך־אויסשפּרייטנדיגע וועלט. אינגלווייז פלעג איך זיך אַרויסלאָזן אויף מיין קליינעם וועלאָסיפּעד, וואָס זיין גרויסע ראָד איז געווען בלויז זעקס און דרייסיג אינטשעס די הויך, איבער די גאַסן פון דער פּאַרשטאָט מיט די נייע הייזער און די צעוואָרפענע גערטנער; דער געקלאַנג פון אַ קעלניע אָן אַ ציגל רופט נאָך אַלץ אַרויס ביי מיר אַ פריידיגן ציטער, ווי איינער פון מיינע ערשטע איינדרוקן. מיר האָבן געלעבט אין אַ וועלט פון שעפערישער טעטיגקייט, צווישן אַ קלאַס אינגלעך, וואָס זייער צוקונפט איז — מיט דער געהעריגער ווילינגקייט און פלייסיגקייט — געווען אַנציענדיג און געזיכערט. אינדוסטריעלע אונטערנעמונג און אויס־שפּרייטונג זיינען געווען אויף דער העכסטער שטופע.

מיטן לויף פון יאָרן האָבן מיר זיך אַוועקגעצויגן אַלץ ווייטער פון דער אינדוסטריעלער געגנט פון שטאָט און האָבן זיך ענדלעך באַזעצט אין אַן איינענעם הויף, „די גרענדזש", אין צענטער פון טשעשיר, פינף־און־צוואַנציג מייל פון שטאָט. מיר האָבן אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב געטאָן דאָס זעלביגע וואָס אונזער אָנקל האָט געטאָן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב: ווי דער פּאַר־זיצער פון די „מייסטער־מיינער פון ענגלאַנד" האָט ער זיך אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיג הויז, אַ מענשאָן, אין האַרץ פון וואָירקשיר. די אַרבעטער און די אַרבעטגעבער האָבן זיך אָנגעהויבן זען אַלץ ווייניגער. אונזערע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואוינט אין זייערע שטיבעלעך אויף די פּאַראומערטע גאַסן, איז עס אָנגעקומען שווערער צו זען זיך מיט אונז אין „די גרענדזש" ווי פריער, ווען מיר האָבן געוואוינט אין אַ הויז מיט אַ נומער אויף דער טיר. אָט־די באַאומרואיגנדיגע געדאַנקען זיינען געוואַקסן אין דער מאָס ווי ס'האָט זיך ביי מיר שפּעטער אַנטוויקלט די קריסטלעכע סענסיטיוויטעט צו אַזעלכע זאַכן. בכלל אָבער איז דאָס לעבן געפלאָסן גלאַט און מענטשן האָבן אָנ־גענומען די באַקאַנטע אונטערשיידן צווישן קלאַסן און די אומגלייכקייט פון פּאַרמעגן און געלעגנהייט ווי אַ טייל פון דער גאָט־געשאַפענער אָרדענונג, וואָס קאָן אפשר געלינדערט ווערן, אָבער נישט געענדערט ווערן ראַדיקאַל.

אין אַ סך הינזיכטן איז דאָס געווען אַ געזונט לעבן. מיין מוטער, וואָס האָט ליב געהאַט לערעריי, האָט געלערנט מיט די ניין קינדער ביז די יאָרן, ווען זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ פּריוואַטער שול. זי פלעגט אויך פירן די באַלעבאַטישקייט פון הויז און האָט געשפּילט אַ פירנדיגע ראָל אין געזעל־שאַפטלעכע און רעליגיעזע טעטיגקייטן. ניט נאָר האָט זי פּאַרמאָגט קול־טיווירטע געשמאַקן, נאָר זי איז אויך געווען אַטלעטיש און געוואַגט נאָך איידער עס זיינען געקומען די טעג פון פרויען־ספּאָרטלעריי. מיט מיינע

שוועסטער איז זי אין צוויי טעג ארומגעגאנגען א סקאָטישן אינזל, א מהלך פון זעכציק מייל, און האָט אין מיר מיט מיין ברודער צעצונדן דעם באַשלוס דורכצומאַכן די זעלבינע שטרעקע אין איין טאָג. זי האָט זיך יעדן טאָג, אין יעדן וועטער, געבאָדן אין ים, און ווען זי האָט אויף דער עלטער געד וואוינט ביים ים, פלעגט זי זיך באָדן יעדן טאָג ביז שפּעט אין האַרבסט און ביז איר אכציגסטן יאָר. זי האָט זיך נישט גערעכנט מיט די אָנגענומענע מאָדעס און קאָנווענצן נישט אין קליידונג און נישט אין הונדערט אַנדערע זאַכן און האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין קאָרסעטן און קיין שיך מיט הויכע קנאַפּל.

אַזוי ווי איך האָב אַ סך צו פאַרדאַנקען מיין אויסערגעוויינטלעך־גליק־לעכער היים און דער קלוגסטער פון אַלע מאַמעס, קאָן איך זיך נישט פאָר־שטעלן קיין געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל אין דעם העכערן זין קאָנען זיין געזונט, אויב זי באַזאָרגט נישט פאַר אַלעמען אָט־די זאַכן ווי דעם פונדאַמענט פון איר לעבן — אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אָן קולטיווירטע היימען און אָן פעיִקע, אינטעליגענטע און געזעלשאַפטלעך־באַוואוסטזיניקע פרויען, וואָס אין דער היים האָבן זיי פולשטענדיקע גלייכהייט מיט די מענער. ווייל פון מיין מוטער האָב איך געלערנט, אַז אַן אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן איז בשום אופן נישט אין ווידערשפּרוך מיט דער שיינקייט און פשטות פון היים־לעבן. פונקט פאַרקערט. דאָס אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט באַפעסטיקט די היים מיט פעדים, וואָס האָבן איבערגעלעבט די קינדערשע יאָרן און זיינען פאַרבליבן אויך אין די יאָרן פון רייפקייט. די פרוי און די מוטער האָט אויסגעמיטן מקריב צו זיין די ברייטערע אינטערעסן צוליב דעם קינדער־צימער און דער קיך, און גראָד דערפאַר איז זי אויך דאָרט געווען ניט וויייניקער קאָמפּעטענט. ווען כ'האָב שפּעטער אָנגעהויבן אויס־פאָרשן דאָס מאָדערנע לעבן אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד, האָב איך דעריבער מיין ערשטע פראַגע געשטעלט וועגן דער היים און דער לאַגע פון דער פרוי.

אַן אָנגעזעענער שטריך פון מיין יוגנט, ווען איך וואַרף אַ בליק אויף צוריק צו מיינע אינגלשע יאָרן, מיט דעם רחבות'דיקן דאָרפס־לעבן און די לאַנגע זומער־וואַקאַציעס ביים ים אין וועילס אָדער שאָטלאַנד (סקאָטלאַנד), איז געווען אַ געפיל פון פרייהייט און אַ שפּירונג פון זיכערקייט. מ'האָט פון אונז קיינמאָל נישט געפאָדערט צו געווינען סקאָלערשיפּס אָדער באַלעסטיקט אונז מיט דאגות וועגן אונזערע צוקונפטיקע מיטלען צום לעבן. מיר זיינען געווען ווייניקער אָנגעשטרענגט ווי די קינדער פון היינט צו טאָג, כאָטש אונזערע לעבנס און געדאַנקען זיינען מסתמא געווען פונקט אַזוי אַקטיוו. אין אַזאַ היים ווי מיינער איז געווען גרינגער, איינפאַכער און נאַטירלעכער אויסצו־וואַקסן. און אַ סך געזינטער אויך, רעכן איך.

אין דער פריער עלטער פון זיבעצן יאָר בין איך אַריינגעטראָטן אין

דעם וויקטאָריאַ אוניווערזיטעט פֿון מאַנטשעסטער צו שטודירן וויסנשאַפֿט און אינזשענירונג, און נאָך דעם ווי איך האָב געקראָגן אַ דיפּלאָמאַ אויף וויסנשאַפֿט איידער איך בין אַלט געווען איין־און־צוואַנציק יאָר, בין איך שפּעטער מיט עטלעכע יאָר געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דעם אינסטיטוט פֿון ציווילע אינזשענערן. אַ וויכטיקער טייל פֿון אַט־דער טרענירונג איז געווען דאָס שטודירן געאָלאָגיע, און מיין לערער אין דעם דאָזיקן געגנשטאַנד איז געווען פּראָפֿעסאָר באָיד דאָקינס, אַ פֿריינט פֿון ריטשאַרד גרין, דער היס־טאָריקער, און אַן אויטאָריטעט איבער דעם פּרימיטיוון מענטשן. דאָקינס, וואָס איך האָב געוואונען זיין פּרייז, איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער תּלמיד פֿון טשאַרלס דאַרווין און האָט אויף אַ מייסטערהאַפֿטן אופֿן אונז באַקענט מיט דער לערע פֿון עוואָלוציע, וואָס דערמיט האָט ער מיך אַריינגעשליידערט אין די טיפֿעניש פֿון רעליגיעזן אומעט. אונטער דער ווירקונג פֿון עוואָלוציע האָט דער פֿונדאַמענטאַליסטישער גלויבן פֿון מיינע יונגע יאָרן געפּלאַצט. מיט דער צייט בין איך באַרויבט געוואָרן פֿון מיין גלויבן אין גאָט און אין דער אומשטערבלעכקייט פֿון מענטשן.

ווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן און דורך וועגן און אומשטענדן, וואָס ס'איז אויסער דעם צוועק פֿון דעם דאָזיקן בוך זיי צו באַשרייבן, האָב איך צוריקגעקראָגן געוויסע עלעמענטן פֿון רעליגיעזן גלויבן, איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט נישט אַזוי פֿון שטעלן די אַלטע פֿראַגן: „איז די ביבל אמת׳דיק?” אָדער „איז קריסטנטום אַן אמת?”, ווי פֿון שטעלן אַ ריי גאָר נייע פֿראַגן. צום ביישפּיל: צי קאָן מען דורך גלויבן אין אַ ציל, אין איינהייטן לעבנס־ווערטן און אין קריסטוסעס לעבן און כאַראַקטער ווי די געטרייסטע געשטאַלט פֿון ווירקלעכקייט קריגן די בעסטע דערקלערונג בנוגע די רעאַליסטישע פֿאַקטן פֿון דער וועלט, באַזונדער די פֿאַקטן פֿון גוטסקייט, חסד, גרויסמוט און העלדישע אָפּפֿערונג? און די אמונה, וואָס איז צוריקגעקומען, איז געווען אַנדערש ווי די, וואָס איז אַוועק — אַן אמונה אַ סך מער הומאַניסטיש, מער פֿאַרשנדיק בנוגע מענטשלעכער אויפֿפֿירונג, ווייניקער באַפֿרידיקט מיט קאָנווענציאָנעלע קריסטלעכע באַנאַליטעטן, ווייניקער אָפּגעשיידט פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. אויב דער קריסטלעכער קוק אויפֿן לעבן איז בכלל אַ ריכטיקער, האָב איך מיט זיך אַרגומענטירט, מוז ער פֿאָדערן מער ווי די אויבערפֿלעכלעכע רעליגיעזע באַציאונג פֿון דער געוויינטלעכער רעליגיעזער וועלט. מיר האָט זיך שוין מער נישט געוואָלט לעבן קיין גרינג באַקוועם לעבן. איך האָב געפֿילט, אַז איך מוז גיין אַהין, וואו דאָס לעבן איז שווער און געפֿערלעך. איך האָב געלייענט די לעבנס־געשיכטע פֿון פֿאָטער דעימעין און זיין אַרבעט צווישן די מצורעים. איך האָב געלייענט די ביאָגראַפֿיעס פֿון מיסיאָנערן, צווישן זיי די לעבנס־געשיכטע פֿון מאַקעי, דעם מיסיאָנער־אינזשענער אין צענטראַל־אַפֿריקע. זיין ביאָגראַפֿיע האָט באַשטימט מיין קורס. כ׳האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ מיסיאָנערישער אינזשענער.

# אין דער לערע ביים לעבן

נאָך אַ־דעם באַשלוס בין איך אָנגעקומען אויף לערע אין אַן אינזשענירונג־פּאַבריק אין מאַנטשעסטער, וואָס דאָס האָט מיך געבראַכט פּנים צו פּנים מיט אַ נייעם אַרויסרוף, וועלכער איז אין זיינע רעליגיעזע און פּראַקטישע רעזולטאַטן געווען נישט ווייניגער לעבנס־וויכטיג, ווי דער פריערדיגער אַרויסרוף פון עוואָלוציע. צוויי פאַרברענטע יונגע סאָציאַליסטן האָבן געאַרבעט אויף טאָקער־מאַשינען לעבן מיינער און זיי האָבן אָנגעהויבן די אידעאָלאָגישע אַטאַקע. איך האָב זי באַגעגנט מיט דער זעלבסט־זיכערקייט פון אַ יונגן מאַן נאָר וואָס פון אוניווערזיטעט אַרויס, וואָס אַרגומענטירט מיט אַרבעטער. דער פאַקט, וואָס פיזיש האָב איך זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיט יעדן פון זיי, האָט מיר זיכער נישט צוגעגעבן קיין עניוות. מיין פאַמיליע־טראַדיציע איז געווען קאָנסערוואַטיוו אַזוי גוט ווי פונדאַמענטאַליסטיש, כאָטש אונזער פאָרם פון עוואַנגעליסטישן גלויבן האָט געפאָדערט, אַז מיר זאָלן געבן צדקה מיט אַ ברייטער האַנט, זיין גרייט צו ברענגען פערזענלעכע קרבנות און אויספאָלגן „גאָט'ס רוף" פאַר יעדן פרייז. ס'האָט פון אונז געמאָנט אַ האַלב־קוועיקערישע פּוריטאַנישע שטרענגקייט פון פערזענלעכן לעבן.

מיינע יונגע געגנער האָבן געהאַט אויף זייער זייט אַן אַרויסהעלפער, וואָס זיי האָבן אים גאָר נישט געקענט: די ווידערשפּרוכן פון דעם קריסטנטום, וואָס האָבן צו יענער צייט נישט געגעבן קיין רו מיינע אינערלעכע געדאַנקען. דאָס לעבן פון אַ „קריסטלעכן" אינדוסטריעלן אַרבעט־געבער איז כסדר אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך אַן אינערלעכן קאָנפליקט. ס'איז געווען אַ דאָפּלט לעבן. די זונטאָג־אַטמאָספערע איז געווען איין זאַך; די אַטמאָספערע פון מאָנטאָג איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. „ביזנעס איז ביזנעס" איז געווען אַ לאָזונג מיט אַ געפערלעכן מיין, און איך האָב נישט געקאָנט האַרמאָניזירן ביזנעס מיט קריסטנטום. דער ווידערשפּרוך איז געוואַקסן, און וואָס מער עס זיינען געשטיגן מיינע אינערלעכע ספקות, אַלץ היציגער איז געוואָרן מיין געגנערשאַפט צו די סאָציאַליסטישע יונגען ביים וואַרשטאַט.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך ערשט באַנומען ווי גרינדלעך די נייע אידייען האָבן אונטערגעגראָבן די אַלטע זעלבסט־צופרידנהייט מיינע. ביסלעכווייז האָב איך אין דעם משך פון די זעקס יאָר, וואָס כ'האָב פאַרבראַכט אין דער פאַבריק ווי אַ לערן־יונג, אַ געהילף־פאַרוואַלטער און אויף מער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט אין די רייען פון דעם קלאַס אַרבעטגעבער — ווייל איך בין געבליבן ביי אינזשענירונג לענגער ווי איך האָב געהאַט געפּלאַנט פון אָנהויב און בין צום סוף אַריין אויף אַ קורצער צייט אין מיין פאָטער'ס פירמע — ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז דער קאָנקורירנדיגער, פּראָפיט־מאַכערישער און אַלץ מער אומדערבאַרעמדיגער אינדוס־

טריאַליזם, אין וועלכן איך בין איצט געווען פאַרשלונגען, שטייט אין קריג סיי מיט וויסנשאַפטלעכער דערפאַרונג און סיי מיט קריסטלעכער מאָראַל. דאָס זויער־טייג פון סאָציאַליזם האָט געטאָן זיין אַרבעט.

אין די לעצטע יאָרן פון מיינע שטודיען אין מאַנטשעסטער אוניווערזי־טעט און דורך דער גאַנצער צייט פון מיין לערע אויף דער פאַבריק איז דער פינאַנציעלער הימל פון מיין פאַמיליע געווען פאַרוואָלקנט. די געשעפטן פון דער פאַמיליע האָבן געהאַט פאַרלוסטן און מ'האָט דאָס געפילט אין דער היים. מיר האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אין דעם גרויסן הויז, אויסערלעך איז אַלץ געבליבן ווי געווען, אָבער אינעווייניק איז געווען אַנגסט און באַזאָרגטקייט. ווען מיין לוין האָט דערגרייכט צו דרייצן שילינג אַ וואָך, האָב איך באַשלאָסן, נעגן דעם וואונטש פון מיינע עלטערן, צו לעבן אויף מיינע אייגענע פאַר־דינסטן; אַ צימער מיט וואונט־מאַלצייטן האָט געקאָסט זעקס שילינג, אַנדערע מאָלצייטן אין אַ ביליגן קאַך־הויז נאָך זעקס שילינג. טראַמוואַיען, צייטונגען אָדער סיגאַרעטס האָב איך אויסגעמיטן. איך האָב געוואַשן מיינע אייגענע אַרבעט־קליידער, פאַרלאָזט מיין צימער האַלב נאָך פינף אינדערפרי און צוריקגעקומען זעקס אין אָוונט. סוף־וואָכן בין איך געגאַנגען צופוס אַהיים אין דאָרף אַריין און האָב פאַרשפּאָרט באַן־געלט. פינאַנציעלע דאגות זיינען פאַר מיר געווען אַ נייע דערפאַרונג, און איך האָב דאָס געפילט נישט אַזוי וועגן זיך, ווי וועגן דער אַנגסט, וואָס דאָס האָט געבראַכט מיין מוטער. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ באַהאַלטענע ברכה, ווייל אָרעמקייט מוז מען איבערלעבן, כדי דאָס צו פאַרשטיין, און די אָרעמקייט, וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט, איז געוואָרן אַן אַרויסהעלפער פון דער קריסטלעכער מאָראַל, וואָס האָט פון מיר געמאָנט אַלץ מער און מער.

מיינע אַרבעט־חברים אין פאַבריק זיינען געווען מענער מיט פאַמיליעס און זיי האָבן זיך געמאַטערט צו לעבן אויף זיבעצן שילינג אַ וואָך. זייער אָרעמקייט איז געווען אַן אַ שיעור ערגער ווי מיינע. און אַזוי ווי מיין קריסט־לעכער גלויבן אין דער פּאָטערשאַפט פון גאָט איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיג אָן דעם דערגאַנצנדיגן אמת וועגן דער ברודערשאַפט פון מענטשן, און גע־פאָדערט אַ פּראַקטישן אויסדרוק, האָב איך זיך געפרעגט: וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך, אָדער וועלכער ס'איז קריסט, צו לעבן אין קאָמפאָרט, ווי כ'האָב געלעבט כמעט מיין גאַנצן לעבן און ווי מענטשן פון מיין קלאַס האָבן שטענדיג געלעבט, בעת אַנדערע לעבן כסדר אין דחקות? אמת — האָב איך מיט זיך געפּרואווט איינ'מענה'ן — זיי זיינען נישט אַזוי קאָמפּעטענט ווי די מענטשן פון מיין קלאַס און דעריבער פאַרדינען זיי ווייניגער. זיי זיינען אָבער ווייניגער קאָמפּעטענט דערפאַר, וואָס פון סאַמע אָנהויב האָבן זיי נישט געהאַט קיין געהעריגע שפּייז, קיין אָפּרו, בילדונג און קיין טויזנטער אַנדערע נויטיגע זאַכן. מיינע פאַלשע לאָגישע אַרגומענטן האָבן מיר נישט געהאָלפן. ס'איז אין מיר אַלץ מער געוואַקסן אַ שפּירונג פון שווערער אומ־

רעכט. ס׳איז איינס פון די ביידע: אָדער יענע מענטשן האָבן געדאַרפט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווערן ווי מענטשלעכע פּערזענלעכקייטן און באַהאַנדלט ווערן מיט גלייכן רעספּעקט, אָדער ניט. מיין קריסטלעכע אמונה האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זיינען מענטשן גלייך מיט אַלעמען. אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר דאָס אָבער געלייקנט. אויב זיי זיינען יאָ גלייך מיט אונז, וואָלטן מיר זיי באַדאַרפט באַהאַנדלען ווי ברידער.

איך האָב געוואוסט דעם פּראַקטישן טייטש פון ברידערלעכקייט. איך האָב געהאַט פינף ברידער. אין שאָטלאַנד האָבן מיר געהאַט אַ פישער־שיפל, וואָס איז געווען גוט צוגעפּאַסט פאַר ים־רייזעס. אַזוי ווי מיר זיינען געווען, ווי די שאָטלענדישע פישערלייט האָבן וועגן אונז געזאָגט, „גוט באַקאַנט מיט די זעגלען", האָבן די זעקס ברידער אַליין באַטריבן די שיף טאָג און נאַכט און אין אַלע וועטערן אין די וואַסערן אַרום די מערב׳דיגע הויכלענדער. יעדער איינער האָט געהאַט זיין באַשטימטע אויפגאַבע. דער עלטסטער ברודער איז געווען דער קאַפּיטאַן. דער אינגסטער האָט גענומען פאַרשיידענע אַרבעטן און געוואַשן דאָס געשיר. דער עלטסטער האָט, אין פאַרבינדונג מיט זיין פּאָסטן, געהאַט ספּעציעלע באַדערפענישן: פּלאַץ אויף אויסצושפּרייטן זיינע ים־קאַרטעס און צייט צו שטודירן זיי. אָבער ביים עס־טיש איז דער קאַפּיטאַן געזעסן מיט דעם געשיר־וואַשער, און אויב ס׳האָט אויסגעפעלט עסן, האָט דערפון געליטן דער קאַפּיטאַן און ניט דער אינגסטער פון דער מאַנשאַפט. פאַרוואָס? ווייל דער אינגסטער און שוואַכסטער איז געווען זיין ברודער.

איך האָב געטראַכט וועגן די אַרבעטער אויף דער פאַבריק. אַט־די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אויף זיבעצן שילינג אַ וואָך, האָבן געהאַט אַ שווערע אויסקומעניש, ווען זיי האָבן געאַרבעט, און זיינען געבליבן אָן מיטלען צום לעבן ווען זיי האָבן נישט געאַרבעט — אַט־די מענטשן דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי מיינע ברידער, אויב איך זאָל נעמען ערנסט מיין קריסטלעך גלויבן. פאַרוואָס זיינען זיי שוואַך און באַגרענעצט אין זייערע פעיאיגקייטן? מיין אינגערער ברודער אויף אונזער שיף איז דאָך אויך אַזאַ. זייער אַרבעט איז פון אַ נידעריגן גראַד? אַזאַ איז אויך זיין אַרבעט אויף דער שיף. שוואַכקייט ליגט דעריבער אַרויף אַ גרעסערן, ניט קיין קלענערן חוב אויף אַ קריסטלעכער געמיינדע, אויב די ברודערשאַפט־טעאָריע זאָל האָבן אַ האַפט. און דאָך האָבן אַט־די מענטשן — גאַרניט ווי מיין יונגער ברודער — געקראָגן צו זייערע מאָלצייטן בלויז די שיריים, און דאָס אויך קוים־קוים. דאָס האָט מיך געמאַכט אומרואיג.

די זונטאָגן האָבן נאָך שווערער געמאַכט מיין געמיט; אויך מיין לייענען די ביבל יעדן טאָג, ווייל איך בין אויפגעשטאַנען אַ פערטל צו פינף יעדן פרימאָרגן, כדי אַריינצוכאַפּן אַ האַלבע שעה שטודיע, איידער דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן.

צו יענער צייט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען פון דער נאָענט

סיי די דחקות און סיי די העלדישקייט פֿון אַ צאָל פֿון אָט־די אַרבעטער אין זייערע היימען. איך געדענק, צום ביישפּיל, אַ פּאָר פֿאַלס, צו וועמען איך בין געקומען אויף אַ באַזוך אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון מײַנעם אַ פֿרײַנט. דער מאַן איז געווען פּאַראַליזירט און צוגעשמידט צום בעט. איינמאָל אין אַן אָוונט האָב איך אים געטראָפֿן אַליין אין הויז. זײַן ווײַב איז נישט געווען אין דער היים. זי איז יענעם פֿרימאָרגן אויפֿגעשטאַנען פֿינף אַזייגער, ווי געוויינטלעך, האָט צוגעגרייט עסן פֿאַר די קינדער, זיי אויסגעציכטיגט אין סקול אַרײַן, צוגעזען איר מאַן און דערנאָך ערשט האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט, אַכט אַזייגער אינדערפֿרי, אין שטאָט אַרײַן צו מאַכן אַ לעבן פֿאַר דער פֿאַמיליע אין אַ הוט־געשעפֿט. ווען זי איז צוריקגעקומען 6 אַזייגער, האָט זי געדאַרפֿט געבן עסן דעם מאַן און קינדער, און איצט איז זי ווידער אַוועק. וואוהין? זי איז אַוועק צוזען אַ שכן, וואָס איז געלעגן קראַנק אויף אינפֿלוענציע. דאָס איז געווען פּרעכטיג!

אָט אַזוינע מענטשן, האָב איך מיט זיך אײַנגע׳טענה׳ט, טוען דאָס די שווערע טעמפּע אַרבעט. זיי קריגן דאָס די שיריים. אַנדערע ווערן רײַך. ס׳איז מיר פֿאָרגעקומען ווי אַ גראָבע פֿאַרשוועכונג פֿון יושר און גאָרנישט קריסטלעך. צו זײַן אַן אמת׳ער קריסט, דאַרף מען זיך טיילן מיט אָט־די אַרבעטער ווי מיט ברידער. גראָד זייער הילפֿלאָזיגקייט פֿאַרגרעסערט זייער רעכט דערצו.

ס׳איז אָבער נויטיג געווען מער ווי טיילן זיך. דאָס וואָלט אָנגערירט בלויז דעם ראַנד פֿון דער פּראָבלעם. גערעכטיגקייט, און נישט צדקה, איז די איינציגע רפֿואה. צדקה אַליין איז נישט גענוג — אַ געפֿערלעכע ריינוואַשונג פֿון געוויסן. די פּראָבלעם האָט שרײַענדיג געמאָנט אַ נײַעם און מער וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג. ס׳איז נויטיג געווען אַן איבערבוי פֿון דער גאַנצער אינדוסטריעלער סיסטעם. און אפֿשר איז סאָציאַליזם, נאָך אַלעמען, אַ מעגלעכע לייזונג?

אָט־די געדאַנקען זײַנען אין מיר רײַף געוואָרן גאַנץ לאַנגזאַם. אומשטענדן האָבן אָפּגעצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקייט. איך בין דערהויבן געוואָרן צו אַ פּאָזיציע פֿון גרעסערער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָב זיך דערוווּסט פֿון דער דירעקטער געמיינשאַפֿט מיט די אַרבעטער בײַם וואַרשטאַט. די פֿינאַנציעלע לאַגע אין דער היים האָט זיך אויסגעלייטערט, און איך בין אַרײַנגעטראָטן אין דעם געשעפֿט פֿון דער פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך איצט אַרויסגעלאָזט אויף נײַע קאָלאָניאַלע אונטערנעמונגען.

מײַנע סאָציאַלע ספֿקות האָבן אויך געפֿונען צײַטווײַליגע לינדערונג דורך די סוף־וואָכן, וואָס כ׳האָב פֿאַרבראַכט אין אַ קלוב פֿאַר יונגע אַרבעטער, אָנגעפֿירט פֿון אַרטור טעילאָר, אַ מערקווירדיגער יונגער סוחר פֿון מאַנטשעסטער. דאָס איז געווען געמיינדע־טעטיגקייט פֿון אַלטן שניט, אָבער די פֿיינסטע אַרבעט פֿון דעם מין, אָנגעפֿירט מיט הויכער קאָמפּעטענץ, אַן

שום איינגן־נוץ און מיט א שטוינענדיג־ברייטן פארנעם. שפעטער האב איך חתונה געהאט מיט ארטור טעילאר׳ס שוועסטער, א פרוי, וואס איז געווען אזוי קאמפעטענט און ציל־געווענדט ווי ער אליין און האט פארמאגט דעם זעלבינגן חן. דאס איז געווען דער אנהויב פון א סך יארן פון וואונדערלעך־גליקלעכן היים־לעבן.

די וויסנשאפטלעכע און אינזשענערישע ארבעט, אין וועלכער איך בין געווען באשעפטיגט, האט מיך שטארק צוגעצויגן, און נאך ביז איצט האבן די פראבלעמען פון פראדוקציע פאר מיר נישט אנגעוואוירן זייער צויבערלעכן רייץ. אבער די סאציאלע און רעליגיעזע אינסטינקטן און אינטערעסן האבן נישט געקאנט באפרידיגט ווערן דורך א קאריערע פון פראפעסיאנעלער איינזשענירונג, און אזוי ווי מיין ווייב האט מער ווי געטיילט מיינע געפילן, האבן מיר זיך אנגעבאטן אויף מיסיאנערישער ארבעט אין צענטראל־אפריקע, וואו אן אינזשענער׳ס דערפארונג האט געקאנט צונוץ קומען.

א מיסיאנערישע געזעלשאפט האט אונז אנגענומען, נאר געפאדערט, אז מיר זאלן דורכמאכן א קורס פון טעאלאגישן שטודיום. אזוי ווי כ׳האב געוואלט פון דעם בעסטן, און די פינאנציעלע לאגע פון דער פאמיליע האט דאס איצט דערלויבט, בין איך אוועק אויף פיר יאר אין אקספארד אוניווערזיטעט, וואו ליטערארישע און היסטארישע קריטיק און פילאזאפיע האבן דערגאנצט דאס, וואס די לערע פון עוואלוציע האט אנגעהויבן, און מיר נעגעבן א נייעם אויסגאנג פארן געדאנק. א גרינדלעכער אנאליז פון דער עוואלוציע פון רעליגיעזע און סאציאלע אידייען האט מיך אנגערעגט צו דערווארטן ענדערונגען און אין מיר אנגעצונדן א פרישן, אבער אין עצם אן אקאדעמישן און דילעטאנטישן אינטערעס צום סאציאליזם.

נאכדעם ווי כ׳האב געקראגן מיין דיפלאמא און בין איצט צוריקגעוויזן געווארן פון דער מיסיאנערישער געזעלשאפט ווי ניט־צוגעפאסט פאר זייערע באזונדערע טעאלאגישע באדערפענישן, האב איך געגרינדעט און בין געווארן דער רעדאקטאר פון „די אינטווירפרעטער” („דער אויסטייטשער”), א פערטל־יערלעכער טעאלאגישער זשורנאל, וואס איז געווען אויסגערעכנט צו ברענגען צו געבילדעטע מענטשן דאס, וואס כ׳האב געלערנט אין אוניווערזיטעט. און צולעצט האב איך, אן איבעריגן חשק, נאכגעגעבן דעם דרינגענדיגן פארלאנג פון בישאף דזשעין פון טשעסטער, בין געבענטשט געווארן פאר דער קירך און בין געווארן קוראט פון דעם פאריש (געמיינדע) פון סט. מארגארעט׳ס אין אלטרינטשעם, וואו איך בין געווען דריי יאר קוראט און זעכצן יאר אין דעם העכערן קירכלעכן אמט פון וויקאר און האב קיינמאל אויף קיין איין מאמענט נישט באדויערט די שריט, וואס האבן מיך דערפירט אהין. קיין זאך האט נישט געקאנט זיין אזוי גליקלעך אדער באלערנדיג, ווי יענע ניינצן יאר אויפן פאסטן פון א געמיינדע־גלח.

# געמיינדע־גלח

אלטרינטשעם איז א פארמעגלעכע פארשטאט אכט מייל דרום פון מאנ־טשעסטער, און אין דעם סט. מארגארעט'ס פאריש איז געווען צונויפגעזאמלט א פיינע געזעלשאפט פון די אנגעזעענסטע אינדוסטריעלע און פראפעסיאנעלע מאגנאטן אין לאנד. דארט האבן געוואוינט די הויפטן פון גרויסע קאר־פארעישאנס: דער הויפט פון דער פירמע „פיין ספינערס"; א הויפט פון דער גרעסטער בריטישער זיכערונגס־געזעלשאפט; דער הויפט פון דער גרויסער שטאל־פירמע, וואס האט געהאלפן לאיד דזשארדזש'ן אין דער צייט פון דער מלחמה; דער אינזשענער, וואס האט געבויט דעם מאנטשעסטער שיף־קאנאל; די הויפטן פון צוויי גרויסע צפון־באנקען, און צוויי יוריסטן, וואס זיינען שפעטער געווארן ריכטער פון דעם הויכן געריכט, און נאך אזעלכע. אויף איין עק פון דער פארשטאט איז געשטאנען אן אולטרא־מאדערנע אינדוסטריעלע קאמפאניע, וואס האט ווייט אויסגעשפרייט אירע גע־ביידעס און ארבעטער־היימען צווישן די אלטע טשעשיר־פארמס; און אויפן צווייטן עק האט אין א וואזשנעם הויף געוואוינט איינע פון ענגלאנד'ס עלטסטע אריסטאקראטישע פאמיליעס, די אוירלס פון סטאמפארד, וואס איינער פון זיי — א מענטש, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט פארשיידענע אויפטוען, מיט דער פשטות פון זיין לעבן און שיינקייט פון כאראקטער — האט מיך מיט דער צייט באשטימט פארן וויקאר פון סט. מארגארעט'ס.

אין דער פאבריק, ווען איך בין געווען אויף דער לערע, האב איך זיך געפונען ביים אריבערן עק פון דעם סאציאלן לייטער. דא בין איך געווען ביים צווייטן עק, וואס דאס האט דערגאנצט דעם פראצעס פון סאציאלער דערציאונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבן צווישן באלמעלאכעס און פראסטע ארבעטער. איך האב זיך דא געפונען צווישן מענטשן, וואס מיט דער צייט האב איך זיי ליב געקראגן, זיי רעספעקטירט, באוואונדערט און ביי זיי גע־לערנט. צום גליק זיינען זיי געווען גרויס נענוג אויף צו זיין צוגעלאזט און טאלעראנט צו א קוראט, וואס איז שוין געווען באפלעקט מיט א פנימה פון סאציאליזם. ווייל צו יענער צייט, אונטער יענע אומשטענדן, האט דער סאציאליזם ווידער אנגעהויבן שטעלן פאדערונגען צו מיין געוויסן און פאר־שטאנד. דורך שטודירן דעם ווויסנשאפטלעכן סאציאליזם זייט ביי זייט מיט קריסטלעכער טעאלאגיע בין איך געקומען צום אויספיר, וואס הער היטלער איז גענוג קלאר־זיניג צו זען, אז יודאאיזם און קריסטנטום שאפן א ברייטן שליאך צו סאציאליזם און קאמוניזם; פון זיין שטאנדפונקט דארפן זיי דעריבער אויסגעווארצלט ווערן, פון מיין שטאנדפונקט — באגריסט ווערן.

די קאפיטאליסטישע פריינט, צווישן וועלכע כ'האב איצט געלעבט, זיינען געווען היבש דערוויטערט פון דעם קלענערן קאפיטאליזם, אין וועלכן איך בין דערצויגן געווארן. די פראדוקטיווע קראפט פון דעם דאזיגן נייעם קאפי־

טאַליזם איז געווען אַ מאָס גרעסער פון דעם אַלטן, אָבער די אָנפירער פון דער נייער אָרדענונג האָבן געלעבט אין ווייניגער נאָענטער באַרירונג מיט זייערע אַרבעטער. אַרבעטגעבער און אַרבעטער האָבן געוואוינט אין ווייטע וועלטן, מיט כמעט אומפאַרמיידלעכע קאָנפליקטן פון זייערע פונדאַמענטאַלע אינטערעסן. דער אמת איז, אַז בײדע האָבן איצט געלעבט אַ פאַרשמעלערט לעבן.

אין 1914 איז געקומען די מלחמה, און כאָטש אין האַרצן זייַנען מיר דעמאָלט געווען ניינציג פּראָצענט פּאַציפיסטיש, האָב איך מיט מײַן פרוי זיך פריייוויליג אָנגעגעבן אין דער דינסט, זי ווי אַ באַרעמהערציגע שוועסטער, איך ווי אַ טשעפּלעין. מיינע אָנשויאונגען זייַנען אפשר געווען צו ברייט פאַרן טשעפּלעין־דזשענעראַל, דער הויפּט־גייסטלעכער פון דער אַרמיי. מ'האָט מיך קיינמאָל נישט גערופן דינען. מײַן ווייב אָבער, וועלכע האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַ קורס פאַר באַרעמהערציגע שוועסטער, ווי אַ טייל פון אירע צוגרייטונגען פאַר אַ מיסיאָנערישן לעבן, און איז דערצו געווען אַ קאָמ־פּעטענטע אָרגאַניזאַטאָרין, האָט שנעל געקראָגן אויפזיכט איבער דריי גרויסע שפּיטאָלן, וואו זי האָט געאַרבעט מיט אויסערגעוויינטלעכער איבערגעגעבנ־קייט און פייאיגקייט און וואו זי האָט איינגעזאַפּט די זאָמען פון דער קראַנקהייט, פון וועלכער זי איז שפּעטער געשטאָרבן, אַ מלחמה־קרבן אין אמת'ן זין. איר ברודער, אַרטור טעילאָר, איז אויך געשטאָרבן ווי אַ רעזול־טאַט פון דער מלחמה, אין וועלכער ער האָט געדינט ווי איינער פון שטאַב. צען יאָר נאָך זיין טויט האָט אַ קעניגלעכער פּרינץ, רעדנדיג אין מאַנטשעסטער אין פאַרבינדונג מיט אַרבעט צווישן אינגלענד, געזאָגט, אַז קיינער קאָן נישט רעדן וועגן אָט־דער טעטיגקייט אין שטאָט נישט דערמאָנענדיג דעם נאָמען פון אַזאַ מערקווירדיגן מענטשן ווי אַרטור טעילאָר. דאָס זעלביגע קאָן גע־זאָגט ווערן וועגן זיין שוועסטער מערי. סיי אין דעם אַלטרינטשעם־פּאַריש און סיי אין דעם דין־הויף אין מאַנטשעסטער האָט זי איבערגעלאָזט אַ צייכן, וואָס וועט אַזוי גיך נישט פאַרגעסן ווערן.

דורך דער מלחמה האָב איך שטודירט און געאַרבעט מיט מיסטער — און דערנאָך סער — דראָמאָנד פּרעזידער, פּאַרוואַלטער פון דער יוניאָן־באַנק פון מאַנטשעסטער, אַ לעקטאָר איבער באַנקירעריי אין דעם מאַנטשעסטער אוני־ווערזיטעט, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן וויצע־פּרעזיצער פון דעם באַנקירן־אינסטיטוט און פינאַנץ־אַדמיניסטראַטאָר אונטער דער פעלקער־ליג. ער איז געווען באַזונדער פאַראינטערעסירט אין עסטרייך, וואָס איר יסורים־געשיכטע האָב איך אים דערציילט צוריקקומענדיג פון אַ באַזוך באַלד נאָך דער מלחמה. צו אים בין איך פאַרפליכטעט פאַר מײַן אינטערעס און ניצ־לעכער פאַרשטענדעניש אין פראַגן פון באַנקירעריי און געלט. אויף זיין איינענעם פאַרלאַנג האָב איך פאַרטייטשט זיינע אידייען אויף גאָר אַן איינ־פאַכער שפּראַך פאַרן זשורנאַל „די עקאָנאָמיסט” און האָב געשריבן די

רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר לאָנדאָנער, אַמעריקאַנער און פאַריזער באַנקירן.

געוועזן איז דאָס צו יענער צייט און מיט אַט־די נייע אינטערעסן, ווען איך בין געקומען אונטערן איינפלוס פון מאַיאָר דאָגלאַס און דער סאָציאַלער קרעדיט באַוועגונג, באַנעמענדיג באַלד די וועזנטלעכע ריכטיגקייט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, פון זיין אַנאַליז און די שייכות, וואָס דאָס האָט געהאַט מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. אויב איך בין שפּעטער אַריבער צו אַנדערע לייזונגען, איז דאָס געווען צוליב מאָראַלישע און פּראַקטישע גיכער ווי צוליב טעכנישע מאָטיוון און דערפאַר וואָס ס׳האָט זיך אין דער צווישנצייט פאַנאַנדערגעעפנט פאַר מיר אַ ברייטערער האָריזאָנט. סאָציאַלע רעפאָרמערס וועלן שטענדיג שולדיג בלייבן אַ חוב צו דאָגלאַס׳ן.

סט. מאַרגאַרעט׳ס פּאַריש איז אָבער נישט באַשטאַנען דורכאויס פון אויסערגעוויינטלעך־רייכע מענטשן און האָט פאַר מיר געשאַפן אַ סך געלעגנהייטן אָנצוהאַלטן מיין פריינטשאַפט מיט אַרבעטער: זיי האָבן באַרייכערט מיין לעבן. אונזערע סאָציאַלע פאַרבינדונגען, באַזונדער מיט די קינדער פון די באַלמעלאָכעס, פאַרמעגלעכע, אָרעמע און די אָרעמסטע, האָבן געגרייכט ווייט אַריבער די גרענעצן פון פּאַריש.

דער זעלביגער געדאַנק איז געקומען ווען די אָרעמסטע פון אַט־די קינדער, ווי ווען די אַרבעטער אויף דער פאַבריק. אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי געווען גאָט׳ס קינדער און דעריבער — מיינע ברידער און שוועסטער; און זייער קינדהייט האָט זיך געניטיגט גראָד אין די זאַכן, וואָס האָבן געמאַכט מיינע אייגענע קינדער־יאָרן אַזוי ליכטיג און ניצלעך. דער סטאַנדאַרד פון אונזערע אייגענע קינדער־יאָרן, האָט מיין ווייב מיט מיר איינגעשטימט, דאַרף גילטן אויך פאַר זיי. און אַזוי ווי דעם ערשטן אָרט אין אונזערע קינדערשע פאַרגעניגנס און דערציאונג האָבן פאַרנומען די לאַנגע וואַקאַציעס אין די מחיה׳דיגע געגנטן ביים ברעג ים, האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן אַרויספירן די סקול־אינגלעך צום ים; נישט אויף איין פּיבערדיגן טאָג, נאָר אויף אַ סך טעג, און נישט צו די טומלדיגע פּלעצער פון דעם וואַקאַציע ערב־רב, נאָר צו די מער נאָבעלע שטילע פּלעצער אין וועילס. די צאָל קינדער פלעגט אַמאָל דערגריין ביז פיר הונדערט.

איינמאָל, ווען די אינגלעך זיינען צוריקגעקומען פון אַזאַ קעמפּ, האָט אַ גרופּע מיידלעך געפרעגט: „איז עס יושר׳דיג אַרויסצופירן די אינגלעך אַלעמאָל און די מיידלעך קיינמאָל נישט? די אינגלעך קריגן אַלץ, די מיידלעך גאָרנישט. די מיידלעך בלייבן אין דער היים, ווען די אינגלעך פאָרן אַוועק. פאַרוואָס נישט אַרויספירן די מיידלעך כאָטש איין מאָל?״ דאָס האָט געפירט צום ערשטן ענגלישן קעמפּ פאַר מיידלעך. מנהג האָט געזאָגט ניין; אָבער מיין ווייב האָט געזאָגט יאָ, און אַזוי איז עס געבליבן: עס זיינען מיט דער

צייט געגרינדעט געוואָרן אַ ריי קעמפּס פאַר מיידלעך אין אַבערדזשיל, לעינ־פּערפּעטשאַן, רהאָס, באַרמוט און האַרלעטש.

אַז די קינדער זיינען עלטער געוואָרן און אַרבעט האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון סקול, האָבן זיי אונז געבעטן, אַז מיר זאָלן זיי אַלץ נעמען צום ים. און אויף אונזער אויסזעצונג, אַז מיר קאָנען קוים באַווייזן צו שאַפן נאָך צוויי קעמפּס, איינעם פאַר דערוואַקסענע יונגען און אַ צווייטן פאַר דער־וואַקסענע מוידן, האָבן זיי געענטפערט גאַנץ שׂכל׳דיג: פאַרוואָס ניט איין קעמפּ פאַר ביידע? און ס׳איז צעשמעטערט געוואָרן נאָך אַ מנהג. מיר האָבן געשאַפן דעם ערשטן געמיינשאַפטלעכן קעמפּ פאַר עלטערע אינגלעך און מיידלעך — מיט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן. מיט יאָרן שפּעטער זיינען די עלטערע קינדער מיט אונז געפאָרן אין ווייטע מקומות — קיין פראַנקרייך, שווייץ און דייטשלאַנד.

אַזוי אַרום קאָן מען אין אַ פאַריש געפינען אַ סך מעגלעכקייטן און נאָך מער אָנרעגונג פאַר ניצלעכער טעטיגקייט. דאָס, וואָס איינער האָט אינגלוויז געלערנט אין דער היים, לאָזט זיך דאָ אָנווענדן אויף אַ ברייטערן פאַרנעם. איז, פאַרוואָס ניט אין אַ גאַנצן לאַנד אָדער אויף דער גאַנצער וועלט? זיכער פאָדערט דאָס די קריסטלעכע רעליגיע. און די וויסנשאַפט זאָגט, אַז דאָס איז מעגלעך.

געוויס האָט יעדער שריט אין אָט־דער ריכטונג זיך אָנגעשטויסן אויף געגנערשאַפט. „מענטשן וועלן ניט דורכקומען אַזוי גרינג איינע מיט די אַנדערע ווי אין אַ פאַמיליע", האָט מען מיר געזאָגט. און דערויף זיינען געווען דריי מעגלעכע ענטפערס: ערשטנס, צי קומען זיי שטענדיג דורך גרינג אין יעדער פאַמיליע? זיכער נישט אין אונזערער, און די העכסטע שטופּע פון פאַמיליע־גליק איז דאָך דערגרייכט געוואָרן בלויז דורך געדולד און דיסציפּלין. צווייטנס, האָבן די קעמפּס שוין באַוויזן די מעגלעכקייט פון דורכקומען צווישן זיך אויף אַ ברייטערן פאַרנעם ווי דער פאַמיליע־קרייז. די קינדער האָבן גרינג פאַרקערט צוזאַמען. די אָנפירער האָבן פאַרקערט צו־זאַמען, כאָטש זיי האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן. זיי האָבן געגעסן צוזאַמען, געאַרבעט צוזאַמען, און געשפּילט צוזאַמען; און אַלע זיינען געווען איינשטימיג, אַז דאָס קעמפּ־לעבן איז געווען דער הויך־פּונקט פון יאָר. דריטנס, דאָרט וואו ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז באמת אומ־מעגלעך צו לעבן געמיינשאַפטלעך — און עס זיינען געווען אַזוינע פאַלן — איז די שולד געלעגן אַ סך ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דער סביבה, וואו איין טייל פון גאָט׳ס קינדער איז דערצויגן געוואָרן מיט אַלע מעגלעכע לוקסוסן און בילדונגס־געלעגנהייטן, בעת די איבעריגע זיינען געבליבן נישט־דערנערט, שלעכט געהויזט און געטריבן אין זייערע צאַרטע יאָרן צו די אָפּ־טויטנדיגע מאָנאָטאָנע אַרבעטן פון מאָדערנער אינדוסטריע. איז דען אַ חידוש, וואָס די ליכטיגע מעגלעכקייטן פון קינדהייט זיינען אָפּגעריסן געוואָרן

ביים אויפשפּראָצן? איז דען אַ חידוש, וואָס דער רעזולטאַט איז געווען אַ פאַרקריפּלט ווען, מיט וועמען בלויז אַ מלאך האָט געקאָנט דורכקומען?

מיין פריערדיגע דערפאַרונג בנוגע דער טבע פון אונזער מאָדערנער אינ־דוסטריעלער סיסטעם איז איצט געוואָרן אויסגעברייטערט. אַרבעטנדיג סיי ווי אַן אָנגעשטעלטער און סיי ווי אַן אַרבעטגעבער, לעבנדיג אויף איין עק אין אַ סביבה פון שטענדיגער אָרעמקייט און אויפן צווייטן עק אין אַ סביבה פון שטופּעניש און ראַנגלערייי און רייכטום, האָב איך געזען — נישט געקוקט אויף דער פיינקייט פון כאַראַקטער, וואָס מ׳האָט געקאָנט געפינען אויף ביידע עקן — דעם מאָראַלישן חורבן, וואָס די סיסטעם האָט געשאַפן אויף ביידע זייטן.

די מאָדערנע אינדוסטריע האָט פאַנאַנדערגעטיילט די קלאַסן און זיי פאַרטריבן אַלץ ווייטער איינעם פון צווייטן. די גאָר רייכע האָבן געלעבט מיט זייער ווייניג דירעקטן פּערזענלעכן ווייסן וועגן די גאָר־אָרעמע. דאָס האָט מען געקאָנט אויסגעפינען אין די שמועסן נאָכן פאַראַדנעם מאָלצייט אין די רויך־צימערן. גרויסע געשעפטלעכע טראַנסאַקציעס זיינען דורכגעפירט גע־וואָרן אין די צענטראַלע אָפיסעם אין שטאָט אָדער אין די פּאַלאַץ־רייכע צימערן פון די דירעקטאָרן־באַארדס אין די פיינע און גוט־געפּלאַנטע פאַבריק.ן דאָס וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין די קליינע היימען, אין די אינדוסטריעלע קוואַרטאַלן ווי אַ רעזולטאַט פון די באַשלוסן און „עקאָנאָמיעס” אין די צימערן פון אַ דירעקטאָרן־באַארד, האָט זעלטן אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע, וואָס ברענגט אין באַוועגונג די מענטשלעכע עמאָציע און שטויסט צו אַקציע. רייכע לייט זיינען נישט האַרט אָדער געפיללאָז. די מערסטע פון זיי זיינען אין זייערע פּריוואַטע לעבנס גוטע, צוגעלאָזטע, גרויסמוטיגע מענטשן, וואָס האָבן אייגזעעניש מיט אַנדערע. פּנים צו פּנים מיט נויט האַנדלען זיי מיט ספּאָנטאַנער פרייגיביגקייט. אָבער דאָס געשעפט־לעבן באַוועגט זיך אין אַ וועלט, וואָס ווערט אַלץ מער אָפּגעזונדערט פון די רעזולטאַטן פון געשעפּ־לעכער אַקציע.

דזש. ב. פּריסטלי האָט אין אַן אויסדרוקפולער שטעל פון זיינע שריפטן בילדלעך אויסגעדריקט דאָס, וואָס כ׳האָב אויסגעפונען אין אַלטערנאַטשעם אָדער שפּעטער ווי דער דין פון מאַנטשעסטער און ווידער ווי דער דין פון קענטערבערי. „עס זיינען איצט דאָ”, זאָגט ער, „צופיל מעכאַניש־געזיניגטע מענטשן אויף דער וועלט, און מענטשן פון אָט־דעם טיפּ זיינען געגוויגט צו האָבן ווייניג פאַנטאַזיע. ווען איר זאָלט פאַרשלאָגן דעם דורכשניטלעכן יונגן לופט־פּליער, אַז ער זאָל אַרויס פון זיין עראָפּלאַן אין אַ פרעמדן לאַנד, זיך אַריינרייסן אין דעם נאָענטסטן קינדער־אַנשטאַלט און מיט אַ דובינקע צעשמעטערן די שאַרבנס פון אַלע קינדער, וואָלט ער דערצאָרנט געוואָרן פון אַזאַ פאָרשלאַג. ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געגן אַראָפּוואַרפן שטאַרקע אויפרייסנדיגע באָמבעס אויף די זעלביגע קינדער. ער באַטראַכט זיך נישט

ווי אַ קינדער־מערדער אויף אַ גרויסן פאַרנעם (און באַמערקט ווי מאָדנע אומרעאַל די וועלט אונטן זעט אויס פון אַן עראָפּלאַן — גאָרניט קיין גוטע זאַך!). ער און אַזוינע ווי ער זעען נישט קלאָר קיין זאַך דאָרט אונטן. זיי פאַרמאָגן, דאָס רוב, זייער ווייניג פאַנטאַזיע.״

איך דערמאָן זיך, אין דעם ליכט פון דעם, וואָס ער זאָגט, אָן מיין אייגענער אַמאָליגער אַנטריסטונג געגן דער אומקריסטלעכער טבע פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג, ווען איך האָב געלעבט אויף דעם אונטערשטן שטאַפּל אירן און דורכגעמאַכט די באַגלייטנדיגע אָרעמקייט און פאַרפאָלגנדיגע אומזיכערקייט. איך געדענק אויך ווי אָט־די אַנטריסטונג איז געוואָרן שוואַכער אין דער מאָס ווי דאָס לעבן איז געוואָרן מער אַקטיוו, די אויפגאַבן מער שעפעריש און אינטערעסאַנט און אין דער מאָס ווי דער דראַנג צו מאַכן געלט איז געשפייזט געוואָרן דורך דער שטרעבונג צו דערווערבן אייגענע זיכערקייט און פרייהייט דורך פערזענלעכער דעראָבערונג און ווען די ספּעציאַליזאַציע פון אינדוסטריעלער פונקציע האָט אונז, ווי אַרבעטגעבער, דערווייטערט אַלץ מער פון די אַרבעטער — פיזיש אין דעם זין פון וואוין־אָרט, גייסטיג — ווען דער אַרבעטגעבער און דער אַרבעטער האָבן זיך געטראָפן אויף אַ ריין־געשעפטלעכן אופן און דערהויפּט דורך אַ טרעיד־יוניאָן פאַרטרעטער. דאָ אין דעם פּאַריש בין איך געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס זיינען אַוועק נאָך ווייטער אויף אָט־דעם וועג פון לעבן אָן פאַנטאַזיע. די רעזולטאַטן זיינען געוואָרן אַלץ צרה׳דיגער פאַרביידע עקסטרעמען. אויך האָט דאָס לאַנד, צו וועלכן ביידע האָבן געהערט, פאַרלאָרן דורכדעם.

די לאַגע איז געווען אַ צרה׳דיגע פאַר דעם אַרבעטער, באַזונדער פאַר דעם אָרעמערן אַרבעטער, פאַרן מענטשן, וואָס איז געווען צו אָרעם אויף צו פאַרווירקלעכן, אָן הילף, זיינע איינגעבוירענע פיאַיגקייטן. איך האָב ניט איין מאָל געטראַכט וועגן די קאַריערעס פון די אינגלעך אין מיין זיידנ׳ס פּאַריש, וועלכע זיינען געווען דערפאָלגרייך דערפאַר, וואָס דאָרט איז געווען אימיצער, וואָס זאָל זיי דערהויבן צו אַ לעבן, וואו טאַלאַנט האָט אַ מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען. איך האָב פאַרגלייכט דעם גורל פון יענע אינגלעך אין אַסטלי מיט דער לאַגע פון די אינגלעך אין דער מאָדערנער פאַבריק. באַזונדער לעבעדיג שטייט אויף אין מיין זכרון איין פאַבריק־אינגל, איינער פון אַ סך אַזעלכע. אַ קלוגער, פלינקער יונג, דרייצן יאָר, נאָר וואָס פון סקול אַרויס. זיין דעקלאַמירן שעקספּיר׳ן האָט איבערגעלאָזט אַ לאַנג־דויערנדיגן איינדרוק. די אַרבעט פון אָט־דעם „צופּער״, ווי מ׳האָט דעמאָלט גערופן די פאַבריק־אינגלעך, איז באַשטאַנען אין אַרויסענדיגן אַ געוויסן סאָרט שרויפן, וואָס דאָס מיינט איינפּאַסן די רויע, שרויף־קעפּיגע שטיקער געגאָסן אייזן אין אַ קלעם און זיי דורכשטופּן דורך שרויף־שטאַמפּן אונטער אַ שטראָם זייף־וואַסער. דאָס אינגל האָט באַהערשט אָט־די אַרבעט אין איין שעה צייט, האָט זי ווידערהאָלט צוויי און פופציג שעה אַ וואָך אין דעם משך פון חדשים

און איז געוואָרן אַ שטיק געציינג. דער שאַרף פון זיין גייסטיגן לעבן איז אָפּגעטעמפּט געוואָרן.

עטלעכע אײנגלעך האָבן, אין די יאָרן פון מיין לערע, זיך אַרויסגע־ראַטעוועט דורך פאַרצווייפלט־שווערער אַרבעט אין זייערע פּרייע שעה'ן און זיך צוגעפּאַסט פּאַר אַנדערע באַשעפטיגונגען אויף צו מאַכן אַ לעבן. איינער דורך מוזיק; אַ צווייטער דורך קונצנמאַכעריי אויף אַ וועלאָסיפּעד; אַ דריטער, מיטן נאָמען טשאַרלי טשאַפּלין, וועלכער איז געווען באַשעפטיגט אין אַ דערבייאַיגער פאַבריק, דורך שפּילן קלענערע ראָלן אין אַ טרופּע לאָקאַלע אַקטיאָרן. אים איז צולעצט באַשערט געוואָרן, אַ דאַנק זיין הויכער קונסט, צו רירן אַ וועלט מיט רחמנות צוזעענדיג דעם פּאַטאָס פון דעם מעכאַנישן פּראָדוקט פון מאָדערנער אינדוסטריע.

דאָס רוב אינגלעך האָבן זיך אונטערגעגעבן. דער ליכטיגער צוזאָג פון זייער קינדהייט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. גייסטיג אָפּגעטעמפּט, אָפּהענגיג אָן קינסטלעכע אויפרייצונגען, אָן די וועכנטלעכע „סוויפּסטעיק"־לאָטערייען אָדער אָן דער סעקסועלער לוסט פון גאַס, זיינען זיי אומגעקומען אינ־טעלעקטועל, עסטעטיש און גייסטיג. דער צימער פון דירעקטאָרן־באָארד, די בירזשע אָדער דער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָט פּונקט אַזוי ווייניג געוואוסט וועגן אָט־די טויטן־פאַלן, פאַר וועלכע די אינדוסטריעלע פּאָליטיק, וואָס האָט זיי באַטריבן, איז אין לעצטן סך־הכל געווען פאַראַנטוואָרטלעך, און וועלכע וואָלטן דורך וויסן און ווילן געקאָנט פאַרמיטן ווערן, ווי יענער מעכאַניש־געזיניגטער פּילאָט, וואָס זיינע באָמבעס האָבן געשפּריצט טויט צווישן קינדער. זיי וואָלט עס געווען פּונקט אַזוי דערווידער צו טאָן אַזאַ זאַך, ווי דעם פּילאָט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט אין וואָס פאַר אַ מאָס די פּאָליטיק פון פּראָפיט־מאַכעריי אין אינדוסטריע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דערמאָרדונג פון מענטשלעכן מאָרך.

די דאָזיגע פּאָליטיק איז געווען פּונקט אַזוי שעדלעך פאַר דעם קלאַס אַרבעטגעבער, כאָטש דאָ האָבן זיך אַזוי נישט געוואָרפן אין די אויגן די טיפערע פאַרצערנדיגע ווירקונגען פון גיריגקייט און מאַכט און גאוה. אַ פּייאָניגער באַנקיר פון מאַנטשעסטער האָט איינמאָל באַמערקט אין דעם משך פון יענע יאָרן אין אַלטרינטשאַם: „מער געלט גייט פאַרלאָרן אין דער אינ־דוסטריע דורכדעם, וואָס אומפייאיגע זין פירן־אָן און באַטרייבן שלעכט די געשעפטן, וואָס זייערע פאָטערס האָבן אויפגעבויט, ווי ס'וואָלט באַטראָפן יעדע לוין־העכערונג, וואָס אַרבעטער האָבן געפּרוּווט אויסקעמפן דורך סטרייקס." דעם אמת דערפון האָב איך באַלד דערזען, ווען איך האָב פאַר־גליכן די יוגנט אין דעם דורכשניטלעכן רייכן הויז מיט דער יוגנט אין די דורכשניטלעכע וויקאַר־הויפן און אַנדערע קנאַפּ־פאַרמעגלעכע היימען: די יונגעלייט פון דער ערשטער גרופּע זיינען אַנגעדענט געוואָרן פון דעם באַ־

וואוסטזיין, אַז אַ קולטורעלער לעבנס־סטאַנדאַרד קאָן דערוואָרבן ווערן בלויז דורך פּערזענלעכן אויפטו.

די געזעלשאַפט, וואָס איך האָב פאַר זיך געזען, האָט אין איר ריס צווישן די עקסטרעמען פון רייכטום און אָרעמקייט אויסגעזען פּונקט אַזוי געפערלעך אין איר אומפייאיגקייט און אומשטאַנדהאַפטיגקייט, ווי זי איז געווען אומקריסטלעך אין איר גייסט. די אינטערעסן פון די צוויי טיילן, אויף וועלכע זי איז געווען צעשפּאָלטן, זיינען שטענדיג געווען אין עצם נעגנגעריש. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם רייכן אַרבעטגעבער איז דער אַרבעטער געווען אַ הוצאה, אַ פּראָדוקציע־קאָסט. נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אַלע פּראָדוקציע־קאָסטן דאַרפן פאַרקלענערט ווערן צו אַ מינימום — ווי דאָס האָט געפאָדערט די קאָנקורענץ צווישן פירמע און פירמע און צווישן לאַנד און לאַנד — איז דער כסדר'דיגער טרייב אין דער ריכטונג פון לוין־פאַרקלענערונגען געווען ניט מער ווי לאָגיש און נאַטירלעך: אַרום דעם טיש פון דירעקטאָרן־באַאַרד האָבן לוין־קאָסטן ניט געקאָנט באַטראַכט ווערן אַנדערש ווי אויף אַן אומפּערזענלעכן אופן.

פון דער אַנדערער זייט איז פאַרן אַרבעטער זיין לוין געווען דאָס איינציגע מיטל צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן און דערווערבן וועלכע ס'איז מאָס זיכער־קייט אָדער קולטור פאַר זיך און זיין פאַמיליע. פאַר אים איז דאָ אַלץ געשטאַנען אין קאָן: ער מוז קעמפן פאַר אָנהאַלטן זיין לוין און פאַרגרעסערן זיין לוין. דעם וואָרצל פון אָט־דעם ווידערשפּרוך האָט מען נישט באַדאַרפט ווייט זוכן, כאָטש אין איין פאַל אָדער אַ צווייטן איז ער אפשר געווען פאַר־באָרגן און האָט זיך נישט געלאָזט דערקענען. דער מער סענסיטיווער און קריסטלעך־געזיניגטער אַרבעטגעבער איז טיילמאָל געווען פיינלעך־באַוואוסט־זיניג וועגן דעם; און איינער פון זיי, וואָס זיינע אַרבעטער, האָב איך גע־וואוסט, האָבן געקראָגן זיבעצן שילינג אַ וואָך, האָט צו מיר אויסגערופן: „הלואי וואָלטן די אַרבעטער געשאַפן אַ טרעיד־יוניאָן און געצוואונגען מיינע קאָנקורענטן צו טאָן דאָס, וואָס כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן געטאָן מיט זיי צו־זאַמען, נאָר וואָס איך וואָג נישט צו טאָן אַליין.״

## 2. דער אויפשטייג און דער באַרג־אַראָפּ פון קאַפּיטאַליזם

### עוואָלוציע פון נייַנצעטן יאָרהונדערט

אַלצדינג אין דעם פּאַריש, אַזוי גוט ווי אין דער פאַבריק און ביים וואַרשטאַט, האָט מיך מער און מער איבערצייגט, אַז די פּראָדוקציע, וואָס ווערט באַטריבן צוליב פּריוואַטן פּראָפיט, צוזאַמען מיט דער ביטערער קאָנ־

קורענץ צווישן איין פירמע און א צווייטער, איז א שטערונג פאר דער געזעל־שאפט אויף יעדן עקן און רויבט אוועק ביים לאנד זיין נויטיגע גייסטיגע קראפט. ווי א גייסטלעכער, האב איך אטאקירט געמבלעריי, גראבע לוסט, שווינדל און א קנאפע אכטונג פאר קולטורעלע און גייסטיגע זאכן; איך האב אבער נישט פארמאסטן זיך אין קאמף געגן איינער פון די הויפט־סיבות, פון וועלכער די אלע איבלען קוועלן: כ׳האב זיך געקווענקלט אויף מוראשקעס און געשלונגען קעמלען.

דער קאפיטאליזם, וואס מיר האבן אים, אין א פרימיטיווער פארם, געהאט זינט דעם מיטלאלטער און וואס איז צום סוף פון זעכצנטן יאר־הונדערט געווארן גאר אנזעעוודיג, באהערשט איצט פולשטענדיג דאס מענטש־לעכע לעבן און דיקטירט, באוואוסטזיניג צי אומבאוואוסטזיניג, צו מענער און פרויען, נישט בלויז זייער אופן פון לעבן, נאר אויך צי זיי זאל בכלל דערלויבט ווערן צו לעבן. דער קאפיטאליזם דיקטירט די פאליטיק פון אינדוסטריע און די פאליטיק פון מלוכות. זיינע גרונד־פרינציפן, בין איך ענדלעך געווען געצוואונגען צוצוגעבן, זיינען מאראליש אומגערעכט, זיין פארנאכלעסיגן די וויסנשאפט איז שענדלעך און זיינע רעזולטאטן זיינען קאטאסטראפיש.

דער קאפיטאליזם האט אפגעזונדערט די מאסע אינדוסטריעלע און אגרי־קולטורעלע ארבעטער פון דעם באזיץ פון די פראדוציר־מיטלען. די זאכן, דורך וועלכע מענטשן דערהאלטן זיך ביים לעבן, זיינען אויסער זייער קאנטראל. די פראדוקציע פון לעבנס־וויכטיגע זאכן — שפייז, קליידונג, וואוינונגען און נאך אזעלכע זאכן — ווערט אנגעפירט און דערלויבט נישט מיט אן אויג אויף די פעסטגעשטעלטע באדערפענישן פון דער געמיינדע בכלל, נאר בלויז ווי א מיטל פון חיונה און פראפיט פאר געקליבענע און מזל׳דיגע יחידים. דער רעזולטאט איז דחקות פאר איינע, וואוילטאג פאר אנדערע און צעטומלעניש פאר אלע. קיינמאל ווערן די באדערפענישן פון דער געמיינדע נישט גענומען אין באטראכט אין איין אלגעמיינעם פלאן מיט אן אויג אויף דעם מאקסימום זיכערקייט און וואוילזיין פון אלעמען. אלץ ווערט איבער־געלאזט צו צופאל און פראפיט.

דער קאפיטאליזם האט ווירקלעך געהאט א געוויסע בארעכטיגונג אין א מער ארעמער און אומאנטוויקלטער עפאכע, ווען דער קאפיטאל, וואס איז נויטיג געווען פאר דער אויסברייטערונג פון א ניי־געבוירענער אינדוסטריע, האט געקאנט אנגעזאמלט ווערן בלויז אויף דעם באדינג, אז געוויסע מענטשן זאלן שפארן דורך אפזאגן זיך פון דעם נויטיגן. היינט ווערן קאפיטאלע אנזאמלונגען געמאכט דערהויפט דורך איינאקערן די פראפיטן צוריק אין דער אינדוסטריע אריין און דורך עקספלואטירן די ארבעטער, וואס ווערן באשעפטיגט אזוי לאנג, ווי דאס איז פראפיטאבל און דערנאך ווערן זיי איבערגעלאזט ווי ברוכווארג.

דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַט אַ ווייטערדיקע באַרעכטיקונג, ווען קאָנקורענץ און פּריוואַטער פּראָפיט האָבן סטימולירט אונטערנעמערישקייט און דערפינדערישקייט, העלפנדיק עטאַבלירן די מאַשין און העכערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד. כאָטש אַפילו דעמאָלט איז דאָס מענטשלעכע ברוכוואַרג, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך, געווען שוידערלעך. היינט־צו־טאָג דינט דער פּריוואַט־באַזיצטער קאַפּיטאַל מער נישט קיין ניצלעכן צוועק ; ער ווערט אַ שטערונג גיכער ווי אַ הילף פאַר וויסנשאַפט, דערפינדונג און אונטערנעמערישקייט. די פּראָדוקטיווע קראַפט, וואָס וויסנשאַפט און דערפינדונג דערמעגלעכן, יאָגט אַריבער דעם קאַפּיטאַליסטישן קאָנטראָל : קאַפּיטאַל זאַמלט אָן ריזיקע אוצרות אין עטלעכע הענט — הענרי פאָרד׳ס קאַפּיטאַל איז אַ ביישפּיל — און ווערט אַ געפאַר און אַ שטערונג. קאַפּיטאַל פאָדערט נייע קוואַלן פון רוי־שטאָפן און נייע מאַרקן. ער פּלאַסטערט אויס אַ וועג צו עקאָנאָמישן אימפּעריאַליזם, צו קאָנקורירנדיקע ספערן פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, צו שטרייטן צווישן קאָלאָניאַלע פעלקער און אימפּעריאַליסטישע באַהערשער, צו מלחמה. דער קאַפּיטאַליזם איז פון סאַמע אָנהויב אויסן געווען מלחמה. אויב דער קאַפּיטאַליזם הויבט אָן מיט קליינלעכער קאָמערציעלער קאָנקורענץ, ענדיקט ער אָבער מיט וועלט־מלחמה.

מיינע דערפאַרונגען אין דער אינדוסטריעלער סיסטעם, סיי ווי אַן אַרבעטער און סיי ווי אַ מיטגליד פון די באַזיצערישע קלאַסן, האָבן מיך ענדלעך דערפירט צו אָט־די שלוסן. איך האָב געזען די לאַגע פון אינעווייניק און פון דרויסן. איך האָב געזען די דרויסנדיקע זייט פון דער שיסל, ווי שיין זי האָט אויסגעזען, און די אינעווייניקסטע זייט — ווי פויל און עיפּוש׳דיק. מיין פּערזענלעכע דערפאַרונג מיט אָרעמקייט פון איין זייט און מיין אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט די רייכע קרייזן פון דער אַנדערער זייט האָבן באַשטעטיקט און באַפעסטיקט מיינע אויספירן און ניט איבערגעלאָזט אין מיר קיין שום ספק וועגן מיין פליכט ווי אַ קריסטלעכער טוער. כ׳האָב מער נישט געקאָנט באַקעמפן דעם אויספיר, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז פאַראורטיילט צום טויט. די חיונה פון דער געמיינדע טאָר ווייטער נישט בלייבן אין אומפאַראַנטוואָרטלעכע הענט, וואָס פירן דערצו, אַז שמעלץ־אויוונס זאָלן שטיין קאַלט, מינעראַל־גרובן נישט־געגראָבן, הייזער נישט־געבויט, סיידן אימיצנס פּריוואַטע פּראָפיטן גיבן אַ סיגנאַל צו שמעלצן אייזן, צו גראָבן קוילן און צו בויען הייזער. קוילן־גרעבער, וואָס ציטערן פון קעלט, קאָנען נישט גראָבן די קוילן, וואָס זיי דאַרפן האָבן. נאַקעטע מענער קאָנען נישט וועבן זייערע אייגענע העמדער און רעק, און דער מאַן, וואָס וואוינט זיבן אין אַ צימער, קאָן נישט צוקומען צו אַ ציגל־הויף און זיך אויסבויען אַ הויז. מעג ער אַרומגיין אָן אַרבעט אַ טוץ יאָרן, מוז ער בלייבן אָרעם און עלנט, אויב קיינער קאָן נישט מאַכן קיין פּראָפיט פון זיין אַרבעט. די באַפעלקערונג, וואָס נויטיקט זיך אין די אַלע זאַכן און קאָן זיי שאַפן, האָט נישט קיין

צוטריט צום באָדן און צו דער מאַשינעריע פון פּראָדוקציע. פּריוואַטער פּראָ־פיט ווערט באַטראַכט פאַר בילכער פון מענטשלעכן לעבן. קריסטלעכע מאָראַל, אויב זי זאָל בלייבן געטריי צו איר מיסיע, מוז אָנערקענען, אַז אַזאַ לאַגע איז אומדערלאָזבאַר, און מוז פאָדערן רעפאָרמען.

דער קאַפּיטאַליזם שטרעבט נישט צו דער גרעסטער מאָס וואוילזיין, נאָר צו דער גרעסטער מאָס פּראָפיט. אויב מען קאָן מאַכן מער געלט אין בראָנפן, ווי אין שפּייז און קליידער פאַר קינדער, געפינט קאַפּיטאַל אַ וועג צו אָט־די מער פּראָפיטאַבעלע אָבער סאָציאַל ווייניגער ניצלעכע אונטערנעמונגען. דער קאַפּיטאַליסט גופא איז אַ קרבן פון דעם גייציג נאָך פּראָפיט. ער וואָגט נישט צו זיין אַזוי גרויסמוטיג ווי ער וואָלט געוואָלט זיין, אויב ער איז אַ גוטער מענטש. דאָס קאָן אים קאָסטן טייער. ער ווייסט ניט וואָס אַנדערע אייגנטימער טוען אָדער וואָס נייע קאָנקורענטן קלייבן זיך טאָן. אפשר וועלן אים אַנדערע איבערקליגן. ער און זיי קאָנען נאָך פּראָדוצירן מער ווי די פאַרבראויכער קאָנען קויפן און זיי קאָנען נאָך פאַרכאַפּט ווערן אין אַ דעפּרעסיע. ער האָט ווייניג מעגלעכקייט צו זיין גרויסמוטיג אָדער באַרעמ־הערציג. אַנדערע אייגנטימער, וואָס האַנדלען אויך לויט זייער אייגענער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, זיינען האַרטע, פּראַקטישע געשעפטסלייט און זיי קאָנ־קורירן מיט אים. זיין באַנעמונג מוז זיך צופּאַסן צו זייערער. דער אייגנ־טימער, וואָס קאָנקורירט אין אָפענעם מאַרק, קאָן זיך נישט פאַרגינען אוועקצוגעבן וואָס ניט איז. אייגנטימער פון קוילן־גרובן קאָנען זיך נישט רעכענען צופיל מיט די מענטשלעכע נפשות, וואָס גראָבן די קוילן און פאַר־גרעסערן די פאַרמעגנס פון די אייגנטימער, אויב אין אַנדערע ערטער זיינען דאָ רייכערע קויל־שיכטן, וואו עס לוינט זיך בעסער אריינלייגן די קאַפּיטאַלן.

אַלע זיינען פאַרכאַפּט אין דעם זעלביגן פאַר׳כשופ׳טן קרייז. ביזנעס איז ביזנעס. ס׳איז נישט קיין פּיקניק פאַר אַ זונטאָג־סקול. פאָדערונגען וועגן אַ העכערן לוין זיינען אַן אָנשיקעניש. דער קאַבינעט פון דירעקטאָרן־באָארד אין לאָנדאָן איז ווייט פון דעם דערפל פון אַרבעטלאָזע קוילן־גרעבער. די אַרבעטער ליידן. זייער לעבן הענגט אָפּ אָן זייער לוין און דער לוין־העכערונג. די פּראָפיטן פון דעם אייגנטימער הענגען אָפּ פון פאַרקלענערן די קאָסטן, און דער לוין פון די אַרבעטער איז אַ טייל פון די קאָסטן. איינס איז דער היפוך פון צווייטן, און די אַרבעטער צאָלן דעם פּרייז. דער פאַרבראויכער צאָלט אויך זיין חלק פון דעם פּרייז, ווייל די אינדוסטריע ווי אַ גאַנצע שטייט אויס שווערע פאַרלוסטן; זי באַוועגט זיך מיט קאָנוואולסיווע צוקענישן און אָפטמאָל הערט זי זיך אויף אינגאַנצן צו באַוועגן. נאָך דער לעצטער מלחמה איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף טעקסטילן. נייע טעקסטיל־פאַבריקן זיינען אויפגעשטאַנען. די אַרבעטער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן, אין די אינטערעסן פון עקאָנאָמישער דערהאַלונג, צו פּראָדוצירן וואָס מער און אַלץ — האָט מען זיי געזאָגט — וועט זיין וואויל. זיי האָבן

דאָס געטאָן. און דעמאָלט איז געקומען די דעפּרעסיע. די אַרבעטער, און מיט זיי די ווייניגער פלינקע אַרבעטגעבער, זיינען רואינירט געוואָרן. לאַנקאַשיר איז איצט אַ קריזיס־צענטער.

אַזאַ לאַגע איז נישט בלויז אוממאָראַליש, זי איז מורא׳דיג אומפּראַקטיש און פאַרשווענדעריש. דער קאָנטראָל פון איין אייגנטימער אָדער פון אַ גרופּע אייגנטימער, אָנשטאָט קאָנטראָל מצד דער גאַנצער געמיינדע, פירט צו אומ־פאַרמיידלעכן מיש־מאַש און פאַרלוסט, צו „בומס״ און „דעפּרעסיעס״, צו באַנקראָטן און אונטערגאַנג פון פּיאַיגע פירמעס, צו אַרבעטלאָזיגקייט, אָרעמקייט און ברוטאַליטעט און אין לעצטן סך־הכל — צו מלחמה. פּרי־וואַטער באַזיץ פון די פּראָדוציר־מיטלען האָט איבערגעלעבט זיינע טעג. אַזאַ סיסטעם איז פאַראורטיילט צום טויט.

צום גליק איז פאַראַן אַן אויסוועג.

די פּראָדוציר־מיטלען קאָנען איבערגיין אין געזעלשאַפטלעכן באַזיץ און באַנוצט ווערן נישט צוליב פּריוואַטן פּראָפיט, נאָר צוליב געזעלשאַפטלעכער באַדינונג, אַזוי אַז די באַדערפעענישן פון די געברויכער זאָלן זיין די קאָנ־טראָלירנדיגע קראַפט. די פּראָדוקציע קאָן באַטריבן ווערן לויט אַ פּלאַן, און דאָס פאָלק אַליין קאָן באַשטימען וואָס און וויפיל ס׳איז נויטיג צו פּראָדוצירן. די מלוכה קאָן אויסרעכענען און איינאָרדענען איר בודזשעט ווי דאָס טוט אַ פּיאַיגע באַלעבאָסטע, אויספּלאַנירן וויפיל מע דאַרף אויסגעבן אויף שוץ, אויף שפּייז, אויף וואוינונגען, אויף קליידער, בילדונג, געזונט און זיכערונג פאַר דער צוקונפט. מע קאָן מאַכן אַ סוף צו „בומס״ און „דעפּרעסיעס״ און צו אַרבעטלאָזיגקייט. דערפינדונג קאָן באַפרייט און דערמוטיגט ווערן. מע קאָן פאַרגרעסערן די מאָס פּראָדוקטן פאַר געברויך און אויסשפּרייטן בילדונג. פרייע צייט קאָן באַנוצט ווערן פאַר שעפערישער אַנטוויקלונג. און אַלע קאָנען פירן אַ ציוויליזירט לעבן.

ווען לייסטונג זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון פּראָפיטן, און פּלאַנירונג דאָס אָרט פון פּערזענלעכן קאַפּריז, וואָלט די פּראָדוקציע געקאָנט ווערן אי וויסנשאַפטלעך, אי מאָראַליש, האַבנדיג ווי איר טרייב־קראַפט די זאָרג וועגן שאַפן די מיטלען פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען.

די איצטיגע עפּאָכע פון פּריוואַטן באַזיץ אויף לעבנס־מיטלען, מיט די אַלע פאַרקריפּלענדיגע ווירקונגען אויף דער וויסנשאַפט און אינדוסטריע, מיט דער מאָראַלער באַטאָנונג אויף דעראָבערונג, מיט די אומפאַרמיידלעכע רעזול־טאַטן פון אָרעמקייט און רייכקייט, פון קלאַסן־אונטערשיידן און קלאַסן־צאַנקעריי, מוז פאַרשווינדן. דאָס איז די פאָדערונג פון וויסנשאַפט, פון ציוויליזאַציע און פון קריסטנטום.

## די דערגרייכונגען פון ניינצענטן יאָרהונדערט

די מאָראַלישע עולה, וואָס מיר האָבן דאָ אַרויסגעבראַכט, האָט איר גלייכן אין דער עולה געגן וויסנשאַפט. די מאַשין ליידט צוגלייך מיט דעם מענטשלעכן עלעמענט. די קאָנקורירנדיגע, פּראָפיט־מאַכנדיגע אינדוסטריע און די קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג פון רייכטום, וואָס איז אין פריערדיגע צייטן געווען אַ הילף פאַר פּראָדוקציע, ווירקן איצט צו פאַרקריפּלען די פּראָדוקציע. און וויסנשאַפט, וואָס איז אַמאָל געווען די אָנגעלייגטע אַרויס־העלפערין, ווערט איצט פאַרטריבן אין דער ווילדערניש. מיין אינטערעס אין אינזשענירונג איז פאַרבליבן נאָכדעם, ווי איך בין אַריינגעטראָטן אין דער דינסט פון דער קירך, און איך האָב געקאָנט נאָכפאָלגן, אפשר נאָך מער אויפמערקזאַם ווי די, וואָס זיינען געווען אַקטיוו פאַרטאָן אין די טעגלעכע אויפגאַבן פון אינזשענירונג, די שעדלעכע און מיאוס'ע טענדענץ צו פאַר־שווענדונג און אונטערדריקונג. די יאָרן, וואָס כ'האָב פאַרבראַכט אין אַלטרינטשעם, זיינען געווען כאַראַקטעריזירט דורך דער אַנטוויקלונג פון אָט־דער אונטערדריקונג פון וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך אין אירע ערשטע שטופּן אָנגעהויבן אין די יאָרן, איידער איך האָב זיך באַזעצט אין דעם פּאַריש, און איז געוואָרן דראַמאַטיש נאָך דעם ווי דער מלחמה־בום האָט זיך אויס־געשעפּט, און האָט דערגרייכט אַ קלימאַקס אין די וויטערדיגע יאָרן, ווען איך בין — ווי דער דין פון מאַנטשעסטער — געווען אין אַ לאַגע צוצוקוקן זיך דערצו פון דער נאָענט.

אונזער עפּאָכע איז אַן עפּאָכע פון טרייב־קראַפט, און טרייב־קראַפט קאָן, דורך אויסנוצן די מאַשין, עפענען די טיר צו שפע. פיזישע וויסנשאַפט שאַפט פאַר אונז אַ פולשטענדיגע און באַלדיגע לייזונג פון די מאַטעריעלע פּראָב־לעמען פון מענטשלעכער עקזיסטענץ, אויב זי זאָל נאָר נישט געשטערט ווערן דורך עקאָנאָמישע סיבות. פריי פון פענטעס אין אירע ערשטע שטופּן, איז די וויסנשאַפט אַוועק פאָראויס מיט גרויסע שפּרונגען. דער קאַפּיטאַליזם איז אין יענע צייטן געווען אַן אמת'ער פריינט פון וויסנשאַפט. דער פּראָצעס איז געווען אַ לאַנגער און אַ שפּאַנענדיג־אינטערעסאַנטער.

ביז דעם זעכצענטן יאָרהונדערט האָט דער מענטש גענומען וואָס די נאַטור האָט אים געגעבן. ער האָט אויפגעזאַמלט די מתנות פון דער נאַטור אין זיין אייגענעם שטח, און ווען די דאָזיגע מתנות זיינען אויסגעשעפּט גע־וואָרן, האָט ער געזוכט נייע אוצרות פון יענער זייט גרענעץ — אַ זוכעניש וואָס האָט אינספּירירט די גרויסע נאַווינאַטאָרס פון דעם זעכצענטן יאָר־הונדערט צו געפינען נייע וועגן צו אַלע עקן וועלט. די וויסנשאַפט האָט דאָס געמאַכט מעגלעך דורך דערפינדן און פאַרפולקאָמען רייזע־אינסטרומענטן — קאַלענדאַרן, קאָמפּאַסן, כראָנאָמעטערס, און מאַפּעס.

דער זיבעצענטער יאָרהונדערט האָט געזען דעם אָנהויב פון אַ נייער

זוכעניש, וואָס איז געווען נאָך וויכטיגער און איז געמאַכט געוואָרן נויטיג דורך אַ מאַנגל פון מענטשלעכער אַרבעט־קראַפט. די האָרדן שקלאַפן, וואָס האָבן געהאָלפן די אימפּעריעס פון דרום, זיינען נישט געווען צוגענגלעך פאַר די קעניגרייכן פון צפון. מענטשלעכע מוסקולן זיינען געוואָרן אַלץ מער נויטיג און שווערער צו קריגן. האָט די וויסנשאַפט זיך שנעל אַריינגעמישט, האָט אָנגעהויבן זוכן און האָט געפונען נייע קוואַלן פון קראַפט. און דער מענטש, וואָס האָט ביסלעכווייז אַרויסגעוואונגען פון דער נאַטור די סודות פון אומבאַגרענעצטע ניט־מענטשלעכע ענערגיע־קוואַלן, האָט זיי איינגע־שפּאַנט פאַר מענטשלעכע צוועקן. די עפּאָכע פון קראַפט האָט זיך אָנגעהויבן; טייכן זיינען פאַרדאַמבעוועט געוואָרן, וואַסערפאַלן זיינען איינגעשפּאַנט גע־וואָרן צו טאָן אַרבעט; קויל און מינעראַל־אויל, די איינגעמאַרענירטע זונ־ליכט פון מיליאָנען, זיינען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דער ערד, און מיט זייער אויפרייסנדיגער קראַפט האָבן זיי געטריבן אונזערע פאַרקער־מיטלען, געשוואונגען די האַמערס, העק און גראָב־אייזנס, אַראָפּגענומען די שווערע אַרבעט פון אונזערע פּלייצעס און אונז באַפרייט פאַר העכערע אויפגאַבן. די גאָלדענע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן.

אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער איז די אַנטוויקלונג פון קראַפט פאַרגרעסערט געוואָרן מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט. אין 1712 איז דער־פונדן געוואָרן אַ דאַמף־ענדזשין, וואָס האָט אַנטוויקלט 56 מאַן־קראַפט. אין 1772 האָט אַן איינציקער ענדזשין שוין אַנטוויקלט 756 מאַן־קראַפט. אין 1871 האָט עס שוין געהאַלטן ביי 20,000 מאַן־קראַפט. אין די 1890־ער האָט אַן איינציגער ריסיפּראָקאַטיווער ענדזשין פּראָדוצירט 234,000 מאָל אַזוי פיל אַרבעט־קראַפט ווי איין מאַן. אונזער צוואַנציגסטער יאָרהונדערט האָט נאָך גרעסערע זאַכן צו ווייזן, און איצט האָבן מיר אַ טורבינע, וואָס אַרבעט אויף אַ באַזיס פון פיר־און־צוואַנציג שעה אַ מעת־לעת און פּראָדוצירט 9,000,000 מאַן־קראַפט.

מאָדערנע קראַפט־סטאַנציעס אַרבעטן אין מורא'דיגער איינזאַמקייט, איגנאָרירנדיג מענטשלעכע מי. שטאָלענע אָרעמס הענגען איבער די האַפנס, וואו עס קומען צו קויל־באַרזשעס. אַ ריזיגער שעפער לאָזט זיך אַרונטער, קלאַמערט איין אַ טאָן קוילן, הויבט־אויף די מאַסע צו אַ געהעכערטער רעלס־ליניע, איבער וועלכער זי באַוועגט זיך און ווערט אָפּגעוואויגן אויפן וועג; דערנאָך לאָזן זיך די קוילן אַרונטער צו באַוועגלעכע גראַטעס, וואָס ברענגען די קוילן אונטער די קעסלען. די געבליבענע האַרטע שטיקער פון די אויס־געברענטע קוילן פאַלן אויף פאַסן, וואָס ציען זיך איבער וואַסער־קאָרעטעס און פאַלן אַריין אין וואַרטנדיגע טראָקס. קוילן אויף איין עק, אויסגעברענטע „קלינקערס" אויפן צווייטן עק, און אין צווישן ווערט אַרויסגעצויגן די היץ, דאַמף ווערט געמאַכט, טורבינען ווערן געטריבן און אַ שטראָם קראַפט, וואָס איז גרעסער ווי די גאַנצע קראַפט, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרמאָגט, ווען

עליזאַבעט איז געווען קעניגין, פּולסירט אַרום איבער דער סביבה. און דאָס אַלץ ווערט באַטריבן דורך אַ פּאָר צענדליק מענטשן ס'איז גאָר נישטאָ קיין באַגרייפלעכע גרענעץ פאַר אויסנוצן די קאָנסערווירטע זון־קראַפט פאַר פּראָדוקטיווע צוועקן.

און ווי מיט דער אַנטוויקלונג פון קראַפט, אַזוי מיט דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריע, וואָס שפּאַנט איין די קראַפט פאַר מענטשלעכן נוץ. מאַשינען האָבן אין דעם ניינצעטן יאָרהונדערט געקאָנט פאַרבייטן די האַלצ־העקערס און די וואַסער־טרעגער. מאַשינען פון דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט פאַרבייטן דעם געאיבטן אַרבעטער אין אַן אָנצאָל פּראָצעסן, וואָס פריער האָט מען גאָר נישט געטרוימט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. ניט נאָר נעמט אויף זיך מעכאַנישע קראַפט די שווערע אַרבעט און באַזאָרגט אונז מיט עלעקטרישע שאָפלס, וואָס טראָגן אַריבער 30,000 קובישע יאַרדס ערד אין פיר־און־צוואַנציג שעה אַרבעט — אַן אויפגאַבע, וואָס וואָלט, אין מענטש־לעכער אַרבעט, פאַרשלונגען 10 שעה מי פון 15,000 קולים; נאָר זי דינט אונז מיט דער זעלביגער וויליגקייט און פּינקטלעכקייט אין די פיינסטע פּראָ־צעסן. אַ מאָדערנע מאַשין, וואָס מאַכט עלעקטרישע לעמפּלעך, גיט אַרויס אַ שטראָם גלעזלעך מיט דער שנעלקייט פון 422 אַ מינוט, קאָנקורירנדיג מיטן מענטשן אין דעליקאַטער מאַניפּולירונג און פאַרגרעסערנדיג זיין אַרבעט־קראַפט אויף צען טויזנט מאָל.

די מאַשין פאַרבייט מענטשלעכע מי אין יעדן צווייג פון דער אינ־דוסטריע און פאַרפילפאַכט אָן אַ שיר דעם מענטשנס פּראָדוציר־פייאיגקייט. אין 1901 האָט איין מאַן פּראָדוצירט 1,000 בריוו־בלאַנקען אַ שעה מיט אַ מאַשין. היינט פאַרבייט דאַמף דעם שטויס פון זיין פוס, עלעקטריציטעט דעם פליק פון זיין האַנט, און איין מאַן פּראָדוצירט 20,000 בריוו־בלאַנקען אַ שעה. נעבכן האָט דער ציגל־מאַכער, מיט איינפאַכן געצייג, פּראָדוצירט 450 ציגל אין אַן אַכט־שעה'דיגן טאָג. די פּראָדוקציע פון אַ מאָדערנער ציגל־מאַכנדיגער מאַשין איז 320,000 ציגל. אין 1879 האָבן 41,865 אַר־בעטער פּראָדוצירט 3,070,875 טאָן אייזן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. אין 1929 האָבן 42,960 אַרבעטער פּראָדוצירט 42,613,983 טאָן.

די מאַשין דרינגט אַריין אין אָפּיס און טוט די אַרבעט פון די מענער אין שוואַרצע רעקלעך אָדער פון מיידלעך אין קאַפּטעס פּונקט אַזוי גרינג און וויליג ווי די אַרבעט פון פאַבריק־אַרבעטער אין אָוועראַלס. אַ מאַשין, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיגע שרייב־מאַשין און ווערט באַטריבן פון איין מיידל, קאָן זיך ספּראַווען מיט 60,000 באַזונדערע לעדזשער־פאַרצייכענונגען אין אַ שעה צייט. אַנדערע מאַשינען זיינען באַזאָרגט מיט עלעקטרישע אויגן. דער פאָטאָ־עלעקטרישער שטראַל זעט מיט אומפעלערהאַפטער פּינקטלעכקייט, זוכט אויף אַ צעריסענעם פאָדעם אין דעם וועב־שטול, פאַקט אַ נישט־געשטעמפּלטע בלעכענע קענדל, וואָס פאָרט אויף דעם קאָנוועיער צוזאַמען

מיט די געשטעמפּלטע, און נעמט עס אוועק; כאַפּט־אויף אַנגעגליטע שטיקער אייזן און דערלאַנגט זיי צום שמידער. דאָס עלעקטרישע אויג איז נישט לאַנג צוריק איינגעפירט געוואָרן אין אַ פאַבריק, וואָס פּראָדוצירט ציין־פּאַסטע, כדי צו האַלטן די עפענונג פון דער טובע גרייט פּונקט צו דער רגע און פּונקט אין דעם ריכטיגן פּלאַץ אויף אָנצופילן עס מיט פּאַסטע. דאָס עלעקטרישע אויג האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ העלפט אַרבעטער.

וויסנשאַפט שאַפט די מעגלעכקייט פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיג־קייט. ס׳איז איצט נישט נויטיג צו זוכן שקלאַפן דורך מלחמה, כדי צו באַטרייבן אונזער געצייג און נאָך וויניגער איז עס נויטיג צו זוכן פּראָדוקטן און מאַטעריאַלן פון אַלע עקן וועלט. ניטראַט־שטאָפן אויף צו באַמיסטיגן אונזערע פעלדער פלעגן פריער באַצויגן ווערן פון טשילי. אונזערע שיפן זיינען געשוואומען 7,000 מייל אַרום קעיפּ האָרן צו ברענגען די שטאָפן. היינט פאַלן זיי אַראָפּ פון הימל. הויך איבער אונזערע קעפּ זיינען דאָ זעכציג מייל מיט לופט, וואָס אַנטהאַלט דעם גאַז נאַיטראָדזשען (אַזאָט). אַן עלעקטרישער שטראָם פאַרוואַנדלט אָט־דעם גאַז אין באַמיסטיגונג־שטאָף, וואָס פאַלט ווי שניי־שפּרינקעלעך פון דעם שפּיץ פון אַ קויל־נאָדל. דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעצויגן בלויז פון דער לופט. די שיפן, וואָס האָבן פריער געפירט ניטראַט־שטאָפן פון וויטע לענדער, זשאַווערן איצט. דער נאַווינגאַטאָר פון יענע שיפן פרייט זיך נישט מיט אָט־דער דערגרייכונג און קריגט נישט קיין חלק פון דער פאַרגרעסערטער נאַציאָנאַלער רייכקייט, נאָר ער גייט אַרום ליידיג און לעבט אין אָרעמקייט.

וואָס פאַר אַ געווינס דער וויסנשאַפטסמאַן איז, ווען מיר וואָגן אים אויסנוצן און צו נוצן דאָס רייכטום, וואָס אַפילו איין מענטש קאָן דער־מעגלעכן! סער ראָבערט האַדפילד האָט אין 1932 געהאַלטן אַ פאָרטראָג פאַר דעם „קלוב פון אויל־אינדוסטריען" און האָט באַהויפּטעט, אַז בלויז צוויי פון די פיל סאָרטן שטאָל, וואָס ער האָט דערפונדן, האָבן איינגעשפּאָרט דעם לאַנד 500 מיליאָן פונט סטערלינג. עדיסאָנ׳ס דערפינדונגען אַליין האָבן איינגעשפּאָרט דער וועלט ביליאָנען דאָלאַר. פופציג אַרבעטער אין דער קימבערלי מאַין אין קאַליפאָרניע קאָנען דורך אויטאָמאַטישער מאַשינעריע לאָדן פינף טויזנט טאָן בליי־אַרץ אַ טאָג — אַן אַכטל פון דעם בליי־אַרץ, וואָס ווערט פּראָדוצירט אויף דער גאַנצער וועלט. די שטיוול־פאַבריקן אין נאָרטהעמטאָנשיר קאָנען אין עטלעכע חדשים פּראָדוצירן גענוג שטיוול פאַרן גאַנצן לאַנד אויף אַ גאַנץ יאָר. דער טראַקטאָר, צוזאַמען מיט דער שנייד־און דרעש־מאַשין, האָט פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע פון דעם ווייץ־שניטער זיבעציג מאָל אַזוי פיל. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז עס מעגלעך געוואָרן, מיט דער הילף פון אָט־דער מאַשינעריע, אַראָפּצונעמען תבואה־גערעטענישן פון פעלד אָן עקסטראַ אַרבעטער פאַר שניט־צייט. די ווייץ־פעלדער פון קאַנאַדע זיינען אויסגעשפּרייט געוואָרן הונדערטער מיילן ווייטער

צפון־צו דורך דער אַרבעט פון די באָטאַניקער פון קעימברידזש, בעת סער דעניעל האָל, ראָטנעבער פון דער באָארד אָוו אַגריקאָלטשור, פאַרזיכערט אונז, אַז די מעגלעכע פּראָדוקטיווקייט פון אונזער אייגענעם ענגלישן באָדן איז פאַרדאָפּלט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונגס־אַרבעט פון די לעצטע צען יאָר. די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען וועגן צוקער־פלאַנצן, וואָס האָלענדישע פאָרשער האָבן געמאַכט, האָבן געשאַפן נייע סאָרטן פלאַנצן, וואָס גיבן אַרויס, אויף דעם אינזל יאַוואַ, 15 טאָן צוקער פון אַ העקטאַר, אַנשטאָט דעם ביז־איצטיגן וועלט־דורכשניט פון בלויז דריי און אַ האַלב טאָן פער העקטאַר. כעמיע און ביאָלאָגיע און פיזיקע שאַפן וואונדער, און פּראָפעסאָר דזש. ב. ס. האָלדעין זעט פאָראויס דעם טאָג, ווען מיר וועלן קאָנען פאַרוואַנדלען האָלץ אין געשמאַקע שפּייז־שטאָפן.

די וויסנשאַפט, וואָס איז געהאָלפן און באַפריינדעט געוואָרן דורך דעם קאַפּיטאַליזם פון דעם 19טן יאָרהונדערט, האָט טויזנטמאָל אַזוי פיל אָפּ־געצאָלט אירע אַרויסהעלפער. די סאָציאַלע און פּאָליטישע אַטמאָספערע איז געווען גינסטיק. די וועלט־סיטואַציע איז געווען רייף פאַר פאָרשריט, און דער פאָרשריט איז געווען שטוינענדיק גרויס. אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג און טעכנישע פאַרפולקאָמונג זיינען גערן דערמוטיגט און געשטיצט געוואָרן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן מיט געזיכערטע פאָנדן פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אין אַן עפּאָכע פון ליבעראַליזם און אַלץ מער שטייגנדיקן וואוילזיין האָט יעדע נייע אינדוסטריעלע דער־אָבערונג סטימולירט אַלץ נייע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. נייע וויסנשאַפט־לעכע אַנטדעקונגען האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון נייע אינדוסטריען און נייע אינדוסטריען האָבן געפאָדערט נייע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען. די וועלט איז געלעגן אָפן פאַר אינדוסטריעלער אונטערנעמערישקייט און גע־וואַגטקייט. רויע מאַטעריאַלן זייען געווען צו דער האַנט און נייע מאַרקן האָבן געוואַרט אויף אונטערנעמערישע אינדוסטריאַליסטן. וויסנשאַפט און קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט. ס'איז געווען אַ גליקלעכע און אַ פּרוכטבאַרע שותפות.

## די פּענטעס פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט

דער צוואַנציגסטער יאָרהונדערט ירשנ'ט די אַרבעט פון אָט־דער פּרוכט־באַרער שותפות. די וויסנשאַפט און אינדוסטריע האָבן זיך פאַראייניגט צו באַזאָרגן אונז מיט אַלץ, וואָס איז נויטיק אויף צו מאַכן אָרעמקייט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר מעגן מיט רעכט פרעגן: וואָס וואָלט אונז געפעלט, ווען די מענטשן, וועלכע דרייען זיך איצט אַרום ליידיק, וואָלטן באַטריבן די מאַשינען? וואָלט אימיצן אויסגעפעלט אַ העמד, אָדער אַ

ליילעך? פרעגט די אמעריקאנער באוול־פארמערס און די ארבעטער אין די טעקסטיל־פאבריקן אין לאנקאשיר. וואלט אימיצן אויסגעפעלט ברויט? פרעגט די קאנאדער פרעירים. וואלט אימיצן אויסגעפעלט א מלבוש? פרעגט די שאף־ציכטלער פון אויסטראליע און די וואל־פאבריקן פון יארקשיר. פרעגט זיך נאך אין בראזיל, מאלאי, שפאניע און וואו נאר איר ווילט. פרעגט זיך נאך, צי אונז דארף אויספעלן קאפע, גומי, צוקער, מאראנצן, צי הונדערט אנדערע ארטיקלען.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. די אויסזיכט איז נאך העלער. מיר זיינען בשום אופן ניט באגרענעצט צו אונזערע איצטיגע רעסורסן אין מאשינען און אין טרייב־קראפט. ווען מיר וואלטן בלויז געוואלט, ווארט אויף אונז נאך מער קראפט, נייע מאשינען, מער גוטע איינריכטונגען און אויך נייע מא־טעריאלן און פראצעסן, וואס זיינען שוין לאנג רייף אנגעווענדט צו ווערן אין דער פראקטיק.

כאטש עס זיינען ניטא קיין שום אינערלעכע אדער איינגעבוירענע שוועריגקייטן, כאטש די געברויכער זיינען גרייט צו פארנוצן נאך סחורות און באדינונגען, ווערן אבער אט־די גוטע זאכן ניט אויסגענוצט בלויז דערפאר, וואס די איצטיגע פארם פון דער ארגאניזאציע פון דער פראדוקציע איז אדער ניט פייאיג, אדער זי איז ניט וויליג צו באזארגן די באפעלקערונג מיט די סחורות און באדינונגען, וואס זיינען פיזיש מעגלעך און מאראליש ווינטשנס־ווערט. מיר שטויסן זיך אן אויף דעם טראגישן פאקט, אז אין אלגעמיין גע־נומען — אויסשליסנדיג די מלחמה־אינדוסטריען און די שווערע אינדוס־טריען — האבן נייע דערפינדונגען אויפגעהערט צו זיין אנגעלייגטע געסט. די פראדוציר־קראפט פון דער אינדוסטריעלער מאשין ווערט גיכער א לאסט, איידער א ברכה. עס פעלט די אנרעגונג צו פארגרעסערן די פראדוציר־מעגלעכקייטן. שולדיג איז די סאציאלע ארגאניזירונג פון דער פארטיילונג. די מאסן־פראדוקציע גייט ניט האנט אין האנט מיט מאסן־געברויך. מאשינען און פראצעסן, וואס מיט זייער הילף באזארגן וויסנשאפטסלייט אלע אונזערע מאטעריעלע באדערפענישן, ווי וואוינונגען, שפייז, קליידער און די מעגלעכ־קייטן פאר רו און זיכערקייט, ווערן פארלאנגזאמט צוליב אן אבזיכטלעכער פאליסי. עס איז פונקט ווי מיר זאלן אונזערע ראלס־ראיס אויטאמאבילן אבזיכטלעך טרייבן מיט דער שנעלקייט פון בלויז צען מייל א שעה. דער געשאנק, וואס וואלט געדארפט מאכן רייך אלעמען, מאכט גאר יעדן איינעם ארעמער. מיר טרייסלען זיך אפ פון אט־דעם געשאנק; מיר סאבאטאזשירן אים. און ווען ערשט ניט לאנג איז די פראדוקציע פון געברויך־ארטיקלען, ניט געקוקט אויף אלע אונזערע פארזוכן ניט צו דערלאזן דערצו, געשטיגן צו אסטראנאמישע ציפערן, האבן מיר אומ׳ברחמנות׳דיג צעשטערט מיט איין האנט דאס, וואס מיר האבן מיט דער צווייטער האנט געהאט געמאכט.

אין טשילי האט מען פארברענט אויף אש א האלבן מיליאן שאף; זעקס

מיליאָן מעלקנדיגע קי און צוויי מיליאָן שאָף זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין אַמעריקע; זעקס און צוואַנציג מיליאָן זעק מיט בראַזילישער קאַפע זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין פּאַציפישן ים, און אַ פולע שיף מיט מאַראַנצן פון שפּאַניע האָט מען אויסגעליידיגט אין אירלענדישן ים אַריין, בשעת די ליידיגע שיף איז אַריינגעשוואומען קיין ליווערפּול אין אַ סמאַליענדיגן טאָג אין אויגוסט צווישן קינדער, וואָס אַ מאַראַנץ איז ביי זיי געווען אַ לוקסוס נישט צו דערגרייכן.

מיר שליידערן די מתנות פון גאָט צוריק אים אין פּנים אַריין. מיר וואַרפן פיש צוריק אין וואַסער אַריין. מיר פאַרברענען ווייץ. מיר לאָזן איבער פּרוכט צו פוילן אויף די צווייגן. מיר אַקערן איין אין דער ערד אַריין הונדער־טער טויזנטער אַקער מיט באַוול. גומע־פּלאַנטאַטאָרס באַווייגן די פאַר־בעסערטע מעטאָדן אויף צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע; אינזעקטן, וואָס פרעסן אויף די גומע, ווערן באַגריסט ווי מלאכים פון הימל.

פאַרניכטונג אויף אַזאַ משונה'דיגן מאַסשטאַב, וואָס ווערט אַזוי אומ־פאַרשעמט באַגריסט, ווערט ניט אומזיסט פאַרדאַמט פון דעם פּשוט'ן און ערלעכן מענטשן, ספּעציעל ווען אַט־די פאַרניכטונג גייט־אָן זייט ביי זייט מיט מענטשלעכער נויט.

אונזער פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז איצט קליגער געוואָרן. ער באַנוצט זיך מיט אַ מער־טויטלעכן וואָפן ווי פאַרניכטונג אין זיין ראַנגלעריי מיט דער פאַרלעגנהייט פון שפע אין דער מיטן פון דחקות. די נייע רפואה איז באַשרענקונג. דאָס איז ניט אַזוי געפערלעך ווי פאַרניכטונג. פאַרניכטונג רופט אַרויס צאָרן. באַשרענקונג פאַרשלעפערט די פאַרפירטע אין אַ פאַלשן גלויבן. פאַרניכטונג באַטאָנט דעם פאַקט פון גרויסער שפע. באַשרענקונג שאַפט די אילוזיע פון אַן עפּאָכע פון מאַנגל. איך האָב באַלד דערמאָנט דעם טויטלעכן באַדייט פון אָט־דעם וואָפן — און איך האָב ווען דעם קיין סוד ניט געמאַכט — ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו באַגרענעצן די טיי־פּראָדוקציע פון אינדיע, צעילאָן און די האָלענדישע אינדיעס צו 121,000,000 פונט. יעדעס הויז אין ענגלאַנד וואָלט געקאָנט געווען קריגן 15 פונט טיי, ווען מען וואָלט די טיי־זאַפּאַסן אויסגעטיילט צו די געברויכער אָנשטאָט צו באַשרענקען די טיי־פּראָדוקציע. פאַר אַ וויסנ־שאַפטלעכן אינזשענער, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו שפּאָרן מענטשלעכע אַר־בעט, איז אַט־די פאַרניכטונג פון דער פרוכט פון דער מאַשין ניט בלויז אַן ענין, וואָס וועקט אַ רחמנות־געפיל; פאַר אים איז דאָס דער לאָגישער און צו־וואַנזין־טרייבנדיגער קלימאַקס פון אַ פּראָצעס פון אומפייאיגקייט און פאַר־שווענדונג, וואָס ער האָט דאָס שוין לאַנג אָנערקענט ווי אַ טיף־איינגעבוירענע איינגנשאַפט פון דער סיסטעם פון פינאַנץ־קאַפּיטאַליזם. צוליב דעם מאַנגל פון פּלאַנירטער פאַרטיילונג פון געברויך־אַרטיקלען, וואָס דאָס וואָלט גע־קאָנט דערגרייכט ווערן דורך דער געהעריגער פאַרשפּרייטונג פון גענינגנדיגער

קויף־קראַפט זייט ביי זייט מיט אַ פּלאַנירטער פּראָדוקציע, איז די מענטשלעכע אָנשטרענגונג אַוועק אין אַ פאַלשער ריכטונג און איז אינגאַנצן פּאַראַליזירט געוואָרן. עס איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין גענוגנדיגע באַפרידיגונג ניט פאַר דעם יחיד און ניט פאַר דער געמיינדע. מען האָט געבויט פאַבריקן און מען האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן; זאַוואָדן, וואָס האָבן נאָך געקענט גוט אַרבעטן, זיינען צעשטערט געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן אויף אַ העלפט; פּראַכט־וואַגאָנען זיינען אויסגענוצט געוואָרן אויף ווייניגער ווי 3 פּראָצענט פון זייערע אָנגעצייכנטע זיבעצן יאָר לעבן; און אין אַ פּאַר זוך פּטור צו ווערן פון די אָנגעזאַמלטע געברויך־אַרטיקלען, זיינען ריזיגע סומען אויסגעגעבן געוואָרן אויף אומנויטיגע רעקלאַמעס. לאָרד לעווערהאָלמ׳ס אָפּשאַצונג פון 1916, אַז איין שעה אַרבעט אַ וואָך פון יעדן איינעם, אויסגענוצט ווי געהעריג, וואָלט געקאָנט באַזאָרגן אַלע אונזערע באַדערפענישן אין פּרט פון שפּייז, וואוינונגען און קליידונג, איז געמאַכט געוואָרן אין אַ צייט, ווען די קאַפּאַציטעט פון דער פּראָדוקציע איז געווען אַ העלפט די גרויס פון דעם, וואָס זי איז איצט.

אויף ווי ווייט אונזערע פּראָדוציר־מעגלעכקייטן זיינען געפּענטעט, ווערט קלאָר ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז צוריק מיט איין און צוואַנציג יאָר, ווען מיר האָבן געהאַט ווייניגער קאָמפּליצירטע מאַשינען ווי איצט, און אין דעם ברען פון אַ וועלט־מלחמה, וואָס האָט צוגענומען 20 מיליאָן מענטשן פון דער אַרבעט אין מאַסן־פּראָדוקציע און האָט זיי אַוועקגעשטעלט ביי מאַסן־אויסשלאַכטונג, זיינען דעמאָלט פאַבריקן אויפגעשפּרונגען איבער נאַכט, און די איבערגעבליבענע באַפעלקערונג האָט מיט דער הילף פון אינגלעך און מיידלעך, מיט דער הילף פון אַלטע לייט און פון פרויען, אָנגעהאַלטן אונזער אַלגעמיינעם לעבנס־שטייגער, האָט באַזאָרגט די קאַנאָנען מיט קוילן און האָט אויף הונדערטער אופנים פאַרריכט די שאָדנס, וואָס די מלחמה האָט פאַרורזאַכט.*)

נאָך מער: חוץ דער פאַרשווענדונג פון שלעכט־אָנגעווענדעטער ענערגיע, באַטרעפן די דערגרייכונגען פון דער פּראַקטישער ווינסשאַפט, ווי זי ווערט אָנגעווענדט אין דער פּראָדוקציע, בלויז אַן אומבאַדייטנדיגן טייל פון דעם, וואָס עס וואָלט געקאָנט אויפגעטאָן ווערן, ווען די נייע ווויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, וואָס זיינען שוין אָנערקענט געוואָרן, וואָלטן אָנגעווענדט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. די אָנווענדונג איז גאַנץ הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט די דערפינדונגען. שולדיג אין דעם איז די אָרגאַניזירונג פון דער אינדוסטריע. אין דעם זין איז אפילו דער איפּערדיגער ניינצנטער יאָרהונדערט געווען אַ שולדיגער. פאַראַדעי, למשל, האָט דערפונדן עלעקטראָ־מאַגנעטישע

*) דאָס איז ניט ווייניגער אמת היינט צו טאָג. זעט וואָס טשוירטשיל האָט געזאָגט אין זיין רעדע דעם 19טן אויגוסט, 1940, ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז ניט געקוקט אויף דער פאַרניכטונג פון שיפן, האָבן מיר איצט מער שיפן ווי פאַר דער מלחמה.

אינדוקציע אין 1831. אין דער אינדוסטריע איז דאָס ניט אָנגעווענדט גע־וואָרן ביז דעם יאָר 1882, ווען עדיסאָן האָט אויפגעבויט די ערשטע קראַפט־סטאַנציע. די דערפינדונגען אין דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, וואָס וואַרטן אַז מען זאָל זיי אָנווענדן אין דער פּראַקטיק, ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער אין צאָל. דער צייט־אָפּשניט צווישן אַ טעאָרעטישער דערפינדונג און דער אינדוסטריעלער אָנווענדונג, וואָס וואָלט געדאַרפט ווערן אַלץ קירצער, ווערט גאָר אַלץ לענגער, און אין געוויסע פאַלן ווערן די נייע דער־פינדונגען אין גאַנצן פאַרשטויסן. נייע קוואַלן פון ענערגיע וואַרטן אויף אונז זינט מיר האָבן זיך דערגרונטעוועט צום יאָדער פון דעם אַטאָם; און נייע פאָרמען פון מאַטעריע שטייען אונז איצט צו־דינסט אַ דאַנק די נייע שטופּן פון טעמפּעראַטור און דרוק, צו וועלכע מיר זיינען דערגאַנגען.

די ווייסנשאַפט האַקט־דורך נייע וועגן. די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע מיידט אויס אָט־די וועגן. די געזעלשאַפט ליידט דערפון. די אַנטדעקונג פון נייע מאַטעריאַלן קאָן גענומען ווערן פאַר אַ ביישפּיל. די אינדוסטריעלע דער־גרייכונג ענדערט זיך מיט דער ענדערונג פון די מאַטעריאַלן, וואָס שטייען צו־דינסט דער אינדוסטריע. אַזוי האָבן מיר געהאַט אַ שטיין־עפּאָכע, אַ בראָנז־עפּאָכע און אַן אייזן־עפּאָכע. און נייע אינדוסטריעלע טריאומפן וואַרטן אויף דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון די מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן איצט אין אונזער באַזיץ — מאַטעריאַלן פון אַ נאָך קיינמאָל פריער ניט געזעענער לייכטקייט, קראַפט און עלאַסטישקייט: לייכטערע מעטאַלן אויף צו פאַרבייטן אייזן, שטאָל־באַדעקטע מעטאַלענע פּלאַטן, וואָס זיינען אַזוי דין ווי אַ זייפן־בלאָז, און וואָס זיינען פון אומשעצבאַרן ווערט אין כעמישע און עלעקטרישע פאַבריקן; גלאָז, מיט וועלכן מען קאָן אַרבעטן ווי מיט מעטאַל, און דורכזיכטיגע קאַלאָיד־גלאָזן, וואָס לאָזן ניט דורך קיין היץ און ניט קיין קלאַנג און זיינען לייכט ווי קאָרעס.

בעמיקער וואַרטן בלויז אויף דעם באַפעל צו מאַכן אונזערע קליידער פון צעלולאָז־מאַטעריאַלן, ווי האָליץ, למשל; דאָס וועלן זיין לייכטע קליידער, וואָס לאָזן דורך לופט, און וואָס וועלן אויסגעפּרעסט ווערן לויט דעם נויטיגן פאַסאָן, אויסמיידנדיג אַלע פּראָצעסן — פון דעם שפּינען ביז דעם אויפנייען. אַזעלכע קליידער וועלן קאָסטן פּעניס און ניט קיין דאָלאַרן. אַלערליי פּלאַס־טישע מאַטעריאַלן, ווי „בעיקלאַיט”, למשל, מיט וועלכן מיר זיינען שוין באַ־קאַנט, קאָנען געשאַפן ווערן אַזוי שנעל, ווי מיר וועלן נאָר וועלן.

אין דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט שטייט די ווייסנשאַפט אויף דעם שייד־וועג. דער קאַפּיטאַליזם — איר פריערדיגער באַלעבאָס — האָט זי פאַר־לאָזן און באַהאַנדלט זי מיט פאַראַכטונג. די ווייסנשאַפט איז ניט באַזאָרגט מיט קיין פינאַנציעלע מיטלען און זי מוז זיך פאַרנעמען מיט אומבאַדייטנדיגע און שעדלעכע אַרבעטן. ווייניגער ווי צוויי סענט פון יעדע 1,000 פונט (פינף

טויזנט דאָלאַר) פֿון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע גייט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. דער קאַפּיטאַליזם אַרבעט פֿאַר פּראָפֿיטן, און ווען עס הערט אויף, צוליב וועלכע ניט איז אורזאַכן, זיך צו באַצאָלן צו פֿאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, הויבט מען אָן ווייכן פֿון דער וויסנשאַפֿט. ווען די וויסנשאַפֿט דראָעט, אַז צוליב דער אָנווענדונג פֿון נייע פּראָצעסן זאָלן געוויסע מאַשינען ווערן אויסגעשפּילט, אָדער — וואָס איז נאָך ערגער — אַז דער פּראָצעס גופא צי אַפֿילו דער אַרטיקל אַליין זאָל שוין מער ניט זיין ניצלעך, דעמאָלט ווערט דערפֿינדערישקייט דערשטיקט.

די וויסנשאַפֿט האָט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט געמאַכט טעות׳ן צוליב איר קנאַפּער טיכטיגקייט. היינט באַשטייט איר שולד אין דעם, וואָס זי איז צו־טיכטיג. וואָלט מען דער וויסנשאַפֿט געגעבן אַ פֿרייע האַנט און וואָלט מען זי באַזאָרגט מיט די פֿינאַנציעלע מיטלען, וואָס דער קאָמפּליצירטער כאַראַק־טער פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט פֿאָדערט, איז עס מער ווי זיכער, אַז זי וואָלט אויסגעפֿונען כחות, מעטאָדן, פּראָצעסן און מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן געוואָרן אַ געפֿאַר פֿאַר די, וועלכע האָבן אַ חזקה אויף דער פּראָפֿיט־סיסטעם. די וויסנשאַפֿט דאַרף זיין געצווימט און זיך פֿאַרנעמען מיט באַלדיגע אויפֿ־גאַבן. אין דער אינדוסטריע גיט מען אָנצוהערן, אַז די וויסנשאַפֿט וועט האַנדלען ווי געהעריג, אויב זי וועט זיך פֿאַרנעמען מיט איר ריכטיגער פֿונקציע פֿון רעדוצירן די קאָסטן פֿון די פּראָצעסן, וואָס ווערן שוין אָנגע־ווענדט, און אין וועלכע קאַפּיטאַל איז אַריינגעלייגט געוואָרן. מיר ווייסן וואָס עס פֿאַסירט, ווען מען פּראָדוצירט מער דויערהאַפֿטע קליידער־שטאָפֿן אָדער וואָס עס וואָלט פֿאַסירט, ווען מיר קאָנען באַפֿרייען די אויטאָמאָביל־ענדזשינס פֿון אַלע סאָרטן עלעקטרישע מכשירים. דער זעלבער פּרינציפּ האַלט־אָן אין באַצוג צו אַלע אַנדערע זאַכן. נעמט, למשל, די גוט־באַקאַנטע קאָלירטע לאָמפּן, וואָס זיינען אָנגעפֿילט מיט גאַז, די לאָמפּן, וואָס מיר רופֿן נעאָן־ליכט. זייער ווייניג ווייסן ווי ביליג אָט־די באַלויכטונג איז, און נאָך ווייניגער מענטשן ווייסן, אַז ווען מיר וואָלטן געקאָנט פּראָדוצירן אַ ווייסע אָנשטאָט אַ קאָלירטע נעאָן־ליכט, וואָלטן אונזערע עלעקטריק־בילס געפֿאַלן אויף צען ביז צוואַנציג מאָל ווייניגער. נאָר וויפֿיל מענטשן ווייסן, אַז ניט דורך דער אוממעגלעכקייט צו לייזן די פּראָבלעם פֿון פּראָדוצירן ווייסע נעאָן־ליכט קאָנען מיר ניט איינשפּאָרן אָט־די אויסגאַבן, נאָר צוליב די פֿאַרלוסטן, וואָס אָט־די דערפֿינדונג וואָלט פֿאַראורזאַכט די עלעקטריק־קאָמפּאַניעס און די פֿאַבריקאַנטן פֿון די געוויינלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך?

די פּריוואַטע אייגנטימער, וואָס האָבן אַ חזקה אויף די פּראָדוציר־מיטלען, פֿאַרקריפּלען די וויסנשאַפֿט אויף יעדן טראָט און באַראַבעווען אַזוי אַרום דאָס פֿאָלק. די פּראָדוקציע פֿון אייזן אונטער אַ נידעריגער טעמפּעראַטור וואָלט געמאַכט די שמעלץ־אויוונס נוצלאָז און זיי פֿאַרוואַנדלט אין ברוך. שמעלץ־אויוונס קאָסטן אָפּ אַ פֿאַרמעגן און זיי באַלאַנגען צו פּריוואַטע פֿער־

זאַגען. מעכטיגע יחידים און גרופּן איבן אויס אַ גרויסן דרוק אויף וויסנ־שאַפטסלייט און אויף רעגירונגען. און רעגירונגען אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווייזן בכלל אַרויס אַ קליינעם פאַרלאַנג צו שטיצן די אינטערעסן פון דער געמיינדע גענן די אינטערעסן פון באַשטימטע גרופּן, אויב אַט־די גרופּן זיינען מעכטיג גענוג אַרויפצוצווינגען זייערע פאָדערונגען.

בלויז אויף איין געביט איז די וויסנשאַפט אַן אַנגעלייגטער גאַסט ביי די מאָדערנע רעגירונגען. מען קאָן זיך אָן דער וויסנשאַפט ניט באַגיין אין מלחמות. מען מוז האָבן די וויסנשאַפט אויף דעם שלאַכטפעלד סיי אין באַצוג צו די וואָפן פון אָנגריף, סיי אין באַצוג צו פאַרטיידיגונג. מען מוז האָבן די וויסנשאַפט אויף צו קריגן אין די ראַמען פון דער אייגענער מלוכה די סחורות, וואָס מאַכן דאָס לאַנד זעלבסטשטענדיג אין צייט פון קריג. פון דער גאָר קנאַפער סומע פון 450,000 ענגלישע פונט (צוויי מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר), וואָס אונזער רעגירונג טיילט אויס אויף וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פאַר ניט־מיליטערישע צוועקן, ווערט 90,000 פונט (450 טויזנט דאָלאַר) אויסגעגעבן אויף פאָרשונג בנוגע באַהייץ־מאַטעריאַלן. אַט־די פאָרשונג האָט באַוויזן אונז צו באַזאָרגן מיט אַ מעגלעכן סאָבסטיטוט פאַר אויל אַלס ברען־שטאָף אין קריגס־צייט, באַטש דאָס דאַרף קאָסטן פיר־פינף מאָל אַזוי פיל ווי אויל. אַט־דער פאַקט רעדט פאַר זיך אַליין.

די וויסנשאַפט דאַרף מען האָבן פאַר מלחמה־צוועקן; אויף אַנדערע גע־ביטן שיקט מען די וויסנשאַפט אויף אורלויב. צוליב דער געפאַר פון אַ שפע, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן זי ניט פאַרטיילן — וויפיל מיר זאָלן זיך אין דעם ניט נויטיגן — ווערט דערקלערט אַ מאָראַטאָריום אויף וויסנשאַפטלעכער דערפינדונג. מען מאַכט עס, פאַרשטייט זיך, גאַנץ אָנשטענדיג און מען באַהאַלט עס הינטער אַ רעספּעקטאַבעלן לאָזונג. אין דעם איצטיגן מאָמענט איז דאָס וואָרט „פּלאַנירן" אין דער מאָדע. ניט קיין סאָציאַליסטישע פּלאַ־נירונג, ניט קיין פּלאַנירונג פאַר דער העכסטער מעגלעכער פּראָדוקציע און דער גרעסטער מעגלעכער פאַרשפּרייטונג פאַר אַלעמענס נוצן און פאַר דעם מאַקסימום פון זיכערקייט און וואוילזיין פאַר אַלעמען, נאָר פּלאַנירונג כדי צו קאָנען האַלטן די פּרייזן הויך און דעם לוין נידעריג. און דאָס פירט נאַטירלעך צו דעם קאַטאַסטראָפאַלן רעזולטאַט פון אַ נידעריגן לעבנס־מצב פאַר אַלעמען. דאָס איז פּלאַנירונג צוליב מאַנגל און ניט צוליב שפע. דאָס איז פּלאַנירונג, וואָס מיידט אויס די נייע מאַשינען און דערשטיקט דער־פינדונגען. דאָס איז פּלאַנירונג, וואָס רעדוצירט דעם וויסנשאַפטסמאַן צו דער ראָל פון אַ לאַקיי; וואָס שניידט זיינע אויסגאַבן; וואָס האַלט אים הויפּטזאַכלעך פאַר מלחמה־צוועקן, און אויסער אַט־די צוועקן שטעלט זי אים אַוועק ביי אומוויכטיגע אַרבעטן און גיט אים אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל ניט יאָגן די וויסנשאַפט צו וויט.

די רעזולטאַטן פון דעם אַלעמען זעט מען אין דייטשלאַנד. דייטשלאַנד

דאַרף האָבן וויסנשאַפטסלייט פריער פון אַלץ פאַר מלחמה. קיין טעאָרעטישע וויסנשאַפט דאַרף זי ניט האָבן.

אין אָט־דער הינזיכט איז דייטשלאַנד אַ באַזונדער־קלאָרער ביישפּיל, ווייל דאָרט האָט דער קאַפּיטאַליזם דערגרייכט צו זיין העכסטן פּונקט און ווייזט אַרויס אין דער פולער מאָס זיינע טענדענצן און זיין גייסט. דער לעבנס־סטאַנדאַרד, למשל, איז אין דייטשלאַנד געפאַלן. מר. דאָגלאַס דזשעי, אַ פּראָפעסאָר פון „אָל סאָולס קאַלעדזש" אין אָקספאָרד און אַ פירנדיגער עקאָנאָמיסט האָט אין 1939 אויסגערעכנט, אַז „דער רעאַלער איינקונפט פער שטונדע פון אַ דייטשן אַרבעטער, וואָס האָט געהאַט אַ דזשאַב דעם 30טן יאַנואַר, 1933, איז זינט דעמאָלט געפאַלן אויף 30%." דאָס יאָר־בוך פון דייטשלאַנד אַליין ווייזט אָבער, אַז אין דער צייט צווישן 1937—1932 זיינען צוגעקומען 1,266 נייע מיליאָנערן און 180 נייע מולטי־מיליאָנערן. די צאָל סטודענטן אין די דייטשע אוניווערזיטעטן איז אין דעם זעלבן פּעריאָד געפאַלן אויף אַ העלפט — 133,000 סטודענטן אין 1932־1933 ; 72,000 סטודענטן אין 1936־1937.

דער פּראָפעסאָר בלעקעט ברענגט אויסגעצייכנט אַרויס דעם פאַקט, אַז די „נאָרדישע באַוועגונג", וואָס איז זייער פריינטלעך צום אַמוניציע־קאַפּיטאַליזם, איז בלויז אַ טייל פון אַן אַנטי־וויסנשאַפטלעכער באַוועגונג. די נאַציס דאַרפן מער ניט קיין ריינע וויסנשאַפט, פּונקט ווי דער קאַפּיטאַליזם בכלל נויטיגט זיך מער ניט אין קיין ריינער וויסנשאַפט. דערפון נעמט זיך זייער פאַרגעטערונג פון געפיל, דעם „גייסט פון בלוט", זייערע רייד וועגן דער מיסטישער נשמה פון פאָלק און זייער אַנטקרויננג פון אינטעליגענץ און געדאַנק. דערפאַר, וואָס זיי קאָנען ניט אויסנוצן די פרוכט פון וויסנשאַפטלעכן פּראָגרעס, שרייען זיי, אַז די טרויבן זיינען זויער.

די וויסנשאַפט איז אין ניינצענטן יאָרהונדערט געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל. די וויסנשאַפט האָט געאַרבעט פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט. איצט אָבער ווערט דער האָריזאָנט פאַרשמעלערט. וויסנשאַפטסלייט ווערן דערמוטיגט צו אַרבעטן אין די גרענעצן פון אַ געשלאָסענער סיסטעם פון עקאָנאָמישן נאַציאָנאַליזם. מען הייסט זיי אַרבעטן פאַר ענגלאַנד אַליין, אָדער פאַר דייטשלאַנד אַליין, כדי צו מאַכן ענגלאַנד, אָדער דייטשלאַנד אומאָפּהענגיג פון אַנדערע לענדער ; כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר ענגלאַנד, אָדער דייטשלאַנד, צו פאַרשליסן די טיר פאַר אַלעמען — אויב מען זאָל דאָס דאַרפן — און דאָך ניט הונגערן און ניט ליידן קיין מאַנגל פון קיינע פּראָדוקטן. די וויסנשאַפטסלייט מוזן פּראָדוצירן סינטעטישע אַרטיקלען צו פאַרבייטן די נאַטירלעכע פּראָדוקטן. אין זיך גופא איז דאָס ניט קיין שלעכטע זאַך, נאָר עס וואָלט אָפט געווען מער עקאָנאָמיש, ווען די פאָרשונג זאָל זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוצירן אינגאַנצן נייע אַרטיקלען פון אַ העכערער קוואַליטעט און פון אַ העכערן ווערט ; מיט אַנטדעקן נייע פאָרמען פון טרייב־

קראַפט מיט וויניגער שווערע איינריכטונגען; אָדער צו עקספּערימענטירן אויף דער גרענעץ־ליניע פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן — אויף אַט־דעם לעבעדיגן, וואַקסנדיגן ראַנד פון זאַכן, וואו ביאָלאָגיע באַגעגנט זיך מיט פיזיקע און כעמיע, און וואו ביידע קאָנען קומען צו אַן אויסגלייך מיט סאָציאָלאָגיע.

אויב די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט איז צו פאַרגרעסערן דעם וואויל־זיין פון מענטשן דורך דער פרייד פון וויסן, דורך אַ נאָענטערן קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכקייט און דורך באַהערשן די נאַטור לטובת דעם מענטשן, דעמאָלט מיינט דאָס אָפּווענדן די וויסנשאַפטסלייט פון ברייטערע אויפגאַבן צו דער בלויזער פאַרגרעסערונג פון די פּראָפיטן פון איינצלנע פירמעס דורך דער פאַרקלענערונג פון די אַרבעטס־קאָסטן; אָדער צו מאַכן איין פאָלק אומ־אָפּהענגיג פון אַ צווייטן צוליב מלחמה־צוועקן — פּראָסטיטואירן די וויסנ־שאַפט צוליב קאָמערציעלע געווינסן אָדער ענגע נאַציאָנאַליסטישע צוועקן. די נאָבעלערע זייטן פון דער וויסנשאַפט צוזאַמען מיט איר אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פאַרשווינדן.

די וויסנשאַפט האָט פאַר זיך צוויי און בלויז צוויי אויסוועגן. צוויי הארן פאַרלאַנגען איר געטריישאַפט: די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, וואָס נויטיגט זיך איצט זייער ווינציג אין דער וויסנשאַפט, חוץ דעם געביט פון מלחמה; דאָ פירט דער וועג צו וויסנשאַפטלעכן אונטערגאַנג און טויט. דער צווייטער איז דער וועג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג מיט איר פולשטענדיגער פּלאַנירונג אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב פאַר דעם מאַקסימום פּראָדוקציע מיט איר ערנסטער באַגריסונג פון יעדן בייטראָג, וואָס די וויסנ־שאַפט קאָן נאָר מאַכן, און מיט איר גרייטקייט אויסצושטאַטן די וויסנשאַפט און די וויסנשאַפטסלייט אויף אַ פּיל בעסערן אופן פאַר די צוועקן פון שלום, איידער די קאַפּיטאַליסטן באַזאָרגן זיי פאַר די צוועקן פון קריג. די וויסנשאַפט מוז מאַכן אַן אויסוואַל, און דער אויסוואַל איז אַן ענין פון לעבן און טויט.

## 3. די מאָראַלע פאַרלייקענונג פון קריסטנטום

אויב דער קאַפּיטאַליזם פּענטעט די וויסנשאַפט, פאַרברעכט ער אויך נעגן קריסטנטום און מאַכט אוממעגלעך די פאַרווירקלעכונג פון דעם געבאָט וועגן יושר, פרייהייט, אַ שאַפנדיג לעבן פון שפע און אַן אַלץ־ברייטערע פריינטשאַפט פאַר דער מענטשלעכער נשמה.

אַט־די פיר געבאָטן, וואָס געפינען אַן אָפּקלאַנג ביי יעדן נאָרמאַלן מענטשן, פליסן אַרויס נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך פון דער באַציאונג פון דעם גרינדער פון קריסטנטום צום איינצלנעם מענטשן און צו דעם ענד־ציל פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ביי „אים” האָט יעדער מענטש

געהאַט אַ ווערט אָן אַ שיעור, און „זיין" ציל פאַר דער געזעלשאַפט איז באַשטאַנען אין באַשאַפן אַ געמיינשאַפט פון אַלע מענטשן, אָפּגעזען פון קאָליר, געשלעכט, אָדער ראַסע. יעזוס שטעלט אַרויס אָט־די פאָדערונג פאַר דעם מענטשן מיט פּשוט'ער אָביעקטיווער דירעקטקייט. ער שטעלט דאָס אַרויס ווי דעם פונדאַמענטאַלן אמת בנוגע דעם מענטשן. צו פאַרלייקענען אָט־דעם אמת מיינט פירן צו אַן אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע, בשעת יאָהאַן דער טויפער האָט זיך דערגראַבן צו דעם גרויסן אוניווערסאַלן טעזיס, אַז גאָט איז אַ גאָט פון גערעכטיגקייט, איז יעזוס דערגאַנגען צו דער צווייטער גרויסער באַהויפּטונג, ווען ער האָט געזאָגט, אַז גאָט איז אַ גאָט פון ליבע; אַז ער איז דער פאָטער פון מענטשן, וואָס זיין זאָרג פאַר יעדן מענטשן איז אַזוי גרויס, אַז „ער" ציילט אפילו די האָר ביים מענטשן אויפן קאָפּ. אָט־די באַהויפּטונג פירט שוין ממילא צום פועל־יוצא, אַז אַלע מענטשן, ווי גאָט'ס קינדער, זיינען ברידער, און אַז אַלס אַזעלכע דאַרף מען זיי באַטראַכטן און אַזוי דאַרף מען זיי באַהאַנדלען. עס איז מיט רעכט אָנגעוויזן געוואָרן, אַז יעזוס איז געווען דער ערשטער מענטש אין דער געשיכטע, וואָס האָט אָנגענומען דעם מאָנאָטעאיזם מיט פולשטענדיגער מאָראַלער ערנסטקייט: איין גאָט, איין פאָטער פאַר אַלעמען, איין מענטשן־פאַמיליע, און דערפאַר טאָרן ניט זיין קיין ראַסן־דיסקרימינאַציעס, קיין נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און קיינע קלאַסן־אונטערשיידן. עס דאַרף זיין איין ברידערלעכקייט פון מענטשן אונטער איין גאָט.

קיין זאַך איז נישט אַזוי פונדאַמענטאַל בנוגע דעם קריסטנטום, ווי אָט־דער באַגריף. זאָל דאָס אָנערקענט ווערן, און דער געבאָט וועגן יושר, פרייהייט און אַ שפע פון שפעררישן לעבן פאַר יעדן מענטשן צוזאַמען מיט אַן אַלץ־ברייטערער ברידערלעכקייט פון אַלע מענטשן וועט נאָכפאָלגן, ווי דער טאָג פאָלגט־נאָך די נאַכט. זאָל דאָס נאָר אָנערקענט ווערן, און די עקאָנאָמישע אָרדענונג, וואָס ניט נאָר בינדט זי די וויסנשאַפט, נאָר זי שאַפט און דולדעט אַ צושטאַנד פון רייכטום זייט ביי זייט מיט אָרעמקייט, שאַפט און פאַראייביגט קלאַסן־אונטערשיידן, און באַווייזט ניט צו באַזאָרגן אַלעמען מיט די געלעגנהייטן צו קריגן אַרבעט, צו האָבן רו, בילדונג און זיכערקייט — אָט־די אָרדענונג וועט פאַראורטיילט ווערן צום טויט.

איך קאָן בשום אופן ניט האַרמאָניזירן דעם קאַפּיטאַליזם מיט קריסטנטום. די לערע פון יעזוס איז געוואָרן קלאָרער נאָך דעם, ווי „ער" איז דורך דער מאָדערנער קריטישער פאָרשונג אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון די געפאַרבטע שוי־פענצטער, וואו מיר זעען אַ טרוימענדיגן, פרומען און אומפּראַקטישן מענטשן, אין גאַנצן אויסגעטאָן פון עולם הזה — דעם „צאַרטן יעזוס, דעם באַשיידענעם און מילדן", ווי מען לערנט עס מיט קליינע קינדער, אַ יעזוס, וואָס גיט זיך אונטער צו אַלע אומשטענדן, איז ניט פאַראינטערעסירט אין פּאָליטיק און מיידט אויס צו שטעלן זיך געגן שעדלעכע סאָציאַלע

באדינגונגען אָדער צו פֿאַרדאַמען די הערשנדיקע קלאַסן, וואָס זיינען דערפֿאַר פֿאַראַנטוואָרטלעך.

זיין פּערזענלעכקייט איז געווען מיסטעריעז און זיין לערע האָט פֿאַר־מאָגט אַן עלעמענט פֿון אַנטפּלעקונג, וואָס מיר האָבן בלויז טיילווייז פֿאַר־שטאַנען. זיין לערע האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ שטאַרקע פּראַקטישע זייט און איז געווען סיי שטרענג און סיי גנעדיק, און האָט פֿאַרמאָגט אַ צאָרן, וואָס האָט געקאָנט זיך אָנצינדן ווי פֿייער, און אַ שאַרפֿע שפּראַך, וואָס איז קיינ־מאָל ניט איבערשטיגן געוואָרן דורך די סאַמע מיליטאַנטע געגנער פֿון קלאַסן־הערשאַפֿט. אפֿילו דער עלעמענט פֿון אַנטפּלעקונג האָט וואַרשיינלעך געהאַט צו טאָן מיט עולם הזה אַ סך מער ווי אַנדערע שטעלן זיך פֿאָר.

יעזוס האָט צום ווינציגסטן קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט אין די וואָלקנס דעם גלויבן אין דער ברידערלעכקייט פֿון מענטשן. ער האָט דאָס אַראָפּ־געבראַכט אויף דער ערד. ער האָט אַטאַקירט אַלץ, וואָס האָט געמאַכט שווער אָדער אוממעגלעך צו פֿאַרווירקלעכן אַזאַ ברידערלעכקייט. ער האָט אויסגע־שטרעקט אַ האַנט צו אַלעמען, וואָס האָבן דערמוטיקט ברידערלעכקייט און צו אַלע קרייזן, וואו ברידערלעכקייט האָט זיך געקאָנט גרינג אַנטוויקלען.

יעזוס האָט געגלויבט, אַז דאָס פּשוט'ע פֿאָלק איז נעענטער צו דער וועלט פֿון זיין דמיון, וואו אַ ברידערלעכע געמיינדע לעבט אונטער דער הער־שאַפֿט פֿון איין „פֿאָטער", איידער די קולטורעלע, געבילדעטע און רייכע אויבערשטע קלאַסן. דאָס פּשוט'ע פֿאָלק איז גוטהאַרציקער און ווייניקער גאוה'דיק, דערפֿאַר האָט ער זיינע ברכות געווענדט צום פּשוט'ן פֿאָלק — די פּויערים, די פֿישער־לייט און די באַלמעלאָכעס, מענטשן פֿון זיין אייגענעם שטאַנד. ער זאָגט צו די פּשוט'ע מענטשן, אַז די נייע וועלט איז באַשטימט פֿאַר זיי, ניט פֿאַר די רייכע, די וואוילהאָבנדע און זעלבסט־צופֿרידענע; „פֿרייט זיך, איר אָרעמע, איר זינדיקע, איר פֿאַראַכטעטע — די נייע וועלט איז באַשטימט פֿאַר אייך." און צו די פּשוט'ע מענטשן איז ער געקומען זוכן זיינע נאָכפֿאָלגער.

פֿאַר יעזוס'ן איז דאָס פּשוט'ע פֿאָלק געווען דער פֿונדאַמענט פֿון אַלץ. דאָס פּשוט'ע פֿאָלק איז ביי אים געשטאַנען העכער פֿון ראַסן, רעליגיע און רייכטום. אַזאַ געמיינשאַפֿט פֿון מענטשן האָט געפּאָדערט, אַז אַלע זאָלן האָבן אַ חלק אין די מאַטעריעלע רייכטימער דאָ אויף דער ערד. די מעשה מיט דעם „גוטן סאַמאַריטאַנער" לאָזט ניט איבער קיין צווייפֿל בנוגע יעזוס'עס שטעלונג צו אָט־די זאַכן. אַ כהן און אַ לוי — די גייסטלעכע פֿון יענער צייט — דערזעען אַ פֿאַרוואונדעטן, וואָס ליגט ביים וועג. זיי לאָזן אים ליגן, אַנגעבנדיק די קירך און די תפֿילה ווי אַן אויסרייד פֿאַר זייער פֿאַרנאַכלעסיקן פּשוט'ע מענטשלעכקייט. זיי האָבן פֿאַרפֿעלט צו דערזען אַ ברודער אין דער פּערזאָן פֿון אַ מענטשן אין נויט. זייער רעליגיע איז דערפֿאַר געווען פּוסט און אַ שטערונג: „אויב אַ מענטש זאָגט, אַז ער האָט ליב גאָט און האָט

פיינט זיין ברודער, איז ער אַ ליגנער.״ ווי אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דעם אָרטאָדאָקסישן גייסטלעכן קומט דער פרעמדער, אַ מענטש נישט קיין פרומער און פון אַ נידעריגערער ראַסע. ער גייט אַריבער דעם וועג און העלפט דעם פאַרוואונדעטן מיט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט — מיט זיין אויפפּאַסונג, מיט זיין בוימל, זיין וויין, זיין געלט און זיין אייזל — און אַזוי האָט ער געשאַפן אַ פריינטשאַפט אויף דעם באָדן פון געמיינזאַמער מענטשלעכקייט און געמיינזאַמער באַדערפעניש און דורך טיילן זיך מיט מאַטעריעלע זאַכן.

רייכטום, גאווה און אַ פאַלשע רוחניות זיינען אַ שטערונג אין דעם אויפבוי פון אַ נייער מענטשהייט. יעזוס האָט פאַרדאַמט די פאַלשע רוחניות, וואָס באַרעכטיגט גאווה און איגנאָרירט די הונגעריגע. זיין געגנערשאַפט צו אָט־די זאַכן האָט אויפגעפלאַקערט, ווען ער האָט דערזען ביי אַ סעודה ווי די פאַרמעגלעכע און כבוד־זוכנדיגע געסט רייסן זיך צו פאַרכאַפּן די בעסטע פּלעצער און איגנאָרירן אינגאַנצן דעם עולם, וואָס קאָן ניט צוקומען צו דער סעודה. ער פאַדערט־אויף די סנאָבישע כבוד־זוכער, וואָס ווילן פאַרכאַפּן די בעסטע פּלעצער, אַז זיי זאָלן זיצן מיט די מענטשן פון נידעריגערן שטאַנד אויף די ערגערע פּלעצער און אַז די איינלאַדונגען זאָלן געשיקט ווערן ניט צו דעם ענגן קרייז פון די רייכע, נאָר צו די הונגעריגע. זיינע ווערטער עקספּלאָדירן ווי באָמבעס. איין נאַרישער גאַסט, וועלכער האָט געוואָלט אוועקפירן דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג, האָט אויסגעשריען, פאַרגלאָצנדיג די אויגן צום הימל: „געבענטשט זאָלן זיין די, וועלכע עסן ברויט אין גאָט׳ס קעניגרייך״, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט רעדן וועגן דער צוקונפט, וועגן הימל און וועגן עסן; בשעת יעזוס האָט גערעדט וועגן דער געגנוואַרט, וועגן דער ערד און וועגן פּריוויליגיקייט. אין אַלע ציטן האָט די שטים פון פאַלשער רעליגיע פאַרוואַנדלט דעם הימל אין אַ מעכאַניזם אויף צו אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט און אויף צו פאַרנאַכלעסיגן די ערדישע ליידן.

ער האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו רייכטום אָט טאָקע דערפאַר, וואָס דאָס רייסט איבער די פאַרבינדונגען צווישן מענטש און מענטש. רייכטום שאַפט סאָציאַלע אונטערשיידן און סאָציאַלע פאַרטעמפּטקייט. דערפאַר ווערט רייכטום פאַרדאַמט אין דער מעשה וועגן דיוועס און לאַזאַרוס, אין יעזוס׳עס שאַרפן ענטפער צום רייכן יונגן מאַן און אין זיינע ווייטערדיגע ווערטער: „ווי וועלן די, וואָס האָבן געלט, קאָנען אַריינטרעטן אין דעם קעניגרייך פון גאָט?״

קיינמאָל איז אָט־דער עקל צו רייכטום און צו זעלבסט־צופרידנקייט און צו גאווה, וואָס נעמט זיך דערפון, נישט אויסגעדריקט געוואָרן מער טרעפלעך, ווי אין די פאָלגנדיגע ווערטער: „איר שלאַנגען, איר, וואָס זייט אַ דור פון פיאַוועס, ווי קאָנט איר אויסמיידן די קללה פון גיהנום?״ און קיינמאָל איז דער זעלבער צוגאַנג ניט אויסגעדריקט געוואָרן אויף קיין שענערן אופן,

ווי אין דער מעשה פון דעם זון דעם פאַרשווענדער, וואו דאָס רייכטום, צו וועלכן דער יונגערמאַן האָט געשטרעבט און דערגרייכט, האָט אים אָפּגעריסן פון זיין פאָטער און פון זיין היים און אים פאַרוואָרפן אַ פאַראָרעמטן צווישן פרעמדע מענטשן אין אַ ווייטן לאַנד.

רייכקייט אין געגנזאַץ צו אָרעמקייט האָט פאַר יעזוס'ן באַדייט פאַר־פרעמדט צו ווערן פון גאָט און פון לייט. און דאָס, וואָס איז געווען אמת אין די צייטן פון יעזוס'ן, איז טויזנט מאָל מער אמת היינט צו טאָג, ווען רייכטום, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין געציילטע הענט, גיט זיינע באַזיצער אַ מאַכט, וועגן וועלכער מען האָט פריער קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, און פאַר־אייבינגט קלאַסן־אונטערשיידן און נעמט־צו ביים אַרבעטער בוכשטעבלעך אַלץ.

יעזוס איז געווען שאַרף אויסגעשפּראָכן אין אָט־די ענינים. זיין ליבע איז טאַקע געווען צאַרט, נאָר קיינמאָל ניט אונטערטעניג און קיינמאָל ניט סענטימענטאַל. זי איז געווען מיליטאַנטיש און געגנעריש צו די הערשנדיגע קלאַסן און האָט פאַרגרעסערט די צאָל פון זיינע שונאים. דער רעוואָלוציאָ־נערער גייסט פון יעזוס'ן האָט געמוזט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם ענגן נאַציאָנאַליזם פון די פּרושים און מיט די חזקה־אינטערעסן פון די צדוקים. דאָס זיינען געווען די קלאַסן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די פּאָליציי, און ווען ער האָט זיי אַטאַקירט, האָבן זיי אים דער'הרג'עט. זיין טויט איז ניט געווען קיין צופאַל. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די אונטערדריקטע קלאַסן; ער האָט זיך פאַרמאָסטן געגן די פאַרמעגלעכע קלאַסן.

אָט־די פאַרבינדונג מיט די אָרעמע און אָט־דאָס פאַרמעסטן זיך געגן די רייכע איז היינט פונקט אַזוי אַ טייל פון דער קריסטלעכער לערע, ווי דאָס איז געווען אין ערשטן יאָרהונדערט. און דאָס קאָן היינט־צו־טאָג קאָסטן דעם נאָכפאָלגער פון אָט־דער לערע פונקט אַזוי טייער ווי דעמאָלט. דאָס איז, נאַטירלעך, ניט אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין קריסטנטום, און אויך ניט דער ענד־גילטיגער ציל פון קריסטנטום. עס איז גיכער פאַר אַלץ אַן אומבאַדינגט־נויטיגער אָנהויב. די פאַרגאַנצונג פון דער מענטשהייט, צו וועלכער דאָס קריסטנטום שטרעבט, מוז לויט דעם קריסטלעכן בליק ווערן פאַרענדיגט דורך אַ נאָך העכערער פאַרגאַנצונג. נאָר די העכערע פאַרגאַנצונג קאָן ניט קומען ביז די נידעריגערע האָט זיך ניט אָנגעהויבן. און דערפאַר, אויב אַ ברודער האָט געגן אונז עפּעס אַ קריוודע — און כּל זמן ער איז הונגעריג, בשעת מיר זיינען זאַט, האָט ער גאָר אַ גרויסע קריוודע געגן אונז — איז עס דער געבאָט פון יעזוס'ן, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן ביים מזבח די מתנה, וואָס מיר האָבן געבראַכט צו גאָט, און גיין און פריער שלום מאַכן מיט אונזער ברודער און דערנאָך ערשט קומען און אָנבאָטן אונזער מתנה.

## די פאַרלייקענונג פון גערעכטיגקייט

„ענגלאַנד איז דאָס לאַנד פון גערעכטיגקייט”. ניין פון צען צווישן די וואויהלאַבנדיגע קלאַסן נעמען דאָס אָן ווי אַ זיכערע זאַך. און דאָך איז עס פאַלש. וואו איז דאָ די גערעכטיגקייט, ווען אין צייטן פון קריזיס ווערן צוויי מיליאָן אַרבעטלאָזע דורך געוואַלד ניט צוגעלאָזט צו דער ערד, צו מאַשינען און צו געצייג, מיט וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט זיין פּראָדוקטיוו באַשעפטיגט, און ווערן פאַראורטיילט צו אַ מיזעראַבלער עקזיסטענץ אין גע־צוואונגענער אַרבעטלאָזיגקייט און דערדריקנדיגער אָרעמקייט? וואו איז דאָ דער יושר, ווען אין אַ יאָרהונדערט פון מעגלעכער שפע לעבן מיליאָנען אין אומנויטיגער נויט און אַ העלפט פון ענגלאַנד איז פּאַראַליזירט פון שרעק פאַר קראַנקהייטן, פאַר דער אָנקומענדיגער עלטער, אָדער די אַנדערע אומ־זיכערקייטן און צופאַלן פון לעבן?

אַ פריערדיגער קאַפּיטל פון דעם בוך האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און פון דער וויסנשאַפטלעכער אינדוס־טריע, וואָס שאַפן די מעגלעכקייט צו באַזאָרגן אַ לעבן פון שפע פאַר אַלעמען. שטעלט אַוועק זייט ביי זייט מיט אָט־דער מעגלעכקייט דאָס בילד פון דער פאַרמיידלעכער אָרעמקייט אין ענגלאַנד, און זאָגט וואו איז דאָ די גערעכטיג־קייט. בשעת מען באַגרענעצט די פּראָדוקציע פון מילך און בשעת מען וואַרפט הערינג צוריק אין ים אַריין, זיינען ענגלישע קינדער נידעריגער פון נאָרמאַלן וואוקס און ניט־דערנערט — אַ גאַנץ זעקסטל פון דער קינדער־באַפעלקערונג אין אַזאַ צושטאַנד!

דאָס איז ניט קיין ווילדע באַהויפּטונג און ניט גלאַט אַ סברה, נאָר אַ פאַקט, וואָס איז באַזירט אויף קאַלטע ציפערן.

סער דזשאָן בויד אָר, למשל, איינער פון די באַרימטסטע ענגלישע עקס־פּערטן איבער דיעטע, האָט אויסגערעכנט אין זיין לעצטן בוך „שפּייז, געזונט און איינקונפט”, אַז אַ העלפט פון אונזער באַפעלקערונג איז ניט־דערנערט. אָפּשאַצנדיג, אַז עס דאַרף קאָסטן צען שילינג אַ וואָך אויף אַ מענטשן פאַר אַ געהעריגער דיעטע, ווייזט ער אָן, אַז בלויז אַ העלפט פון אונזער באַפעל־קערונג קאָן דאָס באַווייזן. ער קלאַסיפיצירט די ענגלישע באַפעלקערונג אַזוי:

4,500,000 מענטשן גיבן אויס 4 שילינג *) אַ וואָך אויף שפּייז
9,000,000 מענטשן גיבן אויס 6 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז
9,000,000 מענטשן גיבן אויס 8 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז
9,000,000 מענטשן גיבן אויס 10 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז
9,000,000 מענטשן גיבן אויס 12 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז
4,5000,000 מענטשן גיבן אויס העכער 14 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז

*) פיר שילינג איז עטוואָס ווייניגער פון אַ דאָלאַר אין פאַר־מלחמה־געלט.

דער קלאַס, וואָס גיט אויס וויניגער פון 4 שילינג אַ וואָך אויף שפּייז פּער פּערזאָן, נעמט אַריין אַ זעקסטל פון אַלע קינדער אין ענגלאַנד. וואו איז דאָ דער יושר?

און זייט ביי זייט מיט די פאַקטן, וואָס סער דזשאָן בויד אָר האָט געבראַכט קאָנען מיר ציטירן די רייד פון סער דזשאָרדזש ניומאַן, וועלכער שרייבט אַזוי אין זיין בוך „דאָס בילדן פון דעם געזונט פון אַ פאָלק״:

„עס איז וויכטיג, אַז די מאַסן און די מעדיצינישע פּראָפעסיע זאָלן קלאָר פאַרשטיין, אַז די שטערבלעכקייט צווישן מוטערס און זויגלינגען איז נאָך אַלץ זייער גרויס דאָ אין לאַנד. קיין איינע פון אָט־די פאָרמען פון שטערבלעכקייט קאָן, נאַטירלעך, ניט רעדוצירט ווערן צו נול, נאָר צוויי פאַקטן זיינען זיכער: ערשטנס, די אורזאַך פון אַ גרויסער שטערבלעכקייט צווישן מוטערס און ערשט־געבוירענע קינדער איז ניט אומבאַקאַנט און ניט מיסטעריעז. די אורזאַכן זיינען גאַנץ גוט באַוואוסט און מען קאָן זיי אין אַ גאָר גרויסער מאָס פאַרמיידן. בכלל גערעדט, קאָן מען זאָגן, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין שטערבלעכקייט־פּראָצענט, וואָס איז מער פּאַטעטיש, מער דיסקרעדיטירנדיג און אומנויטיג ווי די שטערבלעכקייט פון מוטערס און ערשט־געבוירענע קינדער. צווייטנס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרקלענערונג אין די ביידע פאָרמען פון שטערבלעכקייט, וואָס דאָס איז אַ דערמוטיגונג, נאָר עס איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע באַאַמטע זאָלן אין יעדן טייל פון לאַנד אומאויפהערלעך און עקשנות'דיג באַשטייען אויף דער נויטווענדיגקייט אויסצונוצן די מאַכט, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט זיי געגעבן צו ראַטעווען אָט־די מוטערס און אָט־די קינדער. מיר זיינען נאָך איצט גאַנץ ווייט פון האָבן געבראַכט אָט־די שטערבלעכקייט צו דעם מעגלעך־קלענסטן מינימום.״

מיר קאָנען אָט־דאָס בילד מאַכן נאָך מער רעאַל, ווען מיר וועלן נעמען עטלעכע קאָנקרעטע פאַלן, וועלכע איך ציטיר מיט דער דערלויבעניש פון מר. וואַל. הענינגטאָן פון זיין בוך: „די פּראָבלעמען פון די קריזיס־דיסטריקטן״:

„פאַל נומער 1. מר. אי. פּי. פון אַבערדעיר, גלאַמאָרגאַן. די פאַמיליע באַשטייט פון מאַן, פרוי און פיר קינדער, וואָס זיינען אין עלטער פון צוויי, פיר, זעקס און ניין יאָר. וועכנטלעכער איינקונפט פון אַרבעט־לאָזער שטיצע — 38 שילינג. די באַדינגונגען אין דער פאַמיליע זיינען אַזעלכע, אַז מען מוז קאָכן אויף אַן אָפענעם פייער, ווייל עס איז ניטאָ קיין גאַז־אויוון. עס איז ניטאָ קיין אָנשטענדיגע שפּייז־שאַפע און קיין פלייש־קאַסטן. וואָס אָנבאַלאַנגט געשיר, פאַרמאָגט די פאַמיליע איין טשייניק מיט אַן אָפּגעבראָכן פּיסקל, דריי טעפּלעך, אַ פאַן און איין גרויסן טאָפּ. זיי האָבן צוויי לעבערדיגע שיסלען. די לעכער זיינען פאַרשפּאַרט מיט שמאַטקעס. זיי האָבן ניט קיין איין גרויסן טעלער און קיין מעסער צו שניידן ברויט. עס זיינען דאָ בלויז פיר „קאָפּס״ און צוויי שאָלן אויף אַ פאַמיליע פון זעקס. זיי פאַרמאָגן צוויי מעסערס, צוויי לעפל,

דריי גאָפּלען און פיר קליינע טעלער. דער דיל ביי זיי אין קיך איז פון נאַקעטן שטיין אָן וועלכן ס׳איז צודעק פון לינאָלעאום אָדער טעפּיך. די פאַמיליע פאַרמאָגט בלויז איין קאָלדרע און האָט ניט נישט קיין ליילעך און ניט קיין ציכל. מען דעקט זיך צו מיט אַלטע מאַנטלען און מיט אַנדערע אַלטע זאַכן. דירה־געלט באַטרעפט 8 שילינג און 6 פּענס אַ וואָך; 1 שילינג און 3 פּענס גייט אויף אינשורענס; 3 שילינג און 4 פּענס — אויף קוילן; 1 שילינג 6 פּענס — אויף באַלייכטונג, און אַ דורכשניט פון 2 שילינג אויף פאַרריכטן שיך און אַזוי ווייטער; וואָס דאָס לאָזט איבער 1 פונט, 1 שילינג און 5 פּענס אויף שפּייז, קליידונג און פאַרשיידענע אויסגאַבן פאַר אַ פאַמיליע פון זעקס מענטשן. די זעקס מענטשן פאַרמאָגן בלויז דריי בענקלעך. די צוויי ספּרוזשינע־מאַטראַצן אין שלאָף־צימער זיינען צעבראָכן, און אין צימער איז אַ חוץ די בעטן קיין מעבל ניטאָ. עס איז אַפילו ניטאָ קיין טישל וואו אַוועק־צושטעלן אַ ליכטל. עלעקטרישע באַלייכטונג איז דאָ בלויז אין צוויי פון די פיר צימערן. איין צימער איז אינגאַנצן ליידיג.

„פאַל נומער 2. מרס. מ. דזש. פון סוואַנסי. די פאַמיליע באַשטייט פון אַ פאָטער, מוטער און אַכט קינדער, וואָס זיינען אין עלטער פון פערצן, דרייצן, צוועלף, צען, זיבן, פינף, דריי יאָר און פון פינף חדשים. דער איינקונפט פון אַלע קוואַלן באַטרעפט 2 פונט מיט 5 שילינג אַ וואָך. אָט־די פאַמיליע פון צען מענטשן פאַרמאָגט בלויז איין טשייניק, איין טעפּל, איין פאַן און קיינע אַנדערע קאָך־מכשירים. עס איז דאָ בלויז איין גרויסע שיסל, וואָס ווערט באַנוצט פאַר פאַרשיידענע צוועקן. פון טיש־געשיר איז דאָ זעקס גרויסע „קאָפּס" און שאָלן, צוויי מעסערס, דריי גאָפּלען, פיר טיי־לעפעלעך, איין גרויסער לעפל און אַכט טעלער. דער דיל איז מיט גאָר ניט צוגעדעקט, נאָר דאָ און דאָרט איז אָנגעוואָרפן אַ שטיקל שמאַטע. די בערשטלעך צו ריי‌ניגן דעם דיל זיינען אויסגעריבן, און די פאַמיליע קאָן ניט באַווייזן צו קויפן קיין נייע. עס זיינען ניטאָ קיין בערשטלעך אויף צו פוצן די שיך און עס איז דאָ בלויז איין עמער. די גאַנצע פאַמיליע נויטיגט זיך זייער שטאַרק אין אַלע מינים קליידער. קינדער מוזן אָפט בלייבן אין דער היים און ניט גיין אין שול, ספּעציעל ווען עס רעגנט, ווייל זייערע שיך זיינען אין זייער אַ שלעכטן צושטאַנד. מרס. מ. דזש. זאָגט אין איר ענטפער אויף דעם פראַגע־בויגן: „עס איז אוממעגלעך אָנצוגעבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אונזער ווירקלעכע לאַגע. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז באַשטימט ניט־דערנערט און האָט ניט וואָס אָנצוטאָן. דירה־געלט, באַלייכטונג, באַהייצונג, אינשורענס און אַזוי ווייטער נעמט צו 20 שילינג אַ וואָך. אונז בלייבט איבער 25 שילינג אויף אויסצוהאַלטן די פאַמיליע מיט אַלעם איבעריגן." די פאַ־מיליע פון צען מענטשן וואוינט אין צוויי צימערן. עס זיינען עטלעכע מאָל געמאַכט געוואָרן אַפּליקאַציעס צו די לאָקאַלע הויז־פאַרוואַלטונגען צו באַזאָרגן די פאַמיליע מיט אַ מוניציפּאַלער וואוינונג, נאָר אָן רעזול־טאַטן, כאָטש מרס. מ. דזש. דערקלערט: „אונזער רענט האָבן מיר שטענדיג געצאָלט און צאָלן אין צייט."

„פינף און צוואַנציג שילינג אויף אויסצוהאַלטן די פאַמיליע מיט אַלעם איבעריגן." וועגט־אָפּ די ווערטער זייער פאָרזיכטיג. פריער פאַר אַלץ קומט

שפייז. אויב מען וואָלט פון די 25 שילינג אפילו ניט געדאַרפט דעקן קיין אַנדערע אויסגאַבן, נאָר בלויז קויפן שפייז, וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט האָט אַ מוטער — וואָס פאַר אַ בריה זי זאָל ניט זיין — אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע פון צען מענטשן אויף 25 שילינג אַ וואָך? רעכנט דאָס אַליין אויס, גיט אַ טראַכט וועגן דעם געזונטן אַפּעטיט פון אייער אייגן קינד, און דעמאָלט הערט זיך איין ווי די מוטער פון אָט־דער פאַמיליע זאָגט צו איר הונגעריג קינד, וואָס בעט אַ רייפטל ברויט איידער עס גייט שלאָפן: „אויב דו וועסט איצט עסן, וועסטו ניט האָבן וואָס צו עסן מאָרגן צו פרישטיק.״ און איצט מאַכט אַליין אויס אַ צעטל פון די זאַכן, וואָס מען דאַרף איינקויפן פאַר אַ פאַמיליע פון צען. געדענקט, אַז עס איז שוין ניט קיין 25 שילינג, נאָר דאָס, וואָס עס איז געבליבן פון די 25 שילינג נאָך דעם, ווי אַנדערע אומפאַרמייד־לעכע אויסגאַבן זיינען געדעקט געוואָרן. רעכנט אויס וויפיל ברויט, מילך, פוטער, גרינסן און פלייש מען קאָן פאַר דעם קויפן. און גיט אויך אַ טראַכט וועגן אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט און וועגן דעם, אַז עס איז דאָ איין קאָלדרע אויף אַ פאַמיליע פון זעקס מענטשן.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס קלאָגעדיגע צעטל פון געשיר און קליידער איז אפשר נאָך מער דראַמאַטיש, איידער דער מאַנגל אין שפייז, ווייל אָט־דאָס צעטל דעקט אויף די נאַקעטע נויט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון שטענדיגער אַרבעטלאָזיגקייט אין אַ געגנט, וואו די פריינט פון דעם אַרבעטלאָזן זיינען אויך רעדוצירט פון אַ בעסער לעבן צו בעטלעריי. אין איין פאַמיליע איז געווען אַזאַ לאַגע:

„דער ווייב׳ס קליידונג איז באַשטאַנען פון אַן אונטערקליידל, איין פאָר זאָקן, איין שטוב־קליידל, איין קליידל אויף גיין אין גאַס, קיין איין נאַכט־העמד און בלויז איין פאָר שיך. די טאָכטער האָט זייער ווייניג אונטערוועש, קיין איין נאַכט־העמד, קיין איין פאָר גוטע זאָקן, איין פאָר זאָקן וואָס זיינען שטאַרק פאַרמערעזשעט, צוויי לייבלעך, פון וועלכע איינס איז אַלט, אָפּגעטראָגן און אויסגעריבן. דער מאַן פאַרמאָגט איין פאָר הויזן, צוויי כאַקי־העמדלעך, וואָס זיינען כמעט אינגאַנצן אויסגע־טראָגן; איין רעקל, וואָס איז אויסגעריבן און פאַרלאַטעט, אַ קעפּקע, איין צווייטהאַנטיגן רעגן־מאַנטל און איין פאָר שיך.״

די ענגלענדער האָבן ניט קיין הערצער פון שטיין. קיין איין אָנשטענ־דיגער מענטש, וואָס הערט אַזעלכע געשיכטעס און שטעלט זיך פאָר די גרויסע נויט, וואָס זיי באַשרייבן, קאָן ניט בלייבן ניט־גערירט. מיר זיינען ניט פאַרשטיינערט און ניט אכזריות׳דיג, מיר זיינען פשוט אומוויסנד — גוואַלדיג אומוויסנד — בנוגע דער אמת׳ער לאַגע.

אַן ענגלישער בישאָף האָט ניט לאַנג צוריק דערקלערט, אַז די צאָל ניט־דערנערטע מענטשן אין ענגלאַנד איז זייער אַ קליינע און אַז מערסטנס איז דאָס זייער אייגענע שולד. איך קאָן אָט־דעם בישאָף. ער איז אַ פיינער מענטש,

נאָר אין אָט־דער פּראַגע איז ער אומוויסנד — אפילו אין באַצוג צו דעם לעבן פון זיין אייגענעם שכן. ער וואוינט אין אַן אויסערגעווייגלעך רייך שטעטל, מיט אַ וועלכע 87,000 איינוואוינער. מיינער אַ פריינט, אַ גלח אין יענעם שטעטל, האָט מיר דערציילט, כמעט אין דער זעלבער צייט ווען דער בישאָף האָט געמאַכט זיין דערקלערונג, די פאָלגנדיקע פאַקטן וועגן איינעם אין זיין געמיינדע: „אַ פאָטער, אַ מוטער און צען קינדער; זיי זיינען זייער שפּאָרזאַמע און געאַכטעטע מענטשן. דער וועכנטלעכער לוין איז 50 שילינג; דירה־געלט באַטרעפט 10 שילינג אַ וואָך."

מאַכט אייער אייגענעם חשבון. דריי שילינג און פיר פּענס אויף יעדן איינעם אין דער פאַמיליע פאַר אַלע באַדערפעניש, איינשליסנדיק שפּייז. וואָלט דער בישאָף דאָס דערלויבט און וואָלט ער זיך ניט באַקלאָגט, ווען זיין אייגענער זון, אָדער זיין אייגענע טאָכטער זאָלן לעבן אויף אָט־די נישטיקע גראָשנס? אויב איר פרעגט: „פאַרוואָס זאָלן זיי האָבן אַזאַ גרויסע פאַ־מיליע?" מעג איך פרעגן: „וואָס פאַר אַ דערמוטיקונג פאַר געבורט־קאָנטראָל קריגן די אָרעמע מוטערס פון דער קירך און פון דעם לאַנד?"

דערמיט איז דער ענין ניט פאַרענדיקט געוואָרן. נאָך דעם, ווי דער בישאָף האָט געמאַכט זיין דערקלערונג, האָט אַ ספּעציעלע קאָמיטע, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון צוואַנציק אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם פריערדיקן מעדיצינישן באַאַמטן פאַר געזונט־אָפּהיטונג אַלס וויצע־פאָרזיצער, דורכגעפירט אַ וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג אין דעם בישאָפ'ס שטאָט, שטודירנדיק די אומשטענדן פון הונדערט כאַראַקטעריסטישע אַרבעטער־פאַמיליעס. די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג האָבן אויפגעטרייסלט דעם געוויסן פון דער גאַנצער געמיינדע. און די איינוואוינער וואָלטן געוואָרן נאָך מער אויפגעטרייסלט, ווען זיי וויסן די באַדינגונגען ניט בלויז פון אָט־דעם רייכן שטעטל, נאָר פון אַן אינדוסטריעלער געגנט אָדער פון אַ קריזיס־דיסטריקט. אומוויסנהייט איז ברוטאַל און געפערלעך.

* * *

דער אוניווערזיטעט פון בריסטאָל האָט ניט לאַנג צוריק געמאַכט אַן אויספאָרשונג פון די לעבנס־באַדינגונגען אין דער שטאָט. פאַר מיר ליגן די רעזולטאַטן פון אָט־דער אויספאָרשונג. דאָס איז נאָך איין קאַלטער וויסנ־שאַפטלעכער דאָקומענט אָן פּליטערלעך. איך דערוויס זיך, אַז אויף דעם גרונט פון די סאַמע מאָדערנסטע פאָרשונגס־מעטאָדן האָט איין דריטל פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג פון בריסטאָל ניט גענוג פון די נויטיגסטע לעבנס־מיטלען; איינס פון יעדע פינף קינדער פון די אַרבעטער קריגט ניט דעם מינימום פון נויטיגער שפּייז. און בריסטאָל איז ניט קיין קריזיס־דיסטריקט. דאָס איז אַ בליענדיקע און רייכע שטאָט, און די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן אין סאַמע ברען פון דעם „בום" אין 1937.

* * *

צו רעדן וועגן גערעכטיגקייט בשעת עס עקזיסטירט אַזאַ אומדערלאָזבאַרע נויט, איז אומזין. מאַסן מענטשן לעבן אונטער באַדינגונגען פֿון שרעקלעכער גרויזאַמקייט און אומגערעכטיגקייט, וואָס ס'איז גאָר שווער זיך אַזוינס פֿאָרצושטעלן. זיי האָבן ניט די נויטיגסטע זאַכן, צו וועלכע זיי זיינען על פּי יושר באַרעכטיגט, ווייל די שפע, וואָס פֿליסט איצט פֿון דער אינדוסטריעלער מאַשין, איז על פּי יושר ניט אינגאַנצן און ניט אויסשליסלעך דאָס אייגנטום פֿון די, וואָס „באַזיצן" גראָד דאָס לאַנד און די מאַשינען. דער פֿאָלגנדיגער אַרגומענט און אַנאַליז פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט וועט דאָס אַרויסברענגען:

דער מענטש האָט דערגרייכט זיין איצטיגע מאַכט פֿון כמעט אומבאַגרענעצטער פּראָדוקציע נאָך דעם, ווי ער האָט אויפֿגעגעבן זיין זעלבסט־שטענדיגקייט און האָט גענומען אַרבעטן געמיינשאַפֿטלעך מיט אַנדערע. בלויז דורך געמיינשאַפֿטלעכער אַרבעט מאַכן מיר פֿאָרשריט. נאָר אַריינטרעטן אין אַ געמיינשאַפֿט מיינט מקריב זיין די פּערזענלעכע זעלבסטשטענדיגקייט; אין אַ „טים" קאָן מען זיך אָנשפּאַרן אויף אַנדערע. אַזוי איז עס ביים קלעטערן אויף די אַלפּן־בערג. דער מענטש קאָן אַליין ניט באַזיגן די שפּיצן פֿון די אַלפּן־בערג, נאָר צוזאַמען מיט אַנדערע קאָן מען בייקומען אפֿילו דעם באַרג עווערעסט.

גאָר לאַנג צוריק, אין די פּרימיטיווע צייטן, איז דער מענטש געווען אַ פֿולשטענדיג זעלבסטשטענדיגע באַשעפֿעניש. ער איז געגאַנגען אויף געיעג צוליב זיין אייגענער שפּייז; ער האָט געזייט זיין אייגן פֿעלד און האָט פֿאַר זיך אַליין געמאַכט זיינע קליידער. פּראָדוצירט האָט ער ווייניג. נאָר ווען ער האָט זיך פֿאַראייניגט מיט אַנדערע מענטשן, האָט ער אָנגעהויבן שטעלן לענגערע טריט. ער האָט שוין מער ניט געשטרעבט בלויז צו שפּייזן און קליידן זיך אַליין, ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרקערן מיט זיינע מיט־מענטשן און צו ספּעציאַליזירן זיך אויף געוויסע אַרבעטן. אַרבעטנדיג געמיינשאַפֿטלעך מיט אַנדערע, איז זיין פּראָדוציר־קראַפֿט גוואַלדיג געשטיגן. די מענטשהייט ווי אַ גאַנצע איז געוואָרן רייכער, נאָר אויף יעדער נייער שטופֿע האָט דער איינצלנער מענטש פֿאַרלאָרן נאָך אַ ביסל פֿון זיין זעלבסטשטענדיגקייט.

די געמיינשאַפֿט אין דער פּראָדוקציע האָט מיט דער צייט דורכגעבראָכן אַ וועג צו גאָר נייע מעגלעכקייטן פֿאַר רייכטום. קענטעניש און וויסנשאַפֿט זיינען אַנטשטאַנען, און וויסנשאַפֿטלייט האָבן אַנטדעקט אומבאַגרענעצטע קוואַלן פֿון קראַפֿט — קראַפֿט, וואָס האָט פֿאַרשטאַרקט דעם מענטשנ'ס מוס־קולן אויף טויזנט מאָל אַזויפֿיל; קראַפֿט, וואָס האָט באַטריבן די מאַשינען, וואָס די וויסנשאַפֿט האָט דערפֿונדן; קראַפֿט, וואָס קאָן זיך שוין באַגיין בלויז מיט אַ מינימום פֿון מענטשלעכער הילף. די מאַשינען זיינען געוואָרן אויטאָמאַטיש באַטריבן און אויטאָמאַטיש קאָנטראָלירט, און דער אָרעמער מענטש, וואָס זיין ווילינקייט האָט אייגנטלעך מעגלעך געמאַכט די געמיינ־שאַפֿטלעכע מעטאָדן פֿון פּראָדוקציע, איז אין אַלץ אַ גרעסערער צאָל אַראָפּ־

געטריבן געוואָרן פון דעם לאַנד, וואָס ער האָט אויפגעגעבן, און דערנאָך איז ער אוועקגעשטופּט געוואָרן פון די מאַשינען, וואָס ער האָט מעגלעך גע־מאַכט זייער סאַמע עקזיסטענץ דורך דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער און אָרגאַניזירטער געמיינדע.

אַזוי אַרום ליידן אַ סך מענטשן, דורך אַרבעטלאָזיגקייט, פון אַ שווערער, כּאָטש אַ פאַרשטעלטער, אומגערעכטיגקייט. זיי זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ערד; מען האָט זיי אַריינגענאַרט אין געמיינשאַפטן; זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף געוויסע אַרבעטן און זיי זיינען געוואָרן הילפלאָז, סיידן זיי קריגן אַ געהעריגן חלק פון דעם איינקונפט, וואָס גייט צו די אייגנטימער פון דער געמיינשאַפטלעך־געשאַפענער מאַשין און פון דעם לאַנד, וואָס איז געוואָרן ווערטפול אַ דאַנק דער געמיינשאַפטלעכער אַרבעט פון דער זעלבער געזעלשאַפט.

פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט איז אָט־דער פּונקט פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אַ ווייטערדיגע פּשוט׳ע אילוסטראַציע וועט דאָס אפשר מאַכן נאָך קלאָרער.

ווען דער מענטש האָט צעגראָבן זיין אייגענעם אַקער ערד און זיך פאַר־לאָזט אויף אַנדערע צו זייען און שנײַדן און שפּינען, איז ער פאַרבליבן אַ פּאַכמאַן, וועלכער האָט זיך פאַרדינט זיין ברויט, כּאָטש ער האָט פאַרלאָרן זיין פייאיגקייט צו זיין זעלבסטשטענדיג. גערעכטיגקייט האָט געפאָדערט, אַז ער זאָל קריגן אַ גלייכן חלק אין דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע. מיט דעם אָנקומען פון דער מאַשין איז פאַר דעם מענטשן מעגלעך געוואָרן צו פּראָדוצירן אַ סך מער ווי פריער, נאָר די מאַשין האָט דעם מענטשן באַ־רויבט פון זיין פייאיגקייט אַלס פּאַכמאַן. די מאַשין, וואָס פאַרבייט דעם מענטשן, איז די פרוכט פון דער געמיינשאַפטלעכער אונטערנעמונג, וואָס מיר רופן וויסנשאַפט. זי איז אַ רעזולטאַט פון געמיינשאַפטלעכער מי, און דעריבער דאַרף די גאַנצע געזעלשאַפט און יעדער יחיד, וואָס שטעלט צוזאַמען די געזעלשאַפט, קריגן צום ווינציגסטן אַ חלק אין דער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע.

און ווען אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשין קומט אום דעם איינצלנעם מענטשן צו מאַכן ניט אפילו קיין שוך, נאָר אַ צוואַנציגסטל פון אַ שוך, און ווען די מאַשין מאַכט־אויף דעם גאַנצן שוך אָן דעם צוריר פון אַ מענטשלעכער האַנט, דעמאָלט איז שוין דער איינצלנער מענטש אינגאַנצן אויף צרות. די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט און איר פּראָדוקט, די מאַשין, צו וועלכער ער האָט צוגעשטימט און צו וועלכער ער מוז איצט שוין צושטימען באין ברירה, נאָר וועלכע ער האָט אַ רעכט ווי אַ מיטגליד פון דער געמיינדע וואָס האָט באַשאַפן די מאַשין, צו באַטראַכטן טיילווייז אַלס זיין אייגנטום — אָט־די מאַשין האָט ביי אים צוגענומען זיין זעלבסטשטענדיגקייט, זיין פּאַכ־

מענישקייט און זיין פּרנסה און האָט אים גאָר ניט געגעבן אין אויסטויש. דאָס איז דער העכסטער פּונקט פון אומגערעכטיגקייט.

עס איז אויך דער העכסטער פּונקט פון לעכערלעכקייט, ווייל כאָטש מיליאָנען שיך שטראָמען פון די מאַשינען, וואָס ארבעטן אָן מענטשלעכע הענט, איז אָבער ניטאָ ווער עס זאָל זיי טראָגן. ארבעטער, וואָס האָבן ניט קיין סענט ביי דער נשמה, קאָנען ניט קויפן קיין שיך. אומגערעכטיגקייט און זינד האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשין. גערעכטיגקייט פאָדערט דערפאַר, אַז די געזעלשאַפט זאָל ווערן די אייגנטימערין פון די פּראָדוציר־מאַשינען און זאָל אָנהאַלטן קאָנטראָל איבער זיי, נאָר דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט אַ יושר־דיגער באַלוינונג פאַר די, וועמען די געמיינדע האָט אַזוי לאַנג דערלויבט אָנצוהאַלטן דאָס אַבסאָלוטע רעכט אויף דער ערד און אויף די מאַשינען.

## די פאַרלייקענונג פון פרייהייט

דער פאַקט פון אינדיווידועלער פרייהייט אין ענגלאַנד ווערט באַטראַכט פאַר פּונקט אַזוי גילטיג ווי דער פאַקט בנוגע גערעכטיגקייט, און מיט פּונקט אַזוי ווייניג באַגרינדונג. די מאַסן פעלן־אויס אַ סך וויכטיגע עלעמענטן פון פרייהייט. עס פעלט זיי ספּעציעל די פרייהייט אויסצוקלייבן זייער אייגענע ארבעט, אין וועלכער זיי זאָלן זיך קאָנען אריינוואַרפן מיטן גאַנצן הארצן און געבן אויסדרוק צו זייער פּערזענלעכקייט. דאָס איז אמת סיי בנוגע דעם דאָקטאָר, דעם גאַסן־קערער, דעם קינסטלער, צי דעם באַלמעלאָכע. אָן דער באַפרידיגונג פון אָט־דעם הויפּט־אימפּולס זיינען אַלע אנדערע פאָרמען פון פרייהייט פון אַ מינדערער באַדייטונג און וויכטיגקייט. פרייהייט אין ענגלאַנד איז מערסטנס די פּריווילעגיע פון די אינדוסטריעלע און האנדלס־קלאַסן און האָט הינטער זיך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. אָט־די פרייהייט פאַר די רייכע האָט אַ נייגונג צו פאַרוואַנדלען זיך אין הפקרות און באַדראָעט די געזעלשאַפט מיט ערנסטע געפאַרן.

מען קאָן אָבער ניט לייקענען, אַז עס זיינען פונדעסטוועגן דאָ אין דער ענגלישער פרייהייט אויסערגעוויינלעך ווערטפולע עלעמענטן, וועלכע אַלע טיילן ביז אַ געוויסער מאָס, און וועלכע זיינען דעראָבערט געוואָרן פאַר אַ פּרייז, וואָס בלויז היסטאָריקער וועלן דאָס קאָנען אָפּשאַצן.

רעליגיעזע און פּאָליטישע פרייהייט דאָ אין לאַנד איז אַן אומשעצבאַרע ירושה, וואָס קיין אַנדער לאַנד, דאַכט זיך, פאַרמאָגט ניט אין אַזאַ מאָס. קיין ענגלענדער ווערט ניט באַשטראָפט פאַר עפנטלעכער רעליגיעזער דינסט. קיין געזעץ פאַרבאָט ניט די פרייע פאַרשפּרייטונג פון אונזער רעליגיעזער ליטעראַ־טור און עס ווערט אויך ניט באַגרענעצט אונזער רעכט צו לערנען מיט אונזערע קינדער וועלכע רעליגיע מיר זאָלן ניט וועלן.

מיר האָבן געקראָגן בירושה אַ פרייהייט פון וואָרט און אַ פרייהייט פון

דער פרעסע, וואָס איבערשטייגן די זעלבע פרייהייטן אין אַלע אַנדערע לענדער און וואָס האָבן אַן אומפאַרגלייכלעכן ווערט. עס איז אמת, אַז אָט־די פרייהייטן זיינען איצט באַשרענקט געוואָרן, נאָר אפשר האָט מען דאָס געמוזט טאָן. מיר מוזן זען, אַז די באַשרענקונגען זאָלן נאָך דער מלחמה באַזייטיגט ווערן.

די פרייהייט פון פרעסע איז אַ פראַזע, וואָס ווערט זייער לייכטזיניג באַנוצט. מערסטנס — כאָטש ניט אויסשליסלעך — האָבן דאָס די רייכסטע מענטשן די מעגלעכקייט אויסצונוצן די פרייהייט צו פאַרשפרייטן מיינונגען דורך דער פרעסע. צו פאַרמאָגן און באַטרייבן אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג — דאָס איז די פריווילעגיע פון די גאָר רייכע. די, וואָס צאָלן דעם קלעזמער, באַשטעלן דעם טאַנץ. מען דאַרף האָבן אַ גרויס פאַרמעגן צו קאָנען אָנהאַלטן אַ מאָדערנע טעגלעכע צייטונג. דאָס גיט די אַסטאָרס און די ביווערברוקס אַ ריזיגן איינפלוס אין וועלט־פּאָליטיק און אין דער היימישער עקאָנאָמיק. די מאַס, אין וועלכער די סאַמע רייכסטע באַזיצן — טאַקע אַ דאַנק זייערע ריזיגע פאַרמעגנס — די אמת'ע פרייהייט פון דער פרעסע, דורך וועלכער זיי באַאיינפלוסן ענגלישע רעגירונגען, אָט־די מאָס קאָן אָפּגעשאַצט ווערן פון די לייענער פון דער לאָנדאָנער „טאַימס", וואָס באַלאַנגט צו די אַסטאָרס און ווערט פאַרשפרייט צווישן די אָרעמערע גייסטלעכע צו האַלבן פרייז, כדי צו קאָנען פאַרגרעסערן דעם קאָנטראָל אויף איינפלוסרייכע קרייזן.

דאָס אַלץ איז אמת. פונדעסטוועגן זיינען אונזערע פרייהייטן סיי פון דער פרעסע און סיי פון וואָרט זאַכן פון אומשעצבאַרער ווערט, וואָס מיר דאַרפן באַשיצן ביז צו אונזער לעצטן אָטעם־צוג. מיר האָבן טאַקע ניט קיין קאָנטראָל איבער דער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט פאַרשפרייט אַ דאַנק דעם באַזיץ פון גרויסע טעגלעכע צייטונגען מיט אַ צירקולאַציע פון אַ מיליאָן און מער עקזעמפּליאַרן פאַר יעדער צייטונג, נאָר איינצלנע מענטשן און גרופּן האָבן נאָך אַלץ די פרייהייט אַרויסצוגעבן זייערע אייגענע טעגלעכע צייטונגען, אויב זיי האָבן נאָר די מעגלעכקייטן דאָס דורכצופירן.

דער „דעילי וואָירקער", למשל, קאָן האָבן טויזנטערליי שוועריגקייטן — שוועריגקייטן דערפאַר, וואָס מען גיט אים ניט קיין אַדווערטייזמענטס; שוועריגקייטן דערפאַר, וואָס די פאַרשפרייטער פון די צייטונגען באָיקאָטירן אים; שוועריגקייטן דערפאַר, וואָס די צייטונג האָט ניט דעם נויטיגן גרויסן אַפּאַראַט אויף אַרויסצוגעבן אַ צייטונג פון אַ גרויסן פאָרמאַט, וואָס זאָל זיין אָנגעפילט מיט די סאַמע לעצטע נייעסן פון די וויטסטע ווינקלען פון דער וועלט. און דאָך דערלויבט מען דעם „דעילי וואָירקער" צו דערשיינען. זיין פאַרשפרייטונג איז ניט פאַרבאָטן דורכן געזעץ. די דערשיינונג פון „דעילי וואָירקער" וואָלט געווען אוממעגלעך אין וועלכן ניט איז אָפּן־פאַשיסטישן לאַנד. אין ענגלאַנד איז די צייטונג נאָך מעגלעך, און ניט קוקנדיג אויף

אלע אירע שווערינקייטן איבט זי אויס א ריזינן איינפלוס. אלץ מער לייענער דערוויסן זיך, אז אין „דעילי וואָירקער" קאָנען זיי קריגן אינפאָרמאַציע וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, למשל, וואָס מען קאָן דאָס אין קיין אַנדער צייטונג ניט געפינען.

אויך די ליבעראַלע פרעסע דאָ אין לאַנד איז אַ קראַפט. דער „מאַנ־טשעסטער גאַרדיען" האַלט זיך ביי זיין אַלטן פרינציפ פון אָפּהיטן אַ זעלבסט־שטענדיגע און געוויינלעך גוט־אינפאָרמירטע ליניע, און די צייטונגען „ניו קראָניקל" און „דעילי מיראָר" זיינען פריי צו קריטיקירן די רעגירונג. דאָס זיינען ניט קיין אומוויכטיגע ברכות און מען הויבט זיי ערשט אָן אָפּשאַצן, ווען זיי ווערן באַדראָעט.

אָרעמע מענטשן און די, וואָס זיינען שאַרף קריטיש צו דער רעגירונג און צום הערשנדיגן קלאַס, האָבן נאָך אַלץ די פרייהייט צו שרייבן און צו דרוקן פאַמפלעטן און פלוג־בלעטלעך און צו דערקלערן זייער שטאַנדפונקט.

קיינער טאָר ניט אונטערשאַצן די ווערט פון אָט־דער פרייהייט פון דער פרעסע און פון וואָרט, וואָס מיר באַזיצן נאָך, און מיר טאָרן ניט אויפגעבן דעם קאַמף אָט־די פרייהייטן אָנצוהאַלטן.

און מיר ענגלענדער באַזיצן נאָך אַנדערע פרייהייטן פון ניט קיין קלענער ווערט. מיר האָבן די פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון אַרבעט און פון לוין. אין ענגלאַנד קאָן מען ניט צווינגען קיין מענטשן, ווי מען טוט עס אין דייטש־לאַנד און אין איטאַליע, צו אַרבעטן. עס איז אמת, אז אין ניין פאַלן פון צען וועט הונגער צווינגען דעם מענטשן צו אַרבעטן. פאַרדינען אַ לוין אָדער שטאַרבן איז אָפט די איינציגע ברירה. נאָר אויב אַ מענטש קאָן געפינען די מיטלען צו לעבן אָן אַ לוין פאַר אַ קירצערער אָדער פאַר אַ לענגערער צייט, האָט ער נאָך אַלץ אין ענגלאַנד אַ רעכט זיך אָפּצוזאָגן אָנצונעמען אַ דזשאָב. אָט־די פריווילעגיע — כאָטש זי האָט אַ סך זייער ערנסטע חסרונות — איז זייער ווערטפול און זי קאָן באַנוצט ווערן ווי אַ מעכטיגער געווער אויף צו הויבן דעם לעבנס־מצב, אָדער אויף ניט צו דערלאָזן, אַז אָט־דער מצב זאָל זינקען. די פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון אָננעמען אַ לוין קאָן פאַר־וואַנדלט ווערן אין עפּעס מעכטיגס — ווען אַרבעטער פאַראייניגן זיך אין אַ יוניאָן — און קאָן דינען ווי אַ מעכטיגער באַוועג־כח פאַר דעם וואוילזיין פון די אַרבעטנדיגע מאַסן.

בשעת אָבער מיר אָנערקענען די ברכה פון דער פרייהייט פון פרעסע, פון וואָרט און דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון אַרבעט, לאָמיר אויך אָנערקענען דעם כאַראַקטער און די געשיכטע און סוף כל סוף אויך די חסרונות, וואָס מיר באַזיצן, ווייל ניט אַלץ איז פרייהייט, וואָס ווערט באַצייכנט ווי פרייהייט, און אָפט דאַרפן קלענערע פרייהייטן באַגרענעצט ווערן אין די אינטערעסן פון גרעסערע פרייהייטן.

די בורזשואַזע געזעלשאַפט אָנערקענט מיטן מויל די סאָציאַלע אידעאַלן

פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט און גלויבט, אַז זיי זיינען איינגעוואָרצלט אין דעם אייביגן געזעץ, וואָס דער שׂכל האָט אַנטדעקט. זיי זיינען גערעכט, נאָר בורזשואַזע אידעאַליסטן זיינען אָפּט אומבאַוואוסטזיניג וועגן דעם, אויף ווי ווייט זיי האָבן אַריינגעפלאָכטן זייערע איינגענע אינטערעסן אין אָט־די באַגריפן. גלייכהייט און ברידערלעכקייט ווערן גאַנץ באַקוועם אָפּגערוקט צום הינטערגרונד און פון פרייהייט מאַכט מען אַ גרויס וועזן. עס איז דאָ אַ היסטאָרישע אורזאַך פאַר אַזאַ צוגאַנג. די קאָמערציעלע מיטלקלאַסן זיינען געווען אַנטשלאָסן זיך צו באַפרייען פון יענע סאָציאַלע באַגרענעצונגען פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג, וואָס האָבן געפּענטעט דעם פרייען האַנדל. די אָרגאַנישע סאָציאַלע סאָלידאַריטעט פון דער דאָרפישער סביבה האָט געשאַפן ווייניג מעגלעכקייטן פאַר אַ ברייטן פאַרנעם פון דעם יחיד. די ליידנשאַפט צו פרייהייט איז געבוירן און אַנטוויקלט געוואָרן אין די שטעט און צווישן די נייע מיטעלע קלאַסן. די קעמפערישע סוחרים און אינדוסטריאַליסטן פון אַכצענטן יאָרהונדערט האָבן קוים באַגריפן ווי ווייט עגאָאיסטישע און חזקה־אינטערעסן האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין זייער קאַמף פאַר פּאָליטישער און רעליגיעזער פרייהייט. די דערפאָלגרייכע פּלוטאָקראַטן פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט זיינען פיל מער באַוואוסטזיניג און אַ סך מער אָפנהאַרציג. זיי פאָדערן פרייהייט צו קאָנען אויסאיבן אַן אומגעצוימטע עקאָנאָמישע מאַכט, וואָס גרענעצט זיך מיט הפקרות, און ווערט זיך נעגן וועלכן ניט איז רעגירונגס־קאָנטראָל.

אַזאַ פרייהייט איז ווירקלעך זייער געפערלעך. עס איז, נאַטירלעך, ניטאָ קיין אַבסאָלוטע פרייהייט. יעדע פרייהייט איז רעלאַטיוו. בלויז דאָס געזעץ קאָן אונז געבן פרייהייט. אַ פרייהייט, וואָס באַשטייט פון דער אָפּוועזנהייט פון וועלכע ניט איז באַגרענעצונגען, ווערט אוממעגלעך, אויב זי זאָל אָנגעווענדט ווערן אומעטום. ווען עס זאָל ניט זיין קיין קאָנטראָל אויף די וועגן, צי די ימים, וואָלט דאָס געפירט צו קאַטאַסטראָפעס. ציוויליזירטע געזעלשאַפטן פירן־איין קאָנטראָל און באַשרענקונגען אין באַצוג צו וועגן, ימים, באַן און לופט־פאַרקער.

אָט־די באַשרענקונגען זיינען טאַקע דערווידער פאַר נאַראָנים, נאָר זיי זיינען פולשטענדיג אין איינקלאַנג מיט דער גרעסטער מאָס פרייהייט פון פאַרקער פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן. מיין פרייהייט פון אינדיווידועלן אויטאָמאָביל־טרייבן אויף דעם ברייטן שליאַך ווערט ניט געשטערט דורך דעם, וואָס איך און אַנדערע, וואָס ווילן אַרומפאָרן, מוזן אָפּהיטן די געזעצן פון „טרעפיק"־ליכט.

די אָפּוועזנהייט פון באַשרענקונג און קאָנטראָל אין דער סאָציאַלער אָרדענונג וואָלט געווען פונקט אַזוי קאַטאַסטראָפאַל. און ווען מען זאָגט אונז, אַז אַ מענטש דאַרף זיין געבונדן אַזוי ווייניג ווי מעגלעך אין פּרט פון וואוין־אָרט, גלויבן, מאָראַליטעט, באַשעפטיגונג, אָדער רעליגיע ווערן

מיר מיט רעכט פּאַרדעכטיג, ווײַל אַ מענטש אַן פּאַראַנטוואָרטלעכקייטן אָדער אַן לאָיאַליטעט איז ווי אַ בוים אָן וואָרצלען. אַ מענטש, וואָס ווײַל האָבן די פרייהייט צו באַטרייבן זיינע געשעפטן אינגאַנצן ווי אים ווילט זיך, אָדער אָפּלעבן אַלע זיינע יאָרן אויף זיין גע'ירש'נטן רייכטום און ניט בייטראָגן קיין שטאָך אַרבעט פאַר דעם וואוילזיין פון דער געמיינדע — אַזאַ מענטש איז ניט בלויז אַ רויבער, נאָר אויך אַ טיפּוש. דער קאָנטראָל, וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסנהאַפט־דורכגעפירטער אַרבעט, שפּייזט דאָס לעבן סיי מאַטעריעל און סיי גייסטיג; דאָס גיט אויסדרוק סיי צו די פיזישע, סיי צו די גייסטיגע און סיי צו די מאָראַלע כחות.

די מערסטע מענטשן וועלן צושטימען, אַז די באַשרענקונגען אויף די אַנטי־סאָציאַלע שטריכן פון „פרייהייט" זיינען ווינטשנסווערט. צוריק מיט הונדערט און צוואַנציג יאָר האָבן באַלעבאַטים און אַרבעטער געהאַט אַ גרעסערע מאָס „פרייהייט" פון אַט־דעם סאָרט, ווי היינט־צו־טאָג. אַ מענטש האָט געמעגט אַרבעטן 16 שעה אַ טאָג, אַ קינד האָט געמעגט געשטעלט ווערן צו דער אַרבעט אין עלטער פון זעקס יאָר, אַ פרוי האָט געמעגט אַרבעטן צוועלף שעה אונטער דער ערד, שלעפּנדיג וועגענער מיט קוילן איבער הורבעדיגע, נאַסע, פינצטערע און בלאָטיגע גאַנג־וועגן, מיט אַ כאָמוט אויף אירע אַקסל, ווי אַ פערד.

אַזאַ פרייהייט עקזיסטירט מער ניט. אויך טאָרן די באַלעבאַטים מער ניט געבן די אַרבעטער אַ צעטל אָנשטאָט וועידזשעס, וואָס ער זאָל קאָנען אויסבייטן אויף סחורה ביי דעם באַלעבאָס אין קראָם, וואו מען זאָל אים קאָנען באַשווינדלען דורך צו־הויכע פרייזן.

אַט־די „פרייהייטן" פון יאָר 1820 האָבן פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ גיהנום. זיי זיינען געווען דורכאויס שעדלעך. די ענגלענדער זיינען געווען גערעכט, ווען זיי האָבן אַט־די „פרייהייטן" אָפּגעשאַפט. זייער צוריקקער אין וועלכער ניט איז פאָרם מוז קריגן אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד.

איצט, אַז מיר האָבן דאָס אַלץ קלאָר געמאַכט, קאָנען מיר זיך צוריקקערן צום פּונקט, וואו מיר האָבן אָנערקענט די ווערט פון דער פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון אַרבעט און פון לוין. אויב מיר דאַרפן ניט אונטערשאַצן אַט־די ווערט, דאַרפן מיר זי אָבער אויך ניט איבערשאַצן. די, וואָס זיינען אָפּהענגיג פון אַ לוין, וועלן בעסער פאַרשטיין די נעגאַטיווע זייט פון אַט־דער ווערט, איידער די, וואָס צאָלן דעם לוין. אַ מענטש קאָן טאַקע זיין פריי זיך אָפּצוזאָגן פון אָננעמען אַ לוין, נאָר אַזאַ אָפּזאָג מיינט, אַז ער מוז אויף אַ וועלכן ניט איז אופן לעבן אָן אַ לוין. אין אַלגעמיין גענומען, איז גראָד דערפאַר טאַקע אוממעגלעך פאַרן אַרבעטער זיך אָפּצוזאָגן פון זיין לוין. אָפּגעזונדערט פון זיין טרעיד־יוניאָן, האָט דער אַרבעטער ניט קיינע רעזערוון און קיינע קוואַלן פון הכנסה. ער קאָן לאַנג ניט אויסקומען אָן אַ לוין; ער קאָן ניט קריגן קיין שטיצע, אויב ער זאָגט זיך אָפּ פון

ארבעט; ער קאָן ניט עפּענען קיין געשעפט פאַר זיך אַליין; ממילא איז ער אָפּהענגיג פון די, צו וועמען עס געהערן די פּראָדוקציע־מיטלען. ער מוז אָננעמען דעם לוין, אָדער ער וועט אויסגיין פון הונגער.

אַ מענטשנ'ס פרייהייט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ לוין איז, הייסט עס, דאָס רוב — כאָטש ניט אינגאַנצן — אַן אילוזיע.

* * *

עס איז דאָ נאָך אַ שטריך פון פרייהייט, וואָס איז פּונקט אַזוי וויכטיג ווי די ביז־איצט דיסקוטירטע. ביז איצט האָבן מיר גערעדט וועגן פרייהייט אין דעם זין פון זיין פריי פון באַשרענקונג און קאָנטראָל. דאָס איז אַ נעגאַטיווער צוגאַנג. אַזאַ פרייהייט איז אָנגעלייגט בלויז ביי די, וואָס פאַרמאָגן פינאַנציעלע רעסורסן; זי ברענגט אַ ווייניגער פריילעכן גרוס צו די, וואָס האָבן ניט קיין פאַרמעגנס.

פריי־זיין פון דרויסנדיגע באַשרענקונגען, וואָס שטערן אונז צו געניסן פון די גוטע זאַכן אין לעבן, איז גאַנץ אַנדערש פון דער פרייהייט צו האָבן אַ צוטריט צו אָט־די זאַכן. די מאַסן דאַרפן האָבן — און די קריסטלעכע מאָראַל פאָדערט עס פאַר זיי — אָט־די פרייהייט צו קריגן אַ צוטריט צו גוטע זאַכן, די פרייהייט פון געלעגנהייטן.

ווען איך האָב געאַרבעט ווי אַן אינזשענער אין דער לערע און האָב געלעבט אויף 13 שילינג אַ וואָך, בין איך געווען פריי — ווי יעדער איינער אין ענגלאַנד — צו רויכערן ציגאַרן, אָדער צו באַזוכן די ריוויערא. קיין שום געזעץ איז מיר ניט געשטאַנען אין וועג. אין אַנדערע לענדער ליידן מענטשן יאָ פון אַזעלכע באַגרענעצונגען. אין געוויסע לענדער טאָרן נעגערן זיך ניט באַנוצן מיט געוויסע לוקסוסן און פּריווילעגיעס, מעגן זיי זיין ווי פּייאַיג, זיין גרייט צו באַצאָלן דערפאַר. אַפילו דער זוניגער טראָטואַר אויף דער גאַס איז פאַר זיי פאַרבאָטן. ביי אונז איז עס ניט אַזוי. איך בין „פאָרמעל" געווען פריי, ווי די לאָגיקער זאָגן, צו טאָן אָט־די זאַכן. און מיר ענגלענדער באַזיצן אַ גרויסע „פאָרמעלע" פרייהייט און אַ ברייטע דער־לויבעניש צו געניסן וויפיל אונזער האַרץ גלוסט פון אַ גרויסער צאָל לוקסוסן און באַקוועמלעכקייטן.

אַ „פאָרמעלע" דערלויבעניש איז אָבער ניט קיין ווירקלעכע מעגלעכקייט. דאָס רעכט און די געלעגנהייט זיינען זייער ווייט איינס פון צווייטן. דער אַרבעטער האָט די „פאָרמעלע" פרייהייט צו רויכערן ציגאַרן. נאָר אַזוי ווי ער איז אָרעם, האָט ער ניט די מעגלעכקייט דערצו. די „פאָרמעלע" דער־לויבעניש איז נוצלאָז. אין באַצוג צו רויכערן ציגאַרן פעלט אים פרייהייט. די פאָרמעלע דערלויבעניש מיינט פאַר אים גאָר ניט. און אַזוי איז דאָס אויך דורכאויס אין דער געזעלשאַפט. די אמת'ע פרייהייט — די פרייהייט, וואָס מיינט טאַקע עפּעס — דאָס איז אַ זעלטענע זאַך. וואָס פאַר אַ פרייהייט

באזיצט די דורכשניטלעכע ענגלישע באלעבאסטע אין די קראמען פון דער וועסט־ענד, וואס רייצן אזוי איר פארלאנג? דער מאנגל פון געלט אין קעשענע רעדוצירט די פרייהייט צו נול פאר ניין און ניינציג פון יעדע הונדערט קויפער. בלויז די געציילטע אויסדערוויילטע — די מיטעלע און העכערע קלאסן — די מענטשן, וואס האבן אי די פארמעלע פרייהייט און אי די פרייהייט פון רעאלער מעגלעכקייט — שרייען אוים העכער פון אלעמען זייער לויב־געזאנג צו דער ענגלישער פרייהייט און זיי זיינען פונקט אזוי סענסיטיוו בנוגע יעדן פארזוך צו קאנטראלירן אדער באשרענקען די אנ־זאמלונג אדער דעם געברויך פון זייער רייכטום ווי זיי זיינען גלייכגילטיג צום פאקט, וואס ענגלישע פרייהייט איז כמעט א טויטער בוכשטאב פאר די מאסן. די, וואס בארימען זיך אזוי שטארק מיט דער פרייהייט, זיינען גארנישט טעטיג אויף דעם געביט פון פארגרעסערן די פרייהייט פון געלעגנהייט פאר אלעמען.

דער ענגלישער ארבעטער באזיצט אזוי ארום א ברייטע פארמעלע פרייהייט, אבער אין דער ווירקלעכקייט איז זי גאר שמאל. ער איז פריי צו גיין אין קירך, און ער קאן גיין אין וועלכער קירך ער וויל. „פארמעל" איז ער פריי צו נעמען זיך צו וועלכער ניט איז ארבעט, וואס ער קליבט אוים פאר זיך. ער איז פריי ניט צו גיין ארבעטן. „פארמעל" איז ער פריי צו זאגן זיין פארמאן אדער דעם מענעדזשער — שריפטלעך אדער מינדלעך — וואס ער דענקט וועגן דער „עפישענסי", אדער די מעטאדן פון קאנטראל אין זיינע פאבריקן, אדער וועגן דער באהאנדלונג, וואס ער און זיינע מיטארבעטער קריגן. וואס קומט אבער ארוים פון אט־דער גאנצער פרייהייט? זיין געלעגנ־הייט איז באגרענעצט דורך דעם, וואס ער מוז אנהאלטן א „דזשאב". אט־די נויטווענדיגקייט פארמאכט אים דאס מויל און ער קאן ניט זאגן קיין ווארט וועגן די זאכן, וואס רירן אים אן מער פון אלץ. אט־די נויטווענדיגקייט שטערט זיין פרייהייט פון באוועגונג און אויסוואל. זיין ווירקלעכע טעגלעכע ארבעט, איר כאראקטער און קאנטראל, און זיין פרייהייט אין שאפ גופא — דאס זיינען פאר דעם ארבעטער א סך וויכטיגער, איידער די פיל־גערימטע דעמאקראטישע פרייהייטן — א סך מער, למשל, ווי דאס רעכט צו שטימען פאר זיין קאנדידאט אין פארלאמענטארישע אדער מוניציפאלע וואלן. זיין פרייהייט צו ווארפן די ארבעט און זוכן אן אנדער דזשאב אין א צייט, ווען א מיליאן אדער מער ארבעטלאזע קוקן בלויז ארוים צו פארנעמען דעם פלאץ וואס ער פארלאזט, אויף וועלכע ניט איז באדינגונגען — אט־די פרייהייט זיינע איז זייער באגרענעצט. דאס זעלבע איז אויך מיט זיין פרייהייט זיך צוצופאסן צו אן אנדער ארבעט, אויב ער געפינט אוים, אז זיין איצטיגע ארבעט שטימט ניט מיט זיינע נייגונגען אדער פייאיגקייטן. בלויז געציילטע עטלעכע וואכן טיילן אים אפ פון הונגער. זיין לוין איז פינקטלעך אויס־גערעכנט צו באזארגן אים מיט חיונה און מער ניט.

דער טראמוואי־קאנדוקטאר, דער שלאסער און דער שאפ־געהילף, וואס

קריטיקירן די פאַרוואַלטונג, זיינען שוין פאַרפאַלענע. בלויז אונטער די פליגל פון א מעכטיגער יוניאַן וואגן זיי ארויסצוברענגען זייערע קלאַגעס.

אויב אינדיווידועלע פרייהייט מיינט „מען טאָן וואָס איך וויל", אויס־דריקן מיין פערזענלעכקייט דורך געדאַנק, וואָרט און האַנדלונג, דעמאָלט פאָדערט זיך מער, ווי בלויז די אָפּוועזנהייט פון פאַרבאָט. אמת'ע פרייהייט מיינט שאַפן געלעגנהייטן פאַר אַלעמען. אין אַ לאַנד, וואו גרויסע מאַסן מענטשן האָבן ניט גענוג באַצאָלטע אַרבעט און גענוג פרייע צייט צו געניסן די פרוכט פון דער אַרבעט; אַ לאַנד, וואו אין־דער־מיט פון פּאָטענציעלער שפע איז אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג ניט־דערנערט און האָט ניט קיין פרייהייט אין דעם זין פון געלעגנהייט צו קריגן בילדונג, אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ פּראָפעסיע, צו זיין געזיכערט אין פאַלן פון קראַנקהייט, עלטער אָדער עקסידענט — אַזאַ לאַנד וואָלט געמעגט אויף אַ וויילע זיך אויפהערן באַרימען מיט דער פרייהייט, וואָס די איינוואוינער פאַרמאָגן, און בעסער אָנהויבן שטרעבן צו די פרייהייטן, וואָס זיי האָבן ניט.

## דאָס צונעמען די מעגלעכקייט פאַר אַ שעפערישן לעבן

אפשר דער ערנסטער שטריך פון מאָדערנעם אינדוסטריאַליזם איז דאָס, וואָס ער גיט ניט קיין מעגלעכקייט די מענטשן און ספּעציעל דער יוגנט צו פירן אַ שעפערישן לעבן. די בעסטע זאכן אין אונזער וועלט זיינען ניט די וואָס קאָסטן אַ סך. די ליבע צו דער נאַטור, די צוגעבונדנקייט צו ביכער, די פרייד פון מוזיק — דאָס זיינען די צוגענגלעכסטע דערפאַרונגען. זיי קאָסטן ווייניג געלט, און דעריבער מיינט מען, אַז זיי זיינען צוגענגלעך פאַר אַלעמען. איז דאָס אמת? מען דאַרף האָבן געלט אויף צו קויפן ביכער און מען דאַרף האָבן פרייע צייט און בילדונג, כדי צו קאָנען זיי לייענען מיט נוצן און מיט הנאה. מוזיק פאָדערט פרייע צייט און צוגרייטונג, און ליבע צו דער נאַטור פאָדערט אַ צוטריט צו דעם לאַנד. גיט נאָר אַ מאָל אַ טראַכט וועגן דעם בילד פון דער אָרעמקייט אין ענגלאַנד, ווי סער דזשאַן בויד אָר מאָלט עס און אויף דעם בילד פון די הייזער אין די קריזיס־דיסטריקטן און פרעגט זיך אַליין: וואָס פאַר אַ געלעגנהייט האָבן הונדערטער טויזנטער פון מיינע מיט־בירגער צו געניסן אפילו פון אָט־די ווייניג־קאָסטנדיגע מיטלען צו אַ שעפערישן לעבן, וואָס דאָס קריסטנטום פאָדערט ווי יעדן איינעמ'ס איינגעבוירן רעכט?

שטעלט זיך פאָר, אַז איר אַליין לעבט אונטער די באַדינגונגען, וואָס מיליאָנען טראָגן־איבער — אַזוי פאַראָרעמט, אַז איר האָט ניט גענוג צו עסן, און צוזאַמענגעדריקט זעקס מענטשן אין איין צימער — ווי וויית וואָלטן אייך דעמאָלט אינטערעסירט אָט־די פּשוט'ע, סאַמע נויטיגע און סאַמע צוגענגלעכע דערפאַרונגען? וויפיל גייסטיגן מוט און ענערגיע וואָלט

איר פאַרמאָגט אויף צו זוכן און קולטיווירן אָט־די שעפערישע זאַכן אין לעבן, און וואָס פאַר אַ געלעגנהייטן וואָלטן אייערע קינדער געהאַט אויף אויסצואוואַקסן מיט אַ נייגונג צו אַזעלכע זאַכן?

מען דאַרף וועגן דעם קיין סך רייד ניט פאַרלירן. צו רעדן וועגן אַ שעפעריש לעבן ווי אַ מעגלעכקייט פאַר דער ברייטער מאַסע ביי אונז אין לאַנד איז אַ פאַרס. אויב מיר באַדויערן טאַקע די נידעריגע געשמאַקן פון די מאַסן, וואָלטן מיר באַדאַרפט פריי־מאַכן אַ וועג, וואָס פירט צו העכערע געשמאַקן. אַ ברייט שעפעריש לעבן איז פאַר די מאַסן אַ פאַרבאָטענע זאַך.

## די פאַרלייקענונג פון פריינטשאַפט

אַלע מענטשן זיינען ביי זיך אין האַרצן מאָראַלע באַשעפענישן. דער מאָראַלער געפיל קאָן ווערן צעקרימט און פאַרדאָרבן דורך די אומשטענדן פון לעבן אָדער דורך דעם אוממאָראַלן כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט. בשעת מלחמה הענגט שטענדיג אין דער לופטן, לערנט מען מענטשן די קונסט פון מאָרדן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען די העכסטע אויפגאַבע אין לעבן. גרויזאַמקייט ווערט אַנטוויקלט ווי אַ טוגנט און די איבונג מיט דעם באַיאָנעט לערנט דעם מענטשן די נייסטע פלינקע מעטאָדן פון ברוטאַליטעט.

אָבער דאָס אַליץ איז אַ פאַרגוואַלדיגונג פון די אייגעבוירענע מאָראַלע געפילן. עס פאָדערט זיך שטרענגע דיסציפלין אויף איינצוגלידערן ברוטאַלי־טעט אין דעם מענטשן.

אַ געפיל פון קרובה׳שאַפט מיט די מיטמענטשן און מיט דער וועלט אין אַלגעמיין איז אַ וויכטיגער טייל פון די פונדאַמענטאַלע מאָראַלע געפילן. קיין געפיל פאַרשאַפט ניט קיין גרעסער גליק, ווי דער געפיל פון קרובה׳שאַפט און חברישקייט, און אין געגנזאַץ צו דער ברוטאַליטעט פון דער מלחמה־מאַשין איז אַנטוויקלט געוואָרן די חברישקייט פון די סאָלדאַטן — אַ חבריש־קייט, וואָס האָט איבערגעלאָזט ניט איין סאָלדאַט מיט אַ געפיל פון עפּעס אַ פוסטקייט, ווען זיין רעגימענט איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן און ער אַליין האָט זיך צוריקגעקערט צו אַן אינדוסטריעלער וועלט, וואו ס׳האָט געפעלט דער עלעמענט פון חברישקייט.

אונזער עצם געפיל פון רעכט און יושר הענגט־אָפּ טיילווייז פון אונזער געפיל פון געמיינשאַפטלעכקייט און חברישקייט. אויב איצט פעלט־אויס אָט־דער געפיל, זיינען מיר צעקאַליעטשעטע ווענזס. אויב די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, פירט אָן אַ קריג קעגן אונזערע העכסטע אידעאַלן און שטרעבונגען און קומט אין צוזאַמענשטויס מיט דעם, וואָס מיר האַלטן פאַר מאָראַליש און גערעכט — דעמאָלט ליידן מיר פון אַ געפיל פון דערשלאָגנקייט און די האַרמאָניע פון לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דיסהאַרמאָניע.

די וועלט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַליזם שאַפט גראָד אַזאַ געפיל פון דיס־

האַרמאָניע, און דאָס נעמט זיך דערהויפּט פון דעם פאַקט, וואָס די מאָדערנע אינדוסטריע באַהאַנדלט מענטשן ווי מיטלען און ניט ווי צילן. די מענטשן זיינען ווי מאַשינען, און זייער פונקציע איז צו שפּילן זייער ראָל אין שאַפן פּראָפיטן.

בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם אויסקוק פון אַ געוויסן יונגן אָפיצער. ער איז געקומען צוריק פון פראָנט מיט דעם אויסרוף: „די סאָלדאַטן זיינען וואונדערבאַר!" ער האָט גענומען דערציילן וועגן זייערע אַקטן פון איינזעעניש מיט אַנדערע, פון לוסטיגקייט און העלדישקייט. דער זעלבער אָפיצער פלעגט צו מיר קומען אָפט פאַר דער מלחמה, בשעת ער איז געווען דער הויפּט פון אַ גרויסער אינדוסטריעלער פירמע, און ער פלעגט זיך ביטער באַקלאָגן אויף דער קריגערישקייט און אומדאַנקבאַרקייט פון די אַרבעטער. דאָס זיינען געווען דער זעלבער סאָרט מענטשן און ער איז געווען דער זעלבער סאָרט אָפיצער. דער אונטערשייד איז געווען ניט אין דעם ראַנג, נאָר אין דעם געפיל פון געמיינשאַפטלעכקייט. די געמיינשאַפטלעכקייט אין דעם רעגימענט אין דער צייט פון געפאַר און דראַנג איז געווען אַן אמת׳דיגע.

דאָס זעלביגע פירט צו אַ דיסהאַרמאָניע אין די ברייטערע קרייזן פון אימפּעריאַליזם און בנוגע דעם באַזיץ פון קאָלאָניעס. כל זמן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן און קאָלאָניאַלע פעלקער ווערן באַנוצט הויפּטזאַכלעך ווי מיטלען אויף צו דעראָבערן רייכטום און אויסשפּרייטונג ווערט די פונדאַמענטאַלע שטרעבונג צו געמיינשאַפטלעכקייט פאַרגוואַלטיגט און דעם מענטשנ׳ס מאָראַלער כאַראַקטער ווערט אין אָט־דעם זין אונטערדריקט.

דעריבער ליידט דער מאָדערנער מענטש פון דיסהאַרמאָניע ניט נאָר אין זיין אינדוסטריעל־ און האַנדלס־לעבן, נאָר אויך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן. די זעלבסטשטענדיגקייט פון מלוכות און די הערשאַפט איבער מינאָריטעטן און פעלקער איז אין ווידערשפּרוך צו דעם איינגעבוירענעם דורשט נאָך פריינטשאַפט. עפּעס אין דעם מענטשן, וועלכער פאַרמאָגט אַ נעהעריג־אַנטוויקלטן געפיל פון געזעלשאַפטלעכקייט, קאָן קיינמאָל ניט — און טאָר קיינמאָל ניט — זיין צופרידן מיט אַ באַן, וואו געוויסע וואַגאָנען זיינען רעזערווירט פאַר איין קאָליר מענטשן און אַנדערע וואַגאָנען פאַר אַן אַנדער קאָליר — ווי אין אינדיע, וואו די וואַגאָנען זיינען פאַר אינדוסן און יענע פאַר אייראָפּייער. אַזעלכע זאַכן — וואָס מיר זאָלן ניט זאָגן וועגן זייער נויטווענדיגקייט אונטער ספּעציפישע אומשטאַנדן — זיינען פונדאַמענטאַל אומגערעכט. דאָס הייסט, זיי זיינען אומגערעכט דערפאַר, וואָס אונזער קריסטלעכער גלויבן לערנט אונז, אַז ברידערלעכקייט איז דער אמת פון אונזער מענטשלעכקייט.

דער נאַציאָנאַלער געפיל איז אַ גוטע זאַך און די ליבע צום אייגענעם

לאנד איז אַ נאָבעלע טוגנט, נאָר ליבע צו דער מענטשהייט דאַרף זיי איבער־
שטייגן. איינס פאַרט זיך מיטן צווייטן, און ביידע פאָדערן באַפרידיגונג אין
דעם פולן זין, כדי צו דערגרייכן אַ יושר׳דיגן צושטאַנד.

סוף כל סוף איז עס די זעלבע זאַך אין דער באַציאונג צווישן מענער
און פרויען. אַן פולשטענדיגער גלייכהייט, אָן דער באַזייטיגונג פון די לעצטע
שפורן פון אונטערדריקונג און עקספלואַטאַציע קאָן דער פולער פאַרגעניגן
פון די פאַרהעלטענישן צווישן די געשלעכטן ניט פאַרווירקלעכט ווערן.

כדי צו דערגרייכן אַן אמת׳ע מאָראַלע איינינקייט, דאַרף איינגעשטעלט
ווערן אַ פולשטענדיגע פאַרגאַנצונג, אַ סינטעז פון דעם יחיד און דער געזעל־
שאַפט. אין אָט־דעם סינטעז פילט דער מענטש אַ פרייד, וואָס איז אוממעגלעך
אויסער אַזאַ סינטעז. אויף צו דערגרייכן אַזאַ האַרמאָניע פאָדערט זיך אומ־
אויפהערלעכע אַרבעט און מסירת־נפש. קיינער קאָן ניט געניסן די פולע
פרייד פון לעבן ביז אַלע וועלן פון דעם ניט געניסן, ווייל בלויז דעמאָלט,
ווען אַלע געניסן פון אָט־דער פרייד, געפינט אונזער דורשט נאָך פריינטשאַפט
די ענדגילטיגע באַפרידיגונג.

די נאָבעלע ווערטער פון יודזשין וו. דעבס געפינען אַן אָפּקלאַנג אין
אַלע דורות: „כל זמן עס איז דאָ אַ נידעריגערער קלאַס, בין איך איינער
פון אים; כל זמן עס איז דאָ אַ פאַרברעכערישער עלעמענט, בין איך אַ טייל
פון אים, און כל זמן אַ מענטש זיצט הינטער גראַטעס, בין איך ניט פריי.״

## צווייטער טייל

# דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פלאַנירט־אויס די נייע געזעלשאַפט

## 1. דער נייער עקספּערימענט

פון אַט־דער צעטרייסלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פון שטורעם און דראַנג, וואו אַלטע זיילן פון דער געזעלשאַפט ברעכן צוזאַמען, וואו מאָראַל ווערט פאַרגוואַלטיגט, וואו וויסנשאַפט ווערט געפּענטעט, וואו אינדוסטריע ווערט געשטערט און וואו אָרעמקייט וואַקסט אָן אָפּשטעל, גייען מיר ענדלעך אַריבער צו דער סאָוועטישער וועלט.

דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן — וואָס איז דער מער ריכטיגער, כאָטש פאַר די ענגלישע לייענער ווייניגער באַקאַנטער נאָמען, איידער רוסלאַנד — שפּרייט זיך אויס אויף צוויי־דריטל פון אזיע און אויף דעם גרעסטן טייל פון מזרח־אייראָפּע, און באַזיצט די גרעסטע אומ־אונטערבראָכענע טעריטאָריע אין דער וועלט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר־נעמט אַ זעקסטל פון דער ערד — דאָס סאָציאַליסטישע זעקסטל — און פערצן ימים מיט דריי אָקעאַנען — דער אַרקטישער, אַטלאַנטישער און פּאַ־ציפישער — באַוואַשן זיינע ברעגן. צו צפון ציט זיך זיין טעריטאָריע ביז צו אַרום 621 מייל פון דעם נאָרט־פּאָל; דרום־צו איז ער אַ סך נעענטער צום עקוואַטאָר, ווי דער גיבראַלטאַר. זיין קלימאַט פאַרמאָגט אַלע גראַדאַציעס — פון אַרקטישע ביז סוב־טראָפּישע; עס איז אַ לאַנד פון צפון־בערן און פון טיגערן; פון אַרקטישן מאָך, טייטלען־פּאַלמעס און געדיכטע באַמבו־קוסטעס.

מיט קנאַפּע אויסנאַמען, פאַרמאָגט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד יעדן נאַטיר־לעכן קוואַל פון רוווארג, וואָס איז נויטיג פאַר מאָדערנער אינדוסטריע: אייזן, קוילן, באַוול, מער ווי העלפט פון דעם גאַנצן וועלט־זאַפּאַס פון אויל, און מינעראַלע רייכטימער, וואָס זיינען פּונקט אַזוי גרויס אין קוואַנטיטעט, ווי זיי זיינען פאַרשיידנאַרטיג אין זייער מין.

אַט־דער וועלט־אינזל, ווי סער העלפאָרד מעקקינדער האָט איינמאָל אַזוי בילדלעך כאַראַקטעריזירט אַט־דאָס לאַנד, קאָן זיך אַליין באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיגן; זיין פּאָטענציעלער רייכטום האַלט ביים שנעלן פאַרווירקלעכט ווערן.

דער גורל האָט זיכער באַשטימט רוסלאַנד ווי אַ בינע פאַר דער ערשטער סאָציאַליסטישער ציוויליזאַציע. די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט ניט אַזאַ אויס־שטאַטונג, וואָס זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט פאַר אַן עקספּערימענט, וואָס זיין דערפאָלג מוז ביים אָנהויב אומפאַרמיידלעך פירן צו אַ פיינטלעכער אַרומ־רינגלונג.

דאָס סאָציאַליסטישע זעקסטל פון דער ערד איז שוין אַרויס פון דער עקספּערימענטאַלער שטופע. מיט יעדן יאָר זיינען מיר אין אַלץ אַ בעסערער לאַגע דאָס אָפּצושאַצן. די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג איז ווייט פון פולקאָמענהייט. אויף אַ סך געביטן האָט נאָך דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר זיך אַ לאַנגן וועג. שוועריגקייטן זיינען אין אָנהויב געווען אומפאַרמייד־לעך. די גרויס פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געמאַכט אָט־די שוועריגקייטן אויסצוזען אומבאַזיגבאַר. נאַטירלעך קאָן מען די נייע אָרדענונג קריטיקירן אויף הונדערט מינדערוויכטיגע פונקטן, נאָר די הויפּט דערגרייכונגען אין לויף פון די לעצטע צוויי און צוואַנציג יאָר זיינען אַזוי גרויס און דער פאָר־שריט אין די לעצטע זעקס יאָר — זינט דער רעזשים איז ענדלעך געוואָרן פולשטענדיג סאָציאַליזירט — איז אַזוי קאָלאָסאַל, אַז די דרויסנדיגע וועלט קאָן זיך שוין מער ניט דערלויבן צו איגנאָרירן אָט־די דערשיינונג. איבלען, וואָס אין אַנדערע לענדער מאַכן זיי צונישט די וויסנשאַפט און פאַרוואַנדלען אין אַ חוזק די קריסטלעכע מאָראַליטעט, פאַרשווינדן ווי נאָר די סאָציאַליס־טישע ציוויליזאַציע פון מזרח פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער פּלוטאָקראַטישער אָרדענונג און הערשאַפט פון מערב.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אַלע פאַבריקן, מינען, אייזנבאַנען, שיפן, לאַנד און האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס דאָס אייגנטום פון דעם גאַנצן פאָלק. דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן פון דעם לאַנד ווערט פּלאַנירט אין די אינ־טערעסן פון דער געזעלשאַפט. די פולשטענדיגע גלייכהייט מאַכט מעגלעך פאַר די בירגער — אָפּגעזען פון זייער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט — צו באַטייליגן זיך לויט זייערע פייאיגקייטן אין דער אָנפירונג מיט דער מלוכה. די פולשטענדיגע גלייכהייט פון די געשלעכטער (גלייכער לוין פאַר גלייכער אַרבעט) איז אַ פונדאַמענטאַלער געזעץ. גלייכע געלעגנהייטן פאַר בילדונג ווערן געשאַפן פאַר אַלעמען איבערן גאַנצן לאַנד; דער עלטער, אין וועלכן מען מעג פאַרלאָזן די שול, האַלט ביים געהעכערט ווערן ביז זיבעצן יאָר, און סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן קריגן סטיפּענדיעס. אַלע ווערן באַ־זאָרגט מיט אַרבעט; קיין אַרבעטלאָזיגקייט איז ניטאָ; צו עקאָנאָמישע קריזיסן איז געקומען אַ סוף; פּרייזן האַלטן אין איין פאַלן און דער לוין שטייגט. דער מאַקסימום אַרבעטס־טאָג איז אַכט שעה; דער דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג איז זיבן שעה. אַלע אַרבעטער קריגן יערלעך אַ באַצאָלטע וואַקאַציע פון ווינציגסטן צוויי וואָכן. פרייע מעדיצינישע הילף ווערט באַ־זאָרגט פאַר אַלעמען. ווען אַרבעטער ווערן קראַנק, קריגן זיי זייער פולן לוין,

גלייך ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביי דער אַרבעט. פרויען קריגן אַ לאַנגן אורלויב מיט פולן לוין פאַר און נאָכן קימפעט. קיין בירגער פּראָפיטירט ניט פון פּראָדוצירן אַמוניציע. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר פרידן און פאַר דעם רעכט פון פעלקער אויף זעלבסט־באַשטימונג.

* * *

די רוסישע פּראָגראַם האָט זיך פאַרכאַפּט פון סאַמע אָנהויב, ווען זי איז פאָרמולירט געוואָרן. גראַנדיעז לויט איר פאַרנעם, פּראַקטיש אין אירע דעטאַלן, וויסנשאַפטלעך לויט דער פאָרם, קריסטלעך אין גייסט, האָט אָט־די פּראָגראַם זיך אָנגעצייכנט אַן אויפגאַבע, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט אונטערנומען געוואָרן אין אַ מאָדערנער אָדער אַלטערטימלעכער מלוכה. דאָס איז אַ פּראָגראַם, וואָס טראַכט ניט אין טערמינען פון אַ פּריווילעגירטן קלאַס, נאָר אין טערמינען פון יעדן איינציגן מענטשן; ניט אין טערמינען פון פּראָפיטן פאַר געציילטע, נאָר אין טערמינען פון דינען אַלעמען; און אָט־די פּראָגראַם שטרעבט באַוואוסטזיניק צו אָרגאַניזירן דאָס גאַנצע לעבן אויף אַ זעקסטל פון דער ערד, כדי אַ צוועלפטל פון דער באַפעלקערונג פון דער וועלט זאָל מיט דער צייט קאָנען גניסן פון אַלץ און יעדער איינער זאָל קריגן לויט זיינע באַדערפעניש.

די פּראָגראַם איז קאָלאָסאַל און אין דער אָנווענדונג צו די קאָנקרעטע פּראָבלעמען פון לעבן איז דאָס אינגאַנצן ניי. אידעאַליסטן פלעגן טרוימען וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער שטאַטסלייט האָבן דערפון קיינמאָל ניט געמאַכט קיין באַזע פאַר רעגירונג. דאָס איז אַ „מאַגנאַ קאַרטאַ" פאַר די אָרעמע, וואָס דערהויבט גאַנצע פעלקער צו אַ העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד. אויף דעם בעסטן פאַל פלעגט מען פריער אַראָפּלאָזן אַ לייטער, אויף וועלכן געציילטע און געקליבענע יחידים פון דעם „נידעריקערן שטאַנד" האָבן זיך געקאָנט אַרויפדראַפּען צו פּריווילעגירטע פּאָזיציעס צווישן די פּריווילעגירטע קלאַסן. קיינמאָל איז דאָס גאַנצע פאָלק ניט באַטראַכט און ניט באַהאַנדלט געוואָרן ווי גלייכע. די פּראָדוקציע פון אַרטיקלען און פאַרשיידענע פאָרמען פון באַדינונג פלעגן איינגעאָרדנט אָדער דערלויבט ווערן ניט מיט אַן אויג אויף די פעסטגעשטעלטע באַדערפעניש פון אַ גאַנצער געמיינדע, נאָר ווי אַ מיטל פאַר פּראָפיטן פאַר די ערד־באַזיצער און די באַזיצער פון די פּראָדוקציע־מיטלען. געפירט האָט אַזאַ צושטאַנד צו אָרעמקייט פאַר אייניגע, צו רייכטום פאַר אַנדערע און צו אַן אַלגעמיינער צעטומלעניש און אומאָרדענונג פאַר אַלעמען.

להיפוך דערצו נעמט די רוסישע פּראָגראַם אַרום די געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע אין איין אַלגעמיינעם פּלאַן, נעמענדיק אין באַטראַכט די באַדערפענישן פון יעדן יחיד אין אַ בונד פון 170,000,000 *) — די באַדערפעניש

*) די באַפעלקערונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דעם 17טן יאַנואַר, 1939, געציילט 170,467,168 מענטשן.

אויף די פאַרשיידענע סטאַדיעס פון לעבן — אַלס קינד, אַלס יונגנטלעכער און אַלס דערוואַקסענער, סיי אין צייט פון בליענדיקן געזונט און כח און סיי אין דער שאַטנדיקער צייט פון קראַנקהייט און אַלטקייט. די נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן אַ ריזיקע צאָל מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער מיט באַלוינטער אַרבעט און מיט גענוג אָפּרו און פאַרווײַלונג, אַזוי אַז זיי זאָלן זיין געזיכערט מיט געהעריקע אַרבעטס־באַדינגונגען ווי פּראָדוצירער און קאָנען באַפרידיקן זייערע באַדערפעניששן ווי געברויכער — דאָס אַלץ ווערט איצט אַריינגענומען אין אַ פּלאַן, וואָס איז וויסנשאַפטלעך לויט זיין פאָרמולירונג און ריזיק לויט זיין פאַרנעם.

דער סאָוועטישער פּלאַן שטעלט מיט זיך פאָר אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו דער פּלאַנלאָזער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואו די באַזאָרגונג פון די באַדערפענישן ווערט איבערגעלאָזט צום צופאַל, וואו איך קאָן קויפן, אויב איך האָב געלט, און אויב איך האָב נישט קיין געלט, מוז איך שמאַכטן אין נויט. דאָס איז אַ וועלט, וואו פּריוואַטע פּערזאָנען אָדער גרופּן, וואָס קאָנטראָלירן גרויסע קאַפּיטאַלן, האָבן די מאַכט אַוועקצושטעלן מענטשן אַרבעטן ביי דזשאָבס, וואָס באַזאָרגן לוקסוס פאַר געציילטע, נאָר מאַכן דורך דעם טייערער און שווערער צו קריגן די נויטיקע לעבנס־מיטלען פאַר דער מערהייט. און ווידער, אויב איך בלייב אין אָט־דער צעטומלטער וועלט אָן געלט און אָן אַרבעט, בין איך און הונדערטער טויזנטער אַנדערע, וואָס זיינען אין דער זעלבער ביטערער לאַגע, פאַראורטיילט צו הונגער און אומטעטיקייט, סיידן מיר ווערן געראַטעוועט דורך נישטיקער און דערנידעריקנדיקער צדקה. דאָס איז, צו לעצט, אַ וועלט, וואו אַפילו מיט געלט בין איך קיינמאָל נישט איינ־גאַנצן זיכער, אַז איך וועל אין דער אַלגעמיינער פּלאַנלאָזיקייט קאָנען באַ־פרידיקן מיינע רעאַלע און ווינזנטלעכע באַדערפענישן אויף אַ געהעריקן אופן. איך מוז זיך פאַרלאָזן אויף דעם צופאַל ווי איינער פון די מיליאָנען אומ־אָרגאַניזירטע מענטשן, וואָס גייט אויס זיין איינקונפט אויף זיין אייגענעם צופעליקן שטייגער.

אויף צו קאָנען באַדינען אַלעמענס ווינזנטלעכע באַדערפענישן פאָדערט זיך אָבער אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט צו דער פּראָבע די פעיאיקייט פון די העכסט־ציוויליזירטע און אינדוסטריאַליזירטע פעלקער. פון איין זייט פאָדערט זיך אַ גענוגנדיקע צאָל געבוירט־היימען, קינדער־גערטנער, עלעמענטאַרע און הויך־שולן, לערער, פּראָפעסאָרן, דערפינדער און פאָרשער, מיט גענוג ברייטע מעגלעכקייטן צו לערנען מיט דער יוגנט די קונסט פון פּראָדוקציע און אָרגאַניזאַציע, אַזוי אַז אָט־די יוגנט זאָל קאָנען ווי געהעריק אַרבעטן נאָך דעם, ווי זי איז דורכגעגאַנגען די לערע. און פון דער צווייטער זייט פאָדערט זיך אַזאַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע פאַר פּראָ־דוקציע און פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די פּראָדוקטן, אַז זי זאָל ברענגען צו יעדן איינעם אַ שטענדיקן שטראָם פון סחורות און באַדינונגען, וואָס נעמען

ארום דעם גאַנצן געביט פון פּערזענלעכע באַדערפעניש, אָנהויבנדיק פון וואוינונגען, שפּייז, קליידער און טראַנספּאָרטאַציע, ביז מוזיק, קונסט, ליטעראַטור און אַלע קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

ניט אַזוי געוואַגט און קאָמפּליצירט איז געווען דער פּלאַן, וואָס די רעגירונג פון רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן פאָרמולירן באַלד אין די ערשטע טעג נאָך דער רעוואָלוציע. און די ערגע פּאָר דער דורכפירונג פון אָט־דעם פּלאַן איז געווען אַ לאַנד, וואו אַ פאַרעלטערטע און פעאָדאַלע סיסטעם פון אַגריקולטור האָט בלויז אין דער לעצטער שעה דערלויבט, אַז אינדוסטריען זאָלן שלאָגן וואָרצלען אין געוויסע פּלעצער און אויף אַ מאַסשטאַב, וואָס איז געווען נישטיק־קליין אין פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון דער רוסישער טערי־טאָריע. אין אַגריקולטור, אין אינדוסטריע און אין בילדונג איז רוסלאַנד געווען הינטערשטעליק אויף אַ הונדערט יאָר אין פאַרגלייך מיט די לענדער פון מערב־אייראָפּע.

## 2. דער צאַרישער הינטערגרונט

קיין לאַנד, קיין פאָלק און קיין עפּאָכע האָט אויף דעם ערשטן בליק ניט געקאָנט אויסקוקן ווייניגער צוגעפּאַסט ווי אַן ארענע פאַר אָט־דעם גרעסטן עקספּערימענט אין דער וועלט, אפילו אויב מיר באַטראַכטן אָט־דעם עקספּערימענט אין זיין סאַמע עלעמענטאַרן אָנפאַנג־צושטאַנד. און די הויך־קאָמפּליצירטע פאָרם פון דעם פּלאַן, וואָס ליגט פאַר אונז, איז אַ רעזולטאַט פון וואוקס — דער רעזולטאַט פון אַ סך יאָרן פּראָבעס און פעלערן. דער פאַרענדיגטער פּלאַן איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַריינגעשפּרונגען אַ פולשטענדיג פאַרטיגער אין די מוחות פון די פירער פון דעם לאַנד. נאָר אפילו אין זיין עלעמענטאַרסטער פאָרם האָט אָט־דער פּלאַן געפאָדערט אַ קאָמפּעטענטע אינ־דוסטריעלע אָרגאַניזאַציע און אַ געהעריגע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע. דאָס רוסלאַנד פון 1917 האָט ניט געהאַט ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס צווייטע. זי האָט דער נייער רעגירונג איבערגעלאָזט אַלערליי שטערונגען און קיין שום דערמוטיגונג; און די נישטיגע אינדוסטריע, וואָס דאָס לאַנד האָט פאַרמאָגט, איז געלעגן צעשמעטערט פריער דורך אַ מלחמה, צו וועלכער רוסלאַנד איז ניט געווען צוגעגרייט, און דערנאָך דורך אַ בירגער־קריג, וואָס האָט אַריינ־געבראַכט אויסלענדישע אַרמייען צו צעטרעטן אירע פעלדער און צו פאַרניכטן אירע פאַבריקן.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד, וואָס די נייע רעגירונג האָט גע'ירש'נט, איז געווען אין גרעסטן טייל אַגריקולטורעל און האָט אויסגעשפּרייט די אימפּעריע־נעץ איבער פינלאַנד, עסטאָניע, ליטע, רוסיש פּוילן און בעסאַראַביע ווי אַ צוגאָב צו די אַלע מזרח־ און דרום־מלוכות, וואָס זיינען איצט אַ טייל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. 80 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט

נאָך אין 1928 זיך באַשעפטיגט דירעקט אָדער אומדירעקט מיט פעלד־אַרבעט און זייער לאַגע איז געווען אַ צרה'דיגע. אין די פריערדיגע יאָרן איז די פּראָפּאָרציע געווען נאָך גרעסער. די ערד איז געווען, ספּעציעל אין צענטראַלן און דרום־מזרח'דיגן רוסלאַנד, אין קאַווקאַז און אין טורקעסטאַן, פּונקט אַזוי פעט, ווי אין די מערסטע טיילן פון אייראָפּע. אין דעם „שוואַרץ־ערד" געביט איז דער באָדן וואַרשיינלעך דער פיינסטער אין דער גאַנצער וועלט, נאָר די גערעטענישן זיינען געווען טראַגיש־מאָגערע. רוסלאַנד איז נאָך אַלץ געווען דאָס לאַנד פון דעם הילצערנעם אַקער, דעם סערפּ און דער קאָסע. אַ העלפט פון די אַקערס פון 1913 זיינען געווען פון דעם טיפּ, וואָס האָט בלויז צעקראַצט די אויבערפלאַך אָנשטאָט צו איבערקערן די ערד. די רוסישע אַגריקולטור־מעטאָדן זיינען געווען אויף דער שטופע פון מיטלאַלטער. בלויז אויף די פעלדער פון די רייכע פּויערים און פון די גרויסע גוט־באַזיצער איז געווען אַ שטיקל סימן פון מאָדערנע מאַשינען.

אין אַלגעמיין איז יעדע באַזונדערע לאַנד־ווירטשאַפט געווען — ווי אין כינע — צו־קליין פאַר עקאָנאָמישע צוועקן. פון 263,000,000 אַקער לאַנד זיינען 138,000,000 אַקער געווען צעטיילט צווישן 16,000,000 פּויערישע ווירטשאַפטן, וואָס דאָס האָט אויסגעטראָגן אַ דורכשניט פון אַרום 8 אָדער 9 אַקער פאַר ווירטשאַפט; און געוויינלעך זיינען געווען דאָס צעוואָרפענע שטיקלעך פעלד, אַ שטיקל דאָ און אַ שטיקל דאָרט, ווי אין דער פעאָדאַלער מאַנאָר־ווירטשאַפט אין ענגלאַנד אין דעם פופצענטן יאָרהונדערט. דער פּויערישער אינדיווידואַליזם האָט געמאַכט אוממעגלעך צו מעכאַניזירן די אַגריקולטור. רוסלאַנד האָט כמעט אינגאַנצן ניט געוואוסט פון קינסטלעכער באַמיסטיגונג. דער „רוסישער יאָר־בוך" פון 1914 מאַכט דעם חשבון, אַז יעדער אַקער קולטיווירט לאַנד האָט געקראָגן אַ יערלעכן דורכשניט פון אַ זעקסטל פונט פאָספאָרישן זויער־שטאָף אין פאַרגלייך מיט 21 פונט פאַר אַקער אין בעלגיע.

צוליב אָט־די דרייפאַכע שוועריגקייטן איז די דורכשניטלעכע גערעטעניש פון אַן אַקער פון דער פעטער רוסישער ערד געווען בלויז אַ דריטל פון דער גערעטעניש אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד, און אַ פערטל פון דער גע־רעטעניש אין דענמאַרק. עס איז געווען אַ רחמנות צוצוקוקן די נויט פון דעם פּויער. ער האָט זיך קוים דערהאַלטןביים לעבן. ווי אַ מענטש, וואָס שטייט ביזן מויל אין וואַסער, האָט די מינדסטע כוואַליע פון אומגליק אים אינגאַנצן דערטרונקען. אַ טריקעניש — און טריקענישן זיינען געווען אַן אָפטע דערשיינונג — אַן אינסעקטן־אָנשיקעניש, אַ שרפה — און שרפות צווישן הילצערנע געביידעס זיינען געווען דעם פּויער'ס ערגסטער שונא — האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ בעטלער און אים אַרויסגעשיקט איבער די הייזער בעטלען ברויט.

די לאַגע פון דעם פּויער אין די צאַרישע צייטן און דעם פּויער'ס דאָרף

זיינען באַשריבן געוואָרן פון אַ סך שרייבער. אַט זיינען, למשל, די ווערטער פון מאַרים הינדוס, וועלכער איז געקומען פון אַמעריקע אויף אַ באַזוך אין דעם דאָרף, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. ער רעדט וועגן דער שענסטער מיידל אין דאָרף אין די טעג פון זיין יוגנט. איצט איז זי צו פינף און דרייסיג יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלטער פרוי. זיבן פון אירע ניין קינדער זיינען געשטאָרבן און נאָך איינס איז איצט קראַנק.

„עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין" — גיט ער צו — „כל זמן די מענטשן האָבן געוואוינט אין פאַרדומפּענע ניט־ווענטילירטע כאַטעס פון איין צימער און האָבן נאָך געהאַלטן אין דעם זעלבן פּלאַץ די הינער, חזירים און קעלבלעך." „דאָס האָט געמוזט זיין אַזוי, כל זמן מוטערס האָבן זעלטן ווען געבאָדן זייערע קינדער און געשטופּט דעם קינד אין מויל אַריין מיט אומריינע פינגער אָדער דורך קינסטלעכע „סאָסקעס" פון שמוציגער לייוונט דאָס שוואַרצע ברויט און קאַרטאָפל אָדער די אומפאַרמיידלעכע קאַשע, וואָס די מוטער פלעגט פריער אַליין צעקייען." אין זיין דאָרף איז אין די פאַר־רעוואָלוציאָנערע טעג קיין שול ניט געווען. בלויז געציילטע דאָרפס־לייט האָבן געקאָנט אונטערשרייבן זייער נאָמען.

דאָרט, וואו שטיבלעך האָבן אויפן לאַנד זיך צונויפגעהורבעט אין קליינע שטעטלעך, זיינען די שענסטע פלעצער פאַר'מיאוס'ט געוואָרן דורך שמוץ און אומאָרדענונג. „טואַפּסע איז שיין פון דערווייטנס" — זאָגט סטיפען גרעהעם — און דאָ ציטיר איך אַ באַרימטן ענגלישן פאַרערער פון דעם צאַרישן רעזשים — „נאָר ווען איר פאָרט אַריין אינעווייניג, איז עס דאָס שלומפּערישטסטע אָרט, וואָס האָט ווען ניט איז געטראָגן דעם נאָמען פון אַ קוראָרט. איר האָט דאָ פאַר זיך אַ פּלאָנטער פון קליינע געסלעך און קלאָנג־דיגע קרעמלעך, שמוציגע קאַפייען, פּרוכט־געשטעלן און שטויב. אפילו דער ים, וואָס אַ מייל פון דער ווייטנס בליאַסקעט עס ווי אַ שטיקל צירונג, איז דאָ צעבויטעט און באַדעקט מיט שמוץ."

אויב די צוריקגעשטאַנענקייט פון דעם דאָרף איז געווען צופעליג און מערסטנס מחמת אינערציע, איז אָבער די צוריקגעשטאַנענקייט פון די גרויסע שטעט געווען אַן אַבזיכטלעכע. די צאַרישע הערשער האָבן געציטערט פאַר דעם אויפשטייג פון אַן אינדוסטריעלן מיטל־קלאַס. מען האָט געפּענטעט יעדע אונטערנעמערישקייט. כאָטש די רוסישע קוילן־זאַפּאַסן זיינען געווען צווישן די רייכסטע אין דער וועלט, האָט אָבער איר קוילן־פּראָדוקציע אין 1913 באַטראָפן בלויז איין זיבן־און־צוואַנציגסטל פון דער קוילן־פּראָדוקציע אין די פאַראייניגטע שטאַטן. און די ווייניגע אינדוסטריען, וואָס האָבן עקזיסטירט, זיינען מערסטנס געווען אָנפאַרטרויט צו אויסלענדער. אויס־לענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן באַטריבן די אַרץ־גרובן, אַרויסקריגנדיג פון דער צאַרישער מלוכה קאָנצעסיעס אויף שטרעקעס לאַנד, וואָס זיינען געווען רייך אין מינעראַלן. פראַנצויזישע און בעלגישע קאַפּיטאַליסטן האָבן קאָנ־

טראָלירט די דאָנבאַסער קוילן־ און אייזן־גרובן; ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן קאָנטראָלירט די אויל־ברונעמער פון באַקו; דער קאָנטראָל איבער די טעקסטיל־פאַבריקן און אַנדערע אינדוסטריען איז געלעגן אין די הענט פון די פראַנצויזישע, ענגלישע און דייטשע קאַפּיטאַליסטן צוגלייך.

די לאַגע פון דעם אַרבעטער איז געווען אַ שווידערלעך שווערע; זיינע אַרבעטס־שטונדן זיינען געווען לאַנגע און דער לוין זיינער אַ נידעריגער. אַן אויסערגעוויינלעך נידעריגער לוין מיינט ממילא אַן אויסערגעוויינלעך נידעריגער לעבנס־מצב. עס ווערט אָנגעוויזן, אַז אין 1912 האָט דער דורכשניטלעכער יערלעכער פאַרדינסט פון אַן אינדוסטריעלן אַרבעטער אין רוסלאַנד באַטראָפן 255 רובל. אַן אַרבעטער אין אַ צוקער־פאַבריק האָט יערלעך געקראָגן 106 רובל. אַן אַרבעטס־טאָג פון צען ביז צוועלף שעה איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך.*)

באַדינגונגען אין די פאַבריקן זיינען געווען שענדלעכע. מענער און פרויען צוגלייך האָבן פאַרבראַכט די לאַנגע שטונדן פון דעם אַרבעטס־טאָג אין געביידעס, וואָס זיינען געווען שלעכט פּלאַנירט, שלעכט באַלויכטן און שטענדיג איבערגעפּאַקט. קיין סאַניטאַרע באַקוועמלעכקייטן זיינען כמעט אינגאַנצן ניט געווען.

די היימען זיינען געווען נאָך ערגער, ווי די פאַבריק. אַן אויספאָרשונג, וואָס דער מאָסקווער שטאָט־ראַט האָט דורכגעפירט אין 1898 אין 16,478 דירות, האָט באַוויזן, אַז 17 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבן געוואוינט אונטער אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

„די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די קעלערס, וואו די מענטשן וואוינען, זיינען באַדעקט מיט אַלע סאָרטן שמוץ; די קעלערס אַליין זיינען כמעט אָנגעפילט מיט שמוציגע ברעטער, אויף וועלכע עס ליגט פּונקט אַזאַ שמוציג בעט־צייג, און אין די ווינקלען זעט מען בלויז שמוץ. דער געשטאַנק איז אַ שווערער און אַ שטיקנדיגער. עס איז כמעט ניטאָ קיין ליכט, ווייל די קעלערס זיינען האַלב אונטער דער ערד און זייער ווייניג ליכט קאָן אַריינקומען דורך די שמוציגע פענצטערלעך. אונטער די פענצטערלעך איז פולשטענדיג פינצטער. די ווענט זיינען פייכט און באַדעקט מיט שימל.”

בלויז אויף איין שטאַפּל העכער פון אָט־די קעלערס זיינען געשטאַנען די אומסאַניטאַרע הילצערנע חורבות ביים אַריינפאָר אין די שטעטלעך.

אַזעלכע באַדינגונגען אין דאָרף און אין שטאָט, צוזאַמען מיט דעם מאַנגל אין מעדיצינישער באַדינונג — סיי אין קוואַנטיטעט און סיי אין

*) מען דאַרף דאָס פאַרגלייכן מיט די דורכשניטלעכע יערלעכע פאַרדינסטן פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער אין די שפּעטערדיגע יאָרן. אין 1933 האָט דער לוין שוין באַטראָפן 1,513 רובל (אין די רובלס פון 1926-7); אין 1938 איז דער דורכשניטלעכער לוין שוין געשטיגן צו 3,447 רובל. דער נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג איז באַשטאַנען פון זיבן שעה און איז איצט פאַרגרעסערט געוואָרן צו אַכט שעה.

קוואַליטעט און אין אויסשטאַטונג — מאַכן קלאָר, פאַרוואָס די שטערבלעכ־קייט האָט באַטראָפן 29.4 פּער טויזנט, און אין פאַל פון זוויגלינגען — 32.7 פער טויזנט.

* * *

נישט דוקא די פיינטלעכע קריטיקער וואַרפן דאָס ערגסטע ליכט אויף די באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד. מיר געפינען אויס פון רוסלאַנד'ס אייגענעם יאָר־בוך פון 1914, אַז „אין 1912 האָבן פון 1,063 שטעטלעך און שטאָטישע ישובים מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 10,000 (די צאָל שטאָטישע ישובים איז געווען 182) בלויז 219 פאַרמאָגט אַן אָרגאַניזירטע וואַסער־באַזאָרגונג, וואָס דאָס מאַכט אויס בלויז 20.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל." און סטיפען גרעהעם שרייבט: „מיין אידעאַל איז דאָס הייליגע רוסלאַנד, וואו דאָס פּויערטום איז דער פונדאַמענט, די קירך איז די ראַם און דער צאַר איז דער קאָפּ." ביי אָט־דעם פּאַרערער פון צאַרישן רוסלאַנד געפינען מיר אויס מער ווי ביי אַנדערע וועגן דער פּויערישער נויט און דעם מאַלאַרישן שמוץ אין די שטעטלך פון דער פּרעכטיגער שוואַרץ־ים'ישער ריוויערא. סטיפען גרעהעם פאַרזיכערט אונז, אַז די גאַנצע געשיקט־קייט און בראַווקייט און ברוטאַליטעט און דיפּלאָמאַטיע פון די טשינאָווניקעס האָבן ניט געקאָנט אָפּשטעלן די דראָענדיגע רעזולטאַטן פון די אומדערטרעג־לעכע אַרבעט־באַדינגונגען; אַז אַן אַרמיי פון אָפּגעפרעסענע כאַבאַר־נעמער־דיגע טשינאָווניקעס און אינזשענערן און אַ מחנה פון דעם העכערן קלאַס שטאָפּן זיך אָן מיט געזעלשאַפטלעך געלט; אָדער אַז די בוי־קאָנטראַקטאָרס האָבן געמאַכט די ערגסטע אַרבעט ביים פאַרריכטן די צוויי באַשעדיגטע ראָסטאָווער קאַטעדראַלען. דאָס האָט סטיפען גרעהעם געזאָגט: „אין רוס־לאַנד איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי מוניציפּאַלער באַוואוסטזיין." און ער גיט ווייטער צו: „איז דאָס דען ניט קיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, ווען פּראָ־פעסאָר מעטשניקאָוו פאַרשווענדט זיין ענערגיע אין פּאַריז אין אַ פאַרזוך אויסצוגעפינען אַ דיעטע, וואָס זאָל פאַרלענגערן די עלטער, בשעת סטודענטן אין מאָסקווע לעבן נאָך אַ ליטישער קאַנאַליזאַציע, וואָס וואָלט פאַרלענגערט זייער יוגנט אויף עטלעכע יאָר?"

דער רוסישער דראַמאַטורג טשעכאָוו וועט זיין אַ צווייטער עדות. ער באַשרייבט די געזעלשאַפט אין אַמאָליגן ראָסטאָוו, און זיין באַשרייבונג איז אַזאַ שאַרפער קאָנטראַסט לגבי דעם ראָסטאָוו, וואָס איך קאָן איצט — דעם ראָסטאָוו מיט זיין טעאַטער, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דעם טאָון־האָל אין סטאָקהאָלם און מיט ראַדיאָ־סיטי אין ניו יאָרק ווי איינע פון די פיינסטע געביידעס פון אונזער צייט און געפינט זיך אין סאַמע צענטער פון אַ קאָכעדיג קולטורעל לעבן. טשעכאָוו שרייבט:

„איך האָב ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס און ווי אַזוי אָט־די פינף און זעכציג טויזנט מענטשן האָבן געלעבט. איך האָב געוואוסט, אַז קימרי

לעבט פון שיך, אז אין טולא מאכט מען סאמאווארן און ביקסן, אז אדעס איז א פארט־שטאט, נאר וואס אונזער אייגענע שטאט איז און וואס זי טוט — דאס האב איך ניט געוואוסט. די גרויסע דוואריאנסקע גאס און די אנדערע צוויי אויסגעפוצטע גאסן האבן געלעבט אויף פראַ־צענטן פון קאפיטאל, אדער אויף דעם געהאלט, וואס די טשינאווניקעס האבן געקראגן פון דער מלוכה־קאסע, נאר פון וואס עס לעבן די אנדערע אכט גאסן, וואס האבן זיך געצויגן פאראלעל אויף העכער צוויי מייל און וואס זיינען פארלארן געווארן אויף דער צווייטער זייט פון די בערג — דאס איז פאר מיר שטענדיג געווען א ניט־פארענטפערטע רעטעניש. און עס איז א שאנדע צו באשרייבן ווי אזוי אט־די מענטשן האבן געלעבט. קיין גארטן, קיין טעאטער, קיין אנשטענדיגער ארקעסטער; די שטאטישע ביבליאטעק און די ביבליאטעקביים קלוב פלעגן באזוכט ווערן בלויז פון דער אידישער יוגנט, אזוי אז די זשורנאלן און די נייע ביכער זיינען חדשים־לאנג געלעגן ניט קיין צעשניטענע. רייכע און פיין־געבילדעטע מענטשן זיינען געשלאפן אין ענגע, פארשטיקטע אלקערס אויף הילצערנע בעטן, וואס זיינען געווען פארפעסטעט פון וואנצן; זייערע קינדער האבן זיי געהאלטן אין העסלעך־שמוציגע צימערן, וואס זיי האבן אנגע־רופן „נוירסעריס”, און די דינסטן — אפילו די אלטע און געאכטעטע דינסטן — זיינען געשלאפן אין קיך אויף דער ערד, צוגעדעקטע מיט שמאטעס. אין געוויינלעכע טעג האבן די הייזער געשמעקט מיט בארשטש, און אין פאסטנע (פליישלאזע) טעג האבן זיי געשמעקט מיט פיש, וואס זיינען געקאכט אין בוימל. די שפייז איז געווען ניט גוט און דאס וואסער צום טרינקען איז געווען אומגעזונט. אין דער שטאטישער „דומע” (ראט), ביים גובערנאטאר, ביים הויפט־גלח, אומעטום אין פריי־וואטע היימען האבן מענטשן אין לויף פון יארן און יארן גערעדט וועגן דעם, אז דער שטאט פעלט א גוטע און ביליגע וואסער־באזארגונג און אז עס איז נויטיג צו קריגן א הלואה פון צוויי הונדערט טויזנט רובל פון דער מלוכה־קאסע אויף צו באזארגן די שטאט מיט וואסער. זייער רייכע לייט — און אזעלכע האט מען געקאנט אנציילן א דריי טוצן ביי אונז אין שטאט — וואס האבן אפט פארשפילט אין קארטן גאנצע מאיאנטקעס, זיי האבן אויך געטרונקען די שמוציגע וואסער און האבן זייער גאנץ לעבן גערעדט מיט גרויס אויפרעגונג וועגן א הלואה פאר דער וואסער־באזארגונג. איך האב דאס ניט געקאנט פארשטיין. מיר האט זיך געדאכט, אז עס וואלט געווען א סך פשוט'ער פאר זיי ארויס־צונעמען דאס געלט פון זייערע אייגענע קעשענעס און דאס אויסגעבן אויף דעם פראיעקט.

„איך האב ניט געקאנט אין שטאט קיין איין ארנטלעכן מענטשן. מיין טאטע האט גענומען כאבאר און ער האט געמיינט, אז דאס גיט מען אים אויס רעספעקט פאר זיינע מאראלע מעשים; אין גימנאזיע האבן די אינגלעך זיך אנגעדונגען אויף קעסט ביי די לערער, צאלנדיג א בארייסערישן פרייז, כדי צו קאנען שנעלער אריבערגיין אין א העכערן קלאס; דעם קאמענדאנט'ס ווייב האט גענומען כאבאר ביי די רעקרוטן, ווען זיי זיינען געקומען זיך שטעלן צום „פריזיוו” (מיליטער־דינסט), און זי האט אפילו געוואגט צו מאכן מיט זיי א לחיים, און איינמאל האט זי זיך ניט געקאנט אויפהויבן אין קלויסטער, ווייל זי איז געווען טויט־

שיכור; די דאָקטוירים האָבן אויך גענומען כאַבאַר, ווען די רעקרוטן זיינען געקומען פאַר דער „פּריסוּסטוויע" (די קערפּערשאַפט, וואָס האָט זיי עקזאַמענירט), און דער שטאָטישער דאָקטאָר און דער וועטערינאַר האָבן אַראָפּגעלאָזט אַ רעגולערן שטייער אויף די קצבים און אויף די רעסטאָראַנען; אין דער קרייז־שול האָט מען אָנגעפירט אַ האַנדל מיט סערטיפיקאַטן, וואָס האָבן באַרעכטיגט צו אַ טיילווייזער אויסנאַמע פון מיליטער־דינסט; די העכערע גייסטלעכע האָבן גענומען כאַבאַר פון די פּשוט'ע גלחים און פון „דיאַקעס" (געהילפן צו די גלחים); אין די קאַנצעלאַריעס אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין דער אַרבעטער־בירזשע און אומעטום פלעגט מען שרייען אויף אַ קול צו יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אַ ביטע: „פאַרגעסט ניט, אַז מען דאַרף אויסדריקן אַ דאַנק!", און דער מענטש פלעגט זיך אויסדרייען צוריק און דער־לאַנגען אַ מטבע. און די, וואָס האָבן קיין כאַבאַר ניט גענומען, ווי די העכערע באַאַמטע פון יוסטיץ־דעפּאַרטמענט, האָבן זיך געהאַלטן אָנגע־בלאָזן, האָבן דערלאַנגט צוויי פינגער אָנשטאָט צו דריקן די האַנט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער קאַלטקייט און שמאָלקעפּיגקייט פון זייערע מיינונגען; זיי האָבן די מערסטע צייט פאַרבראַכט ביי קאָרטן; זיי האָבן גע'שיכור'ט, געהייראַט מיט רייכע יורש'טעס און האָבן אויסער צווייפל געהאַט אַ שלעכטע און פאַרדאַרבנדיגע ווירקונג אויף די אַרומיגע מענטשן. בלויז די מיידלעך האָבן נאָך פאַרמאָגט דעם פרישן דופט פון מאָראַלער ריינקייט. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט הויכע שטרעבונגען, ריינע און הערלעכע הערצער, נאָר זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען דאָס לעבן און האָבן געגלויבט, אַז מען גיט כאַבאַר אויס רעספּעקט פאַר הויכע מאָראַלע איינגשאַפטן. נאָך דער חתונה פלעגן זיי שנעל אַלט ווערן; זיי פלעגן זיך אָפּלאָזן און שנעל און האָפענונגסלאָז זינקען אין דער בלאָטע פון וואולגאַרער, קליינלעכער, פיליסטינישער עקזיסטענץ."

אויב דאָס זיינען געווען די באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד, לאָזן זיך די באַדינגונגען אין דער צאַרישער אַזיע גאָר ניט באַשרייבן.

אין שטח זיינען די שטרעקעס פון אַזיאַטישן רוסלאַנד געווען ריזיג גרויס. אין לויף פון פיר הונדערט יאָר האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד פאַר־גרעסערט זיין טעריטאָריע אויף אַרום 50 קוואַדראַט מייל יעדן טאָג. טאָג נאָך טאָג, דאָס הייסט — כדי צו מאַכן עס מער קאָנקרעט און דראַמאַטיש — דורך דער הערשאַפט פון די טודאָרס, די סטואַרטס, די רעפּובליק און די האַנאָווערס — האָט אָט־די ריזיגע אימפּעריע צוגעקראָגן צו איר טעריטאָריע אַ שטיק לאַנד צען מייל די לענג און פינף מייל די ברייט. דאָס לאַנד איז אויסגעוואַקסן פון 800,000 קוואַדראַט מייל אין יאָר 1505 צו 8,500,000 קוואַדראַט מייל אין יאָר 1900.

די צאַרישע אימפּעריע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף צוויי קאָנטינענטן און האָט אַרומגענומען הונדערטער פאַרשיידענע פעלקער און שבטים, וואָס האָבן גערעדט אויף הונדערט און פופציג פאַרשיידענע לשונות, און די גע־שיכטע פון דער צאַרישער אימפּעריע דורך אָט־די אַלע הונדערטער יאָרן

איז אַ רעקאָרד פון אַ לאַנגער ריי פאַרכאַפּונגען און אונטערדריקונגען פון שכנ׳ישע פעלקער, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן מיט פולשטענדיגער פאַר־אַכטונג און זיינען צוריקגעהאַלטן געוואָרן פון עקאָנאָמישן פאָרשריט און מיט דער אויסנאַם פון כאַנאַט פון בוכאַריע זיינען זייערע אייגענע שפּראַכן און אינסטיטוציעס אומ׳ברחמנות׳דיג דערשטיקט געוואָרן.

* * *

אין אַט אַזאַ לאַנד מיט אַזוינע אומגעהויערע שוועריגקייטן און שטערונ־גען האָט אַ זשמעניע פירער, וואָס האָבן פאַרמאָגט גאַנץ ווייניג פּראַקטישע דערפאַרונג, אָנגעהויבן די ערשטע שטופּן פון דעם גרעסטן עקספּערימענט אין דער וועלט. האָט די וואָג־שאָל געקאָנט זיין נאָך מער איבערגעלאָדן געגן זיי?

עס ווייזט אויס, אַז יאָ. ווייל אַלס אַ צוגאָב צו דעם גאַנצן פּאַק גע־ירש׳נטע פּראָבלעמען און שטערונגען זיינען צוגעקומען נאָך צוויי — די מלחמה און דער בירגער־קריג.

רוסלאַנד איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד אויף דער זייט פון די „עלאים״, ניט זייענדיג צוגעגרייט נישט לויט דעם צושטאַנד פון איר אַרמיי — כאָטש זי האָט אויסגעגעבן ריזיגע סומען ענגלישע און פראַנצויזישע געלדער — און ניט לויט דעם צושטאַנד פון איר אינדוסטריע, און נאָך ווייניגער — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — לויט דער שטימונג פון אירע אונטערדריקטע מאַסן. סער דזשאָרדזש ביוקענען, דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר ביים צאַרישן הויף, האָט געוואָרנט די רעגירונג פון ענגלאַנד וועגן דער אומרואיגקייט אין רוסלאַנד. ביוקענען האָט זיך באַ־קלאָגט, אַז די צאַרישע פּאָליציי זוכט צו דערשטיקן די סימנים פון דער אומ־רואיגקייט, אָנשטאָט צו באַזייטיגן די אורזאַכן. ער האָט צוגעגעבן, אַז דער דייטשער געזאַנדטער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז די דערקלערונג פון קריג וועט פירן צו אַ רעוואָלוציע. די צאַרישע רעגירונג האָט אָבער ריזיקירט ווי אַ געמבלער און אַריינגעשליידערט אַ ניט־צוגעגרייט פאָלק אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דער מעכטיגסטער מיליטערישער מלוכה אין דער וועלט. די רוסישע סאָלדאַטן האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין מוט. וואָס עס האָט זיי יאָ געפעלט איז — ביקסן, אַרטילעריע, אַמוניציע און שפּייז. שלעכט־באַוואָפנטע און הונגעריגע זיינען די סאָלדאַטן געלעגן אין די טרענטשעס און נאָך אַ ריי ביטערע און קאָלאָסאַלע נידערלאַגעס האָט רוסלאַנד צוזאַמענ־געבראָכן. מיט אירע טשינאָווניקעס, וואָס זיינען געווען צעפוילט פון כאַבאַר; מיט איר לאַנד, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון די בעסטע אַרבעטער; מיט אירע באַנען, וואָס זיינען געווען איבערגעלאָדן און פּאַראַליזירט; מיט איר באַפעלקערונג, וואָס איז אויסגעגאַנגען פון הונגער—האָט רוסלאַנד צוזאַמענ־געבראָכן, און מיט דעם צוזאַמענבראָך איז אַן אַלטע אָרדענונג פאַרשוואונדן אויף אייביג און אַ נייע אָרדענונג האָט פאַרנומען איר פּלאַץ. די אַרמיי,

וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דערשטיקן די ראַיאָטן, איז צוגעשטאַנען צו דער מאַסע. די רעוואָלוציע האָט ספּאָנטאַן אויפגעפלאַקערט.

אין דער אומזיכערער לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די אַכט חדשים פון וואַקלעניש מצד אַ צייטווייליגער רעגירונג, וואָס האָט אָן דערפאָלג זיך געמאַטערט ארויסצוראַטעווען וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט פון דעם חורבן פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט בלויז איין פּאַרטיי געוואוסט וואָס זי האָט געוואָלט. כאָטש זי איז געווען אין אַ מינאָריטעט, איז זי אָבער געווען צונויפגעשמידט. זי האָט געהאַט אַ פּראָגראַם און אַ לאָזונג. דורך דעם באָלשעוויסטישן רוף: „ברויט, שלום און ערד" איז קערענסקי'ס פּראָוויזאָרישע רעגירונג געפאַלן, און דעם 7טן נאָוועמבער, 1917, האָבן די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאַכט און די סאָוועטן־רעגירונג האָט אָנגעהויבן איר הערשאַפט.

פון דעם ערשטן טאָג אָן — און מען האָט עס געקאָנט דערוואַרטן — האָט די סאָוועטן־רעגירונג געמוזט ביטער קעמפן אויף אָנצוהאַלטן איר מאַכט. זי איז אַטאַקירט געוואָרן פון אינעווייניג און פון דרויסן. די נייע מאַכט האָט דורכגעפירט פיר יאָר שווערע קאַמפן. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט ניט געוואָלט דערלויבן אָן אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, אַז עס זאָלן דורכגעפירט ווערן עקספּערימענטן פאַר דער אויסבילדונג פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס אויב זי זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין אַ דערפאָלג, וואָלט זי געוואָרן אַ געפאַר צו אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַלטן טייער. דער דערפאָלג פון אַ פּלאַנירטן וואָלוויזיין וואָלט ממילא געמוזט פירן צום אונטערגאַנג פון דער דעמאָלטדיגער פּלאַנלאָזער אומאָרדענונג אָדער פון דער צוקונפטיגער פּלאַנירטער דחקות.

עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס רוסלאַנד האָט זיך געפונען אַרומגערינגלט מיט שונאים און וואָס צווישן די ביטערסטע פון אָט־די שונאים זיינען געווען אירע פריערדיגע פאַרבינדעטע. אין אָנגעזיכט פון אַ נייער געפאַר, ווי די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויסגעזען אין די אויגן פון די מערב־לענדער, האָבן די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואָס האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיגט דעם קאַמף אויף לעבן און טויט איינע מיט די אַנדערע, זיך פאַראייניגט און אַטאַקירט דאָס לאַנד און די אָרדענונג, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר זייער געמיינשאַפטלעכן שונא. אין רוסלאַנד זיינען אריינגעדרונגען די אַרמייען פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן און יאַפּאַן. זייענדיג געצוואונגען צו שלאָגן זיך אויף אַלע פראָנטן — אין צפון, דרום, מזרח און מערב — איז רוסלאַנד סוף כל סוף אַרויסגעקומען זיגרייך, נאָר זייער אויסגעשעפּט. איר לאַנד איז געווען רואינירט; איר ווירטשאַפט אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיגן חורבן; אירע פעלדער זיינען געווען צעטראָטן פון סאָלדאַטן און פאַרוואַקסן מיט ווילדע גראָזן; אירע זאַוואָדן און פאַבריקן זיינען געשטאַנען ליידיג צוליב דעם

מאנגל אין הויז־שטאף און רוי־מאטעריאלן; אירע אייזנבאנען זיינען געווען פארשטאפט מיט צעשעדיגטע לאקאמאטיוון, צעבראכענע וואגאנען און פראכט־פלאטפארמעס; אירע בריקן זיינען געווען אויפגעריסן און די רעלסן פארזשאווערט. דער שטראם פון אינדוסטריעלער פראדוקציע, וואס איז שטענדיג געווען קנאפ, איז איצט איינגעשרומפן געווארן ביז צו א פינפטל פון דעם פאר־מלחמה צושטאנד. די אגריקולטורעלע פראדוקציע איז אראפ־געזונקען צו א העלפט פון דעם מצב פון 1914. פעלדער זיינען געלעגן ניט צעאקערט און ניט פארזייט, די פי איז פארטריבן געווארן אין איין מלחמה, ווידער אומגעבראכט געווארן אין א צווייטער. דאס גאנצע לאנד איז אויס־געגאנגען פון הונגער.

* * *

איך האב אבזיכטלעך אונטערשטראכן די שוועריגקייטן, אויף וועלכע די נייע הערשער פון רוסלאנד האבן זיך אנגעשטויסן ביי דער פארמולירונג און דורכפירונג פון זייער פלאן, ווייל אנטקעגן אט־דעם הינטערגרונד דארף דער רוסישער פארשריט געמאסטן ווערן. מען מוז פארשטיין די שרעקלעכע צוריקגעשטאנענקייט פון צארישן רוסלאנד, כדי צו קאנען אפשאצן ווי עס באדארף צו זיין די סאוועטישע דערגרייכונגען און אריינצונעמען אין חשבון די שטרויכלונגען אויף דעם וועג. דעם סאוועטישן וואוקס דארף מען באטראכטן אנטקעגן דעם צארישן הינטערגרונד פון א מיטלאלטערלעכער אגריקולטור, קנאפ־אנטוויקלטער אינדוסטריע און א דורכאויסיגן אנאלפא־בעטיזם.

די רייזנדע, וואס מעסטן רוסלאנד מיט דעם מאסשטאב פון די מערב־לענדער, מוזן ממילא באגיין טעות'ן. צו פארגלייכן די רוסישע פארם־געביידעס און רוסישע פעלדער מיט די פראכטפולע מוסטערן פון דענמארק; צו פארגלייכן מאסקווע מיט לאנדאן, קיעוו מיט עדינבורג, אדער אדעס מיט ליווערפול — מיינט שאפן אינגאנצן א פאלש בילד פון די רוסישע דער־גרייכונגען. דער אמת'ער פארגלייך דארף געמאכט ווערן צווישן דער מאסקווע פון 1927 מיט דער מאסקווע פון 1917 און צווישן דער מאסקווע פון 1937 מיט דער מאסקווע פון 1927. דער כאראקטער, די שנעלקייט און די קוואלי־טעט פון וואוקס שאפן די ריכטיגע מאס פאר א פארגלייך. דער פאקט אליין, וואס היינט־צו־טאג איז בכלל מעגלעך, אז א גראטעסקן אבסורד, צו מאכן וועלכן ניט איז פארגלייך צווישן מאסקווע און לאנדאן, איז אין זיך גופא א מאס פון דער באדייטנדיגער ענדערונג. ווער וואלט געווען געוואגט צו מאכן אזא פארגלייך אין 1914?

און ווידער ווען מיר וועלן זיך נעמען אפשאצן די דערגרייכונגען פון די איין און צוואנציג יאר פון סאוועטישער הערשאפט, אדער די פינף יאר, אין לויף פון וועלכע דער סאוועטן־פארבאנד האט איינגעפירט סאציאליזם, וועלן מיר האנדלען זייער ריכטיג ווען מיר וועלן האלטן אינזינען, אז ניט נאר

איז רוסלאַנד געווען אין אַ שווערער לאַגע צוליב אַ מיטלאַלטערלעכער אַגרי־קולטור, נאָר אַז צו מאָדערניזירן דאָס לאַנד האָט זי געהאַט אַלס מענטשן־מאַטעריאַל דאָס סאַמע אומוויסנדע, אַבערגלויבערישע און צוריקגעשטאַנענע פּויערטום אין אייראָפּע — אַ פּויערטום, וואָס האָט ניט נאָר באַנוצט אַ הילצערנעם אַקער, נאָר האָט קיין בעסערס ניט געזוכט; אַ פּויערטום, וואָס האָט זיך געקאָנט דערלויבן לעשן אַ ברענענדיגן שטרויענעם דאַך פון אַ כאַטע מיט עמערס מילך, ווייל צוליב אַבערגלויבן האָט מען מורא געהאַט צו באַנוצן וואַסער אויף אויסצולעשן אַ שרפה.

מיר מוזן אויך געדענקען, אַז דער רוסישער אינדוסטריע האָבן אויס־געפעלט פאַכמענער און געניטע טעכניקער און אַז אין דער בילדונג־סיסטעם האָבן אויסגעפעלט לערער. די שווערסטע שטרויכלונגען, וואָס רוסלאַנד האָט געדאַרפט בייקומען אין איר אַרבעט פון איבערבויען דאָס לאַנד אויף מאָדערנע ליניעס איז געווען די אָפּוועזנהייט פון געניטע מענטשלעכע אינ־סטרומענטן. די סאָוועטישע הערשער האָבן געמוזט אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב, גיין זוכן דעם וועג אָדער דורכברעכן דעם וועג טראָט ביי טראָט.

מ׳האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין אוטאָפּיע און קיין פּעלערלאָזן פאָרשריט אין סאָוועטן־רוסלאַנד, ווי נאָבל עס זאָל ניט געווען זיין דער ענד־ציל. די סאָוועטן האָבן גע׳ירש׳נט ניט בלויז אַ פאַרקריפּלטע און אָפּ־געשוואַכטע אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע אָרדענונג און אַן אומפּויאיגע באַפעלקערונג, נאָר זיי האָבן אויך גע׳ירש׳נט אַ טראַדיציע פון ברוטאַלקייט, וואָס קיין אַנדער אייראָפּייאיש לאַנד האָט ניט געקאָנט איבערשטייגן. די קראַפט פון דעם ריקשטוים איז די מאָס פון דער פריערדיגער אונטערדריקונג.

קיין זאַך איז ניט אַזוי נויטיג, ווי צו ציען אַ ליניע צווישן דעם, וואָס איז איינגעבוירן אין דער נייער אָרדענונג, און דעם, וואָס איז געקומען בירושה פון דער אַלטער אָרדענונג. ווייל גאָר אַ סך פון דער ירושה, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד האָט געקראָגן פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דעם סאָציאַליזם, וואָס זי פּראַקטיצירט. די ברייטע שפּיאָנען־סיסטעם פון די ערשטע צייטן (וואָס האַלט נאָך אָן, צום באַדויערן, ביז אַ געוויסער מאָס), די געהיים־פּאָליציי, די געהיימע געריכטן און פּאָליטישע הינריכטונגען זיינען ניט געווען איינגעבוירן אין דער סאָוועטישער סיסטעם. דאָס זיינען געווען רעשטלעך פון צארישן אַמאָל. סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער ברוך מיט דער פאַרגאַנגענהייט איז „פולשטענדיג״, אָבער אַ פאָלק באַפרייט זיך ניט אַזוי לייכט פון זיין סאָציאַלער פאַרגאַנגענ־הייט. אַ סך אידייען, זיטן, אומטאָלעראַנץ און אויך טאָלעראַנץ קלעפּן זיך צו אומבאַמערקטערהייט צו די, וואָס מיינען, אַז זיי לעבן אין אַ צייט, ווען אַלץ איז ניי.

עס וועט זיין אַ קלוגע זאַך פון אונזער זייט, אויב מיר וועלן דאָס אָנערקענען און אָפּטיילן די זאַכן, וואָס פאַרדינען לויב, פון די זאַכן, וואָס

פאַרדינען טאָדל. די פון אונז, וואָס גלויבן אין אבסאָלוטע ווערטן, וועלן קיינמאָל ניט זיין באַפרידיגט ביז עס וועלן ניט אויפהערן די פאַרלעצונגען פון אָט־די ווערטן.

* * *

ס׳ווילט זיך געבן נאָך איין וואָרנונג צו די, וואָס פאָרן קיין רוסלאַנד. צו רייזן מיט אַ ליידיגן באַוואוסטזיין איז אפשר אוממעגלעך; עס איז זיכער נעפערלעך דאָס צו פּרובירן. אויף צו קאָנען געניסן פון אַ רייזע אין רוסלאַנד, פאָדערט זיך אַ באַוואוסטזיין, וואָס זאָל אין פאָראויס זיין גוט אינפאָרמירט. אַן אויספאָרשונג פון רוסלאַנד אין פּראָצעס פון וואוקס מאַכט אַ רייזע אין רוסלאַנד באַלערנד. אָן אַזאַ שטודיום קאָן די רייזע זיין זייער פאַרפירעריש.

נעמט דעם פאַל מיט דעם ענגלישן אייזנבאַן־ענטוזיאַסט, וואָס האָט געמאַכט אַן אויבערפלעכלעכע און שנעלע רייזע אויף דעם מערב־ראַנד פון די רוסישע אייזנבאַנען און האָט זיי פאַרגליכן מיט די ענגלישע באַן־ליניעס, ניט וויסנדיג אינגאַנצן וועגן דער עקזיסטענץ פון די מאָדערנע קאָנדענסער־לאָקאָמאָטיוון, וואָס זיינען דער טריאומף פון דער סאָוועטישער אינזשענערישער קונסט; אָדער וועגן דעם, אַז די רעלסן פון דער טראַנס־סיבירישער ליניע זיינען פאַרדאָפּלט געוואָרן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, און אַז בלויז איין וואַגאָן־בוי־זאַוואָד גיט־אַרויס יעדן טאָג אַ מייל און אַן אַכטל פון סופּער־מאָדערנע וואַגאָנען — און אויף דעם גרונד פון זיין ניט־אינפאָרמירטער באַאָבאַכטונג האָט ער געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער „עפישענסי״ פון קאַפּיטאַליזם און דער „אומעפישענסי״ פון סאָציאַליזם. אַזאַ רייזנדער, וואָס פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן בלויז אויף דעם, וואָס ער זעט און האָט דורך שטודיום ניט געקראָגן קיין שום אינפאָרמאַציע, וועט אינגאַנצן פאַרזען די אמת׳ע באַדייטונג פון סאָציאַלן קאָנטראָל איבער די טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען.

איך אַליין וואָלט דאָ געקאָנט געוועז דינען ווי אַ ביישפּיל, ווייל פאָרנדיג פון ענגלאַנד דורך האָלאַנד, פּוילן און אין רוסלאַנד ביז מאָסקווע, האָב איך אָנגעהויבן די רייזע — וואָס אָנבאַלאַנגט די באַקוועמלעכקייטן — מיט די ענגלישע באַנען, וואָס זיינען די בעסטע, און פאַרענדיגט מיט די רוסישע באַנען, וואָס זיינען געוועזן די ערגסטע. אין דער אמת׳ן האָב איך קיין ווירקלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן ניט דורכגעמאַכט. די באַנען אין רוסלאַנד זיינען געוועזן פּינקטלעך; די רעסטאָראַן־ און שלאָף־וואַגאָנען האָבן מיר געגעבן אַלץ, וואָס איך האָב באַדאַרפט; מיינע מאָלצייטן זיינען געוועזן אויסגעצייכנט, נאָר די וואַגאָנען זיינען אין געוויסע פאַלן געוועזן אויף אַ טוץ יאָרן פאַרעלטערט. וואָלטן מיינע יונגע פריינט, די אינזשענערן, געוועזן מיט מיר צוזאַמען, וואָלטן זיי געמאַכט דעם אומגינסטיגן פאַרגלייך מיט די ענגלישע באַנען, וואָס טראָגן דעם נאָמען „די פליענדיגע שאָטלענדער״. זיי וואָלטן

געוועז נערעכט; נאָר ווען זיי וואָלטן אויף דעם גרונד פון אזא פארגלייך זיך גענומען פארדאמען די אייזנבאַן־סיסטעם, וואָס ווערט רעגולירט פון דער מלוכה און איז איר אייגנטום, וואָלטן זיי געווען באַגאַנגען א זייער ערנסטן טעות, ווייל זיי וואָלטן אויסגעלאָזט עלעמענטן פון דער העכסטער און אנט־שיידנדיגסטער וויכטיגקייט.

סאָוועט־רוסלאַנד רעכנט זיך זייער ווייניג דערמיט, וואָס עס וועט זאָגן א צופעליגער רייזנדער אויף אירע באַנען. זיכער ניט אויף אזויפיל, אז מען זאָל אויף די אייזנבאַנען, וואָס זיינען פארבונדן מיט מערב־אייראפּע, איינ־פירן ערשט־קלאַסיגע רעסטאָראַן־וואַגאַנען, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק אויף דעם גאַסט פון מערב. א צאָל פון זייערע רעסטאָראַן־וואַגאַנען און שלאָף־וואַגאַנען קאָנקורירן מיט דעם בעסטן, וואָס מיר פארמאָגן. א סך זיינען ווייט הינטערשטעליג אין פארגלייך מיט אונז. סאָוועט־רוסלאַנד האָט דאָך אָבער אַנדערע און ברייטערע צילן, ווי קליינלעכע קאָנקורענץ, און בלויז א שטודיום פון דער סאָוועטישער אייזנבאַן־סיסטעם און איר פאָרשריט בכלל קאָן אנטפּלעקן אָט־די צילן. סאָוועט־רוסלאַנד שטרעבט מיט דער גאַנצער ענערגיע און מיט א באַדייטנדיגן דערפאָלג צו פארריכטן די פעלערן פון דער שלעכט־באַלאַנסירטער טראַנספּאָרטאַציע־ און פּראָדוקציע־סיסטעם; עס ווערט געמאַכט א פארזוך אויף דאָס ניי דורכצוטראַכטן די גאַנצע סיסטעם, שטייענדיג אויף איין אָרט אין מערב און שפּאַנענדיג מיט שטווינענדיגער שנעלקייט צו מזרח און צו דרום. די סאָוועטן טוען פּיאָנערן־ארבעט אין א נייער וועלט. עס האָט קיין זין ניט צו דערוואַרטן, אז זיי זאָלן זיך שניידן א פּאָלע וועגן די באַקוועמלעכקייטן פון אן אַלטער אָרדענונג, צי דאָס איז פאר זיי אליין, אָדער פאר אויסלענדישע באַזוכער.

סאָוועט־רוסלאַנד שטרעבט צו א באַלאַנסירטער טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם — א באַלאַנסירטע נעץ פון אייזנבאַנען, שאָסייען, לופט־ליניעס און וואַסער־וועגן, וואָס זאָלן באַדינען פּונקט אזא באַלאַנסירטע און ווייט־אויס־געשפּרייטע אינדוסטריע. דער ניט־אויפגעקלערטער רייזנדער ווייסט וועגן דעם גאָר נישט, און ער קאָן דערפאַר שאַפן א מיינונג וועגן רוסלאַנד, וואָס זאָל זיין ווייטער פון אמת, ווי די מיינונג פון דעם מענטשן, וואָס טרעט קיינ־מאָל ניט ארויס פון דעם בריטישן מוזיי. זיינע אויגן נאַרן אים אָפּ, ווייל ער זעט די קלענערע העלפט פון דעם בילד און ער נעמט עס אָן פאר דעם גאַנצן בילד.

## 3. די פּראָגראַם און דער פּלאַן

אין ברייטע שטריכן קאָן מען גאַנץ פּשוט דערקלערן וואָס עס מיינט פּלאַנירטע פּראָדוקציע, וועלכע באַצוועקט צו באַזאָרגן געברויך־ארטיקלען און די קאַפּיטאַלע מאַשינען, וואָס פּראָדוצירן אָט־די ארטיקלען פאר דעם

וואוילזיין ניט פון געציילטע, נאָר פאַר אַלעמען, אַזוי אַז אַלע זאָלן זיין פריי פון עקספּלואַטאַציע, זאָלן האָבן גלייכע געלעגנהייטן בנוגע אַרבעט, אָפּרו, בילדונג און זיכערקייט. די פאַרווירקלעכונג אָבער פון אַזאַ פּלאַן איז די קאָמפּליצירטסטע און פּילזייטיגסטע סכעמע אין דעם גאַנצן סכום פון מענטש־לעכע אונטערנעמונגען.

דער פּלאַן איז אַרויסגעוואַקסן נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך פון דער רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט פון די פירער צו באַשאַפן אַ „קלאַסנלאָזע מלוכה". די אידייע פון אַ „קלאַסנלאָזער מלוכה" איז דער יאָדער, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן די הויך־אָרגאַניזירטע און פּלאַנירטע פּראָדוקציע פון דעם איצטיגן רעזשים. אויף איר נעגאַטיווער זייט איז אַ „קלאַסנלאָזע מלוכה" אַזאַ, וואָס אין איר האָט קיינער ניט די פרייהייט צו באַנוצן זיך מיט דער פּראָצע פון אַנדערע, כדי אַליין רייך צו ווערן. אויף איר פּאָזיטיווער זייט איז דאָס אַ מלוכה, וואו די סאָציאַלע באַדערפעניש[ן] פון יעדן איינעם ווערן באַפרידיגט אויף אַ באַזע פון גלייכהייט. דערמיט איז קיינמאָל ניט באַצוועקט געוואָרן קיין שטרענגע גלייכהייט, אויסער ביים סאַמע סוף פון אַ זייער לאַנגן פּראָצעס. עס איז, למשל, איבערגעלאָזט געוואָרן די פרייהייט פון אומגלייכן לוין. די „קלאַסנלאָזע מלוכה" האָט באַדייטעט, אַז יעדער איינער זאָל בייַ־טראָגן זיין חלק אַרבעט און אַז אַלע זאָלן האָבן אַ חלק אין דער געמיינשאַפט־לעכער פּראָדוקציע.

אויב מען נעמט אָבער אין באַטראַכט אַלעמענס באַדערפענישן, מיינט דאָס שוין ממילא, אַז די פּראָדוקציע ווי אויך די פאַרטיילונג מוז זיין צו־געפּאַסט צו באַזאָרגן אָט־די באַדערפענישן. די רעגולירונג פון דער פּראָ־דוקציע טאָר ניט איבערגעלאָזט ווערן צו דעם קאַפּריז פון איינצלנע פּראָדו־צירער, אָדער צו אַ גרופּע פּראָדוצירער. אָט דערפאַר האָט מען עס באַדאַרפט איבערגעבן די פּראָדוציר־מיטלען אין געזעלשאַפטלעכע און ניט אין פּריוואַטע הענט.

מיט איין וואָרט, ניט דעם פּראָדוצירער'ס אינטערעסן דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט פריער פון אַלץ און איבער אַלץ, נאָר די אינטערעסן פון די געברויכער. די געברויכער און זייערע באַדערפענישן זיינען די אַקס, אַרום וועלכער די פּראָדוקטיווע אינדוסטריע דאַרף און מוז זיך דרייען. מען דאַרף זיך אָנפרעגן ביי די געברויכער און פעסטשטעלן זייערע באַדערפענישן, און סחורות דאַרפן באַזאָרגט ווערן אין פּראָפּאָרציע צו דער פאַרהעלטניס־מעסיגער וויכטיגקייט און דרינגענדיגקייט פון אָט־די באַדערפענישן. עס דאַרף געזאַמלט ווערן אינפאָרמאַציע אויף פעסטצושטעלן אָט־די באַדערפע־נישן; מען דאַרף די אינפאָרמאַציע וועגן און מעסטן, באַטראַכטנדיג באַ־דערפעניש נאָך באַדערפעניש.

און ווען עס איז שוין באַשטימט געוואָרן אין וואָסער אָרדענונג און אין וואָסער מאָס די פאַרשיידענע באַדערפענישן זאָלן באַזאָרגט ווערן, קאָן

מען אַרויסגעבן באַשטעלונגען צו פּראָדוצירער, אָנווייזנדיג וואָסערע אַרטיקלען און אין וואָס פאַר אַ מאָס זיי דאַרפן פּראָדוצירט ווערן. אויף אַזאַ אופן וועלן פאַבריק־אַרבעטער און גרופן אַרבעטער, פּויערים און גרופן פּויערים וויסן וואָס און וואו און ווען צו פּראָדוצירן. עס וועט ניט זיין ניט קיין קריזיסן און ניט קיין „בומס" און ניט קיין אַרבעטלאָזיגקייט.

רעדנדיג מער קאָנקרעט און גענוי, כאָטש אָן וויסנשאַפטלעכער פּינקטלעכקייט, קאָן מען זאָגן, אַז דער אופן פון פעסטשטעלן די באַדערפענישן אויף די ערשטע שטופן פון דער רעוואָלוציע איז געווען אומגעפער אַזאַ: צוויי זאַכן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פון דער גרעסטער וויכטיגקייט: נאַציאָנאַלע שוץ און די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן. די מלוכה, מוזן מיר געדענקען, האָט אָנגעהויבן פון סאַמע אָנהויב: די אינדוסטריע איז איינגעשרומפּן געוואָרן צו אַן אומבאַדייטנדיגן פּראָדוקציע־שטראָמעלע; אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען געווען צעשטערט; פעלדער זיינען געלעגן אומבאַארבעט. דאָס לאַנד האָט געדאַרפט האָבן אָן אַ שיעור זאַכן, נאָר פריער פאַר אַלץ האָט מען געמוזט האָבן מלחמה־מאַטעריאַלן.

עס איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה אויף זיבן פראָנטן. אויב אָט־די מלחמה וואָלט פאַרלאָרן געוואָרן, וואָלט אַלץ פאַרלאָרן געוואָרן. דעריבער האָט מען געמוזט דעם גרעסטן טייל פון דער רוסישער אינדוסטריעלער ענערגיע אָנווענדן — און טאָקע באַלד — אויף צו באַזאָרגן די מלחמה־מאַטעריאַלן.

די צווייטע באַדערפעניש איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דער ערשטער. סאָוועט־רוסלאַנד מוז האָבן קאַפּיטאַלע סחורות. דאָס מיינט, אַז די סאָוועטן מוזן באַזיצן די מאַשינען, וואָס זיינען נויטיג אויף צו פּראָדוצירן סחורות, מאַשינען אויף צו פּראָדוצירן אַמוניציע און אַלץ פאַר די אייזנבאַנען, ווי אויך געברויך־אַרטיקלען. ביז איצט איז רוסלאַנד געווען אָפּהענגיג פון אויסלאַנד בנוגע די וויכטיגסטע אַרטיקלען, אין וועלכע זי האָט זיך גענויטיגט. אָט־דער קוואַל איז אין גרעסטן טייל אָפּגעשניטן געוואָרן, און צו יעדער מינוט האָט ער געקאָנט אינגאַנצן אָפּגעשניטן ווערן. רוסלאַנד האָט געמוזט אָנשטרענגען יעדן נערוו צו ווערן אומאָפּהענגיג פון אַנדערע לענדער. און כדי צו באַזאָרגן פאַר זיך אירע קאַפּיטאַלע סחורות, האָט רוסלאַנד זיך ניט געקאָנט פאַרלאָזן אויף אויסלענדישער פינאַנציעלער הילף. זי האָט דעריבער געמוזט אויסברייטערן אירע אייגענע אונטערנעמונגען מיט דער הילף פון אירע אייגענע אָפּשפּאָרונגען. דאָס האָט געפירט צו פאַרצויגענע און אוממפּאַרמיידלעכע שוועריגקייטן. עס איז געווען אומפּאַרמיידלעך, אַז מען זאָל מוזן ענגער פאַרציען דעם גאַרטל.

נאָר ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, קאָנען דאָך מענטשן ניט לעבן בלויז מיט קאַפּיטאַלע סחורות און מיט אַמוניציע. מענטשן קאָנען ניט עסן קיין וואַלץ־זאַוואָדן, אָדער שמעלץ־אויוונס, אָדער קראַפט־סטאַנציעס. מענטשן מוזן האָבן ברויט, פלייש, וואוינונגען, קליידער, שולן, ליטעראַטור און פאַר־

ווילונג. די גאַנצע פּאַרבליבענע ענערגיע און רעסורסן פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט מוזן דעריבער פאַרווענדט ווערן אויף דער באַזאָרגונג פון אָט־די קולטורעלע און דערהאַלטונג־באַדערפענישן, וואָס האָבן אָבער ניט גענוג קאַנט באַפרידיגט ווערן אין דער פּולער מאָס צוליב די צוויי אַלץ־אַריבער־וועגנדיגע באַדערפענישן פון שוץ און פון קאַפּיטאַלע סחורות.

* * *

אָט אַזאַ איז געווען דער פּלאַן אין זיינע אַלגעמיינע שטריכן, ווי ער איז פאָרמולירט געוואָרן דורך דעם העכסטן עקאָנאָמישן ראַט פאַר פּאַלקס־ווירטשאַפט, וואָס איז אַזוי בילדלעך כאַראַקטעריזירט געוואָרן פון מר. פּיליפּס פּראַים ווי „דער ערשטער אָרגאַן אין דער וועלט אויף צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די טעאָריע, אַז יעדער בירגער איז אַ טייל פון אַ גרויסער מענטשלעכער פאַמיליע און אַז ער באַזיצט געוויסע רעכט אין אָט־דער פאַמיליע אויף ווי וויט ער פירט דאָרט אויס געוויסע פליכטן.”

דער פּלאַן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אינסטרומענט, וואָס איז באַשערט אויסצופורעמען אַ נייע אָרדענונג ניט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר מיט דער צייט אויך איבער דער גאַנצער וועלט. דער פּלאַן איז געבויט געוואָרן אויף די מאָראַלע יסודות—ווי מר. פּראַים האָט דאָס ריכטיג באַנומען—וואָס די קריסטלעכע רעליגיע האָט כסדר געפּאָדערט, די יסודות, וואָס אָנערקענען, אַז די געזעלשאַפט איז אַ פאַמיליע; אַז יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, ווי אַ קינד פון דער פאַמיליע, האָט געוויסע רעכט אין דער פאַמיליע, אָנהויבנדיג פון דעם טאָג פון זיין געבורט און דורך זיין יוגנט, און דעריבער האָט אויך יעדער מיטגליד אויף זיך אַ פליכט, ווי אויך אַ פּריווילעגיע; און ווען ער אָדער זי וואַקסט־אויף, קאָן ער בלויז דעמאָלט פאַר זיך מאָנען זיינע רעכט אין דער פאַמיליע, ווען ער קומט־נאָך זיין חלק פליכטן צו דער פאַמיליע. אַלע מוזן אַרבעטן. אַלע מוזן קריגן די פּרוכט פון זייער אַרבעט.

אָט־די ריזיגע פאַמיליע־ווירטשאַפט מוז פאַרזיכטיג פּלאַנירט ווערן און פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן, ווי עס איז דער פּאַל מיט יעדער קלענערער פאַמיליע־ווירטשאַפט. אין גרונד פון ביידע ליגט דאָס פּלאַנירן פאַר די נוצן פון דער פאַמיליע, און עס וואָלט באמת געווען זייער שווער זיך פאָרצושטעלן אָדער אויסדריקן אין פּשוט׳ערע ווערטער אַ סכעמע, וואָס זאָל אויף אַ בעסערן אופן נאָכקומען אי די געבאָטן פון קריסטלעכן געוויסן און די פאָדערונגען פון אַ ראַציאָנאַלער וויסנשאַפטלעכער אָרדענונג.

אַלס אַזאַ האָט די פּראָגראַם, צום ווינציגסטן, פאַרדינט, אַז זי זאָל וואַרעם באַגריסט ווערן מצד קריסטן און וויסנשאַפטסלייט. די קריטיק אין באַצוג צו די מעטאָדן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן — דאָס גראָבע צעטרעטן פון מענטשלעכע לעבנס, דאָס ניט רעכענען זיך מיט אַלטע און ווערטפולע

טראַדיציעס און די אומטאָלעראַנץ אין באַצוג צו רעליגיעזע גלויבנס — איז געווען באַרעכטיגט, נאָר דער פאַרזוך אַליין האָט פאַרדינט, אַז ער זאָל באַגריסט ווערן מצד די, וואָס האָבן אין לויף פון הונדערטער יאָרן גע־פריידיגט און תפילה־געטאָן וועגן גראַד אַזאַ אָרדענונג, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף גראַד אַזעלכע פרינציפּן. וואָלטן אָט־די פרינציפּן געווען באַגריסט געוואָרן, וואָלט די קריטיק גופא געווען געהאַט אַ גרעסערע ווירקונג, און אַ סך פון די זאַכן, וואָס זיינען קריטיקירט געוואָרן, וואָלטן זיכער קיינמאָל ניט געווען פּאַסירט. דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע וואָלט אפשר געווען גאָר־גאָר אַנדערש, ווען סימפּאַטיע און פאַרשטענדיגונג וואָלטן געווען פאַר־נומען דעם פּלאַץ פון געגנערשאַפט און באַוואָפנטער אינטערווענציע. קיין זאַך איז ניט אַזוי פייאיג צו טרייבן מענטשן צו פאַרצווייפלונג, ווי די לאַגע, ווען אין זייער פאַרזוך דורכצופירן גינסטיגע רעפאָרמען שטויסן זיי זיך אָן אויף דער פאַראייניגטער געגנערשאַפט פון דער גאַנצער וועלט. באַזונדער, ווען זיי געפינען אויס, אַז צווישן די געגנער געפינען זיך די, וואָס האָבן געפּריידיגט דעם זעלבן אידעאַל, נאָר זיי ציטערן איצט פאַר דער קאָנקרעטער פאַרווירקלעכונג פון אָט־דעם אידעאַל.

געוויסע גרופּן מיט חזקה־אינטערעסן האָבן געשטאַרקט די הענט פון די געגנער פון דעם נייעם פּלאַן אין רוסלאַנד, און די זעלביגע גרופּן דאָ און אין אַנדערע לענדער האָבן מעגלעך געמאַכט פאַר געוויסע מענטשן צו פאַר־בלענדן די אויגן פון דער קירך אַזוי, אַז זי זאָל ניט זען וואָס עס טוט זיך אונטער איר סאַמע נאָז, צווינגענדיג קירכלעכע צו שטיצן זיך אויף עלע־מענטן, וואָס אין זייער סביבה זיינען זיי אפשר געווען פאַרשטענדלעך, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף זייער אורטייל האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט.

מען קאָן, נאַטירלעך, פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט באַרעכטיגן אין אַ היפּשער מאָס דעם שרעק פון די מענטשן מיט חזקה־אינטערעסן און די מורא פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן בכלל. די באַלדיגע קאָסטן — אויב מען זאָל זיך דער עיקר רעכענען מיט זאַכן און ניט מיט מענטשן — זיינען אפשר געווען גרויס. בלויז פון יענע מענטשן, וואָס זייער ווויסנשאַפטלעכער און הומאַניטאַרער בליק איז גענוג ברייט צו קאָנען זען דעם פאַרנעם פון דעם נייעם וואוילזיין, וואָס וועט זיין צוגעננגלעך פאַר אַלעמען אין דער ענדגילטיגער אָן־אַ־שיעור באַרייכערטער געזעלשאַפט, האָט מען אפשר געקאָנט דערוואַרטן אַ גינסטיגע שטעלונג צום נייעם עקספּערימענט. און בלויז פון די, וואָס זייער ליבע צו דער מענטשהייט איז גענוג גרויס אויף אָנצונעמען די ריזיקע פון באַלדיגע שוועריגקייטן כדי די מענטשהייט זאָל זיך קאָנען שטעלן אויף די פיס, האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן באַגריסן אַזאַ רעוואָ־לוציאָנערן פּלאַן, וואָס האָט באַטראַכט די געזעלשאַפט ווי אַ פאַמיליע אויף אַזאַ העכסט־רעאַליסטישן און פּראַקטישן אופן.

אָבער גראַד קריסטלעכע מענטשן האָבן דאָך געדאַרפט האָבן אַזאַ וויזיע

און אַרויסקומען מיט אַזאַ באַגריסונג. דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרפעלט אַזוי צו האַנדלען, איז אַ שווערע רעה געגן רעליגיע בכלל און דער קריסטלעכער קירך בפרט. די קריסטן האָבן זיך געלאָזט פאַרבלענדן פון דער פיינטלעכער פראָפּאַגאַנדע פון די באַדראָעטע חזקה־אינטערעסן. זיי האָבן גערן געגלויבט דאָס ערגסטע וועגן רוסלאַנד, ווי זיי האָבן געגלויבט דאָס ערגסטע בנוגע שפּאַניע, און דערמיט האָבן זיי דערמוטיגט און אַקטיוו געשטיצט יענע פאָרמען פון פינאַנץ־ און אַמוניציע־קאַפּיטאַליזם, וואָס רייסן פון זיי איצט שטיקער, ווי דאָס איז דער פאַל אין דייטשלאַנד, וואו דאָס ווערט געטאָן גראָד אויף דעם גרונד, אַז די קירך גופא איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „לעכערלעכער" לערע וועגן דער ווערט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און דער ברידערלעכקייט פון מענטשן.

* * *

געוויסע גינסטיגע שטריכן האָבן מער ווי איבערגעוואויגן די שוועריג־קייטן, אויף וועלכע לענין און זיינע חברים האָבן זיך אָנגעשטויסן אין זייער אויפגאַבע אויפצובויען אַ נייע ציוויליזאַציע. ערשטנס, זיינען די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פון דער רוסישער אימפּעריע געווען ריזיג־גרויס. אָט־דאָס זעקסטל פון דער וועלט האָט פאַרמאָגט מער ווי איין זעקסטל־חלק פון די רייכטימער פון דער ערד. ווי מיר האָבן שוין געזען, איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ לאַנד פון אומבאַגרענעצטע נאַטירלעכע אוצרות. וואָס איז שייך רוי־מאַטעריאַלן, וואַסער־קראַפט, וועלדער, מעכטיגע טייכן, קוילן, אויל, אייזן און אַ סך אַנדערע סאָרטן אַרץ איז דאָרט פאַראַן לרוב. רוסלאַנד קאָן במעט איינגאַנצן אויסקומען מיט אירע אייגענע רעסורסן.

דער צווייטער וויכטיגער שטריך איז די סטראַטעגישע און שוץ־פּאָזיציע פון אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ ריזיגע און שנעל־וואַקסנדיגע באַפעלקערונג און וואָס איז אין אַזאַ געאָגראַפישער לאַגע, אַז אויב מען וועט עס אַטאַקירן, וועט אָט־דאָס לאַנד זיך פאַרטיידיגן אויף ליניעס טיף אין לאַנד. האָבנדיג די פעסטע שטיצע פון די מאַסן און אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע און אַגרי־קולטור צו באַפרידיגן זיינע באַדערפעענישן, קאָן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויב עס וועט נאָר זיין נויטיג, זיך שטעלן געגן דער גאַנצער וועלט.

נאָך אַ גינסטיגער שטריך — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען — איז דער פאַקט, וואָס די רייכטימער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַלן קיינעם ניט אַראָפּ פון הימל. די אַנטוויקלונג פון די סאָוועטישע נאַטירלעכע אוצרות פאָדערט שווערע און אומאויפהערלעכע פּרוּוּ. אָבער ניט אין אונזער צייט און ניט אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די נאָבלסטע עקספּערימענטן פון דער מענטשהייט זיך צום בעסטן איינגעבן, אָדער די פייאיגסטע מענטשן זיינען אויסגעוואַקסן, אין די לענדער, וואָס פאַרמאָגן אַ גינסטיגן קלימאַט און פאַרטיגע באַקוועמלעכקייטן. מר. אַרנאָלד טוינבי גיט־איבער אין זיין

בוך „געשיכטע־פאַרשונג" מר. האַנטינגטאָנ'ס מעשה מיט די נאַקעטע ווילדע מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואוסט וואָס פייער מיינט, וועלכע האָבן זומער־צייט אויסגעוואַנדערט צו צפון און זיינען דאָרט געפאַנגען געוואָרן ווי אין אַ פּאַסטקע, ווען דער ווינטער איז אונטערגעקומען. אייניגע זיינען אַנטלאָפן, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אַהיים, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צום אַלטן לייכטן לעבנס־שטייגער. אַנדערע זיינען פאַרבליבן און האָבן זיך בראַוו צוגעפּאַסט צו די שווערע באַדינגונגען דורך באַוואוסטזיניגער דער־פינדערישקייט, דורך אַריינגראָבן זיך אין דער ערד כדי צו שאַפן פון קעלט־באַשיצטע וואוינונגען, דורך זאַמלען צווייגן און בלעטער אויף צו מאַכן ביידלעך און וואַרעמע געלעגערס, דורך איינהילן זיך אין דער פעל פון די חיות, וואָס זיי האָבן דער׳הרג׳עט. און אַט־די ווילדע מענטשן האָבן עס געמאַכט די ערשטע שריט צו ציוויליזאַציע; זיי זיינען געבליבן לעבן אין אַ סביבה, וואו זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אומקומען. צופּאַסנדיג זיך צו אַ שווערער אומגעבונג, זיינען זיי געוואַקסן און האָבן זיך אַנטוויקלט און האָבן די מענטשן פון די טראָפּישע לענדער איבערגעלאָזט ווייט הינטער זיך אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די ציוויליזאַציע אין אַלגעמיין. געגנטן מיט פאַרבאָרגענע מעגלעכקייטן, אומפּרייַנטלעכע, האַרטע, רויע; געגנטן, וואו איינפאַל, פּראַצע און עקשנות׳דיגקייט זיינען געשטעלט געוואָרן צו דער העכסטער פּראָבע — אַט־די געגנטן האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע פעלקער, און ניט די לענדער, וואו דאָס לעבן איז געווען ווייך און גרינג. מצרים מיט איר פּרוכטבאַרער ערד און מיט דעם שטענדיג־געטרייען טייך נילוס, ברענגט אויפן זינען דאָס בילד פון אַ גן־עדן, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר די ערשטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט. עס איז אָבער ניט אַזוי. בילדער אין די אַלטע קברים דערציילן גאָר אַן אַנדער געשיכטע. די ערשטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף זומפּן און בלאָטעס, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן ווילדע חזירים, קראָקאָ־דילן און היפּאָפּאָטאַמען. און צווישן יענער ווילדער און פּרימיטיווער סביבה און די פרידלעכע פעלדער פון דער איצטיגער צייט ליגן יאָרהונדערטער פון פּראַצע. דער פונדאַמענט פון וואוילזיין איז געלעגן ווי אַ מעגלעכקייט, וואָס האָט געדאַרפט רעאַליזירט ווערן, אין די זומפּן און אין דעם באַלעבנדיגן טייך. דער גן־עדן איז געלעגן אויף דער ווייטער זייט פון איינפאַל, גע־וואַגטער אונטערנעמערישקייט און מי.

לעניין האָט אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרגעסן אַט־דעם פאַקט און אַט־די נויטווענדיגקייט. רוסלאַנד׳ס רויע, נאַקעטע לענדערייען, אירע גרענעצ־לאָזע שטרעקעס און פאַרגראָבענע רייכטימער האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט די נייע רעגירער און דערמיט טאַקע האָבן זיי געשאַפן אַט־דעם אָנרעג, אין וועלכן דער נייער עקספּערימענט האָט זיך גענויטיגט, ווייל סאָציאַליזם —

מער ווי אַלע אַנדערע אָרדענונגען — שטעלט גרויסע פאָדערונגען צום מענטשנ'ס כאַראַקטער און פאַרלאָזט זיך ניט אויף מזל.

און צו־לעצט איז דאָ פאַראַן נאָך איין מעכטיגער פסיכאָלאָגישער עלע־מענט, וואָס ווייניג מענטשן האָבן אים באַגריפן. רוסלאַנד איז געווען דאָס לאַנד, וואו רעליגיע האָט גענומען אַ פעסימיסטישע שטעלונג צום לעבן. די רוסישע ליטעראַטור, וואָס כאָטש איר ווענדונג איז געווען בלויז צו דער אינ־טעליגענץ, האָט פון אָנהויב ביזן סוף געשפּילט אויף דעם מאָטיוו פון דער אומפאַרמיידלעכקייט פון ליידן. מיר ליידן אין דער יוגנט צוליב אונ־זערע נאַרישקייטן און אויף דער עלטער צוליב דער אומפאַרמיידלעכקייט פון טויט. מיר ליידן פון קראַנקהייטן און חולאת'ן. מיר ליידן פון אויטאָקראַטיע. מיר ליידן שוין צוליב דעם סאַמע געבוי פון דעם וועלט־אַל. די רוסישע ליטעראַטור איז טרויעריג און פעסימיסטיש, און די רוסישע רעליגיע האָט פאַרגרעסערט דעם טרויער, אויסמיידנדיג פרייד און פריידינגדיג, אַז אומ־פאַרמיידלעכע ליידן זיינען דער נאָרמאַלער וועג צו דערלייזונג.

אין הארצן האָט רוסלאַנד געלעכצט נאָך אַ לערע פון גליק ווי אַ געגנ־ווירקונג צו אַט־דער פעסימיסטישער לערע און ווירקלעכקייט. רוסלאַנד האָט אין לויף פון הונדערטער יאָרן געליטן פון אַ גליק־הונגער, כאָטש דאָס רוסישע פויערטום האָט קיינמאָל ניט איינגאַנצן זיך אונטערגעגעבן צום פעסימיזם און האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען און טאַנצן און הנאה האָבן פון לעבן אויף אַ פשוט'ן אופן. און לענינ'ס קראַפט איז באַשטאַנען אין דעם פאַקט, וואָס ער האָט געהאַסט און ניט געגלויבט אין אַ לעבן אָן פרייד, און האָט מיט זיין גאַנצן וועזן זיך אריינגעוואָרפן אין קאַמף געגן דעם. אַ לעבן אָן פרייד איז געווען אומדערטרעגלעך; דאָס איז געווען געגן דער נאַטור; דאָס איז געווען אַ פונדאַמענטאַלע זינד. מענטשלעכע ליידן און פריידלאָזיגקייט האָבן אים גערופן צו אַ געראַנגל, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט אויסצומיידן. לענין איז געווען אַ מיליטאַנטישער אָפּטימיסט. אין זיין גאַנצן דענקען איז פריער פאַר אַלץ געווען דער גלויבן, אַז ליידן זיינען ניט קיין נויטיגער און אומפאַרמיידלעכער עלעמענט פון לעבן, נאָר אָן אָפשיילעכע זאַך, וואָס קאָן און מוז אויסגעראָטן ווערן. לענינ'ס אָפּטימיזם איז געווען די תורה, נאָך וועלכער רוסלאַנד האָט געבענקט. ער האָט אויף זיין זייט געהאַט דאָס פשוט'ע פאָלק.

## 4. די דראַמע פון סאָציאַליסטישער פּלאַנירונג

די באַדייטונג פון דעם סאָוועטישן פּלאַן איז אַזוי פונדאַמענטאַל־וויכטיג פאַר אַלץ, וואָס סאָוועטן־רוסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר, אַז עס פאָדערט זיך נאָך אַ קאַפּיטל צו באַטראַכטן דעם אָפּשטאַם פון אַט־דעם פּלאַן, זיינע מער

אנטוויקלטע פאָרמען, זיינע ברייטערע פּרינציפּן און דעם גייסט, וואָס באַ־הערשט אים.

רוקט זיך אָפּ אויף צוריק און באַטראַכט דאָס גאַנצע בילד. זיך קאָנ־צענטרירן אויף פּנימות אָדער אויף די הארבע מעטאָדן און מיטלען אין דעם גערויש פון דער רעוואָלוציע, מיינט צו פאַרלירן פון אויג די סאַמע וויכטיגסטע שטריכן, פּונקט ווי איינער וואָלט זיך גענומען זוכן קליינינקע פּנימות אין גרויסע מאָזאַאיק־בילדער.

וועגן דעם פּרינציפּ פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט האָט לענין געהאַט אַ פולשטענדיג־קלאָרע פאַרשטעלונג. אָבער ניט וועגן פּלאַנירטער פּראָדוקציע פאַר געמיינשאַפטלעכן געברויך, וואָס האָט געדאַרפט אויסדריקן אָט־דעם פּרינציפּ אין אַ קאָנקרעטער פאָרם. דער קלאָר־אויסגעדריקטער פּלאַן האָט זיך אַרויסגעוויקלט לאַנגזאַם און פּיינלעך, האָבנדיג זיין אָנהויב אין די דורכ־פאַלן פון די ערשטע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן מיט „אַרבעטער־קאָנ־טראָל" איבער אינדוסטריע. און דאָס האָט געמוזט זיין אַ דורכפאַל, ווייל דער קאָנטראָל פון די אַרבעטער איבער דער פּראָדוקציע האָט איבערגעלאָזט ניט־געלייזטערהייט אַ פּראָבלעם, וואָס האָט געמוזט געלייזט ווערן פריער: וואָס פאַר אַ סאָרט פּראָדוקציע האָט די געזעלשאַפט באַדאַרפט און וואָס פאַר אַ פּראָדוקציע האָט זי געקאָנט באַוויזן?

די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט דאַרפן דאָס באַשטימען די טעטיגקייט פון די פּראָדוצירער. אויב, למשל, די געמיינדע ווי אַ גאַנצע נויטיגט זיך אין שיך, וואָלט עס געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט צו פאַרווענדן פּראָדוקטיווע ענערגיע אויף צו מאַכן „ספּעטס" (גוואַנטענע האַלב־כאַליעווס, וואָס מען ציט אַרויף אויף שיך), ווי גרינגלעך דער קאָנ־טראָל פון די אַרבעטער זאָל ניט זיין איבער דער „ספּעטס"־אינדוסטריע.

כדי אָבער מען זאָל קאָנען פעסשטעלן די באַדערפענישן פון דער גע־מיינדע, איז נויטיג צו האָבן אַן אָרגאַניזאַציע אויסער דער אינדוסטריע — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָנען רעדן דירעקט ווי די פאַרטרעטעריין פון דער גאַנצער געמיינדע און אין איר נאָמען באַשטימען וואָסערע אַרטיקלען מען דאַרף האָבן. און פאַר דעם האָט זיך געפאָדערט אַ פּלאַן.

דעריבער איז דעם 5טן דעצעמבער, 1917, באַשטימט געוואָרן אַ קער־פּערשאַפט מיטן נאָמען דער העכסטער ראַט פאַר פאָלקס־ווירטשאַפט, וואָס האָט געקראָגן אויסערגעוויינלעך ברייטע פולמאַכט אויסצואַרבעטן אַלגעמיינע פּלענער און אויסרעכענונגען, וואָס זאָלן רעגולירן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד. אָט־דער פּלאַן האָט פון אָנהויב ביזן סוף געהאַלטן אין אויג די באַדערפענישן פון די געברויכער — צי דאָס איז געווען די אַרמיי, וואָס האָט זיך גענויטיגט אין שפּייז און מאַטעריאַלן; צי דאָס איז געווען די אינדוסטריע, וואָס האָט געדאַרפט האָבן מעטאַלן און מאַשינען; צי די אַגריקולטור, וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַקערס און טראַקטאָרס; אָדער דער

פשוט'ער מענטש, וואָס האָט געדאַרפט האָבן ברויט און שיך און ביכער.

דער פּלאַן האָט געפאָדערט, אַז יעדע באַזונדערע אונטערנעמונג זאָל אַרונטערפאַלן אונטער געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל און אַז יעדער קוואַל פון רוי־מאַטעריאַלן און יעדער אַקער לאַנד זאָלן ווערן געזעלשאַפטלעך אייגנטום.

דאָס וואָס מען וואָלט געקאָנט געווען דערגרייכן דורך אָפּקויפן, אָדער דורך אַ סיסטעם פון קאָמפּענסאַציע, וואָס זאָל אויסגעשפּרייט ווערן אויף אַ לאַנגער צייט, איז אין רוסלאַנד דורכגעפירט געוואָרן דורך גוואַלדזאַמער פאַרכאַפּונג. נאָר ס'איז דורכגעפירט געוואָרן. און צווישן די ערשטע דאָס צו טאָן, וואָס איז שייך דער ערד, זיינען געווען די רייכערע פּויערים, וואָס האָבן שפּעטער אַליין שווער געליטן, ווען זיי האָבן זיך מיט גוואַלד געשטעלט געגן דער קאָלעקטיוויזאַציע.

פאַרבייגייענדיג מעגן מיר אפשר אָנווייזן, אַז אויב דער סאָציאַליס־טישער עקספּערימענט זאָל אָנגענומען ווערן, לאָמיר זאָגן אין ענגלאַנד, אָדער אין אַמעריקע, מיינט עס בשום אופן ניט, אַז מען מוז דאָ נאָכפאָלגן די עקספּראָפּריאַציע־מעטאָדן, וואָס די סאָוועטן האָבן אָנגעווענדט. דאָס מיינט ניט, אַז עקספּראָפּריאַציע, אויב זי ווערט דורכגעפירט אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער געמיינדע, איז נויטיגערווייז אוממאָראַליש. מען האָט לעצטנס עקספּראָפּריאירט ביי די גלחים פון דער קירך פון ענגלאַנד דעם שטייער, וואָס זיי פלעגן איינמאָנען פון דער באַפעלקערונג, און קעגנטערבערי האָט דערפון שטאַרק געליטן, נאָר קענטערבערי האָט באַגריסט אָט־די עקספּראָפּרי־אַציע ווי אַ זאַך, וואָס שטימט מיט די ברייטע אינטערעסן פון דער געזעל־שאַפט. עקספּראָפּריאַציע איז אָבער ניט אַלע מאָל נויטיג און ניט אַלע מאָל ראַטזאַם.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער ענין. דער פּלאַן האָט גע־פאָדערט ניט בלויז דעם באַזיץ און קאָנטראָל איבער אַלע קוואַלן פון פּראָ־דוקציע, נאָר אויך אַז די שנעלקייט פון דער פּראָדוקציע זאָל פאַרגרעסערט ווערן, כדי עס זאָלן געשאַפן ווערן גענוג פּראָדוקטן פאַר באַלדיגער פאַר־טיילונג.

פאַר אָט־דעם צוועק האָבן די אַרבעטער געדאַרפט האָבן דעם סטימול פון אַ גרויסער וויזיע און אַ גרויסער פּראָגראַם, און דער געניאַלער לענין, וועלכער האָט דאָס באַגריפן, האָט געגעבן די אָנווייזונג, וואָס מיט דער צייט זיינען דערפון אַנטוויקלט געוואָרן די פינף־יאָר־פּלענער.

לענינ'ס אָנווייזונג געפינט זיך אין אַן אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו קריזשאַנאָווסקי'ן אין 1920:

„וואָלסטו אפשר געקאָנט שאַפן אַ פּלאַן (ניט קיין טעכנישע סכעמע, נאָר אַ פּאָליטישע), וואָס דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אים קאָנען פאַרשטיין? למשל, אַז אין צען אָדער (אָדער אין 5?) זאָלן מיר אויסבויען 20 (אָדער 30, אָדער 50?) קראַפט־סטאַנציעס, באַדעקנדיג דאָס לאַנד מיט אַ נעץ

פֿון אַזעלכע סטאַנציעס, יעדע מיט אַן אַפּעריר־ראַדיוס, לאָמיר זאָגן, פֿון 400 ווערסט (אָדער פֿון 200, אויב מיר קאָנען מער ניט דערגרייכן). . . . מיר מוזן באַלד האָבן אַזאַ פּלאַן, כּדי צו געבן די מאַסן אַ העלן און ניט־פֿאַרשטעלטן ציל, פֿאַר וועלכן זיי זאָלן אַרבעטן. און אין 10 (אָדער אין 20 ?) יאָר וועלן מיר עלעקטריפֿיצירן רוסלאַנד — טאַקע דאָס גאַנצע לאַנד — סיי אין דער אינדוסטריע און סיי אין דער אַגריקולטור.״

לענין האָט געוואוסט וויפֿיל יאָרן פֿון דחקות די רוסישע אַרבעטער וועלן דאַרפֿן איבערטראָגן און וויפֿיל גלויבן אין דער צוקונפֿט עס וועט זיך פֿאָדערן, כּדי צו קאָנען איבערטראָגן די שוועריקייטן פֿון דער געגנוואַרט. אָפּשאַצנדיג די לאַגע מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט, האָט ער געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון די פּלענער, וואָס ווערן איצט רעאַליזירט. דורך די אַלע ערשטע יאָרן האָט רוסלאַנד איבערגעטראָגן שוועריקייטן, ווייל זי האָט געלעבט מיט דער צוקונפֿט. די גלאָררייכע צוקונפֿט האָט פֿאַרגיטיגט פֿאַר דעם שווערן היינט. אַ נייע פּאָליטישע סיסטעם, אַ נייע פֿרייהייט, אַ נייע עמאַנציפּאַציע פֿאַר דעם יחיד, אַ נייע און פֿאַרשנעלערטע אינדוסטריאַליזאַציע און אַ נייע פֿאַרטיילונג פֿון די פּראָדוקטן פֿון דער אינדוסטריע אויף אַ מער יושר־דיגן אופֿן — דאָס האָבן געזאָלט זיין די פּרוכט פֿון דער צוקונפֿט. און די פּאָזיטיווע ווערטן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט צו דערגרייכן אָט־די אַלע זאַכן און ביייצוקומען דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם און די אינדוסטריעלע אומ־טיכטיגקייט און די שווידערלעכע עקאָנאָמישע פֿאַרלוסטן, צו וועלכע זיי האָבן טעגלעך געפֿירט, זיינען געווען די אַנטשלאָסנקייט פֿון די פֿירער, דער פֿעסטער געדולד פֿון די מאַסן און דער סטימול פֿון אָט־דעם פּרעכטיגן פּלאַן.

און פֿאַר אָט־דעם צוועק האָט עס לענין זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם גראַנדיעזן פּלאַן פֿון עלעקטריפֿיקאַציע. זיין אָפּשאַצונג איז געווען אַ ריכטיגע. אין 1921 איז דערוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פֿאַר דער עלעקטריפֿיקאַציע פֿון דעם גאַנצן לאַנד — די „גאָעלראָ״ האָט מען גערופֿן דעם פּלאַן — און די מלוכה׳שע פּלאַניר־קאָמיסיע, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען גאָספּלאַן, איז באַאויפֿטראַגט געוואָרן לויט די דעקרעטן פֿון 1921, 1922 און 1923 אויסצואַרבעטן דעם גענעראַל־פּלאַן פֿאַר אַלעווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן. קאָנצענטרירנדיג זיך אויף די אויפֿגאַבן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אין אָט־די פּלענער, האָבן די מענטשן שטופּנווייז ביייגעקומען די שוועריקייטן פֿון די ערשטע ציייטן און האָבן אויפֿגעבויט אַ פּראַכטפֿולע אינדוסטריע.

לאַנגזאַם איז דער פּלאַן פֿאָרמולירט געוואָרן און האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך אויסערלעכע און אינערלעכע שוועריקייטן. קיין אויסלענדישע מלוכה האָט ניט אָנגעבאָטן קיין הילף. קיין דרויסנדיגע קרעדיטן האָט מען ניט געקאָנט קריגן. טראָצקי און זיינע נאָכפֿאָלגער האָבן מיט ציין און נעגל באַקעמפֿט דעם פּלאַן אונטערן אויסרייד, אַז סאָציאַליזם קאָן קיינמאָל ניט אויפֿגעבויט ווערן בלויז אין איין לאַנד און אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קאָן

ניט איבערבויען זיין נאַציאָנאַלעווירטשאַפט אָן אויסלענדישער הילף.

די איניציאַטיווע פאַר דעם פּלאַן, דאָס אָננעמען דעם פּלאַן אין 1928 און זיין שפּעטערדיגע דורכפירונג איז פון סאַמע אָנהויב געווען פאַרבונדן מיט אַ קאַמף און אויף דעם גאַנצן וועג. און דערמיט דערקלערט זיך מסתמא דאָס אָפטע באַנוצן־זיך, אין לויף פון אָט־די קריטישע יאָרן, מיט קריגס־לאָזונגען און מיליטערישע טערמינען, ווי „שלאַג־בריגאַדעס", „סאָציאַליזיר־טער סעקטאָר", „עקאָנאָמישער פראָנט". מיר לייענען אין דער „עקאָנאָמישער איבערזיכט" פון דער מלוכה־באַנק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד: „אויב עס קומט פאָר אַן עקאָנאָמישער פּראָצעס, וואָס איז ניט אָנגעצייכנט אין דעם פּלאַן, איז די באַנק דעמאָלט אין אַ לאַגע צו סיגנאַליזירן דעם דורכבריס אין דעם סעקטאָר פון דעם פּלאַנירטן פראָנט."

* * *

אין אַ ריי געביידעס אין מאָסקווע איז קאָנצענטרירט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט אין פּרט פון פאַרנעם און דער וויכטיגקייט פון אירע טעטיגקייטן. אירע פאַרצווייגונגען שפּרייטן זיך אויס אין אַלע ריכטונגען און דרינגען אריין אין יעדן ווינקל פון אַ זעקסטל פון דער וועלט. קיין איין פאַבריק, קיין איין פאַרם, קיין איין שול, קיין איין טעאַטער, קיין איין יוסטיץ־געריכט, קיין איין שפּיטאָל און קיין איין רעגי־מענט קאָן ניט אויסמיידן די אויפזיכט פון אָט־דער אָרגאַניזאַציע. לויטן געזעץ מוז יעדע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע און יעדער צווייג פון טעטיג־קייט אין אַ לאַנד, וואָס נעמט אַרום אַ צוועלפט־חלק פון דער גאַנצער מענטשהייט, צושטעלן צו דעם צענטראַלן אָפיס אין מאָסקווע אויסשעפּלעכע אינפאָרמאַציע וועגן באַלדיגע און שפּעטערדיגע באַדערפענישן און טעטיג־קייטן.

די מאַסע פון אינפאָרמאַציע, וואָס שטראָמט אריין יעדן טאָג און יעדע שעה אין אָט־די צענטראַלע אָפיסעס, ווערט אויפגעכאַפּט, דורכגעזיפּט, אויס־סאָרטירט און אויסגענוצט דורך דעם נומעריש־גרעסטן סטעף פון געשולטע סטאַטיסטיקער און טעכנישע עקספּערטן אין דער וועלט, צוזאַמען מיט טויזנטער קלויירקס און געהילפן. (וועגן דער קאָמפּעטענץ פון אָט די סטאַטיס־טיקער האָט מר. פרידמאַן, אַן אַמעריקאַנער עקספּערט, נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געזאָגט: „אין אַלגעמיין זעט עס אויס, אַז די רוסישע סטאַטיס־טישע ציפערן זיינען ריכטיג און זיי שטימען איינע מיט די אַנדערע אין דעם משך פון יאָרן און מיט אַנדערע ציפערן, וואָס האָבן מיט זיי אַ שייכות.")

אָט־דער אָפיס איז ניט קיין טויטער, קאַלטער, וויסנשאַפטלעכער און האַרצלאָזער פּלאַץ פון פאָרמאַליטעטן און קאַנצעליאַרשטשינע; פריער פאַר אַלץ איז מען דאָ באַשעפטיגט מיט דעם לעבן פון מענער, פרויען, אינגלעך און מיידלעך. יעדער איינצלנער אין דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיין

אָדער איר פּלאַץ אין די ציפערן, וואָס גייען דורך דורך אָט־די טירן. אויב ער איז געזונט און אַרבעטס־פייאיג, גייט זיין נאָמען אַריין אין איין קאַטעגאָריע ציפערן; אויב ער איז קראַנק, אָדער צו־אַלט צו אַרבעטן, אָדער אויב ער איז צו־יונג צו אַרבעטן, אָדער אויב ער אַרבעט ביי זיך אין הויז, אָדער אויב ער שטודירט, אָדער ער איז אין דער אַרמיי, גייט זיין אָדער איר נאָמען אַריין אין אַן אַנדער סעריע. אויף אַזאַ אופן דערגייען די עקספּערטן דעם סך־הכל פון די אַקטיווע אַרבעטער, אויף וועלכע דאָס לאַנד קאָן זיך פאַרלאָזן אויף צו פּראָדוצירן זאַכן און צו באַזאָרגן באַדינונג.

נאָך אַ מאַסע וויכטיגע אינפאָרמאַציע האָט צו טאָן מיט אויסרעכענען די באַדערפעניש פון די זעלבע מאַסן מענטשן אין באַצוג צו שפּייז, קליידונג, וואוינונגען, בילדונג, געזונט, אָדער אָפּרו, און די באַדערפעניש פון דעם פאָלק אַלס אַ גאַנצן אין באַצוג צו פאַרטיידיגונג און אין באַצוג צו קאַפּיטאַלער פּראָדוקציע אין דער פאָרם פון מאַינס, אייזנבאַנען און מאַשינען.

אָט־די און אַנדערע ציפערן האַלטן אין איין אַריינשטראָמען. יעדע אונטערנעמונג אין לאַנד, גרויסע אָדער קליינע, צענטראַלע אָדער לאָקאַלע, דערציערישע, קולטורעלע אָדער אינדוסטריעלע, מוז צושטעלן אַ באַריכט ניט בלויז וועגן דעם, וואָס זי האָט פּראָדוצירט אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר, אָדער וועגן דעם, וואָס זי קליבט זיך צו פּראָדוצירן אין לויף פון דעם קומענדיגן יאָר, נאָר אויך וועגן אירע באַדערפענישן פריער פאַר אַלץ אין פּרט פון מענער־ און פרויען־אַרבעטער און דערנאָך אין פּרט פון רוי־מאַטעריאַלן, טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען, אָדער קרעדיט־מיטלען. עס זאַמלען זיך אָן די אויסרעכענונגען וועגן דעם, וואָס עס ווערט באַזאָרגט, אָדער וואָס עס קאָן באַזאָרגט ווערן פאַר די מענטשן צו עסן, צו טראָגן און צו געברויכן.

דער גאַנצער טראַנספּאָרט, מעדיצינישע און דערציערישע באַדינונג און אַלע אַנדערע צווייגן פון טעטיגקייט שטעלן צו זייערע ציפערן, און נאָך דעם, ווי זיי זיינען אַלע פאַרדייעט געוואָרן, ווערט געשאַפן אַן אַלגעמיין בילד וועגן דעם וואָס די גאַנצע פּראָדוקציע וואָלט באַטראָפן אין דעם קומענדיגן יאָר, ווען יעדע פאַבריק און יעדע פאַרם וואָלטן געווען פריי און פייאיג צו טאָן פּונקט דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן אַלס מעגלעך אין זייערע באַזונדערע אויסרעכענונגען.

אָט־דער אַלגעמיינער איבערבליק גיט אַ בילד וועגן די מעגלעכע אויפטוען. נאָר עס קאָן זיך מאַכן, אַז דאָס, וואָס מען קאָן אין דעם באַטרעפנדיגן יאָר אויפטאָן, זאָל ניט זיין ראַטזאַם צו טאָן צוליב ענדערונגען אין די נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע אומשטענדן. עס קאָן זיך אָנרוקן די געפאַר פון אַ מלחמה. מען קאָן דאַרפן פאַרווענדן אַ גרעסערן טייל פון דער נאַציאָנאַלער ענערגיע אויף אַמוניציע. אויסברייטערונג אין דער ריכטונג פון מלחמה־צוגרייטונג קאָן אפשר זיין מעגלעך אָן אַ שטערונג פאַר אַנדערע מינים פּראָדוקציע. די נאַטירלעכע יערלעכע פאַרגרעסערונג, וואָס ווערט איצט

דערגרייכט, קאָן אפשר דערלויבן מער באוואָפּענונג און אַ פאַרקלענערונג אין דער פּראָדוקציע פון פּוטער.*) פון דער צווייטער זייט קאָן פּאַסירן, אַז דאָס זאָל ניט זיין מעגלעך. און ווידער קאָן טרעפן, אַז מען זאָל עס באַטראַכטן פאַר פּראַקטיש און ניט־געפערלעך צו דערלויבן, אַז די פּראָדוקציע פון געברויך־אַרטיקלען זאָל דערווייל אויסגעברייטערט ווערן, אַזוי אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ גרעסערע צאָל שיך, אָדער גראַמאָפאָנען, אָדער געבורט־היימען, אָדער וואַקאַציע־קעמפּס. דאָס איז אַן ענין פון הויך־פּאָליטיק. עמיצער מוז דאָך באַשליסן.

די קערפּערשאַפטן**), וואָס נעמען־אָן באַשלוסן, זיינען די פּאָליטביוראָ און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און זיי קומען צו זייערע באַשלוסן נאָך לאַנגע און גרינטלעכע באַראַטונגען מיט די הויפּט־פירער פון די וויכטיגסטע רעגירונגס־מיניסטעריומס אָדער פאָלקס־קאָמיסאַר־יאַטן, ווי זיי ווערן גערופן.

די באַשלוסן, וואָס ווערן אויף אַזאַ אופן געמאַכט, זיינען נאַטירלעך באַזירט אויף זייער קאָמפּליצירטער אינפאָרמאַציע און פאַרשיידנאַרטיגע באַ־טראַכטונגען. עס איז גאָר ניט קיין לייכטע זאַך צו באַשטימען וויפיל אַרבעטס־קראַפט עס איז דאָ צו דער האַנט, בפרט נאָך ווען די באַפעלקערונג וואַקסט מיט אַזאַ שנעלקייט. דער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג באַ־טרעפט 35,910,000 אין די לעצטע אַכצן יאָר, וואָס דאָס איז מער ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון פּוילן.***) עס איז שווער צו וויסן אויף וואָס פאַר אַ שטופּע פון טעכנישער צוגעפּאַסטקייט די באַפעלקערונג וועט זיך געפינען אין דעם קומענדיגן יאָר אין פאַרגלייך מיט דעם צושטאַנד פון אַ יאָר פריער. די ענדגילטיגע פאָרשלאַגן וועלן זיין דער רעזולטאַט פון אַ הויך־קאָמפּליצירטן באַלאַנס פון כחות. און די באַשלוסן וועלן אָננעמען די פאָרם פון באַשטימען ווי אַזוי מען קאָן אויף דעם בעסטן אופן פאַנאַנדערטיילן די אַרבעטס־קראַפט פאַר דער אָדער יענער אויפגאַבע, כדי צו קאָנען באַפרידיגן די אויסגערעכנטע באַדערפעניש. אין רוסלאַנד האַנדלט זיך עס ניט אַזוי וועגן געפינען אַרבעט, ווי וועגן געפינען אַרבעטער.

אָט־די באַשלוסן זיינען ניט קיין אַבסאָלוטע באַשלוסן. גיכער זיינען דאָס אויטאָריטעטע רעקאָמענדאַציעס פון אויבן. זיי ווערן געשיקט צו

*) און עס איז אַ פאַקט, אַז אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט מיט דעם בודזשעט פון 1940.

**)עס איז דער ציל און די טענדענץ אין אַלץ אַ וואַקסנדיגער מאָס אונטער דער נייער קאָנסטיטוציע, אַז אָט־די פונקציע זאָל אַריבערגיין צום פּרעזידיום פון דעם סאָוועטן־קאָנגרעס, דער נייער סאָוועטן־פּאַרלאַמענט.

***)די באַפעלקערונג איז פון דעם 17טן דעצעמבער 1926 ביז דעם 17טן יאַנואַר 1939 געשטיגן פון 147,000,000 צו 170,126,000 מענטשן. די צאָל קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין דעם פּעריאָד פון די פינף־יאָר־פּלענער, איז געוועזן אויף 20 פּראָצענט גרעסער פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון רומעניע. און בשעת די געבורט־ראַטע שטייגט מיט אַן אומפאַרגלייכבאַרער שנעלקייט, איז די שטערבלעכ־קייט געפאַלן אויף 40 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם יאָר 1913.

אונטערשטע אינסטאַנצן און ווערן דאָרט דערגאַנצט דורך פילע פאָרשלאָגן.

די קאָמפּליקאַציעס פון אַזאַ סיסטעם זיינען אויגנשיינלעך; די שוועריג־קייטן אין פּרט פון דערגרייכן אַ באַלאַנס צווישן באַדערפעניש און באַזאָרגונג זיינען ריזיג גרויס. אַ טויזנט באַדערפעניש מוזן גענוי אויסגערעכנט ווערן. וואָס זיינען די באַדערפענישן אין פּרט פון הייץ־מאַטעריאַל און קראַפט פון אַלע פאַבריקן צוזאַמענגענומען? וואָסערע ענדערונגען וועלן פאָרקומען בנוגע אַל־די באַדערפענישן דורך אַ פרישער באַזאָרגונג מיט עלעקטרישער קראַפט אָדער דורך אַ בעסערער אָנווענדונג פון די קראַפט־סטאַנציעס? וואָס זיינען די טראַנספּאָרטאַציע־באַדערפענישן, און אין וואָסער מאָס וועלן זיי אָדער קאָנען זיי מאָדיפיצירט ווערן דורך דעם, וואָס אין אַ געוויסער געגנט, אָדער אין עטלעכע געגנטן, וועלן פּראָדוצירט ווערן סחורות, וואָס זיינען פריער באַצויגן געוואָרן פון אויסלאַנד אדער וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן אין איין באַשטימטן צענטער? אין באַטראַכט פון אַזעלכע פּראָבלעמען, איז עס אפשר ווינטשנסווערט, אַז עס זאָל פאָרקומען אַן ענדערונג אין דער לאָקאַלער אויסשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע? און ווייטער, וויפיל אַרבעטער וועלן באַפרייט ווערן אין די דאָרף־געגנטן דורך דער מעכאַניזאַציע פון דער אַגרי־קולטור *) און ווי וועלן אָט־די באַפרייטע אַרבעטער באַשעפטיגט ווערן אין דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון אַזאַ און אַזאַ באַדינונג, אָדער אין דער פּראָדוקציע פון אַזאַ און אַזאַ אַרטיקל?

מען קאָן גלייך זען מיט וואָסער אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט די אויסרעכענונגען און פאַראויסזאָגונגען מוזן געמאַכט ווערן און ווי קאַטאַס־טראָפיש עס קאָנען ווערן טעות׳ן און פאַלשע אויסרעכענונגען.

ענדלעך שטעלט דער „גאָספּלאַן“ צו דעם דערוויילינגן פּלאַן, דורך פאַר־שיידענע אָפיציעלע קאַנאַלן, צו אַלע באַטרעפנדיגע אונטערנעמונגען און אָר־גאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאַט צוגעשטעלט די געהעריגע פאַקטן.

איצט הויבן די רעדער זיך אָן דרייען אויף צוריק. נעכטן האָט צום צענטער געשטראָמט אינפאָרמאַציע פון יעדן ווינקל פון פאַרבאַנד און פון יעדער פאַבריק און פאַרם און שול. איצט פּולסירט אויף צוריק דער פּלאַן, וואָס איז באַזירט אויף אָט־דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער, אויססאָרטירטער און פאַרדייעטער אינפאָרמאַציע, אין וועלכער עס זיינען אריינגעטראָגן געוואָרן די נויטיגע אויסבעסערונגען לויט די אויסגערעכנטע באַדערפענישן פון דער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט, אַזוי אַז די באַדערפענישן פון יעדער פאַבריק ווערן געוואויגן און באַשטימט אין שייכות צו דער גאַנצער ווירטשאַפט. די פאַבריק, די פאַרם און דער בילדונגס־אַנשטאַלט ווערן געבעטן אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג. מען באַראַט זיך מיט יעדן איינעם.

---

*) סטאַלין ווענדט זיך מיט אַ ספּעציעלן רוף צו די קאָלעקטיווע פאַרמערס צו באַפרייען אָנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן פאַר דער אינדוסטריע אין לויף פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן.

אַט־די באַראַטונג איז אַ טייל פון דער אַנגענומענער פּאָליטיק פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. יעדער צענטער פון טעטיגקייט, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, מוז דאָ פילן זיין פערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער פולער מאָס. אפשר איז די אַרבעט, וואָס ווערט געפאָדערט פון אַ געווויסער פאַבריק, צו־גרויס לויט דעם חשבון פון דער פאַרוואַלטונג, אָדער צו־גרויס, סיידן מען זאָל די פאַבריק שנעלער באַזאָרגן מיט די נויטיגע רוי־מאַטעריאַלן אָדער מאַשין־טיילן? אָדער אפשר — און דאָס פּאַסירט דאָך זייער אָפט — איז גאָר די אויסרעכענונג אַ צו־נידעריגע. די פאַבריק האָט אפשר אַנטוויקלט עפּעס אַ נייעם און שנעלערן פּראָצעס, וואָס פאַרזיכערט אַ פאַרגרעסערונג אין דער פּראָדוקציע אָן אַ פאַרגרעסערונג אין דער צאָל אַרבעטער, אָדער די פאַבריק וועט דורך דער באַזייטיגונג פון אומוויכטיגע פּראָצעסן זיך קאָנען באַגיין מיט וויניגער רוי־מאַטעריאַלן.

אַט־די זאַכן ווערן פאַרצייכנט און באַמערקט, און יעדע רעקאָמענדאַציע ווערט גענוי באַטראַכט. ווידער גייט אויף צוריק — שוין אויף דער דריטער רייזע — די קאָמוניקאַציע צווישן דעם צענטער און דעם רינג אַרום אים. די לאָקאַלע קאָנטראָל־פּלענער ווערן אַלע צונויפגענומען נאָך אַמאָל אין דעם צענטראַלן אָפיס און זיי פירן צו־לעצט צו די ענדערונגען אין דעם דערווייליגן פּלאַן אַלס אַ גאַנצן. עס ווערט איינגעשטעלט אַ נייער באַלאַנס.

אַט־דער באַלאַנס שטעלט מיט זיך פאָר דעם ענדגילטיגן פּלאַן, וואָס ווערט מאָסגעבנד פאַר די קומענדיגע פינף יאָר.

מען וואַרט אויף די פינף־יאָריגע פּלענער, וואָס פאָלגן נאָך איינער דעם צווייטן, מיט אַ ברענענדיגן אינטערעס, וואָס ביי אונז לאָזט זיך דאָס גאָר ניט גלויבן. קיין פינאַנסיר האָט קיינמאָל אַזוי ניט אַרויסגעקוקט אויף דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם בודזשעט מיט אַ העלפט פון דעם אינטערעס, וואָס דער פּשוט׳ער מענטש אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווייזט אַרויס וואַרטנדיג אויף דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם פינף־יאָר־פּלאַן. אַט־דער פּלאַן שטעלט מיט זיך פאָר דעם סטאַנדאַרד, דעם ציל, די טרייב־קראַפט און דעם סטימול פאַר מיליאָנען בירגער.

דער פּלאַן מאַכט פאָרשריט. אַט־דאָס איז דער וויכטיגסטער פאַקט. מיט די גענויע רעזולטאַטן פון פּלאַנירטער פּראָדוקציע פאַר דעם געברויך פון דער געמיינדע וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין אַ ווייטערדיגן טייל פון אַט־דעם בוך. דאָ מוזן מיר אויף אַ מאָמענט זיך אָפּשטעלן און אויסדריקן אָנערקענונג צום פּלאַן בכלל.

בשעת אין דער גאַנצער וועלט איז די פּראָדוקציע כמעט ניט געשטיגן זינט 1929, איז די סאָוועטישע פּראָדוקציע אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן אויף פיר מאָל אַזויפיל.

אין 1929 (דאָס העכסטע יאָר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער) האָט די סאָוועטישע פּראָדוקציע באַטראָפן 3.8 פּראָצענט פון דער וועלט־פּראָדוק־

ציע. צו 1932 (די צייט פון קאפיטאליסטישן בארג־אראפ) האט די סאָ־וועטישע פּראָדוקציע שוין באטראָפן 11 פּראָצענט פון דער וועלט־פּראָדוקציע. צו 1936 איז זי פארגרעסערט געוואָרן ביז 15.2 פּראָצענט, וואָס דאָס ווייזט, אז דער שטענדיגער סאָוועטישער וואוקס איז גרעסער אפילו פון דער בלי־פאזע פון קאפּיטאליסטישן ציקל. עס ווערט דערוואַרטעט, אז דער דריטער פינף־יאָר־פּלאַן זאָל אָנצייכענען אן אינדוסטריעלע פּראָדוקציע, וואָס זאָל באטרעפן כמעט א דריטל פון דער גאנצער קאפּיטאליסטישער וועלט־פּראָדוקציע.

„דער גראד פון קאפיטאלער אנטוויקלונג און אויסבעסערונג פון דער „עפישענסי" פון די ארבעטער אין סאָוועטן־פארבאנד און זיינע לאנג־טערמיניגע פּלענער אויף אויסצונוצן זיינע ריזיגע נאטירלעכע אוצרות זיינען פון אזא כאראקטער, אז זיי דערלויבן פּאָראויסצוזאָגן — און ניט אומבאגרינדעטערהייד — אז אין דעם קומענדיגן דור וועט דער סאָוועטן־פארבאנד זיין פונקט אזוי אינדוסטריע־מעכטיג, ווי די גאנצע איבעריגע וועלט צוזאמענגענומען. אזא איז די אויסזיכט, אויב מיר זאָלן אננעמען, אז די צוקונפטיגע קאפּיטאליסטישע הויך־פּונקטן אין דער פּראָדוקציע וועלן זיין ניט העכער און ניט נידעריגער ווי דער הויך־פּונקט אין 1937, וואָס האט קוים איבערשטיגן דעם פריערדיגן הויך־פּונקט פון 1929, ניט געקוקט אויף דער באוואָפענונגס־פּראָדוקציע."

דאָס זיינען די ווערטער פון מר. דזש. מילער, וועלכער האט פארבראכט אין מאָסקווע פון מאי 1936 ביז אָקטאָבער 1937 אויף אן אייראָפּייאישער רייזע־סטיפענדיע פון דעם שעפילד אוניווערזיטעט מיט דעם ציל צו שטודירן די סאָוועטישע עקאָנאָמישע אָרגאניזירונג.

דער פּלאַן ארבעט, ניט געקוקט אויף דער ריזיגער קאָמפּליצירטקייט, וואָס איז אין דער סאמע טבע זיינער.

אָט־דער פונדאמענטאלער פאקט, וואָס דער פּלאַן ארבעט, איז פון נאָך גרעסערער באדייטונג ווען מ'האט אין זינען דעם כאָר פון פארלוימדונגען און צאָרן און חוזק, וואָס האט באגעגנט דעם פּלאַן, ווען ער איז פארעפנט־לעכט געוואָרן, און וואָס האט אים פארפאָלגט דורך די ערשטע שטופן פון זיין אנטוויקלונג.

די גרויסע ענגלישע טעגלעכע צייטונגען האָבן, מיט דער הילף פון לאקייאישע עקאָנאָמיסטן, געהאלטן אין איין מעלדן מיט מאָנאָטאָנער רעגור־לערקייט וועגן דעם אומפארמיידלעכן צוזאמענברוך פון דעם פּלאַן. אָפט האט זיך אין זייערע אָנזאָגן וועגן דעם אָנקומענדיגן חורבן געהערט א טאָן פון קוים־באהאלטענער פרייד, באזונדער ווען עס פלעגט אָנקומען עפּעס א פינצטערער מאָמענט אָדער א פארביי־געייענדיגע געפאר, וואָס פיינטלעכע זשורנאליסטן און קריטיקער האָבן איבערטריבן ביז א קאטאסטראָפע.

„פּלאנירטע פּראָדוקציע פאר דעם געברויך פון דער געמיינדע איז אומ־

מענלעך" — האָט מען מיט אונז געקנעלט. אַזאַ פּלאַנירן קאָן זיך זיין גוט אין דער טעאָריע, נאָר אין פּראַקטישער אַנווענדונג מוז דאָס צוזאַמענברעכן. ווען לענין האָט זיך פאַרמאָסטן דאָס דורכצופירן, האָט ער זיך גענומען דורכצופירן דאָס אוממעגלעכע. לענין און זיינע קאָלעגן־פירער אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען געווען אומפּראַקטישע פאַנאַטיקער פון אַ טעאָריע, קאַבינעט־פילאָזאָפן, נאַראָנים, וואָס זייער קנאַפּע דערפאַרונג אין פּראַקטישע פּאָליטישע ענינים האָט געוואַגט איינצופירן פון דער העלער הויט ריזיגע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג, וואָס האָבן פריער נאָך קיינמאָל ניט געאַרבעט אין קיין לאַנד, און וואָס זיינען איינגעטלעך קיינמאָל נאָך ניט אויספּרובירט געוואָרן. אָט־די אונטערנעמונגען זיינען דער פּראָדוקט פון טרוימער אין גלות — קאַרל מאַרקס, אַ דייטשער פּליכטלינג אין ענגלאַנד, און וולאַדימיר לענין, אַ רוסישער פּליכטלינג אין לאָנדאָן און אין דער שווייץ — נאַרישע, געפערלעכע מענטשן, וואָס זיינען לײדנשאַפטלעך איבער־געגעבן צו אַ פּאָליטישער טעאָריע, און וואָס האָבן קיין אַכט ניט פאַר די מאַסן, בשעת זיי פּאָרען זיך מיט דעם דעליקאַטן סאָציאַלן אָרגאַניזם פון דער מלוכה, און פּרובירן־אויס אויף אַ קאָלאָסאַלן מאַסשטאַב אַ ניט־אויס־געפּרואווטע סיסטעם פון אָרגאַניזאַציע, אַריינשליידערנדיג אין אַ נייער פאָרם פון אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי אויך אַ הונדערט יאָר הינטערשטעליג לגבי איראָפּע אין פּאָליטישער און אינדוס־טריעלער רייפקייט.

אַ פּראָפעסאָר פון אינדוסטריעלער כעמיע האָט איינמאָל געזאָגט: „אויב איר ווילט דורכפירן אַ שווער שטיקל אַרבעט, גיט עס איבער צו אַן אָפּ־געריסענעם נאַר, וואָס ווייסט ניט, אַז מען קאָן דאָס ניט דורכפירן." לענין איז געווען אַזאַ מין „אָפּגעריסענער נאַר".

לענין און זיינע חברים — האָבן יענע געזאָגט — האָבן דערווייל אַרויס־געזאָגט בלויז אַבסטראַקטע פּאַראַלגעמיינערונגען, האָבן ביז איצט געלעבט בלויז אויף פּלינדערונג, אָדער — ווי דער קעמל — אויף דער אייגענער פעט־קייט. דער טאָג פון זייער דורכפאַל און נידערלאַגע מוז אָנקומען. זיי וועלן באַ־געגענען זייער געטין פון נקמה אין דעם גראַנדיעזן נאָר פולשטענדיג אומ־פּראַקטישן פּלאַן, וואָס זיי האָבן איצט פאַרטראַכט.

קיין זאַך, וואָס זאָל אפילו טיילוויז דערגרייכן דעם מאַסשטאַב פון אָט־דעם פּלאַן, איז קיינמאָל פריער ניט אונטערנומען געוואָרן. עס איז אמת, אַז אַמעריקע פאַרמאָגט ריזיגע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און עס האָט זיך געפאָדערט דער העכסטער שוואונג פון איר אינדוסטריעלער אָרגאַניזיר־געניאַליטעט צו פאַרטראַכטן און צו אָפּערירן אָט־די אונטערנעמונגען; נאָר די גרעסטע אַמעריקאַנער פאַבריקן זיינען ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס ווערט איצט אונטערנומען אין רוסלאַנד, די קאָמפּליצירטקייטן פון די אַמעריקאַנער פאַבריקן זיינען די פּשטות אַליין אין

פארגלייך מיט די קאמפליצירטע פארצווייגונגען, וואס זיינען פארבונדן מיט א פלאן, וואס האט פאר זיך א ציל ארומצוכאפן די גאנצע פראדוקטיווע קאפאציטעט און דעם גאנצן סכום פון די באדערפענישן פון א בונד פון 170,000,000 נפשות. „אזא נארישקייט, ווי דער נייער פלאן, איז קיינמאל ניט פארטראכט געווארן און וועט קיינמאל ניט זיין קיין דערפאלג. דער חלום פון אן אידעאליסט איז א פאטאלע באזע פאר א פראקטישער פארם פון לעבן אין דער אינדוסטריע אדער אין דער אגריקולטור, אדער אין דער פאליטישער ארגאניזאציע."

ווי אפט האבן מיר די זעלבע ווערטער געהערט פריער! ווען קריסטלעכע אידעאליסטן האבן פארלאנגט, אז די אינדוסטריע זאל זיין באזירט אויף באדינען די מענטשלעכע באדערפענישן און ניט אויף פראפיטן, האט מען דאס אוועקגעמאכט מיט דער האנט ווי אן אומפראקטישן טרוים. ווען מען האט געפאדערט — אין די אינטערעסן פון מענטשלעכע לעבנס — אז די אינדוסטריע זאל פלאנירט ווערן אויף צו באפרידיגן די באדערפענישן פון געברויכער און זאל ניט איבערגעלאזט ווערן צו דעם קאפריז, אדער צו די פערזענלעכע אינטערעסן פון מענטשן, וואס זיינען צופעליג די באלע־באטים פון די מאשינען און פון דער ערד — האט מען אונז געווארנט מיט א סקאנדאליזירטן טאן, אז וועלכער ניט איז פארזוך איינצופירן אזא ענדערונג וועט צעשטערן דעם דעליקאטן ארגאניזם פון אינדוסטריע און פינאנץ. און ווען די וויסנשאפט, וואס איז געווען אויפגעצאמט געגן די פענטעס, וואס זיינען אויף איר ארויפגעלייגט געווארן, און א קראנקע פון דעם מיש־מאש, ארבעטלאזיקייט, אינדוסטריעלן „בום" און דעפרעסיע האט זי געבעטן, אז עס זאל איינגעפירט ווערן אן אמת־וויסנשאפטלעכער פלאן אין די פאבריקן, וואס איר מי האט באשאפן, האט מען פון דער אלערהעכסטער הויך פון דער „סיטי" (באנק־קווארטאל) אין לאנדאן געלאזט וויסן, אז דער שוואונג פון דער בירזשע איז אליין א גענוג גוטע רעגולירונג און איז פיין אויסגערעכנט צו באפרידיגן אויף דעם ברייטסטן און פרייסטן אופן די אומ־צאליגע אינדיווידועלע באדערפענישן פון די געברויכער. צו וואגן צורירן זיך צו אט־דער דעליקאטער מאשין, וואס קיינער פארשטייט זי גאר ניט, איז אן אקט פון נאראנים און פארברעכער, און די גאנצע מאכט פון דער ציוויליזירטער וועלט דארף זיך פאראייניגן צו שטערן זיי.

אין יעדן פאל, האבן אונז פארזיכערט די גדולים פון דער קאפיטאליס־טישער וועלט, וועט דער פלאן, וואס איז אויסגעארבעט געווארן פון דאקטרינערן־פאליטיקער, פון טרוימער, אדער צעהיצטע רעוואלוציאנערן, גאר אין גיכן באוויזן די נארישקייט פון דעם עקספערימענט.

א סאך פון אונז האבן דאס ניט גענומען ערנסט און האבן געווארט מיט צוטרוי, גלויבנדיג, אז דער וויסנשאפטלעכער כאראקטער פון דעם פלאן און דער מאראלער כאראקטער פון זיינע שטרעבונגען וועלן אים דערפירן צו א

דערפֿאָלגרייכער פֿאַרווירקלעכונג; און מיר זיינען געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס ענדלעך וועלן וויסנשאַפֿט און מאָראַל קריגן אַ געלעגנהייט פֿאַר געהעריגן אויסדרוק.

די קאַטאַסטראָפֿע, מיט וועלכער מען האָט אונז געסטראַשעט, איז קיינמאָל ניט געקומען. לעניין — ווי דער „אַפּגעריסענער נאַר" אין דעם פּראָפֿעסאָר'ס אַנעקדאָט — האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז דער עקספּערימענט האָט ניט געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן. ער האָט דעם פּלאַן אויספּרובירט. און דער פּלאַן איז געוואָרן אַ דערפֿאָלג. די ריזיגע אָרגאַניזאַציע מיט איר צענטער אין מאָסקווע, וואוהין עס גייט דער שטראָם פֿון אינפֿאָרמאַציע און פֿון ראַט, קורסירנדיג הין און צוריק איבער אַ קאָנטינענט, באַוועגנדיג די מיליאָנען צו אַרבעטן מיט חשק און מיט אַ מעכטיגער איינינקייט, באַווייזט דעם דערפֿאָלג. לעניןׄ — און זיין תּלמיד סטאַלין — איז געווען גרייט אויסצופּרובירן נייע מעטאָדן און צו מאַכן נייע עקספּערימענטן, און די רוסישע מענטשן — מיט אָפּטע שטרויכלונגען און ווידערהאָלטע וואַקלעניש — זיינען שטענדיג אים נאָכגעגאַנגען און איצט ווייזן זיי זיך סוף כל סוף אַרויס ווי זיינע גוטע תּלמידים.

רוסלאַנד איז יונג. בוכשטעבלעך און פֿיזיש איז דאָס אמת'ע רוסלאַנד איצט יונג. די מענער און פֿרויען, וואָס פֿאַרנעמען הויכע פּאָזיציעס, זיינען יונג. זיי זיינען יונג אין יאָרן און אויך יונג אין גייסט, און זיי פֿאַרמאָגן די אַלע גייסטיגע און מאָראַלע אייגנשאַפֿטן פֿון דער יוגנט. די רוסישע מאַסן קאָנען זיך זיין טאַקטלאָז ווי יונגע מענטשן; זיי קאָנען זיך זיין אומפּראַקטיש ווי יונגע מענטשן, און צייטנווייז אפילו אַזוי דורכאויס ברוטאַל ווי יונגע מענטשן, נאָר ווי די יונגע מענטשן פֿאַרמאָגן זיי אויך אַ ניט־געפּענטעטע פֿאַנטאַזיע און אַ פֿלאַמיגן אידעאַליזם מיט אַ פֿאַרנעם, אַ גע־וואַגטקייט, אַ גלויבן און אַן ענטוזיאַזם, וואָס פֿירט זיי דורך אַלע שוועריג־קייטן און שטרויכלונגען.

## 5. דער רוף צו דער וויסנשאַפֿט

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט געזוכט און זוכט אויך איצט די הילף פֿון דער וויסנשאַפֿט אין יעדן צווייג פֿון מענטשלעכער טעטיגקייט. קיין לאַנד אין דער וועלט האַלט ניט וויסנשאַפֿט אין גרעסערער אַכטונג און באַזאָרגט ניט די וויסנשאַפֿטסלייט מיט בעסערע אויסשטאַטונגען.

דאָס איז נאַטירלעך און אומפֿאַרמיידלעך אין אַ לאַנד, וואו דער באַגריף וועגן דער ראָל פֿון דער וויסנשאַפֿט אין דער אָרגאַניזירונג פֿון דער געזעל־שאַפֿט איז ניי און אַנדערש. אין די מערב־לענדער ווערט די וויסנשאַפֿט ניט באַטראַכט ווי אַ נויטיגער טייל פֿון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. סוחרים,

סאָלדאַטן, אַדוואָקאַטן, גוט־באַזיצער, אָדער גלחים פאַרשטייען זייער ווייניג די פּרינציפּן אָדער די פּראַקטיק פון דער וויסנשאַפט. אָדער זיי האָבן צו איר ניט קיין צוטרוי, אָדער זיי איגנאָרירן זי. די פאַבריק־אַרבעטער טיילן אָט־דעם אומצוטרוי צו דער וויסנשאַפט. פאַר זיי איז די וויסנשאַפט דער קוואַל פון מאַשינען וואָס שאַפן רייכטימער און שפּאָרן אַרבעט, אַזוי אַז אַנדערע קריגן די רייכטימער און די אַרבעטער קריגן די אַרבעטלאָזיקייט.

דער שורש פון דעם איבל ליגט ביז אַ געוויסער מאָס אין דער טרענירונג פון אונזערע פּאָליטישנס און ספּעציעל פון אונזערע אַדמיניסטראַטאָרס, פון וועלכע מען דערוואַרט אַפילו ניט קיין אויבן־אויפיגע באַקאַנטשאַפט מיט דער וויסנשאַפט. די קלאַסיקער פון אַלטערטום, די פאַרצייטיגע און מאָדערנע געשיכטע און ליטעראַטור, אַפילו מיט אַ שטיקל צוגאָב פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווערט באַטראַכט ווי גענוג פאַר יונגע מענטשן. אָט־דער סאָרט בילדונג לערנט ווי מענטשן און זאַכן זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט און שאַפט גלאַטע צינגלעך פאַר רעדעס אויף דער פּלאַט־פאָרמע און פאַר קאָמיטע־זיצונגען. אין זיך גופא איז דאָס אויסגעצייכנט, נאָר עס איז ניט גענוג, ספּעציעל פאַר אַדמיניסטראַטאָרס, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

די פּאָליטיקער פון די מערב־לענדער און די אַדמיניסטראַטאָרס באַ־טראַכטן ניט — צום ווינציגסטן אין דער טעאָריע — די וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע ווי נויטיגע עלעמענטן פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט. זיי קאָנען זיך פאָרשטעלן אַ צופרידנשטעלנדיגע ציוויליזאַציע אָן אָט־די עלע־מענטן. זיי אַרט גאָר ניט, וואָס אַזאַ ציוויליזאַציע וואָלט אומפאַרמיידלעך געווען פאַרבונדן מיט כסדר'דיגער שווערער און מאָנאָטאָנער האָרעוואַניע.

אין דער פּראַקטיק, נאַטירלעך, ווייסן די פּאָליטיקער, אַז עס איז נויטיג צו אָרגאַניזירן מלוכה־אָפּטיילונגען פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אין די מערב־לענדער איז וויסנשאַפט געוואָרן אַ טייל פון אונזער היינט־צייטיגער אויפפאַסונג בנוגע רעגירונג. דער דאָזיגער באַגריף איז אָבער נאָך ניט איינגעגלידערט אין דעם לעבן פון יענע לענדער. דאָרט וואו מיר דערמוטיגן יאָ די וויסנשאַפט, טוען מיר עס מיט אַ האַלבן האַרצן.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אויף אַ סך הינטערשטעליג אַפילו אין פאַרגלייך מיט די מערב־לענדער אין איר באַציאונג צו דער וויסנשאַפט. זיכער האָט רוסלאַנד פאַרמאָגט אירע וויסנשאַפטסלייט און איר וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּיאָטער דעם גרויסן אַרום 1724, און האָט געקאָנט זיך באַרימען מיט אַ סך גרויסע נעמען — מענדע־לעיעוו, פּאַוולאָוו, לאָמאָנאָסאָוו, קאַרפּינסקי און אַנדערע. דער צאַרישער וויסנשאַפט האָט אָבער אויסגעפעלט פינאַנציעלע שטיצע און זי האָט ניט אַרויסגערופן קיין אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם. זי איז געווען אַ מין עלעגאַנטע

באפוצונג און א פריוואטער ענטוזיאזם. די וויסנשאפטסלייט האבן געטאן זייער ארבעט, קמצנ׳יש באהאנדלט מצד דער מלוכה און אן דער אויפמערקזאמקייט פון די מאסן. די וויסנשאפט איז ניט געווען קיין פונדאמענטאלע זאך אין דער צארישער מלוכה.

פארקערט, די סאוועטישע פילאזאפיע פון דער געזעלשאפט געפינט אירע סאמע ווארצלען אין דער מאדערנער פיזישער און ביאלאגישער פארשונג. א וויסנשאפטלעכע פארם פון געדאנק דרינגט־דורך דעם באוואוסטזיין פון די סאוועטישע רעגירער און דערגרייכט די מאסן.

אט־דער פונדאמענטאל־אנדערשדיגער צוגאנג צו דער וויסנשאפט ווייזט זיך, נאטירלעך, ארויס סיי אין דער פאליטיק פון דער מלוכה און סיי אין איר פראקטיק. אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע פראבלעמען ווערן גרינדלעך באטראכט אין זייער שייכות צו וויסנשאפטלעכע מעגלעכקייטן און באדערפענישן, און די גנעהעריגע פארשונג קאנצענטרירט זיך אויף דער לייזונג פון אט־די פראבלעמען. דעריבער זיינען דארט דא אזוי פיל פארשונג־סטאנציעס, וואס וואקסן־אויף זייט ביי זייט מיט דער אינדוסטריע און אגריקולטור אין אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע צענטרען.

אין סאוועטן־פארבאנד זיינען געווען 2,292 אזעלכע פארשונג־סטאנציעס אין 1938 אין פארגלייך מיט 211 אין 1918, און עס זיינען דא 41,000 פארשער אין אינסטיטוטן, שולן און קאלעדזשעס. פון זיי ארבעטן 4,000 אין דער וויסנשאפט־אקאדעמיע אליין. אט־די צאל וואקסט כסדר צוזאמען מיט דעם אלגעמיינעם וואוקס פון דער בילדונגס־שטופע פון דער אינטעליגענציע, וואס ציילט איצט 9,600,000 מענטשן אין א באפעלקערונג פון 170,000,000.

וויסנשאפטלעכע פארשונג אין סאוועטן־פארבאנד איז אי קאארדינירט, אי ברייט פארשפרייט. דאס באצייכנט זייער א וויכטיגן פארשריט, ווייל דורך דעם ווערט אויסגעמיטן דאפלטע ארבעט מצד באזונדערע ארגאניזאציעס אן דאפלטע רעזולטאטן. עס ווערט אויך אויסגעמיטן די סודותדיקייט, וואס צוליב פינאנציעלע און קאנקורענטישע טעמים דערלאזט זי ניט, אין די קאפיטאליסטישע לענדער, קיין צענטראליזאציע פון נייע דערפינדונגען און אנטדעקונגען. אנשטאט דעם גילט אין סאוועטן־פארבאנד אן אפענער צוטריט פאר אלעמען צום דעראבערטן וויסן, אזוי אז יעדע דערפינדונג, יעדע אנטדעקונג ווערט באלד צוגענגלעך פארן גאנצן לאנד. די וויסנשאפט אין סאוועטן־פארבאנד איז קאארדינירט פון אויבן ביז אראפ און אלע רעזולטאטן פון דער וויסנשאפט שטראמען אריין אין איין צענטער. די אויפגאבן פון דער וויסנשאפט זיינען זייער ברייט און זי קריגט א ברייטהארציגע דערמוטיגונג. דער ענגלישער בעמיקער דזש. סי. עלטענטאן האט דערקלערט, בשעת ער האט אויסגעפארשט די סאוועטישע מעטאדן פון שאפן געוויסע ארגאנישע שטאפן דורך אן עלעקטרישן פראצעס, אז ער האט דארט

געפונען ברייטערע געלעגנהייטן פאַר ריינער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, ווי אין ענגלאַנד, וואו די מערסטע כעמיקער זיינען באַשעפטיגט הויפּטזאַכלעך מיט באַלדיגע פּראָבלעמען, לויט דער פאָדערונג און אין די אינטערעסן פון זייערע באַלעבאַטים און פון ספּעציעלע קאָמערציעלע אונטערנעמונגען.

עלטענטאָן׳ס דערפאַרונג איז אינטערעסאַנט. נאָך דעם, ווי ער האָט געאַרבעט אין קעמברידזש ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן, האָט ער געקראָגן באַ־שעפטיגונג אין דעם באַוול־פאָרשונג־אינסטיטוט אין מאַנטשעסטער. צו־זאַמען מיט אַנדערע וויסנשאַפטסלייט האָט ער באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד אין 1931, און דער בליענדיגער צושטאַנד פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט געזען „דעם ריזיגן ענטוזיאַזם פון די יונגע מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם וויסנשאַפטלעכן לעבן״, און ער איז געווען גערירט פון דער זאָרג־זאַמקייט, מיט וועלכער די סאָוועטן־מלוכה באַהאַנדלט אירע וויסנשאַפטסלייט.

דער קאָנטראַסט, וואָס ער האָט דערזען ביים צוריקקער קיין ענגלאַנד איז געווען צו־שטאַרק. ער האָט געהאַט אַ גוטן „דזשאָב״ אין ענגלאַנד און איז אַפילו דערהויבן געוואָרן, אין דער צייט פון אַ קאַטן־שווערינקייט, צו אַ העכערן פּאָסטן מיט אַ העכערן געצאָלט, „נאָר איך האָב געוואָלט״ — האָט ער געזאָגט — „פריער פון אַלץ דינען דער וויסנשאַפט און ניט אָנהאַלטן קיין גרינגן דזשאָב, וואָס זאָל מיך פאַרזיכערן מיט אַ לעבן.״ און ער זאָגט ווייטער:

> „איך אַרבעט דאָ שוין דריי יאָר, שטודירנדיג דעם איינפלוס פון אייזענען אין כעמישע רעאַקציעס. דאָ האָב איך ענדלעך געפונען מיין באַרוף. איך אַרבעט שווער און איך בין שטאָלץ צו האָבן דעם טיטול פון דעם בעסטן שלאָג־בריגאַדיר אין דעם אינסטיטוט. . . . איך פריי זיך מיט דעם ראַשיגן פּראָגרעס, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפט מאַכט. איך פריי זיך מיט דעם באַדייטנדיגן וואוקס פון דער קוואַליטעט פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און דעם אַלץ טיפערן אינטערעס צו זייער געגנשטאַנד. . . . מיין פרוי און קינדער וואוינען מיט מיר. . . . פאַר פרויען איז דאָס לעבן דאָ בעסער, ווי ביי אונז.״

און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ברענגט די וויסנשאַפט ממשות׳דיגע געווינסן פאַר אַלע אַרבעטער, אָבער קיין אומגליק ברענגט זי פאַר קיינעם ניט. ממילא איז דאָס פאָלק ווי פון איין שטיק מיט די אָנפירער אין פּרט פון אָט־דעם נייעם ענטוזיאַזם פאַר דער וויסנשאַפט. די גאַנצע געזעלשאַפט דאַרשט נאָך נייעם וויסן, כדי צו קאָנען מיט־האַלטן מיט די פירנדיגע וויסנשאַפטסלייט. וויסנ־שאַפטלעכע קאָנפערענצן אָדער די וואַלן פאַר אַקאַדעמיקער קאָנקורירן מיט ספּאָרט ווי נייעס אויף די ערשטע זייטן פון די צייטונגען, און רעדנער איבער וויסנשאַפט מוזן באַנוצן די גרעסטע זאַלן, ווען זיי האַלטן עפנטלעכע לעקציעס. דער אַקאַדעמיקער קעלער זאָגט, אַז 200,000 יונגע פאַרמערס אין קאָלעקטיוון

האָבן זיך באַנוצט מיט זײַנע ביכער „דאָס לעבן פון פלאַנצן" און „וואָס איז כעמיע?".

אין אַ פּאַרמעסט, וואָס איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן אונטער אַ פאַראייניקטער קאָמיטע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דעם קאָמסאָמאָל (פאַר־באַנד פון יונגע קאָמוניסטן) און דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָבן זיך באַ־טייליקט העכער 8,000 יונגע פאָרשער אויף דעם געביט פון געאָלאָגיע, כעמיע, מעדיצין, ביאָלאָגיע און אַנדערע וויסנשאַפטן. זעקס הונדערט און פופצן וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען זײַנען באַצייכנט געוואָרן ווי אויסגעצייכנטע אַרבעטן. די העכסטע אויסצייכענונג האָט געקראָגן אַ ניין־און־צוואַנציק־יאָריקער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק פאַר אַן אָריגינעלער און ווערטפולער אָפּהאַנדלונג. אַ פיר־און־דרײַסיק־יאָריקער מאַן האָט געקראָגן דעם טיטל דאָקטאָר פון געאָלאָגישער וויסנשאַפט און ער האָט געהאַט אויף זײַן חשבון 105 וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען.

אָט־דער מאַסן־ענטוזיאַזם פאַר וויסנשאַפט ווערט דערמוטיקט אומעטום, אויך אין דאָרף און אין דער פויערישער געמיינדע, וואו ער איז שטענדיק געווען שוואַך. די באַוועגונג פאַר היימישע לאַבאָראַטאָריעס פאַרשפּרייט זיך אַזוי ווי אַ פײַער אין סטעפּ. עס איז איצט אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך צו גע־פינען אין דער נאָרמאַלער אויסשטאַטונג פון אַ דאָרפס־געמיינדע אַ לאַבאָראַ־טאָריע, וואו עקספּערימענטן מיט „ווערנאַליזירונג" פון זוימען, דאָס הייסט, סטימולירן די אַנטוויקלונג פון די זוימען פאַר דעם פאַרזיי, און ענלעכע אַרבעטן ווערן אָנגעפירט פון ספּעציעל־טרענירטע מיטגלידער פון דער דאָרפישער געמיינדע.

„די פּענטעס אויף דער וויסנשאַפט" אין דעם זין, ווי פּראָפעסאָר פּ. מ. ס. בלעקעט באַנוצט דעם אויסדרוק, איז אַ זאַך, וואָס מען ווייסט דערפון ניט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין רוסלאַנד הערט זיך קיינמאָל ניט דער געשריי, אַז מען דאַרף אײַנפירן „אַ מאָראַטאָריום אויף וויסנשאַפט", ווי מען הערט דאָס אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. און מען דאַרף דאָרט טאַקע ניט אַזאַ לאָזונג, ווײַל די פּראָדוקציע ווערט רעגולירט און עס קאָן ניט קומען צו קיין איבער־פּראָדוקציע, כל זמן די מענטשלעכע באַדערפענישן זײַנען ניט באַ־פרידיגט. דעריבער איז יעדער מאַן, פרוי און קינד אין סאָוועטן־לאַנד פאַר־אינטערעסירט אין דער פאַרגרעסערונג פון דעם סכום פון רײַכטום, וואָס באַ־זאָרגט די באַקוועמלעכקייטן, די זיכערקייט און די געלעגנהייטן פון לעבן. און צום ווינציקסטן דער יונגער דור באַגריסט די וויסנשאַפט ווי דעם בעסטן אינסטרומענט אויף צו דערגרייכן אַ פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע.

מען דאַרף אָנווייזן, אַז די סאָוועטן האָבן ניט באַשאַפן קיין ספּעציעלע סאָרטן וויסנשאַפט אָדער וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. דער סאָוועטישער וויסנ־שאַפטסמאַן באַנוצט דעם זעלבן טעלעסקאָפּ, מיקראָסקאָפּ און ספּעקטראָסקאָפּ, ווי דער וויסנשאַפטסמאַן פון מערב־אייראָפּע. די סאָוועטישע וויסנשאַפט

אונטערשיידט זיך פון דער וויסנשאפט אין די קאפיטאליסטישע לענדער אין איר שייכות צו דעם סאציאלן לעבן און ניט אין אירע טעכנישע מעטאדן אדער אנווענדונגען. ביי די סאוועטישע מענטשן איז די וויסנשאפט פונדאמענטאל און זי ווערט דערמוטיגט מיט אנטשלאסענעם ענטוזיאזם. ביי קאפיטאליסטישע פעלקער ליגט איצט די וויסנשאפט, וואס מען האט זי פריער געדולדעט מיט א באציאונג פון אויבן־אראפ, א געפענטעטע.

די אינטימע פארבינדונג צווישן דער וויסנשאפט און דער סאוועטישער מלוכה־פלאנירונג ווארפט זיך אין די אויגן. דער פלאן ווייסט, אז ער דארף שפייזן, באקליידן און הויזן 170,000,000 מענטשן אין איצטיגן מאמענט*) און מסתמא 300,000,000 מענטשן אין 40 יאר ארום. די נאכפראגע אויף ברויט, פלייש, פעטס, אנצוגן, שיך, וואנעס, גראמאפאנען, אדער אויטאמאבילן, וועט זיין ריזיג־גרויס, און דער פלאן מוז דאס אלץ באזארגן.

די גרויס פון דער אינדוסטריע, פון דער אגריקולטור און פון די מאשינען איז אויסגערעכנט לויט דער אפשאצונג פון די באדערפענישן. אויף מאשינען דארף מען האבן מעטאל, אייזנבאנען און טרייב־קראפט. עס וועט שטענדיג זיין א נאכפראגע אויף מאטעריעלע רעסורסן, ווי אויך אויף מענטשלעכע רעסורסן. דערמיט דערקלערן זיך די פילע פארשונגס־אינסטיטוטן, וואס ווערן אנגעפירט פון אויסערגעוויינלעך־פייאיגע מענטשן אין די ראמען פון א פלאנירטער פארשונג־סיסטעם, וואס שטרעבט באוואוסטזיניג צו אנטוויקלען די ספעציפישע פייאיגקייטן פון יעדן איינצלנעם וויסנשאפטסמאן.

די סאוועטן האבן ניט געקאנט פערמאנענט זיך פארלאזן אויף אויס־

---

*) דעם ערשטן אויגוסט, 1940, האט וו. מאלאטאוו געמאכט די פאלגנדיגע דערקלערונג וועגן דער איצטיגער באפעלקערונג פון דעם סאוועטן־פארבאנד:

„אלס רעזולטאט פון דעם, וואס די באלטישע לענדער האבן זיך אנגעשלאסן אין סאוועטן־פארבאנד, וועט די באפעלקערונג פון לאנד פארגרעסערט ווערן מיט די 2,880,000 איינוואוינער פון ליטע, די 1,950,000 איינוואוינער פון לאטוויע און די 1,120,000 איינוואוינער פון עסטאניע.

„אזוי, אז צוזאמען מיט דער באפעלקערונג פון בעסאראביע און צפון־בוקאווינע וועט די באפעלקערונג פון דעם סאוועטן־פארבאנד פארגרעסערט ווערן אומגעפער אויף 10,000,000. אויב מיר זאלן צו דעם צורעכענען די העכער 13,000,000 איינוואוינער פון מערב־אוקראינע און מערב־ווייס־רוסלאנד, האט די פאראיאריגע פארגרעסערונג פון דער סאוועטישער באפעלקערונג באטראפן מער ווי 23,000,000 מענטשן. מען דארף אויך געדענקען, אז ניינצן־צוואנציגסטל פון אט־דער באפעלקערונג איז פריער געווען א טייל פון די איינוואוינער פון דעם סאוועטן־פארבאנד, נאר זיי זיינען מיט גוואלד אפגעריסן געווארן פון דעם סאוועטן־פארבאנד דורך די אימפעריאליסטן פון מערב, ווען דער סאוועטן־פארבאנד איז געווען מיליטעריש שוואך. איצט איז אט־די באפעלקערונג ווידער פאראייניגט מיט דעם סאוועטן־פארבאנד.

„אזוי אז איצט וועט דער פארבאנד פון די סאוועטישע סאציאליסטישע רעפובליקן קאנען רעדן מיט א מעכטיגער שטים און אין דעם נאמען פון 193,000,000 מענטשן, ניט רעכענענדיג דעם נאטירלעכן צוואוקס פון דער באפעלקערונג פון דעם סאוועטן־פארבאנד אין די יארן 1939 און 1940.”

לענדישע וויסנשאַפטסלייט און טעכניקער, און זיי האָבן אויך ניט געקאָנט אָננעמען בלינדערהייט די רעזולטאַטן פון אויסלענדישער פאָרשונג.

סאָוועטישע אינזשענערישע פּראָבלעמען אונטערשיידן זיך פון אונזערע פּראָבלעמען און פאָדערן אַן אַנדער לייזונג. נעמט די סאָוועטישע אייזנבאַנען פאַר אַ ביישפּיל. דער סאָוועטישער רעלסן־וועג איז אַ ברייטער, ווייל ערד איז ביליג. אונזער באַן־וועג איז אַ שמאָלער, ווייל ערד איז טייער. די באַנען זיינען שווערערע, נאָר דער פאַרקער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט אַזאַ אָפטער, ווי ביי אונז. דעריבער דאַרפן די סאָוועטישע רעלסן איבערטראָגן אַ גרעסערע לאַסט, אָבער מיט גרעסערע אָפּרו־פּעריאָדן. און זיי דאַרפן האָבן ווייניגער אַלגעמיינע קראַפט, ווי אונזערע באַנען פאָדערן. די קאָמפּאָזיציע פון סאָוועטישן שטאָל דאַרף דעריבער זיין צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון די סאָוועטישע באַנען. דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר סאָוועטישער פאָרשונג. ס׳איז איין פּראָבלעם פון אַ סך אַזעלכע. דעריבער באַזאָרגט די מלוכה׳שע פּלאַניר־קאָמיסיע יעדע אינדוסטריע מיט איר אייגענעם פאָרשונג־אינסטיטוט אויף צו לייזן אירע אייגענע רוטינע פּראָבלעמען.

עס מערקט זיך אַן אינטערעסאַנטע טענדענץ צו גיין נאָך ווייטער. למשל, רעבינדער, דער דירעקטאָר פון דער לאַבאָראַטאָריע פון כעמישער פיזיק אין מאָסקווע, גלויבט, אַז די הויפּט־פונקציע פון פּראַקטישער וויסנשאַפט איז צו באַשאַפן נייע אינדוסטריען און ניט אַרויסצושלעפּן די פּראָדוקציע פון אירע איצטיגע שוועריקייטן. די וויסנשאַפט מוז פירן און ניט נאָכשלעפּן זיך. זי מוז אַנטדעקן נייע מעגלעכקייטן.

אין זיין אייגענער פאָרשונג אויף דעם געביט פון אויבערפלאַך־כעמיע זוכט רעבינדער אָנדייטן פאַר נייע אינדוסטריען אין זיין אַנטדעקונג פון נייע דערשיינונגען. רעבינדער איז אַן עקספּערט אויף דעם געביט פון אויבערפלאַך־כעמיע. די האַרטקייט פון דער אויבערפלאַך באַווירקט די שטאַרקייט פון מאַטעריאַלן. די קראַפט פון גלאָז ווערט פאַרשטאַרקט אויף צען מאָל מער, אויב מען פּילט־אוים ווי געהעריג די שפּעלטעלעך אויף דער אויבערפלאַך. טעאָרעטיש דאַרפן סאָלידע געגנשטאַנדן באַזיצן אַ ריזיגע קראַפט, וואָס אין דער ווירקלעכקייט האָבן זיי דאָס ניט.

אין לענינגראַדער פיזיש־טעכנישן אינסטיטוט פירט יאָפע דורך זייער גוטע אַרבעט אין דער אויספאָרשונג פון אָט־דער שוואַכקייט. דורך אויפדעקן און דערקלערן די שוואַכקייט ווערט ממילא געמאַכט אַ שריט זי צו באַזייטיגן. ווען דאָס וועט זיך איינגעבן, וועט די מענטשהייט קריגן מאַטעריאַלן, וואָס וועלן זיין טויזנט מאָל שטאַרקער פון די, וואָס זיינען איצט אין געברויך, און דאָס וועט האָבן אַ רעוואָלוציאָניזירנדיגע ווירקונג אויף דער אַרכיטעקטור, אויף דער אינדוסטריע און אויף דעם גאַנצן געביט פון מענטשלעכער בויאונג.

אין די ווייטערדיגע זייטן פון דעם בוך וועט דער לייענער געפינען אַ סך אילוסטראַציעס פון דער דערמוטיגונג, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפטסלייט

קריגן, און פון דער הילף וואָס זיי גיבן דעם לאַנד. גאָר ווי אַ באַלדיגע אילוסטראַציע פון אָט־די פאַקטן דערלויבט מיר צו באַשרייבן דריי אינ־טערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע פאַלן: איינער אין דער אינדוסטריע, אַ צווייטער אויף דעם געביט פון אַגריקולטור און פרוכט־גערטנעריי, און דער דריטער אין פּראַקטישער מעדיצין.

אין 1881 האָט פּראָפעסאָר ראַמזעי פאָרגעשלאָגן אַ מעטאָד, לויט וועלכן מען האָט געקאָנט, מיט אַ סך עקאָנאָמיע און סאָציאַלע געווינסן, פאַרוואַנדלען קוילן אין גאַז, בשעת די קוילן זיינען נאָך געלעגן אין דער ערד ניט קיין אויסגעהאַקטע. גאָר ראַמזעי איז געווען אַן איינזאַמער וויסנשאַפטסמאַן. די קוילן־גרובן זיינען געלעגן אין פּריוואַטע הענט. פּראַקטישע עקספּערימענטן האָבן געפאָדערט גרויסע אויסגאַבן. דער דערפאָלג איז ניט געווען קיין גע־זיכערטער. די אייגנטימער האָבן ניט געוואָלט ריזיקירן. די רעגירונג איז געווען גלייכגילטיג. עס איז גאָר ניט געטאָן געוואָרן.

אויף דער סאָוועטישער ערד האָבן ראַמזעי׳ס אידייען געקראָגן אַ פריינט־לעכן אויפנאָם, וואָס מען האָט זיי אָפּגעזאָגט אין דעם לאַנד פון זיין געבורט. לענין, דער טרוימער, האָט געזאָגט:

„אונטער סאָציאַליזם וועט די אָנווענדונג פון ראַמזעי׳ס מעטאָד — דורך „באַפרייען" די אַרבעט פון מיליאָנען מאַינערס און אַזוי ווייטער — דערלויבן צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג פון אַלע אַרבעטער פון אַכט שעה צו, לאָמיר זאָגן, זיבן, אָדער נאָך וויניגער. . . . דער מעטאָד וועט מאַכן די אַרבעטס־באַדינגונגען נאָך מער היגיעניש, וועט באַפרייען מיליאָנען אַרבעטער פון רויך, שטויב און שמוץ; וועט פאַרשנעלערן די פאַרוואַנדלונג פון שמוציגע און אָפּשיילעכע פאַבריקן אין ריינע, ליכטיגע לאַבאָראַטאָריעס, מיט וועלכע דער מענטש וועט מעגן שטאָלצירן."

אין אָט־דער הינזיכט ווי אויך אין אַנדערע הינזיכטן איז קיין זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם אַקטועלן לעבן און מיט דעם מאַטעריעלן וואוילזיין און באַקוועמלעכקייטן פון די אַרבעטער, ניט געווען אומוויכטיג ביים סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, און אין 1931 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי באַשלאָסן צוצוטרעטן צו די עקספּערימענטן. זיי האָבן אַזוי געטאָן, און דעם 4טן פעברואַר, 1938, איז גאַז פון אונטער־ערדישער גאַזיפיצירונג אָנגעווענדט געוואָרן אין דעם שמעלץ־אויוון פון אַ כעמישן זאַוואָד און האָט אָנגעהויבן באַהייצן זיינע קעסלען. די גאָרלאָוועקע־סטאַנציע אין דאָנבאַס, וואָס שטעלט איצט צו 15,000 קובישע מעטער גאַז אַ שטונדע, וועט פאַרטאָפּלען אָט־די פּראָדוקציע. אַ סך אַ גרעסערער זאַוואָד אין ליסישאַנסק איז אויסגערעכנט אויף אַרויסצוגעבן 100,000 קובישע מעטער אַ שטונדע. אונטערערדישע גאַזיפיצירונג פון קוילן איז געוואָרן אַ פּראַקטישע ווירקלעכקייט.

רעדוצירט צו זיינע פשוט׳סטע פאָרמען איז דער פּראָצעס אַזאַ: איין

ברונעם ווערט אויסגעגראָבן לענגאויס דער אויבערשטער זייט פון דעם קוילן־שיכט, וואָס דאַרף גאַזיפיצירט ווערן, און אַ צווייטער ברונעם לענגאויס דער אונטערשטער זייט. לופט ווערט געטריבן פון דעם אויבערשטן דורכגאַנג צו דעם אונטערשטן אויף דער פלאַך, וואו דאָס קאָנטראָלירטע פייער עסט אויף די קוילן, פאַרוואַנדלענדיג זיי אין גאַז. די ברען־גאַזן ווערן אַרויסגעצויגן אין דער הויך און ווערן געטריבן דורך רערן צו די געווינטשטע פלעצער.

די הויפט־פּראָבלעם קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם סכום און דעם צוזאַמענשטעל פון דער לופט, אָדער פון לופט צוזאַמען מיט זויערשטאָף, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן, כדי צו פּראָדוצירן, למשל, אָדער „קראַפט"־גאַז אויף צו באַהייצן קעסלען, אָדער „פּראָדוציר"־גאַז פון אַ הויכן קאַלאָרישן באַטרעף אויף צו פאַבריצירן סינטעטישן גאַזאָלין און סינטעטישע אַמאָניע און פאַר דעם דירעקטן אַרויסבאַקום פון מעטאַלן פון די אַרצן אָן דער הילף פון שמעלץ־אויוונס.

דערמיט פאַרשפּאָרט מען גראָבן די קוילן און זיי טראַנספּאָרטירן. ריזיגע טראַנספּאָרטאַציע־איינריכטונגען ווערן פאַרביטן אויף פשוט'ערע און ביליגערע איינריכטונגען, און די קאָסטן פון באַהייצונג ווערן פאַרקלענערט אויף אַ העלפט.

נאָך וויכטיגער אָבער איז די ווירקונג אויף די לעבנס פון די אַרבעטער, וואָס ווערן באַפרייט פון שווערער און געפערלעכער אַרבעט אין די טיפענישן פון דער ערד, בשעת אָט־דער מעטאָד פון אונטערערדישער גאַזיפיצירונג באַזאָרגט אַנדערע נוצלעכע צווייגן פון אינדוסטריעלן אַפּאַראַט מיט אַ פרישער אַרמיי פון אַרבעטער; ווייל קיינער ווערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט־הויפן פון אַרבעטלאָזיגקייט צוליב דער אָנווענדונג פון איינריכטונגען וואָס שפּאָרן אַרבעטער־הענט.

ווייטער נעמט דעם פאַל מיט דער ענטוזיאַסטישער אָנווענדונג פון וויסנשאַפט אין דער אַגריקולטור און פּרוכט־קולטיווירונג — אַן ענטוזיאַזם, וואָס שטאַמט פון דער אַנטשלאָסנקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו פאַרגרעסערן און צוצוגעבן נייע מינים צו דעם רייכטום פון זיין פלאַנצן־לעבן.

פון די סאַמע ערשטע יאָרן פון סאָוועטישער הערשאַפט, זיינען סאָוועטישע עקספּעדיציעס געשיקט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, זוכנדיג אין יעדן לאַנד נייע פלאַנצן און נייע מינים פון אַלטע פלאַנצן.

אָט־די עקספּעדיציעס האָבן, למשל, אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע גופא באַזוכט אַרמעניע, יאַלטאַ, אַזערבעידזשאַן און די פּאַמיר־בערג. אויסער די גרענעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען זיי געווען אין פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, מאָנגאָליע, יאַפּאַן, קאָרייע, אינדיע, צעילאָן, יאַוואַ, כינע אַמעריקע, מעקסיקאָ, גוואַטעמאַלאַ, קובאַ, עקוואַדאָר, פּערו, באָליוויע, טשילי, אַרגענטינע, אורוגוואַי, בראַזיל, עטיאָפּיע, עריטריע, עגיפּטן און אַנדערע לענדער.

פּראָפעסאָר נ. י. וואַווילאָוו, דער פּרעזידענט פון דער לענין־אַקאַדעמיע

פון אַגריקולטורעלער װיסנשאַפט, האָט מערסטנס אָנגעפירט מיט אָט־דער באָטאַנישער פאָרשונג.

װאַװילאָװ איז גאָר אַ מערקװירדיקער מענטש. זײַן ענערגיע שעפּט זיך גאָר ניט אױס. ער שלאָפט זײער װינציק. ער האָט אײַזערנע נערװן. מען דערצײלט װעגן אים אַ כאַראַקטעריסטישע געשיכטע. אײנמאָל, װען ער איז געפלױגן קײן באַקו, איז זײַן עראָפּלאַן אַרײַנגעפלױגן אין אַ שטורעם, װאָס האָט זיך געטראָגן מיט אַ שנעלקײט פון צװײ און נײַנציק מײל אַ שעה. עס איז געװען אוממעגלעך צו לאַנדן. דער פּילאָט איז אַװעקגעפלױגן צו די דערבײַאיקע בערג, כדי צו באַשיצן זיך פון שטורעם־װינט, און װען ער איז אָנגעקומען אין די בערג האָט ער מער קײן גאַזאָלין ניט געהאַט. דער עראָ־פּלאַן האָט זיך געצאַפּלט װי אַ בלאַט, װאָס פּלאַטערט אין אַ האַרבסטיקן שטורעם. נאָר בשעת אַנדערע האָבן געטראַכט װעגן שרײַבן זײערע צװאות און זײער לעצטן אָנזאָג, האָט מען געזען װי װאַװילאָװ איז אַנטשלאָפן געװאָרן פאַר אַלעמען אין די אױגן. עס איז דאָ ניט געװען קײן געלעגנהײט פאַר קײן שום פאָרם פון נוצלעכער טעטיקײט אָדער פאַר פרוכטבאַרער דיסקוסיע, האָט ער אױסגענוצט די צײַט אױף צו כאַפּן אַ דרעמל.

אונטער װאַװילאָװ׳ס אָנפירונג װערט די װיסנשאַפט פון באָטאַניק צום ערשטן מאָל באַהאַנדלט מיט אַ באמת ברײטן פאַרנעם, און דער סאָװעטן־פאַרבאַנד באַזיצט איצט די רײַכסטע קאָלעקציע אין דער װעלט פון פאַר־שײדענע פּלאַנצן. לױט דער צאָל, פאַרשײדנאַרטיקײט און פולשטענדיקײט האָט אָט־די קאָלעקציע צו זיך קײן גלײַכן ניט. די זעכציק עקספּעדיציעס, װאָס זײַנען אַרױסגעשיקט געװאָרן, האָבן זיך צוריקגעקערט מיט 300,000 מוסטערן פון פּלאַנצן.

אָט־די קאָלאָסאַלע קאָלעקציע שטעלט־צו װערטפולע אינפאָרמאַציע בנוגע דער װידערהאָלונג פון פאַרשײדענע סאָרטן פּלאַנצן אין פאַרשײדענע טײלן פון דער װעלט. אין געװיסע געגנטן זײַנען פאַראַן מער מינים פון דער זעלביקער פּלאַנץ, װי אין אַנדערע געגנטן. דערפון לאָזט זיך דרינגען נאַטיר־לעכערװײַז, אַז אַ געגנט, װאָס באַזיצט די גרעסטע צאָל פון װעלכן ניט איז מין פּלאַנץ, האָט, װײַזט אױס, געהאַט בײַ זיך אָט־דעם מין אין דעם משך פון דער לענגסטער צײַט; מיר קאָנען דעריבער אָננעמען, אַז אַזאַ געגנט איז די נאַטירלעכע און אָריגינעלע היים פון אָט־דער פּלאַנץ.

לױט אָט־דעם צוגאַנג זײַנען װײץ, רײַז, לינזן, פאַסאָליעס, פערעשקעס, מאַנדלען און אַנדערע פּלאַנצן אַנטשטאַנען אין דרום־מערב אַזיע, װײַל דאָרט געפינען זײ זיך אין דער גרעסטער צאָל מינים.

און אַזױ איז דרום־מזרח אַזיע אױך די היים פון האָבער, גערשטן און די סאָיע־בעבלעך. ציבעלעס, אײלבירטן און פײַגן שטאַמען פון דעם מיטל־לענדישן שטח; האַרטע װײץ פון עטיאָפּיע; און קאַרטאָפל, טאָמאַטן, טאַבאַק און זון־רױזן פון זיד־אַמעריקע און מעקסיקאָ.

א צופעליגע זשמעניע פון עטיאָפּישער ווייץ וועט פאַרמאָגן גאַנצע פופציג סאָרטן — א צאָל, וואָס באַטרעפט ניט ווייניגער ווי אַלע סאָרטן קולטיווירטער ווייץ, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין צאַרישן רוסלאַנד.

אָט־די אָפּשטאַם־לענדער זיינען אַזוי־אַרום דער פאַרשפּרעכנדיגסטער באָדן אויף צו זאַמלען מוסטערן פאַר עקספּערימענטאַלער פאָרשונג, און פון אָט־די לענדער זאַמלט עס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד כסדר זיין מאַטעריאַל.

אין אַן אימפּאָזאַנטן צימער אין אַן אַלטן פּאַלאַץ אין לענינגראַד, וואָס הייסט „די ווייץ־פּייער־קאַסע פון דער וועלט", האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד צונויפגעזאַמלט 30,000 סאָרטן ווייץ.

גרויס אויפמערקזאַמקייט ווערט געשענקט צו ווייץ, ווייל ווייץ איז א פונדאַמענטאַלע שפּייז. אויסשפּרייטן ווייטער צו צפון דעם שטח פון ווייץ־קולטיווירונג, אָדער אַריינברענגען ווייץ אין געגנטן, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון ווייץ־קראַנקהייטן, מיינט פאַרגרעסערן די שפּייז־זאַפּאַסן, ווייל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרברענגט מען ניט קיין ווייץ. פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע מיינט פאַרגרעסערט רייכטום פאַר אַלעמען.

די רוסישע ווייצן באַזיצן אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן. מען קאָן זיי אָבער אויסבעסערן דורך פּאָרן זיי מיט פּאַסיגע סאָרטן פון אויסלאַנד און באַפרייען זיי פון חסרונות, ווי קליינע קערנער, קליינע גערעטעניש, אָדער קנאַפּער ווידערשטאַנד געגן די אָנגריפן פון דער פונגוס־פּעסט. אַזוי, למשל, ווערן די עטיאָפּישע ווייצן רייף פריער פון אַנדערע סאָרטן. געוויסע סאָרטן פון טראַנסקאַווקאַזישן ווייץ האָבן קיין מורא ניט פאַר „זשאַווער" און מילבן. און האָלענדישע ווייצן פאַרמאָגן גרויסע קערנער. אַפגאַניסטאַנער ווייצן שרעקן זיך ניט פאַר קיין טריקעניש.

די אינטענסיווע פאָרשונג ווערט פאָרגעזעצט; איבערקרייצונגען און קאָנטער־איבערקרייצונגען ווערן דורכגעפירט אויף פאַרשיידענע פאַרמס און אין עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איינער פון די אינגערע אַגראָנאָמען, נ. וו. ציצין, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע איבערצוקרייצן ווייץ מיט א קרעפטיגער און ווידערשטאַנד־פייאיגער ווילדער פלאַנץ פון דער ווייץ־פאַמיליע, כדי אַרויסצוקריגן א נייעם סאָרט ווייץ, וואָס זאָל קאָנען איבערטראָגן קעלט און טריקעניש. סטאַלין האָט אים געגעבן פּראַקטישע פּערזענלעכע דערמוטיגונג מיט די פאָלגנדע ווערטער: „גיי אָן מוטיג מיט דיין פאָרשונג; מיר וועלן דיך שטיצן אויף יעדן אופן." ציצין האָט ענדלעך אַרויסגעבראַכט א קרעפטיגן סאָרט ווייץ, וואָס וואַקסט א קיילעכדיג יאָר און וואָס גיט ניט נאָר גלענצנדיגע גערעטענישן און איז בכח איבערצוטראָגן קעלט און טריקעניש, נאָר איז אויך באַוואָרנט פון אַלע פאַרניכטנדיגע ווייץ־קראַנקהייטן.

ניקאָלאַי ציצין, וועלכער איז איצט דער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע פון אַגריקולטורעלער וויסנשאַפט, האָט אין 1937 אַרויסגעבראַכט נאָך א מער

שטוינענדיגן סאָרט ווייץ — אַן „אייבינגן", קרעפּטיגן, ווידערשטאַנד־פּיאיגן ווייץ, וואָס וואַקסט כסדר, אַ ווייץ, וואָס מען דאַרף זי ניט זייען, נאָר זי וואַקסט אַרויס יאָר נאָך יאָר פון זעלבן וואָרצל, ווי היי־גראָז. עס איז שווער צו איבערטרייבן די וויכטיגקייט פון אַזאַ אַנטדעקונג, כאָטש עס וועט נאָך מסתמא דויערן אַ צייט ביז מען וועט קאָנען געניסן די פּרוכט דערפון. מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר הענסאָן, דער אַמעריקאַנער עקספּערט איבער פּרוכט־גערטנעריי, אין דעם יאָר, ווען ער האָט געקראָגן מוסטער־קערנער פון דעם נייעם סאָרט ווייץ. זיין ענטוזיאַזם איז געווען פּונקט אַזוי גרויס, ווי ער איז געווען נאַטירלעך. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן דעם „רויטן כישוף" פון דער סאָוועטישער פּרוכט־וויסנשאַפט. ער און זיין פאָטער, דער עלטערער הענסאָן, האָבן ספּעציעל באַוואונדערט די פאָרשונג פון דעם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם איוואַן וולאַדימיראָוויטש מיטשורין, דער גרעסטער פּרוכט־ און גערטנעריי־קענער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיטשורין איז געווען דער מכשף, וואָס האָט געקאָנט, זאָגט מען, אַרויס־ברענגען מאַלינעס צוויי אינטשעס די גרויס, ווייַנפּערלעך די גרויס ווי ווייַנשל, ריזיגע שוואַרצע אַגרעסן, העל־רויטע יאַגעדעס אָן זוימען, טאַנ־דזשערינען, וואָס ווערן ניט באַווירקט פון פראָסט, און טייטלען, וואָס קאָנען וואַקסן אונטער נאַטירלעכע באַדינגונגען אין געגנטן, וואו דער טערמאָמעטער פאַלט צו 40 גראַד אונטער נול. איר וועט קאָנען שטיין אין אַ פעלד אין עקסטרעמען צפון אויף אַ פּונקט, וואָס איז נעענטער צום נאָרט־פּאָל ווי איז־לאַנד, און די רייפע תבואה וועט דערגרייכן ביז צו אייער פּנים.

ווען מיטשורין האָט געוואָלט פאַרהאַלטן דעם שניי אויף די תבואה־פעלדער פון די צפון־געגנטן, האָט ער אויסגעהאָדעוועט אַ קליין־וואוקסיגן מין קאַרשן־בוים, וואָס זאָל דינען ווי אַ צאַם אויף צו פאַרהאַלטן דעם שניי, און ווען אָט־דאָס ביימעלע ווערט צוגעדעקט מיט שניי, וואָס עס פאַרהאַלט, האָט דאָס קיין מורא ניט פאַר די אייז־קאַלטע ווינטן. די געשמאַקע קאַרשן פון אָט־דעם בוים קאָנען אָפּגעריסן ווערן אָן דער הילף פון אַ לייטער.

מיטשורין האָט איבערגעקרייצט אַ פּאָזימקע מיט אַ מאַלינע און האָט אַרויסגעבראַכט אַ פּאָזימקע, וואָס וואַקסט איצט אויף קוסטעס. עפּל זיינען איבערגעקרייצט געוואָרן מיט פאַרשיידענע סאָרטן פלוימען און קאַרשן אויף צו שאַפן נייע מינים פּרוכט.

מיטשורין האָט ווילדע פלאַנצן פאַרוואַנדלט אין היימישע און זיי גע־צוואונגען צו ברענגען פּרוכט אין אַ קולטיווירטן צושטאַנד. זיינע דופּטנדיגע רויזן בליען ביי די ברעגן פון אַרקטישן ים.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן קולטיווירט אַ סך מאַנדאַרין־מאַראַנצן אָן קערלעך, וואָס דאָס איז מעגלעך געוואָרן בלויז אַ דאַנק די אָנווייזונגען פון פלאַנצן־ספּעציאַליסטן.

ווייטערדיגע ביישפילן קומען פון דער וועלט פון מעדיצין.

צעדריקט אונטער א בוים, וואס איז אויף אים געפאלן, איז א מאן געלעגן אין א פארוואָרפענעם בארג־ווינקל און איז אפגעגאנגען מיט בלוט. ער האט פארלאָרן עטלעכע גלעזער בלוט. זיינע באגלייטער האבן אים אוועק־געטראָגן צוריק אין דאָרף אריין.

אין א שעה אָדער צוויי ארום האט אן עראָפּלאן, ארויסגערופן דורך דער ראַדיאָ, גענומען קרייזן נידעריג איבערן דאָרף. א פּעקל, וואס איז געווען צוגעבונדן צו א קליינעם פאראשוט, האט זיך אראָפּגעלאָזט און דער עראָפּלאן איז אוועקגעפלויגן ניט לאנדענדיג.

אין דעם פּעקל איז געווען בלוט אין א פלאַש.

א לעבן איז געראטעוועט געוואָרן.

אין 1926 האט מאָסקווע אָרגאניזירט א ספּעציעלן אינסטיטוט פאר בלוט־איינשפּריצונג — דער ערשטער אינסטיטוט פון דעם מין אין דער גאנצער וועלט. ענלעכע אינסטיטוטן זיינען געעפנט געוואָרן אין לענינגראַד, כאַרקאָוו, אָדעס, מינסק, קיעוו, טוויליסי און טאשקענט. א חוץ דעם זיינען דאָ 830 געגנט־סטאנציעס פאר בלוט־איינשפּריצונג.

דער פּרעזידענט פון דעם אינטערנאציאָנאלן קאָנגרעס פאר בלוט־איינ־שפּריצונג האט אונטערשטראָכן דעם פאקט, אז דער סאָוועטן־פארבאנד פארנעמט א פירנדיגע פּאָזיציע אין דער וויסנשאפט פון בלוט־איינשפּריצונג. די סאָוועטישע וויסנשאפטסלייט זיינען געווען די ערשטע צו אנטדעקן דעם מעטאָד פון פארגרייטן א זאפּאס פון בלוט פאר שפּעטערדיגן געברויך. איידער אָט־די דערפינדונג איז געמאכט געוואָרן, האט מען געקאָנט דורכפירן בלוט־איינשפּריצונגען בלויז דורך א דירעקטן קאָנטאקט צווישן דעם געבער און דעם נעמער פון בלוט. די סאָוועטן האבן מיטגעטיילט זייער מעטאָד צו די שפּאנישע רעפּובליקאנער אין זייער קאמף קעגן אגרעסיע. און אין סאָוועטן־פארבאנד איז ניטאָ קיין מאנגל אין וואָלונטירן, וועלכע זיינען וויליג צו געבן זייער בלוט. טאניא באראָוואַ איז אמאָל געראטעוועט געוואָרן דורך בלוט־איינשפּריצונג. איצט באט זי אָן איר איינגן בלוט ווי א דאנק־אָפּער. זי ווערט עקזאמענירט פון זיבן דאָקטוירים צו זען אויב איר בלוט איז געזונט און זי אליין איז גענוג געזונט אויף מקריב צו זיין גוט בלוט.

איר בלוט ווערט גוט־געהייסן און עס ווערט ביי איר אָפּגענומען א זעקסטל אָדער א פערטל קוואָרט. ספּעציעלע נאַרונג שטעלט זי צוריק אויף די פיס און אין זעקס וואָכן שפּעטער קומט זי ווידער און באַט־אָן איר בלוט נאָכאמאָל. אָט־דאָס בלוט־אָפּצאַפּן שטערט בשום אופן ניט איר נאָרמאלער ארבעט.

מ. קרושינסקי איז דער בארימטסטער בלוט־געבער אין מאָסקווע. ער איז א בוכהאלטער און האט שוין געגעבן בלוט 103 מאָל אין די לעצטע

צוועלף יאָר, אַ סך־הכל פון נאָענט צו זיבן גאַלאָן בלוט. ער איז אַטלעטיש נעבויט און ער פילט זיך לחלוטין ניט שלעכט צוליב דעם אָפּגעגעבענעם בלוט.

## 6. אונזער ירושה

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז וואונדערבאַר אויסגעשטאַט אויף אָנצור־ווענדן די וויסנשאַפט אין דער פּראָדוקציע, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד און אַלץ, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט, באַלאַנגט צום פאָלק. עס זיינען דאָ די מעגלעכ־קייטן אויסצופאָרשן די רייכטימער פון דעם לאַנד און דערנאָך זיך נעמען זיי אַרויסבאַקומען אין דער פולסטער מאָס.

די פאָרשונג האָט זיך אָנגעפאַנגען פון סאַמע אָנהויב. די אַרבעט פון לאַנד האָט אָבער געמוזט אָנגיין אין דער צווישן־צייט. יעדן טאָג און יעדע שעה זיינען אַרויסגעשוואומען אויפגאַבן, וואָס האָבן געמוזט דורכגעפירט ווערן. די אינדוסטריע און די אַגריקולטור טאָרן זיך ניט אָפּשטעלן. מען מוז שפּייזן די מענטשן, זיי באַקליידן און זיי באַזאָרגן מיט וואוינונגען; די סאָלדאַטן מוזן קריגן אַמוניציע. די סאָרטן געצייג און מעטאָדן פון פּראָ־דוקציע, וואָס מען האָט גע'ירש'נט, מוזן באַנוצט ווערן אַפילו אין דער צייט, ווען מען פּלאַנירט און מען שאַפט בעסערע. מען האָט אויך ניט געקאָנט באַלד דורכפירן קיין פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע איבער פאַר־שיידענע געגנטן, ווי אומלאָגיש איר איצטיגע פאַנאַנדערשפּרייטונג זאָל ניט זיין. אויף דעם מאָמענט מוז די אינדוסטריע אָנגיין אויף די פּלעצער, וואו זי איז אַנטוויקלט געוואָרן.

אָנווענדנדיג נויטיגערווייז די אַלטע רוטין, וואָס איז גע'ירש'נט געוואָרן פון אַמאָל, האָבן אָבער די סאָוועטישע פירער געמאַכט שריט פאַר דער שפּעטערדיגער פאַנאַנדערשפּרייטונג און געאָגראַפישער איבערגרופּירונג פון דער אינדוסטריע אין דריי וויכטיקע ריכטונגען:

1. זיי זיינען צוגעטראָטן צו נעמען אינווענטאַר פון דעם גאַנצן נאַציאָ־נאַלן רייכטום אין פּרט פון רוי־מאַטעריאַלן און מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען טרייב־קראַפט.
2. זיי האָבן אָנגענומען באַלדיגע מיטלען צו שאַפן, כמעט פון דער לופטן אַרויס, אַ געבילדעטן און טעכניש־געשולטן פּראָלעטאַריאַט.
3. זיי האָבן אויסגעפּלאַנירט אַ פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דער אינדוס־טריע, וואָס זאָל אויסנוצן די רעסורסן פון לאַנד, שפּאָרן קאָסטן און באַ־רייכערן דאָס לעבן פון דעם פאָלק.

דער צווייטער פון אָט־די שריט האָט צו טאָן מיט בילדונג, און מיר וועלן מיט אים זיך פאַרנעמען אין אַ וויטערדיגן טייל פון בוך. איצט וועלן מיר זיך אָפּגעבן מיט דער ערשטער און מיט דער לעצטער אויפגאַבע —

מיט דעם אינוועטאר פון נאַציאָנאַלן רייכטום און מיט דער פאַנאַנדער־שפּרייטונג און געאָגראַפישער איבערגרופּירונג פון דער אינדוסטריע.

כדי צו קריגן אַ באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער און אויסשפּרייטונג פון דעם סאָוועטישן נאַציאָנאַלן רייכטום און פון די פּרינציפּן, וואָס האָבן דיק־טירט די האַנדלונג פון די סאָוועטישע פירער ביי דער געאָגראַפישער איבער־גרופּירונג פון דער אינדוסטריע, וואָס נוצט אויס די רייכטימער, איז נויטיג צום ווינציגסטן אַן אַלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט דער סאָוועטישער געאָ־גראַפיע, און דאָס וועלן מיר איצט טאָן.

גיט אַ קוק אויף דער מאַפּע. די אוראַל־בערג טיילן־אָפּ די סאָוועטישע אייראָפּע פון דער סאָוועטישער אַזיע.

לאָמיר פריער באַטראַכטן די סאָוועטישע אייראָפּע.

אין איר צענטער ליגט די שטאָט מאָסקווע, וואָס איז אַרומגערינגלט פון דער מאָסקווער געגנט („אָבלאַסט"). מאָסקווע איז די הויפּט־שטאָט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד; זי איז אויך די הויפּט־שטאָט פון דער רוסישער סאָציאַ־ליסטישער פעדעראַלער סאָוועטן־רעפּובליק.

צו צפון פון מאָסקווע ליגט די קאַלינין־געגנט און נאָך ווייטער צו צפון־מערב ליגט די לענינגראַדער געגנט. פעלדער און וועלדער, באַוואַסערט פון די רעגנס, וואָס קומען פון אַטלאַנטיק, זיינען די פיזישע כאַראַקטער־שטריכן פון אָט־דעם שטח. און מיט אַ צוטריט צום ים און ביים שפּיץ פון דעם פינלענדישן גאָלף שטייט לענינגראַד, אַ פיינע, אַלטע שטאָט פון נאָבעלע גאַסן, שטיינערנע הייזער, בריקן און קאַנאַלן.

צו צפון פון לענינגראַד און לויפנדיג פּאַראַלעל צו פינלאַנד ליגט די קאַרעלישע אויטאָנאָמע רעפּובליק — אַ לאַנד פון לעיקס, טייכן, וואַסער־פאַלן און פעלזן, וואָס זיינען באַדעקט מיט סאָסנע־וועלדער.

צו צפון ווידער — און איצט שוין אונטער דעם אַרקטישן קרייז — ליגט דער קאָלאַ האַלב־אינזל, אַ לאַנד פון רונדיגע בערג און נידעריג־געוואַקסענע סאָסנעס; אַ לאַנד וואָס שניידט זיך אַריין אין דעם אַרקטישן ים און קלאַמערט־איין אין זיין צפון־טייל דעם ווייסן ים. דאָס איז דאָס לאַנד פון די סאַאַמי־לאַפּן; ביי די צפון־ברעגן פון אָט־דעם לאַנד ליגט די שטאָט מורמאַנסק, וואָס איר פּאָרט איז פריי פון אייז אַ גאַנץ יאָר און פאַרנעמט אַ פּאָזיציע פון גרויסער סטראַטעגישער וויכטיגקייט אין צייט פון קריג.

איצט פאָלגט נאָך די מאַפּע צוריק צו מאָסקווע. צו צפון־מזרח ליגט די איוואַנאָווער אינדוסטריעלע געגנט, דער צענטער פון דער סאָוועטישער טעקסטיל־אינדוסטריע, דער מאַנטשעסטער פון רוסלאַנד. אין שכנות מיט אָט־דער געגנט און נאָך מער מזרח־צו ליגט די גאָרקי־געגנט. ווידער צו צפון איז די קיראָווער געגנט, און ווייטער פון דאָרט ליגט די צפון־געגנט, וואָס ענדיגט זיך ביים אַרקטישן ים. דערנאָך קומט קאַרעליע און דער קאָלאַ האַלב־אינזל, וואָס נעמט אַריין דעם ווייסן ים און דעם פּאָרט פון אַרכאַנ־

נעלסק. פֿאַרנדיג אויף אַט־דעם וועג פֿון מאָסקווע ביז דעם אַרקטיק, פֿאָרט מען אַריבער פֿון די וואַקסנדיגע אינדוסטריעלע שטעט צו פֿעלדער־שטרעקעס, וואָס ווערן דאָ און דאָרט איבערגעריסן פֿון ברייט־וועלדער, און פֿון דאָרטן צו געדיכטע ניט־דורכגייבארע וועלדער פֿון נאָדל־ביימער וואָס טרעטן ענדלעך אָפּ דעם וועג צו די איינגעהויקערטע ביימלעך און דעם מאָך פֿון דער אַרקטישער טונדרע.

און איצט קערט זיך ווידער אום קיין מאָסקווע און פֿאָרט דאָס מאָל מערב־צו אין דער ריכטונג פֿון פּוילן. דאָ ליגט די מערב־געגנט און די ווייס־רוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, וואָס פֿאַרמאָגט אַ מילדערן קלימאַט מיט טאָפּאָלעס, דעמבעס און לינדן־ביימער אָנשטאָט די נאָדל־ביימער.

עס בלייבט צו באַטראַכטן דעם דרום.

צו דרום פֿון מאָסקווע ליגט די קורסקער געגנט און צו מזרח פֿון דאָרט ליגט די וואָראָניעזשער געגנט. אָט־די ביידע געגנטן ציען זיך ביז דער וואָלגע. דאָס איז דאָס פֿרוכטבאַרע שוואַרץ־ערדיגע פֿלאַך לאַנד, עטוואָס באַר־גיג און כמעט אינגאַנצן אָן ביימער. צו דרום־צו שפּרייטן זיך אין ענדלאָזער מאָנאָטאָנקייט די פֿלאַכע סטעפּעס, וואָס פֿאַרמאָגן ניט קיין ביימער און זיינען צעשפּאָלטן אויף דריי געגנטן: צו מערב ליגט אוקראַינע, וואָס ענדיגט זיך ביי די גרענעצן פֿון פּוילן און רומעניע; צו מזרח פֿון אוקראַינע — די אַזאָוו־שוואַרץ־ים׳ישע געגנט, און צו מזרח פֿון דאָרטן — די סטאַלינגראַדער געגנט, דורך וועלכער עס פֿליסט די וואָלגע, וואָס גיסט אריין אירע וואַסערן אין דעם קאַספּישן ים.

ווידער צו דרום ליגט דער קרימער האַלב־אינזל, וואָס איז כמעט אַרומ־גערינגלט פֿון דעם שוואַרצן ים, וואָס זיין זידלעכער ברעג איז באַשיצט פֿון צפֿון דורך אַ באַרג־קייט און וואָס איז אַ לאַנד פֿון זון און טרויבן און קיפּאַריסן־ביימער.

צו מזרח פֿון קרים ליגן די פֿלאַך־לענדער פֿון צפֿון־קאַווקאַזער שטח, וואָס הויבן זיך אויף אין הויכע בערג אין דעם זידלעכן טייל און זיינען אָפּגעטיילט פֿון דער טראַנסקאַווקאַזער סאָוועטן־רעפּובליק דורך אַ וואַנט פֿון הויכע בערג, וועלכע ציען זיך פֿון שוואַרצן ים ביז דעם קאַספּישן ים און ווערן באַהערשט פֿון דעם שניי־באַדעקטן באַרג עלברוס, דער העכסטער באַרג אין אייראָפּע. דאָס איז אַ ליבע און פֿאַרשיידנאַרטיגע געגנט מיט אירע צפֿונ׳דיגע פֿלאַך־לענדער און זידלעכע מיט וואַלד־געקליידטע און שניי־גע־קרוינטע בערג. דאָס איז אַ געגנט, וואָס פֿאַרמאָגט פּאַלמען און ווייַנגערטנער און פֿעלדער, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ביז צו די ברעגן פֿון שוואַרצן ים.

ווידער צו דרום־מערב ליגן די טראַנסקאַווקאַזישע רעפּובליקן פֿון אַזער־בעידזשאַן, גרוזיע און אַרמעניע — די לענדער פֿון די גרוזינער, אַרמענער און טערקן — סובטראָפּישע לויט דעם קלימאַט, מיט זון־צעטריקנטן באָדן

און מיט פעלזן, וואָס טוישן זיך מיט זומפּן, וועלכע ווערן געשפּייזט דורך טעגלעכע גאָס־רעגנס.

און צולעצט פאַרנעמט זיך צום עקסטרעמען מזרח פון דער סאָוועטישער איירָאָפּע, וואו די מיט־וואַלד־באַדעקטע אוראַלער בערג טיילן זי אָפּ פון דער סאָוועטישער אַזיע. איבער אָט־די בערג שפּרייטן זיך אויס די געגנטן פון סווערדלאָווסק, טשיליאַבינסק און אָרענבורג און די באַשקירער אויטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, וואָס איז אויסערגעוויינלעך רייך אין אַלערליי מינעראַלן.

* * *

צו מזרח פון אוראַל שפּרייט זיך אויס די סאָוועטישע אַזיע, וואָס גרענעצט זיך אין צפון מיט דעם אַרקטישן ים, אין מזרח מיט דעם פּאַציפישן ים און אין דרום מיט פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, סינקיאַנג, מאָנגאָליע און מאַנטשוקואָ, און אין מערב מיט דער סאָוועטישער איירָאָפּע.

איצט גיט אַ קוק אויף דער מאַפּע פון דער סאָוועטישער אַזיע.

באַוועגנדיק זיך צו מזרח פון סווערדלאָווסקער און טשעליאַבינסקער געגנטן, וואָס שפּרייטן זיך אויס איבער די אוראַל־בערג, קומען מיר אַריין אין די טאָלן פון מערב־סיביר, וואָס ווערן באַוואַסערט פון דעם טייך אָב און זיין צווייג אירטיש. צו צפון פון דעם פּאַס, וואו עס גייט דורך די טראַנס־סיבירישע אייזנבאַן, גרענעצט זיך מערב־סיביר מיט דער אָמסק־אירטיש־געגנט, וואָס ציט זיך ביז צום אַרקטישן ים. דאָס איז אַ לאַנד פון זומפּן און געדיכטע טאַיגע־וועלדער. לענגאויס דער טראַנס־סיבירישער אייזנבאַן לויפט דער קולטיווירטער פּאַס שוואַרץ־ערד און ברייטע וועלדער. און ווידער צו דרום ליגן די סטעפּעס, וואָס הויבן זיך אויף אין דרום־מזרח צופוסנס פון די אַלטאַי־בערג.

צו דרום פון אוראַל און פון די מערב־סיבירישע טאָלן ליגט די ריזיגע קאַזאַכסטאַנער רעפּובליק, וואָס איז באַזעצט פון וואַנדערנדיגע שבטים און זייערע טשערעדעס. דאָס איז אַ לאַנד אָן ביימער מיט זייער ווייניג טייכן און מיט אָפטע טריקעניש.

צענטראַל אַזיע ליגט צו דרום פון קאַזאַכסטאַן און רירט־אָן די גרענעצן פון פּערסיע, אַפגאַניסטאַן און מערב־כינע. דער נאָמען צענטראַל אַזיע באַציט זיך אויף די פיר סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן: אוזבעקיסטאַן, טורקמעניע, טאַדזשיקיסטאַן, קירגיזיע און די אויטאָנאָמע געגנט פון קאַראַ־קאַלפּאַקיע.

דאָס איז אַ לאַנד פון געלער ערד באַפּינטלט מיט ריזיגע טאָפּאָלן, פון וואַלקנלאָזע הימלען, הייסער זון־ליכט און ווייניג רעגנס. דאָס איז אויך דאָס לאַנד פון קיזיל קום, דער שוואַרץ־זאַמדיגער מדבר. דאָס איז אַ לאַנד, וואָס פּאָדערט אַ קאָמפּליצירטע סיסטעם פון באַוואַסערונג, כדי צו קאָנ־

סערווירן די וואסערן, וואָס פליסן אַראָפּ פון דעם אייז און די „גלעישיערס" פון די פּאַמיר און טיען־שאַן בערג.

איצט פאַרנעמט זיך ווידער צו מזרח פון די טאָלן פון מערב־סיביר, און איר וועט אַריינקומען אין די באַרג־קייטן פון מזרח־סיביר און אויף דער צווייטער זייט פון אָט־די בערג וועט איר צוקומען צו דער ווייט־מזרח'דיגער געגנט און צו דער יאַקוטישער אויטאָנאָמער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. דאָ האָט איר פאַר זיך אַ ריזיג לאַנד, וואָס גייט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ און ווערט דורכגעשניטן פון דרום צו צפון דורך די פאַר־פלייצנדיגע וואַסערן פון די טייכן יעניסעי און לענאַ און צו מזרח דורך דעם טייך אַמור.

דאָס איז אַ לאַנד פון ריזיגע פּראָפּאָרציעס — די יאַקוטישע רעפּובליק אַליין איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע — פון מעכטיקע טייכן, גרענעצלאָזע וועלדער און קאָלאָסאַלע מינעראַלע אוצרות, וואָס זיינען נאָך אומבאַריִרט, מיט דער אויסנאַם פון דער קולטיווירטער לאַנדווירטשאַפטלעכער געגנט ביי דער טראַנס־סיבירישער אייזנבאַן, וואו עס וואַקסט אַן אינדוסטריע.

אין דער ווייט־מזרח'דיגער געגנט רירט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אָן די ברעגן פון דעם פּאַציפישן ים. זיינע זידלעכע ראַיאָנען אין די פלאַכע שטרעקעס, דורך וועלכע עס שלענגלען זיך די טייכן אַמור און אוסורי, וואָס פליסן אַריין אין פּאַציפישן אָקעאַן, פאַרמאָגן אַ גרויסע באַפעלקערונג. דאָס איז אַ פרוכטבאַר לאַנד, וואָס גיט אַרויס תבואות, ווי רייז, למשל, וואָס מען דערוואַרט גאָר ניט צו געפינען אַזוי ווייט צו צפון.

די צפון־העלפט פון דעם אינזל סאַכאַלין באַלאַנגט צום סאָוועטן־פאַר־באַנד. הינטער סאַכאַלין ליגט קאַמטשאַטקאַ, אַ באַרגיגער און וואַלד־באַדעקטער האַלב־אינזל, וואָס פאַרמאָגט אויל, פיש און די פעל פון ווילדע חיות.

די אויספאָרשונג פון די נאַטירלעכע אוצרות פון אָט־דעם ריזיגן לאַנד ווערט מער ניט איבערגעלאָזט צום צופאַל, אָדער צו דעם אונטערנעמונגס־גייסט פון איינצלנע און העלדישע נאָר שלעכט־אויסגעשטאַטע און שלעכט־באַלוינטע וויסנשאַפטסלייט. וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונג אין סאָוועטן־פאַר־באַנד איז פּונקט אַזוי הויך אָרגאַניזירט, ווי אַנדערע וויכטיקע צווייגן פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. אויף דעם געביט פון מאַכן מאַפּעס פון טייכן, לעיקס, ימים, בערג, וועלדער, פלאַך־לענדער און מדבריות, אָדער אין דער אַנטדעקונג פון מינעראַלע אוצרות איז די אויסשטאַטונג פון אַ סאָוועטי־שער עקספּעדיציע סיי מאָדערן, סיי פולשטענדיג. דער עראָפּלאַן, דער עראָ־שליטן, דער אייז־ברעכער און דער אויטאָמאָביל פאַרבייטן אָדער דערגאַנצן דעם פערד, דעם שליטן און דעם קליינעם דאַמפּער.

פון דער כמורנער וואַלדלאָזער טונדרע מיט דעם אייביג־פאַרפרוירענעם באָדן ביים צפון ביז די פון־זון־געבאַקענע און פון־שטורעם־דורכגענומענע

אלפּן־בערג פון צענטראל־אזיע ווערט דאָס לאַנד גענפאָרשט און שטודירט פון געאָגראַפן, געאָלאָגן, מינעראַלאָגן, כעמיקער און אינזשענערן. טויזנטער אַר־בעטער פאָרשן גערן צו געפינען נייע קוואַלן פון רייכטום, באַנוצנדיג אַלע רעסורסן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט: מאַגנעטאָמעטריע, גראַווימעטריע, סעיסמאָמעטריע און ראַדיאָמעטריע — ווי מען רופט די מעסטונג דורך מאַגנעט, וואָג, ערד־ציטער אָדער ראַדיאָ־ענערגיע.

פון אָט־די אַלע פאָרשונג־עקספּעדיציעס איז קיין איינע ניט געווען מער איינדרוקספול, בעסער אויסגעשטאַט, אָדער ברייטער רעקלאַמירט, ווי די, וואָס האָבן געזוכט צו דערגיין די סודות פון דעם אַרקטישן געביט ביים נאָרט־פּאָל, און קיין אַנדערע עקספּעדיציעס קאָנען ניט דינען ווי אַ בעסערערביישפּיל פון דער וויסנשאַפטלעכער גרינדלעכקייט פון סאָוועטישער פאָרשונג, אָדער פון דעם פאַרכאַפּנדיגן אינטערעס, וואָס אָט־די פאָרשונג טראָגט אין זיך.

די סאָוועטישע אַרקטישע עקספּעדיציעס האָבן געהאַט אַ צוועק אויסער דער בלויזער אַוואַנטורע און שווערע אויפטועז. די סאָוועטן האָבן געהאַט אַ פּראַקטישן אינטערעס אין דעם נאָרט־פּאָל. זיי האָבן געוואָלט קריגן קאָנקרעטן ווּיסן וועגן דעם וועטער אין דעם נאָרד־פּאָל געביט, וועגן די וואַקלונגען אין דעם וועטער און וועגן די סעזאָן־ענדערונגען. זיי האָבן געוואָלט וויסן דעם כאַראַקטער און ריכטונג פון די שטראָמען און וועגן דעם ים־לעבן אין דעם אַרקטישן ים, און וועגן די געזעצן, וואָס הערשן אין דער באַוועגונג פון די אייז־קריעס אין פּאָל־באַסעין. די פאַקטן וועגן די וועטער־באַדינגונגען אין אַרקטיק שאַפן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן לענגערע פאָראויסזאָגונגען פון וועטער פאַר אייראָפּע און פאַר אזיע און זיינען פון גרויסער וויכטיגקייט אין דער אַגריקולטור. באַקאַנטשאַפט מיט די געזעצן, וואָס רעגולירן די באַוועגונג פון אייז און די שטראָמען, עפענען דעם וועג פאַר נאַוויגאַציע דורך דעם צפון־ים־וועג. באַקאַנטשאַפט מיט דער מאַגנעטישער אָפּנייגונג מאַכט דעם לופט־פאַרקער אין די צפון־געגנטן לייכטער און זיכערער. ווען מען פאַר־צייכנט די באַדינגונגען ביי דעם נאָרט־פּאָל, עפנט דאָס דעם וועג פאַר טראַנס־פּאָלאַרישן לופט־פאַרקער צווישן אייראָפּע און אַמעריקע; אַזאַ לופט־וועג דורך דעם נאָרד־פּאָל וואָלט פאַרקלענערט די שטרעקע און וואָלט אויסגעמיטן די וועטער־שוועריגקייטן אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

די פּאָלאַרישע עקספּעדיציעס זיינען ניט געווען קיין ענין פון אָפּהאַלטן שנעלע זיגן דורך געוואַגטע מיטלען. מען האָט זיי אין לויף פון יאָרן צו־געגרייט מיט שטוינענדיגער גרינדלעכקייט. פון דעם העל־מאַראַנצן־קאָליר, מיט וועלכן די עראָפּלאַנען זיינען געווען באַפאַרבט, כדי מען זאָל זיי לייכטער קאָנען געפינען, אויב זיי ווערן פאַרלאָרן אין אַ ווייסן אייז־פעלד, ביז די אינעווייניגסטע איינאָרדענונגען פון דעם עראָפּלאַן אויף צו שפּאָרן פּלאַץ און באַשיצן די פליער פון פראָסט, ביז צו די מעכטיגע מאָטאָרן, וואָס ווערן געשפּייזט מיט וואַסער, גאַזאָלין און אויל דורך הונדערטער יאַרד רערן.

וואָס זיינען געווען באַזאָרגט מיט אַ גרויסער צאָל שויף־קראַנען און רעגוליר־קראַנען — איז יעדער דעטאַל געווען אַן ענין פון לאַנגער אויספאָרשונג. קיין זאַך איז ניט איבערגעלאָזט געוואָרן צום צופאַל. מען האָט געמאַכט אַ ספּעציעלן שטודיום וועגן דעם ווי צו באַזאָרגן די באַקוועמלעכקייטן און דאָס געזונט פון די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרבלייבן אַ לאַנגע צייט אין די פּאָלארישע געגנטן. עס איז באַזאָרגט געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע צאָל פאַרשיידענע ספּעציעלע שפּייזן, וואָס זאָלן קלעקן אויף אַכצן חדשים צייט, אויב עס וועט אויסקומען צו פאַרבלייבן ביים פּאָל אַזוי לאַנג.

קאָנצענטרירטע שפּייזן זיינען געווען די הויפּט־דיעטע, און פופציג גע־קוילעטע אָקסן, 5,500 הינער און דריי טאָן גרינסן זיינען רעדוצירט געוואָרן צו איין טאָן קאָנצענטרירטער שפּייז.

ניט יעדע זאַך אָבער, וואָס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן אין באַצוג צו שפּייז, איז אָנגענומען געוואָרן. פּאַפּאַנין, למשל, איינער פון די פיר, וואָס זיינען שפּעטער פאַרטראָגן געוואָרן אויף אַן אייז־קריע פון נאָרט־פּאָל ביז גרינלאַנד, האָט געגעבן אָנצוהערן דעם הויפּט נאַוויגאַציע־אָפיצער ספּירין, אַז ער וואָלט געוואָלט מיטנעמען צום פּאָל אַ לעבעדיג חזיר׳ל, דאָס האָדעווען אויף דעם אָפּפאַל און דערנאָך עס שעכטן אין דער צייט פון דער פּאָלארישער נאַכט.

— אַ קליין חזיר׳ל? עס וועט דאָך אָבער קוויטשען, עס וועט אַרומ־לויפן איבערן עראָפּלאַן און שטערן אונזער באַלאַנס!

— אָך, וואָס רעדסטו, ברודערקע, עס איז דאָך גאָר אַ קליין חזיר׳ל — האָט פּאַפּאַנין געענטפערט און איז אַוועק.

אין צוויי שעה אַרום איז ער געקומען צוריק מיט אַ חזיר, וואָס האָט געוואויגן צוויי הונדערט פונט. פּאַפּאַנין האָט אויסגעזען צו זיין אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט צוליב דער וואָג פון זיין קאָמפּאַניאָן.

— טראָג זיך אָפּ! — האָט זיך צעשריען דער נאַוויגאַציע־אָפיצער — ס'איז אָדער דו אָדער דער חזיר; ביידן וועט די מאַשין ניט קאָנען אויפ־הויבן!

די געשיכטע פון דעם ענדגילטיגן אָנגריף אויף דעם פּאָל פון דער לופטן איז פאַרבאַפּנדיג, ווי אַלע געשיכטעס פון אָנגריפן אויף דעם פּאָל זיינען אַלע מאָל געווען. גאָלאָווין איז דער ערשטער געפלויגן אין אַן אויסשפּיר־עראָפּלאַן און האָט אָנגעהאַלטן ראַדיאָ־פאַרבינדונגען מיט זיינע קאָלעגן.

די הויפּט־גרופּע אויף דער באַזע האָט, וואַרטנדיג צו לאָזן זיך אין וועג, נאָכגעפאָלגט מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט דעם פאָרשריט, וואָס ער האָט געמאַכט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שווערע וואָלקנס. וועט אים קלעקן גאַזאָלין? — קוים־קוים.

ווען דער עראָפּלאַן איז געווען זעכציג מייל פון דעם פּאָל, האָט שמידט געזאָגט: „רופט זיי צוריק, מיר טאָרן ניט ריזיקירן מיט זייערע לעבנס; נאָר

שטעלט אזוי אוים די דראַמאַטישע טעלעגראַמע, אַז אויב גאַלאַווין איז זיכער, אַז ער קאָן פליען הין און צוריק, זאָל ער מעגן ריזיקירן און פליען צום פּאָל.״

ליִיענענדיג צווישן די שורות, איז גאַלאַווין געפלויגן ווייטער. ענדלעך איז אָנגעקומען די קורצע טעלעגראַמע: „געאָגראַפישער פּאַראַלעל 90. פּונקט. פּאָל אונטער אונז. פּונקט. נאָר באַדעקט מיט געדיכטער וואָלקן־דעק. פּונקט. ניט באַוויזן דורכצורייסן. פּונקט. אָנגעצייכנט דעם קורס אויף צוריק. פּונקט. גאַלאַווין.״

דער ערשטער סאָוועטישער פליער האָט דערגרייכט דעם נאָרט־פּאָל אין אַ סאָוועטישן עראָפּלאַן.

גאַלאַווין, מיט געפערלעך־ווייניג גאַזאָלין, איז צוריקגעקומען. וואָלקנס און נעבל האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. ער איז געפלויגן לויט די סיגנאַלן פון ראַדיאָ־שטראַלן, געשיקט פון רודאָלף־אינזל. אָט איז זיין פאַרקירצטער באַריכט:

„מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און זיינען געפלויגן אונטער די וואָלקנס — אונזער הויך איז געווען אַרום 300 פוס איבערן וואַסער־פּלאַך. לויט אונזערע אויסרעכענונגען איז ביי אונז פאַרבליבן זייער ווייניג גאַזאָלין.

„פּלוצלונג האָבן מיר פאַראויס פון אונז דערזען פעלזן באַדעקט מיט אייז. מיר האָבן לויט דער מאַפּע דערקענט, אַז דאָס איז דאָס קאַרל אַלעקסאַנדער לאַנד. דער רודאָלף־אינזל איז, הייסט עס, געווען צו לינקס פון אונז. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן מיר דערזען די באַקאַנטע קאָנטורן פון דעם אינזל.

„ניט מאַכנדיג קיין קרייז, האָב איך מיט דער גאַנצער קראַפט גע־לאַנדעט. די מאַשין איז געבליבן שטיין אויף אַ שאַרפן באַרג־אַראָפּ, וואָס איז געלאָפן צום ים־צו. . . . די פלי־רייזע איז געווען פאַרענדיגט. . . .״

גאַלאַווין איז אַרויסגעקראָכן און האָט זיך גלייך גענומען באַטראַכטן דעם עראָפּלאַן. מיט געשוואָלענע הענט האָט ער אויפגעדרייט דעם קראַן פון דעם גאַזאָלין־טאַנק און אַ מינוט צייט איז ער געשטאַנען און האָט מיט שטוינונג געקוקט אויף דעם דינעם שטראָמעלע גאַזאָלין, וואָס איז פון דאָרט געפלאָסן.

— יאָ, עס האָט געהאַלטן גאַנץ שמאָל — האָט ער געזאָגט.

שפּעטער, ווען די הויפּט־גרופּע איז אָנגעקומען צום פּאָל און האָט ביי־געקומען די שווערינקייטן פון לאַנדן, האָט פּראָפעסאָר שמידט איבערגעשיקט קיין מאָסקווע אַ דראַמאַטישע דעפּעשע, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר אַ קלאַסיש ווערק, וואָס דערציילט ווי ס'איז אוועקגעשטעלט געוואָרן די ערשטע סטאַבילע באַזע פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג ביים פּאָל:

„עס זיינען אַריבער די ערשטע פיר און צוואַנציג שעה פון דער סאָוועטישער פּאָלאַרישער סטאַנציע ביי דעם צפון פּאָל. פּונקט. פינף

ביידלעך זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אויף דער שווימענדיגער אייז־קריע לעבן דעם עראָפּלאַן. פּונקט. שוין אויפֿגעשטעלט צוויי דראָטלאָזע מאַסטן מיט אַן „עריעל”, וואָס פֿאַרבינדט זיי. פּונקט. אויפֿגעשטעלט אַ ביידל פֿאַר וועטער־באַאָבאַכטונג, קאָמע, „טעאָדאָליט” שטייט אויפֿן דריי־פֿוס צו באַאָבאַכטן די הויך פֿון דער זון אויף צו באַשטימען אונזער פּאָזיציע און אירע ענדערונגען צוליב דער באַוועגונג פֿון דעם אייז. פּונקט. די ערשטע מעטעראָלאָגישע באַריכטן האָבן דערגרייכט מאָסקווע אין דער באַשטימטער צייט און זיינען געוואָרן איינגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם וועטער־באַריכט, באַדייטנדיג פֿאַרגרעסערנדיג די אינפֿאָרמאַציע, וואָס איז נויטיג אויף פּראָגנאָזירן דעם וועטער. פּונקט. דאָ איז פֿאַרהעלטניסמעסיג וואַרעם, קלאַמער, מינוס 12 גראַד, קלאַמער, די זון איז קליין לעבן באָדן. פּונקט. פֿיר מיטגלידער פֿון דער גרופּע, וואָס בלייבט ווינטערן צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפֿט פֿון דעם עראָפּלאַן ס.ס.ס.ר. נומער 170, האָבן אויסגעלאָדן און אויסגעפּאַקט אַ טייל פֿון דער אויסשטאַטונג, וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויף דעם עראָפּלאַן פֿאַר דער עקספּעדיציע, הויפּטזאַכלעך די דראָטלאָזע סטאַנציע און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטרומענטן. פּונקט. נאָך 8 טאָן איינשליסנדיג אַ ווינט־מאָטאָר, קאָמע, פּראָוויאַנט אויף צוועלף חדשים פֿאַר אַ נויט־פֿאַל און אַ רעזערוו שפּייז און באַהייצונג ווי אויך אַ ווינטער־ביידל געבראַכט אויף דריי עראָפּלאַנען, וואָס זיינען גרייט אָפּצופֿליען פֿון רודאָלף־אינזל ביים ערשטן זומער־וועטער. פּונקט. מיר פֿילן זיך אַלע אויסגעצייכנט. פּונקט. נאָך פֿיר און צוואַנציג שעה כסדר'דיגער אַרבעט זיינען מיר זיך גוט אויסגעשלאָפֿן אין אונזערע וואַרעמע שלאָף־זעק. פּונקט. פֿינף פֿון דער מאַנשאַפֿט פֿון טשעליוסקין, וועלכע זיינען איינגעשלאָסן אין דער איצטיגער גרופּע, דערמאָנען זיך ניט־ווילנדיג אָן דעם לעבן אויף דער שווימענדיגער אייז־קריע. פּונקט. מיר האָבן איצט גענומען נקמה פֿון דער נאַטור פֿאַר דעם פֿאַרלוסט פֿון דער שיף „טשעליוסקין”. פּונקט. עס פֿרייט אונז צו באַריכטן, אַז מיר האָבן באַוויזן דורכצופֿירן די אָנגעוויזענע פֿון חבר סטאַלין אָנזעקצושטעלן ביים פֿאָל אַ סטאַבילע באַזע פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג און פֿאַר אַוויאַציע. פּונקט. אונזערע געדאַנקען זיינען מיט אונזער גרויסן לאַנד. פּונקט. שמידט.”

אָט־דאָס — און ניט סתם אַוואַנטורע, אָדער ברעכן רעקאָרדס — איז געווען די אַבזיכט פֿון דער עקספּעדיציע.

חוץ די שטורעמס, איז דאָס לעבן זומער־צייט ביים פּאָל, וואו די זון פֿאַרגייט קיינמאָל ניט, אין פֿילע פּרטים דער היפּוך דערפֿון, וואָס מיר שטעלן זיך פֿאָר. איך וועל ברענגען עטלעכע צופֿעליגע ציטאַטן:

„עס איז געווען וואַרעם און וואונדערבאַר באַקוועם אין די שלאָף־זעק. די ביידלעך, געמאַכט פֿון זייד מיט דאָפּלטע ווענט, האָבן געשאַפֿן אַן אויסגעצייכנטע שוץ געגן ווינט און האָבן אַריינגעלאָזט גענוג וואונדערבאַרע, פֿרישע, אַרקטישע לופֿט. די ליכט אינעווייניג אין די ביידלעך איז געווען אויסערגעוויינלעך. די ווענט זיינען געווען פֿון ראָזעווער זייד, אַזוי אַז אונזערע וואוינונגען, וואָס מען האָט זיי געקאָנט אַריבערטראָגן פֿון אָרט צו אָרט, האָבן שטענדיג געהאַט אַ קאָקעטישע ראָזעווע האַלבע ליכטיגקייט, פּונקט

ווי די בודואַרן פון די פראַנצויזישע פירשטינס, וואָס אַלעקסאַנדער דיומאַ באַשרייבט מיט אַזאַ אַפּעטיט.״

„מיר האָבן פלוצלונג דערהערט דאָס זינגען פון אַ פויגל. דאָס איז געווען אַ קליין פּאָלאַריש שוועלבעלע.״ ביז דעמאָלט האָט מען געהאַלטן, אַז ביים פּאָל איז קיין לעבן ניטאָ. אויף דעם נייעם טאָג האָט שירשאָוו געזען אַ וואַסער־פויגל פאַרביי־פליען לעבן קעמפּ.

דאָס פעסטשטעלן די טיפקייט פון פּאָלאַרישן ים האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט נאָך איין דראַמאַטישן מאָמענט. מען האָט געפונען אַ שפּאַלט אין דעם אייז־פעלד. דאָס וואַסער איז געווען רואיג, טונקל־בלוי און קלאָר און אויסערגעוויינלעך דורכזיכטיג. „באַטימעטערס״, אָדער טיפקייט־טערמאָ־מעטערס, זיינען געווען צוגעבונדן צו דעם עראָפּלאַן־קעיבל אויף שטרעקעס פון 350, 450, 600 און 750 פוס און אַזוי ווייטער. דריי טויזנט פוס קעיבל זיינען אויפגעוויקלט געוואָרן און דערנאָך צוריק אַריינגעצויגן געוואָרן. די ערשטע טערמאָמעטערס, וואָס האָבן דערגרייכט די אויבערפלאַך, זיינען מיט נייגיר אויסגעפאָרשט געוואָרן פון שירשאָוו׳ן.

— אָך, וואָס פאַר אַ האַרצוויטאָג! — האָט ער אויסגעשריען — די טערמאָמעטערס זיינען קאַליע!

דאָס קוועקזילבער האָט ביי 900 פוס די טיף געוויזן אַ טעמפּעראַטור פון 0.62 גראַד סענטיגרעיד, אומגלויבלעך וואַרעם! ביי 1,500 פוס די טיף האָט דער טערמאָמעטער געוויזן 0.48 גראַד סענטיגרעיד; ביי 1,200 פוס איז די טעמפּעראַטור געווען 0.77 גראַד סענטיגרעיד, און דאָס איז געווען די העכסטע טעמפּעראַטור. עס האָט דאָ ניט געקאָנט זיין קיין טעות. ביים צענטער פון אַרקטיק איז געווען אַ שיכט וואַרעמע וואַסער. קיין איינער פון די וועלט־באַרימטע וויסנשאַפטסלייט האָט קיינמאָל ניט פאַרדעכטיגט, אַז עס איז דאָ אַזאַ וואַרעמער אונטער־וואַסער טייך.

בשעת די פאָרשער האָבן געקוקט אויף דעם צוריק־אַריינגעצויגענעם קעיבל, האָבן זיי פלוצלונג דערזען, אַז עפּעס אַ לעבעדיגע זאַך צאַפּלט זיך אין וואַסער. זיי האָבן עס אַ כאַפּ־געטאָן און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ ראַק, צוויי אינטשעס לאַנג. די צענטראַלע אַרקטישע וואַסערן, אַזוי גוט ווי די צענטראַלע אַרקטישע לופט, זיינען געווען באַוואוינט.

ענדלעך איז געקומען די צייט פון צעשיידן זיך. פּאַפּאַנין און זיינע דריי באַגלייטער זיינען פאַרבליבן אויף דער אייז־קריע, וואָס האָט זיי שפּעטער אַפּגעטראָגן אויף אַ לאַנגער שטרעקע ביז דעם ברעג פון גרינלאַנד. זיי זיינען געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע קעפּ בשעת די עראָפּלאַנען זיינען אַפּגעפלויגן. אַ לייכטער נעבל האָט איינגעהילט דעם קעמפּ. אויף דעם באַנער־שטאַם האָט די טונקל־רויטע פאָן געפלאַטערט אין דעם ווינטל. דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן, האָט געמאַכט אַ קרייז, געגעבן אַ סאַלוט, און באַלד האָט מען אים שוין קוים געקאָנט אָנזען אויף זיין וועג צו דרום.

שמידט האָט שטיל זיך געזעגנט מיט דעם נאָרט־פּאָל און מיט דער אַרקטישער סטאַנציע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך זיין מי. די סטאַנציע איז דער נאָכפאָלגער און אויך דער פאַרלויפער פון אַ סך אַנדערע פּאָלאַרישע סטאַנציעס אויף די אינזלען און די ברעגן פון פּאָלאַרישן באַסיין. פּראַכט־שיפן שווימען דורך דעם צפון־ים־וועג. ווי לאָמאָנאָסאָוו האָט געזאָגט:

„ניט שרעקנדיג זיך פאַר דעם גרויזאַמען גורל, וועלן די קאָלאָמבוסעס פון רוסלאַנד עפענען אַ נייעם וועג צום מזרח אין סאַמע מיטן פון דעם אייז."

דער טרוים פון די אומדערשראָקענע נאַוויגאַטאָרס פון קעניגין עליזאַ־בעט'ס צייטן ווערט מקוים. דער צפון־מזרח דורכגאַנג צו קאַטאַי (כינע) ווערט געבוירן אין אונזער אייגענעם פּראָזאַאישן צוואַנציגסטן יאָרהונדערט. שמידט שטייט אין דער ריי מיט אַלע העלדישע מענטשן, וואָס האָבן אָט־דעם וועג געזוכט. דאָס האָט שמידט דורכגעבראָכן אַ דורכגאַנג אין 1932 און ווידער אין 1933. און איצט האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ וויסנשאַפטלעכע סטאַנציע ביים פּאָל גופא. שמידט איז געווען דערפאָלגרייך דאָרט, וואו אַנדערע זיינען דורכגעפאַלן, נאָר שמידט האָט געהאַט הינטער זיך אַלע רעסורסן פון דער וויסנשאַפט און די פולסטע שטיצע פון וויסנשאַפטלעך־געזיניגטער סאָציאַליסטישער מלוכה.

עס איז פאַראַן נאָך אַ חנ'עוודיגער צוגאָב צו אָט־דער געשיכטע. אין די קיכן אין מאָסקווע האָט אַ קוכער געלייענט די טעגלעכע בולעטינען און אַ זיפץ געטאָן: אים זיינען ניט באַשערט קיין געפערלעכע רייזעס, קיין העלדישע מעשים, קיין אַפּלאָדיסמענטן. בלויז די טעגלעכע רוטין פון קאָכן.

עס זיינען אָנגעקומען די מאַי־פייערונגען, און דער קוכער האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע זיך באַטייליגט אין דעם יערלעכן פאַבריק־יום־טוב. ער האָט צוזאַמען מיט די איבעריגע געוואַרט מיט שפּאַנונג אויף דעם גרויסן מאָמענט, ווען עס איז אָנאָנסירט געוואָרן דער ערן־ליסט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן, איז געוואָרן בלאַס און דערנאָך רויט: מען האָט אויסגערופן זיין נאָמען. זיין נאָמען צווישן די, וואָס זיינען באַערט געוואָרן פאַר דער אַרקטישער עקספּעדיציע! די דערקלערונג איז באַלד געקומען. ער, דער מאָסקווער קוכער, האָט גענומען אַ וויכטיגן אָנטייל אין דער צוגרייטונג פון יענע קאָנצענטרירטע שפּייזן, פון וועלכע עס איז אַזויפיל אָפּגעהאַנגען די שטימונג און דאָס געזונט פון די פאָרשער, און וואָס די פאָרשער אַליין האָבן אַזוי שטאַרק געלויבט.

ווייניגער דראַמאַטיש, נאָר ניט ווייניגער נוצלעך פאַר די צוועקן פון דער אַגריקולטור פון צענטראַל־אַזיע, זיינען די עקספּעדיציעס, וואָס פאַר־צייכענען די פיזישע שטריכן און די וועטער־באַדינגונגען אין די ריזיגע מיט־שניי־באַדעקטע בערג, וואָס טיילן אָפּ די סאָוועטישע צענטראַל־אַזיע פון דער סינקיאַנג־פּראָווינץ אין כינע.

אין כמעט ניט־צוטריטלעכע געגנטן אויף דעם „דאַך פון דער וועלט״ מוז מען שטודירן די געזעצן, וואָס מאַכן מעגלעך פּינקטלעך פאָראויסצוזאָגן די ענדערונגען אין וועטער און די וואַסער־באַזאָרגונג אין די באָוול־פעלדער אין דעם פלאַך־לאַנד צופוסנס פון די בערג. און איצט איז אויפגעבויט געוואָרן אַן אייז־אָבסערוואַטאָריע אויף אַ הויך פון 14,100 פוס אויף צו הויזן וויסנשאַפטלעכע פאָרשער דורך דעם גאַנצן יאָר.

און אַזוי וואַקסט די סאָוועטישע געאָלאָגישע מאַפּע מיט דער אַריינ־דרינגונג פון סאָוועטישע געאָלאָגן אין אַלץ נייע געגנטן. די מאַפּע דעקט אויף אַ סטרוקטור פון אויסערגעוויינלעכער פאַרשיידנאַרטיקייט און גיט ווערטפולע אינפאָרמאַציע וועגן די פילע מינעראַלן, וואָס באַרייכערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין אירע ברייטע שטריכן קאָן די געאָלאָגיע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד דערקלערט ווערן זייער פּשוט.

שטעלט זיך פאָר אַ טיפן טאָל אין ים — אַ טאָל, וואָס שפּרייט זיך אויס אַזוי ווייט און ברייט ווי די איצטיגע טעריטאָריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און וואָס איז אָנגעפילט מיט ווייכע שיכטן ערד, זאַמד און קאַלך. דורך אַט־די ווייכע שיכטן שפּאַרן זיך ארויס ריזיגע בערג פון האַרטע פעלזן, וואָס דאָס נעמט זיך מסתמא דערפון, וואָס די ערד איז איינגעשרומפּן געוואָרן און איר קאָרע איז איינגעקנייטשט געוואָרן, פּונקט ווי אַ מאַראַנץ קנייטשט זיך איין, ווען ער דאַרט־איין.

רעגן, ווינט, זון און פראָסט ווירקן אויף די אויבערשטע ווייכע שיכטן און טראָגן זיי אָפּ. די פאַרהאַרטעוועטע און צעשפּאָלטענע קאָרע פון דער ערד רייסט זיך דורך אין דער פאָרם פון בערג און פעלזן.

אַט־דער פּראָצעס פירט צו דער פאָרמירונג פון די הויכע שפּיצן און די בארג־קייטן פון טיען־שאַן, די אַלטאַי־בערג און די אוראַל־בערג; די לעצטע זיינען בלויז די „פענקעס״ פון אַ פריערדיגער און גרעסערער בארג־קייט.

אין אַנדערע פלעצער זינקען איין די קנייטשן פון דער קאָרע פון דער ערד און שאַפן טיפע גריבער, ווי דער לעיק באַיקאַל, וואָס איז דער גרעסטער פריש־וואַסערדיגער לעיק אין דער וועלט און איז העכער 5,000 פוס די טיף; אָדער דער שוואַרצער ים, וואָס איז 6,950 פוס די טיף; אָדער דער קאַספּישער ים מיט אַ טיפקייט פון 1,800 פוס.

און אַט־די אַרויסגעהויבענע בערג, די אויפגעהורבעטע קאָרע פון דער ערד, אַט־די אורשפּרינגלעכע פעלזן, וואָס האָבן פריער קיינמאָל ניט אָנגעקוקט די ליכט פון דער זון; וואָס זיי זיינען ניט קיין רעזולטאַט פון אַ צעקרישלטער ערד, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף דעם באָדן פון ים אָדער פון אַ לעיק — אַט־די פייערדיגע, אָדער פון וואולקאַן אַרויסגעשפּיגענע בערג זיינען רייך מיט ווערטפולע און ניצלעכע מינעראַלן און פאַרוואַנדלען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ לאַנד, וואָס איז ווייניגער פון אַלע לענדער אָפּהענגיג פון

אויסלענדישע מאַטעריאַלן. אָט־די אַרויסגעשפּיגענע בערג, וואָס דער סאָ־וועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט אין אַזאַ גרויסער צאָל, זיינען די אורשפּרינגלעכע וואַרע־הייזער פון די מינעראַלע זאַפּאַסן פון דער ערד.

יעדע עקספּעדיציע קומט צוריק מיט אירע אייגענע זיגער־דעראָבערונגען: צין־אַרץ פון צפון־לאַנד, אַסבעסטאָס פון נאָוואַיאַ זעמליאַ, קאַלירטע מעטאַלן פון די וועיגאַטש אינזלען, קוילן פון פראַנץ יאָזעף לאַנד און אויל און מאַיקאַ פון דעם טאַימיר האַלב־אינזל. די ביטערע אַרקטיק איז געצוואונגען אָפּצו־געבן אירע סודות און איר רייכטום.

די אַלפּן־עקספּעדיציעס אין דרום גיבן צו זייער טייל צו דעם ליסט: גאָלד, אַסבעסטאָס, מאַיקאַ, ראַדיום, ביסמוט, אַרסעניק, בעריל און ספּעציעל פלואָריט, וואָס איז אַזוי ניצלעך אין אַ סך פּראָצעסן, אָן וועלכן מען קאָן זיך גאָר ניט באַגיין אין דער אָפּטישער וויסנשאַפט.

אויל און קוילן זיינען, נאַטירלעך, צווישן די הויפּט־געגנשטאַנדן פון פאָרשונג. סיסטעמאַטיש ווערן אָנגעפירט גראָבונגען פון צפון ביז דרום און פון מזרח ביז מערב. די רעזולטאַטן וועלן מיר באַשרייבן אין דעם געהעריגן פּלאַץ.

מער דראַמאַטיש אָבער פון אַלע געאָלאָגישע אַנטדעקונגען פון דער לעצטער צייט זיינען אָן צוויפל געווען די אַנטדעקונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין די ריבינער באַרג־גרופּן, וועלכע געפינען זיך אין דעם ביז־איצט ליידיגן און אומפּראָדוקטיוון קאָלאַ האַלב־אינזל ווייט צו צפון פון דעם אַרקטישן קרייז און אין אַ פּלאַץ, וואָס איז אויף די אַלטע רוסישע מאַפּעס באַצייכנט געוואָרן מיט אַ „ווייסן פלעק".

מיט צען יאָר צוריק זיינען עטלעכע פאַמיליעס פון די לאַפּן געווען די איינציגע איינוואוינער פון אָט־דעם ריזיגן נאָר פוסטן שטח. היינט ווערט אָט־די געגנט — לויט דעם אויסדרוק פון פּראָפעסאָר דזשי. וו. טאַירעל, דער עלטערער לעקטאָר איבער געאָלאָגיע אין גלאַסגאָווער אוניווערזיטעט — די אַרענע „פון איינעם פון די אינדוסטריעלע וואונדער פון דער וועלט".

פון קאַנדאַלאַקשאַ ביים שפּיץ פון ווייסן ים ציט זיך איצט אָן אייזנבאַן איבער אַ פלאַך־לאַנד מיט צעוואָרפענע, קליין־וואוקסיגע סאָסנע ביימלעך און מיט שטיינער, וואָס טראָגן סימנים פון דעם „גלעטשער"־אייז, וואָס האָט זיך דאָ דורכגעטראָגן. דער אייזנבאַן־וועג הויבט זיך אויף ביז צו די הויכע בערג, ווי די שפּיצן פון סקיע אָדער אַראָן, און דערגרייכט ביז צו דער רויער, נייער שטאָט קיראָווסק מיט אירע 40,000 איינוואוינער.

די ריזיגע פעלזן־מאַסע פון די כיבינער בערג, וואָס זיינען אומגלויב־לעך רייך מיט אַפּאַטיטן און נעפעלין מינעראַלן, שטעלן מיט זיך פאָר אָן אומגעהויערן זאַפּאַס באַמיסטיגונג־שטאָפן, אַלומינום, גלאָז, טאַנין און אַ צוואַנציג אַנדערע ניצלעכע רוי־מאַטעריאַלן. דער אַפּאַטיט, וואָס אַנטהאַלט אַזוי הויך ווי 40 פּראָצענט פאָספאַטן און איז ניט־אָפּצושאַצן ווי אַ באַ־

מיסטיגונג־שטאָף, ווערט שוין אויסגעגראָבן אויף אַ פּאַרנעם פון 2 מיליאָן טאָן אַ יאָר, און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָרט איז דאָ אַ רעזערוו פון 2,000 מיליאָן טאָן.

די כיבינער בערג פאַרדעקן אַ שטח מיט אַ דיאַמעטער פון אומגעפער 40 קילאָמעטער. אַנדערע רייכע בארג־מאַסיוון ליגן דאָ דערביי.

פּראָפעסאָר טאירעל באַשרייבט אַזוי זיין באַזוך אין די גרויסע אַפּאַטיט־מאַינס, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך דורך רוסישער ענערגיע און איניציאַטיוו:

„מען האָט אויפגעריסן אַ זייט באַרג אויף אַ הויך פון 1,500 פוס און מען האָט אַזוי אַרום אָפּגעדעקט אַ ריזיגן פלאַך פון דעם שיינענ־דיגן ווייסן מינעראַל. דער שטח איז געווען איינגעטיילט אין פיר אָדער פינף ברייטע טעראַסעס. אַרויף און אַראָפּ איבער אָט־די פלעצער האָבן מיר געקלעטערט אויף קאָפּ־שווינדלענדיגע שטיגן מיט הילצערנע טרעפּ און מיט פּאַרענטשעס; נאָר מיר זיינען ניט מיד געוואָרן צוליב דעם בסדר׳דיגן אינטערעס, וואָס די פעלזן און די מינעראַלע זעלטנהייטן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויף יעדן טראָט, האָבן ביי אונז אַרויסגערופן. דערנאָך האָט מען אונז געפירט דורך די אונטערערדישע מאַינס, וואָס פאַרנעמען איצט 20 מייל און באַשטייען פון גאַלעריען זיבן פוס די הויך, באַלויכטן מיט עלעקטריק, און וואו דער טראַנספּאָרט איז דורכ־אויס עלעקטריפיצירט. אָט־די מאַינס געפינען זיך אויף פיר באַזונדערע פלאַכן, וואָס זיינען צווישן זיך פאַרבונדן מיט אַ סך שאַכטן, דורך וועלכע די ערץ ווערט אַריינגעשאָטן, כאָטש מיר האָבן צום אָנהויב ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס ווערט געטאָן. מיר האָבן אָבער דאָס אויס־געפונען, ווייל מען האָט אונז געפירט דורך ענדלאָזע הילצערנע טרעפּ ביז מיר האָבן דערגרייכט צום אונטערשטן פלאַך, און דאָ איז געווען אַ גרויסער צעמענטענער טונעל אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע און אַזוי ברייט און הויך, אַז אַ געוויינלעכער לאָקאָמאָטיוו און אַ פראַכט־באַן האָבן געקאָנט פריי אַריינפאָרן ביז צום הארץ פון דעם באַרג. די טראָקס גייען דורך אונטער אויטאָמאַטישע קאַסטנס, וואָס לאָדן־אָן 400 טאָן אין צען מינוט. פופצן אַזעלכע באַנען, וואָס פירן אוועק 6,000 טאָן ערץ, ווערן אָנגעלאָדן טעגלעך, דערפירנדיג די פּראָדוקציע צו העכער צוויי מיליאָן טאָן אַ יאָר.

עס איז שווער זיך אָפּצורייסן פון טאירעל׳ס באַשרייבונג, וואו ער דערציילט ווי אין דער אַרקטיק, אין די אוראַל־בערג, אין צענטראַל־אַזיע, אָדער אין סיביר זיינען געאָלאָגישע אוצרות אויפגעדעקט געוואָרן אַ דאַנק דעם פלייס פון די סאָוועטישע געאָלאָגן און ווערן אויסגענוצט אַ דאַנק דער ענערגיע פון די סאָוועטישע אינדוסטריאַליסטן.

דער מענטשלעכער עלעמענט, וואָס וואַרפט זיך שטענדיג אין די אויגן אין רוסלאַנד, דרינגט דורך און באַלעבט די באַשרייבונג פון דעם שאָט־לענדישן וויסנשאַפטסמאַן וועגן זיין געאָלאָגישער אויספאָרשונג. ספּעציעל פאַרכאַפּט אים דאָס סאָוועטישע קינד.

„לעבן דער סטאנציע קוסאדעיעווא״ — שרייבט ער — „האט אונזער באן געמאכט א געצוואונגענעם אפשטעל נאענט צו א פיאנערן־קעמפ פאר די קינדער פון די אייזנבאן־ארבעטער. אין עטלעכע מינוט ארום איז די באן געווען ארומגערינגלט פון א מחנה אינגלעך און מיידלעך אנגעטאן אין זייערע אוניפארמען פון בלויע בלוזעס און רויטע פאטשיילקעס. ס'וועלן ניט העלפן קיינע תירוצים — די געאלאגישע גרופע מוז באזוכן זייער קעמפ. נאטירלעך, האבן מיר געפאלגט, און אט־די לוסטיגע, לאכנדיגע און ניט־זעלבסטבאוואוסטזיניגע קינדער, צוזאמען מיט זייער האלבן טוץ אויפזעער, האבן באלד ארגאניזירט אן אימפראוויזירטע פארוויילונג פאר אונז, וואס איז באשטאנען פון פאלקסטענץ, געזאנג און א קורצער דראמאטישער פארשטעלונג. די מוזיק האט צוגעשטעלט א קליין אינגל מיט א גרויסער הארמאניקע. דאס איז געווען א פראכטפולער, ניט־צוגעגרייטער און אומדערווארטעטער נחת, וואס האט איבערגעלאזט א טיפן רושם אויף דער גרופע.

„דארפס־קינדער האבן אונז אפט באגלייט אויף אונזערע עקסקורסיעס און אויך געזאמלט די שיינע שטיינדלעך און מינעראלן, ווען זיי האבן געזען ווי מיר קלייבן זיי צונויף. איך האלט טייער די דערינגערונג וועגן א קליין מיידעלע פון קארעליע, וואס האט געשפאנט צוריק אין דארף אריין צוזאמען מיט מיר איבער א הילצערנעם טראטואר, וואס איז געווען צוויי מייל די לענג און האט זיך געצויגן איבער א זומפ. איר פארטוכל איז געווען פול מיט גרויסע שטיקער רויטן גארנעט.״

פראפעסאר טאירעל פארענדיגט, זאגנדיג:

„איך פארצייכן עס ווי מיין דורכגעטראכטע מיינונג, אז אויב די איצטיגע באדויערנסווערטע פאזע פון אינערלעכן שטרייט וועט פאריבער (ער שרייבט אין דער צייט פון די משפטים) און, נאטירלעך, אויב די מלחמה, וואס דראעט, וועט ניט קומען, וועט דער סאוועטן־פארבאנד אין איין דור ווערן אפשר דאס רייכסטע און דערפאלגרייכסטע לאנד אין דער וועלט.״

פארשונג אין סאוועטן־פארבאנד איז אי אלגעמיין, אי ספעציפיש. און אין ערגעץ אין דער וועלט גייט ניט טעאריע מיט פראקטיק אזוי לייכט האנט אין האנט, ווי אין סאוועטן־פארבאנד.

א ספעציפישע פראבלעם איז אנטשטאנען, ווען מען האט אויסגעפונען, אז דער קוזנעצער באסיין צופוסנס פון די אלטאי־בערג פארמאגט אויסגעצייכנטע קוילן. אלץ וואס מען האט באדארפט אויף צו פראדוצירן ביליג אויסגעצייכנטע סארטן אייזן און שטאל און אויפצובויען א ווערטפולן מעטאל־צענטער טיף אין לאנד איז געווען אייזן־ארץ ווי א צוגאב צו די קוילן. די געאלאגן האבן נעהאט פאר זיך א באשטימטע אויפגאבע. זיי האבן אויסגעפארשט די דערבייאיגע געגנטן און געפונען אייזן־ארץ אין מערב־סיביר, אויף א שטרעקע פון קוזנעץ, וואס איז ניט געווען אומפראקטיש. דער רעזולטאט איז א נייער צענטער פאר אייזן־פראדוקציע מיט צוגאב־אינדוסטריען און מיט א וואקסנדיגער באפעלקערונג.

אויף דעם זעלבן אופן ווערט דאָס אייזן־ערץ, וואָס מען האָט געפונען אין דעם קאָלאַ האַלב־אינזל, אויסגענוצט צו באַזאָרגן אייזן פאַר דער לעניני־גראַדער מאַשין־בוי אינדוסטריע, וואָס דערמיט ווערט דירעקט פאַרלייכטערט די לאַסט פון די איבערגעלאָדענע אייזנבאַנען, וועלכע פאַרבינדן אוקראַינע מיט דעם צפון.

אבסטראַקטע און אַלגעמיינע פראַגן אינטערעסירן דעם סאָוועטישן געאָלאָג, פונקט ווי די געאָלאָגן אין אַנדערע לענדער. זיי שפּרינגען אָבער ניט אַרויס פון דער העלער הויט, נאָר זיי קומען ווי פּראָבלעמען, וואָס אַנט־שטייען און ווערן אַרויסגעבראַכט צום אויבערפלאַך דורך פּראַקטישע פאָדערונגען.

עס איז גאַנץ מענלעך, אַז אַ דאַנק אָט־דעם סטימול וועלן די סאָוועטישע געאָלאָגן דערגרייכן דעם ערשטן פּלאַץ אויף דעם געביט פון טעאָריע, ווי זיי פאַרנעמען שוין דעם ערשטן פּלאַץ אויף דעם געביט פון פּראַקטיק.

און אפילו איצט נוצן־אויס די סאָוועטישע געאָלאָגן אין דער פולער מאָס די אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייטן, וואָס די טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גיט אויף צו שטודירן די אָפּשטאַמונג פון אָרגאַנישן לעבן, ספּעציעל אין די פריע ערד־פאָרמאַציעס, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בכלל און סיביר בפרט פאַרמאָגן אַ סך שפּורן פון אַ פאַרצייטיג לעבן, שפּורן וואָס זיינען איינגעגלידערט אין די פעלזן און אין די שטיינער.

אפילו איצט פרעגט מען — און מיט רעכט — ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־די פאָרשונגען, צי איז אַזיע ניט געווען דאָס וויגעלע פון די עלעמענטאַרע פאָרמען פון לעבן אויף דער ערד, ווי זי זעט אויס צו האָבן געווען דאָס וויגעלע פון די העכערע פאָרמען פון לעבעדיגע באַשעפענישן און פון דעם מענטשן.

גאָר לעצטנס, פון געאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, נאָר אין אַ פּעריאָד, וואָס איז אָפּגערוקט ווייט־ווייט אפילו פון די עלטסטע רעקאָרדס פון דער מענטש־לעכער געשיכטע, האָבן פאַרצייטיגע ריזיגע העלפאַנטן געוואַנדערט איבער די קאַלטע זומפּן פון די אייז־טונדרעס. זיי זיינען אויסגעשטאָרבן. איצט געפינט מען זייער פאַרשטיינערטן געביין, און דאָס שאַפט אין לענינגראַד אַ במעט־אומגלויבלעכע אויסשטעלונג פון געאָלאָגישע מוסטערן, וואָס זיינען אין סיביר אויסגעגראָבן געוואָרן פון דעם אייז, וואו זיי זיינען געווען איינ־געפרוירן אין דעם משך פון 100,000 ביז אַ מיליאָן יאָר. די וואָלענע האָר, דאָס פלייש און די אינגעווייִדן פון אָט־דער ריזיגער באַשעפעניש זיינען נאָך פּרעזערווירט, נאָר דער שפּיץ פון דעם העלפאַנט'ס „נאָז" איז שוין ניטאָ. די אַנטדעקער האָבן גע'פּטר'ט אַ טאָג אויף אַרויסגראָבן זייער אוצר און האָבן ניט געהאַט פאַרענדיגט זייער אַרבעט, ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן. זיי האָבן איבערגעלאָזט די חיה פונקט ווי זי איז געפאַלן מיט טויזנטער יאָר צוריק, מיט אַן אויפגעדעקטן קאָפּ און העלפאַנט־„נאָז". מען דערציילט, אַז

וועלף זיינען געקומען ביינאכט און האָבן גענומען גריזשען דעם העלפאַנט'ס „נאָז".

מיר לייענען באַריכטן וועגן געפונענע „געקענטע" פליישׂ־קאָנסערוון פון נאַפּאָלעאָנ'ס ציטן, וואָס זיינען נאָך אַלץ פריש נאָך אַ צייט־פּאַרלויף פון הונדערט יאָר. נאָר דאָ האָבן מיר געהאַט פּאַרפרוירן פלייש, וואָס איז געווען פריש גענוג צום עסן מיט 100,000 יאָר שפּעטער.

## 7. „שפּרייט אויס די ווייץ צפון־צו און די אינדוסטריע מזרח־צו"

אין ערגעץ און אין קיין צייט האָט די עקאָנאָמישע מאַפּע זיך ניט געביטן אַזוי שנעל, אַזוי פונדאַמענטאַל און אַזוי לאַגיש, ווי אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד. דאָס איז אַן ענדערונג, וואָס איז דיקטירט ניט דורך דעם צופאַל פון שיקזאַל, ניט דורך דעם עגאָאיזם פון אַ גרופּע, צי דורך דעם קאַפּריז פון אַ יחיד. די עקאָנאָמישע געאָגראַפיע ענדערט זיך און די באַפעלקערונג בייט איר וואוין־אָרט אונטער מלוכה־אָנפירונג און אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון לאַנד.

די אינדוסטריעלע מאַפּע פון צאַרישן רוסלאַנד האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו דער געאָלאָגישער מאַפּע, פּונקט ווי עס איז ניט געווען קיין שייכות צווישן דער מאַפּע פון רוי־מאַטעריאַלן און דער מאַפּע פון דער באַפעלקערונג. אייזן איז ניט באַאַרבעט געוואָרן דאָרט, וואו אייזן־אַרץ האָט זיך געפונען, און די באַפעלקערונג איז ניט געווען צום געדיכטסטן דאָרט, וואו עס איז געווען דער גרעסטער סכום רוי־מאַטעריאַלן.

דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד האָט בלויז איין מאַפּע און ניט קיין צוויי. די אינדוסטריעלע מאַפּע פאַלט־צוזאַמען מיט דער געאָלאָגישער מאַפּע. די מאַפּע פאָלגט נאָך דעם פּלאַן און אילוסטרירט בילדלעך דעם נייעם מאַטעריעלן וואוילזיין, וואָס איז באַזירט אויף דעם נייעם וויסנשאַפטלעכן און מאָראַלן פונדאַמענט פון אַ פּלאַנירטער פּראָדוקציע פאַר געזעלשאַפטלעכן געברויך, וואו דאָס וואָרט „געזעלשאַפט" נעמט אריין יעדן יחיד ביז די ווייטסטע ווינקלען פון דעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד.

איין און צוואַנציג יאָר זיינען אַוועק זינט דער סאָוועטן־פּאַרבאַנד האָט איבערגענומען די מאַכט; אין אָט־די יאָרן איז פאָרגעקומען אַן איבער־שיכטונג פון דער אינדוסטריע און פון דער אַגריקולטור אָנהויבנדיג פון די גרענעצן פון פּוילן ביז צום פּאַציפישן ברעג און פון דער אַרקטיק ביז אַפגאַניסטאַן.

אין דער צייט, ווען פּריוואַטער פּראָפיט איז געווען די הויפּט־זאַך, איז די אינדוסטריע געוואַקסן אָן אַ טאַלק און אָן אַ באַלאַנס. דאָס אייראָפּייאישע רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרנומען בלויז אַ קליינעם טייל פון אַזאַ ריזיגער

אימפעריע, האט מאַנאָפּאָליזירט די גאַנצע אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, איבער־לאָזנדיג דאָס אַזיאַטישע רוסלאַנד אינדוסטריעל אומטעטיג און די רייכע נאַטירלעכע אוצרות פון אַזיאַטישן רוסלאַנד ברוטאַל נעפּלינדערט און מיס־ברויכט. די לאָקאַלע האַנט־ווערקעריי איז פאַרקריפּלט אָדער דערשטיקט; די קינסטלערישע האַנט־ווערקעריי איז אונטערדריקט געוואָרן, און די באַ־פעלקערונג דעגראַדירט און פאַראָרעמט. רייכע רוי־מאַטעריאַלן זיינען אויס־געביטן געוואָרן אויף ביליגע סיצן, וואָס דאָס האָט רואינירט די פּראָדוקציע פון די שענערע, האַנט־געמאַכטע שטאָפן.

נאָר אפילו אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד איז די אינדוסטריע ניט אויס־געשפּרייט געוואָרן אויף אַ וועלכן ניט איז באַלאַנסירטן אופן און האָט דאָרט אויך ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו די באַדערפעניש פון דעם מענטשן, אָדער צו די זאַפּאַסן פון רוי־מאַטעריאַלן.

זייענדיג אַזוי אָרום באַשרענקט אויף געוויסע צענטרען — און דוקא ניט אויף די, וואָס זאָלן צום בעסטן זיין צוגעפּאַסט צו באַפרידיגן די באַ־דערפעניש פון לאַנד, איז די אינדוסטריע אַנטוויקלט געוואָרן בלויז אין איין דרייסיגסטל חלק פון צאַרישן רוסלאַנד. אין די אַנדערע פּלעצער איז די אינדוסטריע פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן.

צו עקאָנאָמישער אומאָרדענונג מוזן מיר צוגעבן מלוכה־געפּאַר.

זייענדיג קאָנצענטרירט אין סט. פּעטערסבורג, מאָסקווע, ווייס־רוסלאַנד, איוואַנאָוואָ און אין אוקראַינע, זיינען די וויכטיגסטע רוסישע אונטער־נעמונגען געלעגן אָפן פאַר אַן אַטאַקע מצד דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און אַנדערע אייראָפּייאישע מלוכות. די רוסישע אייער זיינען אַלע געלעגן אין איין קוישל און דאָס קוישל איז געווען געפערלעך נאָענט צו די פיס, וואָס האָבן עס געקאָנט שטעלן אין געפאַר. די געפאַר איז געווען אַ ווירק־לעכע. די רוסישע אינדוסטריע פון די צאַרישע צייטן איז געווען פּונקט אין אַזאַ געפאַר פון אַן איבערפאַל מצד אַ שונא, ווי זי איז ניט געווען צוגעפּאַסט צו באַפרידיגן די באַדערפעניש פון דער מלוכה־ווירטשאַפט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע פון אַ באַלדיגער און ראַדיקאַלער איבערשיכטונג פון דער אינדוסטריע. אייזנבאַן־וועגן און שאָסייען זיינען דורכגעפירט געוואָרן צו צפון, דרום, מזרח און מערב, צו אַלע געגנטן, וואו עס זיינען געווען רוי־מאַטעריאַלן. די אַגריקולטור איז אַריינגעדרונגען אין ווינקלען, וואָס זיינען ביז דעמאָלט געווען פאַרנאַכלעסיגט. מען האָט אויסגעטריקנט זומפּן; מען האָט באַוואַסערט מדבריות; וועלדער זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן, קאָנטראָלירט געוואָרן, אָדער ווידער פאַר־פּלאַנצט, און די ערד איז באַמיסטיגט געוואָרן. איבער נאַכט זיינען אויפגע־וואַקסן נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַאַרבעט די אָרטיגע רוי־מאַטעריאַלן אין די אָרטיגע פאַבריקן, וועלכע זיינען באַטריבן געוואָרן פון אָרטיגע קראַפט־סטאַנציעס און האָבן פאַרשפּרייט קולטור און

אַ נייקייט פון לעבן צווישן דער אָרטיגער באַפעלקערונג. דאָס באַרויבן און עקספּלואַטירן די קאָלאָניעס פון רוסלאַנד האָט אויפגעהערט.

דריי פּרינציפּן האָבן רעגולירט די נייע איבערשיכטונג.

ערשטנס, האָט די מלוכה־ווירטשאַפט געפאָדערט, אַז די רוי־מאַטעריאַלן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרענדיגטע פּראָדוקטן מיט אַ מינימום טראַנס־פּאָרטאַציע און אַ מינימום פּראָדוציר־קאָסטן. למשל, דאָס שמעלצן פון אייזן קאָסט־אָפּ ווייניגער, ווען עס ווערט באַנוצט לאָקאַלע באַהייצונג און לאָקאַלע טרייב־קראַפט, איידער אין שמעלץ־אויוונס 1,000 מייל ווייט אַוועק און מיט דער הילף פון קוילן, וואָס ווערן געפירט איבער אַ שטרעקע פון 1,000 מייל.

צווייטנס, איז די אינדוסטריע מער געזיכערט, ווען זי איז ווייט אָפּ־גערוקט פון די מיליטערישע כחות פון דעם שונא, פון פיינטלעכע עראָפּלאַנען און פיינטלעכע טאַנקען און ווען זי איז אויסגעשפּרייט אויף אַ ברייטערן שטח. די קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדער־גרויסע געפאַר אין צייט פון קריג.

דריטנס — און בשום אופן ניט ווייניגער וויכטיג — איז די פאַנאַנדער־שפּרייטונג פון דער אינדוסטריע צו די געגנטן, וואו עס געפינען זיך די רוי־מאַטעריאַלן, אַ חוב, וואָס מען איז שולדיג די איינוואוינער פון די געגנטן, וואו די רוי־מאַטעריאַלן זיינען אַנטדעקט געוואָרן. דאָס מיינט שאַפן פאַר יענע איינוואוינער פּראָפּיטאַבעלע באַשעפטיגונג, בילדונג, קולטור און זיכערקייט. און דאָס מיינט אויך באַרייכערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד גופא מיט פּייאָניגע בירגער.

ציט דעריבער זיך אַריבער די אינדוסטריע צו מזרח. די נאַקעטע „ווייסע פלעקן" פון די נעכטיגע מאַפּעס — די פּלעצער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שטעט און וואו עס איז ניט דורכגעגאַנגען ניט קיין אייזנבאַן־ליניע און ניט קיין שאָסעי — האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָרפישע אָרעמקייט, אינדוס־טריעלע טויט־שטילקייט און ניט־אויסגענוצטע מעגלעכקייט. די שאָסייען, די אייזנבאַן־וועגן און די שטעטלעך, וואָס פּילן איצט אויס אָט־די פריער־ליידיגע פּלעצער אויף די מאַפּעס, דערציילן אַ געשיכטע פון מענטשלעכער אַרבעט פון רייכע נערעטענישן, פון גערן־אויסגענוצטע געלעגנהייטן און פון וואַקסנדיגע באַפעלקערונגען. פאַרנאַכלעסיגטע מעגלעכקייטן ווערן אויפגע־דעקט און אויסגענוצט אויף איין זעקסטל פון דעם אויבערפלאַך פון דער ערד.

יעדע געגנט ווערט באַהאַנדלט לויט אירע אייגנשאַפטן. און כאָטש מאָסקווע און לענינגראַד זיינען אונטערן צאַריזם געוואָרן צענטרען פון אינ־דוסטריע ניבער צוליב פּאָליטישע איידער עקאָנאָמישע טעמים, ווייל זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אַלטן אימפּעריאַליסטישן צענטער, און ניט צוליב וועלכע ניט איז נאַטירלעכע מעגלעכקייטן פאַר פּראָדוקציע, וואָלט עס קיין זין ניט געהאַט זיי מיטאַמאָל אַראָפּצושליידערן פון דער אינדוס־טריעלער מאַפּע. פון אַן אַבסאָלוטן שטאַנדפּונקט האַלטן־אָן אָט־די צענטרען

פון אינדוסטריע זייער וואוקס, כאָטש רעלאַטיוו וואַקסן זיי ניט אַזוי שנעל ווי די אינדוסטריען אין ווייטערע געגנטן. און כאָטש לענינגראַד איז געבויט אויף אַ זומפּ און מאָסקווע אויף אַ ליימיגן באָדן, פאַרמאָגט די לעצטע אירע אייגענע קוילן פון אַ ניט־הויכער קוואַליטעט, וואָס סאָוועטישע וויסנשאַפטס־לייט האָבן דערמעגלעכט פאַר איר אויסצונוצן, און די ערשטע האָט איצט אַ צוטריט צו רוי־מאַטעריאַלן פון דעם נאָענטן צפון און דאַרף ניט אָנקומען צום ווייטן דרום. ביידע שטעט האָבן אַ סך און פּראָפּיטאַבעלע אַרבעט ביי דעם פיינערן סאָרט סחורות, וואָס פאָדערן אַ העכערן גראַד פאַכמענישקייט און וואָס זיינען ווייניגער אָפּהענגיג פון לאָקאַלע מאַטעריאַלן.

דער צענטער ווערט וויסנשאַפטלעך איבערגעבויט און דער קרייז אַרום צענטער ווערט ערשט געשאַפן. טעקסטיל־פאַבריקן געפינען זיך אין טאַדזשיקי־סטאַן; זייד ווערט געוועבט אין טראַנסקאַווקאַז; קופּער ווערט אויסגע־אַרבעט אין קאַזאַכסטאַן; כעמישע שטאָפן אין טאַשקענט; מאַשין־בויר־זאַוואָדן ווערן אַנטוויקלט אין סטאַלינגראַד; אינזשענירונג־פאַבריקן אין קאָמסאָמאָלסק, און אַלע זיינען זיי ווייט אָפּגערוקט פון די אַלטע צענטערן פון טעטיגקייט.

די אַגריקולטור איז אין די צאַרישע צייטן געווען פּונקט אַזוי שלעכט אויסגעשטאַטעט, פּונקט אַזוי שלעכט פּלאַנירט און פּונקט אַזוי אומוויסנ־שאַפטלעך, ווי די אינדוסטריע. מען האָט ווייניג געוואוסט און נאָך ווייניגער געטאָן בנוגע דעם מעטאָד פון „ראָטאַציע" אויף די פעלדער, דאָס הייסט, זייען פאַרשיידענע תבואות אויף דעם זעלביגן פעלד לויט אַ געוויסער צייט־אָרדענונג. קינסטלעכע באַמיסטיגונג איז זעלטן באַנוצט געוואָרן. קנאַפּע גערעטענישן זיינען געווען דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון שלעכטער זריעה און מאָגערן באָדן.

מיט דער אויסנאַם פון באַוול האָט די אַגריקולטור געשענקט זייער ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו „טעכנישע קולטורן", דאָס הייסט, קולטיווירטע פלאַנצן, וואָס ווערן באַנוצט פאַר אינדוסטריעלע צוועקן. דאָס שוין־באַזעצטע לאַנד איז שלעכט באַאַרבעט געוואָרן. ניי־ערד איז אָפט רואינירט געוואָרן, ווייל ווען די אָרעמקייט האָט געטריבן דעם פּויער ווייטער און ווייטער צו מזרח, צו פרייען באָדן און ניט־באַרירטער ערד, וואו ער האָט געזוכט פאַר זיך זיין ברויט, פלעגט ער רואינירן וועלדער און אויפּאַקערן לאַנג־יאָריגע גראָז־שטרעקעס, וואָס דאָס האָט געפירט צו שטויב־שטורעמס און דורך רעגן געשאַפענע גריבער און לעכער, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דעם באָדן מיט פּונקט אַזעלכע קאַטאַסטראָפישע רעזולטאַטן ווי אין אַמעריקע.

אַפילו אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד איז די אַגריקולטור געווען פּונקט אַזוי ניט־באַלאַנסירט, ווי זי איז געווען פאַרשווענדעריש. דער שוואַרץ־ערדישער פּאַס, וואָס איז געלעגן צו דרום פון אַ מזרח־מערב ליניע פון קיעוו ביז סווערדלאָווסק און האָט געטראָגן דעם נאָמען „פּראָדוציר־געביט", איז

געווען א לאנד פון ווייץ־פעלדער און האט געדינט ווי דער שפייכלער פון דעם לאנד. דאס לאנד צו צפון פון אט־דעם פאס האט פראדוצירט ווייניג און האט באצווינגן זיין שפייז פון דרום. תבואה־וואגאנען האבן איבערגעפאקט די אייזנבאנען.

קיינער האט אין די צארישע צייטן ניט געטרוימט וועגן דעם, אז די פארטריקנטע מדבריות אין דרום, אדער די זומפן און בלאטעס און פאר־פרוירענע ערדן אין צפון קאנען געצוואונגען ווערן דורך דער געשיקטקייט פון דער אגריקולטורעלער וויסנשאפט צו ברענגען גרויסע גערעטענישן.

דער סאוועטן־פארבאנד האט מיט א שטאטסמענישן אויסקוק אויף די באדערפענישן פון דער גאנצער געזעלשאפט און דעם אויסנוצן די וויסנשאפט ווי אן אינסטרומענט אויף צו אנטוויקלען די רעסורסן פון זיין ריזן־לאנד, געענדערט די מאפע פון דער אגריקולטור מיט אן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט.

די ריכטיגע פאנאנדערטיילונג פון די הויפט־צווייגן פון דער אגריקולטור איבערן סאוועטן־פארבאנד און דאס ספעציאליזירן זיך פון געוויסע דיס־טריקטן אויף ספעציעלע תבואות — א זאך, וואס סטאלין האט פארגעשלאגן אין 1930 — ווערט כסדר דורכגעפירט מיט שנעלע טעמפן. תבואה־שטרעקעס ווערן אלץ מער אויסגעברייטערט צו מזרח־צו. ווייץ האט זיך א רוק געטאן צו צפון־צו. באוול־פעלדער ווערן פארזייט אויף די דרום־סטעפעס. צוקער־בורעקעס דרינגען אריין אין נייע געגנטן און צעוואקסן זיך אין פלעצער, וואו מען האט פון קיין בורעק פריער ניט געוואוסט. אגריקול־טורעלע אנטוויקלונגען וועקן־אויף און דערשטוינען דעם וויטן צפון און נייע טעכנישע פלאנצן פון פארשיידענע סארטן וואקסן אין נייע געביטן.

קארן, וואס איז א קנאפ־נארהאפטע תבואה, טרעט־אפ דעם פלאץ פאר דעם מער־נארהאפטן ווייץ. זוימען ווערן פארזיכטיג אפגעקליבן און צוגע־פאסט צו די ספעציעלע באדינגונגען פון ספעציעלע געגנטן. פרילינג־ווייץ ציט זיך אריבער צו צפון־צו און ווינטער־ווייץ פארנעמט דעם פלאץ פון פרילינג־ווייץ אויף די דרום־סטעפעס. די נאטירלעכע באדינגונגען פון די פארשיידענע זאנעס אין סאוועטן־פארבאנד ווערן אויסגענוצט אין דער פולסטער מאס. די צפונ'דיגע געברויך־געגנטן פראדוצירן זייער אייגענע שפייז, און ווערן באפרייט פון זייער אפהענגיגקייט אן די דרום־געגנטן. טראקטארס קארטשעווען אויס פעניעס, טריקענען אויס זומפן און צעאקערן ליימיגן באדן. גרינס, פלאקס און ווייץ קומט שוין ממילא. א שטח די גרויס ווי דענמארק איז געוואונען געווארן פון די זומפן און בלאטעס, און מאסקווע האט איר אייגענעם שפייז־שפייכלער ביי איר שוועל.

דער דראנג פון דער אגריקולטור צו צפון־צו איז ראמאנטיש גענוג פאר זיך גופא און איז איינער פון די גרעסטע טריאומפן פון דער סאוועטישער אגריקולטור און הארטיקולטור (פרוכט־קולטיווירונג). ווי מיר האבן

שוין געזען, ווערט דער ווייץ געצוואונגען ארויסצוגעבן אין דעם קורצן זומער־סעזאָן זיין גערעטעניש אין וויטן צפון, אויף אַ געאָגראַפישן פּאַראַלעל, וואָס איז נעענטער צום נאָרט־פּאָל איידער אייזלאַנד. שנעל־וואַקסנדיגע און שנעל רייף־ווערנדיגע זוימען, וואָס ווערן פאַרגיטיגט דורך גענוג זון־שיין פאַר דעם מאַנגל פון זון־וואַרעמקייט, גיבן שטוינענדיגע גערעטענישן. גרויסע פּרוכט־ און גרינס־ווירטשאַפטן ווערן עטאַבלירט אויף דעם קאַלאַ האַלב־אינזל, וואָס איבערשטייגן אָפט מיט זייערע גערעטענישן די רעקאָרדס פון די דרום־שטרעקעס.

די ניי־עטאַבלירטע אינדוסטריעס פון קוילן, אייזן, אויל, אָדער מאַשינען אין מזרח, קאָנצענטרירן און פאַרגרעסערן די אָרטיגע באַפעלקערונג, שטעט ווערן געבויט און צעוואַקסן זיך. און דאָס האָט ממילא אַ ווירקונג אויף דער אַגריקולטור. אַ גרעסערע באַפעלקערונג נויטיגט זיך אין גרעסערע זאַפּאַסן פלייש, ווייץ, עפּל און קרויט. סעדער, פאַשע־פעלדער, גרינס פאַרמס באַווייזן זיך אויף דער לאָקאַלער מאַפּע. לאָקאַל־פּראָדוצירטע שפּייז פאַר־שפּאָרט טראַנספּאָרטאַציע. „יעדע געגנט מוז איינפירן אַן אייגענע אַגרי־קולטורעלע אינדוסטריע אַזוי אַז זי זאָל האָבן אייגענע גרינסן, אייגענע פּו־טער און מילך און, אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער גראַד, אייגענע תבואה און אייגן פלייש, אויב די געגנט וויל אויסמיידן שוועריגקייטן פאַר זיך", האָט סטאַלין געזאָגט. אַ דעקרעט, וואָס איז לעצטנס פאַרעפנטלעכט געוואָרן און וואָס פאָדערט פון אַלע געגנטן צו פּראָדוצירן ארום 1939 אַ געהעריגן זאַפּאַס קאַרטאָפל, ווייזט, אַז סטאַלין מיינט ערנסט דאָס, וואָס ער זאָגט.

דער שטח, וואָס איז פאַרזייט מיט „טעכנישע קולטורן" אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, איז פאַרגרעסערט געוואָרן כמעט אויף צוויי און אַ האַלב מאָל זינט 1913. באַוול און צוקער־בורעקעס האָבן פאַרצייכנט חעם גרעסטן וואוקס און די ווייטסטע אויסשפּרייטונג.

באַוול איז אַ טעכנישע פלאַנץ פון באַדייטנדיגער וויכטיגקייט, באַוול איז דאָס ווייסע גאָלד פון צענטראַל־אַזיע, באַוול האָט געטריבן די צאַרישע רעגירונג אויסצושפּרייטן איר אימפּעריאַליסטישע מאַכט איבער צענטראַל־אַזיע און די לענדער, וועגן וועלכע מען האָט געזאָגט אַפילו אין די פאַר־רעוואָלוציאָנערע טעג, אַז די מענטשן דאָרט „רעדן באַוול, זינגען באַוול, שפּילן באַוול, אַרבעטן באַוול, שטודירן באַוול און חלומ'ען באַוול". די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרכאַפּט, אָבער ניט אַנטוויקלט די באַוול־אינ־דוסטריע. אַ העלפט פון דעם באַוול, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אין צאַ־רישן רוסלאַנד, איז נאָך אַלץ געקומען פון אויסלאַנד.

איצט אָבער דאַרף מען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט קיין אויסלענדישן באַוול. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט איצט זיינע אייגענע זאַפּאַסן פון אַ מאַטעריאַל, אָן וועלכן ער וואָלט ניט געקאָנט באַקליידן זיין באַפעל־קערונג און ניט געקאָנט ווי געהעריג זיין גרייט צו אַ דערפאָלגרייכן קריג.

צוגייענדיג צו דער פּראָבלעם מיט אַ וויסנשאַפטלעכער גרינדלעכקייט, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרגרעסערט די באַזונדערע אונטערנעמונגען אין דער אינדוסטריע און האָט אויך מאָדערניזירט די מעטאָדן פון דער פּראָדוקציע. די באַוואַסערונג איז אויסגעבעסערט געוואָרן. אויל־פּאָמפּעס פאַרבייטן דעם אַלטן קעמל, וועלכער פלעגט זיך שלעפּן אויף אַ מאָנאָטאָנעם אופן אין אַ קרייז דרייענדיג די וואַסער־ראָד. ריינע, צעמענטירטע קאַנאַלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע בלאָטיגע באַוואַסערונג־קאַנאַוועס און זיי פאַרהיטן דאָס ווערטפולע וואַסער. זריעה פון אַ נייער און אויספּרובירטער קוואַליטעט ווערט באַנוצט אַנשטאָט די ערגערע סאָרטן. אָט די זריעה קומט פון אָראַנזשערייען פאַר איבערפּלאַנצונג, וואָס דאָס פירט צו גרעסערע גערעטענישן. ווען דער באַוול ווערט רייף, גיבן זיך אַ לאָז איבער די פעלדער סאָוועטישע און אַמעריקאַנישע מעכאַניזירטע באַוול־זאַמלער, איינזויגנדיג אין זייער געלאָף די פוכקע, ווייסע בלומען.

צענטראַל־אַזיע איז די טראַדיציאָנעלע היים פון באַוול, און די צענטראַל־אַזיאַטישע רעפּובליקן, אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקיסטאַן, שטעלן צו אַ העלפט פון דער יערלעכער גערעטעניש. אָט־דער גרויסער פּראָצענט איז מעגלעך און קאָן נאָך ווייטער פאַרגרעסערט ווערן צוליב עטלעכע וויכטיגע אורזאַכן. באַזיצנדיג גענוג וואַסער און הייסע זון־שיין, זיינען אָט די געגנטן די נאַטירלעכע און פּראַכטפולע היים פון דער באַוול־פּלאַנץ. באַוול ווידער איז אַ פּראָדוקט פון הויכער עקאָנאָמישער ווערט און מען קריגט גוט באַצאָלט פאַר באַוול. אונטער אָט די באַדינגונגען לוינט זיך בעסער צו קאָנצענטרירן אַ גרויסן שטח לאַנד אויף איין פּראָדוקט, איידער צו פאַרנעמען זיך מיט צוגאָב־פּראָדוקטן פאַר דעם היימישן געברויך. די ווערט פון באַוול באַצאָלט פאַר דער אַריינגעפירטער שפּייז און פאַר אַנדערע שטאָפן. דער באַוול פון דרום ווערט געשיקט אין צפון און באַצאָלט פאַר דעם ווייץ און פאַר דעם געהילץ, וואָס ווערט געשיקט אין דרום.

און אַ חוץ דעם איז באַוול אַן אויסגעצייכנטער קוואַל פאַר לוין־אַרבעט. אַ טאָן רויער באַוול שטעלט וואַרשיינלעך מיט זיך פאָר מער מענטשלעכע אַרבעט, ווי וועלכער ניט איז אַנדער אַגריקולטורעלער פּראָדוקט. באַוול שפּייזט אין צענטראַל־אַזיע אַ גרויסע און אַנטוויקלטע פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג, וואָס דאָס איז פון סאָוועטישן שטאַנדפּונקט אַ פאַקט פון גרויסער וויכטיגקייט.

די באַוול־פּראָדוקציע שפּרייט זיך אויס איבער נייע שטרעקעס. די באַוול־מאַפּע ווערט אַלץ גרעסער. אין די סאָוועטישע הענט איז באַוול שוין מער ניט באַגרענעצט צו די פּלעצער, וואָס האָבן געהאַט אַ מאָנאָפּאָל דערויף צוליב דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן הייסע זון־שיין און גענוג פייכטקייט.

די סאָוועטישע אַגראָנאָמען האָבן באַוויזן — און דאָס איז ניט פון זייערע קלענסטע פאַרדינסטן — צו שאַפן אַ סאָרט באַוול, וואָס האָט ניט

קיין מורא פאַר טריקענישן, און איצט ווערט אויסגענוצט פאַר באַוול־פּלאַנטאַציעס אַ גאַנצע קייט טרוקענע, נאָר פרוכטבאַרע פעלדער, וואָס ציען זיך צו מזרח און צו מערב דורך דעם גאַנצן אייראָפּייאישן רוסלאַנד פון די גרעניצן פון רומעניע, דורך די סטעפּעס פון אוקראַינע, לענגאויס דעם מזרח־ברעג פון אַזאָוו־ים, ביי די צפון ברעגן פון שוואַרצן ים און דורך די סטעפּעס פון צפון קאַווקאַז ביז דעם פלאַץ, וואו די וואָלגאַ פאַלט־אַריין אין דעם קאַספּישן ים. באַוול איז אַרויס פון די אַלטע איינגעזעסענע פּלעצער, און די שנייאיגע בלום פילט אָן די אומעטיגע סטעפּעס מיט טיכטיגע פאַרמס און מיט דעם געדויש פון טעקסטיל־פאַבריקן. דער נייער שטח, וואָס איז פאַרנומען מיט באַוול־קולטיווירונג, איז כמעט דריי פערטל די גרויס פון דעם גאַנצן שטח, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט באַוול אין דעם פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.*)

אַנדערע פּלאַנצן, חוץ באַוול, קאָנען געוועבט ווערן. ראַמי, קענדיוו, קענאַף און שטריק־קאָרע זיינען אַלע פון דער באַוול־פאַמיליע און זיי גיבן אַרויס אַ פאָדים פון גרויסער שטאַרקייט און עלאַסטישקייט. אָט־די פּלאַנצן קאָנען וואַקסן לרוב אין קירגיזיע, קאַזאַכסטאַן און אין צפון־קאַווקאַז.

באַוול איז אָבער ניט דער איינציגער פּראָדוקט, וואָס קומט אין נייע געגנטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. רייז קאָנקורירט מיט באַוול אויף אָט־דעם געביט. רייז, ווי אַ שפּייז, איז ניט ווייניגער נאַרהאַפט ווי ווייץ. אַ העלפט פון כינע לעבט אויף רייז, יאַפּאַן לעבט אויף רייז. און רייז מוז האָבן — פונקט ווי באַוול — הייסן און באַוואַסערטן באָדן. אַזוי צום ווינציגסטן האָבן די רייז־פּלאַנטאַטאָרס שטענדיג געהאַלטן.

די סאָוועטישע וויסנשאַפטלייט פאַרלאָזן זיך אָבער ניט אויף דעם, וואָס מענטשן „האָבן שטענדיג געהאַלטן". זיי עקספּערימענטירן, זיי האָבן עקספּערימענטירט מיט רייז, זיי האָבן פאַרפּלאַנצט רייז אין די זומפּיגע פעלדער פון וויטן מזרח, וואו באַוול קאָן ניט וואַקסן. די גרעטענישן פון רייז זיינען געווען אויסגעצייכנטע. מען האָט פאַרזייט רייז אין קאַזאַכסטאַן אויף די מזרח ברעגן פון קאַספּישן ים און אין אוקראַינע, וואו דער קלימאַט איז אַ וואַרימער און וואו די זריעה קאָן ליגן אונטערן וואַסער אין לויף פון הונדערט טעג נאָכן פאַרזיי. ווידער האָט מען אַרויסגענומען גלענצנדיגע גערעטענישן. מיט נאָך מער דרייסטקייט האָבן די וויסנשאַפטלייט אַריבערגעפירט די רייז פון יענער זייט צפון־גרעניץ, וואָס איז דאָגמאַטיש באַטראַכט געוואָרן ווי די לעצטע גרענעץ פאַר רייז־קולטור. זיי האָבן געשליכטעט אַ פּראָבלעם, וועגן וועלכער עס זיינען לאַנג אָנגעגאַנגען אַקאַדעמישע

*) אין 1938 האָט די איאָלאָטאַנער עקספּערימענטאַלע סטאַנציע אַרויסבאַקומען אַ סאָרט באַוול, וואָס ווערט שנעל צייטיג און וואָס פאַרגלייכט זיך אין קוואַליטעט מיט די בעסטע סאָרטן פון עגיפּטן. די קאָלעקטיווע פאַרמס פלאַנצן איצט אויסשליסלעך דעם נייעם סאָרט באַוול.

שטרייטן, און האָבן די פּראָבלעם געלייזט מיט דעם זעלבן מעטאָד, וואָס גאַלילעאָ האָט באַנוצט אויף צו שליכטן די דיסקוסיע וועגן דער שנעלקייט, מיט וועלכער עס וועט פאַלן אַ פונט־וואָג פון פאַרשייחענע געגנשטאַנדן — דאָס הייסט — דורך אַן עקספּערימענט. צו אַלעמענס שטוינונג און פרייד איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז רייז קאָן איבערטראָגן פראָסט און צייטיג ווערן אין מאָסקווער געגנט, וואָס ליגט אַזוי ווייט צו צפון, ווי דאָנדי.

אָט די עקספּערימענטן און אַנטדעקונגען פאַרשפּרעכן ווייטערדיגע ענדערונגען אין דער אַגריקולטורעלער מאַפּע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל דער לינקער ברעג פון דער וואָלגע, וואָס איז היינט־צו־טאָג טרוקן און פּוסט, וועט מאָרגן — ווען עס וועט פאַרענדיגט ווערן דער פּלאַן פון אויסנוצן די וואָלגע פאַר באַוואַסערונג — בליען מיט די העלע יונגע פּלאַנצן פון די רייז־פעלדער. אַ שטרעקע, די גרויס ווי אַן ענגלישע „קאַונטי", פאַרשפּרעכט צו געבן אַ גערעטעניש פון 100,000 טאָן שפּייז.

רייז איז אַ תבואה, וואָס לאָזט זיך ניט גרינג קולטיווירן. אַזוי, לכל הפּחות, איז דאָס געווען ביז די סאָוועטן זיינען אָנגעקומען. מענטשן פאַרזייען רייז מיט'ן האַנט, שפּאַנענדיג אין וואַסער כמעט ביז'ן גאַרטל. די מעכאַניזירטע וועיץ־מאַשין, וואָס ווערט געשלעפּט פון אַ פערד אָדער אַ טראַקטאָר, איז מאַכטלאָז אין וואַסער, דעריבער האָט מען נאָך אַלץ געזייט רייז מיט'ן האַנט ביז די סאָוועטישע וויסנשאַפטלייט האָבן דורכגעפירט ווייטערע עקספּערימענטן.

עס איז באַלערנד צו באַזוכן איצט אַ מאָדערנע סאָוועטישע רייז־ווירטשאַפט אין דער צייט פון פאַרזיי. וואַרטנדיג אויף דעם זייער, הערט איר אַ גערויש, און ווי עפּעס אַ גרויסער פויגל מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, לאָזט זיך נידעריג אַראָפּ אַ גרויסער עראָפּלאַן און ער פליט גאָר נידעריג איבער'ן וואַסער, צעוואַרפנדיג די זריעה בשעת ער פליט. אויף די גרויסע ווירטשאַפטן ווערט רייז פאַרזייט פון דער לופטן, און ווען די רייז ווערט צייטיג, ווערט זי אַריינגענומען דורך קאָמביינען, פּונקט ווי ווייץ.

אין 1938 האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרזייט מיט רייז אַ שטח די גרויס פון וועילס.

אין אַ מאָדערנער מלוכה קאָן מען זיך ניט באַגיין אָן גומי. אונזערע אויטאָמאָבילן פאָרן אויף גומי. די מעכאַניזירטע אַרמיי פאָרט אויף גומי. גומי ווערט באַנוצט פאַר טויזנט און איין צוועק אין דער אינדוסטריע. גומי — ניט ווייניגער ווי אויל — פירט צו שטרייטן צווישן מלוכות פון דער וועלט. די בריטישע אימפּעריע פאַרמאָגט אַ סך גומי. צוזאַמען מיט האָלאַנד, וואָס פאַרמאָגט 30 פּראָצענט פון די גומי־פּלאַנטאַציעס פון דער וועלט, קאָן ענגלאַנד, וואָס פאַרמאָגט אויך 30 פּראָצענט, דיקטירן אירע באַדינגונגען צו דער גאַנצער וועלט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט קיין גומי־פּלאַנטאַציעס. „מיר וועלן

האָבן אונזער אייגענעם „קאאוטשיק" — האָט סטאַלין געזאָגט, און זיי האָבן עס טאַקע. פּלאַנצן וואָס פאַרמאָגן גומי — טאַו־סאַגיז, קאָק־סאַגיז און קרים־סאַגיז — זיינען אַנטדעקט געוואָרן. זיי וואַקסן אין א ווילדן צושטאַנד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיי גיבן אַזוי הויך ווי 38 פּראָצענט פון רייכער גומי. אין זייער קולטיווירטן צושטאַנד וואַקסן אָט די פּלאַנצן שנעלער, ווי אין א פאַרווילדעוועטן צושטאַנד, און זיי גיבן אַרויס א גומי, וואָס איז ניט נידעריקער אין קוואַליטעט פון די טראָפּישע סאָרטן.

די זעלבע געשיכטע פון פאַרשריט קאָן דערציילט ווערן וועגן דעם צוקער־בוריק, אָדער וועגן די סאָיע־בעבלעך, וואָס אַנטהאַלטן אַלבומען פון דער זעלבער נאַרהאַפטער אייגנשאַפט, ווי דער אַלבומען פון לעבעדיגע וועזנס, און וואָס ווערן מיט רעכט אָנגערופן די מילך פון דער ערד, און וועגן נאָך א סך אַנדערע נייע, אָדער ניי־אַנטוויקלטע אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן.

## דריטער טייל

# דאָס סאָציאַליסטישע זעקסטל פון דער וועלט

## 1. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

אין צוויי זייער וויכטיגע זאַכן האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך גענויטיגט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. ערשטנס, האָט דאָס לאַנד זיך גענויטיגט אין מלחמה־מאַטעריאַלן. צווייטנס, האָט דאָס לאַנד געדאַרפט האָבן באַהייצונג, מעטאַלן, כעמישע שטאָפן און מאַשינען. די נאָר־וואָס אויסגערעכנטע זאַכן רופן מיר אָן קאַפּיטאַלע פּראָדוקטן און שטאָפן, מאַטעריאַלן און מאַשינען, וואָס זיינען נויטיג אויף צו פּראָדוצירן געברויך־אַרטיקלען. מלחמה־מאַטעריאַלן, למשל, הענגען־אָפּ פון דער פריערדיגער עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַלע שטאָפן; מען קאָן ניט פּראָדוצירן קיין ביקסן אָן באַהייצונג, אָן מעטאַלן, אָן כעמישע שטאָפן און אָן מאַשינען.

די סאַמע ערשטע און וויכטיגסטע באַדערפעניש אין יענעם מאָמענט איז, הייסט עס, געווען צו שאַפן די נויטיגע קאַפּיטאַלע גרונד־שטאָפן און פּראָדוקטן. מען מוז אָט־די זאַכן שאַפן, וויפיל מענטשלעכע ליידן דאָס זאָל ניט פאָדערן; און אין אַ לאַנד, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַזוי אָרעם, האָט דער פּרייז געמוזט זיין זייער אַ גרויסער, דערגייענדיג אָפט צו אַ פּונקט פון פּלאַצן.

אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט מעגלעך געווען אָנצואווענדן די נאָרמאַלע מיטלען, וואָס אַנדערע לענדער האָבן באַנוצט אויף צו באַזאָרגן זיך מיט קאַפּיטאַלע מאַטעריאַלן. קיין קאַפּיטאַליסטיש לאַנד האָט דער סאָוועטן־מאַכט ניט געוואָלט געבן קיין הלוואות. די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן האָבן ניט דערלויבט צו פּלינדערן קיין קאָלאָניעס. די נויטיגע גרונד־שטאָפן אויף אויסצושטאַטן די אינדוסטריען האָבן דעריבער געקאָנט געשאַפן ווערן אויף איין אופן — און טאַקע בלויז אויף איין אופן: דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף די אייגענע אָנגעזאַמלטע רעסורסן. דאָס האָט געפאָדערט זייער שטאַרק פאַרציען דעם גאַרטל, און עס האָט געפירט צו אַ שטענדיגן מאַנגל אין געברויך־אַרטיקלען און וואוינונגען.

די פּראָבלעם פון אויפבויען די אינדוסטריע איז אָבער געווען אַזוי קאָלאָסאַל־וויכטיג, אַז זי האָט אַלץ אַריבערגעוואויגן. אין דער לייזונג פון

אָט־דער פּראָבלעם האָט מען ניט געטאָרט פאַרלירן קיין צייט. סטאַלין האָט מיט רעכט געזאָגט: „מיר האָבן פון דעם אַלטן רעזשים געירשנ׳ט אַ טעכניש־צוריקגעשטאַנען און רואינירט לאַנד, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו אַ הונגער־צושטאַנד. רואינירט פון פיר יאָר קריג און אויך פון דריי יאָר בירגער־קריג, איז דאָס געווען אַ לאַנד פון אַ האַלב־אַנאַלפאַבעטישער, בעז־גראַמאָטנער באַפעלקערונג, פון פרימיטיווע פּראָדוקציע־מיטלען און פון קליינע אָאַזיסן פון אינדוסטריע, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אין דעם מדבר פון די קליינע פּויערישע ווירטשאַפטן.״

לענין האָט נאָך ביי אַ פריערדיגער געלעגנהייט אויסגעדריקט דעם זעלבן געדאַנק מיט זיין געוויינלעכער בריליאַנטענער קלאָרקייט: „אויף צו ראַטעווען רוסלאַנד נויטיגן מיר זיך ניט נאָר אין אַ גוטער גערעטעניש אויף די פּויערישע פעלדער. דאָס איז ניט גענוג. מיר נויטיגן זיך ניט נאָר אין אַ טיכטיגער לייכטער אינדוסטריע, וואָס זאָל קאָנען באַזאָרגן די פּויערים מיט די פאַבריציירטע סחורות, אין וועלכע זיי נויטיגן זיך. אויך דאָס איז ניט גענוג. מיר מוזן האָבן אַ שווערע אינדוסטריע. . . . אויב מיר וועלן ניט צוריק אויפ־שטעלן און אַנטוויקלען אונזער שווערע אינדוסטריע, וועלן מיר קיין שום אינדוסטריע ניט קאָנען אָרגאַניזירן. און אויב מיר וועלן ניט אַנטוויקלען אונזערע אינדוסטריען, וועלן מיר אומקומען ווי אַ זעלבסטשטענדיג לאַנד.״ און אין אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט לענין: „ווען מיר וועלן אָנווענדן די גרעסטע מעגלעכע עקאָנאָמיע ביי אונז אין לאַנד, וועלן מיר קאָנען באַנוצן יעדע אָפּ־געשפּאָרטע קאָפּיקע צו אַנטוויקלען אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אונזער מאַשין־אינדוסטריע, צו אַנטוויקלען עלעקטריפיקאַציע און אַזוי ווייטער.״

די געבראַכטע ציטאַטן ווייזן, אַז די פירער האָבן גוט געוואוסט סיי וועגן די דרינגענדיגע באַדערפעניש און סיי וועגן דעם פּרייז, וואָס מען וועט דאַרפן צאָלן כדי זיי נאָכצוקומען. די לאַסט, וואָס האָט געמוזט אַרויפ־געלייגט ווערן אויף די פּלייצעס פון די מאַסן, איז געווען ריזיג גרויס. עס איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע: „איז דאָס ניט אַ צו־גרויסע לאַסט צו טראָגן?״ אַ סך האָבן געענטפערט „יאָ״ און האָבן געפאָדערט מע זאָל צוריק אויפשטעלן אַ מאָדיפיצירטע פאָרמע פון קאַפּיטאַליזם. די סאָוועטן־רעגירונג, וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער צוגאַנג, האָט באַגעגנט די סיטואַציע מוטיג און אַנטשלאָסן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מוז פּראָדוצירן זיין אייגענע באַהייצונג, זיינע אייגענע מעטאַלן און זיינע אייגענע אינזשינערישע איינריכטונגען. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מוז האָבן זיין אייגענע שווערע אינדוסטריע. דער ציל איז געווען אויסגעצייכנט קלאָר, און די רעגירונג איז צוגעטראָטן דורכצופירן איר אויפגאַבע מיט אַ פיבערישער שנעלקייט, וואָס אַנדערע האָבן געהאַלטן פאַר געפערלעך. אַ סך האָבן פּראָטעסטירט. זיי האָבן אַרגומענטירט, אַז עס איז אַ סך בעסער אָנצוגיין פּיל לאַנגזאַמער און מער פאָרזיכטיג — צו גיין לאַנגזאַם האָט ביי זיי געהייסן זיין מער זיכער. און זיי האָבן אויך אַרגומענ־

טירט און געפרעגט: צוליב וואָס אַזאַ געיעג צו באַוואָפּענען זיך, ווען קיין שונא דראָעט ניט?

די לאַגע היינט צו טאָג איז אַן ענדגילטיגער ענטפער אויף די פראַגן, וואָס מען האָט נעכטן געשטעלט. די סאָוועטן־רעגירונג האָט גוט געוואוסט וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן, און זי האָט עס געוואוסט בעסער ווי אירע ראַטגעבער פון מערב־אייראָפּע. די סאָוועטן־רעגירונג האָט אויך געוואוסט, אַז די מאַסן זיינען געווען גרייט איבערצוטראָגן שוועריגקייטן, כדי אויפצו־בויען אַן אינדוסטריע, וואָס זאָל ווערן דאָס געמיינשאַפטלעכע פאַרמעגן, פאַר וועלכן מען זאָל קיינעם ניט דאַרפן צאָלן קיין יערלעכע קאַפּיטאַלע שטייערן.

און אַ חוץ דעם האָבן זיי אויך געוואוסט — און דאָס איז געווען אַ וויסן פון קאָלאָסאַלער וויכטיגקייט — אַז אָן דעם אַנטשלאָסענעם איבערבוי פון זייערע אינדוסטריען און אָן דער פאַרזעצונג פון דעם ריזיגן אימפּעט, מיט וועלכע אָט־די אויפגאַבע איז אָנגעהויבן געוואָרן — אָן אימפּעט, וואָס ווערט אָנגעהאַלטן פון די ערשטע טעג ביז דעם איצטיגן מאָמענט — אַז אָן אַזאַ צוגאַנג וואָלט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קיינמאָל ניט געקאָנט ווערן דער באַ־זיצער פון דער אומגעהויערער מאַכט, וואָס ער איבט איצט אויס. סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויסגעמידן אויף אַ האָר — אַ דאַנק זיין אייגענער מעכטיגער אָנשטרענגונג — דעם שיקזאַל, וואָס האָט געטראָפן אַנדערע קרבנות פון היטלער׳ס דראָאונגען און אַמביציעס.

צום גליק האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געוואוסט וואָס פאַר אַ קרבנות די מאַסן זיינען בכח אויסצושטיין. ער האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ טריאומף עס דערוואַרט דעם סאָציאַליזם און ווי גרויס עס וועט זיין די שנאה פון קאַפּי־טאַליזם, ווען ער וועט קומען פּנים אל פּנים מיט דער דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער דערגרייכונג. און צום גליק האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אויך באַגריפן אין צייט דעם אימפּעריאַליסטישן דראַנג, וואָס איז איינגע־גלידערט אין דעם קאַפּיטאַליזם, דעם אומפאַרמיידלעכן דראַנג זיך אויס־צושפּרייטן, וואָס טרייבט דעם קאַפּיטאַליזם צו פאָדערן פאַר זיך נייע מאַרקן און נייע קוואַלן פון רוי־מאַטעריאַלן, אַ דראַנג, וואָס פירט צו קאַפּיטאַליס־טישע און אימפּעריאַליסטישע מלחמות. מען האָט ניט געטאָרט פאַרלירן קיין איין איינציגע מינוט.

די סאָוועטן־מלוכה האָט פאַרמאָגט פּרינציפּן, וואָס האָבן פאַר איר מעגלעך געמאַכט פאָראויסצוזאָגן אָנקומענדיגע ענטוויקלונגען מיט אַ קלאָר־קייט און זיכערקייט, וואָס זיינען אוממעגלעך פאַר די שטאַטסלייט פון קאַפּי־טאַליסטישע לענדער. האָבנדיג פאַר זיך אַ סיטואַציע, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט געקאָנט פאָראויסרעכענען מיט זיכערקייט, און זעענדיג פאַר זיך אַ לאַגע, וואָס איז געווען פול מיט געפאַר, האָט אָט־די רעגירונג געהאַנדלט מיט אַ ניכטערער אויסרעכענונג, וואָס האָט אָבער אויף דעם אויבערפלעכלעכן באַאָבאַכטער געמאַכט דעם איינדרוק פון אויסערלעכער יאָגעניש און ריק־

זיכטלאָזער דרינגענדיגקייט. ניט געקוקט אויף ווידערהאָלטע דורכפאַלן און אומפאַרמיידלעכע טעות׳ן האָט די סאָוועטן־רעגירונג זיך גענומען אויפ־בויען אַן אינדוסטריעלן אַפּאַראַט, וואָס איז פון די סאַמע גרעסטע אין דער וועלט.

אָט־די מורא׳דיגע יאַגעניש איז באַרעכטיגט געוואָרן דורך די שפּעטער־דיגע געשעענישן. מע קאָן שווין זען ווי רוסלאַנד האַלט ביים אויסגלייכן זיך, אין איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, מיט די סאַמע אַנטוויקלטסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין דער וועלט. באַזיצנדיג איר אייגענע אינדוס־טריע, אירע אייגענע באַוואָפענונגען און איר אייגענעם שטייגנדיגן לעבנס־סטאַנדאַרד, שטייט סאָוועט־רוסלאַנד ענדלעך געזיכערט אין אַ וועלט פון שטורעם און דראַנג.

מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן, אַז אינערלעכע אומשטענדן האָבן צוזאַמען מיט די אויסערלעכע געפאָדערט, אַז עס זאָל וואָס שנעלער געמאַכט ווערן דער קער צו אַ קאָמפּעטענטער און גרינדלעך־סאָציאַליזירטער אינדוס־טריעלער סיסטעם. צעפּיצלטע פּריוואַטע לאַנד־ווירטשאַפטן האָבן געשאַפן אַ געפערלעכן באָדן פאַר קאַפּיטאַליסטישע גרופּקעס אין לאַנד. בלויז אַ שטאַרקע סאָציאַליזירטע אינדוסטריע איז געווען בכח אריבערצוציען די וואָג־שאָל, און האָט געקאָנט דורך דער באַשאַפונג פון אַ מעכטיגער מעכאַניזירטער אגרי־קולטור פון אַ גרויסן מאַסשטאַב באַפעסטיגן דעם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט פון דער מלוכה.

אונטערן פאַראייניגטן דרוק פון אָט־די אומשטענדן האָט די סאָוועטן־רעגירונג זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אימפּעטיגער שנעלקייט דורכצופירן די אויפגאַבע פון איבערבויען די אינדוסטריע. אין אָט־דעם פּראָצעס זיינען, נאַטירלעך, געווען טעות׳ן. נאָר ניט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטן און אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט פון צוויי און צוואַנציג יאָר — פון וועלכע צום ווינציגסטן אַ העלפט איז אַוועק אויף נעגאַטיווער ארבעט — האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפגעבויט אַן אינדוסטריעלע סיסטעם, וואָס שטעלט אים אַוועק אין פאָדערגרונד פון די פּראָדוצירנדיגע לענדער אין דער וועלט.

די פּראָדוקציע פון דער גרויס־אינדוסטריע, וואָס האָט אין 1923 באַ־טראָפן (לויט די פּרייזן פון 1926-1927) 4,000 מיליאָן רובל, איז פאַר־גרעסערט געוואָרן מער ווי אויף פינף און צוואַנציג מאָל און האַלט אין איין שטייגן. איצט ווערט יערלעך אינוועסטירט אַ סומע פון 40,000 מיליאָן רובל אין קאַפּיטאַלער בויאונג.

אויב מיר זאָלן אָננעמען די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון דעם יאָר 1913 אַלס 100, וועט דער סך־הכל פון דער גאַנצער סאָוועטישער אינדוס־טריעלער פּראָדוקציע פון דעם יאָר 1937 באַטרעפן 840.8. פאַר דעם זעלבן פּעריאָד האָט די אַלגעמיינע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער דערגרייכט בלויז ביז 149.4.

## 2. די פאַרגאַנגענהייט ווערט פאַרברענט

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויסערגעוויינלעך רייך מיט נאַטירלעכע אוצרות. קיין לאַנד אין דער וועלט פאַרמאָגט ניט אַזעלכע גרויסע רעזערוון פון רוי־מאַטעריאַלן. כאָטש אַ העלפט פון דער סאָוועטישער טעריטאָריע איז נאָך ניט אויסגעפאָרשט, פאַרנעמט שוין דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דאָס ערשטע אָרט אין די פעסטגעשטעלטע רעזערוון פון קוילן, אויל, טאָרף, אייזן־אַרץ, פאָטאַש, אַפּאַטאַיט, מאַנגאַניז־אַרץ, ווי אויך אין וואַלד־שטח און אין וואַסער־קראַפט.

דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט, ברוקס עמעני, גיט־אָן צוויי און צוואַנציק סטראַטעגישע רוי־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דערפאָלגרייכער קריג־פירונג אין פאַל פון אַ בלאָקאַדע, און באַמערקט דערביי, אַז אין ענגלאַנד — ניט רעכענענדיק אירע קאָלאָניעס — פעלן־אויס ניינצן, אין דייטשלאַנד — אַכצן און אין אַמעריקע — ניין פון אָט־די פּראָדוקטן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פעלן אויס בלויז פיר: טאָנגסטען, צין, אַנטימאָני און ניקל. לעצטנס — ספּעציעל אין די גאָר לעצטע יאָרן און לעצטע חדשים — קריגט שוין דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַרויס אָט־די מאַנגל־מאַטעריאַלן אין די גרענעצן פון זיין איינגן לאַנד.

דאָס לאַנד פון די צאַרן, וואָס האָט פאַרמאָגט גרויסע נאַטור־אוצרות, איז אָבער געווען זייער אָרעם אין וויסן און האָט וועגן די אייגענע רייכטימער קיין אָנונג ניט געהאַט. עס איז געבליבן פאַר די סאָוועטישע געאָלאָגן אויפצודעקן די פאַרבאָרגענע רייכטימער ניט נאָר אין די ניט־אויסגעפאָרשטע טיילן לאַנד, נאָר אויך אין די באַפעלקערטע צענטרען, וואָס זיינען שוין פון לאַנג געווען אויסשטודירט. די צאַרישע אינדוסטריע האָט פאַרזען דאָס, וואָס האָט זיך ממש געוואַלגערט אונטער אירע פיס. די געאָלאָגישע מאַפּע האָט געמוזט אינגאַנצן איבערגעמאַכט ווערן, און דאָס ווערט איצט געטאָן מיט אַ שנעלקייט, וואָס מען האָט נאָך אין ערגעץ ניט געזען.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַנטוויקלט אַלע זיינע רעסורסן ביז דער העכסטער מאָס, ספּעציעל ווערן אַנטוויקלט די קראַפט־קוואַלן פון קוילן, אויל און וואַסער.

לאָמיר פריער נעמען קוילן. דאָס זיינען די וועלדער פון אַמאָל. דאָס איז באַהייצונג, וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט פאַר אונז אָנגעגרייט. דאָס איז די פאַרקאָרקעוועטע זון־שיין פון אַ מיליאָן יאָרן. עס איז פּשוט אוממעגלעך צו איבערטרייבן די וויכטיגקייט פון קוילן. דער מאָדערנער אינדוסטריאַליזם איז געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון קוילן. די ענגלישע אינדוסטריעלע אויבערהערשאַפט הויבט זיך אָן מיט דער געשיכטע פון קוילן.

אין אָנהויב איז דאָס געווען אַן ענין פון קוילן, וואָס מען האָט אָפּגעשקראָבעט פון דער אויבערפלאַך און וואָס מען האָט באַנוצט פאַר באַהייצונג. דערנאָך — ווען די נאָכפראַגע איז געוואַקסן — האָט מען זיך גענומען

גראָבן קוילן־גרובן. די שוועריגקייטן, אויף וועלכע מען האָט זיך אָנגעשטויסן, האָבן געדינט ווי טרעפּ צו נייע דערגרייכונגען. ווען קוילן־גרובן זיינען פאַר־פלייצט געוואָרן, האָט מען געמוזט האָבן פּאָמפּעס. נייע דערפינדונגען, ווי דער דאַמף־ענדזשין, וואָס שטייט אויף איין אָרט, האָבן איינגעשפּאַנט דאַמף צו באַפרייען די קוילן־גרובן פון וואַסער. די קוילן האָט מען געדאַרפט טראַנס־פּאָרטירן. פאַרוואָס ניט איינשפּאַנען דאַמף אויף צו פירן די קוילן, פונקט ווי דאַמף איז איינגעשפּאַנט געוואָרן צו פּאָמפּען וואַסער? די אייזנבאַן און דער דאַמף־לאָקאָמאָטיוו זיינען געקומען אויף דער וועלט.

גאָר אין גיכן האָבן דאַמף־מאַשינען געפּאָמפּעט וואַסער, ארויסגעהויבן און אוועקגעפירט קוילן, געפירט פאַסאַזשירן, באַטריבן באַוול־שפּינדלעך און געדינט דעם מענטשן אויף טויזנט אַנדערע אופנים. די קוילן האָבן באַזאָרגט דעם דאַמף. ענגלאַנד האָט געהאַט קוילן. ענגלאַנד האָט עקספּלואַטירט אירע קוילן־זאַפּאַסן. די קוילן־גרובן זיינען געוואָרן פונקט אַזאַ באַקאַנטער טייל פון דער ענגלישער לאַנדשאַפט, ווי עס זיינען געווען די סטויגן היי און די שטאַלן אויף די פאַרמס. ארום די קוילן־גרובן האָבן זיך געדיכט צעוואַקסן די אינדוסטריען פון ענגלאַנד. מאַנטשעסטער, בירמינגהעם, שעפילד און לידס זיינען אויסגעבויט געוואָרן. דאָס לאַנד איז געוואָרן רייך, כאָטש עס איז אָנגעגאַנגען אַ העסלעכער פּראָצעס פון אינדיווידועלן שנעל רייך ווערן אויף דעם חשבון פון נאַציאָנאַלן וואוילזיין.

עס איז נאָך אַלץ דאָ אַ נאָכפראַגע אויף קוילן. קוילן באַזאָרגן באַ־הייצונג, באַלייכטונג און טרייב־קראַפט; קוילן־סמאָלע פלאַסטערט אונזערע וועגן; קוילן־פּראָדוקטן באַזאָרגן ערזאַץ־פּוטער צום עסן, פאַרבן פאַר קליידער און שטאָפן, און אַספּירין פאַר די נערוון. קוילן הערשן; און כאָטש זיי האָבן קאָנקורענטן, זיינען זיי נאָך אַלץ לעבנס־וויכטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט קוילן. עס האָט געהאַט מער קוילן ווי ענגלאַנד, עס האָט פאַרמאָגט מער קוילן ווי דער איבעריגער טייל פון אייראָפּע צוזאַמענגענומען. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אפילו קיינמאָל ניט גע'חלום'ט וועגן דעם פאַרנעם פון אירע נאַטור־אוצרות. בלויז מיט דער אַנטשטייאונג פון דער סאָוועטן־מלוכה איז אויפגעדעקט געוואָרן דער קאָלאָ־סאַלער פאַרנעם פון די רוסישע קוילן־זאַפּאַסן און זיי זיינען אָנגעווענדט געוואָרן צו באַדינען די באַדערפענישן פון לאַנד.

אין גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד האָט מען יערלעך פּראָדוצירט 29.1 מיליאָן טאָן קוילן; דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַרגרעסערט אָט־די פּראָדוקציע און אין 1938 זיינען ארויסבאַקומען געוואָרן 137 מיליאָן טאָן קוילן.

די קוילן־מאַפּע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט דער קוילן־מאַפּע פון צאַרישן רעזשים, ווען דער דאָן־געביט, דער „דאָנעצקי באַסעין" אין דעם דרום־טייל פון אייראָפּעיִשן רוסלאַנד איז

געוועז דער איינציגער קוואַל פון קוילן און איז געוועז געפערלעך אויסגע־שטעלט צו אַן אָנפאַל פון אַ שונא. די ענגלישע טרופּן אין קרים זיינען געשטאַנען אויף דעם וועג צום דאָן. די גאַנצע איבעריגע מאַפּע איז געווען ליידיג.

איצט אָבער געפינען זיך די געביידעס פון די קוילן־גרובן אין פלעצער, וועגן וועלכע מען האָט גאָר פריער ניט געהערט. צוערשט איז געקומען דער געאָלאָג; ער האָט געמאַכט אַ מאַפּע פון די קוילן־שיכטן, אריינגעקלאַפּט פלעקלעך און געזאָגט: „אָט דאָ גראָבט!" עס האָבן זיך באַוויזן אייזנ־באַנען; מען האָט זיך אריינגעגראָבן טיף אין דער ערד; מען האָט אויפ־געבויט וואוינונגען; פאַמיליעס האָבן דאָ אָנגעהויבן וואַקסן. עס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן פאַרמס אויף צו באַזאָרגן די אַרבעטער מיט פּוטער, אייער, פלייש און פרוכטן. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מיל. עס איז געקומען דער בעקער. עס איז געקומען דער סטאָליער, דער שניידער, דער שוסטער, די שול, די דרוקעריי און די מואווי.

אָט־דאָס פּאַסירט ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בויט קוילן־גרובן. דאָס פּאַסירט אַלע מאָל אַזוי, ווייל עס ווערט געטאָן לויט אַ פריערדיגן פּלאַן. ס'איז אויסגעפּלאַנירט געוואָרן, אַז די באַפעלקערונג זאָל זיך אויסשפּרייטן און זאָל וואַקסן. עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז די פּוסטע פּלעצער זאָלן זיך צעבליען ווי אַ רויז אַזוי, אַז מענטשן אין ווייטע ווינקלען פון דעם לאַנד זאָלן קאָנען וואַקסן ניט דורך עקספּלואַטירן דעם איינענעם מיטמענטש, נאָר דורך עקספּלואַטירן די רייכטימער פון דער אייגענער געגנט.

דאָס לאַנד איז נאָכגעגאַנגען דעם געאָלאָג בשעת ער האָט געשפּאַנט און אריינגעקלאַפּט זיינע פּלעקלעך איבער דעם גאַנצן קאָנטינענט. גרויסע פלעקער זיינען אריינגעקלאַפּט געוואָרן אין מערב און מזרח סיביר, וואָס זיינען אין סאַמע צענטער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף אַ העלפט וועג צווישן די צוויי גרעסטע אָקעאַנען אין דער וועלט און אין פּלעצער, וועגן וועלכע מען האָט פריער זעלטן ווען געהערט.

ווער האָט געוואוסט וועגן קוזנעץ צופוסנס פון די אַלטאַי־בערג, וואָס מיילן אָפּ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פון דער ווייטסטער מערב־כינע און פון מאָנגאָליע? מסתמא האָט קיינער פון אונז פּלאַץ ניט געהערט, אויסער די אינזשענערן, וואָס האָבן זיך גענומען ארויסבאַקומען קוזנעצער קוילן פאַר די טראַנס־סיבירישע לאָקאָמאָטיוון.

עס ווערט געשאַצט, אַז די קוזנעצער קוילן־זאַפּאַסן דערגרייכן ביז 450,000 מיליאָן טאָן, פון וועלכע 54,000 מיליאָן טאָן זיינען פון העכסטן סאָרט. אויב קוילן זאָלן באַנוצט ווערן אין זעלבן סכום ווי איצט, קאָנען די קוזנעצער זאַפּאַסן באַזאָרגן מיט קוילן די גאַנצע וועלט פאַר די קומענדיגע 300 יאָר.

דאָס איז אָבער נאָך נים דער סוף פון דער געשיכטע. אפשר איז דאָס נאָר בלויז דער אָנהויב. ווייל ווען איר פאָרט צו צפון פון קוזנעץ אַלץ אַרום דער זעלבער אַקס צווישן אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק און ווען איר האַלט זיך לעבן די ברעגן פון טייך יעניסעי, וועלכער לויפט דורך מזרח־סיביר און פאַלט אַריין אין אַרקטישן ים, וועט איר דעמאָלט דורכשפּאַנען דורך נאָך אַ קוילן־פעלד, וואָס פאַרשפּרעכט איבערצושטייגן אפילו דעם קוזנעצער שטח.

ריזיגע קוילן־זאַפּאַסן זיינען אויך אויפגעדעקט געוואָרן אין דער פּעטשאָרע־געגנט אין דעם פאַרפרוירענעם צפון, און לעבן קאַראַגאַנדאַ אין די הייסע סטעפּעס פון קאַזאַקסטאַן.

דער „דאָנבאַס״ (דאָן־געביט) מיט זיינע גרויסע קוילן־זאַפּאַסן ליגט ביי דער מערב־גרענעץ פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און וואָס איז מכח דער מזרח־גרענעץ? וואָס איז מכח די גרענעצן לעבן יאַפּאַן? אויב אַ מלחמה זאָל אויסברעכן צווישן יאַפּאַן און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, מוז מען טאַקע פירן מלחמה־מאַטעריאַלן דורך דער גאַנצער לענג פון אַ ריזיגן קאָנטינענט מיט דער הילף פון איין־איינציגער אייזנבאַן־סיסטעם? אָדער זיך פאַרלאָזן אויף ים־וועגן, וואָס קאָנען לייכט אַטאַקירט ווערן? און יאַפּאַן סטראַשעט דאָך אין מזרח, ווי דייטשלאַנד טוט עס אין מערב.

דער מזרח האָט דערפאַר געפאָדערט זיינע אייגענע אינדוסטריען פאַר שוץ און פאַר דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם. און אויב מען מוז בויען אינ־דוסטריען, מוז מען געפינען קוילן. האָבן די סאָוועטישע געאָלאָגן ווידער אָנגעצייכנט די קוילן־שיכטן אויף דער מאַפּע און אַריינגעקלאַפּט פלעקער. דאָס מאָל לענג־אויס דעם טייך אַמור, וועלכער פאַלט אַריין אין ים צו צפון פון יאַפּאַן. דאָ איז אַנטדעקט געוואָרן אַ קוילן־פעלד אין מזרח, וואָס איז אַזוי רייך ווי די דאָנעצער פעלדער אין מערב, און מיט זאַפּאַסן, וואָס ווערן געשאַצט ביז 100,000 מיליאָן טאָן.

נאָך אַ פעלד בעט זיך אָבער מען זאָל עס דערמאָנען. היטלער האָט אויף אָט־דעם פעלד געוואָרפן זיינע זשעדנע אויגן, און ער האָט עס אָפן געזאָגט איידער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט ביי היטלערן צוגענומען דעם מוט צו קוקן אַזוי דרייסט אַהין. דאָס פעלד ליגט אין די אוראַל־בערג, וואָס צעטיילן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף מזרח און מערב העלפטן, און געפינט זיך אין אַ דיסטריקט, וואו עס איז אויך דאָ איבערגענוג אייזן־ערץ. די קאָמבינאַציע פון אָט־די מינעראַלן גיט־צו אַ באַזונדער וויכטיגקייט די קוילן־פעלדער פון אוראַל, ווייל אייזן־ערץ איז נוצלאָז אָן קוילן. אימפּאָרטירטע קוילן קאָסטן 40 רובל אַ טאָן; די קוילן אויפן פלאַץ קאָסטן אָפּ בלויז פון 22 ביז 27 רובל אַ טאָן. אַזוי ווערט געשאַפן די מעגלעכקייט אויפצובויען איינעם פון די גרעסטע אייזן־פּראָדוצירנדיגע צענטרען אין דער וועלט. אַרום 1942 וועלן געעפנט ווערן אין אוראַל 35 נייע קוילן־גרובן און דער געפּלאַנטער אַרויסבאַקום פון קוילן וועט פאַר־

גרעסערט ווערן אויף צוויי און א האלב מאל אין פארגלייך מיט דער איצטיגער פראדוקציע.

די וויסנשאפט האט א סך אויפגעטאן פאר קוילן. די געאלאגישע וויסנשאפט האט אנטדעקט קוילן, די אינזשענערישע וויסנשאפט דערגראבט זיך צו די קוילן, האקט זיי אויס, צעזעגט זיי, הויבט זיי אויף אויף באוועגלעכע פאסן און פירט זיי אוועק. די כעמישע וויסנשאפט נעמט די קוילן און דיסטילירט פון זיי סמאלע, פארפומען, פארבן, שפייזן און מעדיצינען. די וויסנשאפט פארקלענערט די ארבעט־שטונדן ביים ארויסבאקומען קוילן. די וויסנשאפט באפרייט דעם מענטשן פון די באזונדער־געפערלעכע ארבעטן, וואס האבן פריער געצוואונגען זיך אריינצוגראבן טיף אין דער ערד, זיך צונויפקראמפּעווען, זיך איינבויגן אין דרייען און ווערן אפגעריסן פון דער ליכט פון טאג.

און ווען די וויסנשאפט אין סאוועטן־פארבאנד באפרייט מענטשן פון איין ארבעט, באזארגט זי זיי גלייך מיט אן אנדער ארבעט. מענטשן ווערן ניט ארויסגעווארפן אויף דעם מיסט־הויפן, ווי מיר האבן דאס געזען אין אנדערע פלעצער.

די וויסנשאפט רוט קיינמאל ניט. זי שפרייזט צו אלץ נייע דער־גרייכונגען. די וויסנשאפט אין סאוועטן־פארבאנד האט אינזינען געזונט און שיינקייט אזוי גוט ווי מאטעריעלע פראדוקציע. די וויסנשאפט העלפט דעם קינסטלער און דעם דאקטאר. די וויסנשאפט, ווי מיר האבן שוין אנ־געוויזן, גאזיפיצירט קוילן אינעווייניג אין דער ערד, און מיט א מינימום פון מענטשלעכער הילף ווערט געשאפן באלייכטונג, באהייצונג און טרייב־קראפט, וואס ווערט צוגעשטעלט דירעקט צו דעם געברויכער, און עס ווערט פארמידן דאס ברענען פון קוילן אין אפענע אויוונס, וואס דאס פארפעסטעט די לופט, רואינירט געביידעס און פארשטעלט די אולטרא־פיאלעט שטראלן פון דער זון. די רויע קוילן־פייערן זיינען פאראנטווארטלעך פאר ביינער־קראנקהייטן ווי ראכט, פאר שווינדזוכט און א סך אנדערע קראנקהייטן. אט־די פייערן לאזן איבער א צייכן פון העסלעכקייט אין די אינדוסטריעלע געביטן. לענין האט דאס באגריפן און ער האט געקעמפט קעגן אינדוסטריעלער העסלעכקייט, ווען ער האט פארגעשלאגן צו גאזיפיצירן קוילן אנשטאט זיי צו טראנספארטירן. די סאוועטישע ארבעטער וועלן האבן קלארע הימלען און ניט־פארסמאזשעטע היימען.

## 3. שווארץ גאלד

אויל אלס הייץ־מאטעריאל איז פונקט אזוי נויטיג פאר דעם מאדערנעם שטאט, ווי קוילן. אויל איז פאר דעם צוואנציגסטן יארהונדערט דאס זעלבע, וואס קוילן זיינען געווען פאר דעם ניינצענטן יארהונדערט. קוילן האלטן אן

זייער הערשאַפט און ברייטערן אַלץ אויס זייער ניצלעכקייט, נאָר אויל הערשט שוין איצט זייט ביי זייט מיט קוילן, און אויל — דאָס שוואַרצע גאָלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — פאַרמעסט זיך צו ווערן דער גרעסערער שותּף. אויל באַטרייבט אויטאָמאָבילן, עראָפּלאַנען און ים־שיפן.

און איבער אַלץ נויטיגט זיך די נאַציאָנאַלע פאַרטיידיגונג אין אויל. אַ מעכאַניזירטע אַרמיי איז הילפלאָז אָן אויל. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אויף אויל־קוואַלן זיינען אָנגעשטעלט אַזוי פיל זשעדנע אויגן. די פּאָליטישע וועלט מאַנעווירט צו קריגן דעם קאָנטראָל איבער געביטן, וואָס פאַרמאָגן אויל. אויל שפּילט די וויכטיגסטע ראָל אין דער פּאַלעסטינער פראַגע. מיר הערן אַ סך וועגן אידן און אַראַבער און מיר הערן ווייניק וועגן אויל. אָבער אין פּאַלעסטינע געפינען מיר זיך גראַד צוליב אויל. די אויל־רערן פון איראַק זיינען דער שליסל צו דער פּאַלעסטינער פראַגע.

אויל טרייבט דייטשלאַנד אין דער ריכטונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט ווי אויל האַלט אונז אין פּאַלעסטינע, און אַלע זיינען מיר אויפגע־רודערט וועגן מעקסיקאַנער אויל. עס איז אוממעגלעך צו באַנעמען ווי ס'נעהער צו זיין די שפּיל און זייטיגע גענגעלעך פון די מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אויב מען איז ניט באַהאַוונט אין דער פראַגע פון אויל און אויל־באַזאָרגונג.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נויטיגט זיך אין אויל ניט ווייניגער, ווי אַנדערע לענדער. פאַרקערט, ער דאַרף האָבן נאָך מער, ווייל זיינע מעכאַניזירטע כחות זיינען די גרעסטע אין דער וועלט און זיינע שאַנסן אויף צו קריגן אויל פון וועלכן ניט איז קאַפּיטאַליסטישן לאַנד אין פאַל פון אַ מלחמה זיינען נאָר נישטיגע. אַ מאַנגל אין אויל קאָן זיך אַרויסווייזן צו זיין פאַטאַל. דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פעלט אָבער ניט אויס קיין אויל. ער פאַרמאָגט אַזעלכע אויל־זאַפּאַסן, וואָס קיין לאַנד אין דער וועלט קאָן זיך מיט דעם ניט פאַר־גלייכן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ אין פאַקטישער אויל־פּראָדוקציע און ער איז אויפן ערשטן פּלאַץ אויף דעם געביט פון עלעקטריפיצירן די אויל־אינדוסטריע.

אין צאַרישן רוסלאַנד איז די אויל־אינדוסטריע געווען באַגרענעצט אויף איין קליינעם שטח אין קאַווקאַז. אין דעם דרום־טייל פון די קאַווקאַזער בערג האָט באַקו — דער גרעסטער צענטער — געליפערט 83 פּראָצענט פון דעם רוסישן אויל. גראָזני, ביי די צפון־בערג, האָט צוגעשטעלט 13 פּראָצענט. די אויסאַרבעטונג פון אויל אין די איבעריגע טיילן פון רוסלאַנד, אין עמבאַ אויף דעם צפון־מזרח־ברעג פון דעם קאַספּישן ים, אין דעם פערגאַן־טאָל אין צענטראַל־אַזיע און אויף דעם סאַכאַלין־אינזל, וואָס רוסלאַנד האָט בשותּפות מיט יאַפּאַן, איז געווען אומבאַדייטנדיג.

סאָוועטישע געאָלאָגן האָבן איצט אַנטדעקט כמעט אומבאַגרענעצטע זאַפּאַסן אויל. נאָך וויכטיגער איז זייער אַנטדעקונג, אַז די אויל־זאַפּאַסן זיינען

אויסגעשפרייט אויף גרויסע שטרעקן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. אַ שיכט, וואָס אַנטהאַלט אויל, לויפט צו צפון פון באַקו און ציט זיך אומגעפער אין דער לענג פון די אוראַל־בערג, וואָס צעשניידן דעם קאָנטינענט אין צווייען פון צפון צו דרום.

אין דעם ווייטן צפון ביי דעם אוכטאַ־טייך אין דעם פּעטשאָרא־טאָל לעבן דעם אַרקטישן ים שטייען אויף צווישן די פיכטן־וועלדער און אין אַ ניט־באַזעצטער געגנט, וואָס האָט ניט קיין וועגן, די וואַויל־באַקאַנטע הויב־מאַשינען און גראַב־מאַשינען, אַרומגערינגלט מיט די וואוינונגען פון אַרבע־טער, מיט עלעקטרישע קראַפט־זאַוואָדן און מיט דראָטלאָזע סטאַנציעס. צו דרום־צו לענג־אויס די אוראַל־בערג געפינט זיך אַ קייט פון סטאַנציעס: טשאַסער און סטערליטאַמאַק אין באַשקיריע, עמבאַ אויף דעם צפון־ברעג פון דעם קאַספּישן ים און, צולעצט, די סאַמע זידלעכע קוואַלן אין טורקמעניע. באַקו האָט פאַרלוירן די אויבערהערשאַפט.

סטערליטאַמאַק, וואָס איז אַ רינג אין אָט־דער צפון־דרומדיגער קייט, און וואָס ליגט ביי די אוראַל־בערג כמעט אויף דער זעלביגער געאָגראַפישער הויך ווי מאָסקווע, נאָר אַרום 600 מייל צום מזרח, פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן אינטערעס, ווייל ער באַזאָרגט די באַדערפענישן פון די וואַקסנדיגע אוראַל־אינדוסטריען, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף די רייכע מינעראַל־קוואַלן פון די אוראַל־בערג, און וואָס זיינען ווייט אַוועק פון אַ מעגלעכער אַטאַקע פון דייטשע עראָפּלאַנען.ביידע ברעגן פון דעם ווייסן טייך, וואָס לויפט אַראָפּ פון די אוראַל־בערג, זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט אויל־פּאָמפּעס.

אָט־די אַנטדעקונג פון אויל אין סאַמע צענטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — אין סטערליטאַמאַק, קראַסנאָקאַמסק, אַרונטער לעבן דעם ווייסן טייך, אַרונטער לעבן דעם טייך קאַמאַ און ביי דעם אַריינגוס פון אָט־דעם טייך אין דער וואָלגאַ — האָט אַ ריזיג גרויסע באַדייטונג. ניט נאָר ווערן דורך דעם באַזאָרגט די באַדערפענישן פון אוראַל־געגנט, נאָר די קוואַלן גע־פינען זיך באַקוועם פאַר טראַנספּאָרט דורך יבשה און דורך וואַסער־וועגן וואוהין מען זאָל נאָר דאַרפן צושטעלן דעם אויל, און צוזאַמען מיט די זאַפּאַסן אויל, קוילן און אַנדערע מינעראַלן ווערט געשאַפן אַ מעכטיגע אינדוסטריע אין סאַמע הארץ פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַן אינדוסטריע, צו וועלכער דער שונא קאָן ניט צוקומען אַזוי לייכט. די אוראַל־בערג ווערן שנעל פאַרוואַנדלט אין דער מעכטיגסטער פעסטונג אין דער וועלט.

ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן געאָלאָגישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע אין חודש יולי 1937, האָט פּראָפעסאָר גובקין אָפּ־געשאַצט, אַז די אויל־רעסורסן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד דערגרייכן ביז 6,376.3 מיליאָן טאָן. אין זעקס חדשים אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט־די אָפּשאַצונג איז ניט געווען קיין ריכטיגע, ווייל זי האָט געזינדיגט אויף דער זייט פון ניט־דערשאַצונג. מען קאָן גאָר ניט אָנווייזן קיין גרענעץ צו

די אויל־זאַפּאַסן ביז די גאַנצע ריזיגע טעריטאָריע וועט ניט אויסגעפּאָרשט ווערן. די אויל־פּראָדוקציע, וואָס איז געפאַלן פון 9.2 מיליאָן טאָן אין 1913 צו 3,893,000 טאָן אין 1920, האָט זיך אַ הויב געטאָן צו 30.6 מיליאָן טאָן אין 1937, און די מאָס פון פאַרגרעסערונג שטייגט אַלץ מער.

## 4. די טייכן ווערן איינגעשפּאַנט

עלעקטריציטעט איז די באַדינערין פון דער היים. עס נעמט אַראָפּ לאַסטן פון דער באַלעבאָסטע. עס מאַכט איינפאַכער דאָס שטוב־לעבן. מיר גיבן אַ קוועטש אַ קנעפּל און עס ווערט ליכטיג. ליכט, שוועבעלעך און לאָמפּן פאַרשווינדן. מיר גיבן אַ קוועטש אַ קנעפּל און עס ווערט וואַרעם. קוילן און שפּענער און שטויב פאַרשווינדן. מיר באַנוצן עלעקטריציטעט פאַר דעם טשייניק, פאַר דעם אויוון און פאַר דעם בראָט־אייזן. עס איז מער ניטאָ קיין פּלאָם און קיין סאַזשע. עלעקטרישע פּרעסלעך פּרעסן אונזערע קליידער. עלעקטרישע וואַקיואומס ראַטעווען דער הויז־באַדינערינ'ס קני און פאַרמיידן וואָלקנס שטויב. עלעקטרישע זייגערס דאַרף מען ניט אָנציען און מיט זיי וועט מען שוין צו קיין באַן ניט פאַרשפּעטיגן.

עלעקטריציטעט איז די באַדינערין פון דער אינדוסטריע. די מאָדערנע פאַבריק דערוואַרטעט זיך פון די איבערגעפּאַקטע צענטרען און אָרדנט זיך איין אין דאָרפישע געגנטן. פאַבריקן פאַרלאָזן די פּלעצער לעבן מאַינס און לעבן אייזנבאַנען. ברייטע שליאַכן און טראַקס לייזן די פּראָבלעמען פון טראַנספּאָרטאַציע. דער עלעקטריק־טורעם לייזט די פּראָבלעם פון באַלויכטונג, באַהייצונג און פון טרייב־קראַפט. און אויב מיר זאָלן נאָר וועלן, קאָן אַן אינדוסטריעלע קאָלאָניע אויסזען פּונקט אַזוי אָנציענדיג, ווי אַן אָקספאָרדער קאָלעדזש.

עלעקטריציטעט גיט דעם מענטשן אַ גאָר נייע מאַכט אין זיינע הענט.

נאָך אַ לאַנגע צייט צוריק, אין לעצטן יאָרהונדערט, האָט קאַרל מאַרקס און אויך ענגעלס באַגריפן מיט אַ פּראָפעטישער וויזיע די באַדייטונג, וואָס עס קאָן האָבן פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג די נייע אַנטדעקונגען פון עלעקטריציטעט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אין די ווינדעלעך. זיי האָבן באַגריפן — נאָך אפילו איידער די וויסנשאַפטסלייט אַליין האָבן דאָס באַגריפן — אַז טרייב־קראַפט ווי אויך באַלויכטונג וועט מיט דער צייט לויפן דורך דינע דראָטן און וועט רעוואָלוציאָניזירן אונזערע אינדוסטריען.

דעם 8טן נאָוועמבער, 1882, האָט קאַרל מאַרקס געשריבן צו פרידריך ענגעלס:

„טייערער פרעד: וואָס טראַכטסטו וועגן דעם עקספּערימענט פון דעפּרעז'ן ביי דער מינכענער עלעקטרישער אויסשטעלונג? עס איז שוין באַלד אַ יאָר זינט לאָנגע האָט צוגעזאָגט מיר צו קריגן די שריפטן פון

דעפּרעז (וואו עס ווערט ספּעציעל באַוויזן, אַז עלעקטריציטעט מאַכט מעג־לעך דאָס אַריבערשיקן פון קראַפט אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ מיט דער הילף פון געוויינלעכע טעלעגראַף־דראָטן . . .)."

דעם 11טן נאָוועמבער, 1882, האָט ענגעלס געענטפערט:

„טייערער מור. . . . איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די איינצלהייטן פון דעם עקספּערימענט, ווי דעפּרעז האָט געמאַכט אין מינכען; עס איז פאַר מיר אַבסאָלוט ניט קלאָר ווי אַזוי די ביז־איצטיגע פּעסטע געזעצן פאַר דער אויסרעכענונג פון ווידערשטאַנד פון מאַ־טעריאַלן, וואָס קאָנדויִרן (גיבן איבער) היץ און קעלט, און וואָס זיינען אויך באַנוצט געוואָרן אין דער פּראַקטיק פון אינזשענערן (אין זייערע אויסרעכענונגען) קאָנען איצט בלייבן אין קראַפט. ביז איצט האָט מען געהאַלטן, אַז פאַר קאָנדויִרער פון דעם זעלבן מאַטעריאַל ווערט דער ווידערשטאַנד פּאַרגרעסערט אין פּראָפּאָרציע צו דער פאַרקלענערונג פון דער דיקקייט פון דעם קאָנדויִרנדיגן דראָט. איך וואָלט וועלן, אַז מען זאָל קאָנען קריגן די זאַך ביי לאָנגע'ן. די דערפינדונג מאַכט מעגלעך אויסצונוצן די ריזיגע וואַסער־קראַפט, וואָס איז ביז איצט געגאַנגען אין ניוועץ."

עס ליגט פאַר מיר דאָס בילד פון דעם עקספּאָנאַט, וואָס דעפּרעז האָט געוויזן ביי דער מינכענער אויסשטעלונג אין דעם יאָר 1882. אַ מאָטאָר, געטריבן פון וואַסער, און אַ גענעראַטאָר אין מיסבאַך האָט באַוועגט אַ פּאָמפּ אין מינכען, וואָס איז געווען 60 קילאָמעטער פון דאָרטן. צוויי דינע טעלע־גראַפישע דראָטן האָבן מעגלעך געמאַכט דעם וואונדער.

די גרינדער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם האָבן ניט נאָר באַגריפן די וואונדערלעכע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונג, נאָר האָבן אויך פאָראויס־געזאָגט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאָנסעקווענצן, וואָס האָבן געמוזט קומען אַלס רעזולטאַט פון אָט־דער דערפינדונג. ווען עלעקטריציטעט האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן, האָט שוין מאַרקס פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ באַזע פאַר אַ סאָציאַליסטישער טעכניק.

לענין האָט נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל פון מאַרקסן אין זיין ענטוזיאַזם פאַר עלעקטריציטעט און אין זיין אָנערקענונג פון דער קאָלאָסאַלער וויכטיג־קייט פון עלעקטריציטעט אין אַ סאָציאַליזירטער אינדוסטריע. אין די ערשטע און זייער געפערלעכע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט ער פאָרמולירט זיין בליק מיט אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט. ער האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער ווירטשאַפט פון לאַנד, איז „אָפּצוגעבן ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דער עלעקטריפיצירונג פון דער אינדוסטריע און פון טראַנספּאָרט, און צו דער אָנווענדונג פון עלעקטריציטעט אין דער אַגריקולטור".

לעניג'ען איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף אַ ניט־צוגעגרייטן באָדן.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט עקשנות'דיג פאַרנאַכלעסיגט די עלעקטרישע קראַפט. דאַמף האָט באַוועגט אירע מאַשינען; דאַמף האָט געשלעפּט אירע באַנען; גאַז און קעראָסין האָבן באַלויכטן אירע גאַסן, פאַבריקן און הייזער. מיט דער אויסנאַם פון מאָסקווע און סט. פּעטערסבורג, זיינען געווען זייער ווייניג קראַפט־סטאַנציעס, און דערצו זיינען זיי נאָך געווען זייער באַגרענעצט אין זייער קאַפּאַציטעט.

ניט געקוקט אויף איר גאַנצער ריזיגער גרויס, האָט רוסלאַנד פאַרנומען דעם פופצענטן פּלאַץ אין דער וועלט אין פּרט פון דער אויסאַרבעטונג פון עלעקטרישער ענערגיע, און אין פּראָדוצירן אַפילו אַט־דאָס ביסל עלעקטריק איז מען געווען שרעקלעך־פאַרשווענדעריש אין מאַטעריאַלן און ניט־וויסנ־שאַפטלעך אין די מעטאָדן פון אַרבעט. מען האָט געשלעפּט קיין מאָסקווע — מיט ריזיגע טראַנספּאָרטאַציע־קאָסטן — דעם בעסטן אויל פון קאַווקאַז און די בעסטע סאָרטן קוילן פון דאָנעץ און מען האָט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיגט די וואַסער־קראַפט פון אַ צאָל פון די מעכטיגסטע טייכן אין דער וועלט.

אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן דורך אַ סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, פאָדערט נויטיגערווייז אַ טרייב־קראַפט, וואָס זאָל קאָנען איבער־געגעבן ווערן אויף ווייטע שטרעקעס, וואָס זאָל זיין אומעטום צוגענגלעך און געניגענד און זאָל אויך ניט קאָסטן צו טייער. עלעקטריציטעט קומט־נאָך אַט־די אַלע פאָדערונגען. עלעקטריציטעט איז דער פונדאַמענט, אָן וועלכן מען קאָן זיך ניט באַגיין אין דער פּראָדוקציע אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב, ווי עס פאָדערט אַ סאָציאַליסטישע מלוכה.

לענין האָט פאָרמולירט אַ פּלאַן פון עלעקטריפיקאַציע, וואָס האָט באַ־צוועקט צו באַדעקן דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַ נעץ פון לאָקאַלע סטאַנציעס און טראַנסמיסיע־ליניעס. דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן אין 1920. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז דורכגעפירט זאָל דער פּלאַן ווערן אין אַ פּעריאָד פון צען ביז פופצן יאָר.

אין דעם זעלבן יאָר 1920 האָט מר. ה. דזש. וועלס גראָד באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט אויסגעקליבן אַ ביטערע, נאָר באַלערנדע צייט, פאַר זיין באַזוך, וואָרים אַפילו די פאַרשטעלונגס־קראַפט פון ענגלאַנד'ס אַרכי־טרוימער האָט ניט געקאָנט דורכרייסן דעם שלייער פון אויסערלעכן אומעט און כאַאָס פון אַ יונגער מלוכה אין די ערשטע ווייען פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, און ער האָט ניט געקאָנט קלאָר באַנעמען וואוהין אַט־דאָס נייע לאַנד גייט. פון דעם פענצטער פון זיין באַן־וואַגאָן האָט וועלס געזען דערפער מיט צעהויקערטע כאַטעס; ער האָט געזען אַ לאַנד, וואו פאַרהונגערטע און אומוויסנדיגע פּויערים האָבן צעשטערט די האַנדלס־פּונקטן. אין די שטעט האָט ער געזען אַרבעטער, וועלכע, זייענדיג געפירט — ווי מען קאָן דאָס זאָגן — פון פאַנאַטיקער, האָבן פּרובירט אָנווענדן די פּרינציפּן פון מאַרקסן צו אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך געלעבט אין דער עפּאָכע פון הילצערנעם אַקער.

וועלס זעט דעריבער אַ פולשטענדיגן צוזאַמענברוך פון רעגירונגס־מאַכט. כאָאָס טריאומפירט. אין זיין נאָטיץ־ביכל שרייבט ער אריין:

„אין 1920 האָט רוסלאַנד מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ פולשטענדיגן צוזאַמענברוך פון מאָדערנער ציוויליזאַציע. די אייזנבאַנען האָבן געזשאַווערט און זיינען שטופנווייז געוואָרן נוצלאָז. די שטעט זיינען געוואָרן אַלץ מער רואינירט.”

אין קרעמלין האָט ער באַגעגנט לענין'ען, און ער פאַרצייכנט ווידער ביי זיך אין נאָטיץ־ביכל:

„לענין, וועלכער רייסט אַרונטער, אַלס גוטער מאַרקסיסט, אַלע אוטאָפיסטן, איז ענדלעך אַליין געפאַלן אַ קרבן פון אַן אוטאָפיע — די אוטאָפיע פון די עלעקטריקער. ער גיט אַוועק אַלע זיינע כחות פאַר אַ פלאַן צו אַנטוויקלען גרויסע קראַפט־סטאַנציעס אין רוסלאַנד, וואָס זאָלן באַדינען גאַנצע פראָווינצן מיט באַלייכטונג, מיט טראַנספאָרט און מיט קראַפט. ער זאָגט, אַז צוויי עקספערימענטאַלע דיסטריקטן זיינען שוין עלעקטריפיצירט געוואָרן. קען אימיצער זיך פאָרשטעלן אַ מער געוואַגטן פראָיעקט אין אַ ריזיג פלאַך לאַנד פון אומוויסנדיגע פויערים, אַן וועלכער ניט איז וואַסער־קראַפט, אָן וועלכן ניט איז טעכנישן וויסן און מיט אַ האַנדל און אינדוסטריע, וואָס האַלטן ביים אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם? פראָיעקטן פאַר אַזאַ סאָרט עלעקטריפיקאַציע זיינען אין פראָצעס פון אַנטוויקלונג אין האָלאַנד, און זיי זיינען אויך פאַרהאַנדלט געוואָרן אין ענגלאַנד. אין אָט־די געדיכט־באַזעצטע און הויך־אַנטוויקלטע צענטערן קאָנען די פראָיעקטן זיין אַ דערפאָלג, דאָרט קאָנען זיי זיין עקאָנאָמיש און גאַנץ ניצלעך. אַנווענדן אָבער אָט־די פראָיעקטן אין רוסלאַנד, מיינט בלויז מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון דער פאַרשטעלונגס־קראַפט. איך קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, אַז עפעס אַזוינס זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן אין אָט־דעם פינצטערן רוסלאַנד. נאָר אָט־דער קליין־וואוקסיגער מאַן אין קרעמל קאָן דאָס יאָ זען....”

און דער קליין־וואוקסיגער מאַן איז געווען גערעכט. און וועלס איז געווען אומגערעכט. לענין האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ פראָבלעמען עס זיינען געשטאַנען אין קאָן.

„אָן אַ פלאַן פון עלעקטריפיקאַציע קאָנען מיר זיך ניט ספראַווען מיט דער אַרבעט פון אַקטועלן איבערבוי. מיר מוזן האָבן אָט־די פראָגראַם ווי אַן אָנגעוואָרפענעם פלאַן, וואָס זאָל געבראַכט ווערן צום גאַנצן לאַנד — אַן עקאָנאָמישן פלאַן, וואָס זאָל זיין אויסגערעכנט אין פאָראויס צום ווינציגסטן אויף צען יאָר צייט, און וואָס זאָל ווייזן דעם וועג ווי רוסלאַנד וועט לייגן דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט, וואָס קאָמוניזם פאָדערט.... קאָמוניזם איז די סאָוועטישע מאַכט פלוס די עלעקטריפיצירונג פון דעם גאַנצן לאַנד. אָן דעם וועלן מיר פאַרבלייבן אַ לאַנד פון קליינע פויערים־ווירטשאַפטן, און דאָס מוזן מיר גאַנץ קלאָר פאַרשטיין.”

בשעת אָט־די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן ביי דעם אַכטן אַל־רוסלענדישן קאָנגרעס, האָבן נאָך אַלץ געפייפט קוילן ביי די ברעגן פון דניעפּער; די קיטשקאַס־בריק איז אויפגעריסן געוואָרן און איז צע־שמעטערט געוואָרן אויף פּיצלעך; אַ דייטשע אָקופּאַציע־אַרמיי איז פּונקט דעמאָלט אַריין אין קיעוו.

און פּונקט אין יענעם מאָמענט, גלייך ווי מען וואָלט זיך גאָר ניט גע־רעכנט מיט דער געפאַר, אין וועלכער מען האָט זיך געפונען, האָט דער אינזשענער קריזשאַנאָווסקי זיך אויפגעהויבן אויף דער טריבונע אין באָלשאָי טעאַטער אין מאָסקווע און האָט פאָרגעבראַכט די סאַמע פאַנטאַסטישסטע פּלענער:

צוואַנציק עלעקטרישע סטאַנציעס, באַטריבן פון דאַמף און מיט אַ קאַפּאַציטעט פון העכער אַ מיליאָן קילאָוואַט; צען וואַסער־קראַפט סטאַנציעס מיט אַ קאַפּאַציטעט פון העכער 640,000 קילאָוואַט האָבן לויט די דאָזיגע פּלענער געזאָלט אויפגעשטעלט ווערן אין אַ לאַנד, וואו אַפילו גאַז־באַלייכטונג איז נאָך געווען אַ גאַנץ זעלטענע זאַך.

דער מענטש האָט מיט גרויס ערנסטקייט פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן צו באַ־דעקן מיט אַ נעץ פון דראָטן אַ פּרימיטיוו לאַנד, וואָס איז געווען אין דער ערשטער קינדער־שטופע פון אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס האָט ניט געהאַט קיינע מאַטעריעלע רעסורסן, און האָט זיך געצאַפּלט אין די ווייען פון בירגער־קריג. די איראָניזירנדיגע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיין רעדע באַצייכנט מיט דעם נאָמען „עלעקטראָפיקציע”.

אין באַצוג צו דעם פּלאַן וועגן עלעקטריפיקאַציע האָט סטאַלין אַזוי גע־שריבן צו לענינען אין מערץ, 1921:

„איך שלאָג פאָר:
„1) אַז קיין מינוט זאָל מער ניט פאַרלאָרן ווערן אויף רייד וועגן דעם פּלאַן;
„2) אַז אַ פּראַקטישער אָנהויב זאָל באַלד געמאַכט ווערן;
„3) און אַז צום ווינציגסטן אַ דריטל פון אַלץ, וואָס מיר אונטער־נעמען, זאָל זיין אונטערוואָרפן דער דורכפירונג פון אָט־דעם אָנהויב.”

אַן אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם דניעפּער. די אינסטרומענטן פון סאָוועטישע ערד־מעסטער האָבן פאַרביטן די דייטשע קאַנאָנען. דער פּלאַן האָט זיך אָנגעהויבן. די מעגלעכקייטן זיינען געוואַקסן וואָס ווייטער דער פּלאַן איז פאַרגרעסערט געוואָרן. אין אָנהויב האָט מען פאָראויסגעזען אַ סיסטעם עלעקטראָ־סטאַנציעס פון 350,000 פערד־קראַפט. שפּעטער האָט מען שוין איינגעזען, אַז עס איז מעגלעך צו האָבן 810,000 פערד־קראַפט.

פעלזן זיינען צעשמעטערט געוואָרן; מען האָט אויסגעלייגט רעלסן אין די בערג; אַ שטאָלענע אַרמיי פון הויב־מאַשינען, עקסקאַוואַטאָרס און מאַ־שינען צו בויערן האָבן אַטאַקירט און באַזיגט און איינגעשפּאַנט אַ ריזיגע

מאסע וואסער, וואס באוועגט זיך מיט א שנעלקייט פון 3,000 קובישע מעטער א סעקונדע. פויערים, יונגע און אלטע, האבן זיך א ווארף געטאן דורכצופירן די נויטיגע ארבעטן. עס זיינען אויסגעגראבן געווארן ריזיגע גרובן. בעטאן (קאנקריט) איז געגאסן געווארן שטראמענווייז. מר. טאמסאן, דער אמעריקאנער ספעציאליסט, באריכטעט:

„איך האב געזען ווי מען האט געגאסן בעטאן אין פארשיידענע טיילן פון דער וועלט און עס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס מיר קומט אוים צו קוקן אויף א מבול פון בעטאן, נאר וואס עס איז מערקווירדיגער פון אלץ איז וואס דער מבול האלט אן מיט דער זעלבער קראפט און וואס אלע ווי איינער זיינען דורכגעדרונגען מיט באגייסטערונג און מיט ענערגיע, און אלע זיינען אריינגעצויגן אין דער אויפגאבע צו גיין פאר־אוים מיט אימפעט."

ביים דניעפראסטראי איז געשאפן געווארן א נייער וועלט־רעקארד פון גיסן בעטאן.

ארום 20 מינוט נאך פינף פארנאכט דעם 28טן מערץ, 1932, איז אריינגעגאסן געווארן דער לעצטער עמער בעטאן, און די דאמבע איז געווען פארענדיגט פריער פון דער באשטימטער צייט. פעלזן, וואסער־פאלן און ברעגן זיינען לאנגזאם פארפלייצט געווארן. פינף און ניינציג קילאמעטער פון קאכעדיגע וואסער־פאלן זיינען געווארן א שטראם, וואס איז פאסיג פאר שיף־פארקער. דער טייך איז באזיגט געווארן און דאס וואסער האט זיך אויפגעהויבן צו דער הויך פון א זעקס־שטאקיג הויז און האט זיך אויסגעשפרייט אין א ריזיגן לעיק, וואס האט זיך געצויגן ווייט און גלאט. גרויסע שיפן, וואס זיינען אויפגעהויבן געווארן דורך גיגאנטישע „שלעסער" (וואסער־קאמערן אויף פארשיידענע שטופן פון הויכקייט), זיינען געפארן פון ים דורך טיפע און רואיגע וואסערן ארויף־צו און ווייט אין סאמע הארץ פון די סטעפעס.

דאס קאכעניש איז איצט באהאלטן, מיט קיין אויג ניט צו זען. די וואסערן פון די טיפע און רואיגע באסיינען ווערן אריינגעצויגן אין די רערן פון ניין טורבינען, וואס ליגן באהאלטן אין בעטאן ווי מאנסטערהאפטע און פארגליווערטע שלאנגען. א מאסע וואסער לויפט־דורך דורך א קיילעכדיגן קארידאר, וואס איז זיבן יארד אין דער ברייט, און שלאגט זיך אפ אן די פליגל פון די טורבינען, פראדוצירנדיג א טרייב־קראפט, וואס איז צוויי מאל גרעסער פון דער קראפט, וואס ווערט פראדוצירט ביים ניאגארא־וואסער־פאל. עס איז געשען א נס. די קאכעדיגקייט פון די פריערדיגע וואסערפאלן גייט דורך אומזעבאר און גערוישלאז דורך דראטן, וואס ציען זיך אין דער הויך, אויף אראפצונעמען א לאסט פון מענטשלעכע פלייצעס און צו דינען דעם מענטשן אויף טויזנטערליי אופנים.

ביים געזעגענען זיך מיט וועלס'ן האט לענין אים געזאגט: „קומט נאך

אַמאָל קיין רוסלאַנד אין צען יאָר אַרום, און דעמאָלט וועט איר זען, וואָס מיר וועלן האָבן אויפגעטאָן." דאָס איז געווען אין 1920. אין 1932 איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער גרעסטער עלעקטרישער גיגאַנט פון אייראָפּע אין דעם לאַנד פון דעם „מוזשיק" און אין דעם לאַנד פון „עקאָנאָמישן כאַאָס".

פופצן יאָר שפּעטער איז דער פּלאַן שוין געווען דורכגעפירט אויף 150 פּראָצענט. סלופּעס און דראָטן זיינען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג פון סאָוועטישער לאַנדשאַפט. פּאָרט אַוועק ווייט צו צפון, און איר וועט טרעפן אַן עלעקטרישע סטאַנציע אין דעם קאָלאַ האַלב־אינזל, וואו די טעמפּעראַטור פאַלט ביז 40 גראַד אונטער נול, און וואו דער פּאַרפרוירענער באָדן טעמפּט אָפּ דעם שאַרף פון דעם האַרטסטן שטאָל. אַ צווייטע סטאַנציע געפינט זיך נאָך ווייטער צו צפון, ביי די ברעגן פון דעם אַרקטישן ים.

פּאָרט ווידער צום סאַמע דרום, צו די אַנגעגליטע סטעפּעס פון קאַזאַק־סטאַן, אָדער צו די איינזאַמע בערגלעך און טאָלן פון טאַדזשיקיסטאַן, וואו אַ שווימענדיגער קנויט אין אַ שיסל מיט אויל פלעגט באַנוצט ווערן צו באַ־לויכטן אַ פּרימיטיווע כאַטע, און וואו אַלע אַרבעטן פלעגן זיך ענדיגן, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. דאָרט שימערירן איצט עלעקטרישע לעמפּלעך אין קאַטעדזשעס, אין פּאַרוואָרפענע וואוינונגען, און אין די גאַסן פון דערפער. עלעקטריציטעט איז אַריבערגעשפּרונגען די סטאַדיע פון דעם קעראָסין־לאָמפּ, און אין גוט־באַלויכטענע צימערן לייענען קינדער זייערע ביכער און פאַמיליעס געניסן פון די פּרוכט פון אַ ציוויליזירט לעבן.

עלעקטריציטעט פאַרמאָגט איר ראָמאַנטישקייט און מאַכט מעגלעך פאַר דעם אינזשענער פריי־צולאָזן זיין פאַנטאַזיע. אין אַרמעניע — אין דעם לאַנד פון אַן אוראַלטער קולטור, דאָרט, וואו דער אַראַראַט הויבט צום הימל זיינע שפּיצן, און וואו שוימענדיגע שטראָמען טראָגן זיך מיט אַ דונער באַרג־אַראָפּ צו די אָפּגרונטן — דאָרט ליגט העכער פון דעם טאָל דער גרויסער לעיק סיוואַן. ער איז צוויי קילאָמעטער העכער פון דער פלאַך פון דעם ים. זיינע טיפע וואַסערן, וואָס שפּרייטן זיך אויס אויף אַ שטח פון 1,500 קוואַד־ראַט קילאָמעטער, ווערן געגערט פון זיבן און צוואַנציג קליינע טייכן. מיליאָנען גאַלאָן וואַסער פלעגן אויסגעוועפּט ווערן און פאַרשווינדן אין דער אָנגעגליטער לופט. און נאָך מיליאָנען גאַלאָן וואַסער פלעגן אַוועקלויפן אין דעם זאַנגאַ־טייך, אָן וועלכן ניט איז נוצן, בשעת מעגלעכע קופּער־שמעלצערייען, גומי־פאַבריקן, באַוול־פאַבריקן, זייד־פאַבריקן און שטיין־האַקערייען האָבן בלויז געוואַרט אויף דער קראַפט, וואָס זאָל זיי נעמען באַוועגן, און פעלדער, וואָס קאָנען געבן גרויסע גערעטענישן, האָבן בלויז געוואַרט אויף דעם וואַסער, וואָס זאָל זיי אָנטרינקען.

אין אַ בריוו צו די קאָמוניסטן פון טראַנסקאַווקאַז אין אַפּריל, 1921, האָט לענין אָנגעוויזן, אַז עס איז נויטיג „אָנצוהויבן גרויסע אַרבעטן פאַר עלעקטריפיקאַציע און באַוואַסערונג". אַרום 1936 האָבן די וואַסער־סטאַנציעס

אין אַרמעניע אַרויסגעגעבן יערלעך 141 מיליאָן קילאָוואַט־שטונדן ענערגיע. דער לעיק סיוואַן איז איינגעצוימט געוואָרן — איינגעצוימט געוואָרן אַזוי געשיקט און מיט אַזויפיל פאַרשטעלונגס־קראַפט, אַז וואָס מער עס וועלן וואַקסן די אינדוסטריען, אַלץ מער קראַפט וועט דער לעיק צושטעלן. די וואַסערן, וואָס פאַלן אַראָפּ אויף 1,000 מעטער, ווערן אונטערגעכאַפּט ביי יעדן באַזונדער שטאַפל און ווערן געצוואונגען צו דרייען די טורבינען, וואָס שטעלן־צו די נויטיגע קראַפט. די איבערגעבליבענע וואַסערן ווערן אויסגעשפּרייט דורך אַ נעץ פון קאַנאַלן און באַוואַסערן וויינגערטנער, סעדער און באַוול־פעלדער.

די צוקונפטיגע באַדערפעניש פון די וואַקסנדיגע אינדוסטריען ווערט באַזאָרגט דורך אַ געשיקטער אויסרעכענונג. אַ טונעל שניידט דורך דעם באַרג און צוזאַמען מיט דעם זאַנגאַ־טייך העלפט דער טונעל אָפּציען און פאַרנוצן גרויסע מאַסן וואַסער פון דעם לעיק, וואָס זיין הויך פאַלט פון יאָר צו יאָר. אין פופציג יאָר צייט וועט די הויך פון דעם לעיק זיך אַראָפּלאָזן אויף 50 מעטער, נאָר פונדעסטוועגן וועט די פאַראַנענע קראַפט ווערן גרעסער, ווייל ווייניגער וואַסער וועט זיך אויסוועפּן. מען וועט קאָנען אויסנוצן אַ גרעסערע מאַסע וואַסער פון די זיבן און צוואַנציג אריינשטראָמענדיגע טייכן.

איצט הערט מען מער ניט קיין געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען און פון אָרעמקייט אין דעם לאַנד פון „אַרמענישע גרוילטאַטן". ווי דורך אַ נס איז געקומען די צייט, אויף וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט וויליאַם עוואַרט גלעדסטאָן. אַרמעניע איז פריי און מאַכט פאָרשריט. אַרמעניע פאַרמאָגט איר אייגענעם באַוול, באַאַרבעט אין די אייגענע טעקסטיל־פאַבריקן, וואָס ווערן באַטריבן פון איר אייגענער קראַפט; זי פּראָדוצירט יערלעך 15 מיליאָן קאַנען פּרוכט פון אירע אייגענע סעדער, און זי באַטרייבט מיט עלעקטריק איר קעדפּראָדוקציע אין אירע אייגענע פאַבריקן אין די בערג.

ווען ע. אַבראַמיאַן האָט געשריבן: „איך האָב פאַרלאָרן מיינע עלטערן אין דער צייט פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און איך בין איבערגעבליבן אַ יתומה, אויף וועלכער קיינער האָט זיך ניט אַרומגעקוקט. איידער די סאָוועטן־מאַכט איז עטאַבלירט געוואָרן, זיינען אין אַרמעניע געווען 50,000 אַזעלכע אָפּדאַכלאָזע קינדער. די סאָוועטן־מלוכה איז צו אונז געוואָרן אַ מוטער. זי האָט אונז באַשיצט פון אונזערע פריעסטע יאָרן. זי האָט אויף אונז אַכטונג געגעבן און אונז באַזאָרגט מיט אַ דערציאונג" — ווען זי האָט דאָס געשריבן, האָט זי דערציילט די געשיכטע פון דעם נייעם לעבן פון אַרמעניע, וואָס ווערט איצט באַדינט אויך פון זייער אייגענעם לעיק סיוואַן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מוז זיך פאַרלאָזן מערסטנס אויף זיינע טייכן צו קריגן די קראַפט, וואָס זיינע אינדוסטריען פאָדערן. די רוסישע טייכן, וואָס זיינען צווישן די גרעסטע אין דער וועלט און וואָס האָבן אין די צאַרישע צייטן באַוועגט די שטיינער פון אַ דאָרפישער מיל, באַטרייבן איצט מעכטיגע

עלעקטראָ־סטאַנציעס. די גאַנצע קראַפט פון אַלע צארישע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס האָט באַטראָפן ווייניגער, ווי די פּראָדוציר־מעגלעכקייט פון איין איינציגער טורבינע אין דער דניעפּער־סטאַנציע.

די פּלענער פאַר נייע טייך־פּראָיעקטן זיינען פּשוט גיגאַנטיש און איבער־שטייגן אַלע פּראָיעקטן, וואָס מען האָט אונטערנומען, אָדער ווען וועלכע מ'האָט גע'חלומ'ט אין אַנדערע לענדער.

איצט זיינען אַלע פאַראינטערעסירט אין דעם וואָלגאָ־פּראָיעקט. דער גרעסטער טייך אין אייראָפּע וועט אין זיין גאַנצען לענג איינגעצוימט ווערן. ריזיגע דאַמבעס וועלן פאַרקלאַמערן די וואָלגאַ און די טייכן, וואָס גיסן זיך אריין אין איר. עס וועלן ווערן טיפער די קאַנאַלן און עס וועלן דורך דעם באַטריבן ווערן אַכט הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס אויף דער וואָלגאַ, זעקס אויף דעם טייך קאַמאַ, וואָס ברענגט די וואַסערן פון מערב־אוראַל, און וואָס גיסט זיך אריין אין דער וואָלגאַ לעבן קאַזאַן; עס וועלן אויפגעבויט ווערן דריי סטאַנציעס אויף דעם אָקאַ־טייך און נאָך דריי סטאַנציעס אויף דעם קאַנאַל, וואָס וועט פאַראייניגן די וואָלגאַ מיט דעם דאָן, און וואָס וועט מאַכן מעגלעך פאַר שיפן צו גיין פון מאָסקווע דורך דעם שווארצן ים צו דעם אַטלאַנטיק.

צוויי סטאַנציעס ווערן איצט פאַרענדיגט צו צפון פון מאָסקווע לעבן אוגליטש און ריבינסק. און די איוואַנקאָוואָ־סטאַנציע איז שוין פאַרענדיגט. מען האָט שוין אָנגעהויבן בויען די קויבישעוו־סטאַנציע, וואָס וועט זיין די גרעסטע אין דער גאַנצער וועלט.

ווען דער גאַנצער פּלאַן וועט פאַרענדיגט ווערן, וועלן אי פאַרפּלייצונגען אי טריקענישן זיין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט; נאָך ניט־באַרירט לאַנד און מדבר־געגנטן וועלן אויפבליען מיט פעטע גערעטענישן; ים־שיפן וועלן זיך הויבן פון פלאַך צו פלאַך דורך גיגאַנטישע בעטאָנענע קאַסטנס און וועלן דורכשווימען דורך באַוול־פעלדער איבער אַ מעכטיגן אינלענדישן וואַסער־וועג, וואָס וועט זיין פאַרבונדן מיט אייזנבאַנען, מיט דעם ים און מיט טראַנספּאָרט־ליניעס פון אַנדערע טייכן.

נאָך מער גראַנדיעזע פּלענער ווערן אויסגעאַרבעט אויף אויסצונוצן די טייכן און די לעיקס פון מזרח־סיביר, וואו די אַנגאַראַ, דער יעניסעי און אַנדערע ריזיג־גרויסע טייכן יאָגן זיך פון הויכע בערג אַראָפּ איבער שטיינער־דיגן באָדן. אינזשענערן רעדן איצט אין טערמינען פון מעגלעכע 100,000 מיליאָן קילאָוואַט־שטונדן.

אַ דאַנק דער עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע גייט־צו די עלעקטריפיקאַציע אַ סך לייכטער. אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן אויסקלייבן די בעסטע און מער צוגעפּאַסטע פּלעצער פאַר די עלעקטרישע סטאַנציעס. מען דאַרף ניט האָבן קיין מורא פאַר אימיצנס רעכט פון פּריוואַטן באַזיץ. מען קאָן קאָנצענטרירן קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען אויף גיגאַנטישע

קראַפט־סטאַנציעס און שפּאָרן זייער אַ סך אַ דאַנק אַט־דעם גרויסן פאַרנעם. עס ווערן געשאַפן גאַנצע סיסטעמען פון פאַרבונדענע קראַפט־סטאַנציעס. אַזוי, למשל, שטייט די מאָסקווער סיסטעם שוין אַפילו איצט — ניט זייענדיג נאָך פאַרבונדן מיט אַנדערע סיסטעמען, מיט וועלכע זי וועט שפּעטער האָבן פאַרבינדונגען — אויף דעם ערשטן פּלאַץ אין אייראָפּע אין דער אויס־אַרבעטונג פון קראַפט און טיילט מיט ניו יאָרק דעם ערשטן פּלאַץ אין דער וועלט אין באַצוג צו דער אויסאַרבעטונג פון היץ און טרייב־קראַפט.

## 5. שטאָלענע פונדאַמענטן

אַ ציוויליזירט לעבן פאָדערט אַ סך מעטאַל. אין אַ גוט־איינגעאָרדנטער שטוב איז דאָ אַ סך אייזן, שטאָל, קופּער און אַ גאַנץ צעטל אַנדערע מעטאַלן. עס זיינען דאָ די אייזערנע אויוונס אין די קיכן און די שטאָלענע פרענטעס אין די קאַמינען אין די אויפנאַם־צימערן. עס זיינען דאָ אייזערנע לאָפּעטקעס, עמערלעך, פאַנען, וואַקוּאום־רייניגער, פּיאַנאָס און ניי־מאַשינען. אויף אַן אומדירעקטן אופן איז די נאָכפראַגע אויף מעטאַל נאָך גרעסער. די קליידער, וואָס מיר טראָגן, זיינען געוועבט געוואָרן אויף שטאָלענע שפּינדלען, וואָס זיינען באַטריבן געוואָרן פון שטאָלענע מאַשינען און זיינען טראַנספּאָרטירט געוואָרן דורך שטאָלענע לאָקאָמאָטיוון איבער שטאָלענע רעלסן. מאַכט אַ סך־הכל פון אַלע הוימען, און איר וועט באַקומען אַ בילד פון דעם, וויפיל מעטאַל עס פאָדערט זיך.

לויט דעם סכום מעטאַל, וואָס אַ לאַנד פּראָדוצירט, קאָן מען גאַנץ גענוי באַשטימען דעם גראַד פון ציוויליזאַציע, וואָס אַט־דאָס לאַנד האָט דערגרייכט. אויב אין צאַרישן רוסלאַנד איז פאַרברויכט געוואָרן אַ נישטיגער סכום שטאָל און פּראָדוצירט איז געוואָרן אין לאַנד גופא נאָר אַ טייל פון דעם, קאָנען מיר מיט זיכערקייט מאַכן דעם אויספיר, אַז די היימען פון אירע 160 מיליאָן אונטערטאַנען זיינען געווען גאַנץ ווייניג ציוויליזירט, ווי די ווירקלעכקייט האָט עס טאַקע געוויזן.

נעמענדיג אין אַנבאַטראַכט די ריזיגע גרויס פון דער טעריטאָריע פון צאַרישן רוסלאַנד, זעט מען, אַז איר אייזן־ און שטאָל־אינדוסטריע איז געווען לעכערלעך קליין. ווי קליין אַט־די פּראָדוקציע איז געווען אין פאַרגלייך מיט דעם היינט, קאָן מען זען פון דעם, וואָס מיט אַן אויסנאַם פון בלויז דריי און אַ האַלב פּראָצענט ווערט די גאַנצע סאָוועטישע מעטאַל־פּראָדוקציע איצט באַזאָרגט דורך נייע, אָדער פולשטענדיג־איבערגעבויטע פאַבריקן.

נאָך אַ זאַך: די אינדוסטריע איז געווען קאָנצענטרירט אין איינעם אָדער צוויי פּלעצער, אַנשטאָט צו ווערן אויף אַ געזונטן אופן אויסגעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד, ווי עס איז איצט דער פאַל. רוסלאַנד איז אינגאַנצן געווען אָפּהענגיג פון די שמעלצערייען אין דרום. די דיסטריקטן

אין דאָנבאַס און ביים דניעפּער האָבן צוגעשטעלט נאָענט צו דריי־פערטל פון רוסלאַנד׳ס רוי־אייזן. וואָס וואָלט פּאַסירט ווען דער דאָנבאַס ווערט פאַרכאַפּט פון ענגלאַנד, אָדער פון דייטשלאַנד?

דער אַנדערער צענטער, אין די אוראַל־בערג, וואָס האָט צוגעשטעלט דאָס איבעריגע פערטל פון רוסישן אייזן, האָט אין אַלטערטום באַזאָרגט מיט מעטאַלן דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע. די אייזן־אינדוסטריע אין אוראַל איז געבליבן, אָבער זי האָט געאַרבעט מיט דער טעכניק פון אַכצענטן יאָר־הונדערט. עס האָט דאָרט געהערשט אַ פעאָדאַלע אַטמאָספערע. די שמידע־רייען זיינען געווען ניט מער ווי שפּילצייג. די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע אין דאָנבאַס האָט ווייט איבערגעיאָגט און אויסגעקאָנקורירט די פעאָדאַלע אינדוסטריע אין אוראַל. אָבער אַפילו דער קאַפּיטאַליסטישער דאָנבאַס איז אונטערן צאַרישן רעזשים געווען אַזוי צוריקגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט די סאָוועטישע דערגרייכונגען, אַז דריי איצטיגע זאַוואָדן פּראָדוצירן מער רוי־אייזן ווי אַלע זיבן און אַכציג צאַרישע שמעלצערייען צוזאַמענגענומען.

אָט־די געפערלעכע קאָנצענטראַציע פון דער אינדוסטריע איז בשום אופן ניט געווען קיין רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס האָט אויסגעפעלט רוי־מאַטעריאַלן אין אַנדערע געגנטן.

די סאָוועטישע געאָלאָגן האָבן שנעל אַנטדעקט און פאַרצייכנט אויף מאַפּעס נייע קוואַלן פון רוי־מאַטעריאַלן און האָבן צוגעגרייט דעם וועג פאַר דער פאַרבאַפּנדיגער געשיכטע פון ענדערן די מאַפּע פון דער אינדוסטריע און פון דער באַפעלקערונג.

אין דעם אַטלאַס פון דער לאָנדאָנער „טאַימס״ קאָנט איר איבערלייענען מיט קליינעם שריפט דעם נאָמען מאַגניטנאַיאַ (דער מאַגנעט־באַרג), וואָס ליגט 617 מעטער העכער פון דער פלאַך פון דעם ים און צום סאַמע דרום׳דיגן טייל פון די אוראַל־בערג. אויף דעם רעכטן ברעג פון אַ קליינעם טייך, וואָס לויפט ביי דער זייט פון באַרג, ליגט דאָס קאָזאַקישע דערפל מאַגניטנאַיאַ.

אין 1929 האָבן הינטערן דאָרף זיך געשפּרייט באַבלימלטע לאָנקעס, איבער וועלכע עס האָבן פריי געבלאָזן די ווינטן. טשערעדעס פי האָבן זיך געפּאַשעט ביי די זייטן פון דעם אַטאַך־באַרג. היינט־צו־טאָג הודזשעט דער גרעסטער שטאָל־צענטער אין דער וועלט דאָרט, וואו די בהמות האָבן זיך פריער געפּאַשעט. דער אַטאַך־באַרג איז איין ריזיגע שטיק אייזן־ערץ, וואָס באַשטייט פון 63 פּראָצענט אייזן, און וואָס וועגט 300 מיליאָן טאָן. דער מאַגנעט־באַרג גיט דעם שטאָל־צענטער דעם פּאַסיגן נאָמען מאַגניטאָגאָרסק.

אַ שטח פון 54 קוואַדראַט קילאָמעטער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אויפבויען מאַגניטאָגאָרסק. פינף קוואַדראַט קילאָמעטער זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דעם מעטאַלורגישן זאַוואָד.

אַרבעטער פון פינף און דרייסיג נאַציאָנאַליטעטן זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען און האָבן אויפגעשטעלט באַראַקן פאַר זיך, אַ ישוב פאַר אויס־

לענדישע ספּעציאַליסטן, קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, רעסטאָראַנען, שפּיטאָלן, „נוירסעריס”, קלובן און אַ טעאַטער; אַ שטאָל־בעטאָנענע דאַמבע איז אַריבער־געוואָרפן געוואָרן איבער דעם קליינעם טייך און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ לעיק פון 13½ קוואַדראַט קילאָמעטער. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן ווינטער־צייט מיט עטוואָס אַנגעוואַרעמטן בעטאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער עקספּערימענט פון דעם סאָרט אין דער וועלט.

מען האָט דאָרט אויפגעבויט עראָפּלאַן־פעלדער; מען האָט צוגעפירט באַנען; מען האָט אויסגעלייגט וועגן; טראַקטאָרס, טראַקס און אויטאָ־מאָבילן האָבן זיך דורכגעשטופּט אַ וועג צווישן קאַראַוואַנען פערד און קעמלען, וואָס האָבן פאַרפלייצט די נייע וועגן. יאָרהונדערטער זיינען אַריינגעפּרעסט געוואָרן אין חדשים.

זעכציג טויזנט אַרבעטער האָבן זיך דאָ באַזעצט און האָבן אויפגעבויט צוויי עלעקטרישע סטאַנציעס, אַ זעג־מיל, אַ האָלץ־פאַבריק, אַ שמידעריי און אַ מאַשין־שאַפּ. די אַטאַקע אויף דעם באַרג האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט זיך אַריינגעשניטן 30 פוס טיף, כדי אַרויסצובאַקומען דאָס אייזן.

עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן מורא’דיג־גרויסע געביידעס: די ריזיגע געביידע, וואו עס ווערן געבראָכן די שטיינער, וואָס אַנטהאַלטן אייזן־אַרץ; די ריזיגע ווענט פון דער קראַפט־סטאַנציע, גרופּן קוילן־אויוונס און שמעלץ־אויוונס, וואָס הויבן זיך צו אַ הויך פון 130 פוס.

די שמעלץ־אויוונס פון מאַגניטאָגאָרסק שטעלן מיט זיך פאָר די מעכ־טיגסטע באַטאַרייע אין דער גאַנצער וועלט. די אָפענע שמעלץ־אויוונס זיינען די גרעסטע אין דער וועלט.

כעמישע פאַבריקן זיינען אויפגעבויט געוואָרן אויף אויסצונוצן די כעמישע ביי־פּראָדוקטן פון די קוילן־אויוונס: בענזאָל, אַמאָניע, קוילן־סמאָלע און באַמיסטיגונג.

די שטאָט אַליין איז אויסגעפּלאַנירט געוואָרן מיט גרויס זאָרג. סאָוועטישע פאַבריקן גיבן אַרויס ניט נאָר שטאָל, נאָר אויך נייע מענטשן. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן זיבעצן גרויסע בלאָקס מיט וואוינונגען. יעדער בלאָק האָט זיין אייגענע דעפּאַרטמענט־סטאָר, שול, רעסטאָראַן און „נוירסערי”. יעדער אַפּאַרטמענט־הויז האָט אייגענע וואַנעס, וואַסער־לייטונג, עלעקטרישע באַלויכטונג, גאַז און צענטראַלע באַהייצונג.

אין 1934 האָט מאַגניטאָגאָרסק שוין אַרויסגעגעבן 10 מיליאָן טאָן אייזן. צו 1937 איז אָט־די פּראָדוקציע שוין אויסגעוואַקסן צו 14½ מיליאָן טאָן; די פּראָדוקציע פון שטאָל איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 9½ צו העכער 17½ מיליאָן טאָן; און די פּראָדוקציע פון געראָלטן מעטאַל איז פאַרגרעסערט געוואָרן פון 9 ביז 13 מיליאָן טאָן.

און איצט לאָמיר אַ קוק־טאָן אויף נאָך אַן אונטערנעמונג פון אַ גרויסן פאַרנעם און גרויסער פאַנטאַזיע.

ווי צוויי גרויסע פעסטונגען פון אינדוסטריעלער מאַכט אין די צענטראַלע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד שטייען די אייזן־גרובן פון די אוראַל־בערג און די קוילן־געביטן פון קוזנעץ, וואָס זיינען ווייטער צו מזרח צו. צווישן זיי ליגט אַ מהלך פון צוויי טויזנט קילאָמעטער, נאָר ניט געקוקט אויף דעם זיינען זייערע אינטערעסן געגנזייטיג. דער מאַגנעט־באַרג שטעלט צו דעם בעסטן אייזן־אַרץ און קוזנעץ באַזאָרגט די בעסטע סאָרטן קוילן. פאָרן דער־פאַר די קוילן פון קוזנעץ קיין מאַגניטאָגאָרסק און מאַגניטאָגאָרסקער אַרץ פאָרט קיין קוזנעץ. שמעלצערייען געפינען זיך איןביידע פונקטן. די טראַקס זיינען שטענדיג אָנגעלאָדן און די צוויי אונטערנעמונגען באַדינען איינע די צווייטע. אַ חוץ דעם ווערן שנעל געמאַכט נעאָלאָגישע אויספאָרשונגען אויף צו געפינען לאָקאַלע זאַפּאַסן פון באַהייצונג און פון אַרץ, כדי צו מינימיזירן די נויטווענדיגקייט פון דער ווייטער טראַנספּאָרטאַציע.

די פּראָדוקציע פון יעדער איינער פון די צוויי אונטערנעמונגען איז קאָלאָסאַל גרויס. נאָך אין 1936 האָבן ביידע זאַוואָדן צוזאַמען פּראָדוצירט צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיל רוי־אייזן ווי יאַפּאַן. יעדע פון די אונטער־נעמונגען ווערט אַ צענטער פון אַ קרעפטיגער באַפעלקערונג.

אַ נייע אינדוסטריעלע וועלט איז געבוירן געוואָרן אין די צענטראַלע געביטן אַרום די זאַפּאַסן קוילן און אייזן. און די אַלטע וועלט פון דאָנבאַס איז אויף דאָס ניי יונג געוואָרן. נייע שמעלץ־אויוונס און אויוונס מיט אָפענע פייערן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטפּרענקישע און אָפּגעטראָגענע צרישע שמעלץ־אויוונס. דאָס אייזן־אַרץ פון קריוואָי ראָג אין אוקראַינע און די קוילן פון דאָנבאַס ווערן צוזאַמענגעבונדן, פּונקט ווי מאַגניטאָגאָרסק איז פאַר־בונדן געוואָרן מיט קוזנעץ. אין ביידע פּלעצער זיינען דאָ שמעלץ־אויוונס, און די טראָקס, וואָס פאָרן פון איין פּלאַץ צום צווייטן, אַרבעטן שטענדיג אין אַ פולער מאָס און פאָרן קיינמאָל ניט ליידיג.

און ניט געקוקט דערויף, לייגט מען שוין אויס פּלענער פאַר נאָך אַ נייער וועלט מיט אַ ווייטערדיגער פאַנאַנדערשפּרייטונג פון דער אינדוסטריע איבער פאַרשיידענע געגנטן. אַ באַזע פון אייזן און שטאָל וועט אויפגעשטעלט ווערן אין ווייטן מזרח מיט אַן אייגענעם ציקל פון מעטאַלורגישער פּראָדוקציע, וואָס וועט באַזאָרגן אַלע באַדערפעניששן פון דער לאָקאַלער מאַשין־בוי־אינדוסטריע. די מזרח־דיסטריקטן וועלן דאַרפן באַזאָרגן פון 28 ביז 35 פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע אין לאַנד.*)

*) אַ חוץ דעם ווערט איצט געלאָזט אין גאַנג די ערשטע סעקציע פון די שטאָל־זאַוואָדן אין נאָוואָ־טאַגיל אין די אוראַל־בערג. דאָ וועט פּראָדוצירט ווערן נאָך צו פיר קילאָגראַם אייזן אויף יעדן איינוואוינער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ביי פולער קאַפּאַציטעט וועט דאָ פּראָדוצירט ווערן יערלעך 1,900,000 טאָן אייזן, ביז 2,000,000 טאָן שטאָל און 1,500,000 טאָן געראָלטן מעטאַל. באַזאָרגנדיג מיט אייזן און שטאָל די אוראַלער מאַשין־פאַבריקן און וואַגאָן־בויאונגען, וואָס געפינען זיך ניט ווייט אַוועק, וועט מעגלעך ווערן צו באַגיין זיך אָן טראַנספּאָרט און געבן די באַנען די מעגלעכקייט צו פירן אַנדער פראַכט.

צו 1942 וועט די פּראָדוקציע פון רוי־אײַזן זײַן אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי אין 1937; שטאָל וועט פּראָדוצירט ווערן מיט 56 פּראָצענט מער; געוואַלצטער מעטאַל — 62 פּראָצענט מער, און די גאָר הויכע סאָרטן געוואַלצן מעטאַל — צוויי מאָל אַזוי פיל.

שאַפט זיך אַליין אַ בילד פון דעם, וואָס דאָס אַלץ מיינט. די פּראָדוקציע פון שטאָל, למשל, וועט פאַרגרעסערט ווערן אויף 56 פּראָצענט. יעדער פּראָצענט פאַרגרעסערונג פון געוואַלצטן שטאָל וועט פּראָדוצירן גענוג שווערע רעלסן אויף אויסצולייגן אַן אײַזנבאַן־וועג 500 מייל לאַנג. די פאַרגרעסערונג אין דעם סכום שטאָל אין 1942 אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס עס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין 1937, וואָלט געקאָנט באַזאָרגן גענוג שטאָלענע רעלסן אויף אַרומצוגאַרטלען דעם גאַנצן ערד־קײַלעך ביים עקוואַטאָר.

איך האָב ביז איצט גערעדט בלויז וועגן אײַזן און שטאָל. דאָס זעלבע איז אויך אמת אין באַצוג צו אַנדערע מעטאַלן. דער פּריבאַלכאַשסקי קאָמבינאַט ווערט פּלאַנירט מיט דער אויסרעכענונג, אַז ער זאָל פאַרוואַנדלען די קופּער־רעסורסן פון קאַזאַקסטאַן, וואָס שפּרייטן זיך אויס אין דער לענג און אין דער ברייט איבער די זיד־צענטראַלע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין איינער פון די גרעסטע קופּער־אינדוסטריען אין דער גאַנצער וועלט. אין דער זעלבער צײַט ווערן געבויט אַלומינום־פאַבריקן לעבן דניעפּער, לעבן לענינגראַד, אין די אוראַל־בערג און אין דער ווײַטער צפון'דיגער קאַרעליע.

לאָמיר צולעצט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן גאָלד. גאָלד האָט נאָך אַלץ פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ ווערט אויסער דער אייגנשאַפט פון דעם מעטאַל גופא, ווייל גאָלד איז אַ מיטל פאַר אויסטויש מיט אַנדערע לענדער, וואָס בײַ זיי איז גאָלד זייער טייער. אַזוי, אַז גאָלד איז ניצלעך, און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט אַ סך גאָלד.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האָט גאָלד אַ גרויליגע געשיכטע — גרויליג ביים אַרויסבאַקומען דאָס גאָלד און גרויליג בײַ די ווײַטערדיגע מאַניפּולאַציעס. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די גאָלד־שטאָט יאָהאַנעסבורג, האָבן די געבירטיגע איינוואוינער זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אונטער דער ערד. בלויז די וואוינונג־שטייערן און אַנדערע צאָלונגען, וואָס האָבן געמוזט געצאָלט ווערן נאָר אין גאָלד, האָבן זיי געטריבן צו גיין אַרבעטן אונטער דער ערד. דער באַרימטער אינזשענער, דזשאָן האַדזשסאָן, האָט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַרטיקל אין „ניו סטעיטסמען" אין יאָר 1916, אַז פאַר יעדער 60־פונטיגער פּרענטע גאָלד, וואָס מ'האָט אַרויסבאַקומען פון דעם טויטלעכן קוואַרץ־זאַמד פון יאָהאַנעסבורג, איז איין געבירטיגער געשטאָרבן און פינף אַנדערע זײַנען רואינירט געוואָרן אויף דעם גאַנצן לעבן דורך אומגליקספאַלן און דורך קראַנקהייטן. דער אַרטיקל פון מר. האַדזשסאָן האָט געצוואונגען דעם מיניסטער פון מאַינס אַנצונעמען די נויטיגע שריט, און 300,000 לעבנס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן.

מען האָט געצאָלט העכערע וועידזשעס, כדי די געבירטיגע זאָלן בלייבן לענגער ביי דער ארבעט. נאָר אויף די געבירטיגע האָבן די העכערע וועידזשעס געהאַט אַן אַנדער ווירקונג, ווי אויף די ווייסע מענטשן. די געבירטיגע האָבן געזוכט וואָס גיכער זיך קויפן זייער פרייהייט. דעמאָלט האָט מען איינגעפירט געוועטן און געמבלערייען, און עס האָבן אָנגעהויבן וואַקסן חובות און אַ געהאַרכזאַמע און פּערמאַנענטע קראַפט איז באַזאָרגט געוואָרן.

מר. האַדזשסאָן האָט אַ סך צו דערציילן וועגן די צארישע גאָלד־גרובן, וואו מען האָט דעם 17טן אַפּריל, 1912, צעשאָסן אַ פרידלעכע דעמאָנסטראַציע פון אומבאַוואָפנטע סטרייקערס אין די לענאַ־גאָלד־פעלדער, וואָס זיינען דעמאָלט באַטריבן געוואָרן פון אַן ענגלישער קאָמפּאַניע, וועלכע איז גע־גרינדעט געוואָרן אין יאָר 1908. הונדערט ניינצן מענטשן זיינען דער־הרג'עט געוואָרן. די הויפּט־אורזאַכן פון דעם סטרייק זיינען געווען די לאַנגע שטונדן און דער נידעריגער לוין, וואָס איז אויך ניט געצאָלט געוואָרן אין צייט. אויסגעבראָכן האָט דער סטרייק דורך דעם, וואָס אין זייער שפּייז האָבן די אַרבעטער געפונען אָפּגעקאָכטע געשלעכט־אָרגאַנען פון פערד. דער גענעראַל־סטרייק, וואָס די לענער שחיטה האָט אַרויסגערופן, האָט געפירט צו אַן אויספאָרשונג מצד דער רעגירונג און די דערמאָנטע שוידערלעכע פאַקטן זיינען ביי דער אונטערזוכונג אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

אויב די פּראָדוקציע פון גאָלד האָט פאַראורזאַכט דעם טויט פון טויזנטער, האָבן די מאַניפּולאַציעס מיט גאָלד פאַראורזאַכט דעם טויט פון צענדליגער טויזנטער, ריכטיגער געזאָגט, צענדליגער מיליאָנען. די, וואָס האַלטן דאָס גאָלד, און אויף דעם גרונד פון זייער קאָנטראָל איבערן גאָלד שטעלן זיי אויף פּיראַמידן מיט פּראָצענט־ברענענדיגע אָבליגאַציעס און בערג מיט חובות, פון וועלכע מען קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסצאָלן; די, וואָס שאַפן אָדער פאַרניכטן דאָס געלט פון די מאַסן מיט איין שטריך פון דער פען, האַלטן ביי זיך אין דער האַנט די עקזיסטענץ פון די מאַסן און דאָס לעבן פון דער אינדוסטריע.

די פּראָדוקציע פון גאָלד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד שאַפט אַ העלן קאָנטראַסט צו אָט־דעם צושטאַנד.

גאָלד ווערט אַרויסבאַקומען איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלטע, פאַרפלייצטע גרובן ווערן ווידער אויסגענוצט און נייע דעפּאָזיטס ווערן אַנט־דעקט. אין דער פאַרוואָרפענער טייגע אין צפון, אין די סטעפּעס פון קאַזאַק־סטאַן, אין די בערג פון פּאַמיר, אין די טאָלן פון צפון־קאַווקאַז און צופוסנס פון די אוראַל־בערג, אָדער אין די בערג פון אַלטאַי — אומעטום געפינט מען גאָלד, און די גאָלד־פּראָדוצירנדיגע געביטן זיינען אַזוי גרויס, ווי די טעריטאָריע פון עטלעכע אייראָפּייאישע לענדער צוזאַמענגענומען. אין דער פּראָדוקציע פון גאָלד אויף דער וועלט פאַרנעמט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איצט דעם צווייטן פּלאַץ.

דאָס זוכן פון גאָלד אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט געפירט מיט נייע מעטאָדן און מיט דער הילף פון נייע איינריכטונגען. אויספאָרשונגס־גרופּן, באַוואָפנט מיט עמפּייער עגבער־מאַשינען, מיט קרעלינס, קיסטאָון אָדער סאַליוואַן עגבערס, דרינגען אַריין אין די ווייטסטע ווינקלען פון דעם לאַנד אין אַלע צייטן פון יאָר. די מוסטערן פון אַרץ, וואָס זיי געפינען, שיקן זיי צו די אינסטיטוטן פאַר גאָלד־פאָרשונג פאַר פּינקטלעכן אַנאַליז מיט די סענסיטיווסטע אינסטרומענטן אונטער דער אויפזיכט פון קוואַליפיצירטע וויסנשאַפטסלייט. אַכציג אָנשטאָט די פריערדיגע פינף פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע ווערט איצט אַרויסגעקראָגן מיט מעכאַנישע מיטלען. איינער פון די מעטאָדן איז די וואַסער־ביקס, מיט דער הילף פון וועלכער די ערד ווערט באַזייטיגט דורך אַריינשיסן אַ וואַסער־שטראָם אונטער אַ ריזיגן דרוק.

ווען עס ווערט אויפגעדעקט אַ ניי גאָלד־פעלד, דעמאָלט פאַרנעמען וועגן, באַנען און לופט־ליניעס דעם פּלאַץ פון קעמלען, הירשן און פּרימיטיווע שליטן. דאָס נייע פעלד ווערט פאַרבונדן מיט דער צענטראַלער וועלט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מאַשינען, וואָס זיינען באַטריבן פון עלעקטריציטעט, אָדער דאַמף, און וואָס זיינען אָפט פון קאָלאָסאַלער גרויס, העלפן די אַרבעטער, וועלכע זיינען אָרגאַניזירט לויט סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. די דערפאַרונג פון די עלטערע גאָלד־גרעבער איז אַ הילף פאַר די יינגערע אַרבעטער, און די באַדינגונגען, אין וועלכע ביידע לעבן, זיינען אין גאַנצן אַנדערש פון די באַדינגונגען אין די לענאַ־גאָלד־פעלדער. די אַמאָליגע לעבער אין דער ערד און די הילצערנע חורבות זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף אָנשטענדיגע הייזער. עס זיינען געעפנט געוואָרן גוט־אויסגעשטאַטעטע קראָמען און רעסטאָראַנען. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן שולן און עס דערשיינען צייטונגען. הונדערט און זיבן טויזנט שילער גייען אין די 576 שולן אין די גאָלד־פעלדער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס זאָרגן פאַרן קינד פון דעם גאָלד־גרעבער איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבן.

נאָך בעסער פון דעם מעטאָד פון אַרויסבאַקומען דאָס גאָלד איז דער סאָוועטישער אופן פון באַנוצן דאָס גאָלד, ווען מען האָט עס שוין אַרויסגעקראָגן.

אויבן־אויף קאָן עס אויסקוקן אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל מאַכן אַזאַ אָנשטרענגונג אַרויסצוגראָבן פון דער ערד אָט־דעם בלישטשענדיגן, געלן מעטאַל, וואָס איז אַזויפיל יאָרן באַנוצט געוואָרן אויף צו פאַרשקלאַפן די מענטשהייט. מיר מוזן אָבער געדענקען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך אַלץ אַרומגערינגלט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און אין אָט־דער וועלט האָט גאָלד אַ ווערט אין דעם קאַמף פאַר עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיגקייט. פאַר גאָלד קאָן מען קריגן די סאַמע מאָדערנסטע מאַשינען, איינריכטונגען און טעכנישע דערפינדונגען. גאָלד מאַכט

מעגלעך צו פֿאַרשטאַרקן די שויץ־קראַפֿט פֿון דעם לאַנד. גאָלד קומט זייער גוט צונוץ אין אויסלאַנד.

גאָלד ווערט אָבער באַנוצט אַלס געלט בלויז פֿאַר דעם איינקויף אין אויסלאַנד. אינעווייניג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז גאָלד ניט קיין באַזע פֿון געלט. דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד נוצט מיט דערפֿאָלג אַ רעגולירטע געלט־סיסטעם, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו אויסלענדישע געלט־בירזשעס. די ענדערונגען אין דעם סכום געלט אין לאַנד האָבן ניט קיין באַמערקבאַרן איינפֿלוס אויף די פּרייזן פֿון אַרטיקלען, אָדער באַדינונג. די פּרייזן אויף נעברויך־אַרטיקלען זיינען פֿעסטגעשטעלטע, פּונקט ווי די פּרייזן פֿאַר גאַז און פֿאַר שטאָטישן וואַסער זיינען פֿעסטגעשטעלט אין ענגלאַנד, און קאָנען זיך ניט בייטן צוליב דער ענדערונג אין דעם סכום געלט, וואָס צירקולירט אין לאַנד. דער סכום געלט, וואָס צירקולירט אין לאַנד, קאָן פּונקט אַזוי ווייניג באַווירקן פּרייזן, ווי די צאָל עקזיסטירנדיגע פּאָסט־מאַרקעס קאָן באַווירקן דעם אָפּצאָל פֿאַר בריוו, אָדער די צאָל בריוו, וואָס ווערט צעשיקט.

גאָלד איז ניצלעך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד כל זמן אַנדערע לענדער באַנוצן עס. אין לאַנד גופֿא ווערט גאָלד באַנוצט אויף צו מאַכן פּלאָמבעס פֿאַר ציין, אויף צו פֿאַבריצירן אַלערליי שמאָכטעס און פֿאַר די טעכנישע צוועקן פֿון דער אינדוסטריע.

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ניט־אויס זיין גאָלד; ער באַהאַלט עס ניט ביי זיך. אין אויסטויש פֿאַר דעם גאָלד קריגט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מאַשינען און טויזנט אַנדערע ווערטפֿולע און ניצלעכע אַרטיקלען. דאָס גאָלד, מיט וועלכן דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צאָלט, ליגט באַגראָבן אין די פּייער־קאַסעס אין אַנדערע לענדער. באַנוצן זיך מיט דעם אַלס געלט איז אַ געפֿאַר. עס איז מעגלעך, אַז עס קומט שוין אָן דער טאָג, ווען גאָלד וועט ווערן ווערטלאָז אין אַלע לענדער און וועט באַנוצט ווערן בלויז פֿאַר טעכנישע צוועקן. עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן דעם טאָג, ווען גאָלד וועט פֿאַלן צו אַ צענטל פֿון זיין איצטיגן ווערט; די גאָלד־גרובן וועלן רואינירט ווערן, נאָר דעמאָלט וועלן מיר אפֿשר האָבן גאָלדענע טעלער ביי אונז אויפֿן טיש! דעמאָלט וועט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיין אין אַ בעסערער לאַגע ווי אַנדערע לענדער, און ער וועט דערצו זיין פֿולשטענדיג באַרעכטיגט.

און אין איצטיגן מאָמענט, פֿאַרמאָגנדיג אַ גאָלד־זאַפּאַס, וואָס איז וואַרשיינלעך גרעסער פֿון דעם קאָמבינירטן גאָלד־זאַפּאַס פֿון זיינע דריי פּאָטענציעלע פֿאַשיסטישע שונאים, האָט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קלוג געהאַנדלט דערמיט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין אַ שטאַרקער פּאָזיציע אין דעם פֿאַל פֿון קריג.

# 6. אונזערע משרתים — די מאַשינען

מיר לעבן אין אַ מאַשין־עפּאָכע. מיר זיינען געוואָרן מאַשין־באַוואוסטזיניגע מענטשן. די באַלעבאָסטע פאַרמאָגט מאַשינען און אַרבעט מיט זיי: נײַ־מאַשינען, וואַקוואום־ריייניגער, מעכאַנישע קעלטערס („רעפרידזשערײטאָרס״), ראַדיאָס, גראַמאָפאָנען, וועלאָסיפּעדן און אויטאָמאָבילן. מאַשינען גיבן־צו קראַפט צו אונזערע הענט און שנעלקייט צו אונזערע פיס; מאַשינען נעמען־אַראָפּ לאַסטן פון אונזערע פּלייצעס; זיי באַפרייען אונז פון טויזנט אַרבעטן. מאַשינען, וואָס ווערן באַטריבן מיט דער קראַפט פון דער זון — אין וועלכער פון אירע פילצאָליגע פאָרמען דאָס זאָל ניט זיין — מאַכן אָרעמקייט פאַר אַן אַנאַכראָניזם, אַ דערשיינונג, וואָס שטימט ניט מיט דער צייט. אויב אונז קומט אויס צו הונגערן, הונגערן מיר אין אַ וועלט, וואו עס איז דאָ צו־פיל פון אַלץ.

אין ענגלאַנד פעלן ניט אויס קיין מאַשינען, נאָר עס פעלט גראַדער שכל ווי די מאַשינען אָנצואווענדן. מיר זיינען ניט מעכאַניש צוריקגעשטאַנען, נאָר מיר זיינען עקאָנאָמיש צוריקגעשטאַנען. מיר האַלטן זיך פעסט אויף דער עקאָנאָמיש־נאַרישער שטופע, וואו מאַשינען שטייען ליידיג, בשעת מיר ליידן הונגער.

אַ סך מענטשן אין ענגלאַנד באַטראַכטן די מאַשין ווי זייער שונא. אין אַ געווויסן זין איז דאָס טאַקע אַזוי. נייע מאַשינען און נייע דערפינדונגען טרייבן טויזנטער אַרבעטער צו בעטל־ברויט. אין אַ גלאָז־פאַבריק גיט איין אַרבעטער אַרויס 3,000 פלעשער אַ שעה; פריער פלעגט געדויערן 77 שעה צו פּראָדוצירן די זעלבע צאָל פלעשער.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אין שרעק פאַר דער מאַשין געמאַכט נאָך איין איבעריגן שריט אויף צוריק — מען האָט דאָרט מורא געהאַט אפילו פאַר דער פאַבריק, וואָס מאַכט די מאַשין. די צאַרישע רעגירונג האָט געזען, אַז מאַשין־פאַבריקן אין אַנדערע לענדער האָבן געשאַפן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און דעם ראַדיקאַלן מיטל־קלאַס. דערפאַר האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד ניט דערמוטיגט קיין אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג; די מערסטע מאַשינען זיינען אימפּאָרטירט געוואָרן פון אויסלאַנד. אפילו דער פויערשער סערפּ, וואָס איז געווען דאָס אוניווערסאַלע פאַרם־געצייג אין דעם פאַרמלחמה־פעריאָד — אפילו דאָס איז געקויפט געוואָרן אין עסטרייך, כאָטש רוסלאַנד האָט געהאַט די מעגלעכקייטן צו פּראָדוצירן זייער גוטן שטאָל.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַר דער מאַשין קיין מורא ניט און ער דאַרף פאַר איר קיין מורא ניט האָבן. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. אין אַ פּלאַנירטער ווירטשאַפט, איז וואָס מער מאַשינען, אַלץ לייכטער די אַרבעט, אַלץ קירצער דער אַרבעטס־טאָג, אַלץ לייכטער און גליקלעכער דאָס לעבן פון אַלעמען. באַזיצנדיג די קראַפט, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געשטרעבט

צו פּראָדוצירן אַזויפיל מאַשינען, וויפיל עס איז געווען נויטיג, כדי צו קאָנען שאַפן די נויטיגע זאַכן פאַר אַלעמען.

ווען מען האָט באַזיגט דעם דניעפּער, איז מעגלעך געוואָרן צו שאַפן עלעקטרישע טרייב־קראַפט פאַר א האַלבן סענט א קילאָוואַט־שטונדע. איין קילאָוואַט איז גלייך אומגעפער צו דריי טעג אַרבעט פון א געזונטן מענטשן. דאָס מיינט דריי טעג אַרבעט פאַר א האַלבן סענט.

די סאָוועטישע באַפעלקערונג וויל גערן פּראָדוצירן און באַזיצן מאַשינען, וועלכע זאָלן אויסנוצן אָט־די ביליגע טרייב־קראַפט, וואָס איז פאַראַן אין אַזא גרויסער מאָס, און זאָלן די קראַפט מאַכן צוגענגלעך פאַר טויזנטער אַרבעטן: באַטרייבן מאַשינען, וואָס נייען שיך; מאַשינען, וואָס וועבן קליידער; מאַשינען, וואָס שלאָגן־אויס פּוטער; מאַשינען, וואָס מאַכן פּאַפּיר; מאַשינען, וואָס ציילן; און ספּעציעל די מאַשינען, פון וועלכע אַלע אַנדערע מאַשינען זיינען אָפּהענגיג: די מאַשינען, וואָס מאַכן מאַשינען.

עס איז קלאָר, אַז דאָס סאַמע וויכטיגסטע איז צו פּראָדוצירן מאַשינען, וואָס מאַכן מאַשינען. אויב מיר האָבן שמידן, שלאָסערס און שעפּער, וואו צו מאַכן געצייג־וואַרשטאַטן; אויב מיר האָבן עגבערערס, שלייפערס און פּאָ־לירערס און נאָך עטלעכע סאָרטן געשולטע מעכאַניקער — דעמאָלט קענען מיר מאַכן וועלכע ניט איז מאַשין פאַר יעדער פאַבריק. רוסלאַנד האָט פריער פון אַלץ געדאַרפט מאַשינען אויף צו מאַכן מאַשינען, צי דאָס איז געווען דער סענסיטיווער שיף־כראָנאָמעטער, אָדער דער גיגאַנטישער עקסקאַוואַטאָר, וואָס איז ווי א ריזיגע האַנט 60 פוס די לענג, וועלכע פאַרמאָגט א ריזיגע לאָפּעטע און שניידט זיך אַריין אין דער ערד מיט מעכטיגע ציין פון געשמידטן שטאָל, נעמט אָן א גאַנצן וואָגן ערד, הויבט אויף די גאַנצע מאַסע, גיט זי שנעל א דריי אויס אין דער לופט און לאָזט זי אַראָפּ מיט א טראַסק ווי א וואַסערפאַל אין דעם אייזערנעם קאַסטן פון א וואַרטנדיגן טראָק.

אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געפעלט געצייג צו מאַכן געצייג און עס האָבן געפעלט מענטשן מיט טעכנישע פייאיגקייטן צו אַרבעטן מיט געצייג. דאָס צאַרישע רוסלאַנד איז געווען אָפּהענגיג פון אויסלענדישע טעכניקער און האָט איר גאַנצע קאָמפּליצירטע מאַשינעריע געקויפט אין ענגלאַנד, דייטש־לאַנד און אין אַמעריקע.

געצייג צו מאַכן געצייג און מאַשינען צו מאַכן מאַשינען — דאָס איז געווען די ערשטע פּראָבלעם. אָט־די מאַשינען, וואָס מאַכן מאַשינען, זיינען אַליין פּונקט אַזוי וואונדערבאַר ווי די מאַשינען, וואָס זיי מאַכן. זיי זיינען הונדערט מאָל פלינקער ווי די מאַשינען, וואָס זיי מאַכן. זיי זיינען הונדערט מאָל שטאַרקער ווי די הענט פון א מענטשן. מיר האָבן מאַשינען מיט שטאָלענע הענט, וואָס קאָנען נייען, האַקן, האַמערן, שאַבן — און אַלץ אויף אַמאָל. עס זיינען דאָ שנייד־אינסטרומענטן, וואָס באַוועגן זיך אַזוי שנעל, אַז זיי ווערן אָנגעגליט ווי פייער און מוזן דעריבער געמאַכט ווערן

פֿון ספּעציעל־פּאַרהאַרטעוועטן שטאָל. עס זיינען דאָ אינסטרומענטן, וואָס אַרבעטן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, אַז דער דאַמף־האַמער, וואָס קאָן מיט איין קלאַפּ צעדריקן אַ הויז, וועט אין צווייטן מאָמענט זיך אַראָפּלאָזן אַזוי לייכט, אַז ער וועט בלויז אָנרירן דאָס גלעזל פֿון אייער זייגער אויף דער קאָוואַדלע און וועט עס ניט צעברעכן.

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד דאַרף האָבן וואַרשטאַטן, דאַמף־האַמערס, שמידרייען, פּרעסעס, הויב־מאַשינען, זעגן און אַ ריזיגע צאָל פֿאַרשיידענע פּינקטלעכע אינסטרומענטן.

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט געמוזט — אויב ער זאָל בלייבן לעבן — באַשאַפֿן אַ מאַשין־בוי־אינדוסטריע און אויסשפּרייטן אָט־די אינדוסטריע איבער דער לענג און ברייט פֿון דעם לאַנד. כדי דאָס דורכצופֿירן, איז נויטיק געווען צוצוגרייטן און אויסצולערנען אַן אייגענעם סטעפּ טעכנישע עקספּערטן. דאָס אַליין איז געווען אַ קאָלאָסאַלע און אַ פֿאַרצווייגטע אויפֿגאַבע. עס האָט זיך געפֿאָדערט צו שאַפֿן שולן, אוניווערזיטעטן און טעכנישע אינסטיטוטן, וואָס זאָלן האָבן זייערע געשולטע לערער. עס האָט זיך געפֿאָדערט צו נעמען אַ באַפֿעלקערונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין באַגריף אַפֿילו פֿון די סאַמע עלעמענטאַרסטע פֿאָרמען פֿון מאַשין־בוי, און מאַכן אָט־די באַפֿעלקערונג מאַשין־באַוואוסטזיניק. מען האָט געדאַרפֿט אַנטוויקלען דיסציפּלין, די פֿיאיגקייט נאָכצופֿאָלגן גוטע ביישפּילן, און אַ סך אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן.

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט געמאַכט אָט־דעם קאָלאָסאַלן אויפֿטו אין דער קורצער צייט פֿון איין און צוואַנציק יאָר, און היינט־צו־טאָג איז קוים דאָ אַ נויטיקע מאַשין, וואָס דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זאָל זי ניט קאָנען מאַכן ביי זיך אין דער היים. נייע צווייגן פֿון מאַשין־בוי ווערן געעפֿנט טעגלעך.

צווישן די ערשטע און סאַמע דרינגענדיקסטע באַדערפֿענישן פֿון לאַנד איז געווען צו באַשאַפֿן אַ מעכאַניזירטע אַגריקולטורעלע אינדוסטריע, און טאַקע אויף אָט־דעם געביט פֿון פּראָדוצירן אַגריקולטורעלע מאַשינען האָט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד פֿאַרצייכנט זיינע גרעסטע און דראַמאַטישסטע דערגרייכונגען. דאָס זעקסטל פֿון דער וועלט, וואָס איז געווען מעכאַניזירט ווייניקער ווי אַלע אַנדערע לענדער, האָט מיט איין מאָל אַ שפּרונג געטאָן צו דעם אויבן־אָן צווישן די מעכאַניזירטע לענדער. דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד פּראָדוצירט מער אַגריקולטורעלע מאַשינען, ווי וועלכעס ניט איז לאַנד אין דער וועלט, אַפֿילו מער ווי אַמעריקע. דאָס לאַנד, וואָס האָט נאָך נעכטן געדאַרפֿט קויפֿן סערפּן אין עסטרייך, פּראָדוצירט היינט מער אַגריקולטורעלע טראַקטאָרס און שניט־קאָמבאַינען, ווי וועלכעס ניט איז אַנדער לאַנד.*)

---

*) אין די לעצטע צען יאָר האָט מען פּראָדוצירט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד הונדערט און אַכציק טויזנט קאָמבאַינס — מער וויפֿיל עס האָבן פֿאַר דער זעלבער צייט אַרויסגעגעבן אַלע לענדער פֿון דער וועלט צוזאַמענגענומען.

איטאַליע פּראַמאַגט 18,000 טראַקטאָרס; דייטשלאַנד — 39,000; די סאָוועטישע באַפעלקערונג פאַרמאָגט 558,600 טראַקטאָרס, וואָס זיינען פּראָדוצירט געוואָרן אין דעם אייגענעם לאַנד, און זיינען צוגעפּאַסט צו באַדינען אַלע באַדערפעניש. דער טשעליאַבינסקער זאַוואָד אַליין גיט אַרויס 40,000 טראַקטאָרס אַ יאָר.

אין דער פּראָדוקציע פון שניט־קאָמבאַינען פאַרנעמט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דעם ערשטן פּלאַץ אין דער וועלט, סיי לויט דער צאָל און סיי לויט דער קוואַליטעט פון די מאַשינען. איינמאָל אַ נאָכמיטאָג אין אוקראַינע האָב איך זיך אַמוזירט, מאַכנדיג אַן אינספּעקציע פון גאַנצע טוצן פאַרשיידענע טיפּן קאָמבאַינען, וואָס זיינען שוין דאָרט מער ניט גענוצט געוואָרן, ווייל מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר אַלטמאָדיש. אַ סך פון זיי זיינען געווען פון גאָר באַרימטע פירמעס און נאָך גאָר ניט קיין אַלטע, נאָר מען האָט זיי שוין אַוועקגעשטעלט אין געביידעס אויף אַ פעלד, וואָס מען האָט אָנגערופן „דער מוזיי". די סאָוועטישע היימיש־פּראָדוצירטע שניט־מאַשינען זיינען געווען אויף אַזויפיל בעסער, אַז די מוסטערן פון וועלט־באַרימטע פירמעס האָבן געמוזט געשטעלט ווערן אויף דער ליסט פון „אויסגעדינטע".

די מאָלאָטאָוו אויטאָמאָביל־פאַבריק אין גאָרקי גיט אַרויס מער טראָקס ווי אַלע אויטאָמאָביל־פאַבריקן אין ענגלאַנד צוזאַמענגענומען. די מאָלאָטאָוו־פאַבריק איז די גרעסטע אין דער וועלט. און פאַרבייגייענדיג לאָמיר באַמערקן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט שוין מער טראָקס ווי יאַפּאַן, איטאַליע און פּוילן צוזאַמענגענומען.

טויזנט און אכציג לאָקאָמאָטיוון קומען אַרויס יערלעך פון דער וואָראָשילאָווגראַד־פאַבריק. צום יאָר 1942 וועט די פּראָדוקציע פון ערשט־ליניגע לאָקאָמאָטיוון דערגרייכן ביז 2,090 אַ יאָר. צו יענער צייט וועלן די אויטאָמאָביל־פאַבריקן אַרויסגעבן 400,000 אויטאָמאָבילן אַ יאָר און די אייזנבאַן־וואַגאָן־שעפּער וועלן פּראָדוצירן 90,000 צוויי־אַקסיגע פראַכט־וואַגאָנען.

די פּראָדוקציע פון עראָפּלאַנען האָט געשטעלט צו דער פּראָבע די סאָוועטישע פּלאַנירונג. קיין מאָדערן לאַנד קאָן זיך ניט דערלויבן צו איגנאָרירן דעם עראָפּלאַן. אָן עראָפּלאַנען איז אַן אַרמיי ווי אָן אויגן, און אַ לאַנד איז ווי אָן לעבנס־נערוון.

אין אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי גרויס, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט וועלדער, סטעפּעס און אייז־פעלדער; מיט נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע טעריטאָריעס, וואָס זיינען ווייט פון דעם צענטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — אין אַזאַ לאַנד איז לופט־פאַרקער אויסערגעוויינלעך וויכטיג. דער סאַכאַלין־אינזל, וואָס ווערט אויף עטלעכע חדשים אָפּגעשניטן דורכן ים; און דער קאַראַ־קום־מדבר, וואָס ווערט אָפּגעשניטן דורך זיינע זאַמד־שטרעקעס — זיי הענגען אָפּ פון דעם עראָפּלאַן צו קריגן זייערע נייעס. ווייט־פאַרוואָרפענע געגנטן מוזן אָנהאַלטן אָפטע באַרירונג מיט דעם צענטער דורך

קריגן די דאָרטיגע צייטונגען; אינזשענערן מוזן קריגן פּלענער פון סאַמע בעסטן סאָרט. די סאָוועטישע אַוויאַציע באַדינט אַט־די באַדערפענישן און פאַרגרעסערט דעם גאַנצן גאַנג פון אייניגקייט, וואָס איז אַזוי נויטיג צווישן פעלקער, וועלכע זיינען צעוואָרפן אויף אַזאַ ריזיגן שטח.

דער פּליער טשוכנאָווסקי האָט געפונען און האָט געראַטעוועט די מאַנשאַפט פון דעם איטאַליענישן דיריזשאַבל „איטאַליאַ".

אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון קאַרעליע, וואו דער טערמאָמעטער פאַלט ביז 40 גראַד אונטער נול, האָט אַ דאָרפס־לערערין זיך אָפּגעפרווירן די פיס און גאַנגרענע האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַנטוויקלען. מען האָט געקאָנט פאַרמיידן איר טויט בלויז דורך אַן אָפּעראַציע. צו קיין דאָקטאָר האָט מען ניט געקאָנט צוקומען, נאָר אַן עראָפּלאַן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לענינגראַד, האָט די לערערין געבראַכט אין איין טאָג צייט צו אַ דאָקטאָר, און איר לעבן איז געראַטעוועט געוואָרן.

אַ געפערלעכע עפּידעמיע האָט באַדראָעט אַ טשערעדע הירשן ביים טייך יעניסעי, וואָס געפינט זיך אַזוי וייט, אַז עס דאַרף נעמען חדשים־לאַנג צוצוקומען צו ציוויליזאַציע מיט געוויינלעכע פאַרקער־מיטלען. אַ בריגאַדע פּילאָטן האָט אַריבערגעבראַכט דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן, און די עפּידעמיע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

עראָפּלאַנען פירן בריוו; עראָפּלאַנען געפינען ים־הינט אין אַרקטישע וואַסערן; עראָפּלאַנען זאַמלען צונויף פעלצן אין די טיילן פון יאַקוטסק, וואוהין עס איז פריער ניט מעגלעך געווען צוצוקומען; עראָפּלאַנען פאַרזייען רייז, שפּירן־אויס וואַלד־פייערן, פאַרניכטן געפערלעכע אינזעקטן, פירן מלחמה מיט היישעריקן, טויטן שלעכטע גראָזן, פאַרזעצן ביימער און צעטרייבן נעפּלען.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פּראָדוצירט איצט זיינע אייגענע עראָפּלאַנען — פון אַן אויסגעצייכנטער קוואַליטעט און אין אַ שטוינענדיגער צאָל. די פּליי־רייזע דורכן נאָרט־פּאָל אין 1937—אַ שטרעקע פון 7,000 מייל—וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין צוויי מיט אַ פערטל טעג פון מאָסקווע ביז די דרום־טיילן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, איז אַ גענוג גוטער באַווייז וועגן דער קוואַליטעט פון די סאָוועטישע עראָפּלאַנען. זאָל דער קאָמענדאַנט שמעטעל פון דעם דייטשישן לופט־מיניסטעריום, וועלכער איז אַן אויטאָריטעט און וועלכער וועט זיכער ניט איבערטרייבן, רעדן וועגן דער קוואַליטעט פון די סאָוועטישע עראָפּלאַנען.

אין זיין בוך „לופט־קריג באַדראָעט אייראָפּע", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1938, שרייבט דער קאָמענדאַנט שמעטעל, אַז די פּראָדוקציע פון מיליטערישע עראָפּלאַנען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט דערגרייכן אַ סך־הכל פון 12,000 און אפשר אפילו 15,000 אין דעם יאָר 1940. די מעגלעכע פּראָדוקציע אין צייט פון קריג, ניט ער צו, איז גאָר ניט אָפּצושאַצן.

„די סאָוועטישע עראָפּלאַנען קומען נאָך דעם אַמעריקאַנער סטאַנדאַרד סיי לויט דער קאָנסטרוקציע, סיי לויט דעם, וואָס זיי קאָנען אויפטאָן", זאָגט טאָמאַס מאָרגאַן, דער פּרעזידענט פון דער קוירטיס-ראַיט קאָרפּאָרעישאָן. און ער זאָגט ווייטער: „די אינסטיטוציעס און שעפער פאַר אויספאָרשונג פאַרגלייכן זיך אין קוואַליטעט און איבערשטייגן אין זייער גרויס אַלץ, וואָס מען קאָן געפינען אין אויסלאַנד... ווייל זיי צו דינסט שטייען אַלע רעסורסן פון דער מלוכה. אינזשענערן און עראָפּלאַן-פּלאַנירער האָבן אַזאַ געלעגנהייט פאַר עקספּערימענטאַלער ארבעט, וואָס קיין פּריוואַטע קאָמפּאַניע קאָן זיך דאָס ניט דערלויבן."

די סאָוועטישע פאַבריקן גיבן אַרויס פאַרשיידענע עראָפּלאַנען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די גאָר פאַרשיידענע באַדינגונגען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. עס זיינען דאָ פּאָלוס-עראָפּלאַנען, וואָס קאָנען פונקציאָנירן אין אַ טעמפּעראַטור פון 40 גראַד אונטער נול; עראָפּלאַנען מיט ספּעציעלע איינ־ריכטונגען, וואָס מאַכן פאַר זיי מעגלעך זיך אַראָפּצולאָזן אויף לאַנד, וואַסער, שניי, אָדער אייז; „לופט-באַנען" מיט אַ „לאָקאָמאָטיוו"-עראָפּלאַן, וואָס שלעפּט נאָך זיך אַ צאָל פּאַסאַזשיר־ און פראַכט-געלאָדענע גלאַידער-עראָ־פּלאַנען, וועלכע מען קאָן אָפּטשעפּען ביי אַ באַשטימטער סטאַנציע, וואו זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד, בשעת דער „לאָקאָמאָטיוו" פליט זיך ווייטער. עס זיינען דאָ קלייניקע עראָפּלאַנען, וואָס מען רופט זיי „הימל-פליי", און ריזיגע עראָפּלאַנען, ווי דער „מאַקסים גאָרקי", וואָס האָט זיך צוזאַמענ־געשטויסן מיט אַ צווייטן עראָפּלאַן און איז צעשמעטערט געוואָרן אין 1935, נאָר וועלכער קאָן פאַרביטן ווערן, אויב מען זאָל נאָר וועלן, דורך אַנדערע מאָנסטערס פון דער זעלבער גרויס, אָדער נאָך אַ סך גרעסער.

אין יוני 1940 האָבן סאָוועטישע פליער געשאַפן נייע וועלט-רעקאָרדס מיט „גלאַידערס" און ים-עראָפּלאַנען. דער פּילאָט י. סוכאָמלין און זיין געהילף י. קאַזירקין האָבן אין זייערע פּראָבעס איבער דעם שוואַרצן ים אויפ־געהויבן דעם „סופּיט" פאַר ים-עראָפּלאַנען אויף העכער צוויי קילאָמעטער און האָבן אויך געשאַפן פינף נייע אינטערנאַציאָנאַלע רעקאָרדס פאַר ים־עראָפּלאַנען.

י. קאַרטאַשעוו האָט געבראָכן זיין אייגענעם אינטערנאַציאָנאַלן רעקאָרד דורך פליען אין אַ גלאַידער-עראָפּלאַן מיט אַ סך זיץ-פּלעצער איבער אַן אָנ־געצייכנטן מאַרשרוט; ער איז געפלויגן 390 קילאָמעטער פון טולאַ קיין אוכאָלאָוואָ און צוריק.

וויכטיג איז אויך די דערגרייכונג, וואָס איז געוויזן געוואָרן אין מאָסקווע אין דעם אַוויאַציע-טאָג פון 1940, ווען פון אַ באַן פון 27 גלאַידער־עראָפּלאַנען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט „אַ וואָלקן מיט פּאַראַשוטיסטן".

לויט זיין מאַשין-בוי איז דער סאָוועטן-פאַרבאַנד איצט אויף דעם ערשטן פּלאַץ אין אייראָפּע. בלויז אַמעריקע איז זיין איינציגער קאָנקורענט

אין פּראָדוציר־מעגלעכקייט און אין פּראָדוקציע. שוין איצט איז די סאָוועטישע פּראָדוקציע דריי און צוואַנציג מאָל גרעסער, ווי אין דער פאַר־מלחמה־צייט, און די גרויס פון דער פּראָדוקציע האַלט אין איין שטייגן. צום סוף פון דריטן פינף־יאָר־פּלאַן אין 1942 וועט די פּראָדוקציע דערגרייכן ביז 225 פּראָצענט פון דער שטופע פון יאָר 1937.

טויזנטער נייע טיפּן מאַשינען זיינען באַהערשט געוואָרן, און די אינזשענערישע בויאונגען, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן אויפגעשטעלט געוואָרן לויט דעם לעצטן וואָרט פון דער טעכניק, קאָנען שוין איצט זיך ספּראַווען מיט אַ מאַסן־פּראָדוקציע פון וועלכן ניט איז טיפּ מאַשין פאַר דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט אָדער פאַר שוץ־צוועקן פון לאַנד.

אין 1938 אַליין האָט די מאַשין־בוי אינדוסטריע געזאָלט אָנהויבן פאַבריצירן 277 מאַשין־געצייגן פון נייע טיפּן און נייער גרויס, טורבינען און קעסלען פאַר הויכן וואַסער־דרוק, פאַרפולקאָמטע גענעראַטאָרס, אויטאָמאָביל־מאָטאָרן, דיזעל־ענדזשינס, הויב־מאַשינען, וואַגאָנען און אַגריקולטורעלע מאַשינען.

צום יאָר 1942 וועט דער אַסאָרטמענט פון געצייג פאַרגרעסערט ווערן אויף 800 מוסטערן ; די פּראָפּאָרציע פון הויך־פּראָדוקטיווע אויטאָמאַטישע און האַלב־אויטאָמאַטישע אינסטרומענטן וועט שטייגן זייער באַדייטנדיג.

די סאָוועטישע מאַשין־בוי אינדוסטריע פאָלגט נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די סאַמע לעצטע דערגרייכונגען אין דער וועלט־טעכניק. סטודענטן האָבן אַ לייכטן צוטריט צו די טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. די ראָל פון דעם פּלאַנירער ווערט אַלץ פאַרגרעסערט, און עקספּערימענטאַלע דעפּאַרטמענטס פון אַלערליי סאָרטן ווערן אויסגעשטאַט און אַלץ מער פאַרגרעסערט אין צאָל. די סאָוועטישע אינזשענערן שטרעבן צו דערגאַנצן דעם אויסלענדישן פּראָגרעס דורך אייגענער איניציאַטיווע.

די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון דער סאָוועטישער סיסטעם פירן נאַטירלעך און ספּאָנטאַן צו אַ שנעלן פּראָגרעס אין דער פּראָיעקטירונג פון נייע טיפּן מאַשינען און אין מאַשין־קאָנסטרוקציע. די טעכנישע פּראָבלעמען פון די קומענדיגע פינף יאָר זיינען קלאָר אָנגעצייכנט. מען ווייסט גענוי וואָס פאַר אַ מאַשינען מען וועט דאַרפן און אין וואָס פאַר אַ צאָל די מאַשינען וועלן פּראָדוצירט ווערן. פאַר אַ ספּעציעלער מאַשין, אָדער פאַר אַ ספּעציעלן אינסטרומענט וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך בלויז איין פּלאַניר־דעפּאַרטמענט. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ווערט פאַקטיש קלענער דער פאַרנעם פון פּראָיעקטירן נייע טיפּן מאַשינען. פינף־זעקסטל פון דער אַרבעט פון טעכניקער אין די קאָנקורירנדיגע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען גייט פאַרלאָרן.

מר. אַרנאָלד טאָסטין, וועלכער איז אַמאָל געווען דער הויפּט־אינזשענער

אין דעם עלעקטרישן דעפּאַרטמענט פון דער מעטראָ־וויקערס פאַבריק אין שעפילד — וואָס דאָס האָט געמיינט „אַ זייער פּאַראַנטוואָרטלעכער און פאַר־באַפנדיג־אינטערעסאַנטער דזשאָב", ווי ער באַצייכנט עס — און וועלכער האָט שפּעטער אָנגעהאַלטן דעם אַמט פון עלטסטן אינזשענער אין דער טעכ־נישער ביוראָ פאַר טראַקטאָר־מאָטאָרן אין דער קיראָוו דינאַמאָ־פאַבריק, האָט אָט־דעם פּונקט זייער קלאָר אַרויסגעבראַכט. דער פּונקט אַליין איז אַזוי וויכטיג, אַז מיר וועלן ציטירן זיינע אייגענע ווערטער:

„אַן אינזשענער, אַ מאַשינען־מאַכער, קריגט אַ ריזיגע באַפרידיגונג אַרבעטנדיג אין אַ סאָוועטישער פאַבריק. דער קאָמערציעלער פּרינציפּ, וואָס האָט די אויבערהאַנט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, צווינגט זייער אָפט די אינזשענערן צו פאַרשווענדן זייער ענערגיע, כח און וויסן אויף גאָרנישט. אין ענגלאַנד, צום ביישפּיל, זיינען דאָ עטלעכע פאַבריקן, וואָס גיבן אַרויס איין און דעם זעלבן אַרטיקל. ווען עס קומט אַריין אַ באַשטעלונג, זוכט יעדע פאַבריק מיט אַלע מעגלעכקייטן די באַשטעלונג צו קריגן. די אינזשענערן, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין אָט־די פאַבריקן, נעמען זיך אַלע מאַכן נייע פּלאַן־צייכענונגען, ניט וויסנדיג צי זייערע פירמעס וועלן די באַשטעלונג קריגן, אָדער ניט. אָבער בלויז איין פירמע קריגט די באַשטעלונג. די פּלענער פון אַלע אַנדערע בלייבן ניט אויסגענוצט.

„אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס גאַנץ אַנדערש. דאָ זיינען אַלע אויפגאַבן פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. דאָס גיט יעדן אינזשענער די זיכערקייט, אַז די אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן, וועט אויסגענוצט ווערן. דאָ איז ניטאָ קיין איין ווערטפולער פּלאַן, וואָס זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאַטעריעלער ווערט. די סיסטעם פון עקאָנאָמישער פּלאַנירונג מאַכט מעגלעך פאַר דעם אינזשענער צו זען די פרוכט פון זיין שאַפן. און דאָס איז ביי אים ווערט מער פון אַלץ."

## 7. אָרערן און נערוון

דאָס אַלטע רוסלאַנד איז געווען אַ לאַנד פון ריזיגע שטרעקעס און פון קלאָגעדיגן פאַרקער. אין צייט פון הונגער פלעגן מיליאָנען אומקומען אין איין טייל לאַנד, בשעת ווייץ האָט געפוילט אין אַ צווייטן טייל לאַנד, ווייל עס האָט אויסגעפעלט די מעגלעכקייט די ווייץ צו טראַנספּאָרטירן. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה זיינען אַרמייען געשטאַנען און האָבן זיך ניט גע־קאָנט באַשיצן, בשעת אַמוניציע איז געווען אָנגעהורבעט אויף די באַן־צענטרען.

די פּראָבלעם פון טראַנספּאָרט און פאַרקער איז הונדערט מאָל פאַר־גרעסערט געוואָרן, ווען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט איינגעפירט די נייע עפּאָכע פון אינטענסיווער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די באַוועגונג פון פראַכט איצט ריזיג־גרויס.

גאַנצע טייכן אייזן, קוילן, באַוול, נעהילץ און מאַשינען ווערן געפירט צו שפּייזן די פאַבריקן, פון וואַנען עס שטראָמען ווידער אַרויס טייכן פּראָדוצירטע סחורות, וואָס פליסן צו באַפרידיגן די באַדערפענישן פון די געברויכער.

גאָר אָפט פליסן אַט־די טייכן מיט סחורות פון־און־צו זייער ווייטע פּלעצער. זיי פליסן שטאַרקער און ברייטער דאָרט, וואו די פאַבריקן זיינען גאָר געדיכט — קיין לענינגראַד און מאָסקווע, למשל. איין ברייטער שטראָם פליסט צו אַט־די שטעט פון דרום — פון דאָנבאַס און פון אוקראַינע. אַ צווייטער שטראָם ציט זיך פון מזרח — פון די אוראַל־בערג און פון סיביר. עס איז אָבער זייער וויכטיג, אַז אַנדערע שטראָמען זאָלן פליסן פון אַנדערע פּונקטן צו אַנדערע פּונקטן. אַז אַ שטראָם פון קוילן, למשל, זאָל פליסן פון קוזנעץ אין די אַלטאַי־בערג צו די אוראַלן, וואו מען דאַרף די קוילן האָבן אויף צו שמעלצן דאָס אייזן־אַרץ פון די אוראַל־בערג. אין אַלגעמיין איז אין דער פאַרגאַנגענהייט אַט־דער פאַרלאַנג קיינמאָל ניט באַפרידיגט געוואָרן.

שטראָמען פּראַכט דאַרפן האָבן קאַנאַלן, אין וועלכע זיי זאָלן קאָנען פליסן. אָן אַ קאַנאַל ווערט דער שטראָם פאַרשפּאַרט. אַמאָל איז דער קאַנאַל אַ טייך און פּראַכט באַוועגט זיך אויף שיפן. אַמאָל איז דאָס אַן אייזנבאַן און אַמאָל אַ ברוקירטער שליאַך. ווען שנעלקייט איז וויכטיג און ווען די וואָג איז ניט גרויס, דעמאָלט איז די לופט אַ גרייטער קאַנאַל.

שיפן, וואַגאָנען, טראָקס און עראָפּלאַנען — אַלע באַדינען אַט־די פיל־פאַרצווייגטע טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם, און מיט דעם וואוקס פון דעם שטראָם פּראַכט ווערט אַלץ גרעסער דער דרוק אויף דער סיסטעם און עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז דער שטראָם זאָל געשטערט ווערן. ווען די וועגן ווערן איבערגעפּאַקט, איז דאָס זייער געפערלעך. ווען די טראַנספּאָרטאַציע פון פּראַכט ווערט איבערגעריסן, קאָן דאָס ווערן פאַטאַל, פּונקט ווי עס איז געפערלעך אַ פאַרגליווערונג פון בלוט אין די אָדערן, אָדער אַ פּאַראַליז פון די נערוון אין אַ מענטשנ׳ס קערפּער. אַט־די געפאַר איז פאַראַן אויף אַן אמת׳ן. די ריזיגע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע שאַפט אַ צו־גרויסע אָנשטרענגונג פאַר דער סאָוועטישער טראַספּאָרטאַציע־סיסטעם און פאָדערט פון צייט צו צייט דראַסטישע מיטלען אויף צו פאַרבעסערן דעם טראַנספּאָרט.

די סאָוועטן־מלוכה האָט גע׳ירשנ׳ט אַ טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם, וואָס איז געווען קנאַפּ אין פאַרנעם, אין אַ שלעכטן צושטאַנד און שלעכט באַלאַנסירט. די סיסטעם איז געווען ניט גענוגענד, ווייל די אייזנבאַן־וועגן זיינען געווען זייער שלעכט געבויט; די לאָקאָמאָטיוון זיינען געווען פּרימיטיווע, די וואַגאָנען פאַרעלטערט און אָפּגעטראָגן, און די טייכן ניט גענוג טיף און פאַרנאַכלעסיגטע. די סיסטעם איז געווען צעשעדיגט, ווייל קריג און אינטערווענציע האָבן געפירט דערצו, אַז אין לויף פון אַ סך יאָרן זאָלן די וועגן פאַרנאַכלעסיגט ווערן. 7,600 בריקן זיינען אויפגעריסן געוואָרן און טעלעגראַף־דראָטן אויף אַ לענג פון 100,000 מייל זיינען אַראָפּגעריסן גע־

וואָרן. די סיסטעם איז געווען שלעכט באַלאַנסירט, ווייל די אייזנבאַן־ליניעס האָבן זיך געצווייגט הויפּטזאַכלעך צו מאָסקווע און צו לענינגראַד און אויך צום מערב, צו די פּאָרטן פון באַלטישן און שוואַרצן ים, איבערלאָזנדיק די אַנדערע טיילן פון לאַנד כמעט אָן טראַנספּאָרט־פאַרבינדונגען איינס מיטן אַנדערן.

די צאַרישע אייזנבאַנען זיינען געווען אַ כאַראַקטער־שטריך פון דער צאַרישער פּאָליטיק. אַ נעץ באַן־ליניעס איז זיך צונויפגעקומען אַרום מאָסקווע און לעניגראַד, כדי מען זאָל קאָנען צו אָט־די צענטרען צוברענגען די רייכטימער פון די קאָלאָניעס. די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע צאָל אייזנבאַן־ליניעס צו מערב, וואָס זיינען אָריגינעל אויסגעלייגט געוואָרן מיט אַן אויסקוק אויף מלחמה, האָבן אַרויסגעפּאָמפּעט פון דער רוסישער אימפּעריע די רוי־מאַטעריאַלן און דורך דעם געמאַכט אַלץ רייכער די רוסישע סוחרים און די אינדוסטריעלע אייראָפּע, אָבער ניט די רוסלענדישע באַפעלקערונג.

פאַרבינדונגען צווישן איין געגנט און אַ צווייטער, צווישן מזרח און מערב, צווישן איין קאָלאָניע און אַ צווייטער, אָדער צווישן איין פאָלק און אַ צווייטן זיינען געווען זייער קנאַפּ אַנטוויקלט. אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד זיינען געווען 11.3 קילאָמעטער אייזנבאַן־ליניעס אויף יעדע 1,000 קוואַדראַט קילאָמעטער לאַנד; אין אַזיאַטישן רוסלאַנד — 0.6 קילאָמעטער.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך פאַרנומען דורכפירן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. און אויב אין די ערשטע יאָרן איז די ענדערונג אין דער טראַנספּאָרטאַציע־מאַפּע אָנגעגאַנגען לאַנגזאַמער, ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, איז אָבער די פּאַקטישע אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, געווען גאַנץ באַדייטנדיק און דער טעמפּאָ איז פאַרשנעלערט געוואָרן אַזוי גיך ווי ל. מ. קאַגאַנאָוויטש, דער בויער פון דער מאָסקווער סאָבווער, איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָלקס־קאָמיסאַר פון די אייזנבאַנען. אין לויף פון צוויי יאָר איז די טעגלעכע פראַכט־אָנלאָדונג פון 50,000 וואַגאָנען כמעט פאַרטאָפּלט געוואָרן.

אַלע ווייסן וועגן דער טראַנס־סיבירישער אייזנבאַן, וועלכע ציט זיך און ציט זיך אויף אַ שטרעקע פון 6,000 מייל איבער פלאַכע סטעפּעס און איבער בערג, די לענגסטע אייזנבאַן־סיסטעם אין דער וועלט. טאָג נאָך טאָג און מיט אַ שרעקלעכער מאָנאָטאָנקייט לויפן די סטעפּעס פאַרביי דעם פענצטער פון וואַגאָן. דאָ און דאָרט הויבט דער וועג זיך אַרויף־צו און בערגלעך פאַרשמעלצן זיך מיט בערג, וואו וואַסערפאַלן רוישן און וואו געדיכטע וועלדער פאַרשטעלן די העלע שיין פון דער זון. אויף אַ שטרעקע פון זעקס טויזנט מייל פירט די טראַנס־סיבירישע אייזנבאַן פּאַסאַזשירן און פראַכט. פאַר די נייע טראַנספּאָרט־באַדערפעניש איז די אַלטע סיסטעם געווען גאָר קנאַפּ און שלעכט צוגעפּאַסט; זי האָט געהאַט בלויז איין רעלסן־ליניע; די ליניע האָט זיך געצויגן איבער אומגוויטיג־געדרייטע וועגן און איבער

בערג; די וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון זיינען געווען פּאַרעלטערט. עס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן דער שטראָם פראַכט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געפאַר פון אַן אומפאַרמיידלעכער קאַטאַסטראָפע.

אַנשטאָט איין פּאָר רעלסן האָט שוין איצט די טראַנס־סיבירישע ליניע צוויי פּאָר. לייכטע רעלסן און שוואַכע בריקן זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף שווערע. מען האָט אויסגעגלייכט די וועגן דאָרט, וואו זיי האָבן זיך צו שאַרף אויסגעבויגן. מען האָט אָפּגעגראָבן אַ סך בערגלעך. מעכטיגע צען־רעדערדיגע לאָקאָמאָטיוון שלעפּן לאַנגע באַנען מיט ריזיגע פראַכט־וואַגאָנען.*)

ספּעציעלע לאָקאָמאָטיוון, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו פאָרן לאַנגע דיס־טאַנצן דורך טרוקענע מדבריות, קאָנדענסירן זייער דאַמף און פאַרוואַנדלען אים אין וואַסער, באַנוצנדיג זיך מיט אים נאָך אַמאָל, און מאַכנדיג אַזוי אַרום אומנויטיג פאַר דער באַן צו פירן אַ וואַסער־טאַנק. עס איז מעגלעך געוואָרן צו פאַרגרעסערן דעם סכום פון געפירטן פראַכט אויף 50 פּראָצענט און די שנעלקייט פון די באַנען אויף 20 ביז 30 פּראָצענט. מען זאָגט, אַז די סאַמע לעצטע מאָדעלן פון די עקספּרעס־לאָקאָמאָטיוון קאָנען לויפן מיט אַ שנעלקייט פון 180 קילאָמעטער אַ שעה. אין פּרט פון צייט איז סיביר געוואָרן נעענטער צו מאָסקווע. די קאָסטן פון טראַנספּאָרטירן פראַכט זיינען געפאַלן פון אַ סענט פער טאָן־מייל צו אַ פערטל סענט.

נייע באַנען גיבן צו אַ ווערט צו אַ סך זאַכן, וואָס זיינען פריער געווען ווערטלאָז. אַ סאָסנאָווער קלאָץ האָט קיין ווערט ניט אין די טיפענישן פון אַ וואַלד, וואָס ליגט הונדערטער מיילן ווייט פון אַ טראַנספּאָרטאַציע־פּונקט. ווי נאָר ער קומט צו אַן אייזנבאַן, קריגט שוין אָט־דער קלאָץ אַ ווערט, און אָט־די ווערט שטייגט נאָך מער, ווען מען פירט דעם קלאָץ אַוועק אויף אַ געהילץ־פאַבריק און מען צעזעגט אים דאָרט אויף ברעטער.

טורקעסטאַן פלעגט אויסנוצן בלויז אַ קליינעם טייל פון אירע אומ־שאַצבאַרע באַוואַסערטע געגנטן אויף צו קולטיווירן באַוול, כאָטש לענינגראַד, מאָסקווע און איוואַנאָוואָ האָבן געמוזט באַציען זייער באַוול פון אַמעריקע און פון עגיפּטן, וואָס אין דעם איז געלעגן זייער אַ גרויסע געפאַר. די אורזאַך איז געווען אַ גאַנץ פּשוט׳ע. טורקעסטאַן האָט געדאַרפט שפּייז און האָט דערפאַר אָפּגעגעבן פאַר דער קולטיווירונג פון תבואה די ווערטפולע באַוול־פעלדער. אין דער זעלבער צייט האָט די סאָוועטישע סיביר געהאַט איבער גענוג תבואה פאַר זיך און פאַר אַרויספיר. האָט מען דערפאַר דורכ־געצויגן אַ נייע אייזנבאַן אויף 900 מייל די לענג, איבער בערג, גרענעצלאָזע מדבריות און סטעפּעס. דעם 28טן אַפּריל, 1930, איז די טורקעסטאַן־

---

*) אַ זייטיגע באַן־ליניע איז שוין אויפגעבויט געוואָרן לעבן קאָמסאָמאָלסק און זי ציט זיך אויף 300 מייל צו צפון פון דעם אַמור־טייך.

סיבירישע אייזנבאַן געווען פאַרענדיגט — מיט זיבעצן חדשים פאַר דער באַשטימטער צייט.

אַזוי איז אויך מאַגניטאָגאָרסק איצט פאַרבונדן דורך אַן אייזנבאַן מיט קאַרלאַלי; קאַראַגאַנדאַ איז פאַרבונדן מיטן לעיק באַלקאַש; אוקראַינע — מיט די וואָלגע־געגנטן; די אוראַל־בערג — מיט די צענטראַלע דיסטריקטן דורך קיראָווא, קאַזאַן און קויבישעוו. די נייע אייזנבאַן פון גוריעוו קיין קאַנדאַגאַטש אויף דעם אָרענבורג־טאַשקענט מאַרשרוט באַדינט די וויכטיגע אויל־דיסטריקטן פון דער עמבאַ־געגנט.

פאַר אונז ליגט דער דריטער פינף־יאָר־פּלאַן, לויט וועלכן עס ווערט אָנגעצייכנט אַ פאַרגרעסערונג אין פראַכט־אָנלאָדונג פון 355 ביליאָן טאָן־קילאָמעטער אין 1937 ביז 510 ביליאָן טאָן אין 1942 — אַ פאַרגרעסערונג אויף 44 פּראָצענט.

אַזוי ווי די פאַרגרעסערונג אין דער אינדוסטריע וועט אָבער זיין אויף 82 פּראָצענט, וועט, נאַטירלעך, דער דרוק אויף די אייזנבאַנען אויך ווייטער זיין זייער גרויס און ער וועט אַלץ מער שטייגן. אָט־די שווערינקייט וועט געלייזט ווערן. עס וועלן צוקומען נייע אייזנבאַן־ליניעס אויף אַ לענג פון עלף טויזנט קילאָמעטער; אויף דער לענג פון 8,000 קילאָמעטער וועט מען די וועגן מיט איין רעלסן־ליניע פאַרוואַנדלען אין וועגן מיט צוויי פּאָר רעלסן; די עקזיסטירנדיגע וועגן און וואַגאָנען וועלן אויסגענוצט ווערן מער אינטענסיוו; עס וועלן צוקומען 7,370 נייע מעכטיגע לאָקאָמאָטיוון, 178,000 נייע פיר־אַקסיגע פראַכט־וואַגאָנען און 12,000 נייע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען. עס איז שוין אויסגעפּלאַנירט אַ נייער טיפּ פראַכט־וואַגאָן פון 100 טאָן, וועלכן מען וועט קאָנען אויסלאָדן אין איין מינוט צייט מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלער איינריכטונג.

פאַרשווענדערישקייט אין דער טראַנספּאָרטאַציע מוז קומען צו אַ סוף. מען דאַרף וואו נאָר מעגלעך אויסמיידן צו פירן פראַכט אויף לאַנגע שטרעקעס. לאָקאַלע קוילן — ווי, למשל, די קוילן לעבן מאָסקווע — דאַרפן אויסגעגראָבן ווערן, און זיי ווערן אויסגעגראָבן, און מען דאַרף זיי פאַרנוצן טאַקע דאָ אין דער זעלבער געגנט. סיביריש געהילץ וועט ניט אַריינקומען אין דער סאָוועטישער אייראָפּע, אויב מען קאָן זיך נאָר באַגיין אָן דעם.

עס ווערן געמאַכט עקספּערימענטן מיט גאָר נייע מעטאָדן אויף די אייזנבאַנען. די „לופט־באַן", צום ביישפּיל, באַשטייט פון צוויי וואַגאָנען, וואָס זיינען געבויט אין דער פאָרמע פון צעפּעלינען, און וואָס באַוועגן זיך אויף איין רעלס; די „ספּערא־באַן", מיט אירע שטראָם־ליניגע וואַגאָנען, לויפט אויף גרויסע מאָטאָריזירטע שרויט־לאַגערס („באָל־בערינגס") איבער אַן איינגעגראָבענעם רעלסן־וועג. דאָס זיינען אָבער אַלץ זאַכן פון דער צוקונפט.

מאָטאָר־וועגן און טראַקס זיינען אַ וויכטיגער צוגאָב צו דער אייזנבאַן־ליניע און צום לאָקאָמאָטיוו. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט

1,900,000 מייל וועגן — אומענדלעכע מיש־מאַשינע, צרה׳דיגע וועגן דורך ריזיגע שטרעקעס. ווען מען ציט אויס אָט־די וועגן אין איין ריכטונג, וואָלטן זיי דערגרייכט אַן אכטל פון דער שטרעקע צו דער לבנה. מיט דער אויסנאַם אָבער פון 6,250 מייל ברוקירטע שאָסייען, זיינען די איבעריגע וועגן געווען פול מיט לעכער, מיט הורבעס, מיט בלאָטעס, מיט בריקן אויף הינערשע פיס־לעך — קוים גוט פאַר פויערישע פורן, אָבער פולשטענדיג נוצלאָז פאַר מאָטאָר־טראַנספּאָרטאַציע. גרינקאָ זאָגט: „די אמת׳ע קללה פון דעם לאַנד זיינען געווען זיינע סליאַדן.״ די הויפּט־אורזאַך פון אַזאַ צושטאַנד איז געווען דער מאַנגל אין שטיינער. די פויערים פלעגן זאָגן: „צו וואָס זיך זאָרגן? ווען עס וועט קומען דער ווינטער, וועלן די וועגן פאַרהאַרטעוועט ווערן.״ די שווערע פרעסט פאַרוואַנדלען טאַקע טייכן און שטראָמען אין ברוקירטע בול־וואַרן, אָבער וואָס איז מכח זומער־צייט און וואָס איז מכח בלאָטע און שטויב? די אַלטע וועגן טויגן מער ניט פאַר די סאָוועטישע באַדערפענישן.

דער ערשטער פינף־יאָר־פּלאַן האָט דערפאַר געפאָדערט 22,500 מייל נייע ברוקירטע און מאָדערניזירטע וועגן. עס זיינען אויך ארויסגעגעבן גע־וואָרן פאַראָרדענונגען צו יעדן דאָרף און שטעטל צו פאַרריכטן און צו האַלטן אין גוטער אָרדענונג זייערע לאָקאַלע וועגן. די וועגן זיינען געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג. די ערע פון דעם אויטאָמאָביל איז געקומען.

לויט דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן וועלן אויפגעבויט ווערן נייע וועגן אויף אַ לענג פון 128,000 מייל. די צאָל אויטאָמאָבילן וועט לויט אָט־דעם פּלאַן פאַרגרעסערט ווערן פון 570,000 צו 1,700,000.

עס וועלן טרענירט ווערן צוויי מיליאָן שאָפערן. די מדבריות מיט זייערע לויזע זאַמדן וועלן באַזאָרגט ווערן מיט ספּעציעלע אויטאָמאָבילן, וואָס וועלן לויפן אויף גומענע רעלסן. אָט־די שנעל־לויפנדיגע „מעכאַניזירטע קעמלען״ וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע לאַנגזאַמע קאַראַוואַנען און דעם פּלאַץ פון הירשן און הינט אין אַרקטישן צפון.

אַ נעץ פון לופט־ליניעס פאַרבינדט די ווייטסטע ווינקלען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט דעם צענטער. אַ סך פון זיי, ווי די ליניעס צווישן מאָסקווע און טיפליס, טאַשקענט און אַלמאַ־אַטאַ, זיינען 3,000 מייל די לענג. די ליניע צווישן מינסק און קאַמטשאַטקאַ דורך וולאַדיוואָסטאָק איז 8,000 מייל לאַנג — צוויי מאָל אַזויפיל, ווי צווישן לאָנדאָן און באָמבעי.

רעגולערער לופט־פאַרקער איז איינגעשטעלט צווישן מאָסקווע און בערלין, פּאַריז, שטאָקהאָלם און איראַן.

טראַנספּאָרטאַציע איבערן וואַסער איז ביליגער ווי טראַנספּאָרטאַציע אויף באַנען און שאָסייען, און דער וואַסער־טראַנספּאָרט וועט פאַרקלענערן דעם דרוק אויף די אַנדערע טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען. די סאָוועטישע טייכן זיינען ריזיג־גרויס און מען קאָן אויף זיי פירן קאָלאָסאַלע מאַסן פראַכט.

פון די נייע גרעסטע טייכן אין דער וועלט געפינען זיך פיר אין סיביר.

דער שיף־וועג אויף די טייכן אירטיש און אָב איז לענגער, ווי דער וועג פון ליווערפול קיין ניו יאָרק. קאָמערציעל קאָנען אָבער אָט־די טייכן זיך ניט פאַרגלייכן מיט דער וואָלגע. די וואָלגע קאָן טאָן די ארבעט פון זעקס אייזנ־באַנען, וואָס זאָלן לויפן פּאַזע אירע ברעגן. צוזאַמען מיט די טויזנט טייכן, וואָס שטראָמען אין איר אריין, שאַפט די וואָלגע איינע פון די גרעסטע וואַסער־סיסטעמען אין דער וועלט. די וואָלגע און אַנדערע טייכן אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד זיינען שוין פאַרבונדן געוואָרן, אָדער וועלן פאַרבונדן ווערן דורך קאַנאַלן. די וואַסער־וועגן וועלן פאַרלענגערט ווערן, איבערגעבויט ווערן און אויך בעסער אויסגעשטאַט ווערן. אין דער צוקונפט וועלן זיי, אָן צווייפל, פאַרבונדן ווערן מיט דער וואַסער־סיסטעם אין סיביר.

ווי מיר ווייסן שוין, איז דער דניעפּער איצט שיף־באַר איבער זיין גאַנצער לענג א דאַנק דער נייער קראַפט־סטאַנציע, וואָס איז אויף אים אויפגעבויט געוואָרן, און א דאַנק די וואַסער־טרעפּ.

די פּראָיעקטירטע וואָלגע־אונטערנעמונג וועט זיין נאָך פיל גרעסער, און ווען אָט־דער פּראָיעקט וועט פאַרענדיגט ווערן, וועט דער סאָוועטן־פאַר־באַנד פאַרמאָגן א וואַסער־שליאַך, וואָס וועט ניט האָבן צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט. אָט־דער וועג וועט פאַרבינדן דורך טיפע טייכן און קאַנאַלן דעם שווארצן און קאַספּישן ים מיט דעם באַלטישן און ארקטישן ים און וועט מאַכן מעגלעך צו פירן סחורות קיין מאָסקווע פון דער גאַנצער וועלט. געהילץ און תבואה וועלן גיין צו דרום אין שווארצן ים און קוילן וועלן גיין פון דאָן צו צפון פאַר די פאַבריקן ביי דער וואָלגע. דער שטראָם קוילן פון צפון וועט ווערן אַלץ שמעלער אין פּראָצעס פון באַזאָרגן די פאַבריקן אויף דעם וועג מיט די קוילן, וואָס זיי דאַרפן האָבן. דער שטראָם געהילץ און תבואה, וואָס וועט זיך ציען צו דרום־צו, וועט ווערן אַלץ ברייטער, וואָס מער פאַרמס און זעג־מילן ער וועט ארומכאַפּן.

כדי צו פאַרענדיגן אָט־די ריזיגע אונטערנעמונג, וועט זיך פאָדערן — אויסער מאַכן די וואָלגע אַליין טיפער — אויך אויפצובויען א קאַנאַל 60 מייל די לענג און 200 פוס די ברייט, און צו פאַרבינדן די וואָלגע און דעם טייך דאָן.

איצט פירט מען אויף דער וואָלגע ארום 30 מיליאָן טאָן פראַכט א יאָר — ארום א העלפט פון דעם, וואָס ווערט געפירט אויף אַלע סאָוועטישע טייכן. עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז אין פינף יאָר ארום, ווען דער וואָלגע־פּראָיעקט וועט זיין פאַרענדיגט, וועט דער סכום פראַכט דאָ פאַרצווייפאַכט ווערן און אין צען יאָר צייט וועט דער סכום פראַכט זיין פיר מאָל אַזוי גרויס.

א גאָר וויכטיגער טייל פון דעם פּראָיעקט, ווי עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דעם פריערדיגן קאַפּיטל, וועט זיין דאָס אויסבויען פון צוויי קראַפט־סטאַנציעס אין קויבישעווער ראַיאָן.ביידע סטאַנציעס צוזאַמען וועלן פאַר־מאָגן א קאַפּאַציטעט פון 3,400,000 קילאָוואַט־שטונדן. אָט־די בויאונג איז

שוין אָנגעהויבן געוואָרן און וועט העלפן לייזן די פּראָבלעם פון באַוואַסערן אַ ריזיגן שטח, וואָס פלעגט ליידן פון טריקעניש, און עס וועלן פאַרגרעסערט ווערן די מעגלעכקייטן פאַר שיף־פאַרקער אויף דער וואָלגע און אויף דעם טייך קאַמאַ, וואָס שטראָמט אין איר אַריין. מיט רעכט ווערט אָט־דער פּראָיעקט באַצייכנט ווי די סאַמע גרעסטע אינזשענערישע אונטערנעמונג אין דער וועלט.

עס איז אָבער דאָ נאָך איין ריזיגער וואַסער־וועג, וואָס איז שוין פאַרענדיקט געוואָרן און וואָס פאַרבינדט דעם באַלטישן ים מיט דעם אַרקטישן. אָט־דער וועג ציט זיך ווי אַ קייט פון קאָראַלן און וואַסער־טרעפּ איבער די באַרגיקע שטרעקעס צווישן אָט־די צוויי ימים. דאָס איז אַ וואַסער־וועג פון גרויסער באַדייטונג צוליב דער וואַקסנדיקער וויכטיקייט פון מורמאַנסק אַלס אַ פּאָרט, וואָס איז אָפן אַ גאַנצן ווינטער און וואָס גיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ צוטריט צו דעם אַטלאַנטישן ים אַ גאַנץ יאָר צייט.

אויפצובויען אָט־דעם וועג איז געווען אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג: מען האָט אויסגעגראָבן 21 מיליאָן קובישע מעטער ערד; מען האָט געדאַרפט אויפרייסן מיט דינאַמיט 2½ מיליאָן טאָן שטיינער; צוויי מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט שפּאַלן פון קאַרעלישע וועלדער זיינען פאַרנוצט געוואָרן אויף צו בויען די דאַמבעס און די הילצערנע ווענט פאַר די וואַסער־טרעפּ, דורך וועלכע די שיפן זיינען אויפגעהויבן געוואָרן פון פלאַך צו פלאַך אויף דעם וועג־אַרויף צווישן די צוויי ימים.

דאָרט, וואו עס זיינען פריער געווען וועלדער, זיינען אויפגעשפּרונגען מעכטיגע דאַמבעס. אין איין פלאַץ האָט אַ דאַמבע, וואָס איז עטלעכע מייל די לענג, פאַרצאַמט די וואַסערן פון אַ שטח וואָס איז אַזוי גרויס ווי דער לעיק זשענעוואַ. אָט־דער קאָנטראָלירטער וואַסערפאַל שפּייזט די וואַסערן פאַר די וואַסער־טרעפּ און באַטרייבט די טורבינען פון פינף קראַפט־סטאַנציעס, וואָס שאַפן ענערגיע פאַר די געהילץ־ און כעמישע אינדוסטריען און פאַר די קוילן־גרובן.

דעם 19טן מאַי, 1933, איז שוין געווען פאַרטיק די ניט־איבערגעריסענע סטענגע וואַסער פון דעם באַלטישן ים ביז דעם ווייסן ים, וואָס האָט געעפנט אַ צוטריט צו דעם אַרקטישן ים. מען דאַרף מער ניט פאָרן אַרום נאָרוועגיע, שוועדן און קאַרעליע אויף אַ רייזע צווישן לענינגראַד און אַרכאַנגעלסק. אָט־די שטורמישע רייזע דורך דעם צפון־ים, וואָס פלעגט דויערן 17 טעג, איז פאַרקירצט געוואָרן צו אַ זעקס־טאָגיגער רייזע דורך די שטילע וועלדער און דורך דעם פלאַך־לאַנד פון קאַרעליע.

„מענטש — ווי שטאָלץ דאָס קלינגט! — האָט גאָרקי אויסגערופן, ווען ער איז דאָ געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרמע אין דעם טאָג, ווען דער וועג איז געעפנט געוואָרן.

„דער קאַנאַל איז פאַרענדיקט, הויבט אָן בויען אַן אַנדער קאַנאַל!" און

די אַרבעטער זיינען אַוועק און האָבן אָנגעהויבן בויען דעם מאָסקווע־וואָלגע־קאַנאַל, וואָס איז שוין איצט פאַרענדיגט. קוילן און תבואה און פיש און אויל פון דרום, געהילץ און שטיינער פון צפון דערגרייכן די הויפּט־שטאָט דורך וואַסער, און אַ שווערע לאַסט איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון די אייזן־באַן־וועגן. עס האָט געדויערט צוועלף יאָר אויפצובויען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, נאָר די סאָוועטישע אינזשענערן האָבן מיט דער הילף פון מאָדערנע מאַשינען אין פינף יאָר צייט דורכגעגראָבן דעם מאָסקווע־וואָלגע־קאַנאַל, וואו מען האָט געדאַרפט גראָבן כמעט פּונקט אַזויפיל און אַריינגיסן פּונקט אַזויפיל בעטאָן ווי אין דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. די אַרבעט איז פאַרענדיגט געוואָרן אין ווייניגער ווי אַ העלפט צייט, וואָס האָט גענומען ביים בויען דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. מאָסקווע באַזיצט איצט די באַקוועמלעכקייטן פון טיפן פּאָרט און אַ מאַיעסטעטיש־גרויסן לעיק. יעדער בירגער איז באַזאָרגט מיט גענוג ריינעם וואַסער — 400 ליטער אַ טאָג אין פאַרגלייך מיט די 484 ליטער אַ טאָג פאַר איינוואוינער אין ניו יאָרק. שוין איצט שטעלט־צו די סטאַלין־וואַסער־סטאַנציע, וואָס איז די גרעסטע אין אייראָפּע, 615 מיליאָן ליטער וואַסער אַ טאָג, און אין גיכן וועט זי צושטעלן 738 מיליאָן ליטער.

אין עטלעכע יאָר אַרום וועט דער מאָסקווער פּאָרט, וואָס ליגט אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּייאישן רוסלאַנד, פאַרבונדן ווערן מיט דעם באַלטישן, שוואַרצן, אַזאָווער, קאַספּישן און ווייסן ים. די ריזיגקייט פון דעם פּאַרנעם און די שנעלקייט, מיט וועלכער דער פּלאַן ווערט דורכגעפירט, איז די בעסטע מאָס פון דעם סאָוועטישן מענטשן.

אַרום 1940 וועט זיין מעגלעך אַ פאַרקער פון שיפן, וואָס דאַרפן האָבן טיפע וואַסערן, אויף אַ לענג פון 80,000 מייל. „דאָס פייפן פון אָט־די שיפן וועט געהערט ווערן אין האַרץ פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, בשעת זיי שווימען אַוועק צו די וויכטיגסטע שטעט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און צו די פינף רוסישע ימים און צו די אָקעאַנען ווייט־אַוועק.“

## 8. סאָציאַליסטישע גערעטענישן

שפּייז, קליידונג, וואוינונגען און די באַזאָרגונג פון די מאַטעריעלע זאַכן, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ לעבן פון וואוילזיין און פון אַ ציוויליזירטן שטייגער — דאָס זיינען די אויפגאַבן פון אינדוסטריע. אינדוסטריע איז אַ מיטל צו אַ צוועק און ניט קיין צוועק פאַר זיך אַליין. דערפאַר דאַרף מען די אינדוסטריע אורטיילן לויט איר פייאיגקייט צו פּראָדוצירן דעם נויטיגן סכום און די נויטיגע קוואַליטעט פון די זאַכן, וואָס מיר געברויכן און וואָס מיר עסן.

דער צעטל פון אַזעלכע זאַכן איז אומענדלעך. די שפּייז־אינדוסטריע באַזאָרגט: ברויט, פלייש, פיש, פּוטער, אייער, צוקער, פרוכט, גרינסן, ווייץ,

קאָנסערוווירטע שפּייזן און אזוי ווייטער; די לייכטע אינדוסטריע גיט־ארויס: וואָלענע סחורות, לייוונט, זיידנס, געשטריקטע אַרטיקלען, שיך, אַנדערע לעדערנע אַרטיקלען, מענער־ און פרויען־קליידער, פוטערוואַרג, זייפן, טאַבאַק, געהילץ, גלאָזוואַרג, שפּילצייג, גראַמאָפאָנען און טויזנטער אַנדערע ענלעכע אַרטיקלען.

אין אַלטן רוסלאַנד איז קיין שפּייז־אינדוסטריע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט גאָר אינגאַנצן ניט געווען. די צוריקגעשטאַנענקייט פון דעם לאַנד, די קליינע צאָל גרויסע שטעט און פּראָלעטאַרישע צענטרן, דער נידעריגער לעבנס־סטאַנדאַרד פון אונטערשטן מיטל־קלאַס אין שטאָט און די עקאָנאָמישע סיסטעם פון די דאָרפישע געגנטן, וואו מען האָט אַלע באַדערפענישן באַפרידיגט דורך היימישער פּראָדוקציע — דאָס האָט ניט געשאַפן קיין נאָכפראַגע אויף שפּייז־אונטערנעמונגען פון אַ גרויסן מאַסשטאַב. היימישע פּראָדוקציע פון שפּייז־אַרטיקלען און אונטערנעמונגען פון אַ קליינעם מאַסשטאַב זיינען געווען אַלץ, וואָס מען האָט געדאַרפט אויף אָט־דעם געביט. די רייכע האָבן געהאַט זייערע אייגענע קוואַלן, פון וואַנען צו קריגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געדאַרפט, און זיי האָבן זיך געקאָנט באַגיין אָן אַ גרויסער אינדוסטריע.

ווען אַ גאַנץ פאָלק איז אַבער אַוועק אויף דעם וועג צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער, דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן אינגאַנצן אַ נייע נאָכפראַגע אויף מאַסן־פּראָדוקציע פון שפּייז־אַרטיקלען. דאָס האָט מען קלאָר פאַרשטאַנען און וועגן דעם האָט מען גאַנץ קלאָר געהערט פון סאַמע אָנהויב. סטאַלין האָט דאָס זייער קלאָר אָנגעוויזן, ווען ער האָט געזאָגט:

„סאָציאַליזם קאָן זיגן בלויז אויף דער באַזע פון אַ הויכער אַרבעטער־פּראָדוקטיוויקייט — העכער ווי אונטערן קאַפּיטאַליזם — אויף דער באַזע פון אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטן און געברויך־אַרטיקלען פון אַלע סאָרטן, אויף דער באַזע פון אַ רייך און קולטורעל לעבן פאַר אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.“

אָט־די פאָדערונג האָט געמאַכט נויטיג אַ גאַנצע ריי הויך־אַנטוויקלטע שפּייז־אינדוסטריען. די ערשטע צוויי פינף־יאָר־פּלענער האָבן באַגעגנט אָט־די באַדערפעניש מיט אַ סך דערפאָלג. דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פון דער שפּייז־אינדוסטריע האָט אויפגעבויט 1,000 נייע אונטערנעמונגען: 256 ברויט־פאַבריקן, 197 מעכאַנישע בעקערייען, 70 מילך־פאַבריקן, 82 קרימעריס, 28 טיי־פאַבריקן, 14 פאַבריקן פאַר ארויספּרעסן אויל און נאָך און נאָך פאַבריקן, וואָס זייער צאָל איז אַזוי גרויס, אַז מען קאָן זיי גאָר ניט אויסרעכענען.

שפּייז־פאַבריקן דאַרפן האָבן שפּייז־פּראָדוקטן, און די פונדאַמענטאַלע רוי־מאַטעריאַלן, וואָס די פאַבריקן דאַרפן האָבן, ווערן איצט באַזאָרגט אין אַ פולער מאָס דורך הונדערטער טויזנטער קאָלווירטן און סאָוו־ווירטן (קאָלעק־

טיווע און מלוכה'שע פֿארמס). אַלע פּראָדוקטן ווערן באַזאָרגט דורך די קאָלעקטיווע פֿי־ און מילך־פֿאַרמס אין סיביר, דורך די פישער־קאָלעקטיוון אין וויטן מזרח, דורך די קאָלעקטיווע און מלוכה'שע טיי־פּלאַנטאַציעס אין גרוזיע, דורך די גרינס־גערטנעריייען אין די וואָלגע־ראַיאָנען און דורך די פּלאַנטאַציעס פֿון בוריקעס אין אוקראַינע.

פֿריער פֿאַר אַלץ האָט זיך דאָס לאַנד געניטיקט אין גענוג תבואה. צוליב אַ מאַנגל אין תבואה, וואָס איז פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורך לאַנגע טריקענישן און דורך אַנדערע אורזאַכן, פֿלעגט רוסלאַנד דורכמאַכן אָפּטע הונגער־יאָרן. אין 1937 איז אַראָפּגענומען געוואָרן אַ שניט פֿון 7,300 מיליאָן פּוד תבואה. דער יערלעכער שניט אין די לעצטע פֿינף יאָר פֿאַר דער מלחמה איז אין דורכשניט געווען בלויז עטוואָס העכער פֿון 4,000 מיליאָן פּוד. לויט די פּלענער פֿון דעם דריטן פֿינף־יאָר, דאַרף מען דערגרייכן אַ פֿאַרגרעסערונג אויף 27 פּראָצענט. דאָס מיינט, אַז צום סוף פֿון 1942 דאַרף דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַראָפּנעמען אַ גערעטעניש פֿון 8,000 מיליאָן פּוד תבואה. דאָס וואָרט „הונגער" שרעקט שוין דאָ קיינעם ניט. אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וועט מער קיין הונגער ניט זיין. קיין צוקונפֿטיגע מלחמה וועט ניט פֿאַרלאָרן ווערן צוליב אַ מאַנגל אין שפּייז.*)

די פֿאַבריקן, וואָס פֿאַרוואַנדלען איצט תבואה אין ברויט, אָדער אין קאָנפֿעקטן, ברענגען אויפֿן זינען ווי אַ קאָנטראַסט מאַקסים גאָרקי'ס באַשרייבונג פֿון דעם לעבן פֿון אַ בעקער אין די פֿאַר־מלחמה־יאָרן. גאָרקי שרייבט אַזוי אין זיין דערציילונג „זעקס און צוואַנציג מענער און אַ מיידל":

> „טאָג נאָך טאָג, אין אַן אַטמאָספֿערע, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט מעל, אין מיטן שמוץ, וואָס מיר פֿלעגן אַנטראָגן פֿון הויף מיט אונזערע שטיוול, אין דער שטיקנדיגער, עיפּוש'דיגער היץ, האָבן מיר געקנאָטן אונזער טייג און עס פֿאַרוואַנדלט אין בייגל, וועלכע מיר האָבן פֿייכט געמאַכט מיט אונזער שווייס."

היינט־צו־טאָג ווערט ברויט געבאַקן אין ליכטיגע, מיט זון־באַגאָסענע זאַלן. דאָס ברויט ווערט ניט אָנגערירט פֿון מענטשלעכע הענט. עס ווערט געבאַקן פֿון אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן זיבן שעה אַ טאָג, וועלכע וואַשן זיך אונטער אַ שפּריץ־באָד איידער זיי שטעלן זיך צו דער אַרבעט, און וועלכע קריגן רעגולער אַ מאַניקור. מער וועט שוין ניט אויסקומען קיין צווייטן שלום־עליכם צו באַשרייבן, ווי פֿרויען קריגן זיך ביי יונה'ן אין דער בעקעריי, און וואו עס ווערט אַרויסגעבראַכט ווי איין פֿרוי האָט צופֿעליג אַריינגעקנאָטן אין טייג אַ באַנדאַזש פֿון אַ פֿאַרוואונדעטן פֿינגער און אַ צווייטע פֿרוי האָט

---

*) דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד פּראָדוצירט איצט מער תבואה, ווי וועלכעס ניט איז אַנדער לאַנד אויף דער וועלט. אַ חוץ דעם פּראָדוצירט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צוויי מאָל אַזוי פֿיל פֿון די וויכטיגסטע שפּייז־תבואות פֿאַר איינוואוינער ווי אַמעריקע, און דריי מיט אַ האַלב מאָל אַזוי פֿיל ווי די גאַנצע בריטישע אימפּעריע.

זיך צוגעלייגט צו כאַפּן אַ דרעמל און האָט אונטערגעלייגט צוקאָפּנס אַ שטיק טייג אָנשטאָט אַ קישעלע.

די ציפערן וועגן צוקער־פּראָדוקציע ווייזן פּונקט אַזאַ פאַרגרעסערונג, ווי וועגן דער ווייץ־פּראָדוקציע. אין „ריטעיל״־האַנדל איז אין 1936 פאַרקויפט געוואָרן 329,000 טאָן צוקער, אין 1937 — 467,500 טאָן און אין 1938 — 580,000 טאָן. לויט דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן וועט די פּראָדוקציע פון צוקער־בוריקעס פאַרגרעסערט ווערן אויף 37.2 פּראָצענט.

די ציפערן פון איינצל־פאַרקויף ווייזן אַן ענלעכע פאַרגרעסערונג פון אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. צווישן 1933 און 1937 איז דער פאַרקויף פון פּוטער געשטיגן אויף 260 פּראָצענט, דער פאַרקויף פון אייער — אויף 510 פּראָצענט, וואורשט — אויף 730 פּראָצענט. דאָס זיינען, נאַטירלעך, געווען יאָרן, ווען שפע האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַריאָגן דעם הונגער, נאָר אַט־דער וואוקס האַלט־אָן אָן אויפהער, און לויט דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן וועט ער זיין אַ היפּש ביסל גרעסער.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קולטיווירט איצט זיין אייגענע טיי און ער מאַכט זיינע אייגענע ווײַנען. גרוזיע האָט אין 1938 אַרויסגעגעבן 35,000 טאָן טיי־בלעטער. ביז לעצטנס פלעגט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פּראָדוצירן 160,000 פלעשער שאַמפּאַניער אַ יאָר. פראַנקרייך גיט אַרויס 50 מיליאָן פלעשער שאַמפּאַניער. צו 1939 וועט די סאָוועטישע פּראָדוקציע געהויבן ווערן ביז 3 מיליאָן פלעשער.*)

אין צאַרישן רוסלאַנד זיינען די פּויערים אָדער געגאַנגען באָרוועס, אָדער זיי האָבן אַרומגעוויקלט זייערע פיס מיט שמאַטעס און מיט שטרוי. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט בלויז אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג געטראָגן לעדערנע שיך. די גאַנצע שיך־אינדוסטריע האָט פאַר דער מלחמה אַרויסגעגעבן ניט מער ווי 20 מיליאָן פּאָר שיך אַ יאָר. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַ פּלאַן פון ווינציגסטן איין פּאָר שיך אַ יאָר אויף יעדן איינוואוינער. דאָס מיינט, אַז איצט דאַרף מען האָבן 170 מיליאָן פּאָר שיך אַ יאָר. די אָנגעצייכנטע פּראָדוקציע פאַרן יאָר 1942 איז 235 מיליאָן פּאָר, וואָס דאָס מיינט אַ פאַרגרעסערונג אויף 143 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1937.

מען זאָגט אָפט, אַז די ציוויליזאַציע פון אַ לאַנד ווערט געמאָסטן לויט דעם סכום זייף, וואָס די איינוואוינער פאַרברויכן. זינט 1913 איז דער פאַרקויף פון זייף אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן אויף צענדליגער מאָל. אין 1936 האָט די דאָרפישע באַפעלקערונג געקויפט אַכט

*) די גערעטעניש אויף וויינטרויבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אין 1938 באַטראָפן 900,000 טאָן. אין 1939 איז די גערעטעניש שוין געשטיגן ביז 1,000,000 טאָן. לויט דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן דאַרף מען אין 1942 איינזאַמלען 1,500,000 טאָן ווייַנטרויבן.

מאָל אַזױפֿיל זײַף און פּערפֿיום־אַרטיקלען, װי אין 1928. לױט דעם דריטן פֿינף־יאָר־פּלאַן װעלן פֿאַרצײכנט װערן באַדײַטנדיגע פֿאַרגרעסערונגען.

אויף טאַבאַק איז אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד פֿאַראַן אַ נאָכפֿראַגע, פּונקט װי אין אַנדערע לענדער. כּל זמן מען האָט זיך געמוזט פֿאַרלאָזן אויף אימ־פּאָרט, איז געװען אַ שטענדיגער מאַנגל. איצט פּראָדוצירט דער סאָװעטן־פֿאַרבאַנד זײַן אײגענעם טאַבאַק; די קאָלעקטיװע פֿאַרמס פֿון אַבכאַזיע גיבן אַרויס בלעטער, װאָס קאָנען זיך פֿאַרגלײַכן מיט די פֿײַנסטע טערקישע סאָרטן, און אויף די סאָװעטישע סיגאַרן, װאָס דאָס איז אַ גאַנץ נײַע זאַך, װערט די נאָכפֿראַגע זײער שנעל פֿאַרגרעסערט. עס איז שױן דאָ אַ גרױסע פֿאַרשײדנ־אַרטיגקײט פֿון אַלערלײ סאָרטן און די צאָל האַלט אין אײן שטײַגן. פּראָ־פֿעסאָר הענסאָן האָט באַמערקט, װען מיר זײַנען געשטאַנען אין אַ טאַבאַק־פֿאַבריק אין קרים, אַז בשעת פֿריער מיט צװײ יאָר האָט ער אָנגעצײלט אין לאַנד בלױז אַ טוץ פֿאַרשײדענע סאָרטן, האָט ער איצט אָנגעצײלט צװעלף מאָל אַזױ פֿיל סאָרטן אין אָט־דער אײנער פֿאַבריק אַלײן. אין 1937 האָבן די סאָװעטישע פֿאַבריקן אַרױסגעגעבן 89,000 מיליאָן סיגאַרעטלעך. צװישן די טאַבאַק־פּראָדוצירנדיגע לענדער פֿאַרנעמט איצט דער סאָװעטן־פֿאַרבאַנד דעם צװײטן פּלאַץ.

דער דריטער פֿינף־יאָר־פּלאַן דאַרף באַזאָרגן אַ פֿאַרגרעסערונג אין גע־ברױך־אַרטיקלען פֿון אַנדערהאַלבן ביז צװײ מאָל אַזױפֿיל. עס װערט אױך אָנגעצײכנט אַ פּאַראַלעלע פֿאַרגרעסערונג אין רעאַלן לױן, כּדי צו מאַכן מעגלעך אַ פֿאַרגרעסערטן געברױך.

אין לױף פֿון דעם צװײטן פֿינף־יאָר־פּלאַן איז דער סך־הכּל פֿון פֿאָלקס־געברױך אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד מער װי פֿאַרטאָפּלט געװאָרן. אין אָט־דער צײַט זײַנען פּרײַזן געפֿאַלן און דער לױן איז געשטיגן.

אין געװיסע יאָרן אין אָט־דעם פּעריאָד, בשעת דאָס לאַנד האָט זיך אַרױסגעדראַפּעט פֿון די געפֿערלעכע צײַטן פֿון אַגריקולטורעלן קריזיס, זײַנען געמאַכט געװאָרן אַ סך דראַמאַטישע דערגרײכונגען.

פֿאַלנדיגע פּרײַזן, געהעכערטער לױן און אַ געהעכערטער סאָציאַלער לעבנס־שטײגער — דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט אַ װירקלעכע העכערונג אין דעם לעבנס־סטאַנדאַרד און אין דעם געברױך פֿון סחורה.

1) עס ליגט פֿאַר מיר אַ טאַבעלע, װאָס גיט־אָן אַ צאָל פֿון די פּראָ־דוקטן, װעלכע האָבן צװישן דעם ערשטן יאַנואַר 1934 און דעם ערשטן יאַנואַר 1937 געהאַלטן אין אײן פֿאַלן אין פּרײַז. ברױט איז געפֿאַלן אין פּרײַז מער װי אױף אַ העלפֿט; דאָס זעלבע איז מיט פּוטער; אײער זײַנען געפֿאַלן אין פּרײַז כּמעט אױף דרײַ־פֿערטל; פֿלײש איז געפֿאַלן צו 63.3 פּראָצענט, און שטיקלעך צוקער צו 27.3 פּראָצענט אין פֿאַרגלײַך מיט די פּרײַזן פֿון דעם יאָר 1934.

עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין דעם זעלבן פּעריאָד האָבן פּרײַזן

אין דייטשלאַנד פּאַרצייכנט אַ פּאַראַלעלע און געפּערלעכע העכערונג — פּרייזן אויף קאַרטאָפל זיינען געשטיגן פון זעקס פעניג אַ קילאָגראַם צו 9 פּעניג; פּוטער — פון 275 צו 312; רינדערן־פליישׁ — פון 135 צו 169; אייער — פון 10 פעניג צו 12 פעניג אַ שטיק.

2) גלייכצייטיג מיטן פאַלן פון די פּרייזן איז געשטיגן דער לוין. עס איז געשטיגן דער לוין פון די אָפּיס־אָנגעשטעלטע, לערער, סטודענטן און אינ־דוסטריעלע אַרבעטער. לוין־העכערונגען זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אויף דעם גאַנצן פראָנט. דער דורכשניטלעכער יערלעכער פאַרדינסט פון אַלע טיפּן אַרבעטער איז אין לויף פון צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן פאַרטאָפּלט געוואָרן. אויב מען זאָל אָננעמען די צאָל 100 צו באַצייכענען דעם לוין, וואָס מען האָט געצאָלט אין 1929, וועט זיך באַקומען, אַז אין 1933 האָט מען געצאָלט 196.4 און אין 1937 — 371.4.

3) אַ פאַרגרעסערונג אין צוגענגלעכע סאָציאַלע באַזאָרגונגען איז אַ דריטער עלעמענט, וואָס איז באַהילפיג אין דער העכערונג פון דעם לעבנס־סטאַנדאַרד. לויט דעם בודזשעט פון 1938 זיינען די צאָלונגען צו פרויען, וועלכע האָבן געדאַרפט ווערן מוטערס, פאַרגרעסערט געוואָרן צו 991,500,000 רובל אין פאַרגלייך מיט דער סומע פון 785,000,000, וואָס איז אויסגעצאָלט געוואָרן אין 1937. עס איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרגרעסערן אויף 348,000 אין פאַרגלייך מיט 1937 די צאָל אַרבעטער פון די פאַבריקן און אָפּיסעס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן אין אָפּרו־הייזער און סאַניטאַריומס. ענלעכע פאַרגרעסערונגען זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר די פּיאָנערן־קעמפּס און פאַר דער צאָל קינדער, וואָס ווערן געשיקט אין די קעמפּס.

דער דריטער פינף־יאָר־פּלאַן צייכנט־אָן די פאָלגנדיגע אויפגאַבן אויף צו אַנטוויקלען די סאָציאַלע באַזאָרגונג אין די יאָרן צווישן 1937 און 1942: צו פאַרגרעסערן די מלוכה־אויסגאַבן אויף די קולטורעלע און טאָג־טעגלעכע באַדערפענישן פון די אַרבעטער־מאַסן אין שטאָט און אין דאָרף (דאָס מיינט אויסגאַבן אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אויף בילדונג, געזונט־פאַרהיטונג, שטיצע פאַר מוטערס פון גרויסע פאַמיליעס און די טאָג־טעגלעכע באַדינונג פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן און אין די אָפּיסעס); די אַלגעמיינע סומע פאַר אָט־די צוועקן דאַרף דערגרייכן 53 ביליאָן רובל אין פאַרגלייך מיט דער סומע פון 38.8 ביליאָן, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אין 1937.

די צאָל שפּיטאָל־בעטן וועט פאַרגרעסערט ווערן אויף 30 פּראָצענט. אין דער אוזבעקישער, טאַדזשיקישער, קאַזאַכישער און קירגיזער רעפּובליק וועט די פאַרגרעסערונג זיין אויף צוויי מאָל אַזויפיל; אין דער אַרמענישער רע־פּובליק אַ דרייפאַכע און אין דער טורקמענישער רעפּובליק אַ פינף־פאַכע.

דאָס שטייגן פון נאַציאָנאַלן איינקונפט איז אַן אויסגעצייכנטע מאָס פון דעם געהעכערטן לעבנס־סטאַנדאַרד אין אַ לאַנד, וואו עס זיינען ניטאָ

קיין גרויסע עקסטרעמען פון רייכקייט און אָרעמקייט, אַזוי ווי ביי אונז אין לאַנד.

## 9. אוטאָפּישע פאַרמעסטונגען

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געגעבן אויסדרוק צו זיין שטאָלץ מיט דעם דערפאָלג פון זיין צווייטן פינף־יאָר־פּלאַן, נאָר די פירער זיינען קלוג גענוג צו וואָרענען געגן פריצייטיגן ענטוזיאַזם. דער לעבנס־סטאַנדאַרד איז נאָך ניט דערגאַנגען צו דעם שטאַפּל פון ענגלאַנד און אַמעריקע. זיי ווייסן דאָס און זיי זאָגן עס, און זיי דערלויבן אַנדערע דאָס צו זאָגן. זייענדיג ערלעך אין זייער זעלבסט־קריטיק, דערלויבן זיי אויך אַנדערע צו קריטיקירן זיי אויף אַן ערלעכן אופן. אַזוי, צום ווייניגסטן, איז געווען מיין איינדרוק.

דריי מאָל האָט מען ביי מיר פאַרלאַנגט, בשעת איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיין אָפנהאַרציגע מיינונג וועגן דעם, וואָס איך האָב דאָרט געזען און געלערנט. איינמאָל האָט מען מיר געשטעלט אַזאַ פראַגע אין מאָסקווע, אַ צווייטן מאָל אין ראָסטאָוו און אַ דריטן מאָל אין אָדעס. אויסערגעוויינלעכע פאַרזיכטיגקייט איז אָנגעווענדט געוואָרן צו באַריכטן פּינקטלעך דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, און מען האָט מיר צוגעשטעלט פּראָבע־בויגנס מיט דעם געדרוקטן אינטערוויו. זיי האָבן מיר געפרעגט „צי וויל איך נאָכן איבערטראַכטן מאַכן וועלכע עס איז ענדערונגען?" און בלויז דעמאָלט האָבן זיי אָפּגעדרוקט דעם רעזולטאַט פון דעם אינטערוויו, ניט אויסלאָזנדיג די קריטיק.

איין אויסזעצונג, אָדער ריכטיגער געזאָגט אַ וואָרנונג, איז געווען געריכטעט געגן איבערטרייבונגען וועגן זייערע איצטיגע דערגרייכונגען אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער. אין דער ראַטע פון פּראָדוקציע — סיי אין קאַפּיטאַלע סחורות און סיי אין געברויך אַרטיקלען — האָבן זיי ווירקלעך איבערשטיגן אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. לויט דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון זייער פּראָדוקציע האָבן זיי איבערגעיאָגט אַלע לענדער, מיט דער אויס־נאַם פון אַמעריקע, נאָר אין דער פּראָדוקציע סיי פון קאַפּיטאַלע סחורות און סיי פון געברויך־אַרטיקלען פער איינוואוינער האָבן זיי נאָך ניט באַוויזן זיך אויסצוגלייכן מיט די פירנדיגע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

עס איז ניט געווען אַזוי לייכט דאָס קלאָר צו מאַכן פאַר אייניגע פון די אינגערע סאָוועטישע מענטשן. זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען אין קיין אַנדער לאַנד. זיי האָבן ניט געקאָנט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד און דעם סטאַנדאַרד אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַמעריקע, לענדער, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען. פון טעגלעכער דערפאַרונג האָבן זיי געוואוסט ווי שנעל עס גייט־צו דער וואוקס פון די סאָוועטישע קאַפּיטאַלע

און געברויך־סחורות, און פון דער סטאַטיסטיק האָבן זיי געוואוסט ווי די גאַנצע פּראָדוקציע ביי זיי אין לאַנד פאַרגלייכט זיך מיט דער פּראָדוקציע אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן ניט געוואוסט, אָדער זיי האָבן זיך ניט גע־כאַפּט וועגן דער רעלאַטיווער פּראָדוקציע פּער איינוואוינער. און אָט אין דעם זין האָבן זיי נאָך ניט אָנגעיאָגט די טעכניש־פאַרגעשריטענע לענדער אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

לויט דער ראַטע פון אַנטוויקלונג און לויט דער ראַטע פון וואוקס פון דער פּראָדוקציע פאַרנעמט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיכער דעם אויבן־אָן. נאָך דעם קריזיס פון 1929 האָט די אינדוסטריע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קוים דערגרייכט אין 1937 א הויך פון 103.5 פּראָצענט פון דעם מצב פון 1929. זינט דאַן האָט די אינדוסטריע געליטן פון א באַנייטן עקאָ־נאָמישן קריזיס. פון דער צווייטער זייט האָט די סאָוועטישע שווערע אינ־דוסטריע דערגרייכט אין 1937 א הויך פון 428 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם מצב פון 1929. דער סך־הכל פון שווערער און לייכטער אינדוסטריע צוזאַמענגענומען האָט דערגרייכט א הויך פון 371 פּראָצענט.

און אין 1938 האָט די אַלגעמיינע פּראָדוקציע פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע דערגרייכט 412 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1929, און די שווערע אינדוסטריע האָט דערגרייכט אַזוי הויך ווי 477 פּראָצענט.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט די פּראָדוקציע אין 1938 פאַר־צייכנט א צוריקגאַנג אויף 13.5 פּראָצענט, אַראָפּפאַלנדיק צו 91 פּראָצענט פון דעם מצב פון 1929.

די שנעלקייט פון וואוקס איז איצט, הייסט עס, דער בולט'סטער שטריך פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע, און ס'איז דאָ געגוג גרונד צו גלויבן, אַז אָט־די שנעלקייט פון וואוקס וועט ניט פאַלן.

אָבער די פּראָדוקציע פּער איינוואוינער איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך, און דאָ האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָך ניט באַוויזן אָנצויאָגן ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַמעריקע, ווי אויך אַנדערע טעכניש אָדער עקאָנאָמיש הויך־אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אָט וואָס סטאַלין האָט געזאָגט וועגן דעם ביי דעם 18טן קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי:

„אין 1938 האָבן מיר אַרויסגעגעבן 15,000,000 טאָן רוי־אייזן; ענגלאַנד האָט פּראָדוצירט 7,000,000 טאָן. עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז מיר האָבן אויפגעטאָן מער, ווי ענגלאַנד; ווען מיר פאַרגלייכן אָבער אָט־די צאָל טאָנען מיט דער גרויס פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז די פּראָדוקציע פון רוי־אייזן פּער קאָפּ פון דער באַ־פעלקערונג אין 1938 האָט אין ענגלאַנד באַטראָפן 145 קילאָגראַם און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד בלויז 87 קילאָגראַם. אָדער, גייענדיק ווייטער: אין 1938 האָט ענגלאַנד פּראָדוצירט 10,800,000 טאָן שטאָל און אַרום

29 ביליאָן קילאָוואַט־שטונדן עלעקטריציטעט, בשעת דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן 18,000,000 טאָן שטאָל און אַריבער 39 ביליאָן קילאָוואַט־שטונדן עלעקטריציטעט. עס קאָן אויסקוקן, אַז אונז איז בעסער ווי ענגלאַנד, נאָר ווען מיר צעטיילן די צאָל טאָנען און די צאָל קילאָוואַט־שטונדן אויף דער צאָל פון דער באַפעלקערונג, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז אין ענגלאַנד איז די פּראָדוקציע פון שטאָל געווען 226 קילאָגראַם פּער פּערזאָן און די פּראָדוקציע פון עלעקטריציטעט האָט באַטראָפן 620 קילאָוואַט־שטונדן פּער פּערזאָן, בשעת אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אויף אַן איינוואוינער זיך אָנגענומען בלויז 107 קילאָ־גראַם שטאָל און בלויז 233 קילאָוואַט־שטונדן עלעקטריציטעט.

„וואָס איז די אורזאַך פון דעם? די אורזאַך איז, וואָס אונזער באַפעלקערונג איז אויף עטלעכע מאָל גרעסער, ווי די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד, און דערפאַר זיינען אונזערע באַדערפעניש גרעסער. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ציילט אַ באַפעלקערונג פון 170 מיליאָן מענטשן; ענגלאַנד האָט אַ באַפעלקערונג פון ניט מער ווי 46 מיליאָן מענטשן. די עקאָנאָמישע מאַכט פון אַ לאַנד ווערט ניט אויסגעדריקט דורך דעם אַלגעמיינעם סך־הכל פון דער פּראָדוקציע, ניט נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט די גרויס פון דער באַפעלקערונג, נאָר די מאַכט ווערט אויסגעדריקט דורך באַטראַכטן דעם סכום פון דער פּראָדוקציע אין דירעקטער פאַר־בינדונג מיט דעם סכום, וואָס ווערט פאַרברויכט פּער קאָפּ פון דער באַפעלקערונג.”

דאָס זיינען קלאָרע רייד. איך האָב זיך דערלויבט צו באַנוצן אָט־די לאַנגע ציטאַטע סיי אַלס אַ גוטן ביישפּיל פון דער איינפאַכקייט פון סטאַלינ׳ס סטיל אין זיין רעדן צום פאָלק און סיי דערפאַר, ווייל דאָ ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך צו האַלטן די מענטשן וואַכזאַם בנוגע דער ווירקלעכקייט און אויסצומיידן פריצייטיגע זעלבסט־גראַטולירונגען.

לויט דער זעלבער אויסרעכענונג איז די פּראָדוקציע פון קוילן פּער קאָפּ קלענער ווי אין פראַנקרייך און באַדייטנדיג קלענער ווי אין ענגלאַנד און אין דייטשלאַנד. די אויסאַרבעטונג פון עלעקטריציטעט פּער קאָפּ פון דער באַ־פעלקערונג איז אין 1937 געווען אַ העלפט פון דער פראַנצויזישער פּראָדוקציע און אַ דריטל פון דער בריטישער.

אָט־די קריטיק פון פריצייטיגן ענטוזיאַזם איז נויטיג. דאָס איז די טרייב־קראַפט צו באַוועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד גוט־צו־מאַכן אָט־די צוריק־געשטאַנענקייט אין לויף פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן. דער ציל איז קלאָר. דאָס פאָלק מוז איבערשטייגן סיי אין קאַפּיטאַלע און סיי אין געברויך־סחורות ניט נאָר די אייראָפּייאישע לענדער, נאָר די טעכניש פיל מער אַנט־וויקלטע אַמעריקע. אָט דאָס דערקלערט דעם געיעג צו פאַרגרעסערן די אויס־אַרבעטונג פון עלעקטרישער קראַפט, קוילן, אייזן, שטאָל און אַנדערע מאַטעריאַלן און צו פאַרבעסערן די אַרבעט־פּראָצעסן און טעכנאָלאָגיע פון דער פּראָדוקציע, אויסנוצן ביז צו דער העכסטער מאָס די מאָדערנע דער־

גרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און דערפינדונגען און צו באַהערשן ניט בלויז די קוואַנטיטעט פון דער פּראָדוקציע, נאָר אויך די קוואַליטעט.
מאַלאַטאָוו האָט עס אַזוי פאָרמולירט:

„אין איינקלאַנג מיט לענינ׳ס לערע, אַז די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט איז סוף כּל סוף דער סאַמע וויכטיגסטער, דער הויפּט־עלעמענט פאַר דעם זיג פון דער נייער סאָציאַלער אָרדענונג, מוזן מיר דעריבער זיך דערשלאָגן צו דער העכסטער מאָס פון סאָציאַליסטישן פאַרמעסט און פון דער סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג, צו אַ כּסדר׳דיגער פאַרבעסערונג פון אַרבעטער־דיסציפּלין אין אַלע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן און אין אַלע קאָלעקטיווע פאַרמס; מיר מוזן זיך באַוואָרענען מיט אַ הויכער פּראָדוקטיוויטעט מצד די אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ, אַן אַרבעטער־פּראָדוקטיוויטעט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.”

פערטער טייל

# די גרעסטע מאַס וואוילזיין פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן

## 1. דער מאָראַלער רעזולטאַט פון פּלאַנירטער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע

„אין מאַטעריעלע רעזולטאַטן שטייגט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלץ באַרג־אַרויף; אין מאָראַלן פאַרשריט איז די באַרג־אַרויף שטייגערונג נאָך שאַרפער." אָט מיט די געציילטע ווערטער האָט אַ שאַרפזיניגער רעליגיעזער און געזעלשאַפטלעכער באַאָבאַכטער, וועלכער באַזוכט דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד יערלעך, סומירט זיינע איינדרוקן פון די דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטישן לאַנד.

עס קאָן גאָר קיין פראַגע ניט זיין וועגן דעם, אַז די מאַטעריעלע רעזול־טאַטן זיינען שטוינענדיק־גרויס און אַז מען מעג אויף דעם מקנא זיין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מאָראַלע רעזולטאַטן זיינען אָבער נאָך מערקווירדיגער און זיי קאָנען ניט פאַרטונקלט ווערן דורך די אַלע טעות'ן און פאַרברעכנס, וואָס האָבן פון צייט צו צייט געגעבן די סאָוועטישע שונאים אַן אויסרייד צו טריאומפירן, און וואָס האָבן ביי די פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד ארויס־גערופן אַזויפיל טרויער.

דעם מאָראַלן פאַרשריט האָט מען געמעגט דערוואַרטן, ווייל דער מאַ־טעריעלער פאַרשריט איז דאָך אַליין אַ רעזולטאַט פון מאָראַלע אורזאַכן; ווייל אַ פּראָגראַם, וואָס שטעלט זיך אַבזיכטלעך די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַלע פּראָדוקטיווע כחות אויף אַ באַזע פון ברענגען נוצן אַנשטאָט פּראָפיט, כדי אַלע מענטשן — אָפּגעזען פון זייער עלטער, געשלעכט אָדער ראַסע — זאָלן קאָנען קריגן זייער חלק לויט זייערע באַדערפעניש — אַזאַ פּראָגראַם האָט פון סאַמע אָנהויב זיך עטאַבלירט אויף מאָראַלע פּרינציפּן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד גלויבט אין וויסנשאַפט; ער גלויבט אויך אין מאָראַל, און טאַקע אָט צוליב דעם איז דאָרט פאַרמידן געוואָרן דאָס שטענדיגע באַקלאָגן זיך, וואָס מען הערט לעצטנס אין ענגלאַנד, ספּעציעל ווען די סאָציאַלע אָרדענונג ווייזט ערנסטע סימנים פון צוזאַמענברוך, אַז דער מאָראַלער וואוקס בלייבט הינטערשטעליג לגבי דעם וואוקס פון דער וויסנ־שאַפט. די ענגלישע וויסנשאַפטסלייט אַליין, זעענדיג ווי זייערע דערגרייכונגען

ווערן פּראָסטיטואירט, שליסן זיך אָן אין דעם כאָר פון די, וועלכע באַקלאָגן זיך, הגם אַליין איגנאָרירן זיי — בשעת די רוסישע וויסנשאַפטסלייט האָבן עקשנות'דיג זיך אָפּגעזאָגט צו איגנאָרירן — אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויסער די ווענט פון זייערע לאַבאָראַטאָריעס.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דער ענין גאַנץ אַנדערש. מאָראַלער וואוקס שטייגט פּאַראַלעל מיט דעם פאָרשריט פון דער וויסנשאַפט. און אין די פינף־יאָר־פּלענער און אין זייערע רעזולטאַטן זעט מען אַט־די סאָוועטישע דער־גרייכונגען אויף דעם מאָראַלישן געביט אויף זייער העכסטער הויך.

איידער מיר קומען צו די לעצטע טיילן פון אַט־דעם בוך, וואו מיר וועלן באַטראַכטן פון אַלע זייטן די פּולקייט פון דעם לעבן, וואָס די סאָציאַ־ליסטישע פּרינציפּן און פּלאַנירונג האָבן געבראַכט צום קינד, צו דער יוגנט און צו דעם מענערטום און דעם פרויענטום פון אַלע עלטער פון דעם סאָ־וועטישן לאַנד, וועט זיך לוינען צוליב קלאָרקייט און צוליב קורצקייט וועגן אָנצואווארפן אויף שנעל איינציגע עלעמענטן פון דעם פאָרשריט אויף דעם סאָוועטישן מאָראַלן פראָנט.

1) דער סאָוועטישער פּלאַן נעמט אראָפּ דעם טראָפּ פון פּערזענלעכער דערוועררבונג, ווי דעם הויפּט־מאָטיוו אין לעבן, און שטעלט אַוועק דעם טראָפּ אויף סאָציאַליסטישער אָנזאַמלונג. די אומגעזונטע און אַנטי־סאָציאַלע אַנט־וויקלונג פון די פּראָפיט־אינסטינקטן באַשעפטיגט שוין לאַנג די מוחות פון דענקער און מאָראַליסטן. אַט־די געפאַר איז אַלץ קלאָרער געוואָרן אין דעם ניינצענטן יאָרהונדערט און האָט דערגרייכט די העכסטע שטופּע אין דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, אַרויסרופנדיג אַ שטורעם פון פּראָטעסטן, אָן דער שפּיץ פון וועלכע עס קומט דער אומדערבאַרעמדיגער פּראָטעסט פון פּראָ־פעסאָר ר. ה. טאָני אין זיין בוך „די פּראָפיט־געזעלשאַפט". מיט איין מייסטער־שטריך האָט די סאָוועטישע פּלאַנירטע פּראָדוקציע אונטערגעהאַקט די וואָרצלען פון עגאָאיסטישער פּראָפיט־זוכעניש. דאָ און דאָרט קאָן זיך נאָך באַווייזן אַזאַ ווילד־גרעזל און עס פאָדערט זיך דערפאַר שטענדיגע וואַכ־זאַמקייט, נאָר די הויפּט־פּלאַנץ איז שוין פאַרדאַרט געוואָרן, ווייל די הויפּט־וואָרצלען זיינען שוין אַרויסגעריסן געוואָרן.

עס איז אמת, אַז שווערע אַרבעט ברענגט אַ גרעסערן לוין און אַז ווען מען לערנט זיך בעסער, קריגט מען אַ העכערע לוין־נאָרמע, נאָר דער אַלץ־פאַרכאַפּנדיגער הויפּט־פּרינציפּ פון פּריוואַטער דערוועררבונג, וואָס האָט אינספּירירט און דעמאָראַליזירט דעם קאַפּיטאַליזם, אַט־דער פּרינציפּ איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרשוואונדן אויף שטענדיג, ווייל דער פּראָפיט־מאָטיוו דאַרט דאָרטן איין צוליב מאַנגל אין געלעגנהייטן.

2) דער פּלאַן באַזאָרגט אַלעמען מיט באַלוינטער אַרבעט. קיינער איז ניט באַרויבט פון דער מעגלעכקייט צו אַרבעטן. ניטאָ מער קיין פּעריאָדן פון משוגענעם ברען און פון קריזיסן, און מיט זיי צוזאַמען איז פאַרשוואונדן

ארבעטלאָזיגקייט. ארבעטלאָזיגקייט איז געקומען צו אַן ענד אין 1931 און וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט אומקערן. נאַטירלעך, ווען עס איז דאָ אַ וויסנשאַפטלעכער פּלאַן, דאַרף קיינער ניט זיין אָן ארבעט, כּל זמן וועלכע ניט איז מענטשלעכע באַדערפעּנישן זיינען נאָך ניט באַפרידיגט. און ווען אַלע באַדערפעּנישן זיינען שוין באַפרידיגט, קאָנען שוין די ארבעטער קריגן מער פרייע צייט; און ווען פרייע צייט קומט, איז דאָס פאַר אַלעמען. כּל זמן מען דאַרף האָבן ארבעט, איז די ארבעט פריי פאַר אַלעמען. עס איז דאָ אַ נאָכפראַגע אויף ארבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און דער לוין האַלט אין איין שטייגן.

3) דער פּלאַן באַזאָרגט פּערזענלעכע זיכערקייט פאַר אַלעמען. אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער ווערט פּערזענלעכע זיכערקייט באַזאָרגט מיט דער הילף פון פּערזענלעכע און פּריוואַטע אָפּשפּאָרונגען. דער איינצלנער מענטש וואַגט ניט צו פאַרלאָזן זיך אויף דעם כּלל. דער כּלל, די געמיינדע האָט קיינמאָל ניט גאַראַנטירט זיין זיכערקייט און ווען אַזאַ מין זיכערונג ווערט גאַראַנטירט אין דער פאָרם פון געוויסע צאָלונגען צו ארבעטלאָזע אָדער פּענסיעס פאַר אַלטע לייט, איז זי אַזוי קנאַפּ און איז פאַרבונדן מיט אַזויפיל דערנידעריגנדיגע באַשרענקונגען, אַז פּראַקטישע מענטשן זוכן דאָס צו דערגאַנצן דורך אייגענע אָפּשפּאָרונגען. אין דער יאָגעניש צו קריגן פאַר זיך זיכערקייט געפינט דער פּראָפיט־אינסטינקט זיין שטאַרקסטן שותּף.

דער סאָוועטישער בירגער איז אָפּהענגיג פון דעם כּלל. דער כּלל גאַראַנ־טירט זיין זיכערקייט. דער בירגער איז באַוואָרנט. אויב ער ווערט קראַנק, קריגט ער קראַנקן־בענעפיט. מען פאַרגינט עס אים פון גאַנצן הארצן און ס׳איז ניטאָ קיין שום באַשרענקונג בנוגע דער צייט פון די בענעפיט־צאָלונגען. ווען ער ווערט אַלט, קריגט ער אַן ערנהאַפטע און געהעריגע פּענסיע, מיט וועלכער עס איז ניט פאַרבונדן קיין גרעסערע שאַנדע, ווי אין באַצוג צו דער פּענסיע פון אַן אויסגעדינטן מיניסטער.

4) דער פּלאַן באַזייטיגט אויך, אויף דער נעגאַטיווער זייט, שרעק און זאָרג. שרעק דערנידעריגט און זויגט־אויס דעם מאַרך פון די ביינער. די קריסטלעכע מאָראַליסטן זיינען געווען גערעכט, ווען זיי אַטאַקירן שרעק. צו באַזייטיגן שרעק, מיינט באַפרייען ענערגיע. דער מענטש, וואָס האָט פאַר־גראָבן זיין גאָלדענע מטבע אין דער ערד, וואו זיין גאָלד האָט אים ניט געקאָנט ברענגען קיין נוץ, האָט אַזוי געהאַנדלט, ווייל ער איז געווען באַהערשט פון שרעק. „שרעק זיך ניט!“ — אָט־די ווערטער זיינען שטענדיג געווען אויף די ליפּן פון קריסטוסן.

די ריזיגע מאָראַלע דערגרייכונגען פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען אין גאָר אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס שרעק איז באַזייטיגט געוואָרן. שרעק פאַרפאָלגט די ארבעטער אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. עס פאַרפאָלגט זיי די מורא, אַז מען וועט זיי אָפּזאָגן פון דער ארבעט. די מורא

פאַר דעם, אַז אין דרויסן שטייען טויזנטער אַרבעטלאָזע, וועלכע קוקן אַרויס צו קריגן זיין דזשאָב, ברעכט דעם מוט פון אַ מענטשן און אַנטוויקלט שקלאַפערישקייט. שרעק פאַר אַרבעטלאָזיגקייט, שרעק פאַר „סלעק", שרעק פאַר קראַנקהייט און שרעק פאַר אָרעמקייט אויף דער עלטער — דאָס אַלץ פרעסט ווי אַ שווערע לאַסט אויף דעם מאַרך פון אַן אַרבעטער, און שטענדיג שטייט אים דער הונגער פאַר די אויגן. ער קאָן זייער ווייניג וואָס אָפּשפּאָרן.

שרעק בינדט און זויגט־אויס די לעבנס־זאַפט אויך פון מיטל־קלאַס מענטשן. זיי האָבן אפשר נאָך מער מורא, ווייל זיי האָבן מער וואָס צו פאַרלירן, כאָטש אויף גאָר אַן אַנדער אופן. אַרומרינגלענדיג זיך מיט אַלערליי שוץ־ווענט, ווערן זיי דערציטערט ווען עס גיט בלויז אַ בלאָז אַ ווינטל פון עפּעס אַן ענדערונג. פאַשיזם איז געבויט אויף שרעק. דאָס איז די מורא פון דעם, וועלכער באַזיצט עפּעס, פאַר די, וועלכע באַזיצן גאָרניט. שרעק טויטעט־אָפּ איניציאַטיוו און אונטערנעמונגס־גייסט; שרעק פאַרוואַנדלט געוויסע מענטשן אין אונטערלעקער און אַנדערע פאַרוואַנדלט שרעק אין בעסטיעס.

קיין זאַך וואַרפט זיך ניט אַזוי שטאַרק אין די אויגן פון דעם באַזוכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי די אָפּוועזנהייט פון שרעק. דער מלוכה־פּלאַן באַזייטיגט מיט איין מאָך פון דער האַנט אַ סך פון די אויגנשיינלעכסטע פאָרמען פון שרעק. די סאָוועטישע עלטערן ווערן ניט געפּלאָגט פון דעם געדאַנק, ווי אַזוי וועלן זיי קאָנען דעקן די אויסגאַבן ביים געבורט פון אַ קינד. מען דאַרף ניט ציטערן פאַרן טאָג, ווען מען מוז צאָלן צום דאָקטאָר אָדער איינצאָלן אין אַ שול, צי אין אוניווערזיטעט; מען דאַרף ניט האָבן קיין מורא, אַז עס וועט אויספעלן אַרבעט, אָדער אַז עס וועט אויסקומען צו אַרבעטן צו־פיל. עס איז ניטאָ קיין שרעק פאַר לוין־פאַרקלענערונגען אין דעם לאַנד, וואו אַלע האָבן אַרבעט.

5) דער סאָוועטישער פּלאַן אַנטמוטיגט דעם מענטשן צו זאָגן ליגנס, אָפּ־צונאַרן, אָדער סאַבאָטאַזשירן. די פּרעמיעס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע אינ־דוסטריע טיילט אויס פאַר ליגנס, שווינדל און סאַבאָטאַזש, זיינען איינע פון די הויפּט־אורזאַכן פון דעם גרויסן עגמת־נפש פאַר מענטשן מיט אַ נאָרמאַלן און סענסיטיוון מאָראַלן חוש. אין די מערסטע צווייגן פון דער קאָנקורענץ־אינדוסטריע און דעם קאָנקורענץ־האַנדל איז עס גאָר ניט גרינג שטענדיג צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. די אַטמאָספּערע אין דער האַנדלס־וועלט אונטערשיידט זיך אויף אַזויפיל פון דער שול און קירך, אַז אַ סך מענטשן מיידן אויס די קירך, ווייל זיי ווילן ניט זיין קיין היפּאָקריטן ווי אַ צוגאָב צום סובטילן שווינדל אין דער געשעפט־וועלט, וואָס זיי קאָנען ניט אויסמיידן. זיי פאַר־אַכטן די מענטשן, וועלכע באַגייען מאָנטאָג די מעשים, פאַר וועלכע זיי בעטן זונטאָג מחילה.

סאַבאָטאַזש און פוילענצעריי איז נאָך אַ פּגימה אויף דער קאַפּיטאַליס־

טישער אינדוסטריע. צו לעבן צוזאמען מיט געשולטע מעכאניקער און צו ארבעטן מיט זיי צוזאמען, ווי מיר איז אויסגעקומען דאס צו טאן, מיינט צו זען פוילענצעריי אין איר ריכטיגער געשטאלט און צו באנעמען איר סאציאלע באדייטונג אונטערן קאפיטאליסטישן רעזשים. עס איז גלייכצייטיג א טוגנט און א זינד. עס איז א זינד צו שטערן איינעם, וואס וויל גערן טאן נוצלעכע ארבעט. עס איז אפשר נאך א גרעסערע זינד פון א סאציאלן שטאנדפונקט, אז א הויך־קוואליפיצירטער און קרעפטיגער מענטש זאל איינשטעלן אן ארבעטס־נארמע, וואס ער קאן זי לייכט נאכקומען, ווי א סטאנדארד פאר אנדערע, וועלכע זיינען פיזיש שוואכער פון אים, אדער טעכניש ווייניגער צו־געגרייט; אדער צו פאראורזאכן א קריזיס און ארבעטלאזיגקייט דורך א צו־גרויסער פראדוקציע. אויסמיידנדיג איין צרה, פאלן מיר אריין אין דער צווייטער. פראדוקציע ליידט און דער כאראקטער פון דעם ארבעטער ווערט פארדארבן.

דער סאוועטישער פלאן אנטמוטיגט דעם מענטשן צו זאגן ליגנס. אין סאוועטן־פארבאנד איז ניטא קיין נויטווענדיגקייט צו פארקויפן פאפירענע שיך פאר לעדערנע. דארט קאן אויך איין ארבעטער'ס שנעלקייט ביי דער ארבעט ניט זיין קיין אומגליק פאר א צווייטן ארבעטער. שנעלקייט, געאיבט־קייט און דערפינדערישקייט פארגרעסערן דעם סכום פון סחורות, אין וועלכן אלע האבן א חלק. דורך אויסלייגן א וועג צו העכערע טעכנישע דער־גרייכונגען ווערט מעגלעך, אז אלע, וואס ווילן זיך אויסלערנען צו ארבעטן בעסער, זאלן קריגן א העכערן לוין. די טרעיד־יוניאנס אין סאוועטן־פארבאנד דערמוטיגן אלע מיטלען פון שפארן ארבעט, וואס פארגרעסערן די פראדוקציע.

אין סאוועטן־פארבאנד איז עס פולשטענדיג „לייטיש", אז א גוטער חבר זאל טאן א סך און גוטע ארבעט. עס איז לייטיש און מעגלעך צו זאגן דעם אמת, און מען ריזיקירט דערביי ניט צו בלייבן ארבעטלאז. עס איז א לייטישע זאך צו מאכן אלץ מער דערפינדונגען און צו דערמוטיגן נייע אנט־דעקונגען אין א לאנד, וואו טעכנאלאגישע ארבעטלאזיגקייט הערט אויף צו עקזיסטירן.

6) דער פלאן מאכט א סוף צו דעם קאמף צווישן עגאאיסטישע און אלטרואיסטישע מאטיוון. ווען אט־די מאטיוון זיינען צעריסן צווישן זיך, צערייסן זיי אונזער פערזענלעכקייט אין צווייען. ווען זיי זיינען אבער פאר־איייניגט אין א געמיינשאפטלעכן אלץ־ארומנעמענדיגן צוועק, הויבן זיי אויף די פערזענלעכקייט צו אזעלכע הויכן, וואס מען האט זיך דאס פריער נאר ניט געקאנט פארשטעלן. עס איז פונקט ווי כוואליעס, וואס פאראייניגן זיך צו דערגרייכן א נייע הויך, אנשטאט אראפזינקען דורך א גלייכצייטיגן צוזאמענשטויס. עס איז א גליקלעכע ארדענונג, אין וועלכער מיין באלוינטע ארבעט מאכט אויך אנדערע אזוי רייך, און אפשר נאך רייכער ווי מיך.

דא ביי אונז ווירקן אט־די מאטיוון אפט איינער קעגן דעם צווייטן און

דער מענטש ווערט אינערלעך צעריסן. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַראייניגן זיך אָט־די מאָטיוון, און קיין אינערלעכער קאַמף ביים מענטשן איז ניטאָ. די סאָוועטישע ארבעטער זיינען זייער גערן זיך צוצוגרייטן פאַר מער קאָמ־פּליצירטער און העכערער ארבעט, וואָס ברענגט זיי אַ העכערן לוין און באַ־פרידיגט זייער עגאָאיסטישן מאָטיוו. נאָר אַפילו ווען זיי טוען דאָס, זיינען זיי באַוואוסטזיניג וועגן דעם, אַז זייער בעסערע קוואַליפיקאַציע פאַרגרעסערט דעם געמיינשאַפטלעכן וואוילזיין, און דאָס באַפרידיגט זייער סאָציאַלן מאָטיוו. אין דער סאָוועטישער אינדוסטריע גייען די מאָטיוון פון אַלטרואיזם און עגאָאיזם האַנט אין האַנט, פּונקט ווי אויף אַ קראָקעט־פעלד אין ענגלאַנד, וואו די געמיינשאַפטלעכע צוזאַמען־שפּיל העלפט דער גאַנצער גרופּע געווינען און העלפט אויך איינצלנע שפּילער צו געווינען פריזן פאַר פערזענלעכע אויסצייכענונגען.

7) דער פּלאַן שאַפט אַ נייעם געפיל פון באַזיצן אייגנטום און פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער באַוואוסטזיין, אַז יעדער מאַן, פרוי און קינד האָט פאַר זיך אַ פּלאַץ אין דעם פּלאַן און אַ חלק אין זיינע פּראָדוקטן, שאַפט אַ געפיל פון באַזיצן אייגנטום. פּויערים, ארבעטער, סטודענטן און קינדער רעדן וועגן „אונזער" לאַנד, „אונזער" פאַבריק, „אונזער" קראָם און „אונזער" סאָבוועי.

אין דער ווירקלעכקייט איז „אונזער" סאָבוועי געבויט געוואָרן ניט אין־גאַנצן דורך באַצאָלטע געשולטע און פּשוט'ע ארבעטער, נאָר מיט דער הילף פון וואָלונטירן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט אַ נייע טעכניק, אַ נייעם סטאַנדאַרד פון ארבעט און אַ נייעם באַגריף פון באַזיצן אייגנטום — אַ באַגריף, וואָס האָט אָפט זיינע קאָמישע זייטן, ווי אין דעם פאַל, ווען אַ יונגער בחור שטעלט אריין זיין פוס צווישן די טירן פון אַ סאָבוועי־וואַגאָן בשעת זיי האַלטן זיך אין פאַרמאַכן, „צו זען וואָס עס וועט פּאַסירן", און קריגט דערפאַר אָנגעדרייט די אויערן פון אַ פּויערטע פאַר „צעשעדיגן אונזער סאָבוועי".

דער געפיל פון באַזיצן אייגנטום טראָגט אין זיך דעם געפיל פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. אָט־דער געפיל פון באַזיצן אייגנטום און פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט מאַכט עס דעם סאָוועטישן טרעיד־יוניאָניזם אַזוי אומפאַר־שטענדלעך פאַר די ענגלישע טרעיד־יוניאָניסטן. אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען ארבעטער באַשעפטיגט אין אַ פאַבריק, וואָס באַלאַנגט צו אימיצן אַנדערש; אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ארבעטן זיי אין זייער אייגענער פאַבריק. לענין האָט פון סאַמע אָנהויב עקשנות'דיג קולטיווירט אָט־דעם געפיל פון קאָלעקטיוון באַזיץ פון אייגנטום און פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט געזאָגט: „יעדע קעכין מוז צוגעגרייט ווערן צו קאָנען פאַרוואַלטן מיטן לאַנד — עס איז איר לאַנד."

8) פּלאַנירטע פּראָדוקציע שאַפט אַ נייע באַציאונג צו ארבעט. דער

סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָך אַ לאַנד, וואו אַלע מוזן אַרבעטן. קיין קלאַסן פון לײדיג־גייער ווערן ניט טאָלערירט. מיר רעדן אַ סך פאַלשע רייד וועגן דער ווערדע פון אַרבעט, ספּעציעל רעדן אַזוי די פון אונז, וועלכע זוכן זייער גאַנצן לעבן זיך אויסצודרייען פון אַרבעט. פון סאַמע אָנהויב האָט לענין געקעמפט געגן דעם באַגריף, אַז אַן אַרבעטער־קלאַס שטייט נידעריגער פון אַ קלאַס לײדיג־גייער, און אַז פיזישע אַרבעט איז נידעריגער פון אַדמיניס־טראַטיווע אויפגאַבן. דער מלוכה־פּלאַן דאַרף האָבן אַלעמענס הילף און ער דינט אויך אַלעמען. מען מוז אַרבעטן. מיט דעם קינד אין שול לערנט מען וואָס פאַר אַ שטאַלץ עס איז צו אַרבעטן אין אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט. דאָס קינד דאַרף פון די אינגסטע יאָרן וויסן וואָס עס טוט און צוליב וואָס. זעענדיג, אַז זיין אייגענע קלייניקע אַרבעט איז נויטיג פאַר דעם כלל, טראָגט ער אַריין באַוואוסטזיין אין אָט־דער אַרבעט און האַנדלט אויף אַ חבר׳שן אופן. אַ קלאַס לײדיג־גייער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ סאָציאַלע אומ־מעגלעכקייט, כאָטש פרייע צייט פאַר אַלעמען איז אַ רעכט, און די פאַר־גרעסערונג פון פרייער צייט איז אַ ציל.

9) דער פּלאַן פאַרקלענערט פאַרברעכנס. פאַרברעכנס ווערן מערסטנס — כאָטש בשום אופן ניט אינגאַנצן — באַגאַנגען דורך די סאַמע אָרעמסטע און ווי אַ רעזולטאַט פון זייער אָרעמקייט. אַזעלכע פאַרברעכנס ווערן וויניגער אין דער מאָס, ווי אָרעמקייט פאַרשווינדט.

נאָך אַ קוואַל פון פאַרברעכנס איז דער געיעג צו ווערן רייך. געמט־צו אָט־די טרייב־קראַפט; באַזייטיגט אויך די מאָנאָטאָנקייט און די גייסטיגע דערשלאָגנקייט, וואָס קומען פון איבעראַרבעטן זיך און פון אַרבעטן ביי באַשעפטיגונגען, וועלכע האָבן ניט קיין סאָציאַלע אינספּיראַציע און טרייבן מענטשן צו געמבלען, צו טרינקען און צו סעקסועלער פאַרדאָרבנקייט, און מיט איין מאָך פון דער האַנט ווערט איר אויף אַ העלפט אויסלײדיגן די קרימינעלע געריכטן און די טורמעס. די פאַרקלענערונג פון פאַרברעכנס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ פאַקט.

10) דער סאָוועטישער פּלאַן גיט צו אַ טעם דעם לעבן מיט דעם, וואָס ס׳ווערן באַזאָרגט שעפערישע אויפגאַבן פאַר אַלעמען. דער אויסדרוק „בויען סאָציאַליזם" איז שטאַרק אין דער מאָדע. עס איז אַן אויפגאַבע, וואָס אַלע דאַרפן דורכפירן. יעדער איינער און יעדע איינע האָט זיך זיין און איר ווינקל אין דעם גאַנצן בנין. יעדער איינער און יעדע איינע פילן, אַז מען דאַרף זיי האָבן, און אַז די אַרבעט, ביי וועלכער זיי זיינען באַשעפטיגט, האָט אַ געזעלשאַפטלעכן ווערט. קיין אַרבעט ווערט ניט געטאָן אָן אַ צוועק, קיין אַרבעט איז ניט אַנטי־סאָציאַל און ווערט ניט דורכגעפירט פשוט ווי אַ מיטל אויף צו פאַרדינען געלט. וואָס אַזאַ באַגריף באַדייט פאַר קינדער און יונגע־לייט, וועלן מיר זען אין אַ ווייטערדיגן קאַפּיטל. אפשר איז דאָס די העכסטע מתנה פאַר אַלעמען.

11) דער פּלאַן ברענגט נוצן און שעפערישע אָנרעגונג פאַר אַלע פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער פּלאַן באַפּט־ארום אַלץ. ער נעמט אין באַטראַכט דעם גאַנצן געביט פון אינדוסטריע און לאַנדווירט־שאַפט און די אינטערעסן פון יעדער סאָוועטישער נאַציאָנאַליטעט. מען האָט די אַגריקולטור און די אינדוסטריען אויסגעשפּרייט און איבערגרופּירט געאָ־גראַפיש איבער פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד ניט בלויז צוליב מיליטערישע צוועקן און אויך ניט בלויז צוליב עקאָנאָמישע מאָטיוון. אַזאַ איבערגרופּירונג האָט זיך געפאָדערט צוליב מענטשלעכע אינטערעסן. מענטשן זיינען ברידער. עס איז דאָ ארבעט פאַר אַלעמען און אַלע קאָנען פון דער ארבעט געניסן. און כאָטש די הויך־אַנטוויקלטע שיכטן פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג גייען פאָראויס מיט אַ סך אַ פאַרשנעלערטן טראָט ווי פריער, גייען אָבער די צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן נאָך שנעלער, און דער טאָג, ווען זיי וועלן זיך אויסגלייכן, איז שוין ניט ווייט. אָט־דאָס איז דער אָנזאָג און די גוטע נייעס, וואָס דער מלוכה־פּלאַן טראָגט צו די צעזייטע ראַסן און צו די אָפּגעשטאַנענע פעלקער.

פון אָט־דעם בליק פון דער הויך אויף דעם מאָראַלן פאַרשריט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן מיר גלייך אַריבערגיין צו אַ דעטאַלער באַטראַכטונג פון דעם, וואָס די נייע פּלאַנירטע פּראָדוקציע מיט איר מאָראַלן פונדאַמענט טוט פאַר די קינדער, פאַר דער יוגנט, פאַר דעם פּרויענטום, פאַר דעם מענער־טום, פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און פאַר דער וועלט בכלל.

## 2. נייע האָריזאָנטן

דער מלוכה־פּלאַן איז דערפאָלגרייך, און זיין דערפאָלג שאַפט די מאַ־טעריעלע באַזע פאַר אַ לעבן פון שפע פאַר יעדן איינציגן און פאַר אַלעמען. דאָס איז די נאַטירלעכע און אָנגעלייגטע באַלוינונג פאַר רעאָרגאַניזירן די אינדוסטריע פון אַ לאַנד אויף אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט און מיט אַן אויסקוק אויף די באַדערפעניש‌ן פון דער גאַנצער געמיינדע. דער מלוכה־פּלאַן האָט פאַרשפּראָכן שפע. די שפע קומט.

די שפע דאַרף מען באַטראַכטן אין טערמינען פון מענטשלעכע לעבנס. דער פּלאַן איז געווען אַ מיטל צו אַ ציל; די שפע, וואָס דער פּלאַן שאַפט, איז אויך אַ מיטל צו אַ ציל. אָט־דער ציל איז זיכער ניט געווען שפע צוליב שפע אַליין, און נאָך ווייניגער איז דאָס געווען גלאַט אַ מיטל צו האַלטן מאַשינען באַשעפטיגט און צו האַלטן וויסנשאַפטסלייט פאַרנומען. דער ציל פון דער שפע איז געווען — לאָמיר זיך דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנען אָן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן — צו באַזאָרגן די העכסטע מאָס פון זיכער־קייט און פאַרמעגלעכקייט פאַר אַלעמען אויף אַ באַזע פון גלייכהייט. צו געבן יעדן מאַן, פרוי און קינד פון יעדער נאַציאָנאַליטעט, ראַסע, שפּראַך אָדער

קאליר גלייכע באפרייאונג פון עקספּלואטאציע, גלייכע גערעכטיגקייט, א גלייכע געלעגנהייט צו ארבעטן און צו קריגן א באלוינונג לויט דער מאָס און דעם מין געזעלשאפטלעך־נוצלעכער ארבעט, גלייכע און געהעריגע מעגלעכקייט פאר אַפּרו, און א גלייכן צוטריט צו בילדונג און צו זיכערקייט.

ווי אזוי גייט דאָס צו אין דער פּראַקטיק? לאָמיר אָנהויבן מיט דעם קינד.

דעם טיפסטן איינדרוק האָבן אויף מיר אין סאָוועטן־פארבאנד געמאַכט ניט די פאַבריקן און מאַטעריעלע ציפערן, נאָר די קינדער.

אַן ענגלענדער, ווי איך, האָט זיך געפילט גאַרנישט גליקלעך, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן און געמאַכט א פאַרגלייך צווישן די פיזישע, אינטעלעקטועלע און גייסטיגע געלעגנהייטן, וואָס עס האָבן די ענגלישע קינ־דער, מיט דעם צושטאַנד, וואָס הערשט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך געדענק ניט, אַז אויף מיינער א רייזע דורך פינף סאָוועטישע רעפּובליקן און עטלעכע גרויסע סאָוועטישע שטעט זאָל איך האָבן געזען א באַמת־הונגעריג, אָדער א ניט־דערנערט קינד. אין מיינע אָפטע וואַנדערונגען איינער אליין אין לויף פון א סך לאַנגע שטונדן איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַלע טיילן פון פאַרשיידענע שטעט און דערפער אין אַלע צייטן פון טאָג און נאַכט. עס איז, נאַטירלעך, ניט נויטיג צו הונגערן אין א לאַנד, וואו ס'איז מער ניטאָ קיין ארבעטלאָזיגקייט, וואו דער לוין שטייגט און וואו די קאָסטן אויף לעבנס־מיטלען פאַלן.

אָבער כדי צו זיין שטרענג־וויסנשאַפטלעך, וואָלט מיין מאָס פון פאַר־גלייך געדאַרפט זיין ניט לאָנדאָן אָדער פּאַריז, נאָר רוסלאַנד פון צוריק מיט צוויי און צוואַנציג יאָר, וואו דאָס לעבן פון דער מוטער און קינד — ווי מיר האָבן שוין ביז א געוויסן גראַד פריער אָנגעוויזן — איז געווען אויף דער נידעריגסטער שטופע.

כאָטש רוסלאַנד האָט אין דער צייט פון יעקאַטערינאַ דער גרויסער איינ־געפירט — אין יאָר 1782 — א סיסטעם פון מלוכה־בילדונג, איז אָבער די צאָל שולן געווען זייער קליין און זיי זיינען געווען מערסטנס אין די שטעט. א צווייטער צאַר — ניקאָלאַי דער ערשטער — האָט באַגריפן, אַז פאָלקס־בילדונג איז א געפאַר פאַר דער אַריסטאָקראַטיע, האָט ער פאַרבאָטן די קינדער פון שקלאַפן, אַרבעטער און פּויערים צו גיין אין גימנאַזיעס און רעזערווירט די פּריווילעגיע פון שטודירן אין מיטעלע און העכערע בילדונג־אַנשטאַלטן פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסן.

דער קאַמף פאַר בילדונג איז געווען א לאַנגער און א ביטערער און האָט ניט פאַרצייכנט קיין באַדייטנדיגן דערפאָלג אונטער דעם צאַרישן רעזשים. די פאָלקס־מאַסן זיינען געווען ווייט אפילו פון די עלעמענטאַרסטע פאָרמען פון בילדונג. די הויכע בילדונג און קונסט, וואָס האָט עקזיסטירט אין רוסלאַנד, איז געווען באַגרענעצט אויף א קליינער צאָל פּריווילעגירטע שיכטן

און דאָס בלויז אין דער רוסישער שפּראַך. די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן זיינען געווען כמעט אינגאַנצן אָן עלעמענטאַרער בילדונג.

די קירך און דער צאַר האָבן, צום באַדויערן, זיך פאַראייניגט צונישט־צו־מאַכן אַלע פאַרזוכן פון ליבעראַלן אויסצושפּרייטן פאָלקס־בילדונג.

אין 1904 זיינען בלויז 3.3 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג געגאַנגען אין שול — אין פאַרגלייך מיט 19 פּראָצענט אין די פאַראייניגטע שטאַטן. און בשעת ענגלאַנד האָט נאָך אַזוי ווייט צוריק ווי אין יאָר 1877 אויסגעגעבן אויף בילדונג די גאַר קנאַפּע סומע פון 12 שילינג און אַכט און אַ האַלבע פּענים פּער קאָפּ פון דער באַפעלקערונג, האָט רוסלאַנד אויסגעגעבן בלויז 1 שילינג און פינף־אַכטל פּעני. אין 1914 האָט רוסלאַנד פאַרנומען דעם נייַנצענטן פּלאַץ אין דער וועלט אין באַצוג צו שריפטקענעוודיגקייט. 72 פּראָצענט פון דער רוסישער באַפעלקערונג האָבן ניט געקאָנט לייענען און שרייבן. אין אייניגע אַזיאַטישע געגנטן האָט אָט־דער ציפער דערגרייכט 99%.

דערנאָך איז געקומען די מלחמה, די רעוואָלוציע, דער בירגער־קריג, די בלאָקאַדע און דער הונגער פון די יאָרן 1921 און 1922. בילדונג איז געבראַכט געוואָרן צו אַ שטילשטאַנד.

דער איבערבוי פון דער בילדונג־סיסטעם האָט פּאַקטיש זיך ניט אָנגעהויבן ביז 1922, כאָטש איינע פון די ערשטע פאַראָרדענונגען פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט, אַז בילדונג דאַרף ווערן אַלגעמיין און פריי פאַר אַלעמען, אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער קאָליר. מען האָט ריכטיג פאַרשטאַנען, אַז אויב קאָמוניזם זאָל האָבן אַ דערפאָלג, וועט עס דאַרפן זיין אויף דער באַזע פון אַ הויכער קולטור, ווי אויך אויף דער באַזע פון אַ הויכער פּראָדוקציע, און אַז אַ הויכע פּראָדוקציע איז מעגלעך בלויז אויף דער ברייטער באַזע פון געבילדעטע אַרבעטער. לענין האָט אָנגענומען מיטלען צו דערגרייכן ביידע זאַכן. אַכצן יאָר זיינען אַוועק זינט 1922, און יענע נאָבעלע פאַראָרדענונג דערנעענטערט זיך צו איר פאַרווירקלעכונג. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס עס וואָלט געווען די לאַגע פון דעם אַרבעטער היינט־צו־טאָג, ווען די בריטישע אימפּעריע וואָלט געוועזן אַרויסגעוויזן דעם זעלבן ענטוזיאַזם פאַר בילדונג און די זעלבע זאָרג פאַר אַלע אירע בירגער פון אַלע ראַסן.*)

---

*) דער צענזוס פון יאַנואַר 1939 גיט אונז אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן שריפטקענעוודיגקייט אין יענעם יאָר און אין דעם יאָר 1925. אין 1925 איז 51.1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג עלטער פון 9 יאָר געווען גראַמאָטנע. אין 1939 האָט דער פּראָצענט פון גראַמאָטנע שוין דערגרייכט ביז 81.2. דאָס דאַרף האַלט שטופּנוויז אין אָניאָגן די שטאָט. די ציפערן פון דעם צענזוס פון יאָר 1939 זיינען — 89.5 פּראָצענט גראַמאָטנע אין דער שטאָט און 76.8 פּראָצענט אין דאָרף.

דער פּראָגרעס צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז פּונקט אַזוי מערקווירדיג. די צאָל גראַמאָטנע, למשל, אין טאַדזשיק איז אין 1926 געווען 3.7 פּראָצענט און אין 1939 71.7 פּראָצענט. די ציפערן פון שריפטקענעוודיגקייט צווישן פרויען איז נאָך מער מערקווירדיג — אַ שפּרונג פון איין פּראָצענט ביז צו 65.2 פּראָצענט.

אומצאָליגע שוועריגקייטן זיינען געשטאַנען אין וועג פון די סאָוועטישע בילדונגס־טוער. אַ סך לערער פון דעם אַלטן רעזשים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אונטער דעם באָלשעוויסטישן רעזשים; אַנדערע האָבן אויסגענוצט זייערע פּאָסטנס פאַר אַנטי־סאָוועטישער טעטיגקייט און פּראָפּאַגאַנדע. שול־געביידעס און אויסשטאַטונג זיינען געווען אַלטמאָדיש, קנאַפּ אין צאָל און לחלוטין נישט צוגעפּאַסט פאַר שול־באַדערפעניש. טעאָריעס וועגן בילדונג זיינען געווען אַ סך. יעדער סאָרט סיסטעם פון בילדונג און יעדער עקספּערימענט איז אויספּרובירט געוואָרן: דער דאַלטאָן־פּלאַן, דער פּראָיעקטן־מעטאָד, די בריגאַדע־לאַבאָראַטאָריע און ענלעכעס. מען האָט אָפּגעשאַפט עקזאַמענעס און דערנאָך זיי צוריק איינגעפירט, כאָטש מיט זייער אַ וויכטיגן אונטערשייד: עקזאַמענעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דינען ווי אַ פּראָבע פון קענטעניש און ניט ווי אַ טרעפּ צו בילדונגס־פּריווילעגיעס.

טיפּישע קאָמוניסטישע בילדונג איז לאַנגזאַם פאָרמולירט געוואָרן און פאַרקערפּערט איצט אַ סך פון די גרונד־שטריכן פון דער בילדונגס־סיסטעם אין מערב־אייראָפּע צוזאַמען מיט אייגענע אינטערעסאַנטע און ווערטפולע שטריכן.

דער הויפּט־קאַמף איז אָבער צום אָנהויב געווען פאַרבונדן מיט באַזאָרגן לערער און שול־געביידעס. לערער ווערן ניט צוגעגרייט אין איין טאָג, און עס איז שווער צו בויען שולן, ווען מען מוז גלייכצייטיג בויען אַלע אַנדערע זאַכן. אונטער די אומשטענדן האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרצייכנט אַ דערפאָלג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. די צאָל שילער אין די עלעמענטאַרע שולן איז געשטיגן פון 8 מיליאָן אין 1918 צו 34 מיליאָן אין 1938; מען האָט צוגעגרייט גענוג לערער און באַזאָרגט גענוג געביידעס פאַר דעם ריזיגן שטראָם שילער.*)

די שול־טירן זיינען איצט אָפן פאַר יעדן סאָוועטישן קינד. און כאָטש די שול־געביידעס וואָלטן אָפט געמעגט אויסזען בעסער און זיין בעסער געפאַרבט און שענער באַפּוצט, און כאָטש זיי מאַכן אָפט דעם איינדרוק פון קאַזאַרמעס, זיינען אָבער פאָרט פאַראַן צוגענגלעכע שולן. נייע 70 שולן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אין מאָסקווע אין 1935 און נאָך 120 נייע שולן אין 1936 מיט פּלעצער פאַר 800 קינדער אין יעדער שול. דאָס גיט, צום ווינציגסטן, אַ באַגריף וועגן דער קוואַנטיטעט. די קוואַליטעט וועט שוין ממילא קומען. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערט מען אָפט דעם אויסדרוק: פריער קוואַנטיטעט און דערנאָך קוואַליטעט. די פּאָליסי אונטערשיידט זיך פון דעם צוגאַנג אין אַנדערע לענדער, וואו מען באַזאָרגט די בעסטע באַ־

*) אין אַלע שולן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד זיינען אין אָנהויב 1939 געווען נאָענט צו 38 מיליאָן שילער און סטודענטן. פון זיי זיינען 18.4 מיליאָן געווען פרויען. אַרום צוויי מיליאָן האָבן שטודירט אין טעכנישע שולן, קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטן. פון יעדע 1,000 פון דער באַפעלקערונג זיינען 223 געווען אָדער שילער, אָדער סטודענטן.

דינגונגען פאַר די געציילטע און געקליבענע מענטשן, און ערגערע באַדינגונגען פאַר אַלע אַנדערע. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד טיילן אַלע סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע. און ווען עס ווערט בעסער, ווערט בעסער פאַר אַלעמען.

די סאָוועטישע בילדונג־סיסטעם האָט זיך אויסגעפורעמט לאַנגזאַם. דער פּלאַן פון 1932 ביז 1937 האָט אָוועקגעוואָרפן די דאַלטאָן־סיסטעם און אַנדערע סיסטעמען; האָט באַשרענקט די איבערטריבענע זעלבסט־פאַרוואַל־טונג פון שילער און סטודענטן; האָט צוריק איינגעפירט עקזאַמענעס און באַריכטן צום שלוס פון טערמין; האָט ווידער איינגעפירט די לימודים פון געשיכטע און געאָגראַפיע; האָט איינגעפירט אַ פּראָגראַם פון געגנשטאַנדן, וואָס איז ענלעך צו אונזער קוריקולום, און האָט פאַרוואַנדלט בילדונג אין אַ פּראָצעס פון אויסבילדן נוצלעכע, צילבאַוואוסטע און גליקלעכע בירגער.

עס זיינען אָבער דאָ דייטלעכע אונטערשיידן צווישן דער סאָוועטישער בילדונג־סיסטעם און אונזערער:

1) בילדונג ווערט פון אָנהויב ביזן סוף באַזאָרגט פאַר אַלעמען אָן געלט־אָפּצאָל — פון דער פּראַכטפול־אויסגעשטאַטעטער „נוירסערי"־שול ביז דעם אוניווערזיטעט־קורס.

2) שול־בילדונג דאַרף פאַרגעזעצט ווערן ביז דעם עלטער פון 18 יאָר. אַט־דער ציל איז נאָך ניט דערגרייכט, נאָר דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נעענטער צו אַט־דעם ציל, ווי וואָסער ניט איז אַנדער לאַנד.

אַט זיינען איינִיגע פון די סאָוועטישע דערגרייכונגען:

כמעט 2 מיליאָן קינדער אונטער דעם עלטער פון אַכט יאָר מאַכן דורך אַ פולן קורס אין דער „נוירסערי"־שול; נאָך אַ מיליאָן קליינע קינדער קריגט אַ ווייניגער סיסטעמאַטישע אָבער דאָך אַ געוויסע פאָרם פון בילדונג.

קיין איין קינד אין עלטער צווישן אַכט און צוועלף קאָן איצט ניט זיין אויסער דער שול: אַרום 1940 וועט בילדונג זיין אָבליגאַטאָריש פאַר קינדער אין עלטער צווישן אַכט און פופצן יאָר איבערן גאַנצן לאַנד — פון דעם אַרקטישן ים ביז די מדבר־סטעפּעס. אין דער זעלבער צייט וועט בילדונג אין די שטעט, אינדוסטריעלע ישובים און דאָרפישע צענטרען זיין אָבליגאַטאָריש פאַר די קינדער אין עלטער פון אַכט ביז אַכצן יאָר.

3) דער טיפּ בילדונג און די פּרינציפּן, וואָס אינספּירירן די בילדונג, זיינען וועזנטלעך אַנדערש ווי אין אַנדערע לענדער. בילדונג באַצוועקט פריער פון אַלץ געזעלשאַפטלעכע באַדינונג אין איינקלאַנג מיט דעם קריסטלעכן פּרינציפּ, אויף וועלכן קאָמוניזם איז געבויט: „פון יעדן לויט זיינע פייאיג־קייטן און פאַר יעדן לויט זיינע באַדערפעניש." בילדונג איז פריי און צו־גענגלעך פאַר אַלע קינדער גלייך, ווייל יעדעס קינד נויטיגט זיך אין דעם. פון דער אַנדערער זייט ווערט פון יעדן קינד געפאָדערט, פון אָנהויב ביזן סוף, אַ סך מער ווי ביי אונז. כאָטש מען רעכנט ניט קיין געלט־אָפּצאָל פאַר בילדונג, ווערט אָבער אַרויפגעלייגט אַ פאַרפליכטונג אויף דעם וואָס קריגט

די בילדונג. ווען מען לערנט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, לערנט מען זיך צו קאָנען ברענגען נוצן דער געמיינדע. דער אידעאַל, וואָס ווערט געשטעלט פאַרן קינד, איז אינגאַנצן אַנדערש פון דעם אידעאַל וואָס גילט ביי אונז. דאָ זאָגט מען: „אַרבעט שווער און דו וועסט האָבן דערפאָלג." אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דערמוטיגן אַלע דאָס קינד אַזוי: „אַרבעט שווער און דו וועסט קאָנען טאָן דיין חלק אין בויען דעם סאָציאַליזם. אַרבעט און מאַך זיך גרייט צו באַדינען חבר'יש דיינע מיט־מענטשן, דיין לאַנד, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד." דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואו עס ווערט געשטעלט דער טראָפּ.

4) פיזישע אַרבעט ווערט ניט בלויז הויך געשאַצט, נאָר זי ווערט באַטראַכט ווי אומבאַדינגט־נויטיג. די סאָוועטישע בילדונג באַצוועקט אויסצובילדן אַ פאַרגאַנצטן מענטשן, און לויט די סאָוועטישע באַגריפן איז קיין בירגער ניט פאַרגאַנצט, סיידן ער האָט זיך אויסגעלערנט צו טאָן פיזישע אַרבעט. די סאָוועטישע בילדונג וואַרפט אַריבער אַ בריק צווישן פיזישער און אינטעלעקטועלער אַרבעט.

דער אייגנאַרטיגער פּראָצעס, דורך וועלכן דאָס ווערט דערגרייכט, רופט מען דאָרט „פּאָליטעכניזאַציע", און אָט־דעם אויסדרוק דאַרף מען ריכטיג פאַרשטיין; דער ענין פאַרדינט אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

אָט־דאָס משונה'דיגע וואָרט „פּאָליטעכניזאַציע" מיינט ניט טעכנישע טרענירונג. עס איז ניט קיין פאַרזוך צו לערנען דאָס קינד ווי זיך צו באַנוצן מיט באַשטימטע אינסטרומענטן, אָדער ווי דורכצופירן די ספּעציעלע טעכנישע אויפגאַבן, וואָס דערוואַרטן אים, ווען ער וועט אַריינטרעטן אין דער אינדוסטריע.

פּאָליטעכניזאַציע שטעלט מיט זיך פאָר אַן ערנסטן פאַרזוך צו געבן דעם קינד פון אָנהויב ביזן סוף — אין לויף פון זיין גאַנצער לערע — און מיט וואַקסנדיגער קלאָרקייט אַ פולשטענדיגן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון פּראָדוקטיווער אינדוסטריע ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן סאָציאַלן לעבן; צוליב וואָס אינדוסטריע ווערט באַטריבן; וואָס פאַר אַ פּלאַץ אינדוסטריע פאַרנעמט אין דער סאָציאַלער אָרדענונג; וואָס פאַר אַ ווירקונג די אינדוסטריע האָט אויף דעם אַרבעטער און וואָס פאַר אַ ווירקונג דער אָדער יענער ספּעציעלער פּראָדוקט פון דער אינדוסטריע איבט־אויס אויף דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם אַלס אַ גאַנצן.

בילדונג באַצוועקט ניט אַזויפיל אויסצובילדן אַן אַרבעטער, ווי אויסצובילדן אַ געזעלשאַפטלעכן מענטשן.

דער ציל איז צו שאַפן אַ נייע אינטעליגענץ — מענטשן, וועלכע פאַרשטייען מאַטעריאַלן און זייערע אייגנשאַפטן; וועלכע פאַרשטייען די באַדייטונג פון די פאַרשידענע זאַכן, וואָס ווערן פּראָדוצירט, און דעם וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער פון די כחות, עלעקטרישע צי אַנדערע, וואָס זייען

נויטיג פאַר דער פּראָדוקציע, אָבער מענטשן, וועלכע פאַרשטייען אויך די ווירקונג פון די נייע מעטאָדן פון פּראָדוקציע אויף דעם גאַנצן מעכאַניזם פון לעבן; מענטשן וואָס זאָלן, מיט איין וואָרט, פאַרשטיין די באַזונדערע טיילן פון דעם לעבן אין זייער שייכות צו דעם גאַנצן לעבן.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פּרינציפּ פון דער העכסטער וויכטיגקייט, און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האַנדלט ריכטיג, ווען ער אונטערשטרייכט אַזוי שטאַרק אָט־דעם פּרינציפּ. אָט־דער פּרינציפּ איז פונדאַמענטאַל, אויב מיר שטעלן זיך די אויפגאַבע אויפצובויען אַ פאַראייניגטע און פאַרשיידנאַרטיגע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל באַשטיין פון אינטעליגענטע און אַרבעטס־גרייטע יחידים. דער ענין פאָדערט, אַז מען זאָל אים מער באַלויכטן דורך ביישפּילן.

אַן אינזשענער, למשל, וועלכער איז אַלס איינגל דורכגעגאַנגען די סאָוועטישע סיסטעם פון פּאָליטעכניזאַציע, וועט ביי זיך אין געדאַנק זען — ווען אים וועט אויסקומען צו בויען אַ בריק אין אַ באַשטימטן פּלאַץ און אין אַ באַשטימטער צייט — מער ווי די ברעגן, וואָס מען דאַרף פאַרבינדן, און מער ווי די מאַטעריאַלן און די אַרבעט, וואָס וועלן זיך פאָדערן אויף דורכצופירן דעם פּראָיעקט. ער וועט זען די נויטווענדיגקייט צו בויען די בריק, די גינסטיגע אָדער אומגינסטיגע ענדערונגען, וואָס וועלן דערפון קומען; ער וועט אויך זען די לעבנס־באַדינגונגען און די באַציאונג פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביים אויפבויען די בריק. ער פאַרבינדט זיין אייגענע ספּעציפישע אויפגאַבע מיט דעם גאַנצן, פון וועלכן ער אַליין איז אויך אַ טייל. ער וועט זיין סענסיטיוו צו אַנטי־סאָציאַלער אַרבעט.

צי אַ כעמיקער, אַ שטייגער, ווען אים וועט אויסקומען צו פאַרפולקאָמען אַן אויפרייס־שטאָף אָדער אַ באַמיסטיגונג, וועט ער האָבן פאַר זיך אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם פּלאַץ, וואָס זיין דערפינדונג וועט פאַרנעמען אויף דעם געביט פון אויספורעמען דאָס לעבן פון דעם כלל.

פּאָליטעכניזאַציע שטרעבט צו אַן אַלזייטיגער אויסבילדונג פון אַ הויך־אַנטוויקלטן אַרבעטער. דאָס איז פונקט דער היפּוך פון דעם צוגאַנג, וואָס ברענגט אַרויס דעם שמאָלן ספּעציאַליסט. ווען אין ענגלאַנד וואָלט געווען פּאָליטעכניזאַציע, וואָלט גאָר אַ גרויסע צאָל מענטשן זיך געפילט אַ סך מער אומרואיג, ווי זיי זיינען איצט, דערמיט וואָס זיי זיינען געצוואונגען — כדי צו פאַרדינען אויף אַ לעבן — צו פאַרנעמען זיך מיט אַרבעטן, וואָס קאָנען ניט העלפן, נאָר וואָס קאָנען ערנסט שעדיגן דער גאַנצער געזעלשאַפט.

פּאָליטעכניזאַציע שטרעבט צו גיבן יעדן מאַן, פרוי און קינד אָט־דעם ברייטן אויסקוק און אַ סאָציאַלן געפיל, וואָס איז ביי אונז רעזערווירט פאַר די געציילטע. עס איז אַ ווירקונג, וואָס באַשטימט דעם קינד'ס שפּעטערדיגע קאַריערע. אַ סאָוועטישער איינגל, למשל, וועט אייך זאָגן, אַז ער וויל ווערן אַן אינזשענער און בויען לאָקאָמאָטיוון, „ווייל דאָס לאַנד נויטיגט זיך שטאַרק

אין דער אנטוויקלונג פון דער טראַנספּאָרטאַציע". אַ מיידל וועט איך זאָגן, אַז „איך וועל זיך לערנען צו זיין אַ גערטנערין. פּונקט ווי מיטשורין, ווײַל איך פּאָרן טאָמאַטן מיט קאַרטאָפל און ווײַנשל מיט עפּל." אַן אַנדער אינגל לערנט עלעקטריציטעט, ווײַל ער וויל דערפינדן אַן אַפּאַראַט צו קאָנען אַריבער־שיקן עלעקטרישע קראַפט אויף אַ ווייטער שטרעקע אָן אַ דירעקטן דראָט און ווײַל „דאָס וועט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַגריקולטור".

די נאָענטע פאַרבינדונג צווישן דער שול און דער דרויסנדיגער וועלט ווײַזט זיך אַרויס ווי דער בעסטער דיסציפּלינאַרער מעטאָד אין דער סאָ־וועטישער בילדונג. דאָס איז דער שליסל צו דעם זעלבסט־דיסציפּלינירטן סאָוועטישן קינד. וועגן דער זעלבסט־דיסציפּלין זייערער האָב איך נאָך גע־הערט פון דער ווייטנס און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע אמת. איך האָב, למשל, געטראָפן אין אַ גרויסן טעאַטער אַרום 1,500 קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער און, קאָנטיג, אָן באַגלייטער. זיכער זיינען זיי געווען טומלדיג אין זייער לוסטיגקייט, נאָר זיי זיינען געווען פולשטענדיג קאָנטראָלירט און עס איז אינגאַנצן ניט געווען קיין צעווילדעוועטקייט צווישן די קלענערע, אָדער צווישן די עלטערע אינגלעך און מיידלעך.

די שול האָט געבראַכט אָט־די סאָוועטישע קינדער אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. פון די אינגסטע יאָרן אָן איז דאָס סאָוועטישע קינד באַוואוסטזיניג וועגן דעם, אַז ער איז אַ בירגער. ביים קינד אין מוח איז דאָ דער באַגריף, אַז דער אונטערשייד צווישן אים און זיינע עלטערן איז אַן אונטערשייד אין דערפאַרונג אין באַצוג צו אַ געמיינשאַפטלעכער אויפגאַבע — פּונקט אַזאַ אונטערשייד, ווי עס עקזיסטירט, למשל, צווישן אינגלעך און דעם פּראָפעסיאָנעלן קראָקעט־שפּילער, וועלכער לערנט זיי די שפּיל.

ענגלישע באַאָבאַכטער באַמערקן טאַקע זייער אָפט די ענלעכקייט צווישן סאָוועטישע שולן און ענגלישע שפּיל־פּלעצער. דאָס איז ספּעציעל ריכטיג אין באַצוג צו דיסציפּלין. קיינער דאַרף ניט אונטעריאָגן אַ אינגל אויף דעם קראָקעט־פעלד. עס איז ניט נויטיג. ער האָט ליב די שפּיל. ער זוכט זיך אויסצוצייכענען אין דער שפּיל. דער קראָקעט־פּראָפעסיאָנאַל איז ניט זיינער קיין שונא. ער איז דער עקספּערט, צו וועמען דאָס אינגל קוקט־אַרויף צו קריגן אָנווייזונגען. אַזוי אַרום שאַפט דאָס אינגל זיין אייגענע דיסציפּלין און איז צופרידן אונטער אַזאַ דיסציפּלין. אַזאַ באַציאונג עקזיסטירט צווישן דעם סאָוועטישן קינד און דעם סאָוועטישן לערער. אָט־דאָס איז דער סוד פון דער סאָוועטישער דיסציפּלין.

אָט־די באַציאונג צווישן דעם לערער און דעם שילער, און די באַטאָנונג פון בירגערשאַפט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט הויבט זיך אָן נאָך אין די פאַר־שול יאָרן, ווען דאָס קינד איז נאָך גאָר אַ פּיצל — צווישן די איין־און צוויי־און־אַ־האַלב־יאָריגע קינדערלעך אין די „נורסעריס". אָט־דאָס איז

די באַדייטונג פון דעם זאַץ, וואָס איז אויפגעשריבן איבער דעם אריינגאַנג צו דער נוירסערי : „טו קיינמאָל ניט פאַר דעם קינד דאָס, וואָס דאָס קינד קאָן אַליין טאָן פאַר זיך.״

פון די צאַרטסטע יאָרן לערנט מען דאָס סאָוועטישע קינד צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אַנדערע ביי ניצלעכע און קאָלעקטיווע אויפגאַבן. סאָוועטישע קינדער וועלן פונקט ווי ענגלישע קינדער שפּילן, למשל, מיט קוביקעס. נאָר סאָוועטישע קלעצלעך און ציגל וועלן גאָר אָפט און אַבזיכטלעך זיין צו גרויס, אַז איין קינד זאָל זיך מיט זיי קאָנען ספּראַווען. דאָס קינד וועט רופן אַ צווייטס, און צוזאַמען וועלן זיי בויען זייער הויז פון קלעצלעך. קאָאָפּעראַציע ווערט אַן אינסטינקטיווע זאַך.

דאָס קינד לערנט זיך אויך אויס — כאָטש אין אַן איינפאַכער פאָרם — צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער און די באַדייטונג פון דער ווירקלעכער וועלט אַרום אים, און צו אינטערעסירן זיך מיט אָט־דער וועלט, פונקט ווי קליינע קינדער אין ענגלאַנד האָבן ליב נאָכצוגיין דער דינסט און איר העלפן אין פּראַקטישע טועכצן. איך האָב באַמערקט אין די שפּיל־פּלעצער און אין „נוירסערי״־שולן, אַז די שטענגעלעך זיינען געוועזן ענלעך צו מיניאַטור־שאָסייען מיט קאָלירטע ליכט צו רעגולירן דעם פאַרקער מיט „אָפּשטעל״־סיגנאַלן, וואָס די קינדער האָבן אַליין געקאָנט אָפּערירן.

דער גייסט פון אַ „טים״ איז דער גייסט, וואָס באַהערשט די סאָוועטישע שול אַ סך מער ווי ביי אונז. עס פעלט ניט קיין דערמוטיגונג פאַר אינ־דיווידועלער איניציאַטיוו, נאָר בלויז אויף אַזוי ווייט, ווי דאָס שטימט מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער גרופּע. קינדער קריגן „מאַרקס״ אין קלאַס — „אויסגעצייכנט״, אָדער פאַרקערט, נאָר זיי קריגן ניט קיין ספּעציעלע פּלעצער אין קלאַס — ערשטער, צווייטער, אָדער דריטער. פאַרמעסט איז ווינטשנסווערט און סטימולירט דאָס קינד, נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַ פאַרמעסט צווישן קלאַס און קלאַס און ניט צווישן קינד און קינד. אין אַ סאָוועטישער שול גייט אָן זייער אַ שאַרפע קאָנקורענץ צוליב אויס־ציכענונגען, און גראָד אַ דאַנק דער סיסטעם פון קריגן „אויסגעצייכנט״ פאַר דעם גאַנצן קלאַס אָנשטאָט אַ ליסטע פון אינדיווידועלע אויסצייכענונגען האָט די קאָנקורענץ אַ סאָציאַל־ניצלעכע ווירקונג. פּויאיגע קינדער ווערן באַשיצט פון דעם נסיון פון באַרימעריי און קנאה. דאָס פּויאיגע קינד פּילט די באַדערפעניש צו מאַכן טעטיג די מער־צוריקגעשטאַנענע שילער און פאַר־וואַנדלען זייערע צייכנס פון „שלעכט״ אין „אויסגעצייכנט״, פונקט ווי גע־שיקטע מיטגלידער פון אַ קראָקעט־גרופּע פאַרריכטן די טעותן, וואָס שטעלן דעם גאַנצן „טים״ אין געפאַר.

זעלבסט־דיסציפּלין ווערט אַ צווייטע נאַטור אין אַזעלכע שולן. די קלאַסן דערוויילן זייערע אייגענע פירער, וועלכע פאַרשרייבן דעם באַזוך און גיבן אַכטונג אויף דער אָרדענונג. אַנדערע קינדער פאָרמירן קאָמיטעס, וואָס

העלפן ארוים אין דער שול־קיך און אין דער רעגולירונג פון סאניטאציע. לערער און פארטרעטער פון די קינדער האלטן אפ מיטינגען אין רעגולער־באשטימטע שעה׳ן צו באהאנדלען פראגן פון שול־ארבעט; די וואנט־צייטונג, צו וועלכער יעדער קינד קאן עפעס ביישטייערן, איז א מיטל צו דערציען קריטישע און אויך קאנסטרוקטיווע בירגערשאפט.

עס איז איבעריג צו זאגן, אז די רוט צי וועלכע ס׳איז אנדערע פארם פון קערפערלעכער שטראף איז אויסגעשלאסן אין די סאוועטישע שולן. דאס איז אויך אמת אין באצוג צו דער היים, ווייל אין סאוועטן־פארבאנד איז פארבאטן צו שלאגן א קינד.

אויב א סאוועטיש קינד וויל, קריגט עס הילף אין זיין לעבן אויסער דער שול. עס קריגט הילף אין זיינע שפילערייען און אין די טעטיגקייטן, וואס זיינען אים ספעציעל צום הארצן. דאס קינד קריגט די זעלבע הילף, ווי עס קריגן די ענגלישע אינגלעך און מיידלעך אין די „באי־סקאוטס" און „גוירל־גאידס" און אין אנדערע געזעלשאפטלעכע קלובן. דאס סאוועטישע קינד קריגט אט־דעם מין הילף מיט אזא גרינדלעכקייט און מיט אזא ברייטער האנט, וואס איז פשוט דערשטוינענדיג פאר די, וועלכע זיינען באקאנט מיט די פינאנציעלע מאטערנישן אין ענגלישע קלובן. יוגנט־פאלאצן וואקסן אויס איבער דעם גאנצן סאוועטן־פארבאנד. איך האב זיי באזוכט אין קיעוו, מאסקווע, אדעס און אין אנדערע שטעט.

שוין פאר זיך גופא — אייניגע פון זיי אויסערגעוויינלעך שיין — זיינען אט־די פאלאצן נאך א סך שענער מיט די מעגלעכקייטן, וואס זיי שאפן פאר אן ענטוזיאסטישער און אונטערנעמונגס־פייאיגער יוגנט. איך האב פאר־בראכט אן אוונט אין איינעם פון אט־די פאלאצן, וואו 2,500 קינדער זיינען געווען באשעפטיגט אין 209 קרייזן אויף 69 פארשיידענע ארבעטן. עס איז ווערט דאס אין קורצן צו באשרייבן.

אין ערשטן צימער האבן א צוואנציג אינגלעך און מיידלעך, אנגעטאן אין שיינע בלויע קליידלעך און אנצוגן, געטאנצט אונטערן אונטעררייכט פון א מיטגליד פון מאסקווער באלעט.

אין צווייטן צימער האבן קינדער געארבעט ביי סקולפטור. איין קינד האט געהאלטן ביים פארענדיגן א גראציעזע פיגור פון א מיידל, וואס האלט ביים ארייגשפרינגען אין וואסער; א צווייט קינד האט געארבעט אויף א גרופע ארקטישע פארשער, וואס זיינען פארזאמלט ארום פראפעסאר שמידט; א דריט קינד האט געארבעט אויף אן איבערצייגנדיגער גרופע שפאנישע פרויען, סאלדאטן און קינדער.

דערנאך — א צימער פון געשיכטע מיט די ווענט באפוצט מיט מאפעס פון מאסקווע און סצענעס פון דער רוסישער פארגאנגענהייט. איין מאפע איז געווען גאר געשיקט געמאכט: ווען מען האט א דריק געטאן א קנעפל, האט א קאלירטע ליכט, וואס איז געלאפן איבער א רער, אנגעוויזן די שטופן

פון דעם וואוקס פון דער שטאָט און די פּראָיעקטן פאַר דעם מאָרגנדיגן טאָג. אויף איין גאַנצער וואַנט איז געווען אויסגעמאָלן די מאָרגנדיגע שטאָט, מיט דער זון, וואָס האָט באַלויכטן אירע שטאָל־גערעקטע טורעמס, און איבער־געגעבן טרייב־קראַפט פאַר דער שטאָט דורך אַ ריזיגן אויסגעבויגענעם שפּיגל — אַ שטאָט לויט דער פאַנטאַזיע פון אַ ה. דזש. וועלס פון דעם סופּער־מעכאַנישן פּעריאָד און דאָך מיט אַ פאַרכאַפּנדיגער, געהיימניספולער שיינ־קייט אין איר דעליקאַטער בלויער דורכזיכטיגקייט — אַן אַנצוהערעניש אויף דער נייער שיינקייט, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרף און וועט באַשאַפן.

די מעכאַנישע צימערן איז גאָר ניט מעגלעך געווען איבערצוציילן. אין איין צימער האָבן אינגלעך געמאַכט מאָדעל־עראָפּלאַנען; איין אינגל האָט איבערגעבויערט אַ צילינדער און צונעפּאַסט אַנדערע טיילן פון עראָפּלאַן. אָט־דאָס אינגל האָט שיעור ניט באַקומען דעם ערשטן פּריז פאַר פליען אויף אַ ווייטער שטרעקע. די וואַרשטאַטן, די בויער־מאַשינען, די עראָפּלאַנען — אַלץ איז אין אָט־די שעפער געווען געמאַכט זייער שיין און פּאַסיג־קליין אין דער מאָס.

עס איז דאָ געווען אַ דינאַמאָ־צימער, אַן אייזנבאַן־צימער, אַ פּראָוואָר־צימער, אַ פולשטענדיגער מאָדעל פון דער מאָסקווער סאָבוועי און אַ פול־שטענדיג־אויסגעשטאַטעטער צימער צו מאַכן מואַווים.

דער אַוויאַציע־צימער האָט געהאַט זיין אייגענעם לופט־טונעל און ווינט־קאַמער, ווי אויך אַ דעליקאַטן אינסטרומענט אויף אויסצופּרובירן די ווידער־שטאַנדס־קראַפט פון היימיש־געמאַכטע עראָפּלאַנען.

אַ קורץ־כוואַליגע טראַנסמיסיע־סטאַנציע האָט פאַרבונדן די מאָסקווער היים פון פּיאָנערן מיט דעם פּיאָנערן־פּאַלאַץ אין לענינגראַד, און די קינדער האָבן געקאָנט אַליין אָנהאַלטן אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג צווישן די צוויי שטעט.

אָט־די פּאַלאַצן און זייערע אומצאָליגע נעגנטלעכע היימען אין פאַר־שיידענע טיילן פון די גרויסע שטעט האָבן אַ צווייענדיגע אויפגאַבע פאַר זיך: צו העלפן דעם אינדיווידועלן קינד צו אַנטוויקלען זיינע אָדער אירע פּייאיקייטן ביז דעם העכסטן גראַד, און צו באַרייכערן די געזעלשאַפט מיט אַלעם דעם, וואָס אַ פולשטענדיג־אַנטוויקלטער יחיד קאָן שאַפן. די אָנפירנ־דיגע מענטשן באַטראַכטן עס ניט פאַר קיין פאַרלוסט פון צייט צו שטיצן און דערמוטיגן יעדן טאַלאַנט, וואָס די יוגנט וואַרפט אַרויס. חוץ דעם הויך־געשולטן פּערמאַנענטן סטעף אָנגעשטעלטע, גיבן אַוועק אַ סך שטונדן אויך פירנדיגע וויסנשאַפטסלייט, פאָרשער, שוישפּילער, קינסטלער און ספּעצ־יאַליסטן אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער אינדוסטריע אויף צו פאַרברענגען מיט די קינדער, זיי באַאָבאַכטן, זיי העלפן, און אויסקלייבן די בעסטע פון צווישן זיי פאַר וויטערדיגער אַנטוויקלונג.

די צאָל זומער־קעמפּס ביים ים, לעבן די טייכן און אין די וועלדער

וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר. די זומער־קעמפּס ווערן אַ נאָרמאַלער טייל פֿון דעם לעבן פֿון דעם סאָוועטישן קינד. עס איז ניטאָ קיין איין גרויסע פֿאַבריק, וואָס זאָל ניט האָבן איר קעמפּ, אָדער איר היים, וואוהין מען פֿאָרט אויף וואַקאַציע. קלענערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פֿאַראייניקן זיך פֿאַרן צוועק פֿון שאַפֿן אַזאַ געמיינשאַפֿטלעכן אָפּרו־פּלאַץ.

איך האָב באַזוכט „אַרטעק", דעם סאַמע באַרימטסטן פֿון אַלע קעמפּס. ער געפֿינט זיך אין אַ פּראַכטפֿולן פּלאַץ אויף דער „ריוויערא פֿון שוואַרצן ים". איך האָב פֿאַרבראַכט אַן אָוונט מיט די קינדער, זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו טרינקען טיי מיט זיי און דערנאָך צו אַ קאָנצערט. דערנאָך האָבן די קינדער מיך אַרומגערינגלט און מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן, מערסטנס וועגן שפּאַניע און וועגן דער שטעלונג פֿון ענגלאַנד. זיי האָבן געהאַט אַ סך פֿראַגן וועגן דעם נייאָן־אָפּמאַך און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ שטוינענדיקע באַקאַנטשאַפֿט מיט אינטערנאַציאָנאַלע פֿראַגן און אַן אינטערעס צו זיי.

אָרגאַניזירטע שפּילן שאַפֿן אַ טייל — כאָטש ניט דעם הויפּט־טייל — פֿון דעם לעבן אין קעמפּ. די קינדער שווימען, לויפֿן, שפּרינגען און שפּילן טעניס, פּונקט ווי קינדער טוען עס ביי אונז. זיי האָבן אויך אַנדערע וויכטיקע אינטערעסן. אינגלעך און מיידלעך אין „אַרטעק" האָבן גאַנצע טעג אַרומגעוואַנדערט ביי די ברעגן פֿון וואַסער און צווישן די בערג און געזאַמלט געאָלאָגישע און באָטאַנישע מוסטערן. און אין אָוונט האָבן מיידלעך, פּונקט ווי אינגלעך, איבערגעפּאַקט די גרויסע סטאַלעריי־וואַרשטאַטן, מאַכנדיק דאָרט קעסטלעך אויף צו ווייזן זיי ביי אַן אויסשטעלונג, און דערנאָך אַהיים נעמען.

די אינגלעך מישן זיך אויס מיט די מיידלעך אומעטום — אין שול און אין קעמפּ. זיי שלאָפֿן אין באַזונדערע הייזער.

די פֿאַרשפּרייטונג פֿון בילדונג אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זעט זיך אַרויס אין דער נייער לייענשאַפֿט צום לייענען. אַלט און יונג, בחור און מיידל, מאַן און פֿרוי — אַלע דורשטן נאָך ליטעראַטור. אַנאַלפֿאַבעטיזם איז כמעט פֿאַרשוואונדן, און מיט דער נייער פֿייאיקייט צו לייענען קומט אַ פֿאַרגרעסערטע נאָכפֿראַגע אויף ביכער. די באַדערפֿענישן פֿון די קינדער און פֿון דער יוגנט קומען אויף דעם ערשטן פּלאַץ.

די סאָוועטישע פֿעלקער זיינען לייענענדיקע פֿעלקער. עס איז אַ צווייפֿל, צי וועלכער ס'איז פֿאָלק אויף דער וועלט לייענט מער.

עס זיינען אַוועק צוויי און צוואַנציק יאָר זינט דער רעוואָלוציע, און דער וואוקס פֿון ביכער־פֿאַרלאַגן איז אָנגעגאַנגען מיט אומגלויבלעכער שנעלקייט.

דער פֿאַראייניקטער מלוכה־פֿאַרלאַג איז געגרינדעט געוואָרן אין 1930. אַט־דער פֿאַרלאַג נעמט אריין צוועלף פֿאַרלאַגן אין פֿאַרשיידענע געביטן, ווי סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ליטעראַטור, בעלעטריסטיק, טעכנישע און וויסנ־

שאפּטלעכע אַרבעטן פון אַלע סאָרטן, ענציקלאָפּעדיעס, ווערטער־ביכער און אַנדערע ליטעראַטור. די פּראָדוקציע פון אָט־די פאַרלאַגן איז קאָלאָסאַל. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אין איר בעסטן יאָר, אין 1912, געדרוקט 133.6 מיליאָן עקזעמפּליאַרן ביכער; דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אין 1937 געדרוקט 571 מיליאָן עקזעמפּליאַרן. מען דענקט, אַז אין 1938 זאָל מען האָבן געדרוקט מער ווי 700 מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

אין 1938 האָט דער מלוכה־פאַרלאַג פאַר קינדער אַרויסגעגעבן 45 מיליאָן עקזעמפּליאַרן ביכער; נאָך מיליאָנען ביכער זיינען געדרוקט געוואָרן דורך קינדער־פאַרלאַגן אין די צענטראַלע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין די אויטאָנאָמע רעפּובליקן.

פאַר זייער יונגע קינדער וועלן אָפּגעדרוקט ווערן 36,300,000 ביכער, צווישן זיי גרים׳ס מעשה׳לעך און „אָנקל רעמוס" פון ד. העריס. טאָלסטאָי׳ס און טשעכאָוו׳ס מעשה׳לעך און דערציילונגען אין די סעריעס פון דעם „מיניאַטור־בוך" וועלן געדרוקט ווערן אין אויסגאַבן פון 500,000 ביז אַ מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

די ביכער פאַר קליינע קינדער זיינען באַזונדערס פאַרכאַפּנדיג, פול מיט איינפאַלן, לעבנסלוסטיגקייט, און געדרוקט אין לעבעדיגע קאָלירן. אַ ביכל פון געאָגראַפיע פאַר אַ קליין קינד וועט זיך אָנהויבן מיט אַ בילד פון אַ בריוו אין אַ קאָנווערט. דער בריוו גייט־דורך דורך דעם פּאָסט־קעסטל, דעם פּאָסט־אָפיס, וואו די בריוו ווערן סאָרטירט, דעם אייזנבאַן־וואַגאָן, דער שיף, דעם שליטן, דורך הייסע לענדער און קאַלטע לענדער און צווישן מענטשן מיט אַ ווייסער הויט, אַ געלער הויט, אָדער שוואַרצער הויט. די זאַך איז קאָנקרעט, לעבעדיג, און פאַר אַ קליין קינד איז דאָס פאַרכאַפּנדיג און פאַר־שטענדלעך.

פאַר די עלטערע קינדער איז דאָ די אויסגאַבע, וואָס הייסט „אַ בוך נאָך אַ בוך", און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סעריע פון צוויי און פערציג באַרימטע רוסישע שרייבער צוזאַמען מיט אַזעלכע באַרימטע אויסלענדישע שרייבער ווי דיקענס, וויקטאָר הוגאָ, דזשעק לאָנדאָן און ערנעסט סעטאָן טאָמסאָן. „אָנקל טאָמ׳ס קעבין" פון העריעט ביטשער סטאָוו, „ראָב ראָי" פון סער וואָלטער סקאָט, „אָליווער טוויסט" און „דעיוויד קאָפּערפילד" פון טשאַרלס דיקענס זיינען אויך איינגעשלאָסן אין דעם צעטל ביכער, וואָס וועלן געדרוקט ווערן אין די סעריעס פאַר קינדער צוזאַמען מיט דערציילונגען פון פענימאָר קופּער, מעין ריד און זשול ווערן.

פון זיינע פריעסטע יאָרן ווערט דאָס סאָוועטישע קינד דערמוטיגט דורך דער שול, דורך דעם בוך, דורך דעם טעאַטער, אָדער דורך גרויסע פּאַראַדן און אויסשטעלונגען פון די פאַרשיידענע פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך צו דערהויבן איבער די גרענעצן פון געשלעכט, ראַסע, שפּראַך אָדער הויט־פאַרב, און צו באַטראַכטן אַלע אַנדערע קינדער ווי ברידער און צו

געווינען פאר אלעמען די זעלבע פריווילעגיעס, וואס דאס סאוועטישע קינד האט.

איך האב אויף א זייער דראמאטישן אופן באנומען אט־דעם גייסט פון אט־דעם צוגאנג ביי א טעאטער־פארשטעלונג אין מאסקווע.

אט־דער טעאטער, ווי אלע אנדערע אזעלכע, איז געווען געבויט און אויס־געשטאט ווי א געוויינלעכער טעאטער, נאר ער איז געווען אינגאנצן געווידמעט צו די קינדער. די קינדער האבן געהאט זייער אייגענעם רעסטאראן און „לאבי", זייערע געשולטע שוישפילער און שוישפילערינס, וועלכע האבן זייער גאנץ לעבן געווידמעט צו שפילן פאר קינדער, און וועלכע האבן דורכ־געפירט זייערע ראלן מיט א הויכער קאמפעטענץ. אויף די ווענט אין דער „לאבי" זיינען געהאנגען די פאטאגראפיעס פון די שוישפילער, וואס זיינען באליבט ביי די קינדער. אין א ווינקל פון דעם בופעט־צימער איז געשטאנען א גרויסע גלעזערנע שאפע מיט ספעציעלע שפילצייג און ליאלקעס.

ארום 1,500 קינדער — אין עלטער פון צען יאר און העכער — האבן געווארט אויף דער שפיל מיט לעבעדיגקייט און מיט דער געוויינלעכער פלאפ־לעריי פון דערווארטונג, נאר עס איז ניט געווען קיין גראבקייט און קיין צעלאזנקייט, כאטש קיין אויפזעער האט מען אין טעאטער ניט געקאנט באמערקן.

די שפיל האט געהייסן „דאס נעגער־אינגל און די מאלפע". עס האט זיך אנגעהויבן מיט א סצענע אין א וואלד, וואו שווארצע אינגלעך און מיידלעך האבן זיך געשלאגן און זיך געקריגט ביז איינער האט א געשריי געטאן, ווען זיי זיינען שוין געווען אינגאנצן אויסגעמאטערט: „א, ווען מיר וואלטן נאר געקאנט האבן א פירער!"

אין דער מינוט איז א רירעוודיג נעגער־אינגל ארויסגעשפרונגען אויף דער סצענע און האט זיך אנגערופן: „פארוואס זאלן מיר ניט אויסקלייבן אלס פירער א אינגל, וועלכער קאן לויפן בעסער פון אלעמען, וועלכער קאן שפרינגען בעסער פון אלעמען, און וועלכער קאן זינגען בעסער פון אלעמען?" זיי האבן דורכגעפירט א פארמעסט, און ער איז דערוויילט געווארן אלס פירער.

דעמאלט איז ער אוועק אויף יאגד און האט זיך געראטעוועט פון די נעגל פון א בייזער חיה א דאנק דעם פלוצלונגדיגן שפרונג פון א מאלפע, וואס האט אים געראטעוועט זיין לעבן.

ער און די מאלפע זיינען געווארן נאענטע פריינט — עס איז געווען א צויבערדיגע קינדערשע שפיל — און ביידע האבן זיך אומגעקערט צום פלאץ, וואו עס איז געווען אויסגעהאקט א שטיק וואלד.

דעמאלט זיינען אנגעקומען עקספלואטאטארס מיט ביקסן אויף די פלייצעס, מיט געלט־זעק ביי די זייטן, אויסגעפוצט אין קראוואטן און גע־קעסטלטע אנצוגן — איבערטריבן־גרויסע קראוואטן און איבערטריבן־געקעסטלטע אנצוגן.

די וואַלד־קינדער זיינען זיך צעלאָפן, נאָר די מאַלפּע האָט מען געכאַפּט און מען האָט זי אַוועקגעשיקט אויף אַ שיף. וואוהין האָט מען זי אַוועקגעשיקט? איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער פאָן אויפן מאַסט־שפּיץ פון דער שיף און כ'האָב געזען, אַז ס'איז געווען—די פאָן מיט שטערנס און שטרייפן.

דאָס נעגער־אינגל איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ צווייטער שיף און האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן די חברה. ער איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע. אין דעם צווייטן אַקט טרעפן מיר אים אין אַ שאָקאָלאַד־פאַבריק צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער.

עס פייפט דער מאָלצייט־סיגנאַל און אַלע גייען אַוועק עסן מיטאָג. דאָס אינגל בלייבט איינער אַליין.

אַרומקוקנדיג זיך און זעענדיג, אַז ער איז דאָ איינער אַליין, גייט ער צו צו אַ גרויסער מאַפּע פון דער וועלט, שפּרייט אויס זיינע הענט אַרום אַפריקע און צעוויינט זיך.

אין דער מינוט קומט פון איין טיר אַריין אַ לערן־אינגל, אַ קאָמסאָמאָלעץ, אָנגעטאָן אין ווייסע אָוועראָלס, און פון אַ צווייטער טיר קומט אַריין אַ קאָמסאָמאָלקע, ענלעך אָנגעטאָן. זיי גנב'ענען זיך אונטער הינטער דעם אינגל, לייגן אַרויף אַ האַנט אויף זיינע אַקסל און נעמען זיך אים טרייסטן. צום סוף זאָגט דאָס מיידל צו אים: „איך האָב אַן עקסטראַ בילעט אויף היינט אָוונט צו גיין אין צירק; קום מיט אונז.‟ און דאָ ענדיגט זיך די ערשטע העלפט פון דער שפּיל.

אין צייט פון דעם אַנטראַקט קומט דאָס נעגער־אינגל אַריין מיט די צוויי קאָמסאָמאָלצעס און זיי קלעטערן געשיקט אַרויף אויף די סלופּעס צו דער גאַלעריע, וואו זיי בויגן זיך אַריבער דעם פּאַרענטש צו קאָנען זען דעם איבעריגן טייל פון דער שפּיל, וואָס קומט פאָר אין צירק, וואוהין דאָס נעגער־אינגל איז איינגעלאַדן געוואָרן.

עס קומט דאָס געוויינלעכע נאַריש־מאַכן זיך פון דעם פּאַיאַץ, און דערנאָך די חיות, וואָס מאַכן אַלערליי קונצן, און צווישן זיי איז דאָ אונזער אַלטער פריינט — די מאַלפּע, אַן אויסגעדאַרטע, אַן אָפּגעקראָכענע און נידערגעשלאָגענע. די מאַלפּע גליטשט זיך אויס און דער צירק־מענעדזשער שמייסט זי רציחה'דיג מיט זיין בייטש.

דאָס נעגער־אינגל קאָן דאָס שוין מער ניט פאַרטראָגן, און מיט אַ הילכיגן געשריי רופט ער אויס דעם נאָמען פון דער מאַלפּע.

די באַשעפעניש, וואָס איז מיטאַמאָל לעבעדיג־געוואָרן, שפּרינגט אַריבער איבער דעם אָרקעסטער, פליט איבער די קעפּ פון די קינדער אויף די בענק, קלעטערט־אַרויף אויף די סלופּעס צו דער גאַלעריע און אונטער די טומלדיגע שטימען, וואָס גיבן איר צו קוראַזש, זיינען מאַלפּע און אינגל ווידער פאַראייניגט.

דערנאָך ווערט פינצטער. אויף דעם ליוונט זעען מיר ווי די שיף פאָרט

צוריק קיין אַפריקע. דער פֿאַרהאַנג הויבט זיך אויף פֿאַר דעם לעצטן אַקט.

מיר געפֿינען זיך ווידער אין דעם אַפֿריקאַנישן וואַלד. ווידער זײַנען די שוואַרצע קינדער צונויפֿגעטוליעט — דאָס באַווײַנען זיי איצט זייער פֿאַרלאָרענעם פֿירער. נאָר פֿון וויטנס באַווײַזט זיך דאָס אינגל מיט דער מאַלפּע; דעם אינגל׳ס העגט זײַנען אָנגעפּילט מיט פּעקלעך, וואָס זײַנען איבערגעבונדן מיט קאָלירטע סטענגעס. דאָ איז פֿאַראַן אַ מתּנה פֿאַר יעדן וואַלד־קינד.

איך קאָן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די לעצטע סצענע און די רעדע. „אָט־די מתּנות" — האָט דאָס אינגל געזאָגט — „זײַנען געשיקט געוואָרן פֿון די מאָסקווער קינדער צו די קינדער אין דעם פֿינצטערן וואַלד, ווײַל די מאָסקווער קינדער ווילן, אַז די קינדער פֿון דער גאַנצער וועלט — צי זייער קאָליר איז אַ ווײַסער, צי אַ רויטער, צי אַ געלער, צי אַ שוואַרצער, און וואָס עס זאָל ניט זײַן זייער ראַסע, און וואָס עס זאָל ניט זײַן זייער שפּראַך — אַז אָט־די אַלע קינדער זאָלן געניסן פֿון דעם זעלבן פֿולן גליק אין לעבן, ווי עס געניסן פֿון דעם איצט די מאָסקווער קינדער."

איך בין זיך מודה, אַז עפּעס האָט מיך פֿאַרשטיקט אין האַלז, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון טעאַטער און האָב צו זיך אַליין געזאָגט:

„אָט־דאָס איז אַ קאָמוניסטישער טעאַטער אין דער קאָמוניסטישער מאָסקווע. אָט־דאָס זײַנען קאָמוניסטישע שוישפּילער, וועלכע שפּילן פֿאַר קאָמוניסטישער קינדער. און אָט איז אַ זונטאָג אָוונט — ווײַל גראָד איז דעמאָלט טאַקע געווען זונטאָג — און זעלטן האָב איך געהערט אַזאַ רירנדיגע ווענדונג אויף דער אַלטער טעמע, וואָס איך האָב דערלערנט ווי אַ טייל פֿון מײַן ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט קריסטנטום — אַז אַלע קינדער זײַנען מײַנע ברידער און שוועסטער, אַז ווי אַזעלכע דאַרפֿן זיי באַטראַכט ווערן און אַז אַלץ דאַרף געבויט ווערן אויף אָט־דעם פּרינציפּ." די טעמע, וואָס האָט פֿאָרמולירט מײַנע אייגענע יוגנטלעכע שטרעבונגען, איז דאָ ווידער אויפֿגעלעבט געוואָרן.

די שטרעבונג צו באַזאָרגן אַ פֿאַרמעגלעך און גלײַך לעבן פֿאַר יעדן קינד — דאָס איז טאַקע פּונקט וואָס די סאָוועטן־מלוכה טוט פֿאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט, פֿאַר יעדער הויט־פֿאַרב און פֿאַר יעדער ראַסע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס, וואָס זי לערנט אירע קינדער, פּראַקטיצירט זי דורך איר אייגענער אַדמיניסטראַציע און אויף דעם ריזיגסטן מאַסשטאַב.

## 3. דער אָפֿענער טויער

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אַ יונג לאַנד. יונגט קאָנטראָלירט פֿאַבריקן, שעפּער און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן. די פֿאַרוואַלטער פֿון דער מאָסקווער דינאַמאָ־פֿאַבריק זײַנען אונטערן עלטער פֿון דרײַסיג יאָר. די מאַיאָריטעט

פון די, וועלכע האָבן זיך באַטייליגט אין דער אַרקטישער אויספאָרשונג־עקספּעדיציע, זיינען איינער פון פינף און צוואַנציק יאָר. דער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אונטער פינף און צוואַנציק יאָר — דאָס הייסט פון די, וועלכע זיינען אָדער געבוירן געוואָרן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים, אָדער וועלכע האָבן בלויז אַ פאַרנעפּלטע דערינערונג פון די צאַרישע צייטן — דערגרייכט ביז 63 ; אין ענלעכער פּראָצענט אין ענגלאַנד באַטרעפט 50.

וואָס האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געטאָן און וואָס טוט ער פאַר זיין יוגנט ?

אין עלטער פון פופצן יאָר — דאָס מיינט צום סוף פון דעם זיבן־יאָריגן שול־טערמין, וואָס דויערט פון דעם אַכטן ביז דעם פופצענטן יאָר — זיינען דאָ צוויי מעגלעכקייטן : דאָס קינד קאָן אַריינטרעטן אין דער צען־יאָריגער שול און זיך צוגרייטן אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט, אָדער אין טעכנישן קאָלעדזש, און גאָר אַ גרויסער פּראָצענט טוט עס ; אָדער ער קאָן זיך גלייך נעמען לערנען די פּראָפעסיע, וואָס ער קלייבט זיך אויס.

אויב ער באַשטימט צו ווערן אַ טעכניקער — לאָמיר זאָגן אַן אינזשענער, אָדער אַן עראָפּלאַן־מעכאַניקער — טרעט ער אַריין אין אַ טעכנישן קאָלעדזש פאַר מאַשין־בוי, וואו ער שטודירט די עלעמענטן פון מעכאַניק. דער קורס דויערט צוויי יאָר און איז פריי פון געצאָלטס. ווען ער ווערט אַלט זיבעצן יאָר — און ניט פריער — קאָן ער אַריינטרעטן אין דער אינדוסטריע. אַלס אַ יוגנטלעכער, אַרבעט ער ניט מער ווי פינף אָדער זעקס שעה, באַקומענדיג דעם לוין פון אַ לערנער.

צו אַכצן יאָר פאַרלאָזט ער די פאַבריק און נאָך דעם, ווי ער האַלט אויס אַן עקזאַמען, טרעט ער אַריין אין אַ העכערן טעכנישן קאָלעדזש. אין לויף פון פינף יאָר מאַכט ער דורך אַן אַלזייטיגן קורס פון טעאָרעטישער און פּראַקטישער לערע. צו איין־און־צוואַנציג יאָר קומט ער אַרויס אַלס אַ קוואַליפיצירטער אינזשענער.

אין לויף פון אָט־דער גאַנצער צייט האָט ער געקראָגן — אויסער זיינע מאָלצייטן, אינסטרומענטן און טעקסט־ביכער — אויך אַ מאָנאַטלעכע סטיפּענדיע, וואָס מאַכט אים אומאָפּהענגיג פון דרויסנדיגער פינאַנציעלער שטיצע.

אין קאָלעדזש באַגעגנט ער זיך מיט סטודענטן פון אַלע פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער קומט אין אַ נעענטערער באַרירונג מיט דער דרויסנדיגער וועלט, ווי אין זיינע שול־יאָרן. ער קאָן ווערן איינער פון די פינף מיליאָן מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליג. ער ווערט אַ פּאָליטיש־דערוואַקסענער מענטש. ער ווערט פּאָליטיש באַוואוסטזיניג און דאָס איז דאָך זייער וויכטיג, אויב פּאָליטיק „זאָל ווערן די קונסט פון לעבן מיט די מיטמענטשן".

צו אַכצן יאָר קריגט דער יוגנטלעכער שטים־רעכט און קאָן דערוויילט

ווערן צו מלוכה'שע אמטן. פון די 1,143 דעפוטאטן צום העכסטן סאָוועט זיינען 284 אין עלטער צווישן אכצן און דרייסיג יאָר.

אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז אָט־די עקסטרא־טעטיגקייט פון דער יוגנט געגאַנגען צו ווייט, נאָר די לאַגע האָט עס גע־פאָדערט. די בעסטע יונגע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אויפגעבויט גאַנצע פאַבריקן אין לויף פון די פינף־יאָר־פּלענער און האָבן אויך געבראַכט בילדונג צוברייטע שיכטן פון דעם אָפּגעשטאַנענעם פּויערטום.

צום גליק איז היינט־צו־טאָג מער ניט נויטיג אזא עקסטרא טעטיגקייט; ס'איז מער ניט נויטיג, אז די יוגנט זאָל זיך איבעראַרבעטן און עס גילט איצט דעריבער א מער גינסטיגע קאָמבינאַציע פון שטודירן און אזוינע עקסטרא טעטיגקייטן ווי פלאַנצן ביימער און אַרויסהעלפן ביים אַראָפּנעמען דעם שניט וואַקאַציע־צייט.

פּאָליטיק און אַרבעט נעמט אָבער ניט צו די גאַנצע צייט פון דעם יוגנט־לעבן. די סאָוועטישע יוגנטלעבע זיינען פּונקט אזוינע פּאַרקאָכטע ספּאָרטס־לייט ווי די יוגנטלעבע אין ענגלאַנד, און סאָוועטישע ספּאָרט־טימס קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט וועמען זיי זאָלן זיך ניט טרעפן. מיר האַלטן אין איין לייענען וועגן זייערע טריאומפן אין פּאַריז, וואו מען נעמט זיי אויף זייער נוס. די סאָוועטישע יוגנט שווימט — און זיי האָבן אויסגעפונען און פאַר־פּולקאָמט נייע שווים־מעטאָדן — גליטשן זיך און קלעטערן אויף בערג. אין פּאַראַשוט־שפּרינגען זיינען די סאָוועטישע בחורים און מיידלעך די ערשטע אין דער וועלט. איך האָב געזען ווי קינדער אין עלטער פון צען יאָר האָבן געקראָגן זייער ערשטע לעקציע אין לופט־פּליעריי, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט א קליין מיידעלע, וועלכע האָט זיך גערן אָנגעבאָטן מען זאָל זי צובינדן צו א בענקל, וואָס איז געווען צוגעפעסטיגט ביים עק פון א לאַנגן שטאַנג. דאָס מיידעלע אין דעם בענקל איז צעהוידעט געוואָרן אין דער לופטן צו א הויך פון א צוויי־שטאָקיג הויז, איז געהאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ ביים לעצטן פּונקט פון דעם שוואונג און האָט זיך דערנאָך געשוואונגען אויף צוריק. דער צווייטער שטאַפּל איז דאָס שפּרינגען פון אן אָפענעם פּאַראַשוט פון דעם פּאַראַשוט־טורעם. דערנאָך קומט שוין דער ריכטיגער ענין: 500,000 בחורים און מיידלעך שפּרינגען פון פּאַראַשוטן.

מאָריס הינדוס פאַרזיכערט אונז אין אן אַרטיקל אין זשורנאַל „אזיע" פון מערץ 1938, אז די קאָמוניסטישע אָרגאַניזירונג פון דער איני־דוסטריע בכלל און פון דער אַגריקולטור בפרט איז א באַשטימטער און ענד־גילטיגער דערפאָלג. אויף צו באַווייזן דאָס האָט ער אויסגעקליבן די פאָלגנ־דיגע דראַמאַטישע באַווייזן: אין קיעוו האָבן אין אַפּריל 1937, 1,112 מיידלעך פאַרלאָזן די שול אין עלטער פון אכצן יאָר. פון אָט־דער צאָל זיינען בלויז 10 פּראָצענט יוגנטלעבע אוועק אַרבעטן, האַלטנדיג אז זייער בילדונג איז שוין געווען פאַרענדיגט; די אַנדערע 90 פּראָצענט זיינען אַריבערגע־

נאָנגען צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם פון העכערער בילדונג. מיר דאַכט זיך, אַז אין ענגלאַנד וואָלט דער פּראָצענט באַטראָפן בלויז אַרום 5 אָדער 6.

די מאַסן־דורשט צו קריגן העכערע בילדונג איז פּשוט אומגלויבלעך, און די מעגלעכקייט אַז־די דורשט צו באַפרידיקן איז נאָך מער אומגלויבלעך. דאָס דערקלערט זיך דורך דריי זאַכן:

ערשטנס, איז ניטאָ דער פינאַנציעלער אָפּהאַלט, וואָס זאָל שטערן אַ פיייִקן סטודענט אַריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט אָדער אין אינסטיטוט פאַר העכערער בילדונג. סטודענטן קריגן אַ לוין לויט דעם סטאַנדאַרד, וואָס זיי האָבן דערגרייכט אין זייער שול־אַרבעט, נאָר אין אַלע פאַלן איז דאָס גענוג אויף דורכצוקומען.

מען דאַרף דורכגיין אַן עקזאַמען, נאָר עס איז ניט קיין ענין פון קאָנ־קורענץ, ווי עס איז דער פאַל ביי אונז, וואו עס איז דאָ בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל פּלעצער און פיקסירטע און באַגרענעצטע פינאַנציעלע רעסורסן. די עקזאַמענס זיינען בלויז אויף פעסטצושטעלן די צוגעפּאַסטקייט פון דעם סטודענט דורכצומאַכן דעם העכערן שטודיר־קורס.

צווייטנס, דאַרפן די עלטערן ניט אָנקומען צו די פרי־צייטיקע ווערדיזשעס פון די קינדער אויף אונטערצושפּאָרן דעם פאַמיליע־בודזשעט אָדער אויף צו באַזאָרגן טאַטע־מאַמע אויף דער עלטער. זייערע אייגענע פּאָרדינסטן און די אָפּוועזנהייט פון אַרבעטלאָזיגקייט, ווי אויך זייער זיכערקייט, אַז זיי וועלן קריגן אַ פּענסיע אויף דער עלטער, אָדער קראַנקן־אָפּצאָל אין פאַל פון אַ קראַנקהייט — דאָס אַלץ פירט צו דעם, אַז ניט נאָר זאָלן זיי ניט שטערן, נאָר זיי זאָלן נאָך דערמוטיקן זייערע קינדער אין זייער שטרעבונג צו קריגן אַן אוניווערזיטעט־בילדונג פון דעם מעגלעך־העכסטן גראַד.

דריטנס — און דאָס איז אויך זייער וויכטיק — איז פאַראַן דער דורשט פון דער יוגנט גופא צו קריגן די העכסטע מעגלעכע פאָרם פון גייסטיגער אַנטוויקלונג. מען שטודירט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט גרויס חשק, באַ־זונדער — כאָטש ניט אויסשליסלעך — אויף די פאַרשיידענע געביטן פון וויסנשאַפט.

אין לויף פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן וועט די צאָל סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן און קאָלעדזשעס דערגרייכן ביז 650,000. מיטלשול־בילדונג וועט וואַקסן נאָך שנעלער. די צאָל סטודענטן מיט אַ פאַרענדיגטער העכערער בילדונג וועט אויסוואַקסן פון 750,000 ביז 1,200,000.

און דאָס איז בלויז דער אָנהויב, ניט דער סוף, ווייל די פונדאַמענטאַלע אויפגאַבע אין דער פראַגע פון בילדונג באַצוועקט אויפצוהויבן דעם גאַנצן קולטורעלן און טעכנישן מצב פון דעם אַרבעטער־קלאַס צו דער שטופע פון אינזשענערן און טעכניקער און אויף שטענדיג באַזייטיקן דעם אונטערשייד צווישן דעם וואָס אַרבעט מיט זיין מוח און דעם וואָס אַרבעט מיט זיינע הענט.

סטאַלין האָט אויסגעדריקט אַז־די אויפגאַבע מיט זיין געוויינלעכער

פשוט'קייט אין א רעדע, וואס ער האט לעצטנס געהאלטן ביי א קאנפערענץ פון סטאכאנאווצעס:

„די באזייטיגונג פון דעם אונטערשייד צווישן מוח־ארבעטער און צווישן די, וואס ארבעטן מיט די הענט, קאן דערגרייכט ווערן בלויז דורך דערהויבן דעם קולטורעלן און טעכנישן מצב פון דעם ארבעטער־קלאס צו דעם שטאפל פון אינזשענערן און טעכנישע ארבעטער. עס וואלט געווען אן אבסורד אנצונעמען, אז דאס מיינט צו פארלאנגען צופיל. דאס איז פולשטענדיג לאגיש אונטער דער סאוועטישער סיסטעם, וואו די פראדוקטיווע כחות פון דעם לאנד ווערן באפרייט פון די קייטן פון קאפיטאליזם; וואו ארבעט ווערט פריי פון דעם יאך פון עקספלואטאציע; וואו דער ארבעטער־קלאס איז א מאכט און וואו דער אינגערער דור פון דעם ארבעטער־קלאס האט יעדע מעגלעכקייט צו באקומען א געהעריגע טעכנישע בילדונג. עס איז ניטא קיין אורזאך צו צווייפלען אין דעם, אז בלויז אזא דערהויבונג פון דעם קולטורעלן און טעכנישן מצב פון דעם ארבעטער־קלאס קאן אונטערגראבן דעם באדן פון דעם אונטערשייד צווישן פיזישער און מוח־ארבעט, און אז בלויז אט־דאס אליין קאן פארזיכערן דעם העכערן שטאפל פון ארבעטער־פראדוקטיווקייט און די שפע פון געברויך־ארטיקלען, וואס זיינען נויטיג, כדי אנצוהויבן דעם איבערגאנג פון סאציאליזם צו קאמוניזם."

דער ציל איז — א פולשטענדיג־געבילדעט פאלק.

* * *

מיר האבן נאכגעפאלגט דעם גאנג פון דער סאוועטישער יוגנט, אנהויבנדיג פון דעם עופה'לע, דורך דער קינדהייט, ביז די העכערע גראדן פון בילדונג אין די אוניווערזיטעטן אדער טעכנישע אינסטיטוטן, און איצט קומען מיר צו צום פונקט, וואו דער יוגנטלעכער איז גרייט מוטיג אריינצוטרעטן אין דער וועלט פון מעשים, מיט וועלכער ער איז באקאנט געווארן אין לויף פון זיין גאנצער קאריערע און דערמוטיגט געווארן צו באנעמען די פרינציפן פון אירע אינדוסטריען.

וואס דערווארט אים איצט?

אט־דא, גלויב איך, ווייזט זיך ארויס דער טיפער אונטערשייד צווישן פלאנירטער פראדוקציע פאר געזעלשאפטלעכן געברויך און דער פראדוקציע, וואס איז אדער אן א פלאן, אדער בלויז מיט א פלאן צו פארזיכערן פראפיטן פאר דעם קלאס פראפיט־מאכער. אט־דא שיינט ארויס צום קלארסטן דער אונטערשייד צווישן די צוויי סיסטעמען, און דער פארצוג איז אינגאנצן אויף דער זייט פון דער סאוועטישער סיסטעם.

דאס איז דערפאר, וואס דער מלוכה־פלאן גיט דער יוגנט א שעפערישן ציל און הונדערטער געלעגנהייטן דעם ציל צו דערגרייכן. דער מלוכה־פלאן פארלאנגט די הילף פון דעם יונגן מענטשן. אומבאגרענעצטע מעגלעכקייטן עפענען זיך פאר אים אין געביט פון וויסנשאפט, עקאנאמיק, אלגעמיינע קול־

טור און פּאָליטיק. פֿאַר דער סאָוועטישער יוגנט איז דער געשפּענסט פֿון אַרבעטלאָזיגקייט פֿאַרשוואונדן אויף שטענדיק. איר צוקונפֿט איז פֿול מיט האָפֿענונגען. עס איז פֿאַר יעדן איינעם דאָ אַ פּלאַץ און יעדן איינעם דאַרף מען האָבן. פֿאַר יעדן איינעם איז דאָ דער צוזאָג פֿון זיכערקייט, און דאָס פֿאַרטרייבט דעם שרעק, וואָס זויגט אויס די לעבנס־זאַפֿט; און פֿאַר יעדן איינעם איז דאָ אַ בכבוד׳יגער פּלאַץ אין אַן אויפֿגאַבע, וואָס גיט אָדער וואָס קאָן געבן דעם לעבן אַ רייץ און אַ נאָבלקייט.

עס איז גאַנץ בולט דער קאָנטראַסט אין דעם בליק אויפֿן לעבן פֿון דעם דורכשניטלעכן סאָוועטישן יוגנטלעכן און דעם דורכשניטלעכן יוגנטלעכן אין ענגלאַנד. קיינער, וואָס שטייט אין נאָענטער באַרירונג מיט דער ענגלישער יוגנט, צי מיט זייערע עלטערן, קאָן ניט פֿאַרפֿעלן צו באַמערקן די מורא, די זאָרג און די אָנגעשטרענגטקייט, מיט וועלכע זיי דערוואַרטן די צוקונפֿט — צי דאָס איז אין צייט פֿון דעם קריזיס, וואָס מיר לעבן איצט איבער, אָדער אין די צייטן פֿון „פּראָספּעריטי״, אין וועלכע מיר וועלן אפֿשר אַריינטרעטן, האָבנדיק שטענדיק דעם באַוואוסטזיין, אַז שפּעטער וועט אומפֿאַרמיידלעך קומען אַ נייער קריזיס.

איך בין אפֿשר מער ווי אַנדערע אין אַ לאַגע צו וויסן די אינערלעכע זייט פֿון אָט־דער פֿראַגע און ווי זי ווירקט אויף די פֿאַרשיידענע טיפּן און קלאַסן בחורים און מיידלעך; ווייל איך בין אין דעם איצטיגן מאָמענט דער פֿאָרזיצער פֿון די דירעקטאָרן פֿון אַן עלעמענטאַרער שול, פֿון צוויי גרויסע מיטלשולן און פֿון אַ גרויסער פּריוואַטער שול, וואָס איז די עלטסטע אין דער ענגליש־רעדנדיגער וועלט, און ווייל איך האָב אויך אָנגעהאַלטן ענלעכע פּאָסטנס אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן אין צפֿון־ענגלאַנד.

אָט־די באַרירונג מיט דער יוגנט מאַכט קלאָר פֿאַר מיר די פּראָבלעמען, די דערשלאָגנקייט און די אַנטמוטיגונג, וואָס באַהערשן די יוגנט אויף דעם שוועל פֿון לעבן.

אין די לעצטע יאָרן אין שול הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיינע און באַאומרואיגנדע זאָרג וועגן דעם, צי עס וועט זיך איינגעבן צו קריגן אַ דזשאָב, ביי וועלכן מען זאָל קאָנען פֿאַרדינען אויף אַ לעבן. זיי ווייסן, אַז די צאָל גוטע דזשאָבס איז באַגרענעצט און די צאָל אַפּליקאַנטן איז ריזיג גרויס. די קאָנקורענץ איז אַ ביטערע. אפֿילו די אָנשטרענגונג צו קריגן אַ דזשאָב דורך אַן עקזאַמען לאָזט אָפֿט איבער דעם געווינער אַן אויסגעשעפּטן נאָכדעם, ווי ער האָט שוין דעם דזשאָב געקראָגן, און ער איז צופֿרידן אויף שטענדיג פּטור צו ווערן פֿון דעם לערנען, וואָס האָט אים געקראָגן דעם דזשאָב. אַנדערע, וועלכע זיינען ווייניגער מזל׳דיג, קריגן אינגאַנצן קיין דזשאָב ניט. הונדערטער טויזנטער בחורים און מיידלעך זיינען פֿאַראורטיילט געוואָרן דורכצומאַכן דעם נאָך־שול פּעריאָד פֿון זייער לעבן ניט קריגנדיג קיינמאָל קיין באַגריף וועגן דעם, וואָס עס מיינט די פֿרייד פֿון אַרבעט, ניט האָבנדיג

קיין געציינג, קיין פּלאַץ, קיין געשוילטקייט, אָדער רעסורסן אויף צו שאַפן זייער אייגענע באַשעפטיגונג פאַר זיך. דאָס לעבן באַשטייט פון אַרומדרייען זיך אויף די ראָגן פון די גאַסן, וואָס דאָס פירט צו מאָראַלער פאַרדאַרבונג.

די יוגנט — איך רעד איצט וועגן דער ריזיגער צאָל יוגנטלעכע אין די אינדוסטריעלע צענטרען — זעט ניט קיין אויסוועג פאַר זיך. דעם יוגנטלעכן פעלט פּאָליטישער וויסן. ער קאָן ניט אויסגעפינען דעם וואָרצל פון זיינע ליידן. ער פילט, אַז ער איז אין די קלאַמערן פון צופאַל. אַלץ איז אַ מזל־זאַך. דו ביסט מזל׳דיג, אויב דו ביסט געבוירן געוואָרן אין דער ריכטיגער סביבה. דו ביסט מזל׳דיג, אויב דו ביסט געבענטשט מיט גייסטיגע פיאיגקייטן. דו ביסט מזל׳דיג, אויב דו קריגסט אַ דזשאָב. נאָר עס קאָן זיך אויך מאַכן, אַז דיין מזל זאָל זיך אויסדרייען צו דיר מיטן רוקן. דאָס גאַנצע לעבן איז אַ קאָרטן־שפּיל. עס פאַרשווינדט דער גלויבן אין אַ גנעדיגן שיקזאַל, אָדער אין דער צוועקמעסיגקייט פון דער וועלט־אָרדענונג. דער צופאַל הערשט איבער אַלץ.

ווי קאָן גוטע אַרבעט געטאָן ווערן אויף אַ הינטערגרונד, וואָס איז אַזוי שוואַרץ און אַזוי אַנטמוטיגנדיג?

און ווען אַ יוגנטלעכער איז שוין מזל׳דיג און געפינט שוין אַ דזשאָב, ווי אָפט קאָנען מיר זאָגן, אַז דאָס איז אַ דזשאָב, אויף וועלכן מען קאָן עפּעס שאַפן? אומצאָליגע יונגע מענער און פרויען, וועלכע זיינען פיאיג אויפצוטאָן אַ סך און באַרייכערן די וועלט מיט די זאַכן, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט פּראָדוצירן, אָדער מיט די דינסטן וואָס זיי וואָלטן געקענט געבן דער וועלט, דאַרפן פירן אַ מיזעראַבלעם און ניט־געזיכערטן לעבן ווי אַריינשלעפּער, וואָס דאַרפן צורעדן מען זאָל איינקויפן זאַכן, וואָס ניט מיר דאַרפן זיי און ניט מיר ווילן זיי. און וויפיל נאָך יוגנטלעכע זיינען אויף דעם גאַנצן לעבן צוגעבונדן צו רוטינע דזשאָבס און ציטערן פּשוט פאַר דער דערפינדונג, וואָס קאָן נאָך חלילה מאַכן אָט־דעם דזשאָב פאַר אומנויטיג און קאָן די באַשעפטיגטע אַרבעטער אַרויסוואַרפן אויף דעם מיסט־הויפן פון אַרבעטלאָזיגקייט?

און בשעת אַזויפיל אַרבעטער זיינען אומבאַשעפטיגט, זיינען אַ סך — און ספּעציעל אין די מער־קוואַליפיצירטע באַשעפטיגונגען — געצוואונגען צו אַרבעטן איבער די כּחות. צום סוף פון אַרבעטס־טאָג זיינען זיי שוין אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זיי קאָנען זיך ניט פאַראינטערעסירן מיט דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן צושטאַנד, וואָס באַווירקט אַזוי שטאַרק זייער לעבן. די אָנ־שטרענגונג אָנצוהאַלטן דעם קוואַליפיצירטן דזשאָב, וואָס זיי האָבן געקראָגן, הערט גאָר ניט אויף. גאָר אין גיכן ווייזט זיך אַרויס, אַז די עלטער, וואָס רוקט זיך אָן, ווערט אַ געפאַר. כּדי צו בלייבן אין די פאָדערשטע רייען, מאַכן אַזעלכע מענטשן געפערלעכע אָנשטרענגונגען זיך אויסצופיינען מיט ספּעקטאַקולערע דראַמאַטישע אויפטוען. עס איז שווער אויפצוטאָן וויכטיגע

ארבעט אין די באַשטימטע צייט־ראַמען. דאָס לעבן שרומפּט איין צו קליינע האָריזאָנטן.

געציילטע יחידים פון די העכערע ראַנגען פון אינדוסטריעלן אָדער פּראָפעסיאָנעלן לעבן דערשלאָגן זיך דורך ירושה אָדער דורך איינפלוס, אָדער דורך אָפענער קאָנקורענץ, אין וועלכער זיי האָבן דעם פאָרצוג פון רייכטום, פרייער צייט אָדער גינסטיגע אומשטענדן צו אַ געביט פון טעטיגקייט, וואו דאָס לעבן האָט ווירקלעך אַ שעפערישן ציל, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַ סך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון אַ גרויסן פאַרמעסט. איך דערמאָן זיך ווידער אָן מיין אייגענער דערפאַרונג. אַזעלכע דזשאַבס זיינען דאָ זייער ווייניג און זיינען ניט אָפּצושאַצן.

און גראָד אַזעלכע שעפערישע דזשאַבס זיינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָפן ניט פאַר געציילטע עטלעכע פאַוואָריטן, נאָר פאַר אַלעמען. אַלע האָבן אַ חלק אין דעם באַזיץ פון פּראָדוקטיווער אינדוסטריע און אין די פּראָדוציר־פּראָצעסן. יעדער איינער האָט זיך זיין געהעריגן אָרט — אַן אָרט, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן. מען דאַרף זיך ניט אַרויסלאָזן זוכן אַ דזשאַב. די דזשאַבס זוכן גאָר דעם אַרבעטער. און יעדער דזשאַב איז אַ טייל פון אַ גרעסערער גאַנצער זאַך. קיין זאַך איז ניט צופעליג. וואָס פאַר אַ דזשאַב אַ סאָוועטישער בחור זאָל פאַר זיך ניט אויסקלייבן, וועט עס זיין מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער בויט אַ נאַציאָנאַלע פירמע. זיין שעפערישע אַרבעט באַווירקט אים אַליין, זיין פאַמיליע, זיין שטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד.

די סאָוועטישע יוגנט איז באַוואָרנט מיט געזונטער, שאַפנדיגער און אָנציענדיגער אַרבעט. ס'איז בלויז אַ פראַגע פון אויסקלייבן פאַר זיך אַן אַרבעט. עס איז ניט קיין פוסטע פלאַפּלעריי, ווען מען רעדט צו אַ סאָוועטיש קינד וועגן אַ באַרוף אין לעבן. יעדער איינער קאָן הערן אַן אינערלעכן רוף און אים פאָלגן.

*   *   *

מען קאָן מיט רעכט פרעגן: וואָס איז די קוואַליטעט פון די אינ־טעלעקטועלע דערגרייכונגען, וואָס קומען ווי אַ רעזולטאַט פון אָט־דעם גוואַלדיגן ענטוזיאַזם פאַר בילדונג און קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד? וואָס טוט־אויף די יוגנט איצט, ווען זי טרעט אַריין אין דער מאַכט? וואָסערע רעזולטאַטן ווייזט די יוגנט אַרויס, און זיינען די פירער צופרידן מיט אָט־די רעזולטאַטן?

אַזוי ווי די הויפּט־באַדערפעניש איז צוערשט באַשטאַנען אין פאַר־גרעסערן די פּראָדוקציע, און אַזוי ווי די מאַטעריעלע פּראָדוקציע איז הויפּט־זאַכלעך אָפּהענגיג פון אויסבילדן געשולטע און פאַרטרויענסווערטע טעכניקער, באַציט זיך די פראַגע צום אַלעם ערשטן אויף דער קוואַליטעט פון דער אינ־זשענערישער יוגנט. אין אָט־דער פראַגע קאָנען מיר נעמען אַלס אַנטשיידנדיג דאָס עדות־זאָגן פון די עקספּערטן, וועלכע מיר האָבן ציטירט אין דעם ערשטן

קאַפּיטל פון דעם בוך. בפרט נאָך, אַז די שפּעטערדיגע געשעענישן האָבן פולשטענדיג באַשטעטיגט זייער מיינונג.*)

די מאָסקווער פּראַצעסן און די ריינינגונג פון 1937 האָבן אַרויסגעקערט אַ סך פון די אַלטע פּאַרוואַלטער, אינזשענערן און טעכניקער און האָבן אַ שטויס־געטאָן פּאַראויס — אפשר אַ ביסל צו פרי — אַ סך יונגטלעכע אויף די פּלעצער פון די אַנדערע. עס איז אינטערעסאַנט און באַלערנד צו באַטראַכטן די ווירקונג, וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דער פּראָדוקציע.

דער פּלאַן פון 1937 האָט געפאָדערט אַ פאַרגרעסערונג אין דער פּראָדוקציע אויף 20 פּראָצענט לגבי דעם יאָר 1936. די ריינינגונג האָט געבראַכט אַ צייטווייליגן צוריקגאַנג. אין לויף פון דער ערשטער העלפט פון 1937 האָט די אינדוסטריע ניט פאַרצייכנט קיין פאַרגרעסערונג, זי האָט זיך בלויז געהאַלטן ביי דעם מצב פון דעם פריערדיגן יאָר. די יונגע מענטשן האָבן זיך געהאַלטן אין באַקענען מיט זייער נייעם דזשאָב. אין אַ האַלב יאָר צייט האָבן זיי, ווי עס ווייזט אויס, זיך באַקענט מיט דער אַרבעט, און זיי האָבן פאַרשנעלערט דעם טראָט פון דער אינדוסטריע. די רעגירונג האָט זיך געפילט דערמוטיגט, נאָר בלויז אין אַ געוויסער מאָס. באַשטימענדיג דעם פּלאַן פאַר דעם יאָר 1938, האָט די רעגירונג ווידער געפאָדערט אַ פאַרגרעסערונג — דאָס יאָר בלויז אויף 15.3 פּראָצענט, אָנשטאָט די פריערדיגע 20 פּראָצענט. יעדער חודש האָט געוויזן אַ גרעסערע העכערונג און אין יולי — צום סוף פון דעם ערשטן האַלבן יאָר — האָט די רעגירונג רעווידירט איר פּלאַן און האָט באַשטימט צו דערגרייכן אַ פאַרגרעסערונג, ניט — ווי עס איז אָריגינעל פּלאַנירט געוואָרן — אויף 20 פּראָצענט, נאָר אויף 21 פּראָצענט. די יוגנט האָט טריאומפירט.

אַזאַ איז אויך דער טריאומף פון דער אַרקטישער פאָרשונג, פון געאָלאָגישער פאָרשונג און פון דערגרייכונגען אין דער לופט־פליערײ, וואָס שטעלן אַוועק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פראָנט פון אַלע פעלקער, ביי וועלכע

*) אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זוכט מען די מער־פייאיגע יונגע מענטשן און זייערע פייאיגקייטן ווערן אויסגענוצט. דער אינזשענער טשעקמעניעוו האָט געבעטן די יונגע סטודענטן פון דעם יוגנטלעכן טעכנישן צענטער, אַז זיי זאָלן אים העלפן דורכקאָנטראָלירן די אינזשענערישע צייכענונג פאַר אַ קאָמבאַין אויף אַראָפּצונעמען קאָטן פון פעלד. זייער אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרקערפּערט אין אַ מאָדעל, וואָס איז געווען אַ צענטל די גרויס פון דער נאַטירלעכער מאָס, געפינט זיך איצט אין דעם פּאַוויליאָן פון יונגע נאַטוראַליסטן ביי דער אַגריקולטור־אויסשטעלונג. אָט־דער קאָמבאַין נעמט אַראָפּ די באַוול־קייקעלעך, רייסט אַרויס די באַוול־פלאַנץ מיטן וואָרצל, לייגט די פלאַנץ אַריין אין אַ קעסטל און וואַרפט די פלאַנצן אַרויס צום עק פעלד. אין דער זעלבער צייט צעאַקערט דער קאָמבאַין די ערד אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָלן זיך אָנהויבן בערגלעך ערד, וואָס זאָלן פאַרהאַלטן דעם שניי און איינהיטן די ווערטפולע פייכטקייט. דער קאָמבאַין שפּרייט אויך אויס מינעראַלע באַמיסטיגונג און לאָזט איבער דאָס פעלד גרייט פאַר דעם פאַרזיי־סעזאָן.

עס איז אַנטוויקלט די אַוויאַציע — דאָס אַלץ איז דער טריאומף פון דער סאָוועטישער יוגנט און די באַרעכטיגונג פון דער נייער בילדונג.

און אַזוי טריאומפירט די יוגנט אויך אין דער סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג פאַר דער פאַרשנעלערונג פון דער אינדוסטריע. יונגע מענטשן שטרעבן אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון אַלעקסעי סטאַכאַנאָוו, וועלכער האָט רעאָרגאַניזירט דאָס ארויסבאַקומען פון קוילן, פאַר־אורזאַכנדיג אַ קאָלאָסאַלע פאַרגרעסערונג אין דער פּראָדוקציע מיט גלייכ־ציטיגע געווינסן פאַר דעם לאַנד און פאַר אים אַליין. פּיאָטער קריוואָנאָס האָט אויפגעטאָן ענלעכעס אין דעם אייזנבאַן־טראַנספּאָרט; צוויי יונגע מייד־לעך, דוסיאַ ווינאָגראַדאָוואַ און טאַסיאַ אָדינצאָוואַ, האָבן געוויזן וואָס מען קאָן אויפטאָן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע; און נאָך צוויי יונגע מיידלעך האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער אַגריקולטור.

איינע פון די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין מאָסקווע, די קאַגאַנאָוויטש „באָל־בערינג" פאַבריק, ווערט פאַרוואַלטעט פון דעם יוגנט־לעכן אינזשענער יוסים, וועלכער איז געקומען אין דער פאַבריק דירעקט פון אוניווערזיטעט. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרמאַן אין דער שמידעריי ווי אַ געוויינלעכער אינזשענער. זיין וואַכטע האָט אויסגעשמידט פון 46,000 ביז 47,000 שטיק פון אַ געוויסן מאַשין־טייל אַנשטאָט די פריערדיגע 28,000. ער האָט געהאַט די אויסצייכענונג צו זיין אין דער אינזשענערן־וועלט דער ערשטער סטאַכאַנאָוועץ, ווי מען רופט איצט אַט־די, וועלכע פאַרשנעלערן די אינדוסטריע. ער האָט דערגרייכט איין קאָלעקטיוון רעקאָרד נאָך אַ צווייטן, און נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן דעם לענין־אָרדן, האָט ער איבערגענומען די גאַנצע פאַרוואַלטונג מיט דער פאַבריק, ווען דער פריערדיגער פאַרוואַלטער איז באַזייטיגט געוואָרן צוליב שעדיגערישע טעטיגקייטן. וויקטאָר לוואָוו, וועלכער איז דער הויפּט פון דעם קאָמיסאַריאַט פון דער מאַשין־בוי אינדוס־טריע, איז אַלט אַכט און דרייסיג יאָר, און ער האָט דערגרייכט צו הויכע פאָסטנס מיט יאָרן פריער, נאָך אַן אינטערעסאַנטער און פאַסירונג־רייכער קאַריערע. ער איז יונגערהייט פאַרבליבן אַ יתום. אָפּזייענדיג אין שול פיר יאָר, איז ער פון דאָרט אוועק און האָט געאַרבעט אַלס אַ פאַרם־אַרבעטער ביי רייכע פּויערים. צו אַכצן יאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט אַרומגערייזט איבערן גאַנצן לאַנד, קעמפנדיג פאַר דער רעוואָ־לוציע. אַרבעטנדיג אין דער פאַבריק „רויטער פּוטילאָוו", האָט ער גלייכ־ציטיג שטודירט אין אַ טעכנישן אינסטיטוט און האָט פון דאָרט גראַדואירט אין יאָר 1933. ער האָט געקראָגן אַ דיפּלאָם פאַר זיין פּראָיעקט־צייכענונג פאַר אַ זעכציג־טאָניגן אָפענעם שמעלץ־אויוון. אין 1934 איז ער געשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך דאָרט צו שטודירן די פּראָדוקציע פון אייזן און שטאָל. ער איז געקומען צוריק אין 1936 און איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון דער שטאָל־גיסעריי אין דער פאַבריק, וואו ער האָט פריער גע־

ארבעט. שפּעטער איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק. אין 1938 האָט די סאָוועטן־רעגירונג אים דערהויבן צום אַמט פון פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער מאַשין־בוי־אינדוסטריע.

קאָנסטאַנטין קארטאַשאָוו, דער געהילף פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער שווערער אינדוסטריע, איז אַלט פיר און דרייסיג יאָר. ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין די קוילן־גרובן. די רעוואָלוציע האָט אים געגעבן זיין געלעגנהייט. ער האָט פלייסיג געלערנט — פריער אין דעם טעכנישן אינסטיטוט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם קוילן־גרוב, און צו־לעצט אין דעם מאַינינג־אינסטיטוט אין סטאַלינאָ. ער האָט גראַדואירט אין 1930. אין צוויי יאָר אַרום איז ער געוואָרן דער פאַר־וואַלטער פון אַ קוילן־גרוב, וואו ער האָט איינגעפירט אַ סיסטעם פון אַרבעט, וואָס האָט פאַרלייכטערט די אויפגאַבן פון די קוילן־גרעבער און האָט געפירט צו אַ פאַרגרעסערונג אין דער פּראָדוקציע פון די מאַשינען, וואָס שניידן די קוילן. ער האָט געקראָגן דעם לענין־אָרדן. מיט פינף יאָר שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם פּערוואָמאַיסקי קוילן־טראָסט, דערנאָך אַלס הויפּט־אינזשענער אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער קוילן־אינדוסטריע און צו־לעצט, אין 1938, אַלס געהילף פאָלקס־קאָמיסאַר פון דער שווערער אינדוסטריע.

נים בלויז יונגע מענער, נאָר אויך יונגע פרויען, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין סאָוועטישע אינסטיטוטן, ווערן דערהויבן צו הויכע שטעלעס. טאַטיאַנאַ מאָראַזאָוואַ איז געקומען אַרבעטן אויף דער פּערפום־ און זייף־פאַבריק „וואָסכאָד" אין מאָסקווע אין עלטער פון פופצן יאָר. די פאַבריק האָט זי געשיקט אין אַ ספּעציעלער שול, וואו מען גרייט צו פונקציאָנערן פאַר די טרעיד־יוניאָנס. זי האָט דאָרט געקראָגן אַן אַלגעמיינע ווי אויך אַ ספּעציעלע בילדונג. קומענדיג צוריק אין פאַבריק, איז זי דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצערין פון דער טרעיד־יוניאָן קאָמיטעט. אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך אינטערעסירט מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק. זי איז געוואָרן געהילפס־דירעקטאָר. דערנאָך איז זי געוואָרן דירעקטאָר און איצט — אין עלטער פון איין און דרייסיג יאָר — איז זי הויפּט פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון דער פּאַרפום־אינדוסטריע, וואָס קאָנטראָלירט פינף און צוואַנציג גרויסע פאַבריקן.

סוגראַ גאַיבאָוואַ, די פאַרוואַלטערין פון דעם אויל־פעלד נומער 3 פון דעם אָרדזשאָנאָקידזשע אויל־טראָסט אין באַקו, איז אַלט בלויז זעקס און צוואַנציג יאָר. זי האָט געקראָגן איר בילדונג אויסשליסלעך אונטער סאָ־וועטישע באַדינגונגען. נאָכדעם ווי זי האָט גראַדואירט פון איר מיטלשול אין 1930, האָט זיך זיך ווייטער געלערנט און פאַרענדיגט אַ קורס אין דעם אינדוסטריעלן אינסטיטוט אין 1935. זי איז באַלד געוואָרן פאָרמאַן פון דעם פעלד נומער 3. נאָך דעם ווי זי האָט אַרויסגעוויזן היפשע אָרגאַניזאַציאָנעלע

פּיאַנקייטן, איז זי אין 1938 באַשטימט געוואָרן אויף איר איצטיקן פּאָסטן פון פּראָוואַלטערין.

דער הויפּט פון דעם צענטראַלן עראָ־הידראָדינאַמישן אינסטיטוט איז אַ יונגער וויסנשאַפטסמאַן, מיכאַאיל שולטשענקאָ, וועלכער איז אַלט דריי און דרייסיק יאָר. אין 1926 האָט זיין ברענטש פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליג אים געשיקט אין אַן אַרבעטער־צוגרייטונגס־שול און שפּעטער אין אַ טעכנישן קאַלעדזש אין מאָסקווע. ער איז דערנאָך אַריין אין דעם אַוויאַציע־אינסטיטוט, וואו מען האָט באַלד אָנערקענט זיינע פעיאיקייטן. ער האָט געקראָגן אַ גרויסע אויסצייכענונג פאַר זיין פּראָיעקט פאַר אַ טראַנספּאָרט־עראָפּלאַן פון גרויסער שנעלקייט. נאָך דעם ווי ער האָט גראַדויִרט, איז ער באַשטימט געוואָרן אויף זיין איצטיקן פּאָסטן.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אויך ניט צוריקגעשטאַנען אין די קונסטן. אין 1927 האָבן עטלעכע סאָוועטישע מוזיקער זיך באַטייליקט אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן שאָפּען־פאַרמעסט פון פיאַניסטן, וואָס איז געהאַלטן גע־וואָרן אין וואַרשע. צווישן זיי האָט לעוו אָבערין געוואונען דעם ערשטן פּריז. זינט דעמאָלט זיינען די סאָוועטישע יוגנטלעכע כמעט שטענדיק צווישן די ערשטע פּריז־געווינער אויף אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרמעסטן. ביי דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרמעסט פון פיאַניסטן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין וואַרשע, אין 1937, האָט זאַק געוואונען דעם ערשטן פּריז און ראָזאַ טאַמאַרקינאַ דעם צווייטן. עמיל גילעלס, וועלכער האָט אין 1936 געוואונען דעם צווייטן פּריז אין ווין, האָט געוואונען דעם ערשטן פּריז אין ברוסעל אין 1938.

ווי מיט דער פּיאַנאָ, אַזוי אויך מיט דער פידל. ביי דעם אינטערנאַציאָ־נאַלן איסאַי־פאַרמעסט אין ברוסעל אין 1937 זיינען פינף פון די זעקס אויס־געטיילטע פּריזן אוועקגעגעבן געוואָרן צו די סאָוועטישע פידלער — ערשטער, דריטער, פערטער, פינפטער און זעקסטער פּריז.

דאָך וועט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אין באַצוג צו יוגנט און בילדונג ניט רוען אויף די שוין־געוואונענע לאָרבער־קראַנצן. דער דריטער פינף־יאָר־פּלאַן האָט אינזינען מער קוואַליטעט. כאָטש קוואַנטיטעט קומט פריער פון אַלץ, וועט קוואַליטעט זיין דער קרוינונגס־פּונקט פון די דערגרייכונגען אין בילדונג. אין די קומענדיגע יאָרן וועט די קוואַליטעט פון בילדונג קריגן ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. עס וועלן אָנגעצייכנט ווערן העכערע סטאַנדאַרדן, און זיי וועלן דערגרייכט ווערן. פאַר אַן אָנהויב ווערט געפּלאַנט פולשטענדיג צו רעווידירן די לערן־ביכער — קיין אַנדערע, אויסער די בעסטע, וועלן ניט באַנוצט ווערן.

דער סוף פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן וועט ניט נאָר דאַרפן באַווייזן, אַז 40 מיליאָן פון אַ באַפעלקערונג פון 168 מיליאָן זאָל לערנען אין עלעמענ־טאַרע און העכערע שולן, נאָר אַז ס'זאָל אויך דערגרייכט ווערן אַ סטאַנדאַרד

פון בילדונג, וואָס באַצוועקט אַוועקצושטעלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער ערשטער ריי צווישן געבילדעטע פעלקער.

איך קאָן גאַנץ גוט פאַרשטיין לעאָן פויכטוואַנגערן, ווען ער האָט געשריבן נאָך אַ באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז „די סאָוועטישע יוגנט אָטעמט מיט אַ קראַפט און אַ פרייד, וואָס דערשטוינט מיך ניט־ווילנדיג". און איך קאָן סימפּאַטיזירן מיט ראָמען ראָלאַנ'ס ווענדונג צו דער סאָוועטישער יוגנט: „איר זייט די האָפענונג פון דער וועלט, די זוימען פון דער אַלמענטשלעכער קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט פון דער צוקונפט — אַ געזעלשאַפט, וואו איין מענטש עקספּלואַטירט ניט דעם צווייטן; אָן גרענעצן צווישן די לענדער און אָן האַס צווישן ראַסן און פעלקער."

## 4. די נייע פרוי

פאַר דער פרוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע וועלט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאָוועטישע פרויען טיילן מיט די מענער אַ נייע גלייכהייט אין בילדונג, אין פּאָליטישע רעכט, אין קוואַליפיצירטע באַשעפטיגונגען, אין געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס און אין קולטור. קיין וועלט איז ניט געווען אַזוי פינצטער פאַר פרויען, ווי די וועלט, וואָס איז אַוועק צוזאַמען מיט דער רוסישער אימפּעריע. און קיין וועלט איז ניט אַזוי העל ווי די, וואָס איז געקומען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די סאָוועטישע פרוי האָט פאַרדינט איר פרייהייט. זי האָט פאַר אָט־דער פרייהייט געצאָלט מיטן בלוט פון אירע בעסטע.

די רעוואָלוציע, וואָס האָט גענומען רוסלאַנד מיט שטורעם אין 1917, איז ניט געקומען אָן אַ צוגרייטונג. זי איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ גאַנצער ריי פאַרצווייפלטע קאַמפן, אין וועלכע די פרויען זיינען קיינמאָל ניט געבליבן הינטערשטעליג. גאָר אָפט זיינען די פרויען געגאַנגען פאָראויס.

ווען קריסטנטום האָט זיך אַריינגעריסן אין רוסלאַנד אין דעם יאָר 1000, איז עס געקומען פון גריכנלאַנד און אין אַ פאָרמע, וואָס האָט געטראָגן שקלאַפעריי פאַר דער פרוי סיי מצד דער קירך, סיי מצד דער מלוכה. אַ יונג, פּרימיטיוו, אַגריקולטורעל פאָלק איז איבערגעוועלטיגט געוואָרן פון אַ קירכלעכן אַסקעטיזם, וואָס האָט לויט די אָריענטאַלישע טראַדיציעס באַטראַכט די פרוי פאַר אַ זינדיגער באַשעפעניש. אין דער קירכע האָט מען פאַר פרויען באַשטימט די ערגערע פּלעצער. פרויען האָבן ניט געטאָרט צוגיין צום אַלטאַר. ביים הייראַטן איז דעם מאַנ'ס רינגל געווען פון גאָלד און דער פרוי'ס פון אייזן.

לויט דער „פאַראָרדענונג וועגן דער היים", וואָס דער פּויפּסט סילוועסטער האָט אַרויסגעגעבן אין זעכצעטן יאָרהונדערט, איז די פרוי דעגראַדירט געוואָרן צו זיין דאָס אייגנטום פון דעם מאַן, וועלכער איז געווען דער הויפּט

פון דער פאמיליע. די פרוי מוז אונטער אלע אומשטענדן פאלגן דעם מאן: „אויב א פרוי זאגט זיך אפ צו פאלגן . . . איז ראטזאם . . . צו שמייסן זי מיט א בייטש . . . די בייטש טוט ווי און איז עפעקטיוו, לערנט־אן און האט א געווינטשטע ווירקונג."

די פראנצויזישע רעוואלוציע האט געהאט אן אפקלאנג אויך אין רוס־לאנד. בראווע אפיצערן און אינטעליגענטן האבן געשטרעבט צו פרייהייט און זיינען דערפאר פארשיקט געווארן קיין סיביר. פרויען זיינען פרייוויליג מיט־געגאנגען מיט זייערע פארשיקטע מענער, זייענדיג געצוואונגען זיך אפצוזאגן פון יעדער באקוועמלעכקייט, און איבערצולאזן די קינדער הינטער זיך.

אין די זעכציגער און זיבעציגער יארן פון לעצטן יארהונדערט האבן געטרייע און געבילדעטע פרויען פארלאזט די שטאט און זייער הויכן לוין און זיינען אוועק אין פארווארפענע דערפלעך, וואו זיי זיינען געווארן לערע־רינס פאר א נישטיגן געהאלט און האבן געארבעט אליין, זייענדיג אונטער־ווארפן דעם קאפריז פון א פיינטלעכער נאטשאלסטווע. אונטער באקונינ'ס איינפלוס האבן יונגע פרויען, ווי אויך יונגע מענער, פארלאזט די אוני־ווערזיטעטן אין די זיבעציגער יארן און, אויסלערנענדיג זיך א מלאכה, זיינען זיי „אוועק צום פאלק" צו לערנען פון די מאסן, ווייל „דאס פאלק ווייסט בעסער פון אונז וואס עס באדארף".

דער יוסטיץ־מיניסטער האט אין 1877 דערקלערט, אז דער דערפאלג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג איז אין א גרויסער מאס געקומען ווי א רעזולטאט פון דער גרויסער צאל פרויען צווישן די קאנספיראטארן. אט די פראפאגאנדע האבן די פרויען־רעוואלוציאנערן אנגעפירט דורך באזעצן זיך צווישן פרויען־ארבעטער, וואס זיינען פארטעמפט געווארן דורך א מאנא־טאנעם לעבן און ענגע, שמוציגע קאזארמעס, ארבעטנדיג זעכצן שעה א טאג אין פאבריק.

אין די עלדישע רייען, וואס האבן רעוואלטירט געגן דער צארישער אונטערדריקונג און גרויזאמקייטן, האבן קיינמאל ניט געפעלט קיין פרויען. די פרויען האבן געדינט דעם פרייהייטס־קאמף מיט א ברען און מיט א פאר־אכטונג פארן טויט, ניט אפטרעטנדיג קיין שפאן פאר די הערשער. זייער כח איז געשטיגן צוזאמען מיט זייער מיסיע.

די מערסטע רעוואלוציאנערע פרויען אין יענע פריע יארן זיינען געווען יונג, באשאנקען מיט געדאנק און מיט נשמה, און א סך פון זיי זיינען געווען זייער שיינע און מיט קינסטלערישע טאלאנטן. זייער פערזענלעכע און ראמאנ־טישע ליבע איז געווארן אונטערווארפן דער אוניווערסאלער ליבע, צו וועלכער זיי האבן געווידמעט זייער לעבן. דאס דערקלערט די ריינקייט פון די געגנ־זייטיגע באציאונגען, וואס האבן אנגעהאלטן צווישן מענער און פרויען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג.

זינט די זיבעציגער האט זיך געצויגן א ניט־איבערגעריסענע קייט פון

קרבנות, וועלכע זיינען געבאַפט געוואָרן אין דער שרעקלעכער רעגירונגס־נעץ, וואָס איז אויסגעשפּרייט געוואָרן פון מאָסקווע ביז סאַכאַלין, אויף צו פאַנגען די קעמפער פאַר פרייהייט. איך האָב אין ערגעץ ניט געזען קיין מער שוידערלעכע פּלעצער, ווי די מוזייען, וואו מען קאָן אין איין צימער נאָך אַ צווייטן זען די רעקאָרדס פון יענע יאָרן פון פּייניגונג. דאָ זיינען דאָ בילדער פון טורמעס און פון אַרעסטאַנטן און פון די מעטאָדן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אויף צו ברעכן דעם מוט פון די אַרעסטירטע. ס'איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ מאַסע אַזוינע מאַטעריאַלן. עס זיינען דאָ פּאָרטרעטן, פאָטאָגראַפיעס, סטאַטיסטישע טאַבעלן, צייכענונגען, געזעגענונגס־בריוו, און אינסטרומענטן פון פּייניגונג. דער איינדרוק איז אַ דערהדריקנדיגער, דערמאָנענדיג אָן דעם מאַרטירערטום פון די ערשטע קריסטן.

פריינטשאַפט און חבר'שאַפט — די פייאיגקייט צו האַלטן זיך צוזאַמען — איז פון סאַמע אָנהויב געווען אַן אָנגעזעענע כאַראַקטעריסטיק פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. אויך דאָס האָט איבערגעלאָזט אַ שטעמפּל אויף דער נייער אָרדענונג. אַרויסקומענדיג פון טורמע, האָבן מענער און פרויען זיך געטיילט מיט זייער לעצטן גראָשן. אין טורמע האָבן די פּאָליטישע אַרעסטירטע געלעבט אין אַ קאָמונע אין פולן זין פון וואָרט, טיילנדיג זיך מיט זייער געלט און מיט זייער שפּייז אויף דעם שטרענגסטן אופן. אַלע צאָמען פון סאָציאַלן אָפּשטאַם זיינען צווישן זיי פאַרשוואונדן, און הייסע פריינטשאַפט, געבויט אויף געמיינשאַפטלעכע אינטעלעקטועלע אינטערעסן, וואָס מע קאָן זעלטן אַזוינס געפינען אויף דער פריי, איז געשאַפן געוואָרן אין די טורמעס און האָט אָנגעהאַלטן אויך ווען מען איז געוואָרן פריי.

כדי צו פאַרלייכטערן אויף וויפיל ניט איז די ליידן פון טויזנטער אַרעסטירטע, האָט מען אין 1881 געגרינדעט דעם רוסישן רויטן קרייץ, וואָס איז מערסטנס פאַרוואַלטעט געוואָרן פון פרויען. די פרויען האָבן אויפגעטאָן מער פון אַלעמען צו העלפן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן צו אַנטלויפן.

פרויען זיינען געווען די נשמה פון דעם רוסישן קאַמף פאַר פרייהייט. און מערסטע פון זיי זיינען געווען יונג. פון די זיבן און זעכציג פרויען אַרעסטאַנטן אין מאַלצעווער טורמע צווישן די יאָרן 1907 און 1912 זיינען אַכצן געווען מינדעריעריגע, זיבן און דרייסיג זיינען געווען אין עלטער צווישן איין־און־צוואַנציג און דרייסיג יאָר, און בלויז צוועלף זיינען געווען עלטער פון דרייסיג יאָר.

אַ ברענענדיגער דורשט נאָך וויסן און קולטור איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט־די פרויען־רעוואָלוציאָנערקעס און האָט איבערגעלאָזט אַ שטעמפּל אויף דער צוקונפט. אין טורמע, וואו דאָס איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן זיי געלערנט פאַרשיידענע לימודים. די אַנאַלפאַבעטן האָבן זיך געלערנט לייענען און שרייבן. די גראַמאַטנע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג. עס זיינען אויסגעוואַקסן קליינע ביבליאָטעקן. די משינאָוניקעס

האָבן, ווייזט אויס צוליב זייער אומוויסנהייט, מער גערן דערלויבט ביכער פון אַ פילאָזאָפישן כאַראַקטער, איידער ביכער איבער סאָציאַלער וויסנשאַפט. אַ סך פילאָזאָפיע איז דאָרט שטודירט און ערנסט דיסקוסירט געוואָרן. אַרעס־טירטע פרויען האָבן גערן שטודירט מאַטעמאַטיק און האָבן געלייענט ניטשע'ן, דאָסטאָיעווסקי'ן, די ביבל, אינדישע פילאָזאָפיע און טאָלסטאָי'ען.

אין 1887 איז שטאַרקער פאַרשרויפט געוואָרן דער שרויף פון אונטער־דריקונג. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַראָרדנט פּאָגראָמען, כדי אָפּצואָווענדן די פאָלקס־אויפמערקזאַמקייט. פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זיינען פאַרשיקט גע־וואָרן אויף סאַכאַלין און אין נאָך ווייטערע פּלעצער. די מעגלעכקייטן פאַר בילדונג זיינען באַשרענקט געוואָרן. אויף אַ באַריכט, וואָס דער בילדונגס־מיניסטער האָט צוגעשיקט, האָט אַלעקסאַנדער דער דריטער אַ דראַקע־געטאָן: „מען דאַרף מער ניט קיין בילדונג." די קאָלעדזשעס פאַר פרויען זיינען צו־געמאַכט געוואָרן.

דעריבער זיינען דאָס אַזויפיל פרויען אוועק פאָרזעצן זייער שטודיום אין אויסלאַנד — צו יענער צייט אין דייטשלאַנד, וואו די סאָציאַליסטן ליב־קנעכט, בעבעל און קאַוטסקי זיינען געווען אַקטיוו. צוזאַמען מיט פילאָזאָפיע האָבן זיי דאָרט גענומען שטודירן פּאָליטישע וויסנשאַפטן. אין דער שווייץ איז ווערא זאַסוליטש געפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון מאַרקס און ענגעלס און אין עלטער פון פערציג יאָר האָט זי זייער אַ סך בייגעטראָגן צו דער רוסישער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אין אַ בריוו צו פריינט דערציילט זי וועגן איר לעבן און וועגן איר איינזאַמקייט. זי זאָגט, אַז אין לויף פון חדשים האָט זי קוים צו אימיצן אויסגערעדט אַ וואָרט. זי האָט געלעבט איינע אַליין, געלעבט אויף קאָפע און אַרבעט. זי האָט זעלטן ווען אויפגעהערט צו שרייבן פאַר צוויי אַזייגער פאַרטאָג.

אין אַכט־די יאָרן איז דער אינדוסטריאַליזם אָנגעקומען אין רוסלאַנד. ער איז אַריינגעטראָטן מיט זיין גאַנצער קראַפט, מיט ברוטאַלער עקספּלואַ־טאַציע, וואָס איז ניט געמילדערט געוואָרן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין ענגלאַנד, דורך געזעצלעכע און מאָראַלע לינדערונגען. פון דעם אינ־דוסטריאַליזם האָבן אָבער די אַרבעטער זיך דערוואוסט וועגן דעם כח פון קאָלעקטיווע פּראָצעסן פון פּראָדוקציע. דער מאָדערנער אינדוסטריעלער פּראָ־לעטאַריאַט איז שנעל געשאַפן געוואָרן, און צוזאַמען מיט דעם אָנקומען פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז געקומען אַ פרישע כוואַליע אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט.

אין 1895 איז געגרינדעט געוואָרן „דער קעמפנדיגער פאַראיין פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס". לענין איז געווען אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. פיר פרויען זיינען געווען אין אויספיר־קאָמיטעט. איינע פון זיי איז געווען נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן לענינ'ס פרוי. פאַרלאָזנדיג אין די אַכציגער יאָרן די דייטשע שול, האָט

קרופּסקאַיאַ שטודירט דערציאונגס־טעאָריעס און, קומענדיג אין באַרירונג מיט ראַדיקאַלע גרופּן, האָט זי זיך גענומען שטודירן מאַרקס'ן. שפּעטער איז זי געווען אַ לערערין אין דעם סמאָלענסקער אַרבעטער־קאָלעדזש אין סט. פּעטערסבורג. אַ סך פון אירע שילער האָבן פאַרנומען פּראָמינענטע פּלעצער אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער רעוואָלוציע. מען האָט זי אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף דריי יאָר. אויף איר אייגענעם פאַרלאַנג האָט מען זי געשיקט קיין סיביר, וואו לענין איז אָפּגעקומען זיין שטראָף־טערמין. זיי האָבן געהייראַט. נאָך זיין באַפרייאונג איז לענין אַוועקגעפאָרן קיין מינכען און דאָרט — און שפּעטער אין לאָנדאָן — האָט ער אַרויסגעגעבן זיין צייטונג „איסקראַ". קרופּסקאַיאַ האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט אים און איז געווען די סעקרעטאַרין פון דער רעדאַקציע. זי איז געוואָרן די מאַמע פון דער רעוואָלוציע.

מיט דעם וואוקס פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג איז פון יאָר צו יאָר געשטיגן דער איינפלוס פון די פרויען־רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן גענומען אַ פירנדיגן אָנטייל אין סטרייקס געגן שלעכטע באַדינגונגען. די פרויען האָבן אַרויסגעריסן ביי דער רעגירונג פאַרשיידענע קאָנצעסיעס, ווי דעם פאַרבאָט אויף נאַכט־אַרבעט פאַר פרויען און קינדער. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די טעקסטיל־אינדוסטריע, וואו מען האָט באַשעפטיגט ביליגערע פרויען־אַרבעט, איז געווען אין פאָדערגרונט פון די נייע אומרוען.

אין דעם „בלוטיגן זונטאָג" אין 1905 האָט אַ ריזיגע מאַסע מיט איקאָנעס, רעליגיעזע פאָנען און בילדער פון צאַר זיך אַוועקגעלאָזט צום ווינטער־פּאַלאַץ פאָרצובריינגען אַ פּעטיציע. מען האָט זיי באַגעגנט מיט אַ טויטלעכער ביקסן־שיסעריי. דער גלויבן אין צאַר און אין דער רעגירונג איז אַוועק אויף שטענדיג. מען האָט אויפגעשטעלט באַריקאַדן. אַן אַרבעטערין, קאַראָלינאַ, האָט פאַר דעם מאַרש אויסגערופן: „מוטערס און פרויען, רעדט ניט אָפּ אייערע מענער און ברידער פון ריזיקירן מיט זייער לעבן אין אַ גע־רעכטן קאַמף. קומט מיט אונז! אויב זיי וועלן אונז אַטאַקירן, אָדער אונז דערשיסן, זאָלט איר ניט וויינען, איר זאָלט ניט קלאָגן. ווערט באַרעמ־האַרציגע שוועסטער! אָט זיינען באַנדן מיט דעם רויטן קרייץ; טוט זיי אָן אויף אייערע אַרבל, נאָר ניט פריער איידער זיי הויבן אָן שיסן אויף אייך."
און אַלע האָבן געענטפערט אין איין שטימע: „מיר וועלן אַלע גיין מיט אייך." העכער טויזנט לעבנס זיינען דאָרט אומגעקומען, און צווישן זיי זיינען געווען אַ סך פרויען און קינדער. איין פרוי, וועלכע איז געטראָפן געוואָרן פון פיר קוילן און האָט אויף דעם צווייטן טאָג געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט אַזוי געזאָגט: „איך האָב אויף קיין מינוט ניט קיין חרטה אויף דעם, וואָס איך בין געשטאַנען אויף דער באַריקאַדע."

די שחיטה אין דעם „בלוטיגן זונטאָג" און אַן ענלעכע שחיטה אין אָדעס האָבן פאַרזיגלט דעם גורל פון צאַריזם. איך בין אין אַ קאַלטן

הארבסט־טאָג לאַנג געשטאַנען אויף יענע ריזיגע טרעפּ אין אָדעס, וואָס פירן צום וואַסער, און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט די אכזריות'דיגע אויסשלאַכטונג פון אומשולדיגע מענער און פרויען.

סמידאָוויטש, וועלכע איז געווען די סעקרעטאַרין פון לענינ'ס צייטונג, „איסקרא”, ווען זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן, האָט גענומען אַ פירנדיגן אָנטייל אין אָדעסער אויפשטאַנד. איר דערפינדערישקייט איז גע־ווען אַזוי גרויס ווי איר מוט. ווען זי איז איינמאָל אַרעסטירט געוואָרן אין קיעוו, בשעת זי האָט געהאַט מיט זיך קאָפּיעס פון דער „איסקרא”, האָט זי געבעטן מען זאָל איר דערלויבן אַריינגיין אין קלאָזעט אין פּאָליציי־הויף. אין איין מינוט האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך איר פוטערנעם מאַנטל און איר היטעלע, האָט אָנגעבונדן אַ טיכעלע אויפן קאָפּ און אין איר ביליג זשאַקעטל, וואָס זי האָט אַלע מאָל געטראָגן אונטער איר קאָסטבאַרן מאַנטל, איז זי אַרויס אַזוי שנעל און אַזוי פולשטענדיג פאַרענדערט, אַז די וועכטער האָבן ניט דערקאָנט זייער געפאַנגענע, און זי איז אַנטלאָפן.

די ליידן און די שווערע אַרבעט פון די פרויען אין לויף פון אַ הונדערט־יאָר־קאַמף האָבן שטאַרק געהאָלפן צוגרייטן דעם וועג פאַר דער רעוואָלוציע און געלאָזט זייער איינפלוס אויף דער סאָוועטישער אָרדענונג. דאָס האָט, נאַטירלעך, געוואונען פאַר דער סאָוועטישער פרוי אַ פּלאַץ און אַ ווערדע, וואָס די פרוי האָט ניט אין קיין אַנדער לאַנד.

קיינער איז ניט געווען אַזוי באַוואוסטזיניג וועגן דעם ווי לענין אַליין. ער האָט וועגן דעם געזאָגט אין די לעצטע שטופן פון דער רעוואָלוציע: „אין פּעטראָגראַד, דאָ אין מאָסקווע, אין אַנדערע שטעט און אינדוסטריעלע צענט־רען, ווי אויך אויפן דאָרף האָבן פּראָלעטאַרישע פרויען גלענצנד אויסגעהאַלטן די פּראָבע פון דער רעוואָלוציע. אָן זיי וואָלטן מיר ניט געווען געוואונען, אָדער מיר וואָלטן קוים־קוים געוואונען. אָט אַזוי זע איך דאָס. ווי בראַוו זיי זיינען עס געווען און ווי בראַוו זיי זיינען נאָך אַלץ! גיט נאָר אַ טראַכט וועגן די אַלע ליידן און הונגער, וואָס זיי טראָגן־איבער, און זיי האַלטן זיך פעסט, ווייל זיי ווילן באַפעסטיגן די סאָוועטן, ווייל זיי ווילן פרייהייט, קאָמוניזם.”

יעדער כאַראַקטער־שטריך פון די פריערדיגע העלדישע פרויען־קעמ־פערינס באַווייזט זיך ווידער אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרם אין דער נייער ציוויליזאַציע. עס באַווייזט זיך זייער פריינטשאַפט, זייער געטריישאַפט דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, זייער טיילן זיך מיט אַנדערע, זייער געפיל פון אַב־סאָלוטער גלייכהייט, זייער האַס צו עקספּלואַטאַציע, זייער גלויבן אין דעם פּראָלעטאַריאַט און זייער ליידנשאַפט צו קולטור און וויסן. קיינער קאָן ניט פולשטענדיג באַגרייפן די רעוואָלוציע און אויך ניט דאָס נייע לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער די נייע לאַגע און ווערדע און אויטאָריטעט פון דער

סאָוועטישער פרוי, אויב ער זעט דאָס ניט אין ליכט פון אָט־דעם יאָרהונדערט פון קאַמף און טרייהייט.

* * *

ווען די אַלטע אָרדענונג האָט צוזאַמענגעבראָכן און די נייע אָרדענונג האָט פאַרנומען איר פּלאַץ, איז פאַריאָגט געוואָרן יעדער שפּור פון די אַלטע געזעצן, וואָס האָבן פאַרשטויסן די פרוי צו אַ נידעריקן צושטאַנד.

דערמאָנענדיק די ווערטער פון קאַרל מאַרקס פון זעכציק יאָר צוריק, האָט לענין וועגן דעם געזאָגט אָט־וואָס: „מען קאָן ניט רעדן וועגן אַ געזונטער און פולשטענדיקער דעמאָקראַטיע — שווין אָפּגערעדט פון סאָציאַליזם — סיידן די פרויען פאַרנעמען זייער בארעכטיקטן און פערמאַנענטן פּלאַץ סיי אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד און סיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל.”

דער אַרטיקל 122 פון דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע פון 1938, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט צוויי און צוואַנציק יאָר שפּעטער, פאָרמולירט מיט גרויסער פּינקטלעכקייט דעם זעלבן ציל:

„די פרויען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן גלייכע רעכט מיט מענער אין אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן, שטאַטלעכן, קולטורעלן, סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן . . . די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן אָט־די רעכט פאַר פרויען ווערט פאַרזיכערט דורך געבן די פרויען גלייכע רעכט מיט מענער צו אַרבעטן, צו קריגן באַצאָלט פאַר אַרבעט, צו רוען, צו קריגן סאָציאַלע פאַרזיכערונג און בילדונג, מלוכה־שוץ פאַר דער מוטער און קינד, צו קריגן באַצאָלטן אורלויב אין די לעצטע חדשים פון שוואַנגערשאַפט און אין די ערשטע חדשים נאָכן קימפּעט; באַזאָרגן אַ ברייטע נעץ פון געבורט־היימען, „נוירסעריס” און קינדערגאַרטנס.”

אָט־דאָס דריקט אויס אויף אַ ברייטן פאַרנעם די דערוואַרבענע רעכט פון דער נייער פרוי.

אין די צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס טיילן־אָפּ לענינ׳ס ערשט־ציטירטע ווערטער פון דעם דאָזיקן אַרטיקל אין דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע, זיינען די פּרינציפּן, וואָס זיי פאָרמולירן, אָנגעווענדט געוואָרן אין יעדער ספערע פון לעבן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און אויסגעהאַלטנקייט. די גאַנצע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט שטרענגט זיך אָן צו געבן אַ קאָנקרעטן אויסדרוק צו אָט־די פונדאַמענטאַלע רעכט פאַר פרויען. די שלאַכט קעגן פאָראורטיילן און אינערציע בנוגע פרויען־רעכט איז געוואונען געוואָרן. די אינדוסטריע, די פּראָפעסיעס, די קונסטן און וויסנשאַפטן — זיי אַלע זיינען אָפן פאַר דער סאָוועטישער פרוי.

די פרויען האָבן פון סאַמע ערשטן מאָמענט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויסצונוצן די נייע געלעגנהייטן. זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין די אינדוסטריען מיט אַ פלייס און אַ ברען, וואָס האָט איבערראַשט מערב־אייראָפּע. אַ ברייטער

שליאך האָט זיך פאַר זיי געעפנט. זיי האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן ווי חברים אַרויסצוהעלפן די מענער. אין די ערשטע יאָרן, ווען שונאים האָבן געשטיקט פון אַלע זייטן, זיינען פרויען געגאַנגען אויף באַריקאַדן, האָבן געדינט אַלס סאָלדאַטן און אויסשפּירערינס, אָדער געפירט געפּאַנצערטע באַנען.

ווען קאָרנילאָוו'ס אַרמיי האָט אַטאַקירט לענינגראַד, זיינען 200,000 פרויען אַוועק צום פראָנט. פּלאַטאָניקאָוואַ, וועלכע איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ווי זשאַן ד'אַרק גהעהייבן דעם מוט פון די אויסגעשעפּטע סאָלדאַטן פון דעם 19טן קאַוואַלעריע פּאָלק, וועלכע האָבן געהאַלטן אין צוריקטרעטן. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאַראויס אויף איר פערד און האָט די סאָלדאַטן גע־פירט אין אַן אַטאַקע. דער שונא איז צוריקגעשטויסן געוואָרן; דאָס מיידל־קאָמאַנדיר איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון פעלד אַ שווער־פאַרוואונדעטע.

ווען די לעצטע שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָבן פרויען זיך אַ וואָרף־געטאָן מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם צו דער אַרבעט פון בויען סאָציאַליזם. זיי זיינען אַריין מאַסנווייז אין די פאַבריקן; וואו עס איז געווען נויטיג, האָבן זיי געצוואונגען מע זאָל פאַר זיי עפענען אַ וועג. און דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער פולער צושטימונג פון דער מלוכה. זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין יעדן צווייג פון קוואַליפיצירטער אַרבעט אין דער אינדוסטריע.

אין די געביטן פון פּראָסטע, אָדער ווייניגער־קוואַליפיצירטע פאַבריק־אַרבעטן זיינען פרויען שוין געווען גאַנץ גוט פאַרטראָטן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, ווייל זיי זיינען געווען געטריבן דורך עקאָנאָמישער נויט צו גיין אַרבעטן, פּונקט ווי דאָס קומט פאָר אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. פרויען־אַרבעט איז געווען ביליג, און פרויען, וואָס זיינען געווען צוגעוואוינט צו דער דיסציפּלין פון דער היים, האָבן געאַרבעט מער גערן ווי די מענער, און מען האָט זיי באַטראַכט ווי מער געהאָרכזאַם און גרינגער צו קאָנטראָלירן.

אַלע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין וועג פון דער נייער אָרדענונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן אָן אַ זייט. אַלטמאָדישע פאַרוואַלטער און טעכניקער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פרויען באַזיצן ניט די פעיאיגקייט פאַר קוואַליפיצירטער טעכנישער אַרבעט, זיינען אין גיכן גע־צוואונגען געוואָרן צו בייטן זייער מיינונג.

אין 1928, למשל, האָבן אויסגעפּעלט אַרבעטער אין דער לענינגראַדער טראַקטאָר־פאַבריק. די אַרבעטער־בירזשע האָט געשיקט אַהין פרויען אָנשטאָט מענער. די פאַרוואַלטונג איז געווען אויסער זיך: „אַ פרוי וועט ניט קאָנען אויסטאָקן אַ שטאַנג, אָדער אויסשניידן אַ ציינערדיג רעדל." די אַרבעטער־בירזשע איז אָבער באַשטאַנען דערויף, אַז די פרויען מוזן דאָרט בלייבן, און די פאַבריק האָט זיי אַריינגעלאָזן. זיי זיינען ניט געווען געניט אין דער אַרבעט און די לאַגע איז געוואָרן קריטיש. נאָר זיי האָבן געהאַט אין זיך עקשנות. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט. זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ בריגאַדע און זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ „וואַרשטאַט־פאַרמעסט" מיט די מענער.

דורך זאַרגזאַמער און געוויסנהאַפטער אַרבעט, דורך באַזייטיגן בראַקירטע פּראָדוקציע און די פאַרשווענדונג פון מאַטעריאַלן, דורך קומען צו דער אַרבעט אין צייט און ניט דורכלאָזן קיין אַרבעט־טעג האָבן די פרויען געהאַט אַ דערפאָלג, און ענדלעך האָבן זיי אַריבערגעיאָגט די מענער. צום שלום פון פאַרמעסט האָט דער פאַרמאַן געמוזט צוגעבן, אַז „איך קאָן זיך ניט באַקלאָגן ניט אויף דער קוואַליטעט און ניט אויף דער קוואַנטיטעט פון דער אַרבעט פון די פרויען. די פרויען זיינען זייער געטריי ביי דער אַרבעט און זיי גיבן זייער גוט אכטונג אויף דער מאַשינעריע."

די אינדיווידועלע געניטקייט פון די פרויען־אַרבעטער איז שנעל געשטיגן. דאָס איז געווען צו דערוואַרטן, ווייל אין 1937 האָבן פרויען באַטראָפן 41 פּראָצענט פון די סטודענטן אין די אַרבעטער־פאַקולטעטן. נאָענט צו 100,000 פרויען אינזשענערן און טעכניקער אַרבעטן איצט אין די סאָוועטישע אינדוסטריען. צווישן די פרויען זיינען דאָ פונקט אַזויפיל, וואָס האָבן געקראָגן אויסצייכענונגען און מעדאַלן, ווי צווישן די מענער. דאָס האָבן די פרויען דוסיאַ און מאַרוסיאַ ווינאָגראַדאָוואַ געוויזן ווי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע; און די אוקראַאינישע פאַרם־אַרבעטערין מאַריאַ דעמטשענקאָ האָט די ערשטע אָראָפּגענומען 20 טאָן בוריקעס פון אַן אַקער לאַנד.

* * *

קיין איינע פון אָט־די דערגרייכונגען וואָלט אָבער ניט געווען מעגלעך, ווען די סאָוועטישע פירער וואָלטן ניט געווען באַוואוסטזיניק וועגן די אומפאַרמיידלעכע שווערינקייטן, פון וועלכע פרויען ליידן, און ווען די פירער וואָלטן ניט געווען אַנטשלאָסן אָט־די שווערינקייטן צו באַזייטיגן. סיי מאַרקס און סיי לענין האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אָרעמקייט, און זיי האָבן געזען ווי די פרויען פון זייערע אייגענע פאַמיליעס האָבן געליטן, און דערפאַר איז פאַראַן אַן אינטימע פאַרבינדונג צווישן לענינ'ס גרענעצלאָזן מיטלייד און זיין סימפּאַטישער פאַרשטענדעניש פאַר דעם לעבן פון דער אַרבעטער־פרוי און דער נייער רעכטלעכער לאַגע פון דער פרוי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מאַקסים גאָרקי העלפט אונז דאָס בעסער צו פאַרשטיין מיט זיינע דערינערונגען וועגן לענינ'ס לעבן. איינמאָל, למשל, ווען גאָרקי, וועלכער איז געווען קראַנק, איז געקומען צו אַ קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, איז לענין געקומען אים באַזוכן און האָט זיך גענומען מיט גרויס זאָרג באַטאַפּן זיין בעטגעוואַנט. „וואָס טוט איר?" — האָט גאָרקי געפרעגט. „איך וויל זען צי די לייַלעכער זיינען גוט דורכגעלופטערט" — האָט לענין געענטפערט און האָט צוגעגעבן, זעענדיג ווי גאָרקי איז צעמישט פון זיין באַמערקונג: „איר מוזט אויף זיך אכטונג־געבן."

אַ רוסישער אַרבעטער האָט, נאָך זיין באַקענען זיך מיט לענינ'ען אין האַיד־פּאַרק, וועגן אים געזאָגט: עס קאָן גאַנץ גוט מעגלעך זיין, אַז אין

אײראָפּע זײנען דאָ נאָך אַזױנע פּיאָנירע מענטשן װי ער, װאָס זײנען אױף דער זײט פון די אַרבעטער; נאָר איך גלױב קױם, צי איר װעט געפינען נאָך אימיצן, װאָס ציט אײך אַזױ צו פון דער ערשטער מינוט."

אין צײט פון דעם הונגער אין 1919 האָבן חברים, סאָלדאַטן און פּױערים פון די פּראָװינצן אים געשיקט שפּײז. ער פלעגט עפענען די פּעקלעך אין זײן קאַלטער װאױנונג, זיך אָנכמורען, אַרײנפּאַקן אין אַ פּאַרלעגנהײט און זיך אײלן אָװעקצוגעבן די שפּײז צו קראַנקע חברים, אָדער צו די, װעלכע זײנען אָפּגעשװאַכט געװאָרן דורך מאַנגל אין שפּײז. „זײ שיקן מיר זאַכן, פּונקט װי איך װאָלט געװען אַ לאָרד. װי קאָן איך זײ אָפּהאַלטן דערפון? אױב איך זאָל זיך אָפּזאָגן דאָס אָנצונעמען, װעלן זײ זיך פילן געקרענקט. און אַרום מיר איז יעדער אײנער הונגעריג."

ער האָט זיך געזאָרגט װען די שפּײז איז ניט געװען גוט אָפּגעפּאַקט פאַר די, װעלכע האָבן געאַרבעט אַזױ פאַרצװײפלט־שװער אין קרעמל. „איך װײס, אַז מען קאָן קריגן זײער װײניג שפּײז און דערצו איז די שפּײז נאָך שלעכט, נאָר מען מוז קריגן אַ גוטן קוכער", האָט לענין געזאָגט.

צערטלענדיג עטלעכע קינדער, האָט לענין אײנמאָל געזאָגט צו גאָרקי'ן: „זײ װעלן שױן האָבן אַ גליקלעכער לעבן פון אונז. זײ װעלן ניט דורכמאַכן אַ סך פון דעם, װאָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. עס װעט שױן ניט זײן אַזױ־פיל גרױזאַמקײט אין זײער לעבן." און קוקנדיג אין דער װײטקײט אַרײן צו די בערג, װאו עס האָט זיך געטוליעט אַ דאָרף, האָט ער צוגעגעבן פאַר־טראַכטערהײט: „און פונדעסטװעגן בין איך זײ ניט מקנא. אונזער דור האָט דערגרײכט עפּעס אַזױנס, אַ שטױנענדיגע באַדײטונג פאַר דער געשיכטע. די גרױזאַמקײט, װאָס די באַדינגונגען פון אונזער לעבן האָבן געמאַכט נױטיג, װעט פאַרשטאַנען און באַרעכטיגט װערן. אַלץ װעט פאַרשטאַנען װערן, אַלץ."
גאָרקי גיט צו: „ער האָט געגלעט די קינדער צאַרט, מיט אַ װײכן און צאַרטן אָנריר."

אָט־דער כאַראַקטער־שטריך לענינ'ס האָט עס אים געהאָלפן מער װי אַלע אַנדערע צו באַנעמען די באַדערפעניש פון די פרױען און די שװעריג־קײטן, װאָס זײנען אױף די פרױען געפאַלן. לענין האָט גאָרניט געהאַלטן פון דער פאַרגרעבטער באַציאונג, מיט װעלכער אַן אַרבעטער פלעגט אָפט באַהאַנדלען זײן פרוי. „זײער װײניג מענער", האָט ער געשריבן צו קלאַראַ צעטקין, „אַפילו צװישן די פּראָלעטאַריער, טראַכטן װעגן דעם, װיפיל אַרבעט און מאַטערניש זײ װאָלטן געקאָנט לײכטער מאַכן פאַר דער פרוי — פּאַקטיש אינגאַנצן פאַרשפּאָרן — װען זײ װאָלטן דער פרוי אַ ביסל אַרױסגעהאָלפן. אָ ניין, דאָס פּאַסט ניט פאַר דעם מאַנ'ס „רעכט און װערדע", װעלכע פאָדערן, אַז ער זאָל הנאה האָבן פון זײן רו און זײן באַקװעמלעכקײט. דאָס שטוב־לעבן פון דער פרוי איז אַזױ אײנגעשטעלט, אַז זי איז יעדן טאָג אַ קרבן פון טױזנט קלײנלעכע דעטאַלן."

האָבנדיג אין זינען אָט־דעם צוגאַנג, וואָס לעניִן האָט געהאַט, באַטראַכט די שוועריגקייטן פון דעם לעבן פון אַ פרוי. פרויען זיינען אין אַן אומ־גינסטיגער לאַגע צוליב זייער פיזישן געבוי. זיי ליידן פון רעגולערע פעריאָדן פון פיזישער און פסיכישער נידערגעשלאָגנקייט. זיי ווערן אָפגעשוואַכט אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט און זיי ווערן אינוואַלידן ביים געבוירן אַ קינד און דערנאָך. דערדריקט פון די שטוב־פליכטן און פון זאָרגן פאַר די קינדער, האָבן זיי ניט קיין צייט צו לערנען זיך, אָדער אפילו אויף נאָכ־צוקומען די קולטור־נאָרמען פון דער עלעמענטאַרער שול. אויב עס שאַפט זיך אַ נויט־פאַל, קאָנען זיי ניט אויסהאַלטן זיך און זייער פאַמיליע. זיי מוזן אָנקומען צו צדקה, אויב זיי ווילן ניט פאַרנאַכלעסיגן זייער היים. אַן אַרבעטער־פרוי האָט ניט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַטייליגן אין געזעלשאַפטלעכער פּאָליטישער אַרבעט און זי קאָן ניט טיילן איר מאַנ׳ס סאָציאַלן לעבן.

די סאָוועטישע פירער האָבן פאַרשטאַנען אָט־די שוועריגקייטן און, אונ־טער לעניִנ׳ס פירערשאַפט, האָבן זיי זיך ענערגיש אַ נעם־געטאָן צו לייזן זיי אויף אַ געהעריגן אופן און אין די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

נאָכדעם ווי מען האָט געגעבן יעדער פרוי דאָס רעכט אויף אַרבעט, אַז קיין טיר זאָל פאַר איר ניט זיין פאַרשפּאַרט, אויסער די באַשעפטיגונגען, וואו עס פאָדערט זיך ספּעציעל שווערע פיזישע אַרבעט, איז איינגעפירט גע־וואָרן דער פּרינציפּ, אַז אַרבעטער־פרויען מוזן קריגן גלייך באַצאָלט מיט מענער פאַר גלייכער אַרבעט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד אויף דער וועלט, וואו אָט־דער פּרינציפּ ווערט שטרענג דורכגעפירט, כאָטש דאָס מיינט אומפאַרמיידלעכע פינאַנציעלע פאַרלוסטן און שאַפט גאַנץ שווערע פּראָבלעמען אין די פאַבריקן, ווייל דער פיזישער צושטאַנד פון פרויען און זייערע פעריאָדישע קראַנקהייטן טראָגן אריין אין דער פאַבריק־רוטין אַן עלעמענט פון צערודערונג און אומזיכערקייט.

הייראַט און מוטערשאַפט, ווידער, ברענגען אריין אַנדערע אויגנשיינ־לעכע שוועריגקייטן אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פון דער פרוי. און כדי צו מאַכן די גלייכהייט אַזוי פולשטענדיג, ווי נאָר מעגלעך, מוז מען געבן דער פרוי פולע קאָמפּענסאַציע, כדי זי זאָל קאָנען אויספילן אַן וועלכע ניט איז פינאַנציעלע שוועריגקייטן איר ביאָלאָגישע פונקציע פון ברענגען קינדער אויף דער וועלט. דאָ האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפגעטאָן צוויי זאַכן: ער האָט דערמוטיגט מוטערשאַפט און געשאַפן די פולע מעגלעכקייט דערצו. פרויען, וואָס אַרבעטן אין פאַבריקן און אין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, קריגן אַ לאַנגן אורלויב מיט פולן געהאַלט, סיי פאַר און סיי נאָכן קימפּעט.

עס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן מיטלען, אַז קיין איין פּראָפעסיע זאָל ניט אויסשליסן קיין פאַרהייראַטע פרויען. די שוואַנגערדיגע פרוי וועט, נאַטירלעך, ניט טאָרן אויפהויבן קיין שווערע זאַכן, אָדער אַרבעטן אָוועקטאָגס,

נאָך איר נישט־קומען צו דער אַרבעט אַ געווויסע צייט פאַר און נאָכן קימפּעט וועט בשום אופן ניט שטעלן אין געפאַר איר דזשאָב. מוטערס, וואָס זויגן זייערע קינדער, קריגן אין די פאַבריקן אַן איבעררייס יעדע דריי שעה אויף אָנצוזויגן דאָס קינד.

די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע ווייזט, אַז אַט־די פּראָבלעמען זיינען אויפגענומען און געוואויגן געוואָרן מיט דער גרעסטער זאָרגזאַמקייט און אַז זיי זיינען ווי געהעריג געלייזט געוואָרן. און אַזוי ווי די פּראָדוקציע איז אָרגאַניזירט אויף דעם פּרינציפּ פון דינען אַלעמען און ניט פאַר פּראָפיטן פאַר געציילטע מענטשן, איז מעגלעך געוואָרן צו געבן די פרויען אונטער סאָציאַליזם אַט־די גערעכטע באַהאַנדלונג, וואָס דער קאַפּיטאַליזם קאָן דאָס ניט באַווייזן.

פרויען־אַרבעט מעג קאָסטן טייערער פון מענער־אַרבעט, אויב עס זאָלן אָנגעהאַלטן ווערן די פּרינציפּן פון גלייכן לוין און פון קאָמפּענסאַציע פאַר ביאָלאָגישע פונקציעס; ס׳איז אָבער ווערט, ווייל פון דעם מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט האָט די אַרבעט פון פרויען פאַרגרעסערט די צאָל פּראָדוצירער, ניט פאַרגרעסערנדיג די צאָל געברויכער; און דאָס שאַפט אַ גענוגנדיגן פאָנד פאַר אַלע נויטיגע קאָמפּענסאַציעס. אויף דער גייסטיגער זייט איז דורכדעם פאַרגרעסערט און באַרייכערט געוואָרן די דערפאַרונג פון דער פרוי, איר אינטעליגענץ און איר כאַראַקטער.

און פונקט ווי פרויען דאַרפן קאָמפּענסירט ווערן פאַר געבוירן קינדער, אַזוי דאַרפן זיי אויך קריגן וויטערדיגע קאָמפּענסאַציע אָדער הילף אויף דעם געביט פון קינדער־דערציאונג און היים־באַזאָרגונג. אַ גרויסע צאָל קינדער־סטאַנציעס, „נוירסעריס”, מילך־קיכן פאַר זויגלינגען, קינדערגאָרטנס און שפּיל־פּלעצער פאַר יונגע קינדער צוזאַמען מיט קאָמונאַלע עס־צימערן אין פאַבריקן און אין אַנדערע פּלעצער, ווי אויך אַנדערע איינריכטונגען — דאָס אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן צו באַפרייען די פרוי פון דער לאַסט פון שטובינע פליכטן.

און ווידער איז דאָס מעגלעך און עס לוינט זיך אונטער אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, ווייל די „נוירסערי” און די קאָמונאַלע קיך העלפן ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט. די אַרבעט פון דער פרוי אין הויז איז אַ סך ווייניגער עקאָנאָמיש, ווי דעם מאַנ׳ס אַרבעט אין דער פאַבריק. איין גרויסע קיך נעמט־צו ווייניגער אַרבעט, ווי צוואַנציג קלענערע קיכן, און איין גרויסע מעכאַניזירטע וועשעריי ווייניגער ווי הונדערט וואַש־מולטערס. קאָמונאַלע קיכן און וועשערייען און „נוירסעריס” און קינדערגאָרטנס באַפרייען די פרוי פון נודנע אַרבעטן און גיבן די פרויען דעם זעלבן שטאַנד ווי די מענער־אַרבעטער. זייער אַרבעט באַרייכערט די גאַנצע געזעלשאַפט דורך פאַרגרעסערן דעם סכום געברויך־אַרטיקלען.

דאָס רעכט אויף אַרבעט, דאָס רעכט אויף גלייכן לוין און דאָס פריי־ווערן פון דער נודנאָטע פון שטוב־אַרבעט האָבן נעפירט צו אַן אויסגע־

ברייטערטער פרייהייט און באַרייכערונג פון דעם שטוב־לעבן פון דער פרוי.

1) עס איז געקומען אַ נייע פרייהייט צו הייראַטן, אָדער אויסצומיידן הייראַט. סאָוועטישע פרויען זיינען פרייער ווי אין אַנדערע לענדער צו הייראַטן אָדער ניט צו הייראַטן. די עקאָנאָמישע שטערונגען אויף דעם וועג פון הייראַט — אָדער, צום ווינציגסטן, אויף דעם וועג צו הייראַטן אין די יונגע יאָרן — זיינען באַזייטיגט געוואָרן. די גרויסע צאָל יונגע פאַרהייראַטע פרויען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט דעם צושטאַנד אין ענגלאַנד, וואו עקאָנאָמישע אורזאַכן צווינגען אָפּצולייגן די הייראַט. מער ווי איין מאָל האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין לאָקאַלער „גאַיד", אַ מיידל, וואָס איך האָב געמיינט, אַז זי איז נאָר־וואָס אַרויס פון קאַלעדזש, איז גאָר אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס האָט אייגענע קינדער, וועלכע זי האָט זייער ליב און מיט וועלכע זי איז זייער שטאָלץ. די פּראַקטישקייט פון יונג הייראַטן האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס צום בעסערן אויף דער געזעל־שאַפטלעכער מאָראַל.

2) אַ פאַרהייראַטע פרוי קאָן פאָרזעצן איר פריערדיגע אַרבעט, אָדער זי קאָן זיך נעמען צו אַן אַנדער אַרבעט. אויף אָט־דעם געביט זיינען פרויען מיט מענער פולשטענדיג גלייך. דער מאַן פון איינער פון מיינע „גאַידס" האָט פאַרדינט אויף אַ לעבן זייענדיג אַ ציימונגס־מאַן, און זי אַלס „גאַיד". זיי האָבן געהאַט באַזונדערע איינקונפטן, און יעדער איינער האָט ביינעטראָגן צום פאַמיליע־בודזשעט. אַמאָל האָט זי ביי אים אַנטליען געלט; אַמאָל האָט ער ביי איר אַנטליען, און איינע איז עקאָנאָמיש געווען אומ־אָפּהענגיג פון צווייטן.

3) אַ פרוי קאָן האָבן אַזויפיל קינדער, וויפיל זי וויל. די עקאָנאָמישע שטערונגען פאַר גרויסע פאַמיליעס זיינען באַזייטיגט געוואָרן. דאָס איז מסתמא די אורזאַך — אויך צורעכענענדיג די נייע פרייד און ליבע צום לעבן ווי אויך די ליבע פון דער רוסישער פרוי צו קינדער — פאַרוואָס דער פּראָצענט פון געבורטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איבערשטייגט אַלע אַנדערע אייראָפּייאישע רעקאָרדס.

אין די ערשטע טעג, ווען מחמת דעם הונגער זיינען קינדער געווען אַ לאַסט, און ווען מאַן און ווייב זיינען געווען דערדריקט און אויסגעמאַטערט פון דער מלחמה, האָבן פרויען געזוכט יעדע מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מוטערשאַפט. די רעגירונג האָט דער־לויבט אַבאָרטן, ווייל ס'איז געווען בעסער, אַז אַבאָרטן זאָלן זיין לעגאַל און דורכגעפירט ווערן אונטער דער אויפזיכט פון מלוכה'שע געזונט־אַנשטאַלטן, איידער זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן אין געהיים און זיין געפערלעך. אַבאָרטן זיינען דערלויבט געוואָרן ווי אַ ציימווייליגער מיטל. דאָס איז ניט געווען קיין טייל פון דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם. אין 1936, נאָך לאַנגע און

אָפּענע דיסקוסיעס, זיינען אַבאָרטן אָפּגעשאַפט געוואָרן און ווערן איצט דער־לויבט בלויז אין פאַלן, ווען דאָס איז נויטיג צוליבן געזונט.

קינדער זיינען אָנגעלייגט ביי דער רעגירונג, און מוטערס מיט עטלעכע קינדער קריגן פינאַנציעלע צוגאַב־הילף. אַ מוטער פון זעקס קינדער קריגט ביים געבורט פון יעדן נייעם קינד אַ יערלעכע סומע פון 2,000 רובל אין לויף פון פינף יאָר צייט. אַ מוטער פון צען קינדער קריגט 5,000 רובל ביים געבורט פון יעדן נייעם קינד, אַ חוץ אַ יערלעכער סומע פון 3,000 רובל אין לויף פון פיר יאָר צייט.

אין די ערשטע פינף חדשים פון יאָר 1937 זיינען פאַרצייכנט געוואָרן 1,375,000 געבורטן — דאָס מיינט, אַז דער יערלעכער צואוואוקס פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג איז אַזוי גרויס ווי די גאַנצע באַפעלקערונג פון פינלאַנד.

4) אַ פרוי איז פריי אָפּצוגט'ן איר מאַן, כאָטש זי ווערט שטאַרק אַנט־מוטיגט דאָס צו טאָן. אַ גט ווערט געגעבן אָן שוועריגקייטן לויט דעם פאַר־לאַנג פון דער פרוי אָדער דעם מאַן. נאָר אָפטע גט'ן און אָפטע הייראַטן ווערן אַנטשיידן פאַרדאַמט. ווען עס זיינען דאָ קינדער, מוזןביידע צדדים אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויסצוהאַלטן זיי. די צאָל גט'ן האַלט אין פאַלן.

גרויס געוויכט ווערט געלייגט אויף דעם ווערט פון דער פאַמיליע, און ניט געקוקט אויף אַלץ, וואָס די מלוכה טוט פאַר דעם קינד, ווערט ניט דער פאָטער און ניט די מוטער באַפרייט פון זייערע פליכטן אַלס עלטערן. די סאָוועטן־מלוכה האַנדלט אינגאַנצן אַנדערש אין באַצוג צו אָט־דער פראַגע, ווי עס האַנדלען אַנדערע לענדער, און דערמוטיגט „פאָטערשאַפט־פּראָצעסן" געגן מענער, וואָס אַנערקענען ניט זייערע קינדער. עס ווערט באַטראַכט פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן, ווען איינער זאָגט זיך אָפּ צו צאָלן פאַר אויסהאַלטן זיין קינד. אויב אַ מוטער פאַרלאָזט אירע קינדער, לאָמיר זאָגן נאָך אַ גט, אָדער נאָך צעגיין זיך מיט דעם מאַן, קאָן דאָס געזעץ זי צווינגען, אויב זי קריגט אַ זעלבסטשטענדיגן איינקונפט, צו צאָלן „אַלימאָני" צו איר פריער־דיגן מאַן. די געזעצלעכע פאַרטיידיגונג פון מוטערשאַפט אין מערב־אייראָפּע איז ווייט הינטערשטעליג אין פאַרגלייך מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אָט־דעם און אַנדערע געביטן.

ביי אָט־די באַדינגונגען איז דער פולשטענדיגער סוף צו פּראָסטיטוציע ניט קיין איבעררעשונג, כאָטש עס איז גאַנץ אָנגעלייגט.

אַ צעלאָזן סעקסועל לעבן ווערט אַנטמוטיגט אויף יעדן מעגלעכן אופן. לענין איז געגן דעם אַרויסגעטראָטן פון סאַמע אָנהויב. דאָס „נייע סעקסועלע לעבן", וואָס אייניגע האָבן געפּריידיגט, איז אים געווען אַפּשיילעך — בלויז אַ פאַרזעצונג פון דעם בורזשואַזן שאַנד־הויז. צו די, וועלכע האָבן באַ־רעכטיגט מאָראַלע לויזקייט אויף דעם גרונט, אַז די באַפרידיגונג פון די

אינסטינקטן איז פונקט אזוי פשוט און אומוויכטיג, ווי „אויסטרינקען א גלאָז וואַסער", האָט לענין געענטפערט: „וועט א נאָרמאַלער מענטש אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען זיך אוועקלייגן אין בלאָטע און טרינקען פון א קאַלוזשע? וועט איינער אפילו טרינקען פון א גלאָז, וואָס איז שמוציג פון א סך ליפּן?"

די אויסגעטראַכטע געשיכטע וועגן „סאָציאַליזאַציע פון פרויען" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען א ביטערער מיטל, כאָטש אָן שום פאַקטישער באַגרינדונג, צו שאַפן אין אויסלאַנד א פאַרביטערטקייט געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיינע פריינט אין קיעוו זיינען געווען זייער אויפגעבראַכט וועגן אָט־דער באַשולדיגונג, וואָס מען האָט אין פריערדיגע יאָרן איינגערעדט די פּראָווינציעלע מענטשן, אז דאָס איז די טעאָריע פון „אַלע אונטער איין קאָלדרע".

אין דער ווירקלעכקייט שפּילט געשלעכט א פאַרהעלטעניסמעסיג קליינע ראָל אין סאָוועטישן לעבן אין אַלגעמיין, און יעדע זאַך, וואָס איז קרענקלעך אָדער דעגענערירט, ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל פון סאָוועטישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס לערנען צוזאַמען פון בחורים און מיידלעך שאַפט א געזונטע אַטמאָספערע. די מיידלעך זיינען געזונט און זיי זיינען פיזיש בכח צו באַשטיין זייער אייגן שטעטל. פון „פּעטינג־פּאַרטיס" ווייסט מען דאָ נישט. געזונטע אַקטיוויטעטן און אַן אַלץ־פאַרכאַפּנדיגער געמיינשאַפטלעכער ציל — צוזאַמען מיט דער פרייהייט און אומאָפּהענגיגקייט פון דער פרוי — האָבן צוריקגעשטויסן די געשלעכט־פראַגן צו זייער מער נאַטירלעכן, נאָרמאַלן און ווייניגער פּראָמינענטן פּלאַץ. די טענדענץ אין סאָוועטישן לעבן גייט אין דער ריכטונג — ווי מען דריקט זיך דאָרט אויס — פון „רעהאַביליטירן", דאָס הייסט, ווידער־אויפשטעלן די רעפּוטאַציע פון מאָנאָגאַמיע — אָט־דעם אַלטן און אויספּרובירטן פּרינציפּ, וואָס אין אַנדערע לענדער איז ער איינגעפּאַסט אין א שטייפער ראַם, און דאָ ווייזט ער אַרויס א נייגונג זיך צו רעפאָרמירן אויף א נייעם און לעבעדיגן אופן. געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן און בשותפות'דיגע שטרעבונגען, וואָס קאָנען אָנהאַלטן א גאַנץ לעבן און וואָס זיינען געוואָרן מעגלעך א דאַנק דער נייער פרייהייט, וואָס די פרויען האָבן זיך דערוואָרבן, פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון א קורץ־ווייליגער צוציאונג פון א שיין פּנים'ל, אָדער פון אַן אָנציענדיגער פיגור. און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — פּונקט ווי אומעטום — איז דאָס קינד דער צעמענט, וואָס האַלט די פאַמיליע צוזאַמען.

5) פרויען זיינען פריי זיך צו באַטייליגן אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם לאַנד. דער העכסטער סאָוועט — די העכסטע געזעצגעבנדיגע קערפּערשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — ציילט 189 פרויען צווישן זיינע מיטגלידער. צווישן זיי זיינען דאָ אַרבעטערינס פון קאָלעקטיווע פאַרמס, טראַקטאָריסטקעס, שול־לערערינס און אַנדערע. קיין פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפט אין דער

וועלט פאַרמאָגט ניט אַזאַ פּראָפּאָרציע פרויען. און דאָ, ווי אין אַלע אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע קערפּערשאַפטן, האָט די פרוי פּונקט די זעלביגע רעכט ווי דער מאַן. די מלוכה האָט גערן באַוויליגט אַט־די גלייכהייט און האָט דערנאָך זי אויך אויסגעווירקט ביי צוריקגעשטאַנענע מענער און צוריקגעשטאַנענע געמיינדעס. ספּעציעל האָבן פויערים פּראָטעסטירט געגן „נאַטשאַלסטווע אין קליידלעך". דער מאַן, וועלכער האָט נאָכגעשריען זיין פרוי: „איך וועל דיך קאַטעווען, אויב דו וועסט האַלטן אין לויפן אויף מיטינגען", האָט בלויז געזאָגט דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געפילט. און ווען ער האָט זיין פרוי גע־שלאָגן, האָט ער בלויז געטאָן דאָס, וואָס אַ סך אַנדערע האָבן געטאָן. די פרויען האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שווערן קאַמף צו דערשלאָגן זיך צו זייער פריהייט פריער פאַר אַלץ אין זייערע אייגענע געמיינדעס.

איצט אָבער האָבן די פרויען ניט נאָר די זעלבע מעגלעכקייטן פאַר בילדונג און טעכנישער צוגרייטונג ווי מענער, נאָר זיי האַלטן־אָן די זעלבע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער אַדמיניסטראַציע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. עס איז גאָר ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַ פאָלקס־געריכט, וואו עס זאָלן ניט זיצן קיין פרויען־ריכטער, און דאָס איז נישט נאָר אַ באַ־וואָרעניש געגן פּוסטער צערעמאָניע און אָנשטעל, נאָר עס ברענגט אויך אַריין אַן עלעמענט פון ווייבלעכקייט און אפילו מוטערלעכקייט, וואָס דאָס פעלט נאָך אין די געריכטן פון מערב־אייראָפּע.

די סאָוועטישע פרויען באַטראַכטן זיך אין זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט ווי אינסטרומענטן אין דער דינסט פון דער געמיינדע. זיי ווייזן אַרויס אין זייער ספערע אָט־די ניט־עגאָאיסטישקייט און אויפריכטיגקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט — ווי מיר איז אָפט אויסגעקומען צו באַמערקן — די לייסטונגען פון ענגלישע פרויען אין וואוילטעטיגער און רעליגיעזער אַרבעט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, עפנט אָט־דער גייסט אַ נייַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער פרוי.

6) פרויען זיינען פריי צו באַטייליגן זיך אין קולטורעלן און אינ־טעלעקטועלן לעבן. ווי מיר האָבן געזען, האָבן זיי גלייכע מעגלעכקייטן צו קריגן בילדונג — סיי אין שול, סיי אין קאָלעדזש. אַרבעטס־שטונדן זיינען קורץ. די אַרבעט ווערט אַלץ גרינגער מיט דער בעסערער אָנווענדונג פון דער מאַשין. דער לוין איז הויך. די נודנע שטוב־אַרבעט איז דערפירט צו אַ מינימום. די קינדער זיינען באַזאָרגט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט גע־שאַפן פאַר פרויען אַ נייע מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך מיט קולטור־ענינים, און די פרויען האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם. די פרויען העלפן פאַרגרעסערן די נאָכפראַגע אויף ליטעראַטור צו אַזעלכע אַסטראָנאָמישע ציפערן, וואָס פאַרשפּרעכן צו פאַרוואַנדלען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם סאַמע גע־בילדעטסטן לאַנד אין דער וועלט.

זייער ווייניג פרויען ווערן נישט מיטגעריסן פון אָט־דעם דורשט נאָך

בילדונג. איך וועל אזוי גיך ניט פארגעסן די גרופע אלטע פרויען, וואס איך האב פלוצלונג אנגעטראפן אין אדעס און וועלכע האבן זיך מיט חשק גע־מאטערט איבער זייערע „קאטשערעס מיט לאפעטעס", זיך לערנענדיג שפעט אין לעבן צו לייענען און שרייבן. מען רעכנט, אז אין סאוועטן־פארבאנד איז פון יעדע צוויי איינוואוינער איינער פארנומען מיט לערנען זיך.

די סאוועטישע פרויען־זשורנאלן קריגן בריוו פון פרויען־ארבעטער, פון פויערטעס און פון פרויען אין אלע אנדערע באשעפטיגונגען — פרויען פון פארשיידענעם עלטער אין אלע טיילן פון דעם סאוועטן־פארבאנד. אט־די בריוו און קארעספאנדענצן ברענגען ארויס דעם אינערלעכן וואוקס און אריגינאליטעט פון דער נייער סאוועטישער פרוי. עס שטראמען אריין פאעמעס, פארצייכענונגען, דערציילונגען. עס אנטוויקלט זיך א נייער טיפ פאלקס־פאעזיע, וואס איז ניבער אמעריקאניש לויטן סטיל — מיט דעם רעאליזם און שנעלן טעמפא פון דער מאשין־עפאכע.

נאר אויך אן אלטער סטיל — דער אריגינעלער רוסישער עפישער סטיל — ווערט אויפגעלעבט און אפגעשאצט אין א ריכטיגן גייסט. די אלטע מאריא קריוואפאליעגאווא, וואס איז אזוי צונויפגעוואקסן מיט איר דארפישער סביבה לעבן ארכאנגעלסק, און וועלכע מען האט אנטדעקט שפאנענדיג פון דארף צו דארף אין עלטער פון צוויי און זיבעציג יאר, זינגענדיג אירע אייגנ־ארטיגע נאציאנאלע פאעמען, איז איצט ארויסגעבראכט געווארן פאר דער עפנטלעכקייט און זי פארכאפט די שטאטישע מענטשן מיט איר טיפער נאטירלעכער קונסט. די שפראך פון רוסישן פאלקלאר ווערט איצט פארשריבן דורך הונדערטער פרויען.

די פרויען פארנעמען זייער פלאץ אין דער ליטעראטור. דאס זעלבע אויך אין די קונסטן. עס איז באמערקט געווארן, אז אין דער סקולפטור האבן די שאפונגען פון פרויען א טענדענץ צו זיין מער קראפטפול און אטעמען מיט מער געזונט, ווי די סקולפטארישע ארבעט פון מענער. די סטאטועס, וואס מענער מאכן, זיינען געוויינלעך פון דער זעלבער גרויס ווי אין דער נאטור, אדער עטוואס קלענער, און געוויינלעך זיינען זיי פון ווייסן מארמאר; נאר די סטאטועס, וואס פרויען מאכן, האבן א טענדענץ צו זיין גרעסער ווי אין דער נאטור, און זיינען אפט אויסגעשניצט פון פיין געבירטיג האלץ, ווי בערעזא, דעמב און אנדערעביימער.

מען זאגט, אז די סאוועטישע ארדענונג האט פארניכטעט די היים אין רוסלאנד. אויב מען מיינט מיט דער „פארניכטונג פון דער היים" מאראלע אומטרייהייט און א לויז לעבן, איז די באשולדיגונג פאלש. די מאראלע אטמאספערע איז געווארן ריינער. אויב מען מיינט מיט דעם די עקאנאמישע היים, דעמאלט איז די באשולדיגונג בארעכטיגט, ווייל מיט דער עקאנאמישער היים האבן מיר געמיינט די היים, וואו דער מאן ארבעט אין פאבריק און פארדינט אויף צו באצאלן די פאמיליע־אויסגאבן, בשעת די פרוי איז פאר־

נומען מיט דער נודנער ארבעט אין שטוב, זייענדיג אפהענגיג עקאנאמיש פון איר מאן און זייענדיג באזייטיגט פון געזעלשאפטלעכן לעבן. אין די ענגלישע פאמיליעס פון דעם אויבערשטן שיכט איז די פרוי נאך אלץ עקאנאמיש אפהענגיג פון איר מאן, נאר איר מאנ׳ס גרעסערער איינקונפט באפרייט זי פון דער שטוב־הארעוואניע. קעכינס, דינסטמיידלעך און אנדערע באדינער באפרייען זי פון איין העלפט פון די הויז־פליכטן, און אמען און גואווערנאנטקעס פון דער צווייטער העלפט.

דער סאוועטן־פארבאנד האט צעשמעטערט אט־די פאמיליע־ווירטשאפט, און זייער קליין איז די צאל פון די, וועלכע וועלן דאס באקלאגן.

די פרוי איז עקאנאמיש מער ניט אפהענגיג פון איר מאן. ער קאן איר ניט פארווערן צו ארבעטן דארט, וואו באצאלטע ארבעט מאכט זי עקאנאמיש אומאפהענגיג פון אים, בשעת די „נויסערי״ און דער קינדערגארטן באפרייען זי ביז א גאר גרויסער מאס פון פריערדיגע שטוב־פליכטן.

די עקאנאמישע היים האט פארשפילט, נאר די פאמיליע האט געוואונען. די נייע עקאנאמישע פרייהייט גיט דער פרוי גענוג פרייע צייט צו געניסן פון פאמיליע־לעבן צוזאמען מיט איר מאן און מיט אירע קינדער. זי פארנעמט זיך מיט געזעלשאפטלעכע און פאליטישע טעטיגקייטן. זי איז באשעפטיגט ביי קוואליפיצירטער ארבעט. זי איז איר מאנ׳ס אינטעלעקטועלער חבר און זי ווייזט ארויס אן אינטעליגענטן אינטערעס אין זיין ארבעט. פון דער העכערער שטופע פון א דערפארענעם בירגער דערציט זי אירע קינדער. זי האט געוואונען, מיט איין ווארט, אט־די מאס אומאפהענגיגקייט פון דער קיך און פון אלקער, וואס דער רייכער קלאס ביי אונז אין לאנד שטרעבט שטענדיג צו דערגרייכן. זי האט אבער געוואונען א סך מער פון דעם. זי האט זיך דערוואָרבן א הויך־אנטוויקלטן, באצוועקטן לעבן, וואס טראגט אין זיך א שעפערישן ציל, און וואס זי קאן דאס טיילן מיט דעם מאן און מיט די קינדער. איר פונקציע באשטייט מער ניט בלויז אין קאכן און ראמען, וואס דאס איז דער גורל פון ניין פון יעדע צען מוטערס אין די קאפיטאליסטישע לענדער; עס איז אויך ניט איר פונקציע בלויז צו זיין פריי אין א געוויסער מאס פון אט־די פליכטן. זי בויט סאציאליזם און לייגט דעם פונדאמענט פאר א נייער וועלט.

אין דער מאדערנער סאוועטישער מלוכה איז די גוטע בירגערין — גיכער ווי די גוטע באלעבאסטע — דער טיפ פרוי, וואס נעמט־אויס. און מיט דער צייט וועט דאס אויך העלפן ארויסברענגען דאס גוטע ווייב און די גוטע מוטער. די ווירקונג אויף דעם מאן און אויף די קינדער איז זייער א געזונטע. דער מאן וועט ווערן א בעסערער מענטש, ווען ער וועט אין זיין ווייב האבן א חבר, וואס פארמעסט זיך מיט אים אין פייאיגקייטן, אנשטאט א הויז־פרוי, וואס טרייסט אים ווען אלע זיינע חסרונות.

פאר א רוסישן מאן ווערט אלץ שווערער צו מאכן פאר זיין פרוי אנ־

שטעלן פון א גרויסן מענטשן, סיידן ער איז טאַקע אויף אַן אמתן גרויס. זי איז אַ קראַפט, וואָס סטימולירט אים, און אַ מוסטער, וואָס ווירקט אויף אַרויס־צורופן אין אים דאָס בעסטע. זי פילט־אויס די פונקציע פון א גוטן חבר און קאַמפּאַניאָן.

און אויב די עקאָנאָמישע היים האָט ביי אַט־די באַדינגונגען געליטן, האָט אָבער די פאַמיליע אַלס אַ צענטער פון ליבע, קולטור און חבר'שאַפט געוואונען.

## 5. די סאָוועטישע פרוי אין מזרח

דער סאָוועטישער מזרח זעט איצט פאַר זיך אַן אויפשוואונג פון מיסיאַ־נערישן ענטוזיאַזם. דער ווייטער מזרח רייסט זיך אַרויס פון דעם שלאָף פון יאָרהונדערטער און טרעט אַריין אין אַן אומפאַרגלייכלעכער נייקייט פון לעבן.

די נייע רעכטלעכע לאַגע פון דער סאָוועטישער פרוי איז פון אָנהויב אָן געווען געמיינט פאַר דעם גאַנצן מזרח, ווי אויך פאַרן מערב. זי איז געווען געמיינט פאַר עסקימאָסן, פאַר טשוקטשים, פאַר קאַריאַקן אין צפון און פאַר אַרמענער, גרוזינער און אוזבעקן אין דרום. נאָענט צו צוויי הונדערט פעלקער־שאַפטן, אָנהויבנדיק מיט נאָמאַדן און ענדיגנדיק מיט ציוויליזירטע בירגער, געניסן איצט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פרייהייט און האָבן גלייכע פּאָליטישע רעכט. אָפט האָט מען פאַר אַט־די זאַכן טייער געצאָלט. דער קאָנסערוואַטיווער מזרח האָט זיך עקשנות'דיג געשטעלט געגן אַלע פאַרזוכן איינצופירן גלייכהייט און האָט מיט אויסערגעוויינלעכער ביטערקייט באַקעמפט דעם פאַרזוך צו געבן גלייכהייט דער פרוי.

די פרוי אין מזרח איז געווען אַראָפּגעזונקען צו אַן אומגלויבלעכער דעגראַדאַציע און איז ענדלעך געוואָרן אינגאַנצן געפענטעט דורך קלאַסן־גייציגקייט און דער אויבערהערשאַפט פון דעם מאַן. און איצט איז מיט איין שפרונג אַט־די פרוי אין משך פון איין דור אַריבער פון א האַלב־חיה'שער עקזיסטענץ צו דער פרייהייט און גלייכער בירגערשאַפט אין אַ פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט. ווען וועט מען אין די מערב־לענדער אָפּשאַצן ווי געהעריג די באַדייטונג פון אַט־דער גרויסער געשעעניש?

אין מאָסקווע מיט איר גרופע פון צוויי הונדערט נאַציאָנאַליטעטן און אין דעם נאַציאָנאַליטעטן־קאַמער פון דעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט זעען מיר אין מיניאַטור אַ בילד פון דעם פאַרנעם און פון דער גרויס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. און פון מאָסקווע איז דאָך געקומען דער אָנזאָג וועגן די נייע רעכט און פרייהייטן פאַר דער פרוי.

ווי עס ווייזט אויס, זיינען די פרויען אין מזרח ניט אַלע מאָל געווען אין דעם זעלבן צושטאַנד פון פולשטענדיגער קנעכטשאַפט ביי דעם מאַן, אין וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט זיי געטראָפן, און אין וועלכן זי האָט זיי

איבערגעלאָזט. עס זיינען דאָ פאַרשיידענע באַווייזן, אַז די פרוי אין מזרח איז אַמאָל געווען דער דאָמינירנדיגער געשלעכט און אַז די געזעלשאַפט איז געווען מאַטריאַרכאַליש גיכער ווי פּאַטריאַרכאַליש. פרויען האָבן געקעמפט אויפן שלאַכטפעלד אונטער טשינגיז-כאַנ'ען; צווישן די מאָנגאָלישע הערשער (כאַנען) זיינען אויך געווען פרויען; די גרוזינער זאָגן „שוועסטער און ברידער" און ניט „ברידער און שוועסטער", און דעם טאַטן רופן זיי מאַמע.

דער מאַטריאַרכאַט, די הערשאַפט פון דער פרוי אין דער פאַמיליע און אין דער געמיינדע, איז פאַרשוואונדן צוריק מיט הונדערטער יאָרן, און ווען דאָס מאַכמעדאַנישע גלויבן און די טערקן האָבן באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון דעם איצטיגן סאָוועטישן מזרח (טורקמענער, אוזבעקן, קירגיזן און קאַזאַכן זיינען אַלע פון טערקישער אָפּשטאַמונג און מערסטנס פון מאַכמעדאַנישן גלויבן), איז קיין שפּור ניט געבליבן פון דער מאַטריאַרכאַלער הערשאַפט און פון פרויען-פרייהייט. הייראַט איז געוואָרן אַ קאָמערציעלע טראַנסאַקציע און דאָס האָט ממילא געפירט צו הייראַטן פון מינדעריעריגע און קינדער. פרויען זיינען געוואָרן בלויז אַן אָביעקט פון דעם מאַנ'ס לוסט און — ווי עס איז געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן — האָט מען די איבערטריבענע תאוה צו-געשריבן דווקא דער פרוי. לויט אָט-דער אויפפאַסונג איז די פרוי אַן אומ-ריינע באַשעפעניש; מען דאַרף די פרויען האַלטן איזאָלירט און זיי באַהאַלטן הינטער אַ שלייער. צו באַרויבן די פרוי פון אַלע אירע רעכט מעג טאַקע ניט שטימען מיט דעם בוכשטאַב פון קאָראַן, נאָר עס איז געוואָרן דער כלל אין די מאַכמעדאַנישע לענדער.

דאָס לעבן פון די אָריענטאַלישע פרויען איז געוואָרן אומגלויבלעך שווער. מען האָט זיי באַהאַנדלט ווי זיי וואָלטן ניט געווען קיין מענטשן. מען האָט ניט געטאָרט טרויערן, ווען אַ פרוי איז געשטאָרבן; מען האָט ניט געטאָרט אַרויסווייזן קיין רחמנות צו אַ פרוי, ווען זי האָט זיך געצאַפּלט אין געבורט-ווייען. ביי געוויסע באַרג-שבטים אין גרוזיע מוז אַ פרוי פאַר-שפּאַרט ווערן אין אַ שטיינערן שטיבל צוויי וואָכן צייט פאַרן קימפּעט. הינט ווערן דאָרט בעסער באַהאַנדלט. ווינטער-צייט נעמט מען אַריין די פי פון שטאָל אין שטוב אַריין, אַז זיי זאָלן דאָרט קאָנען געבערן זייער מין, אָבער די פרויען ווערן אוועקגעשיקט פון שטוב אין שטאָל אַריין צו געבערן זייערע קינדער. די קאַלמיקן לייגן אוועק אַ פרוי, וואָס דאַרף גיין צו קינד, אויף אַ באַרג מיסט. אין ווייטן צפון גייט די פרוי צו קינד אין אַ שמוציגן און אייז-קאַלטןביידל, אָן דער הילף פון אַ מענטשלעכער האַנט.

מיידלעך-קינדער אין דער מזרח-וועלט האָבן ניט געהאַט קיין אַנונג פון דער פרייד פון מיידלשאַפט. אוזבעקישע און טאַדזשיקישע מיידלעך האָט מען חתונה געמאַכט אין עלטער פון אַכט אָדער ניין יאָר.

אין מזרח איז די פרוי געווען אַ שקלאַף, אַ שטיקל פון דעם מאַנ'ס אייגנטום, וואָס ער האָט לעגאַל איינגעהאַנדלט דורך הייראַט, אַ לעבנס-נויטיגע

זאך פאר די שווערע ארבעטן אין הויז און אין פעלד, ווערטפול פאר אַט־דעם צוועק, נאָר באהאנדלט מיט פאראכטונג. ביי טורקמענישע חתונות פלעגט מען דעם חתן צוטראָגן אַ בייטש. אין אשכאבאד פלעגט דער מאַן צווינגען די פרוי אראָפּצוציען זיינע שטיוול אין דער ערשטער נאכט נאָך דער חתונה, און ער פלעגט עס מאכן פאר איר אַזוי שווער, ווי נאָר מעגלעך. אין אוזבעקי־סטאַן פלעגט די פרוי שלאָפן אויף דער הוילער ערד, בעת דער מאַן איז געשלאָפן אויף טעפּיכער אויף אַ סאָפע. אינדערפרי פלעגט ער, ניט אויפ־הויבנדיג זיך, שטורכען זיין פרוי מיט די פיס, אַז זי זאָל אים ברענגען טיי.

אין אוזבעקיסטאַן, אין טאַדזשיקיסטאַן און אין טורקמעניסטאַן האָבן די פרויען געטאָן אַלע שטובינגע ארבעטן און די ארבעט אין פעלד. דאָס איז געווען אַן איבערבלייבעכץ פון די צייטן, ווען די מענער זיינען געגאַנגען אין קריג און די פרויען האָבן געאַרבעט. אין אוזבעקיסטאַן און אין טאַדזשיקי־סטאַן איז דער שלייער, הינטער וועלכן די פרויען זיינען געצוואונגען זיך צו באהאַלטן פון דער וועלט, אראָפּגעזונקען צו אַ העסלעכער נעץ אָדער שטייג געמאכט פון פערדישע האָר; אַט־די שוואַרצע, שטיקנדיגע און פאר־דומפּענע נעץ האָט פולשטענדיג אָפּגעשניטן די פרוי פון דער מענערשער וועלט און פון דער ליכטיגער שיין.

די צארישע רעגירונג האָט ניט געבראַכט קיין דערלייכטערונג פאַר די אָריענטאַלישע פרויען. פאַרקערט, זי האָט געבראַכט אַ פרישע דערניידערונג דורך אונטעריאָכן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. אוניווערזיטעטן און הויך־שולן אין דער געבירטיגער שפּראַך זיינען שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן. נאַציאָנאַלע אַנטיפּאַטיעס זיינען צעפּעטשערט געוואָרן אין פלאַמען פון נאַציאָנאַלן האָס.

* * *

מיט איין שטריך פון דער פען האָט די סאָוועטן־רעגירונג אָפּגעמעקט אַלע געזעצלעכע שטערונגען פאַר דער באַפרייאונג פון דער אָריענטאַלישער פרוי. לעניו האָט פּראָקלאַמירט פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פרייהייט און האָט באַלד זיך גענומען צו דער אויפגאַבע פון פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט די פרייהייט, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן אין די געזעץ־ביכער.

עס איז געווען אַ שווערער קאַמף אומעטום, ספּעציעל אין צענטראַל־אַזיע; און ערשט אין 1925, ווען די צעזייטע פעלקערשאַפטן זיינען ענדלעך איינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט די פרייהייט פאַר פרויען אָנגעהויבן אָננעמען אַ קאָנקרעטע פאָרם. די מזרח־פרויען, וועלכע זיינען געווען פאַרשקלאַפט אין זייערע אייגענע היימען, האָבן געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף זייער דערלייזונג, און ווען די דערלייזונג איז געקומען, האָבן די פאַרשקלאַפטע פרויען פאַר איר זייער אַפּט געצאָלט אַ הויכן פרייז פון שווערע ליידן. דזינעט בעסמיטאַווא איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, ווען זי

האָט פֿאַרלאָזט איר מאַן און איז אַנטלאָפֿן צו די רויטע. דעם מאַן האָט זיך איינגעגעבן זי צו כאַפּן; ער האָט זי מערדערלעך צעשלאָגן, אויסגעשניטן איר צונג און זי אַ לעבעדיקע באַגראָבן אין דער ערד ביזן קאָפּ. די רויטע האָבן זי געפֿונען און זי אַרויסגעראַטעוועט. איצט לעבט זי, אַ שווידערלעך צעקריפּלטע, אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל. „ווען איך קום קיין מאָסקווע און גיי זי באַזוכן" — האָט דערקלערט די פֿרוי, וועלכע איז פּרעזידענט פֿון שטאָט־סאָוועט אין טאַשקענט — „בין איך דערנאָך קראַנק צום ווייניקסטן דריי טעג."

די סאָוועטן־רעגירונג האָט פֿאַרבאָטן געצוואונגענע הייראַטן, קינדער־הייראַטן, הייראַטן דורך כאַפּן און דורך פֿאַרקויפֿן פֿרויען. זעכצן יאָר איז באַשטימט געוואָרן אין מזרח אַלס דער עלטער, ווען מאַן אָדער פֿרוי מעגן הייראַטן לויט זייער אייגענעם ווילן. דער געזעצלעכער עלטער פֿאַר הייראַט אין גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אַכצן יאָר.

פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פֿרויען אין מזרח איז דורך די רוסישע פֿרויען אָנגעפֿירט געוואָרן מיט דער גרעסטער שוועריגקייט און מיט דער הילף פֿון נייע מעטאָדן: פֿרויען־קלובן, רויטע ווינקלען, רויטע שיפֿן, רויטע יורטעס, אָדער פּאַלאַטקעס, אָפּטמאָל אויסגעשטאַטעט מיט עלעקטרישער באַלויכטונג און ראַדיאָס און אָפֿן בלויז פֿאַר פֿרויען. אַזעלכע אינסטיטוציעס האָבן גע־דינט ווי עלעמענטאַרע שולן פֿאַר דער פֿרויען־באַוועגונג. זיי האָבן אַרויס־געהאָלפֿן מיט ראַט אין פֿראַגן פֿון געזעץ און האָבן שטופֿנווייז אַריינגעפֿירט די פֿרוי אין דעם שטראָם פֿון אינדוסטריעלער און קולטורעלער טעטיקייט.

די געשיכטע פֿון דער מסירת־נפֿש'דיקער אַרבעט פֿון די רוסישע פֿרויען־מיסיאָנערן, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט נייע שפּראַכן, געוואוינט אין צרה־דיקע אומסאַניטאַרישע סביבות, ריזיקירט טעגלעך מיט זייער לעבן דורך פֿאַר'סמ'טער שפּייז אָדער דורך דירעקטע אָנפֿאַלן, און אַפֿילו געטראָגן די העסלעכע פּאַראַנדזשאַ — דעם שלייער פֿון פֿערדישע האָר — כּדי די אָרטיקע פֿרויען זאָלן מיט דער צייט דעם שלייער קאָנען אַראָפּוואַרפֿן — דאָס אַלץ לייענט זיך מיט פֿאַרכאַפּנדיקן אינטערעס. אַזאַ בוך ווי פֿאַנינאַ האַלע'ס „פֿרויען אין סאָוועטישן מזרח" דערמאָנט אונדז שטאַרק אָן די געשיכטעס וועגן מיסיאָנערן־דאָקטוירים און אינזשענערן־פּיאָנערן — געשיכטעס, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקאַנט אין אונזער יוגנט, נאָר ס'איז דאָ איין אונטערשייד: ענגלישע מיסיאָנערן האָבן אין אַמ־דער שווערער אַרבעט געקראָגן זייער ווייניג הילף און אָפֿט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטילער געגנערשאַפֿט מצד זייער אייגענער מלוכה, בשעת די סאָוועטישע פֿרויען האָבן פֿון אָנהויב־אָן געהאַט דעם גוטן ווילן פֿון זייער לאַנד און זיינען געשטיצט געוואָרן מיט אַלע רעסורסן פֿון דער מלוכה.

זייט ביי זייט מיט דער קולטורעלער אַריינדרינגונג פֿון די פֿרויען־מיסיאָנערן איז געפֿירט געוואָרן די מאַסנהאַפֿטע קולטור־אַטאַקע אויף דעם

פאָלק אַלס אַ גאַנצן. עס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ גרויסע צאָל מענער, פרויען און סטודענטן פוןביידע געשלעכטן, אַלס דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, שמידן, מוזיקער און לערער, כדי צוצוגרייטן דעם וועג פאַר ווייטערדיגע ענדערונגען.

פאָראורטיילן האָבן לאַנגזאַם צוזאַמענגעבראָכן. פרויען לערנען זיך איצט צו האַלטן ריין זייערע היימען, צו באַנוצן זיך מיט זייף, צו פאַרזייען גרינסן, אַכטונג צו געבן אויף די קינדער. אַכט און דרייסיג פרימיטיווע פעלקער זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט נייע אַלפאַבעטן, ווייל פון די אַלע פאַרשיידענע שבטים אין צפון־אַזיע האָט קיין איינער ניט געהאַט קיין געשריבענע שפּראַך.

עס איז געקומען אַ דראַמאַטישער מאָמענט, אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון אַראָפּוואַרפן די פּאַראַנדזשאַ. אָט־די היסטאָרישע צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג, דעם 8טן מערץ, 1928. פאַנינאַ האַלע באַשרייבט אָט־די פּאַסירונג אַזוי:

„אין יענעם טאָג זיינען צענדליגער טויזנטער פרויען, פאַרשלייערט אין פּאַראַנדזשאַס און טשאַכוואַנס, אָנגעקומען ווי אַ דראָענדיגער שטראָם דורך די שמאָלע איבערגעפּאַקטע געסלעך, סקווערן און באַזאַרן פון די אַלטע שטעט אין צענטראַל־אַזיע. . . . איבער אָט־דער שטילער און פאַראומערטער אָנקומענדיגער מאַסע, פרויען נאָך אַלץ אָן פנים׳ער און אָן אויגן, האָט אַ ים מיט רויטע פאָנען הויך געפלאַטערט אין דער לופטן. . . . און ווי אַ בליענדיגע רויטע בלומען־בייט אין מיטן פון אַ פאַרוויסט פעלד מיט ווילדע גראָזן איז געגאַנגען אַ גרופּע פרויען מיט אויפגעדעקטע פנים׳ער און מיט רויטע טיכלעך אויפן קאָפּ. ס׳אַראַ קאָנטראַסט זיי זיינען עס געווען צו דער אומגעווינטלעכער פּראָצעסיע! זיי האָבן געשפּאַנט מיט אַ מער־וויניגער זיכערן טראָט. דאָס זיינען געווען די געציילטע, וועלכע האָבן נאָך פריער געהאַט דעם מוט צו צערייסן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, און זיי האָבן מער ניט געקוקט אויף דעם בלויען הימל דורך אַ שוואַרצער רעשעטע.

„אונטער דער באַגלייטונג פון מוזיק האָט אָט־די ריזיגע מאַסע, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן אַ צאָל מענער און קינדער, זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם לענין־מאָנומענט, וואָס איז אויך געווען באַדעקט מיט רויטע פאָנען און אָרטיגע טעפּיכער; ס׳האָבן זיך צעטראָגן דונערדיגע, שטערנדיגע ווערטער, אָבער ווערטער נייע, אומגעווינטלעכע און באַגייסטערנדיגע, וואָס האָבן אַזוי טיף גערירט דאָס האַרץ פון דעם צוהערער, אַז זיי האָבן אַרויסגערופן אַן אמת׳ן אויסברוך פון ענטוזיאַזם. . . . אַלע אָרקעסטערס האָבן אויפגעשפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל. . . . די אמת׳ע צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן. . . . מ׳האָט די פּאַראַנדזשאַס גענומען וואַרפן אין דער לופטן, צוערשט שרעקעוודיג, אָבער וואָס ווייטער אַלץ שנעלער, מיט אַלץ מער ברען און אימפּעט. עס זיינען געפלויגן אָט־די סימבאָלן פון שקלאַפעריי, וואָס די פרויען האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן — די פּאַראַנדזשאַס, טשאַכוואַנס און טשאַדראַס. מען האָט זיי אָנגע־

הורבעט אין אַלץ מער וואַקסנדיגע בערגלעך, זיי באַגאָסן מיט פּאַראַפֿין, און באַלד האָבן געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס רויך זיך אַ ריס געטאָן צום ריינעם הימל פֿון דעם פֿרילינג־טאָג, אָוועקטראָגנדיג מיט זיך דעם אָראָפּגעוואָרפֿענעם טויזנט־יאָריגן מנהג, וואָס איז איצט געוואָרן אומ־דערטרעגלעך. . . .״

היינט־צו־טאָג איז ניטאָ קיין איין פֿרוי אין בוכאַראַ, וואָס זאָל טראָגן אַ שלייער, כאָטש אין דער צווישן־צייט זיינען געווען אַ סך פֿאַלן פֿון צוריק־טריט פֿון דער גרויסער דעמאָנסטראַציע פֿון 1928.

די ביטערע אָפּאָזיציע פֿון מענער און גייסטלעכע איז ניט געווען בכח צוריקהאַלטן די פֿרויען. יונגע צוועלף־יאָריגע מיידלעך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן זיי געצוואונגען אָנצוטאָן די פּאַראַנדזשאַס און הייראַטן געגן זייער ווילן מיט מענער, וועמען זיי האָבן פֿריער קיינמאָל ניט געזען, פֿלעגן אַנטלויפֿן און געפֿינען שוץ אין דעם פֿרויען־קלוב, וואו זיי האָבן, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע, וואָס פֿלעגן צו זיי צושטיין, אַרויסגעוויזן אַ דערפֿאָלגרייכן ווידער־שטאַנד.

מ׳האָט שוין דאָרט אויפֿגעהערט גלויבן אין די ווילדע מעשׂיות, אַז די קאָמונעס האָבן אַ ריזיגע קאָלדרע, 50 יאַרד די לענג, אונטער וועלכער אַלע מיטגלידער פֿון דער קאָמונע שלאָפֿן צוזאַמען, מענער אויסגעמישט מיט פֿרויען; פּונקט ווי מען האָט שוין אויפֿגעהערט נעמען ערנסט די מעשׂיות, אַז די קינדער פֿון די „גווירסערים״ ווערן אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד אָדער אין כינע, וואו מען קאָכט פֿון זיי אויס זייף, אָדער וואו מען עסט זיי אויף.

די פֿרויען האָבן ענדלעך אויפֿגעוואַכט און זיך אַ רודער געטאָן. די כוואַליעס פֿון אויפֿקלערונג האָבן געגומען שטייגן. דאָס באַנוצן זיך מיט זייף, מיט אונטערוועש, וואָס מען קאָן אויסוואַשן; מיט אַ לאָמפּ, אַ בעט — די אַלע זאַכן, וואָס מיינען אַזוי ווייניג פֿאַר אונז און וואָס זיינען געווען אַזוי פֿול מיט באַדייטונג פֿאַר די, וועלכע האָבן ניט געהאַט די מינדסטע באַקוועמ־לעכקייט — דאָס אַלץ האָט געפֿירט צו גרעסערע זאַכן, צו דעם רעכט צו גט׳ן זיך און צו דעם רעכט זיך אויסצוקלייבן אַ מאַן לויטן אייגענעם פֿאַרלאַנג.

אין אַ סך פֿלעצער זיינען פֿרויען געוואָרן די פֿירערינס פֿון די מענער, וועלכע צאָלן איצט דעם פּרייז פֿאַר דעם, וואָס פֿריער פֿלעגן זיי אַלע אַרבעטן אַרויפֿוואַרפֿן אויף די פֿרויען. אין דעם באַקלאָגן זיך פֿון אָריענטאַלישע פֿרויען: „איר זאָגט, אַז די רעגירונג האָט געטאָן זייער אַ סך פֿאַר אונז פֿרויען, נאָר זי האָט דאָך נאָך ניט איבערגעאַנדערשט די מענער״ — איז פֿאַראַן אַ באַרעכטיגטע איראָניע.

די אָריענטאַלישע פֿרויען זיינען מיטאַמאָל אַריבערגעשפּרונגען פֿון דעם מיטלאַלטער אין דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט. אַ קינד, וואָס האָט צו צוועלף יאָר געהייראַט מיט אַ מאַן, וועמען עס האָט פֿריער קיינמאָל ניט געזען; וואָס איז געווען געצוואונגען צו וואַשן די פֿיס פֿון אַלע מענער פֿון דעם מאַנ׳ס

פאַמיליע און אַלע מענער־געסט, ניט האָבנדיג דאָס רעכט זיך אַוועקצוזעצן אין דער אָנוועזנהייט פון דעם מאַן; וואָס האָט געגעסן דעם אָפּפאַל פון טיש — אָט די פרוי לערנט איצט זייט ביי זייט מיט איר מאַן אין דעם „אוניווערזיטעט פאַר אַרבעטנדיגע פון מזרח", וואָס געפינט זיך אין מאָסקווע. לעבן איר זיצט אַן אַנדער מיידל, וועמעס מוטער האָט קיינמאָל ניט אויסגעטאָן ניט די קליידער, ניט די שיך, און איז איר גאַנץ לעבן אָפּגעשלאָפן אויף דער נאַקעטער ערד און האָט קיינמאָל ניט געוואַגט אָנרופן דעם מאַן ביים נאָמען.*)

די פרוי, וואָס איז געווען ניט מער ווי אַן אָביעקט פאַר תאוה, אָדער אַ „זי" צו געבערן איר מאַנ'ס קינדער, באַגריסט איצט דעם מאַן ווי אַ חבר. פרויען טרעטן אַריין אין דער אינדוסטריע; זיי ווערן עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיג; זיי דערהויבן זיך צו סאָציאַלער גלייכהייט מיט דעם מאַן, און זיי הויבן אָן שפּילן זייער ראָל אין פּאָליטיק. פרויען, וואָס זיינען ביז איצט געווען שווייגנדיג, הויבן אָן פריי צו רעדן; פרויען, וואָס זיינען געווען איינגעבויגן פון אַרבעט, פליען איצט הויך אין עראָפּלאַנען און שפּרינגען פון פּאַראַשוטן. טאַשקענט, די גרעסטע און וויכטיגסטע שטאָט אין צענטראַל־אַזיע, האָט אַ פּרעזידענט, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע יאָר פריער געווען אַן אומוויסנד דינסטמיידל, פאַרשלייערט הינטער אַ פּאַראַנדזשאַ. דער נעכטן פאַרגייט זייער שנעל אין דער גלאָררייכער ליכט פון היינט. אַ זעקס־יאָריגע טאָכטער פרעגט ביי דער מוטער, וועלכע איז דער הויפּט פון דעם לערער־קאָלעדזש אין בוכאַראַ: „וואָס מיינט אַ פּאַראַנדזשאַ?"

## 6. די דעמאָקראַטיע פון דער פאַבריק

דער סאָוועטישער אַרבעטער באַזיצט אַ סך פאַרצוגן, וועגן וועלכע מען ווייסט גאָר ניט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער איז פאַרזיכערט מיט באַצאָלטער אַרבעט. ער איז געזיכערט מיט פרייער צייט. ער איז באַפרייט געוואָרן פון דער קללה פון אַרבעטלאָזיקייט. זיין אַרבעטס-טאָג איז פאַרקלענערט געוואָרן צו זיבן שעה, און צו זעקס שעה, אויב ער אַרבעט אין גרובן, אָדער ביי געפערלעכע באַשעפטיגונגען.**)

---

*) אין 1940 איז נאָך אַן אַלזייטיגער דיסקוסיע איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן ביי דער פערטער זיצונג פון דעם העכסטן סאָוועט פון טורקמעניע אַ געזעץ, וואָס העכערט דעם עלטער פון הייראַט פאַר פרויען צו זעכצן יאָר. ענלעכע געזעצן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין 1938 אין די רעפּובליקן פון אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקיסטאַן. פאַר דער רעוואָלוציע האָט דער אַדאַט, דער מנהג, וואָס האָט דערלויבט מיידלעך צו הייראַטן צו צוועלף יאָר, געהאָלפן פאַרשקלאַפן די פרויען אין מזרח.

**) אין אויגוסט 1940 איז דער אַרבעטס-טאָג פאַרלענגערט געוואָרן. די מערסטע סאָוועטישע אַרבעטער האָבן ביז איצט געאַרבעט זיבן שעה אַ טאָג; די מעטאַל-אַרבעטער און די אַרבעטער אין אַלע פאַכן, וואָס זיינען קלאַסיפיצירט אַלס שווערע, אָדער געפערלעכע פאַרן געזונט, האָבן געאַרבעט אַ זעקס-שטונדיגן אַרבעטס-טאָג.

קיין קינד אונטער 14 יאָר טאָר ניט באַשעפטיגט ווערן, און יוגנטלעכע צווישן 14 און 16 יאָר מעגן באַשעפטיגט ווערן בלויז אין אויסנאַמס-פאַלן. אַרום 80 פּראָ-

דער סאָוועטישער אַרבעטער איז געזיכערט מיט באַצאָלטער וואַקאַציע. זיין פרוי קאָן גיין אַרבעטן, אויב זי וויל, און זי קריגט באַצאָלט גלייך ווי אַ מאַן פאַר גלייכער אַרבעט. אויף זיינע קינדער גיט מען אַכטונג אין „נוירסעריס" און אין שול. טאָמער פּאַסירט מיט אים אַן עקסידענט, קריגט ער קאָמפּענסאַציע און אין פאַל פון קראַנקהייט קריגט ער פינאַנציעלע שטיצע און מעדיצינישע הילף. טעכנישע אינסטיטוטן און אוניווערזיטעטן, פריי פון געצאָלטס, וואַרטן אויף זיינע קינדער. און אויף דער עלטער קריגט ער אַ געהעריגע פּענסיע און דאַרף מער ניט אַרבעטן.

חוץ דעם און איבער אַלץ קריגט ער אַ נייע פרייהייט אין פאַבריק, וואו די מאַסן אַרבעטער פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן, וואו פרייהייט האָט אַ באַזונדער־הויכן ווערט און וואו עס קומט אַן אַזוי שווער זי צו קריגן אין אַנדערע לענדער.

די דעמאָקראַטיע פון דער פאַבריק איז די שוץ־פעסטונג פון דער סאָ־וועטישער פרייהייט. ביי אונז פאַרזעט מען אין אַ גרויסער מאָס דעם כאַראַק־טער און די ווערט פון אָט־דער פאַבריק־דעמאָקראַטיע. די פּראָבלעמען פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע זיינען ניט איינע און די זעלבע פאַר דעם מיטל־קלאַס און פאַר די אַרבעטער. דער מיטל־קלאַס, וועלכער איז פריי פון דער דיסציפּלין, פון דער טיראַניע און באַשרענקונגען פון דער פאַבריק, טראַכט וועגן פרייהייט אין פּאָליטישע טערמינען: פרייהייט צו שטימען פאַר וועלכער ניט איז פּאָליסי, וואָס איז אים צום האַרצן. ווען דער מיטל־קלאַס מענטש

---

צענט פון די סאָוועטישע אַרבעטער האָבן געהאַט אַן אָפּרו־טאָג נאָך פינף טעג אַרבעט, און די אַנדערע 20 פּראָצענט אַ טאָג אָפּרו נאָך פיר טעג אַרבעט.

נאָר איצט זיינען ערנסטע ציטן; די מלחמה שפּריט אויס איר איינפלוס און די אומגעהויערע וויכטיגקייט פון קאַנאָנען, שווערע טאַנקען, עראָפּלאַנען און אַזוי וויטער, ווערט אילוסטרירט אויף אַ סך שווידערלעכע אופנים אין אונזער עפּאָכע פון מעכאַניזירטער מלחמה. רוסלאַנד איז דעריבער אַנטשלאָסן צו קאָנען זיך פאַר־מעסטן אַפילו מיט דעם שטאַרקסטן שונא. זי פאַרמאָגט די רעסורסן, די מאַטעריאַלן, די פאַבריקן, די עקספּערטן און די מענטשן, און איצט זיינען אירע אַרבעטער גרייט אָפּצוגעבן אַ טייל פון זייער געשעצטער פרייהייט, כדי צו פּראָדוצירן די שוץ־מיטלען, וואָס זאָלן מאַכן אומבאַזיגבאַר דאָס לאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן.

דערפאַר איז איצט דער אַרבעטס־טאָג פאַרלענגערט געוואָרן פון זיבן אויף אַכט שעה, און פאַר די, וואָס האָבן פריער געאַרבעט זעקס שעה אַ טאָג — צו זיבן שעה. די זעקס־טאָגיגע אַרבעטס־וואָך (פינף טעג אַרבעט און אַ טאָג רו) ווערט פאַרביטן אויף דער זיבן־טאָגיגער אַרבעטס־וואָך (זעקס טעג אַרבעט און אַ טאָג רו).

אונטער דעם שרעקלעכן דרוק פון מלחמה ווערן די אַרבעטס־שטונדן פאַר־לענגערט אין אַלע לענדער. די אַרבעטער מוזן צאָלן מיט מער אַרבעט און מיט זייערע לעבנס. קיין מער קלאָרע אילוסטראַציע דאַרף מען ניט אויף צו באַווייזן די שוידער־לעכע ווירקונג פון מלחמה אויף דעם לעבן און אויף די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

דער סאָוועטישער אַרבעטער קאָן זיך טרייסטן מיט דעם פאַקט, אַז ווען די מלחמה־געפאַר וועט פאַריבער, וועט ער זיכער צוריקקריגן זיין פרייע צייט, דעם קלענערן אַרבעטס־טאָג און קלענערע אַרבעטס־וואָך. אין דער זעלבער צייט שטייט פאַר די אַרבעטער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער די געפאַר פון געצוואונגענער און ניט־רעגולירטער פרייער צייט ווי אַ רעזולטאַט פון אַרבעטלאָזיגקייט.

טראַכט וועגן פרייהייט אין עקאָנאָמישע טערמינען, איז דאָס די פרייהייט צו באַנוצן זיין עקאָנאָמישע מאַכט ווי אים ווילט זיך — אַ פּרייהייט, וואָס גייט איבער זייער שנעל אין הפקרות.

די אַרבעטער, וואָס ווערן געצוואונגען דורך עקאָנאָמישער נויט זיך אונטערצואוואַרפן אַ דיסציפּלין, וואָס זיי האָבן וועגן איר ניט די מינדסטע דעה, ליידן אומפאַרמיידלעך פון אַ געוויסן געפיל פון דערנידערונג און אומצופרידנהייט, וואָס צעקאַליעטשעט זייער לעבן און אויסקוק. אַ דיסציפּלין, וואָס ווערט אַרויפגעצוואונגען פון אויבן־אַראָפּ, און וואָס האָט צו טאָן מיט אַן אַרבעט, אין וועלכער דער אַרבעטער איז אין קיין זין ניט קיין שותף, ווירקט ווי אַ קלעם אויף דעם מוח. איניציאַטיוו ווערט אָפּגעטויט. אַ געפיל פון אַנטריסטונג טליעט אונטער דער אויבערפלאַך און וואַרט בלויז אויף אַ נייער געלעגנהייט אויסצופלאַצן אין אַ פלאַם. אַ כסדר'דיגער געפיל פון באַ'עולה'ט ווערן — אַפילו אויב דאָס איז בלויז אין הינטערבאַוואוסטזיין — פירט צו אַ טיף־איינגעוואָרצלטער געגנערשאַפט און צו פאַרדאַכט, וואָס דאָס שאַפט מחיצות צווישן די קלאַסן און ברענגט צו־שטאַנד די „צוויי פעלקער" אין דער געזעלשאַפט, וועגן וועלכער דיזראַעלי האָט זיך באַקלאָגט. סוף כל סוף פירט דאָס צו סאָציאַלן אויפברויז און צו רעוואָלוציע.

די ניט־איינשטימיגקייט בנוגע די צילן און אויפגאַבן צווישן די מענטשלעכע עלעמענטן אין אַ קאַפּיטאַליסטישער פאַבריק איז די הויפּט־סיבה פון רייסערייען און קריגערייען. אָט־דער אונטערשייד אין צילן איז שטענדיג פאַראַן — אַ מאָל מער און אַמאָל ווייניגער. דער ציל פון דעם קאַפּיטאַליסט איז פּראָפיט. די קאָסטן פון פּראָדוקציע ווירקן אויף די פּראָפיטן. כדי צו פאַרגרעסערן פּראָפיטן, מוז מען רעדוצירן די קאָסטן. דעם אַרבעטער'ס לוין איז אַ טייל פון די פּראָדוקציע־קאָסטן, דעריבער מוז מען האַלטן דעם אַרבעטער־לוין נידעריג און אויב מעגלעך אים פאַרקלענערן. פון דער צווייטער זייט איז דער לעבנס־סטאַנדאַרד לעבנס־וויכטיג פאַר דעם אַרבעטער, ער לעבט שטענדיג אויף דעם ראַנד פון נויט, ער האָט ניט קיינע אָפּגעשפּאָרטע רעזערוון. ער מוז דעריבער אָנהאַלטן און פאַרגרעסערן זיינע וועידזשעס. דאָס איז זיין איינציגער מיטל אָנצוהאַלטן, אָדער צו העכערן זיין לעבנס־סטאַנדאַרד. ביים אַרבעטער איז די פראַגע פון אָנהאַלטן דעם לוין און פון קריגן אַ העכערונג אין לוין פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. מיט אַנדערע ווערטער — די צילן פון מענטשלעכע עלעמענטן אין דער פּראָדוקציע, פון דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער, זיינען פאַרשיידן.

עס איז דעריבער נאַטירלעך, אַז עס זאָל דאָרט שטענדיג זיין אומצופרידנהייט. אָרגאַניזאַציעס, ווי די טרעיד־יוניאָנס, ווערן באַשאַפן צו אונטערשטרייכן אָט־די אומצופרידנהייט און צו שאַפן אַ טיילווייזע לייזונג. דער כח פון די טרעיד־יוניאָנס איז ניט אומעטום אויף דער זעלביגער שטופע און הענגט־אָפּ פון דער איינייגקייט, דיסציפּלין און וויסן פון די אַרבעטער

און פון זייער פּיאַינקייט אויסצוקלייבן פּאַסיגע פירער. זייער ציל איז צו קריגן וועלכע עס איז מאָס פון גערעכטיגקייט, ניט דורכן שכל אָדער לאָגיק, נאָר דורך סטראַשען מיט מאכט. דער סטרייק איז דער ענדגילטיגער מיטל פון טרעיד־יוניאָניזם. די אַרבעטער און די באַלעבאַטים און פּאַרוואַלטער שטייען איינע אַנטקעגן די אַנדערע ווי געגנער,ביידע שטייען זיי גרייט צו אַקציע, ווי אַרמייען ערב אַ שלאַכט, און יעדער ריר אין דעם צווייטן לאַגער רופט אַרויס פּאַרדאַכט. קיין אמת׳ער פרידן איז דאָ קיינמאָל ניטאָ. באַוואָפנטער שטיל־שטאַנד איז די איינציגע האָפענונג. די ברונעמער פון דער פּראָדוקציע זיינען פאַר׳סמ׳ט ביים סאַמע קוואַל.

אַט־די לאַגע איז אַזוי גילטיג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַז סיי טרעיד־יוניאָניסטן און סיי ניט־יוניאָן אַרבעטער קאָנען ניט באַגרייפן ווי אונטער אַן אַנדער סיסטעם קאָנען טרעיד־יוניאָנס האָבן אַנדערע פונקציעס און שפּילן אַ קאָנסטרוקטיווע ראָל אין סאָציאַלע טעטיגקייטן. דערפאַר קאָן וואָלטער סיטרין שרייבן:

„עס איז אַ ביסל צופיל זיך פאָרצושטעלן אַ פולשטענדיגע ענלעכ־קייט צווישן די אינטערעסן פון דעם דירעקטאָר און דעם אַרבעטער. דער דירעקטאָר איז באַזאָרגט וועגן דער געהעריגער פּראָדוקציע, און דער אַרבעטער איז באַזאָרגט וועגן דעם, וויפיל ער קאָן פאַרדינען, און וועגן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע ער וועט דאַרפן אַרבעטן, כדי צו פאַר־דינען. . . . פרייהייט צו אָרגאַניזירן זיך און דאָס רעכט צו סטרייקן זיינען די וויכטיגסטע כאַראַקטער־שטריכן פון לעגיטימען טרעיד־יוניאָניזם.״

די סאָוועטישע פאַבריק און די סאָוועטישע עקאָנאָמישע סיסטעם האָבן באַזייטיגט אַט־דעם הויפּט־ווידערשפּרוך. אַ געמיינשאַפטלעכער ענד־ציל באַ־גייסטערט אַלע סאָוועטישע אַרבעטער — צי דאָס זיינען פּאַרלייט, פאַר־וואַלטער, דירעקטאָרן, אָדער פּשוט׳ע אַרבעטער. דער אַלגעמיינער וואוילזיין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט מיט אַ רייכער און שענער לעבן פאַר יעדן איינצלנעם איז דער געמיינשאַפטלעכער, באַוואוסטזיניגער ציל, צו וועלכן עס שטרעבט יעדער אינדוסטריעלער אַרבעטער. די עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך אַ צווייטן איז פולשטענדיג אָפּגעשאַפט געוואָרן. ניט דער אַרבעטער און ניט דער אַדמיניסטראַטאָר באַטראַכטן ניט איינער דעם צווייטן פאַר אַ „שונא״. און אויף אַט־דעם נייעם פונדאַמענט פון געגנזייטיגע אינטערעסן איז מעגלעך אויפצובויען אַ נייע באַציאונג צו אַרבעט און צו אַרבעטער. קאָאָפּעראַציע פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון שטרייטן. דירעקטאָרן, פאַרוואַלטער, פּאַרלייט און אַרבעטער זיינען אַלע אַ טייל פון אַ געמיינשאַפט־לעכן גאַנצן און אַרבעטן אַלע צוזאַמען פאַר אַ געמיינשאַפטלעכן ציל.

אונטערשיידן זיינען, נאַטירלעך, דאָ צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן אַר־בעטער. דאָס זיינען די גרויסע אונטערשיידן אין פונקציעס, וואָס זיינען פאַר־

אורזאכט דורך די גרויסע אונטערשיידן אין וויסן, דערפאַרונג און פייאיגקייט. פון דאַנען נעמט זיך דער גרויסער אונטערשייד אין לוין, לויט דער ווערט פון דער אַרבעט. נאָר ס'איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן דער אונטערשייד אין קלאַסן און קאַסטעס, און דאָס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד איז ניטאָ קיין פעסטע יעראַרכיע פון העכערע און נידעריגערע קלאַסן. יעדער איינער, וואָס פאַרמאָגט דעם געהעריגן וויסן, פייאיגקייט און ענערגיע, קאָן פאַר זיך געפינען אַ פּלאַץ, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר זיינע כחות. און יעדער איינער ווערט דערמוטיגט מיט אַלע מיטלען — סיי מאַטעריעלע, סיי מאָראַלע — צו פאַרגרעסערן זיין וויסן און צו פאַרבעסערן זיינע קוואַלי־פיקאַציעס, כדי צו קאָנען טאָן אַרבעט פון גרעסערער וויכטיגקייט, וואָס פאָדערט אַ העכערע צוגרייטונג.

אָט־דער פאַרזוך אויסצובעסערן דעם מענטשן־מאַטעריאַל מאַכט דאָס די סאָוועטישע פאַבריקן אַזוי ענלעך צו די ענגלישע שולן און טיילט זיי אָפּ אַזוי שאַרף פון די פאַבריקן אין קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע. אין ענג־לישע שולן איז דאָס קינד אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס ווילן, אַז ער זאָל מאַכן פאָרשריט, און טוען אַלץ כדי אים צו העלפן. די סאָוועטישע פאַבריקן ווייזן אַרויס די זעלבע פאַראינטערעסירטקייט צו שאַפן מענטשן, פונקט ווי זיי זיינען פאַראינטערעסירט צו שאַפן זאַכן: זיי זיינען פאַר־אינטערעסירט צו דערציען דעם איינצלנעם אַרבעטער, העלפן אים שטייגן אין זיין פאַך, צוצוגרייטן און דערמוטיגן אים צו אַלץ העכערע אויפגאַבן. אין ענגלאַנד הערן מיר, אַז סאַמע אויבן איז שטענדיג דאָ פּלאַץ. דאָס איז אַ סך מער אמת אין באַצוג צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און עס איז נאָך מער אמת צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע מענטשן אַליין זוכן מיטן גאַנצן האַרצן צו באַזאָרגן יעדן מאַן און פרוי און יעדן בחור און מיידל, וואָס באַזיצט דעם ווילן און די פייאיגקייטן, מיט דער מעגלעכקייט צו קאָנען פאַרנעמען פּאָסטנס פון שטייגנדיגער וויכטיגקייט. דאָס איז נאַטירלעך און פּראַקטיש דאָרט, וואו די עקספּלואַטאַציע פון אַ מענטש דורך אַ מענטש איז פאַר־באָטן און וואו עס איז אין די אינטערעסן פון אַלעמען, אַז די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון יעדן איינעם זאָלן אויסגענוצט ווערן. דאָס לעבן טראָגט אין זיך אַ נייעם ציל, אַ נייעם אינטערעס און נייע מעגלעכקייטן פאַר אַלעמען. די פאַרשוימלטקייט פון אַ קלאַסן־געזעלשאַפט מיט אירע פאַרשלאָסענע און באַוואַכטע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט איז פאַרשוואונדן.

אויב פרייהייט מיינט די אָפּוועזנהייט פון פאַרבאָט, און אויב דאָס געפיל פון פאַרבאָט קומט מיט דער אָנערקענונג, אַז דער מענטש ווערט געשטערט צו טאָן דאָס, וואָס ער וואָלט געוואָלט טאָן — דעמאָלט פאַרמאָגט און קולטי־ווירט די סאָוועטישע פאַבריק די וואָרצלען פון אמת'ער פרייהייט, ווייל אַלע שטרעבן צו דערגרייכן אַ געמיינשאַפטלעכן ציל, און יעדער מין אָפּהאַלט איז באַזייטיגט אויפן וועג צו אָט־דעם ציל.

אין דער זעלבער צייט צווינגען־ארויף די מאָדערנע מעטאָדן פון פּראָ־
דוקציע אונטערשיידן אין פונקציעס, און עס איז קיינמאָל ניט לייכט פאַר
אַ גרויסער צאָל ארבעטער מיט פאַרשיידענע פונקציעס צו שלעפּן דעם וואָגן
צוזאַמען, אפילו אויב די הויפּט־ווידערשפּרוכן זיינען באַזייטיגט געוואָרן.
דער, וואָס מאַכט אַ פּראָיעקט־צייכענונג פון דער מאַשין, קאָן אַמאָל דער־
וואַרטן צופיל פון די פאַראַנענע מאַשינען און פון דעם מאַטעריאַל; דער
פאַרוואַלטער קאָן אַמאָל דערוואַרטן צופיל פון די באַלמעלאָכעס; דער באַל־
מעלאָכע — צופיל פון דעם פּשוט׳ן ארבעטער. ווי אַזוי זאָלן געלייזט ווערן
אַזוינע טאָג־טעגלעכע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און ווי אַזוי זאָלן אַזוינע
קריוודעס אויסגעגליכן ווערן? און, ספּעציעל: ווי אַזוי קאָנען ארבעטער פון
די נידעריגערע קאַטעגאָריעס פון ארבעט קריטיקירן און געבן עצות צו די
אָנפירער און פאַרוואַלטער?

דאָס זיינען זייער וויכטיגע און פּראַקטישע פראַגן, און דער סאָוועטן־
פאַרבאַנד האָט באַלד פון אָנהויב זיך גענומען לייזן אָט־די פראַגן. אין די
סאָוועטישע פאַבריקן געפינען זיך אָפּטיילונגען פון דריי געזעלשאַפטלעכע
אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער אויפגאַבע איז צו סטימולירן, ראַטן און פאַר־
ריכטן: די טרעיד־יוניאָן, דאָס קעמערל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
און די ליג פון יונגע קאָמוניסטן.

די טרעיד־יוניאָן — כאָטש ענלעך אין נאָמען צו דער בריטישער אָרגאַני־
זאַציע — איז גאָר אַנדערש לויט איר פונקציע. איר פאַרנעם איז ברייטער.
פּונקט ווי אַן ענגלישע טרעיד־יוניאָן, באַטראַכט זי אינדיווידועלע קלאַגן און
עוולות; נאָר דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון איר ארבעט, ווייל קלאַגעס
קאָנען דערליידיגט ווערן שנעלער דורך אַנדערע מיטלען. די יוניאָן אין
סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט גיכער אַ קאָנסטרוקטיוון, איידער אַ קעמפנדיגן צוועק.

די סאָוועטישע טרעיד־יוניאָן איז פריער פון אַלץ פאַראינטערעסירט
אין דער זייט פון פאַבריק־לעבן, וואָס מאַכט די פאַבריק פאַר אַ פּלאַץ, וואו
עס ווערן אויספאָרמירט מענטשן. די יוניאָן באַטייליגט זיך אין אַן אַלץ־
וואַקסנדיגער מאָס אין דער פאַרוואַלטונג מיט די פאַבריק־פאָנדן, וואָס זיינען
באַשטימט פאַר קולטורעלע און שטייגערישע באַדערפענישן. אויף ווי ווייט
אַ סאָוועטישע יוניאָן אונטערשיידט זיך פון אַ יוניאָן אין ענגלאַנד און ווי
פולשטענדיג עס איז פאַרשוואונדן יעדער פונק פון אַנטאַגאָניסטישע אינ־
טערעסן, קאָן מען זען דערפון, וואָס די סאָוועטישע יוניאָנס פאַרוואַלטן מיט
די רעגירונגס־פאָנדן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. די סאָוועטישע יוניאָנס
בויען און פאַרוואַלטן מיט רו־הייזער און סאַנאַטאָריעס; פאַבריק־קלובן און
פּאַלאַצן פון קולטור; „נוירסעריס" און קינדערגערטנער. זיי פירן אָן און
סטימולירן ארבעטער־בילדונג; און אויסער דעם וואָס זיי פאַרוואַלטן מיט
קראַנקן־ און אַנדערע בענעפיט־פאָנדן, סטימולירן זיי אַלגעמיינע געזעלשאַפט־

לעבע טעטיגקייט און דעם זעלבסט־באוואוסטזיין פון דעם ארבעטער. זייער פונקציע איז פאָזיטיוו און דערציעריש.

דער איינצלנער ארבעטער באטייליגט זיך אין די טעטיגקייטן פון זיין יוניאָן אויף דעם געוויינלעכן, רוטינעם, דעמאָקראטישן וועג פון מיטינגען, שטימען פאר קאָמיטעס און באאמטע (דורך א געהיימען באלאָט); קריטיקירן די פאבריק־פארוואלטונג דורך דעם פארטרעטער פון דער יוניאָן און דורך דער וואנט־צייטונג, אין וועלכער ער קאָן און פארעפנטלעכט טאקע זיינע קלאָגעס און רעקאָמענדאציעס. די וואנט־צייטונג איז א געוויינלעכער שטריך פון יעדער פאבריק און געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע.

* * *

נאָך וויכטיגער פון דער יוניאָן איז די פארטיי, וואָס איז דער קאָנקרעטער אינסטרומענט, דורך וועלכן די ארבעטער פילן און האנדלען ווי די באלע־באטים איבער דער אינדוסטריע. די פארטיי האָט די אלגעמיינע אויפזיכט אויף דער גאנצער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג און האלט־אָן אירע סטאנ־דארדס. די פארטיי איז דער דערמוטיגנדיגער, סטימולירנדיגער און רעגו־לירנדיגער גייסט פון יעדער אונטערנעמונג. די פארטיי באשטייט פון די סאמע איבערצייגטסטע, די סאמע ענטוזיאסטישע און די סאמע געטרייסטע עלעמענטן אין סאָוועטן־פארבאנד. די פארטיי האָט א סך ענלעכס — אין פרט פון גלויבן, דיסציפלין, אייניגקייט און ציל־געוועגדטקייט — מיט די גרויסע רעליגיעזע אָרדנס פון קריסטנטום און פון בודיזם.

מען קאָן די פארטיי בעסער פארשטיין, ווען מען באטראכט זי אין ליכט פון איר אנטשטייאונג. „די אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פארטיי (באָלשעוויקעס)" איז דער פולער נאָמען פון דער פארטיי. אין 1903 האָט דער צווייטער צוזאמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאל־דעמאָקראטישער אר־בעטער פארטיי, וואָס האָט אָפגעהאלטן זיינע זיצונגען אין לאָנדאָן, זיך גע־שפאָלטן אויף צוויי פראקציעס, איינע פון זיי געפירט פון לענין'ען. אין דער ענדגילטיגער שפאלטונג האָבן לענין'ס אָנהענגער געקראָגן א מאיאָריטעט און דערפאר זיינען זיי געוואָרן באקאנט אלס באָלשעוויקעס, וואָס דאָס מיינט מענטשן פון דער מאיאָריטעט. די מינאָריטעט איז גאנץ פאסיג באצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען „מענשעוויקעס", מינאָריטעט־מענטשן. די פארטיי, וואָס האָט געקעמפט און אויסגעפירט, אז איר פראָגראם זאָל אָנגענומען ווערן אין 1903, איז נאָך אלץ די פירערין פון די פעלקער פון דעם סאָוועטישן לאנד אין 1939.

אין לויף פון די אלע פארגאנגענע יאָרן האָט די פארטיי זיך ניט אָפּ־געקירעוועט פון איר באשטימטן קורס. ביי אן אויפנאמע אין לאָם אנדזשעלעס נאָך דעם צווייטן רעקאָרד־ברעכנדיגן אריבערפלי פון מאָסקווע קיין אמעריקע דורך דעם נאָרט פאָל, האָט דער סאָוועטישער פליער גראָמאָוו געזאָגט: „מיר

זיינען די גאַנצע צייט געפלויגן אין אַ גראַדער ליניע, וואָס איז אַזוי גראַד, ווי די ליניע פון דער פּאַרטיי."

אָט־די ווערטער פון דעם באַרימטן פּליער: „גראַד, ווי די ליניע פון דער פּאַרטיי", דריקן אויס דאָס, וואָס די פּאַרטיי האָט געטאָן פאַר די סאָ־וועטישע פעלקער. דאָס האָט די פּאַרטיי פון סאַמע אָנהויב געגלויבט אין די מאַסן. דאָס האָט די פּאַרטיי גערופן אירע מיטגלידער צו קעמפן פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּראָגראַם, ניט קוקנדיק אויף קיינע געפאַרן. און די פּאַרטיי ציט־צו מענטשן פעסטע, געטרייע און מוטיגע. אירע מיטגלידער, אַרום צוויי מיליאָן מענטשן, האָבן זיך דערוואָרבן די טיפע ליבע און דעם צוטרוי פון די מיליאָנען פון דער באַפעלקערונג.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט־אָן אַ פּאָזיציע, וואָס איז קלאָר דעפינירט אין דער קאָנסטיטוציע. דער אַרטיקל 126 פון דער נייער סאָוועטישער קאָנ־סטיטוציע, וועלכער באַהאַנדלט דאָס רעכט פון די בירגער זיך צו אָרגאַניזירן, אַנטהאַלט די פאָלגנדיגע ווערטער:

„די אַקטיווסטע און פּאָליטיש באַוואוסטזיניגסטע בירגער אין די רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס און אַנדערע שיכטן פון די האָרעפּאַש־ניקעס פאַראייניגן זיך אין דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, וואָס איז דער אַוואַנגאַרד פון די אַרבעטנדיגע אין זייער קאַמף צו שטאַרקן און אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע סיסטעם, און וואָס שטעלט־פאָר מיט זיך דעם פירנדיגן קערן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער, סיי געזעלשאַפטלעכע, סיי מלוכה'שע."

אָפּטיילונגען אָדער צעלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געפינען זיך אין אַלע פאַבריקן. גרינטלעכע באַראַטונגען ווערן אָפּגעהאַלטן צווישן דער פּאַרטיי און דער פאַרוואַלטונג וועגן אַלע פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער פירונג פון דער פאַבריק און מיט דעם וואוילזיין פון די אַרבעטער.

די פונקציע פון דער פּאַרטיי איז פאַר אונז אַזאַ אומבאַקאַנטער און דאָך אַזאַ וויכטיגער ענין, אַז עס איז נויטיג דאָס ברייטער צו דערקלערן, כדי צו פאַרשטיין ווי וויכטיג אָט־דער טיפּ דעמאָקראַטיע איז ווי אַן אויסדרוק פון אמת'ער דעמאָקראַטיע. דאָס קאָן צום בעסטן אילוסטרירט ווערן דורך די ווערטער פון וויקטאָר מאַרטאָוו, סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער פאַבריק „קראַסני פּראָלעטאַרי" („רויטער פּראָלעטאַריער") אין מאָסקווע, וואו מען פּראָדוצירט מאַשין־געצייג. ער באַשרייבט די באַ־ציאונג צווישן דער פּאַרטיי און דעם דירעקטאָר פון דער פאַבריק אויף אַזאַ אופן:

„דער דירעקטאָר האָט די גאַנצע פולמאַכט צו פאַרוואַלטן מיט דער פאַבריק. זיינע פאַראָרדענונגען ווערן אויסגעפירט אָן דערווידערונג. זייער זעלטן קומען פאָר „קאָנפליקטן" וועגן פּראָדוציר־ענינים. ערשטנס

דערפאַר, ווייל פּיאַטער טאַראַנישעוו האָט געהאַט געאַרבעט אַ סך יאָרן אויף דער זעלבער פאַבריק, איידער ער איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם פּאָסטן פון דירעקטאָר. ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ טאָקער און דערנאָך האָט ער פאַרנומען אַ פאַרוואַלטונגס־פּאָסטן; ער איז באַקאַנט מיט דער פּראָדוקציע פון אָנהויב ביזן סוף, און ער פירט־אָן אויף אַ גלענצנדיגן אופן מיט דער אַרבעט פון דער פאַבריק, און צווייטנס — און דאָס איז ניט ווייניגער וויכטיג — קומט ער צו דער פּאַרטיי־קאָמיטע זיך אָן עצה האַלטן יעדעס מאָל, ווען ער האָט עפּעס אַ צווייפל. ער דיסקוסירט מיט אונדז אַלע גרונט־פּראָבלעמען פון דער פּראָדוקציע, איינשליסנדיג די פראַגן פון איבערבוי, אָדער פון רעאָרגאַניזירן פאַרשיידענע טיילן פון דער פאַבריק, די צוגרייטונג פון דעם פּלאַן פאַר דער פּראָדוקציע, די צו־גרייטונג פון דעם פינאַנציעלן פּלאַן און אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער פאַבריק.

„קיינע קאָנפליקטן — אין פולן זין פון וואָרט — זיינען דאָ ניט מעגלעך, ווייל מיר זיינען אַלע פאַראינטערעסירט אין איין און דער זעלבער זאַך: פראַגן פון פּראָדוקציע און פון דעם וואוילזיין פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין פאַבריק. אונזער אויפגאַבע באַשטייט ניט אין אַרויסגעבן פאַראָרדענונגען דעם דירעקטאָר, נאָר אין העלפן אים. ווען אונדז דאַכט זיך, אַז דער דירעקטאָר האַנדלט ניט ריכטיג, לאַדן מיר אים איין צו דער פּאַרטיי־קאָמיטע, דערקלערן אונזער שטאַנדפּונקט און הערן אויס זיינע אַרגומענטן, מיט וועלכע ער זוכט צו באַרעכטיגן זיינע פאַראָרדענונגען.

„מיר האָבן לעצטנס געהאַט אַזאַ פאַל: אויף דעם פאַרלאַנג פון די אַרבעטער האָבן מיר באַשלאָסן צו עפענען אַ נייעם קלוב. מען האָט געדאַרפט האָבן עטלעכע טויזנט רובל אויף אויסצושטאַטן דעם קלוב. דער דירעקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דאָס געלט, טענה'נדיג, אַז ער האָט ניט קיין געלט אויפן האַנט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער קלוב איז פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיגקייט, ווייל עס איז ניט בלויז אַ פּלאַץ פאַר אָפּרו און פאַרווייַלונג, נאָר עס איז אויך אַ וויכטיגע שול, וואו מען קריגט אַ באַדייטנדיגע פּאָליטישע און אַלגעמיינע בילדונג.

„מיר האָבן איינגעלאַדן דעם דירעקטאָר צו דער פּאַרטיי־קאָמיטע און מיר האָבן זיך מיט אים זייער האַרציג דורכגערעדט. מיר האָבן אים דערמאָנט, אַז די פּראָדוקציע און געשעפט־ענינים דאַרפן פאַר אים ניט פאַרשטעלן די נויטוועגדיגקייט פון פּאָליטישער און קולטורעלער טעטיג־קייט צווישן די אַרבעטער און אַז ער דאַרף זיך אויסלערנען צו קאָמ־בינירן ביידע זאַכן. דעם דירעקטאָר'ס טענה, אַז ער האָט ניט קיין געלט פאַר דעם צוועק, איז געווען אַ גערעכטע, נאָר מיר האָבן אים געראַטן צו ווענדן זיך נאָך געלט צו דער צענטראַלער אַדמיניסטראַציע פון דער אינדוסטריע פון מאַשין־געצייג. ער האָט איינגעשטימט מיט אונזער ראַט און ער האָט געקראָגן די נויטיגע פאָנדן.

„דער זעלבער דירעקטאָר קאָן אָבער אַריבערפירן וועלכן ניט איז קאָמוניסט — אַפילו אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי־קאָמיטע — צו אַנדערע פּראָדוקציר־אויפגאַבן, אָדער איינגאַנצן אים אָפּזאָגן, אויב ער טויג זיך ניט אויס ביי דער אַרבעט. ער קאָן פּראָטעסטירן געגן דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי־קאָמיטע, אויב מיר זאָלן, למשל, רופן אַ מיטינג אין

דער ארבעטס־צייט, אָדער אויב מיר זאָלן גיין איבערן קאָפּ פון דער פאַר־וואַלטונג, אָדער אויב מיר זאָלן זיך אַריינמישן אין ענינים פון דער פּראָדוקציע. אַזאַ האַנדלונג פון דעם דירעקטאָר וואָלט געווען געזעצליך, ווייל ער איז דער איינציגער, וואָס האָט די אויטאָריטעט, און ער איז פאַראַנטוואָרטליך צו דער רעגירונג פאַר דער אונטערנעמונג, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן.״

ביי אַ פּאַרטיי־מיטינג, אָדער ביי אַנדערע מיטינגען ווילן די אַרבעטער פון אַ באַשטימטן אָפּטייל פון דער פאַבריק זיך ניט קווענקלען צו קריטיקירן אָדער צו געבן אַן עצה דעם פאַבריק־דירעקטאָר אָדער דעם פאָרמאַן, מיט וועלכן זיי טרעפן זיך דאָ אויף אַ נייטראַלן באָדן. אַזאַ צוגאַנג, וואָס איז אומדערהערט אין אַלע אַנדערע לענדער, האָט אַ צווייענדיקע ווערט. ערשטנס, העלפט דאָס אין דער פּראָדוקציע, ווייל די קריטיק איז גאָר אָפט אַ זייער ווערטפולער ביישטייער, וואָס העלפט פאַרבעסערן די מעטאָדן פון אַרבעט אין דער פאַבריק. צווייטנס, העלפט דאָס די אַרבעטער צו באַזייטיקן די אינער־לעכע ווידערשפּרוכן און דאָס בורטשען פון איינצלנע אַרבעטער, וואָס דאָס האָט אַזאַ אָפּטויטנדיקע ווירקונג אין די פאַבריקן אין ענגלאַנד. קריטיק פון אַזאַ אָפענעם כאַראַקטער איז דער סאַמע קערן פון דעמאָקראַטיע. דער אַר־בעטער מעג פריי טראַכטן און אויסדריקן זיינע געדאַנקען אויף דעם הויפּט־פּלאַץ פון זיין לעבנס־טעטיקייט. ער קאָן אויסאיבן אַ דירעקטן איינפלוס אויף דער אָרגאַניזאַציע, וואָס דאָמינירט מער פון אַלץ אין זיין לעבן.

מיר הערן זייער אַ סך שטאָלצע באַרימעריי בנוגע דער פרייהייט פון אונזער ענגלישער דעמאָקראַטיע. אָט־די פרייהייט איז זיכער אַ ווערטפולע זאַך, און זיכער דאַרף מען צו דעם זיך ניט באַציען לייכט. עס איז אויסער צווייפל אַן אומשעצבאַרער אוצר, וואָס דאַרף זייער גוט אָפּגעהיט ווערן. נאָר אָט־די פרייהייט האָט אַ סך חסרונות, און די דעמאָקראַטיע פון דער סאָוועטישער פאַבריק איז אין אַ סך הינזיכטן פיל וויכטיגער פאַר דעם דורכ־שניטלעכן אַרבעטער, ווי דאָס שטימען פאַר אַ געוויסער פּאָליטישער פּאַרטיי איינמאָל אין פינף יאָר צייט. די פרייהייט צו קריטיקירן דעם באַלעבאָס פּנים אל פּנים — אָנשטאָט דאָס צו טאָן הינטער זיין פּלייצע אין אַ לאָקאַלן שענקל — איז פון אומשעצבאַרער ווערט, און עס איז מעגלעך בלויז דערפאַר, וואָס אי דער באַלעבאָס, אי דער אַרבעטער זיינען ביידע שותפים אין דער אינדוסטריע, וואָס באַלאַנגט צו אַלעמען און וואָס ווערט באַטריבן פאַר אַלע־מענס אינטערעסן. ביידע באַגרייפן, אַז אַ פאַרבעסערטע פּראָדוקציע איז אַ געווינס פאַר אַלעמען — איינשליסנדיק זיי אַליין אויך — און דאָס איז מעגלעך בלויז דעמאָלט, ווען די אַרבעטער זיינען צופרידן און אַרבעטן מיט חשק, און ווען די מעטאָדן פון אַרבעט זיינען ריכטיגע.

די פּאַרטיי־באַאַמטע און די פּאַרטיי־קאָמיטעט ווערן אויסדערוויילט — ווי עס איז דער פאַל מיט די וואַלן אין די יוניאָנס — אויף אַ נאָרמאַלן

דעמאָקראַטישן אופן, דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, און נאָך דעם, ווי עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַלזייטיגע און אָפענע קריטיק און אַ געניוע דיסקוסיע וועגן די קאַריערעס און דעם רעקאָרד פון די קאַנדידאַטן; ווייל עס איז דאָך פאַר אַלעמען וויכטיג, אַז די פייאיגסטע און שׂכל'דיגסטע מענטשן זאָלן דערוויילט ווערן פאַר דער אַנפירערשאַפט מיט די געמיינשאַפטלעכע ענינים צוליב דעם געמיינשאַפטלעכן וואוילזיין.

קריטיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד רופט אַרויס ווייניגער פאַרדראָס ווי וואו ניט איז. קריטיק ווערט אָנגענומען ווי אַ נאָרמאַלע זאַך, וואָס איז פולשטענדיג אין אָרדענונג. דער איינפלוס פון קריטיק אויף דיסציפּלין איז זייער אַ גוטער. מענטשן „קילן זיך אָפּ" דורך קריטיק; זיי קריגן אויך אַ געלעגנהייט צו רעקאָמענדירן אַלערליי ענדערונגען און אויסבעסערונגען. איניציאַטיוו וואַקסט. דער אויפזעער און דער פאָרמאַן, צו וועלכע מען קאָן רעדן נאָך דער אַרבעט אויף אַ פולשטענדיג פרייען אופן, זיינען שוין מער ניט קיין טיראַנען, וועמען מען דאַרף איבערכיטרעווען. די דיסציפּלין, וואָס דער אַרבעטער אַליין העלפט אויסצואַרבעטן, ווערט אָנגענומען אָן ווידערווילן און שאַפט ניט קיין בייזע בלוטן.

דורך אָט־די פאַרשיידנאַרטיגע אָגענטורן ווערט דער אַרבעטער אַריינגעצויגן אין סאַמע קאָך פון דעם פאַבריק־לעבן. ס'איז „זיין" פאַבריק. ער באַטראַכט די פאַבריק אין שייכות מיט דעם גאַנצן צוועק פון לעבן. ער באַגרייפט די פאַבריק־פּראָבלעמען און ער העלפט זיי לייזן. ער פאַרבינדט זיין לעבן מיט דעם לעבן פון דעם גאַנצן סאָוועטישן אָרגאַניזם. די פאַבריק איז אַ דערציאונגס־פּלאַץ און ניט קיין פּלאַץ פאַר בארימערייַ; אַ פּלאַץ, וואו מען אַרבעט קאָלעקטיוו און מען שטרעבט צו דערגרייכונגען, און ניט קיין פּלאַץ פון קריוודעס און פאַרביטערונג. אַרבעט איז אַ שטאָלץ און אַ פאַרגעניגן. מאָנאָטאָנע אַרבעט פאַלט מער ניט צו־לאַסט אין ליכט פון דעם גרויסן ציל; און דער פאַרלאַנג פּטור צו ווערן פון אומאָנגענעמער און שווערער אַרבעט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דראַנג צו שעפערישער דערפינדערישקייט.

די אינערלעכע דיסציפּלין, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער „נוירסערי" און וואָס איז געוואַקסן מיט דעם גאַנג פון די יאָרן, דערגרייכט צו איר העכסטן פונקט אין דער פאַבריק, וואו די איינִיגקייט פון ציל אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער געזעלשאַפט ווערט פולשטענדיג פאַרווירקלעכט און ווערט אַ שעפערישער עלעמענט אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם יחיד.

פינפטער טייל

# דער פּלאַן און די פעלקער

## 1. די גלייכהייט פון ראַסן

„דער גאַנצער אָריענט באַטראַכט אונזער סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַן עקספּערימענטאַלער פעלד. אָדער מיר וועלן ריכטיג שליכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע אין דער ראַם פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; אָדער מיר וועלן איינשטעלן אמת׳ע קאָאָפּעראַציע צווישן די פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — און דעמאָלט וועט דער גאַנצער אָריענט זען, אַז אונזער פעדעראַציע טראָגט די פאָן פון באַפרייאונג, אַז מיר זיינען דער אַוואַנגאַרד, וואָס דער אָריענט דאַרף גיין אין זיינע פוסטריט, און דאָס וועט זיין דער אָנהויב פון דעם צוזאַמענברוך פון דעם אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם . . . אָדער מיר, די גאַנצע פעדעראַציע, וועלן באַגיין אַ טעות אין אָט־דער פראַגע, דעמאָלט וועלן מיר אונטערגראָבן דעם צוטרוי, וואָס די פריער־אונטערדריקטע פעלקער האָבן געהאַט צו דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, און אַוועקנעמען ביי דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד די צוציאונגס־קראַפט, וואָס ער האָט איצט אין באַצוג צו דעם אָריענט. אין אַזאַ פאַל וועט דער אימפּעריאַליזם געווינען און מיר וועלן פאַרלירן. אָט אין דעם באַשטייט די אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע.”

יאָסיף סטאַלין, וועלכער האָט געזאָגט אָט־די ווערטער ביי דעם צוועלפטן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1923, האָט אַמאָל אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון די ליידן פון אַן אונטערדריקט פאָלק. ער איז געבוירן געוואָרן אין גאָרי, גרוזיע, און האָט געקראָגן זיין בילדונג אין אַ סעמינאַר פאַר גלחים. ער האָט פאַרהאַסט סיי דעם צאַרישן פאַרזוך צו „רוסיפיצירן” זיין גרוזיניש פאָלק נאַציאָנאַל, און סיי דעם קאַפּיטאַליסטישן פאַרזוך צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק עקאָנאָמיש.

אין יאַנואַר 1902 האָט ער אָרגאַניזירט דעם ערשטן סטרייק פון די מאַנטאַשעוו־אַרבעטער אין באַטום. אין מערץ פון זעלבן יאָר האָט ער אָרגאַניזירט גרויסע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטער. די סאָלדאַטן האָבן געשאָסן אויף אַ פּראָצעסיע פון 6,000, און 500 דעמאָנסטראַנטן זיינען פאַרשיקט געוואָרן. סטאַלינ׳ען האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. דאָס אייזן איז אריין אין זיין נשמה. פון דעמאָלט אָן האָט ער געווידמעט זיין לעבן דער באַפרייאונג פון דעם פּשוט׳ן פאָלק — נאַציאָנאַל און עקאָנאָמיש.

נאָך דעם ווי ער האָט אין לויף פון צען יאָר זיך אויסגעדרייט פון די פּאָליציייאישע שפּיאָנען, איז ער ווידער אַריינגעפּאַלן צו זיי אין די הענט, און אין דעם איסטער־זונטאָג פון 1909 האָט מען אים צוזאַמען מיט זיינע חברים געצוואונגען צו גיין „סקוואַז סטראָי", דורך אַ טאָפּלטער ריי סאָלדאַטן. אַ סך האָבן צוזאַמענגעבראָכן אונטער דער עקזעקוציע. מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ און מיט אַ בוך אין האַנט איז סטאַלין דרייסט דורכגעגאַנגען דורך די צוויי רייען סאָלדאַטן, בשעת די קאָלבעס פון זייערע ביקסן האָבן געהאָגלט מיט קלעפּ איבער זיין קאָפּ און איבער זיין פּלייצע.

סטאַלין איז אַנטלאָפן פון סיביר. בשעת די פּאָליציי האָט אים אַרומ־געזוכט, האָט ער געשפּילט שאַך מיט לענינ'ען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. לענין שרייבט צו גאָרקי'ן: „מיר האָבן דאָ מיט אונז אַ וואונדער־באַרן יונגן גרוזין. ער האָט צונויפגעזאַמלט דעם גאַנצן עסטרייכישן מאַ־טעריאַל און אויך אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און ער האָט זיך אַ נעם־געטאָן צוצוגרייטן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ענין."

אָט־די אָפּהאַנדלונג איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, און סטאַלין איז, נאַטירלעך, געוואָרן דער ערשטער קאָמיסאַר פון נאַציאָנאַליטעטן אין דער סאָוועטישער רעגירונג. דורך זיינע אייגענע ליידן האָט סטאַלין, דער מענטש וואָס האָט אַליין געהאַט געליטן פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג, געעפנט אַ נייע טיר פאַר פעלקער, און די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אין דער גאַנצער וועלט באַטראַכטן אים ווי זייער טשעמפּיאָן.

יעדע גרויסע מלוכה און יעדע גרויסע אימפּעריע האָט אירע מינאָריטעט־פּראָבלעמען, און עס דאַכט זיך, אַז זיי קאָנען גאָר ניט געלייזט ווערן. יעדע מלוכה פּרואווט זיך ראַנגלען מיט אָט־דער פּראָבלעם אויף איר אייגענעם שטייגער: דורך ענדערן גרענעצן, דורך אַסימילאַציע, דורך אויסטוישן באַ־פעלקערונגען, אָדער — ווי עס ווערט געטאָן אין דייטשלאַנד — דורך אויס־ראָטונג. קיינער פון אָט־די פאַרזוכן גיט זיך ניט איין. באַריכטן וועגן שוידער־לעכע און פּאַטעטישע קאַמפן און פון פאַרשקלאַפונג פון גאַנצע פעלקער קומען פון יענע לענדער און פאַרקילן דאָס בלוט אין אונזערע אָדערן. קיינע באַריכטן זיינען ניט געווען מער שוידערלעך, ווי די געשיכטע פון דער צאַרישער אונטערדריקונג.

די רוסישע אימפּעריע פון פאַר דער רעוואָלוציע האָט ניט אומזיסט געקראָגן דעם נאָמען: „די טורמע פאַר פעלקער". מען האָט דאָרט פּראַק־טיצירט יעדע פאָרמע פון אונטערדריקונג. די נאַציאָנאַלע שפּראַכן זיינען געווען פאַרבאָטן; בילדונג איז געווען אונטערדריקט; אינדוסטריעלע אַנט־וויקלונג איז געשטערט געוואָרן. אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, באַשקיריע, אַרמעניע און גרוזיע זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייערע רוי־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען קולטיווירט און אַרויסגעצויגן געוואָרן פון דעם באָדן אויף דעם

פרימיטיוומטן און פארשוועגדערישסטן אופן. אָרטיגע אינדוסטריעז און אַן אָרטיגער ארבעטער־קלאַס זיינען באטראכט געוואָרן ווי א געפאר פאר דער רוסישער אויטאָנאָמיע.

די צאַרישע מלוכה האָט געהאַט א סך געווער אין איר ארסענאל; צוויי סאָרטן געווער זיינען געווען באַזונדער ווירקזאַם און פּאָפּולער ביי דעם הערשנדיגן קלאַס. דער צאַריזם האָט אבזיכטלעך קולטיווירט די פעאָדאל־פּאַטריארכאַלע סיסטעם, און ער האָט געקראָגן פאררעטער — ווי דער עמיר פון בוכארא — וועלכע זיינען געווען מער פאראינטערעסירט אין זייערע קלאַסן־פּריווילעגיעס, איידער אין זייער נאַציאָנאַלן שטאַלץ. אָט־די פאררעטער זיינען געוואָרן א געצייג אין די הענט פון די צאַרן. דאָס פאָלק האָט מען דערפירט צו א צושטאַנד פון פעאָדאַלער אומוויסנהייט און שקלאַפעריי. און נאָך פאַרברעכערישער איז געווען דער מעטאָד פון זייען נאַציאָנאַלע רייסעריייען און נאַציאָנאַלן האַס צווישן די פעלקער, דורך אָנרייצן איין פאָלק אויף דעם צווייטן ווי א מיטל צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון אָט־די פעלקער און אפּציען זייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם אמת׳ן שונא.

כּדי גרינגער צו דערגרייכן דעם דאָזיגן ציל האָט די צאַרישע רעגירונג איבערגעטיילט הפקר׳דיג די גרענעצן פון די קינסטלעך־צעטיילטע פּראָווינצן, אַזוי אַז נאַציאָנאַלע גרופּן זאָלן צעטיילט ווערן אין צוויי אָדער מער טיילן. אַזוי האָט א גרענעץ־ליניע צעשניטן די קירגיזן אין צוויי טיילן, איינעם אין דער טורקעסטאַנער געגנט און דעם צווייטן אין א פּראָווינץ אין די סטעפּעס, און ביידע זיינען געווען אונטער באַזונדערע גענעראל־גובערנאַטאָרן. די אוזבעקן זיינען צעטיילט געוואָרן אויף אַן ענלעכן אופן. איין טייל איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער זעלבער גובערניע מיט די טורקמענער. נאַציאָנאַליטעטן זיינען אבזיכטלעך צעטיילט געוואָרן און אויך אבזיכטלעך פאַרבונדן געוואָרן מיט פיינטלעכע פעלקער, כּדי אויפצובלאָזן שנאה און כּדי צו קאָנען אָנהאַלטן אונטערדריקונג און צווישן־פעלקערלעכן שטרייט.

אין אַנדערע טיילן פון לאַנד פלעגט די צאַרישע רעגירונג אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אויף א ברייטן מאַסשטאַב.

סטאַלין האָט דערצו געמאַכט א סוף און האָט אָנגעוויזן א נייעם וועג אין באַצוג צו די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. זיין האַנדלונג אין אָט־דער פראַגע שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון זיינע וויכטיגסטע ביישטראָגן צו דעם נייעם סאָציאַליסטישן עקספּערימענט. צוזאַמען מיט לענינ׳ען און מיט די אַנדערע קאָמוניסטן האָט ער אָנגענומען די פּראָגראַם פון א געמיינשאַפטלעכן עקאָנאָמישן באַזיס פון דעם סאָציאַליסטישן עקאָנאָמישן לעבן — די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע, פּראָפיטן און קאָנקורענץ. ער האָט אָבער באַגריפן, אַז עס איז מעגלעך, אַז פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע קולטור־אידייען זאָלן עקזיסטירן זייט ביי זייט אין איין און דער זעלבער עקאָנאָמישער אָרדענונג און אין

איין און דער זעלבער פּאָליטישער מלוכה, און וועלכער עס איז גילטיג דער זעלבער עקאָנאָמישער אידעאַל.

לאָמיר דאָס פּרובירן מאַכן מער קאָנקרעט: עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל שטערן גרוזינישע אַרבעטער, וועלכע נעמען אָן דעם סאָציאַליסטישן טעזיס פון אַ געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַציע און אָן פּראָפיט־מאַכער, צו לעבן אונטער דעם זעלבן ווייט־פאַרשפּרייטן עקאָנאָמישן אידעאַל צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון ווייס־רוסלאַנד אין דעם ווייטן מערב, אויף דעם סאַכאַלין־אינזל אין ווייטן מזרח, אָדער אין אוזבעקיע אין צענטער פון לאַנד; און דאַך זאָל יעדער פון זיי קאָנען פריי דענקען, רעדן און שרייבן אויף זיין אייגענער שפּראַך און באַזיצן די פרייהייט צו אַנטוויקלען די אייגענע קולטור און אינסטיטוציעס. עס איז מער ניט נויטיג צו צווינגען נאַציאָנאַלע מינאָרי־טעטן אָנצונעמען דעם נאַציאָנאַלן קולטור־אידעאַל פון דער מאַיאָריטעט אין דער זעלבער עקאָנאָמישער סיסטעם. דאָס איז פּונקט אַזוי ניט נויטיג, ווי עס איז ניט נויטיג פאַר אַן אינדוס זיך אויסצוטאָן פון זיין אינדישער נאַציאָ־נאַלער קולטור, ווען ער שפּילט קראָקעט מיט אַן ענגלישער גרופּע שפּילער. בלויז איין זאַך פאָדערט זיך פון אַן אינדישן קראָקעט־שפּילער: ער מוז נאָכקומען די כּללים פון דער קראָקעט־שפּיל. און בלויז איין זאַך פאָדערט זיך פון אַ גרוזין, ווייס־רוס אָדער אוזבעק: ער מוז נאָכקומען דעם עקאָ־נאָמישן געזעץ פון סאָציאַליזם.

נאַציאָנאַליטעט איז אַ פּערזענלעכע אייגנשאַפט. פּונקט ווי מיט רעליגיע אין ענגלאַנד, מעג יעדער איינער געניסן דערפון אין דער פולער מאָס, נאָר מען טאָר דאָס ניט אַרויפצווינגען אויף אַנדערע.

די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די, וואָס גלויבן אין פּראָדוקציע פאַר געברויך און ניט פאַר פּראָפיטן און לעבן אונטער אַ מלוכה־פּלאַן, וואָס נעמט אין אַנבאַטראַכט די באַדערפעניש פון יעדן איינציגן און פון אַלעמען אויף אַ באָדן פון גלייכהייט זיינען די זעלבע ביי יעדער נאַציאָנאַליטעט. די מלוכה איז געבויט אויף עקאָנאָמישע אינטערעסן און אַ פּאָליטישן פּלאַן, און ניט אויף דער נאַציאָנאַליטעט, וואָס פאַרמאָגט אַ גרעסערע צאָל מענטשן.

און רעדנדיג ווידער קאָנקרעט, האָט דער אייראָפּייאישער טייל פון רוסלאַנד פאַרמאָגט דעם גרעסטן טייל פון דער באַפעלקערונג פון דעם גאַנצן לאַנד און איז געווען דער וויכטיגסטער צענטער פון אינדוסטריעלן לעבן אין דער צייט, ווען די סאָוועטן האָבן איבערגענומען די מאַכט. קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט אין דער אַלטער אימפּעריע האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די רוסן אין דער צאָל איינוואוינער אָדער אין אינדוסטריעלער וויכטיג־קייט. אַנדערע פעלקער זיינען געווען קליין אין צאָל, קולטורעל צוריק־געשטאַנען און פּרימיטיוו אין דער אינדוסטריע. די גרויס־רוסישע נאַציאָ־נאַליטעט האָט געהאַט איר אייגענע שפּראַך, אירע אייגענע מנהגים און איר אייגענע קולטור. די קלענערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געהאַט זייערע שפּראַכן,

זיטן און קולטורן, און עס איז ניט געווען קיין שום בארעכטיגונג, אין אזא לאגע, פאר רוסלאנד ארויפצוצווינגען איר שפראך און קולטור אויף די אוקראינער, אדער אוזבעקן, אדער אפילו אויף די קארעליער און אנדערע גאר־קליינע נאציאנאלע גרופן.

גרויסע און קליינע נאציאנאלע גרופן האבן פארמאגט סיי געמיינשאפט־לעכע און סיי באזונדערע אינטערעסן. דער אוקראינישער ארבעטער האט געהאט א געמיינשאפטלעכן אינטערעס מיט די ארבעטער פון רוסלאנד און פון ווייס־רוסלאנד, פון אוזבעקיסטאן, קאזאכסטאן, אדער ארמעניע, צו פירן א לעבן, וואס איז פריי פון עקספלואטאציע און וואס פארמאגט אלע גינסטיגע שטריכן פון אן אינדוסטריע, וועלכע איז פלאנירט צו דינען אלע־מען; א געמיינשאפטלעכן אינטערעס צו באשיצן דאס לאנד פון א דרויסנ־דיגער אטאקע; אן אינטערעס אין דער אנטוויקלונג פון די פארקער־מיטלען און פון פאסט־באדינונג. אין דער זעלבער צייט האט אט־דער ארבעטער א באזונדער אינטערעס צו זיין אייגענער שפראך, ליטעראטור און נאציאנאלע מנהגים. עס איז געווען אומלאגיש — פונקט ווי עס איז געווען אומבארעכ־טיגט — צו בארויבן אים פון דעם אלעמען. רוסלאנד אליין וואלט דערפון גארנישט ניט געוואונען.

דעריבער איז דער נייער סאוועטן־פארבאנד אויסגעפלאנט געווארן אויף דעם באזיס פון א געמיינשאפטלעכער עקאנאמישער סיסטעם, וואס אלע זאלן פון איר געניסן און זיך באטייליגן אין איר פירערשאפט, נאר יעדע נאציאנאלע מינאריטעט זאל זיין פריי צו געניסן פון איר נאציאנאלער קולטור, פון איר נאציאנאלער שפראך, ליטעראטור, מנהגים, טעאטער, פאלקס־געזאנג און פאלקס־טענץ; פונקט ווי יעדער איינער מעג אין ענגלאנד רעדן מיט אן אקספארד־אקצענט, צי מיט א קאקני־דיאלעקט, אדער פראקטיצירן רעליגיע אין דער קאטוילישער צי דער פראטעסטאנטישער פארמע. אין די ראמען פון דעם עקאנאמישן גאנצן און פון דער פאליטישער ארדענונג, וואס האלט־אן אט־די עקאנאמישע סיסטעם, האט יעדע נאציאנאלע גרופע געדארפט ווערן נאציאנאל־פריי.

איצט זעט אויס אט־דער פרינציפ זייער איינפאך און לאגיש, ווייל ער איז אן ספק דערפאלגרייך. און ער גיט שוין ארויס די פרוכט פון א רייכער און פארשיידנארטיגער קולטור. נאר אין אייראפייאישן און אזיאטישן רוס־לאנד האט דאס געפאדערט א פולשטענדיגע ענדערונג פון דער צארישער פאליטיק, און עס דינט איצט ווי א מוסטער פאר דער גאנצער וועלט, וואס האט פריער קיינמאל ניט געזען אט־דעם פרינציפ פארווירקלעכט אין דער פראקטיק.

סטאלין האט געמאכט א פראקטישן שריט אין אט־דער ריכטונג, ווען ער איז אין 1918 באשטאנען דערויף, אז די טעריטאריעס מיט א באשטימטער נאציאנאלער באפעלקערונג זאלן קריגן פעדעראלע אויטאנאמיע.

דער אַלגעמיינער פּרינציפּ, וואָס איז דעמאָלט פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז אַנטוויקלט געוואָרן אין פילע ריכטונגען. די אָנווענדונג פון דעם פּרינציפּ האָט געשאַפן אַ סך פּראָבלעמען. נישט די קלענסטע פון זיי איז געווען די פּראָבלעם וועגן דעם כאַראַקטער פון דער פאַרטרעטערשאַפט פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין דעם אַלגעמיינעם ראַט פון דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. רוסלאַנד, למשל, איז געווען אַ סך גרעסער פון אַנדערע טיילן אין פּרט פון באַפעלקערונג און אין עקאָנאָמישער וויכטיקייט. זאָל די רוסישע פאַרטרעטערשאַפט זיין די דאָמינירנדיגע? אַזוי צו האַנדלען וואָלט אויסגעקוקט נאַטירלעך, נאָר דאָס וואָלט געגעבן דער רוסישער רעפּובליק אַ סך מער געוויכט, ווי די אַנדערע באַשטאַנד־טיילן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און דאָס וואָלט געשטעלט אין געפאַר דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכהייט. דערפאַר איז מיט רעכט באַשלאָסן געוואָרן, אַז די באַזע פון דער נייער קאָנסטיטוציע דאַרף זיין פולשטענדיגע גלייכהייט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אַ געהעריגע פאַרטרעטערשאַפט פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און ראַיאָנען און אַ ברייטע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיע פאַר יעדער רעפּובליק, אַזוי אַז אירע אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען זאָלן באַשטיין פון אָרטיגע מענטשן און האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט זייער אייגענער שפּראַך.

די צענטראַלע מלוכה־פירער האָבן באַוואוסטזיניג באַנוצט זייער מאַכט צו שאַפן ניט קיין רוסישע נאַציאָנאַלע איבערהערשאַפט, נאָר אַ מלוכה אָן וועלכער ס'איז נאַציאָנאַלער איבערערשאַפט. דאָס איז געווען דער טריאומף פון אַ פּרינציפּ.

די איינפירונג פון נאַציאָנאַליטעטן־פרייהייט איז סטאַלינ'ס אַ פּערזענלעכער אויפטו און איינער פון זיינע וויכטיגסטע.

* * *

נאַטירלעך האָבן פאַרשיידענע באַדינגונגען געפאָדערט פאַרשיידענע מיטלען און פאָרמען אין דער אָנווענדונג פון אָט־די ברייטע פּרינציפּן פון פרייהייט. כאָטש יעדעם קינד האָט, למשל, דאָס רעכט אויף בילדונג אויף זיין מוטער־שפּראַך, איז אין געוויסע פאַלן ניט מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אָט־דאָס רעכט, און דערוויי זיינען דאָ דריי קאַטעגאָריעס אין דער דורכפירונג פון אָט־דעם רעכט:

1) געוויסע צעוואָרפענע שבטים פאַרמאָגן ניט די עלעמענטן פון אַן אַלפאַבעט. ניט האָבנדיג קיין שריפט־שפּראַך אויף צו באַקומען בילדונג אויף איר אייגענעם לשון, קריגט אָט־די גרופּע איר בילדונג אין רוסישע שולן. דערווייל איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ.

2) אַנדערע שבטים ווידער, כאָטש זיי האָבן ניט קיין אייגענעם אַלפאַבעט, אָדער נאַציאָנאַלע קולטור, לעבן זיי אָבער אין קאָמפּאַקטע גרופּן, באַנוצנדיג זיך מיט זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן.

זיי קריגן עלעמענטארע בילדונג אויף זייער געבורטס־שפּראַך און מיטעלע און אוניווערזיטעט־בילדונג אויף דער רוסישער שפּראַך.

3) די נאָך גרעסערע נאַציאָנאַליטעטן, ווי די אוקראַינער, ווייס־רוסן, גרוזינער און אַרמענער, וואָס פאַרמאָגן קולטורעלע און היסטאָרישע טראַדיציעס פון אַ הויכער מדרגה און האָבן שוין באַוויזן, אַז זיי זיינען קאָמפּעטענט צו בויען זייערע אייגענע קולטור־אינסטיטוציעס, האָבן זייערע אייגענע שול־סיסטעמען, אָנהויבנדיג פון דער עלעמענטארער שול ביז דעם אוניווערזיטעט. אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, ווי די אוזבעקן, טאַדזשיקן און טורקמענער, גייען אויך כסדר פאָראויס אין דער זעלבער ריכטונג. און מיט זייער וואוקס אין צאָל און אין וויכטיגקייט, פאַרנעמט זייער נאַציאָנאַלע בילדונג אַלץ מער דעם פּלאַץ פון דער רוסישער בילדונג אויף אַלע שטופן. דאָס, וואָס די סאָוועטן־מלוכה דערמוטיגט אַט־די אַנטוויקלונג, איז דער בעסטער באַווייז פון דער אויפריכטיגקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין באַצוג צו די נאַציאָנאַליטעטן.

די „רוסיפיקאַציע" האָט די גאַנצע צייט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די פעלקער פון אַזיע. אין די צאַרישע צייטן איז דאָס געווען אַ ווירקלעכקייט. דאָס איז אויך געווען אַ געפאַר אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, ווייל רוסלאַנד האָט דאָמינירט אין דער אינדוסטריע, אין דער קולטור און אין דער רעגירונג. רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט די גרויסע פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג. אין רוסלאַנד איז געבוירן געוואָרן די רעוואָלוציע. אַ דאַנק סטאַלינ'ען איז די געפאַר פון „רוסיפיקאַציע" פאַרמידן געוואָרן, און זי ווערט קלענער פון יאָר צו יאָר. דאָס איז נאָך אַ באַווייז פון דער אויפריכטיגקייט פון דעם קאָמוניסטישן פאַרזוך צו פאַרווירקלעכן די גלייכהייט אויף דעם געביט פון נאַציאָנאַליטעטן, פּונקט ווי אויף דעם עקאָנאָמישן געביט.

נאַציאָנאַלע פרייהייט איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ ווירקלעכקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. פּאָליטישע פרייהייט אין דעם שמאָלן זין פון האָבן דאָס רעכט צו שטערן דעם מלוכה־פּלאַן אָדער ווידער איינצופירן עקספּלואַטאַציע און פּראָפיטן — אַזאַ פרייהייט עקזיסטירט דאָרט מער ניט. נאַציאָנאַלע פרייהייט איז מעגלעך, ווייל דאָס געפינט זיך אין אַ גאַנץ אַנדערער קאַטעגאָריע. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען נאַציאָנאַליזם און פּאָליטיק צוויי באַזונדערע זאַכן. פּראַקטישע פרייהייט אויף דעם נאַציאָנאַלן געביט עקזיסטירט שוין אין אַ גרויסער מאָס און האַלט אין וואַקסן. אין די ראַמען פון דעם מלוכה־פּלאַן זיינען אַלע פריי און אַלע זיינען געאַכטעט. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ בעסערע לייזונג, ווען מען האָט אין זינען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט פאַר זיך אַ פּראָבלעם פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן מיט פאַרשיידנאַרטיגע טראַדיציעס, סיי שקלאַפערישע, סיי שטאָלצע, און מיט אַ סך איינגעוואָרצלטע נאַציאָנאַלע קולטורן.

ווי אַ רעזולטאַט פון אַט־דער ריכטיגער פּאָליטיק ווערן אַלץ רייכער דאָס

לעבן און די געגנזייטיגע באַציאונגען פון די פעלקער. די נייע נאַציאָנאַלע פרייהייט און די נייע עקאָנאָמישע סיסטעם פירן אומפאַרמיידלעך צו אַן אויסברייטערונג פון דעם אינדוסטריעלן און קולטורעלן לעבן. אָרטיגע אינדוסטריען און אָרטיגע קולטורן צוגלייך ווערן באַגריסט און דערמוטיגט. קולטורעלע און מאַטעריעלע רעסורסן, וואָס זיינען פריער געווען פאַרנאַכלעסיגט, ווערן איצט אַנטוויקלט. אייזנבאַנען, וואַסער־וועגן, שאָסייען און לופט־ליניעס מאַכן דעם טראַנספּאָרט און פּאַסאַזשיר־פאַרקער פאַרהעלטנים־מעסיג שנעל און לייכט. די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן ווערן דערנעענטערט פיזיש און קולטורעל איינע צו דער צווייטער און אַלע צוזאַמען צום צענטער.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז אַט־דער מעטאָד פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פולשטענדיג אין געגנזאַץ צו אַלע פאַשיסטישע לייזונגען. עס איז אויך גאַנץ קלאָר, אַז דאָס שטימט מער ווי וועלכע ס'איז לייזונג, וואָס איז ווען ניט איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, מיט דעם אידעאַל פון קריסטלעכער עטיק. דאָ ווערט געשאַפן אַ פּרעכטיגער מוסטער פאַר דער צערודערטער וועלט. סוף כל סוף וועט אַזאַ לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע מוזן אויסאיבן אַן איינפלוס אויף אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען בכלל. דאָס דינט אויך ווי אַ שליסל — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — צו דער סאָוועטישער אויסלענדישער פּאָליטיק.

ווען איינער וואַנדערט דורך דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי מיר איז אויסגעקומען דאָס צו טאָן, באַזוכנדיג רעפּובליק נאָך רעפּובליק און זעענדיג ווי די מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פאַרקערן ווי פולשטענדיג גלייכע, מוז אַזאַ איינער דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עפּעס נייעס איז אַריינגעדרונגען אין דער וועלט פון מענטשלעכע באַציאונגען. מען קאָן דאָס אילוסטרירן דורך טויזנטער קאָנקרעטע ביישפּילן. איך זע דאָס אויף דעם בעסטן אופן אין דעם פאַל פון מיין פריינט פּאָול ראָבסאָן, דעם גרויסן נעגער־זינגער, און זיין זיבן־יאָריקן זון, פּאָלי.

ראָבסאָן האָט אין 1934 געזען די פאָרשטעלונג אין קינדער־טעאַטער, וואָס איך האָב פריער באַשריבן, און וואו דער העלד איז געווען אַן אפריקאַניש אינגל. בשעת דעם אַנטראַקט האָט ער געכאַפּט אַ שפּאַציר איבערן טעאַטער. די קינדער האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט, ווייל זיי האָבן עפּעס פאַרבונדן זיין אָנוועזנהייט מיט דעם אינגל אין דער שפּיל. אַ קליין אַכט־יאָריג אינגעלע האָט אַרומגענומען זיינע קני און געזאָגט: „איך בין אַזוי צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען; דו וועסט דאָ מיט אונז זיין גליקלעך; גיי ניט אַוועק פון דאַנען.” ביזן סוף פון דער שפּיל איז דאָס קינד געזעסן לעבן ראָבסאָן'ען, האַלטנדיג זיין האַנט.

„אומעטום, וואו איך בין געווען (ווי ראָבסאָן האָט אַליין דערציילט), האָב איך געטראָפן די זעלביגע וואַרעמע אויפנאַם, אומעטום דער זעלבער וואַרעמער אינטערעס, דער זעלבער אויסדרוק פון אויפריכטיגער חבר־

שאַפֿט צו מיר, ווי אַ שוואַרצן מענטשן, ווי אַ מיטגליד פֿון איינער פֿון די סאַמע אונטערדריקטסטע מענטשלעכע גרופּן. איך האָב געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם, ווי שטאַרק מיין סענסיטיווער און שעמעוו־דיגער פּאָלי וועט זיך פֿילן גוט פֿון אַט־דעם וואַרעמען אינטערעס און פֿון אַט־דער אויפֿריכטיגער פֿריינטשאַפֿט.״

ווען איך האָב ווידער באַזוכט מאָסקווע אין 1936, האָט ראָבסאָן זיך באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פֿון אַ מוּאָווי און ער האָט דעמאָלט גע־וואוינט אויף אַ קאָלעקטיווער פֿאַרם גאַנץ ווייטלעך פֿון שטאָט אין אַ פּראַכט־פֿולן דאָרף מיט פֿעסט־געבויטע הייזער, מיט אַ רחבֿות׳דיגן דאָרפֿס־פּלאַץ, מיט לאָנקעס און טייכלעך.

„די קינדער פֿון דאָרף״ — האָט ער מיר דערציילט — „האָבן מיך דערשטוינט. זיי האָבן אַ סך געלערנט אין שול וועגן דער נעגער־פּראָבלעם אין אַמעריקע. די מערסטע פֿון זיי האָבן נאָר־וואָס געהאַט געזען דעם פֿילם „דער צירק״, און זיי האָבן געהאַט אַ סך ליבע־ווערטער פֿאַר דזשימי׳ן, דעם קליינעם נעגער־קינד אין דעם בילד, וועמעס פֿאָטער איך האָב געקענט.

„מיר זיינען געגאַנגען שווימען אין די שיינע לויטערע טייכלעך; אויף דעם וועג צוריק זיינען מיר פֿאַרבייגעגאַנגען די דאָרפֿסלייט, וואָס האָבן געהאַלטן אין אַראָפּנעמען די תּבֿואה פֿון פֿעלד; גרויסע שניט־מאַשינען האָבן שנעל איינגעזאַמלט די גאָלדענע קערנער. דערנאָך זיינען מיר פֿאַמעלעך געגאַנגען צוריק. דערנאָך אַ געזונטער מאָלצייט, און שפּעטער, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יונג און אַלט אויף דעם גרינעם פּלאַץ. די קינדער האָבן פֿאַר מיר געזונגען, און איך האָב געזונגען נעגער־לידער און האָב זיי אַנטציקט מיט עטלעכע רוסישע מעלאָדיעס.

„מיר האָבן גערעדט וועגן מיין קליינעם זון. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך מוז אים ברענגען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, כּדי ער זאָל זיין גליקלעך מיט זיי צוזאַמען. איך האָב ביי זיך געטראַכט: דאָס איז אַ געדאַנק.

„עס איז פֿאַר מיר געווען אַ טרויעריגער טאָג, ווען איך האָב געמוזט אוועקפֿאָרן. דער טראָק האָט מיט אַ טראַסק זיך אוועקגעקייקלט און די קינדער זיינען נאָכגעלאָפֿן אַזוי וויט ווי זיי האָבן געקאָנט, נאָכשרייענ־דיג: „קומט וואָס שנעלער צוריק, פּאַוועל וואַסיליטש, קומט וואָס שנע־לער צוריק, ברענגט פּאַוליק׳ן מיט אייך און קומט וואָס שנעלער צוריק.״

„אויף דעם גאַנצן וועג אַהיים האָב איך געטראַכט וועגן די סאָ־וועטישע קינדער, וואָס זיינען אַזעלכע פֿריילעכע, אַזעלכע אָפֿנהאַרציגע, אַזעלכע אינטעליגענטע, אַזוי פֿול מיט אמת׳ער חבֿר׳שאַפֿט. ווי וואונדער־באַר דאָס וואָלט געווען, ווען פּאָלי וואָלט געקאָנט געניסן פֿון אַט־דער חבֿר׳שאַפֿט! ווען דאָס וואָלט בלויז מעגלעך געווען! און פֿאַרוואָס ניט?״

אויף זיין צוריקקער אין 1937 האָט ראָבסאָן מיטגענומען מיט זיך זיין פּאָלי׳ן און פּאָלי׳ס זיידן און האָט זיי איבערגעלאָזט אין מאָסקווע, בשעת ער איז אַרומגעפֿאָרן זינגען אויף זיין קאָנצערט־טור.

„ווען מיר זיינען צוריקגעקומען קיין מאָסקווע" — דערציילט ווייטער ראָבסאָן — „האָבן מיר געפֿונען גאָר אַן אַנדער קינד. ער איז מער ניט געווען דאָס שעמעוודיג, סענסיטיוו און קאַפּריזנע אינגל, וואָס פֿלעגט אומבאַוואוסטזיניג זיך פּרואוון באַשיצן פֿון באַליידיגונגען און פֿון באַטראַכט ווערן ווי אַ „זייטיגער". דאָ איז ער געווען איינער פֿון די קינדער; ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון זיין גרופּע און ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָנזעטיגן מיט פֿרייד צוליב אָט־דער גרויסער דערפֿאַרונג. ער האָט געהאַלטן זיין קאָפּ הויך, זיינע אַקסלען פֿאַרוואָרפֿן אויף צוריק; די קינדער און די שול האָבן אים אַריינגענומען צו זיך ווי אַן אייגענעם; ער האָט זיך דערפֿילט ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. מיר זיינען געוואָרן טיף גערירט פֿון זיין לעבהאַפֿטן פּנים און פֿון זיין רירעוודיגן שמייכל.

„אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט פּאָלי פֿאַר זיך אַ ליכטיגע צוקונפֿט — ער האָט יעדע געלעגנהייט אויסצוגעפֿינען וואָס ער וויל טאָן (אין איצטיגן מאָמענט איז דאָס: 1) צו ווערן אַן אַוויאַציע־אינזשענער, 2) אַ דאָקטאָר און 3) אַ מוזיקער) און ווען ער וועט באַשליסן וואָס ער וויל זיין וועט ער האָבן אַ פֿולשטענדיגע גלייכע געלעגנהייט מיט אַנדערע קינדער און וועט זיך טרעפֿן און באַקענען מיט קינדער פֿון פֿאַרשיידענע גרופּן און נאַציאָנאַליטעטן און וועט דערשפּירן אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן די פֿולשטענדיגע איינגקייט פֿון אַלע פֿעלקער.

ער וועט וויסן, אַז די עלטערן און די זיידעס און באָבעס פֿון אָט־די קינדער האָבן דורך אַ סך ליידן און דורך גרויסע קרבנות באַשאַפֿן אָט־דאָס נייע לאַנד, כדי זייערע זין און טעכטער זאָלן קאָנען האָבן אַ בעסער און רייכער לעבן."

## 2. די גאָלדענע אוקראַינע

ווען מיר רעדן וועגן דער „רוסישער אימפּעריע" באַנוצן מיר נישט דאָס ריכטיגע וואָרט. עס איז איצט ניטאָ קיין רוסישע אימפּעריע. דאָס וואָרט „אימפּעריע" ברענגט אויפֿן זין אַ באַשטימטן באַגריף, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון דעם גייסט פֿון דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס וואָרט „אימפּעריע" האָט דעם זין פֿון דאָמינירנדיגן קאָנטראָל. אין דער אַלטער רוסישער אימפּעריע האָט די צאַרישע רעגירונג דאָמינירט איבער די נאַציאָנאַלע גרופּן, וואָס זיינען געווען אַ טייל פֿון דער רוסישער אימפּעריע, און האָט זיי באַהאַנדלט ווי קאָלאָניעס, וואָס לאָזן זיך עקספּלואַטירן. דאָס וואָרט „סאָוועטן־פֿאַרבאַנד" ברענגט אויפֿן זין אַ גאַנץ אַנדער בילד.

דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אַ בונד פֿון מלוכות, וואָס נעמען אָן דעם פֿונדאַמענטאַלן פּרינציפּ פֿון אַ פּלאַנירטער אינדוסטריע פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכן געברויך און וואָס פֿאַראייניגן זייערע טעריטאָריעס אונטער אַ געמיינשאַפֿטלעכער סיסטעם, כדי צו פֿאַרווירקלעכן אָט־דעם פּרינציפּ, און פֿאַרמאָגן געמיינשאַפֿטלעכע שוץ־מיטלען אויף צו פֿאַרטיידיגן זיך קעגן אַ דרויסנדיגן אָנפֿאַל.

דער ארטיקל 13 פון דער קאָנסטיטוציע זאָגט אונז, אַז דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז אַ פעדערירטער שטאַט, וואָס איז געגרינדעט אויף דער באַזע פון אַ פרייוויליגן בונד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן מיט גלייכע רעכט פאַר אַלעמען.

די רעפּובליקן זיינען ווי פאָלגט:

די רוסישע סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די אוקראַינישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די ווייסרוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די אַזערביידזשאַנישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די גרוזינישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די אַרמענישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די טורקמענישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די אוזבעקישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די טאַדזשיקישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די קאַזאַכישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
די קירגיזישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

די רעכט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען זייער ברייטע. זיי פליסן נאַטירלעך ארויס פון דער אויפגאַבע פון דורכפירן, אָנהאַלטן און באַשיצן דעם מלוכה־פּלאַן, וואָס דאָס דערוועקט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און באַשיצט די אינטערעסן פון יעדן אָנטיילנעמענדיגן מיטגליד פון דער פעדעראַציע. אַלע מוזן האַנדלען צוזאַמען ביים שליסן אָפּמאַכן מיט אויסלענדישע מלוכות; אַלע מוזן נעמען אַן אָנטייל אין באַשיצן דאָס לאַנד און אין פראַגן פון קריג און שלום. אַלע דאַרפן אַכטונג געבן, אַז די קאָנסטיטוציעס פון די באַזונדערע רעפּובליקן זאָלן זיין אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר.; אַלע מוזן זיך באַטייליגן, אויב עס קומט אויס צו מאַכן אַן ענדערונג אין די גרענעצן צווישן איין רעפּובליק און אַ צווייטער. אַלע מוזן זיך באַטייליגן אין דער רעגולירונג פון אויסלענדישן האַנדל, וואָס איז אַ מלוכה־מאָנאָפּאָליע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלע מוזן זיך באַטייליגן אין אויסאַרבעטן די נאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע פּלענער, אין צוגרייטן דעם בודזשעט, אין פאַרוואַלטן מיט באַנק־קרעדיטן און מיט געלט־צירקולאַציע, אין האַנדלס־אונטערנעמונגען, טראַנספּאָרטאַציע, הלוואות, בילדונג און געזונט־שוץ. אַלע מוזן זיך באַטייליגן אין שאַפן פונדאַמענטאַלע אַרבעטער־געזעצן און אין פאָרמולירן די קרימינעלע און ציווילע געזעצן. אַלע מוזן זיך באַטייליגן אין פאָרמולירן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן וועגן רעגולירן דעם געברויך פון רוי־מאַטעריאַלן, פון וועלדער און פון וואַסערן.

אויסער אָט־די און ענלעכע ענינים — שאַפט יעדע רעפּובליק פון דער פעדעראַציע איר אייגענע קאָנסטיטוציע אין איינקלאַנג מיט דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציע פון פ.ס.ס.ר.

די מערסטע רעפּובליקן זיינען איינגעטיילט אין געגנטן, טעריטאָריעס און אויטאָנאָמע ראַיאָנען. די טעריטאָריע פון אַ פעדעראַטיווער רעפּובליק קאָן ניט געענדערט ווערן אָן איר צושטימונג.

*   *   *

די רעפּובליקן אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק לויט דער גרויס פון דער באַפעלקערונג, לויט דער אינדוסטריעלער און אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג און לויט דעם קולטור־מצב זייערן. אוקראַינע איז אַפילו אין די צאַרישע צייטן געווען גדיכט באַזעצט און איז לויט די דעמאָלסטדיגע רוסישע מאָס־שטאַבן געווען פאָרגעשריטן. די קאַזאַכן, טאַדזשיקן, קירגיזן און אוזבעקן זיינען נאָך אַלץ געווען אויף דער שטופע פון די פינצטערע און פרימיטיווע צייטן.

איצט אָבער גייען אַלע רעפּובליקן אין דער ריכטונג פון אַ גרעסערער אויסגלייכונג אין קולטורעלער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, בשעת יעדע רעפּובליק האַלט־אָן און פאַרשטאַרקט נאָך איר אייגנאַרטיגן לאָקאַלן קאָליר.

חוץ דער רוסישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער רע־פּובליק, איז די אוקראַינישע רעפּובליק די אינטערעסאַנטסטע פון די פינף רעפּובליקן, וואָס איך האָב באַזוכט. קיעוו, די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, איז די שענסטע שטאָט, וואָס איך האָב געזען. אוקראַינע פאַרנעמט אַ ריזיגן שטח אין דרום־מערב טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, גרענעצט זיך מיט רומעניע און פּוילן און ווערט צו דרום־צו געוואַשן פון די וואַסערן פון שוואַרצן ים און פון דעם אַזאָוו־ים. די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג איז כמעט אַזאַ, ווי אין דענמאַרק. אוקראַינע פאַרמאָגט כמעט אַ פינפטל פון דער באַ־פעלקערונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

היטלער האָט שטאַרק חשק צו אוקראַינע. עס איז פאַרשטענדלעך פאַר־וואָס. דאָס לאַנד איז אויסערגעוויינלעך רייך. אוקראַינע איז דער שפּייכלער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּראָדוצירנדיג מער ווי אַ פינפטל פון סאָוועט־טישן ווייץ *), אַ דריטל פון סאָוועטישן גערשטן, אַ פערטל פון דער קוקורוזע און כמעט דריי־פערטל פון די סאָוועטישע בוריקעס. איך בין געשטאַנען און האָב מיט באַוואונדערונג באַטראַכט די אוקראַינישע ווייץ־פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט־ווייט איבער די גלאַטע קאָנטורן פון די בערגלעך — העט ביזן האָריזאָנט. די פעטע ערד פון דעם „שוואַרצן פּאַס" פאַרמאָגט דעם בעסטן ווייץ־באָדן אין דער וועלט, און ציט זיך פון מזרח צו מערב. מאָדערנע מעטאָדן פון אַגריקולטור העלפן פאַרגרעסערן די נאַטירלעכע גע־רעטעניש פון אָט־דעם „שוואַרצן פּאַס". מיט אַ קלימאַט, וואָס איז דער מילדסטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און מיט גענוג רעגנס, איז אוקראַינע

---

*) די גערעטעניש פון 1939 איז געווען כמעט אויף אַ פערטל גרעסער, ווי אין 1938, מיט אַ דורכשניט פון אַרום 20 בושל ווייץ פער אַקער, וואָס דאָס מיינט פון 4 ביז 6 בושל מער, ווי דער אַמעריקאַנער דורכשניט.

דעם פּאַרמער'ס גן־עדן. די ברייטע טייכן — דער דניעפּער, דער דניעסטער, דער אינגול און דער פּריפּעט — באַוואַסערן די אוקראַיִנישע פּלאַכע לענדער. דעמבן, לינדעס ביימער און יאַסען וואַקסן רייך אין די ריזיגע וועלדער פון אוקראַיִנע; צו דרום־צו שפּרייטן זיך די אומענדלעכע אוקראַיִנישע סטעפּעס.

ניט בלויז דאָס ווייץ אַליין ציט היטלער'ן. ער האָט שטאַרק חשק צו די קוילן פון דעם דאָנעץ־באַסעין — אַן אוצר פון 66,000 מיליאָן טאָן קוילן; און אויך דאָס אייזן פון קריוואָי־ראָג — 800 מיליאָן טאָן; דאָס קוועקזילבער פון ניקאָטאָווקאַ, בליי און צינק־ערץ און גאָלד, און פאָספאָריטן, און לאַבראַדאָריטן, און מאַרמאָר, און דאָלאָמיטן.

אוקראַיִנע פּאַרמאָגט ריזיגע נאַטירלעכע אוצרות. נאָך איידער אוקראַיִנע האָט אויפגעוועקט היטלער'ס חשק, האָט זי צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַנדערע אינדוסטריעלע מלוכות, וואָס ליגן נאָך ווייטער צו מערב. אין 1938 האָט סטאַלין געשריבן:

„פאַר דער רעוואָלוציע האָבן די אימפּעריאַליסטן פון מערב עקספּלואַטירט אוקראַיִנע אויף אַ פאַרשטעלטן אופן. נאָך דעם, ווי זיי האָבן געגרינדעט ריזיגע אונטערנעמונגען (פאַר קוילן, מעטאַל און אַזוי ווייטער) אין אוקראַיִנע און נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַר זיך פאַרזיכערט אַ מאַיאָריטעט פון די אַקציעס, האָבן די אימפּעריאַליסטן פון פראַנקרייך, בעלגיע און ענגלאַנד זיך גענומען שטילערהייט אָפּצאַפּן דאָס בלוט פון דעם אוקראַיִנישן פאָלק אויף אַ לעגאַלן, אויף אַ „געזעצלעכן" אופן."

כאָטש אוקראַיִנע איז געווען אינדוסטריעל דער בעסט־אַנטוויקלטער טייל פון דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע, איז זי אָבער פאַרבליבן צוריקגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט די מער־פאַרגעשריטענע אינדוסטריעלע לענדער. דער סאָוועטישער בירגער האָט געהאַלטן די אַריינדרינגונג פון דעם מערב־איראָפּייאישן קאַפּיטאַליזם פאַר אַ פאַרברעכן.

פון אַ ברייטערן שטאַנדפּונקט איז אָבער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אפשר אַ גרעסערער בעל־חוב צום אינדוסטריעלן אונטערנעמונגס־גייסט פון מערב, ווי ער איז דאָס גרייט צו אָנערקענען, ווייל דאָס האָבן דאָך די אינדוסטריעלע אַרבעטער דורכגעפירט די רעוואָלוציע, און אוקראַיִנע אַליין האָט דאָך אַרויסגעגעבן אַ וואָראָשילאָוו, דעם אייזנבאַן־אַרבעטער, וואָס האָט צוריק אַרויסגעריסן אוקראַיִנע פון די דייטשע הענט. איצט איז ער דער הויפּט פון דער רויטער אַרמיי, איר אויבער־קאָמאַנדיר, און עס וואַקסן שוין אויס לעגענדעס וועגן אים.

צוויי לעגענדעס וועגן וואָראָשילאָוו'ן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. אין אַ קריטישן מאָמענט אין דער צייט פון דער אינטערווענציע איז צאַריצין — אַ וויכטיגע שטאָט פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — געווען באַלאַגערט פון די ווייסע קאָזאַקן, און עס האָט אויסגעקוקט, אַז די שטאָט מוז פאַלן. די אַלטע סאָוועטישע גענעראַלן האָבן די שטאָט אָפּגעמעקט פון דער מאַפּע און

האָבן זיך געגרייט צוריקצוטרעטן. סטאַלין האָט באַפוילן דעם יונגן וואָראָ־שילאָוו צו טרעפן זיך מיט אים אין דעם מיליטערישן צוג און האָט אים איבערגעגעבן די פאַרטיידיגונג. וואָראָשילאָוו האָט אין דער זעלבער צייט זיך דערוואוסט, אַז לעניןן, אויף וועמען ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ מאָרד־אָנפאַל, האַלט ביים שטאַרבן. לעניןן האָט געשפּיגן מיט בלוט. אַ גוטע נייעס וועגן אַ זיג וואָלט אים אפשר געקאָנט ברענגען צו זיך. די מלחמה איז אָבער געגאַנגען שלעכט אויף אַלע פראָנטן. וואָראָשילאָוו פאַרט אָפּ אויף שנעל און שטילערהייט און פאַרוואַנדלט אַ צוריקטריט אין אַן אָנגריף. ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון זיין רויטער ארמיי און זי אַ שליידער געטאָן ווי אַ שטורעם־ווינט געגן די קאָזאַקן, זיי אריינגעטריבן אין דעם טייך דאָן און זיי פאַרטריבן אויף דעם צווייטן ברעג. סטאַלין האָט באַלד אָוועקגעשיקט אַ דעפּעשע צו לעניןנען. דער גאַנג פון קריג האָט זיך געענדערט. דאָס לעבן פון דעם פירער איז געראַטעוועט געוואָרן אויף נאָך אַ שטיקל צייט.

אַ צווייטע לעגענדע דערציילט, אַז איינמאָל, בשעת עס איז אָנגעגאַנגען אַ שווערע שלאַכט און עס האָט אויסגעפּעלט שפּייז, האָט וואָראָשילאָוו מיט דער הילף פון עטלעכע פרויען און געשיקטע בחורים פאַרכאַפּט ביים שונא אין אַ פינצטערער נאַכט אַ וואָגן שפּייז און צוזאַמען מיט זיינע ארויסהעלפער האָט ער אריבערגעשלעפּט דעם וואָגן צו זיך אין לאַגער אריין. בעת זיי האָבן זיך געשלעפּט מיטן וואָגן איבערן שליאַך, האָט אַ פרוי אָנגעהויבן שווער אָטעמען און איז געבליבן שטיין. ווי גרויס איז געווען זיין שרעק, ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז די פרוי איז שוואַנגער. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז זי זאָל פאָרן אויף דעם וואָגן, בשעת ער און די אַנדערע האָבן געשלעפּט די פאַרגרעסערטע משא. פאַרטאָג, ווען מען איז אָנגעקומען אין לאַגער, איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן.

שפּעטער, ווען מען איז צוריקגעטראָטן, האָט ער זיך דערוואוסט פון אַ שפּעט־צוריקגעקומענעם, אַז דער וואָגן איז אויפגעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון אַ קאַנאָנען־קויל און אַז מען האָט דעם וואָגן איבערגעלאָזט ניט ווייט פון דעם לאַגער פון די ווייסע. דער טאַטע און די מאַמע פון דעם קינד זיינען ביידע דער׳הרג׳עט געוואָרן.

— און וואו איז דאָס קינד? — האָט וואָראָשילאָוו געפרעגט.

— דאָס קינד איז געבליבן ליגן אומבאַשעדיגט אונטער דעם וואָגן — איז געווען דער ענטפער.

ניט אויסרעדנדיג קיין וואָרט, איז ער ארויף אויף זיין פערד און אין דער באַגלייטונג פון צוויי אייזנבאַן־ארבעטער פון לוגאַנסק האָט ער זיך אוועקגעלאָזט גלייך צוריק צו די דערשטויינטע ווייסע. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד איידער אַ שאָס האָט אים געקאָנט אָניאָגן, איז אַוועק צוריק און האָט דאָס קינד איבערגעגעבן אין די הענט פון די פרויען מיט אַ באַפעל, אַז זיי מוזן קריגן אַ ציג, כדי דאָס קינד זאָל האָבן מילך.

זיי האָבן דאָס מיידעלע גערופן גול־גול, ווי וואָראָשילאָוו האָט איר א נאָמען געגעבן, און זי איז אויסגעוואקסן אויפן פראָנט.

* * *

אוקראַינע גייט פאָראויס מיט ריזן־טריט. זי פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם ערשטן פּלאַץ ווי אַ קוילן־, אייזן־ און שטאָל־באַזע פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די ציפערן פון פּראָדוקציע האַלטן אין איין שטייגן. אין באַצוג צו קוילן האָט אוקראַינע אַליין איבערגעיאָגט פּוילן, פראַנקרייך און יאַפּאַן; אין באַצוג צו אייזן־ערץ האָט אוקראַינע איבערגעיאָגט דייטשלאַנד, ענגלאַנד, שוועדן און שפּאַניע. די קיראָוווער אייזן־ און שטאָל־פאַבריקן אין מאַקאַיעווקע פּראָדוצירן אַליין אַזוי פיל רוי־אייזן, ווי פּוילן און איטאַליע צוזאַמענגענומען.

עס ווערן אין אוקראַינע פּראָדוצירט אַלץ מער מאַשינען: טראַקטאָרס, וואָס קאָנען אין איין שעה צעאַקערן אַזוי פיל ערד, ווי אַן אַקער געשלעפּט פון אַ פערדל האָט געקאָנט צעאַקערן אין אַ טאָג; דאַמף־געטריבענע טורבינען, וואָס שאַפן עלעקטרישע קראַפט אויף צו באַלייכטן הייזער, קאָכן מאָלצייטן און פּרעסן קליידער; לאָקאָמאָטיוון פאַר נייע אייזנבאַנען און שניט־קאָמבאַינען פאַר די ווייץ־פעלדער פון די סטעפּעס.

די סאָוועטישע אוקראַינע דאַרף מער ניט קיין אויסלענדישע אינזשענערן און פאַרלייט. די זין און טעכטער פון אירע אייגענע פּויערים און אַרבעטער דינען איר איצט נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט אין אירע אייגענע שולן, קאָלעדזשעס און טעכנישע אינסטיטוטן.

די אוקראַינער זיינען שטאָלץ — שטאָלץ מיט זייערע טראַדיציעס און שטאָלץ מיט זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך. אוקראַינע האָט אירע אייגענע דיכטער און שרייבער. היי־יאָר פייערט מען דעם 125טן געבורטסטאָג פון שעווטשענקאָ, דעם אוקראַינישן פרייהייטס־דיכטער. שעווטשענקאָ איז געווען אַ פאָלקס־דיכטער אין דעם אמת'ן זין פון וואָרט. ער האָט געשטאַמט פון דעם פּשוט'ן פאָלק; ער האָט געלעבט מיט דעם פאָלק; ער האָט געליטן מיט דעם פאָלק און איז געווען צוגעבונדן צו דעם פאָלק דורך די אומשטאַנדן פון זיין אייגענעם לעבן. מיט שוועריגקייטן האָט ער געקראָגן זיין אייגענע באַפרייאונג פון שקלאַפעריי. צו זיין גרויסן האַרץ־ווייטאָג זיינען זיין ברודער און שוועסטער פאַרבליבן קנעכט. זיין לײדנשאַפט צו פּאָעזיע און מאָלעריי האָבן אים געהאָלפן זיך אויסצייכענען אין ביידע קונסטן, נאָר זיין פרײדיגונג וועגן אַ געזעלשאַפט, וואו עס זאָלן ניט זיין קיין הארן און ניט קיין קנעכט, איז שטאַרק ניט געפעלן דער רעגירונג, און מען האָט אים פאַרשיקט ווי אַ פּשוט'ן סאָלדאַט. צוגעגעבן צום אורטייל — און אין דעם צאַר'ס אייגענער האַנטשריפט — איז געווען אַ פאַראָרדענונג, וואָס האָט אים פאַרבאָטן צו שרייבן אָדער צו מאָלן.

שעווטשענקאָ'ס טאָג־בוך איז אַ פאַרכאַפּנדיגער דאָקומענט. איך נעם אַרויס אָט־די פאַרקירצטע קליינע פאַרצייכענונג:

„סקאָבעלעוו איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן. איך געדענק אים דער עיקר צוליב די אוקראַיִנישע לידער, וואָס ער האָט געזונגען. ער האָט געהאַט אַ צאַרטע טענאָר־שטימע, און זיין זינגען האָט פאַרמאָגט אַן איינגאַרטיגע אויסדריקלעכקייט:

„עס לויפט אַ קליינער טייך
דורך אַ זיסן ווײַנשל־גאָרטן."

„ווען ער פלעגט זינגען, פלעג איך פאַרגעסן, אַז דאָס הער איך זיך צו אין אַ קאַזאַרמע צו אָט־דעם טייערן לידעלע. עס פלעגט מיך אַוועק־טראָגן צוריק צו די ברעגן פון דניעפּער, צו פרייהייט, צו מיין טייערן היימלאַנד. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט־דעם אָרעמען, האַלב־נאַקעטן, טונקל־הויטיגן בחור ווי ער איז געזעסן און פאַררוכט זיין העמד, און ווי ער האָט מיך אַוועקגעטראָגן אַזוי ווייט פון דער קאַזאַרמע מיט דער פשטות פון זיין זינגען.

„סקאָבעלעוו האָט דורך אַ צופאַל אויסגעפונען, אַז דער לייטענאַנט אַבריאַדין, וואָס ער האָט אים געטריי געדינט ווי אַ דיענשטשיק, האָט אַוועקגעוואָרפן אַ בריוו, וואָס מען האָט געשיקט פון דער היים, און צוגע'גנב'עט די צען רובל אין דעם בריוו. סקאָבעלעוו האָט גענומען דעם לידיגן קאָנווערט מיט די זיגלען, וואָס האָבן אויסגעזאָגט די גאַנצע געשיכטע, און איז אַוועק גלייך צו אַבריאַדינ'ען, פאָדערנדיג דאָס געלט. דער אָפיצער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. סקאָבעלעוו האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַנדרייען דעם אָפיצער די אויערן. עס זיינען געווען עדות, און סקאָבעלעוו איז אַרעסטירט געוואָרן. עס איז דורכגעפירט גע־וואָרן אַ פאַרהער און אַבריאַדין האָט געקראָגן אַ באַפעל צו רעזיגנירן, נאָר סקאָבעלעוו'ן האָט מען פאַראורטיילט דורכצוגיין „סקוואַז סטראָי" און קריגן 200 קלעפּ, און דערנאָך האָט מען אים פאַרשיקט מיטן עטאַפּ קיין אָמסק אויף זיבן יאָר.

„אָרעמער, אומגליקלעכער סקאָבעלעוו! ערלעך און נאָבל האָסטו געגעבן יענעם דזשענטלמעניש רויבער אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, און פאַר אָט־דער ערלעכער האַנדלונג האָסטו געמוזט גיין „סקוואַז סטראָי" און געשיקט ווערן אין קייטן צו די ברעגן פון די איינזאַמע טייכן אירטיש און אָם. איך טראַכט, צי ווײַסטו אין דיין נייער געפאַנגענשאַפט ווען ניט איז אָנטרעפן נאָך אַזאַ אויפמערקזאַמען און דאַנקבאַרן צוהערער פון דיינע זיסע און טרויעריגע לידער, ווי איך בין געווען."

שעווטשענקאָ'ס ווערטער האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין די הערצער פון דעם פאָלק. דאָס, וואָס פּושקין האָט אויפגעטאָן פאַר די רוסן, דאָס האָט שעווטשענקאָ אויפגעטאָן פאַר די אוקראַיִנער. ער האָט געגעבן אויסדרוק צו זייער דורשט נאָך פרייהייט און ברידערלעכן לעבן. ער האָט אויפגעדעקט דעם אוצר פון דער פאָלקס־שפּראַך און באַוויזן ווי מעלאָדיש די אוקראַיִנישע שפּראַך איז. זיין קבר, וואָס געפינט זיך אויף אַ הויכן ברעג איבערן דניעפּער, איז געוואָרן אַ הייליגטום, אַן אָרט פאַר פּילגרימען.

איצט איז די אוקראַיִנישע שפּראַך פריי און די אוקראַיִנישע קולטור ווערט דערמוטיגט. אוקראַיִנישע קינדער לערנען זיך אויף זייער מוטער־

שפּראַך. רוסיש איז אַ צוגאָב־שפּראַך. סאָוועטישע קינדער לערנען אומעטום צום ווינציגסטן צוויי שפּראַכן. די מערסטע קינדער אין ענגלאַנד לערנען בלויז איין שפּראַך. אין 1936 זיינען אויף דער אוקראַינישער שפּראַך גע־דרוקט געוואָרן הונדערט מאָל אַזוי פיל ביכער ווי אין 1914 ; און בעת פאַר דער רעוואָלוציע איז אַרויסגעגאַנגען בלויז איין אוקראַינישע צייטונג, ווערן איצט אַרויסגעגעבן 1,400 אַזעלכע צייטונגען.

אוקראַינע וואַקסט און ווערט רייכער און שטאַרקער — אַזוי שטאַרק, אַז די הויפּט־שטאָט איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון כאַרקאָוו צוריק קיין קיעוו, צוריק צו דער אַלטער היים, וואָס איז מער אויסגעשטעלט צו אַן איבערפאַל ביי דער מערב־גרענעץ. מען האָט דאָרט מער קיין מורא ניט, אַז אוקראַינע זאָל באַזיגט ווערן. מען רעדט דאָרט היינט ווייניגער וועגן אַ מאַרש אויף אוקראַינע. אין די הונגער־יאָרן האָט נאָך אויסגעזען מעגלעך, אַז די האָפענונג פון די דרויסנדיגע שונאים צו פאַרכאַפּן אוקראַינע זאָל מקוים ווערן, ווייל דעמאָלט האָבן די רייכערע אוקראַינישע פּויערים פאַרברענט זייער תבואה און אויסגעשאָכטן זייער פי, אַבי דאָס ניט אָפּגעבן דער צענטראַלער רעגירונג, אַבי ניט אויסבייטן זייער פּריוואַטע לאַנד־ווירטשאַפט אויף אַ לעבן אין אַ קאָלעקטיוו. ס'איז געווען אַ טראַגישע צייט. די פּויערים זיינען געווען איינ־געשפּאַרט און האָבן ניט באַנומען די לאַגע. די מלוכה איז געווען אין גרויס געפאַר. עס איז געקומען אַ שלעכטע גערעטעניש ; עס האָט אויסגעפעלט ברויט ; עס איז געשאַפן געוואָרן אַ צושטאַנד שיעור ניט פון בירגער־קריג און עס זיינען געווען — ווי די לעצטע פּראָצעסן האָבן דאָס באַוויזן — גרופּן אין וויכטיגע פּאָזיציעס, וואָס האָבן געהעצט צו אַ רעוואָלט און האָבן געשאַפן געפערלעכע שוועריגקייטן פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מען איז איבערגעקומען דעם שטורעם, און היטלער וועט איצט ניט גע־פינען קיין „פינפטע קאָלאָנע" אין אוקראַינע, אפילו ווען אים זאָל זיך איינגעבן צו שאַפן אַ שטיקל אַרמיי פון דעם האַלבן מיליאָן רומענישע אוקראַינער פאַר אַ מאַרש געגן די 30 מיליאָן, וואָס טראָגן איצט דעם נאָמען אוקראַינער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

* * *

די הויפּט־שטאָט קיעוו איז זייער אַן אינטערעסאַנטע שטאָט. דער מיליאָן איינוואוינער פון דער שטאָט איז נאָך אינטערעסאַנטער. איך בין קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו שפּאַצירן איבער איר נאָבעלער צענטראַלער גאַס און איבער די אויסערגעוויינלעך־ברייטע טראָטואַרן—30 און אפילו 40 פוס די ברייט, אין קיעוו ווי אין ראָסטאָוו — וואָס זיינען אין אַ זומערדיגן אָוונט איבערגעפּאַקט מיט אַן ענדלאָזן שטראָם געמיטלעכע שפּאַציר־גייער. רייען יונגעלייט און רייען יונגע מיידלעך, אָרעם אין אָרעם, צו זעקס און צו אַכט אין דער ברייט פון טראָטואַר, האַלטן אָן אַ פריילעכע גערעדעריי בשעת זיי שפּאַצירן, און זעען אויס אַזוי געזונט און מונטער, ווי יונגע מענטשן דאַרפן אויסזען. קיין

איין־איינציג מאָל האָב איך ניט געזען קיין סימן פון גראָבקייט, אָדער פון כוליגאַניזם, אָדער פון „שטופּן זיך", ווי מען רופט דאָס ביי אונז אין לאַנקאַשיר.

די קראָמען זיינען געווען איבערגעפּאַקט; די צענטראַלע שפּייז־קראָמען זיינען געווען גרויס, העל באַלויכטן, אויסערגעוויינלעך ריין און אַזוי וויסנ־שאַפטלעך מאָדערן, ווי וועלכע ניט איז קראָמען אין לאָנדאָן, אָדער מאַנ־טשעסטער. זיי זיינען אויך געווען פאַרכאַפּנדיג פאַרן אויג מיט זייערע שפּייזן, וואָס זיינען געווען גרייט צום קאָכן, באַשיצט אונטער גלאָז, און געהאַלטן קאַלט דורך וויים־פּאַרפּרוירענע רערן, גרייט פאַר דעם קויפער, בלויז מיט אַ פינגער אָנצואווייזן. דאָרט זיינען געווען אויסגעלייגט אַ סך פאַרשיידענע סאָרטן שפּייז: טשאַפּס און קאָטלעטן און פיש, און עוף, איינגעטונקען אין צעשלאָגענע אייער און באַשפּרענקלט מיט צעקרישלט ברויט, גרייט צו גיין אין אויוון אריין און דערפירן די אַרבעט פון דער באַלעבאָסטע צו אַ מינימום.

אַ גרויסער בוך־געשעפט האָט געהאַט אַ ספּעציעלן צימער פאַר קינדער מיט לעדער־געדעקטע, ווייכע בענקעלעך פון אַ קינדערשער גרויס. קינדער זיינען דאָ געזעסן און האָבן געלייענט און דורכגעקוקט די ביכער, וואָס זיי האָבן געוואָלט קויפן; געניטע אויפפּאַסער האָבן פון צייט צו צייט געהאַלטן רעדעס וועגן ביכער און האָבן אָנגעוויזן וואָס ס'איז בעסער צו קויפן.

דער מזל האָט מיר צוגעשפּילט, ווען איך בין אָנגעקומען אין „קינדער־פּאַלאַץ" גראָד דעמאָלט, ווען דאָרט איז אָנגעגאַנגען אַן אויסשטעלונג פון קינדערשער אַרבעט. די זעקס־ און אַכט־יאָריגע האָבן דאָרט געהאַט צייכע־נונגען און מאָלערייען פון סצענעס פון פּושקינ'ס דערציילונגען, געמאַכט מיט אַ סך פאַנטאַזיע. דאָס זיינען געווען פאַרכאַפּנדיגע קליינע בילדער אין בונטע קאָלירן. דאָ זיינען געווען תיבות אויף שטורמישע וואַסערן מיט פייערדיגע נידעריגע הימלען, אָדער אינזלען אין זוניגע ימים מיט פעכערדיגע פּאַלמען. די עלטערע קינדער האָבן דאָ געהאַט בילדער פון פּושקינ'ען אַליין, זיין היים און פאַרשיידענע אינצידענטן פון זיין לעבן און פון זיין טויט. זיי האָבן געהאַט מאָלערייען אויף טויזנט אַנדערע טעמעס. דאָ איז געווען אַ סך טאַלאַנט און אַ באַהערשונג פון קאָליר און ליניע, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיט אונזערע בעסטע קינדער־מאָלערייען. די אוקראַאינער האָבן אַן איינ־געבוירענעם חוש פאַר שיינקייט; אוקראַינע איז דאָס לאַנד פון דעם אויס־געצייטן העמד און דער בלוזע. אוקראַינע צייכנט זיך אויס אין אַ סך פאָרמען פון קונסט, ספּעציעל אין מוזיק. אַ באַרימטע מוזיק־אַקאַדעמיע אין אָדעס גיט אַרויס אַ סך קינדער, וואָס געווינען קאָנקורס־פּריזן. צווישן אָט־די קינדער זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויס די זיגער אויף וועלט־פאַרמעסטן.

קיעוו שטאָלצירט מיט דעם אַלטן מאָנאַסטיר, די לאַווורע, און מיט וולאַ־דימיר'ן, דעם קריסטלעכן פירשט, „וועלכער האָט געעפנט די טירן צו דער קולטור פון מערב־אייראָפּע" דורך דעם אַלטן און פּראַכטפולן קאַטעדראַל פון

סט. סאָפיאַ. דער מאַנאַסטיר איז זייער גוט פּרעזערווירט געוואָרן, ווי יעדער אַלטער דענקמאָל אין שטאָט, ספּעציעל די מאָזאַאיק אין דעם אַלטן קאַטעדראַל. די סאָוועטישע מענטשן זיינען כמעט אַזוינע פאַרגעמערער פון אַלטע געביידעס, ווי די אַמעריקאַנער, און זיי ווייסן אויך ווי אָפּצושאַצן אַלטע קונסט־ווערק.

די לאַווראַ ווערט אויסגענוצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן; מען רופט זי דאָרט אַנטי־רעליגיעזער מוזיי. מען ווייזט אייך די באַהאַלטענע טיר הינטערן אַלטאַר און דאָס שטריקל, מיט וועלכן דער גלח האָט געצויגן די איקאָנע, זי זאָל זיך פאַרנייגן צו די דערשטוינטע און אַבערגלויבערישע פּויערים, אויב די מתנה, וואָס זיי האָבן געבראַכט, האָט פאַרדינט אַ נס. אויף אָט־די און אַלע אַנדערע קונצן האָב איך בלויז געקאָנט זאָגן מיט אַ שמייכל: „מיר זיינען אין ענגלאַנד פּטור געוואָרן פון אָט־דעם סאָרט זאַכן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק. ביי אונז מיינט רעליגיע אַנדערע און בעסערע זאַכן.״

אפשר מער ווי אַלץ האָט זיי פאַרביטערט דער קאָנטראַסט צווישן אָט־דעם שרייענדיגן רייכטום און דער קאָסטבאַרקייט פון די מתנות, וואָס די אַדעליגע גרויסע ערד־באַזיצער פלעגן ברענגען, און דער אָרעמקייט און אומוויסנהייט פון די פּויערים, וואָס פלעגן קומען אין דער לאַווראַ. אין זייערע אויגן האָט דאָס אויסגעזען ניט בלויז אַבערגלויבעריש, נאָר אויך האַרצלאָז און אכזריות׳דיג.

די איינוואוינער פון קיעוו זיינען געווען באַזונדערס אויפגעבראַכט קעגן די געשיכטעס, וואָס מ׳האָט פאַרשפּרייט און געגלויבט אין די מערב־לענדער וועגן אוממאָראַלישקייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס וואָלט געווען שווער צו געפינען נאָך אַזאַ שטאָט און נאָך אַזאַ לאַנד, אויף ווי ווייט איך ווייס, וואָס זאָלן זיין מער מאָראַליש, איידער קיעוו און די סאָוועטישע אוקראַינע.

שנעל־לויפנדיגע עלעקטרישע טראַמוואַיען פירן אייך פון קיעוו אויפן לאַנד דורך גאַסן, וואָס זיינען דערווייל בלויז האַלב־ברוקירט, און פאַרביי הייזער, וואָס מען האַלט אין בויען. איך בין געווען איבערראַשט פון דער צאָל אינדיווידועלע הייזער, וואָס קאָנקורירן איצט מיט די גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער, וועלכע פאַרנעמען גאַנצע בלאָקס. אַ סך רוסן, פּונקט ווי ענגלענדער, האָבן ליב אַ הויז מיט אַן אייגענעם גאָרטן.

אויסער דער שטאָט ציען זיך די גרויסע סאָסנאָווע וועלדער, וואָס אין איינעם פון זיי שטייט אַ סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָזע קינדער. דאָס איז אַ פּראַכטפולער היימלעכער פּלאַץ מיט גרויסע, זוניגע געביידעס, מיט פיינע ברייטע סטעזשקעס און בלומען־בייטן און מיט אַ קליין־וואוקסיגן ענטוזיאַסטישן דאָקטאָר אין דער שפּיץ, וועלכן מיין באַגלייטער — אַ שאָטלענדישער ספּעציאַליסט איבער דער טובערקולאָז־קראַנקהייט — האָט לאַנג און זייער גרינטלעך אויסגעפרעגט וועגן דעם אַנשטאַלט. די קינדער האָבן אונז באַגריסט מיט בלומען און אונטערהאַלטן מיט געזאַנג, רעדעס און טענץ. זיי האָבן

זיך באַנומען פולשטענדיג נאַטירלעך און ניט־געצוואונגען. מען האַלט זיי אין דער סאַנאַטאָריע ביז זיי ווערן אויסגעהיילט. דאָ זעצן זיי פּאָר זייער לערנען, פּונקט ווי אין דער היים. עס זיינען דאָ לערער, וועלכע וואוינען טאַקע דאָ, און עס זיינען אויך דאָ דרויסנדיגע לערער. קיין זאַך ווערט ניט געשפּאָרט צו מאַכן דאָס לעבן פון די קינדער פולשטענדיג נאָרמאַל.

* * *

אין דרום־מזרח פון אוקראַינע — אַרום אָדעס — שפּרייטן זיך די אומ־ענדלעכע סטעפּעס, וואָס ווערן איצט קולטיווירט פון די קאָלעקטיווע פאַרמערס. איך בין צופעליג אָנגעקומען אין איינעם פון אָט־די קאָלעקטיווע פאַרמס אין דעם טאָג, ווען מען האָט זיך גע'חשבונ'ט און ווען מען האָט געהאַלטן אין אויסטיילן יעדן איינעם זיין חלק ווייץ, ווייז און מזומן געלט. די גערעטעניש איז געווען אַ גוטע און עס איז געווען וואָס צו צעטיילן. די לוין־נאָרמען זיינען געווען מאָדנע און פון אַן ענגלישן שטאַנדפּונקט איז דאָס געווען עפּעס ווי מיטן קאָפּ־אַראָפּ. דער מאַן, למשל, וועלכער האָט געטריבן אַ טראַקטאָר, אָדער דאָס געשולטע מיידל, וואָס האָט געהאַט אויפזיכט איבער דער חזיר־צוכט, האָט געקראָגן מער פון דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער: זיי זיינען געווען טעכניקער.

אויף דער פאַרם זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן נייע געביידעס אַרום דעם צענטראַלן בנין. אַ פּראָצענט פון די פּראָפיטן ווערט יערלעך אָראָפּ־גענומען ווי אַ גרונד־קאַפּיטאַל, וואָס ווערט צוריק אינוועסטירט אין דער אונטערנעמונג צוליב צוקונפטיגע פאַרגרעסערונגען פון איינקונפט און לוין. די וועגן זיינען נאָך געווען שלעכטע און דעם פּלאַץ האָט געפעלט די צירלעכע נעטקייט פון אַ האָלענדישער אָדער דענישער פאַרם, נאָר אומעטום זיינען געווען סימנים פון ענערגיע און צוזאָגן פאַר ווייטערדיגע אויפטוען.

דער חזיר־שטאַל, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט מוטערס און מיט זויגלינגען פון פאַרשיידענעם עלטער, האָט איבערשטיגן אַלץ, וואָס איך האָב ווען געזען. ס'איז דאָ געווען אויסערגעוויינלעך ריין, און איך — ווי אויך אַלע, וואָס זיינען אַהער אָריינגעקומען — האָבן געמוזט גוט אָפּרייניגן די שיך אין דעם זעגאַכץ אויסגעמישט מיט אַ דיזינפעקטיר־שטאָף, וואָס איז געלעגן ביי דער שוועל. דאָס איז געטאָן געוואָרן, כדי מיר זאָלן, חלילה, ניט אַריינטראָגן קיין געפערלעכע באַצילן אויף אונזערע שיך.

וויינצוכט איז געווען אַ נייע אונטערנעמונג אויף אָט־דער פאַרם און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג. אין אַ גרויסן שפּייכלער זיינען געווען פעסער מיט פּראַכטפולן וויין, וועלכן איך בין געווען געצוואונגען צו פּאַרזוכן.*) די פאַרם איז געשטאַנען אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט

*) מיט וויינטרויבן זיינען איצט פאַרזייט 154,000 אַקער לאַנד, און די וויינ־צוכט שפּרייט זיך אויס צו צפון־צו. וויינטרויבן ווערן איצט קולטיווירט אויף אַ זאַמדיגן באָדן לעבן קיעוו.

דעם אַגריקולטורעלן קאָלעדזש אין אָדעס, וואו מען גיט פּראַקטישע עצות יעדן איינעם, וואָס ווענדט זיך אַהין.

מיר האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן דאָרף — אַ צאָל ברייט־אויסגע־שפּרייטע הילצערנע הייזער, וואָס זיינען גאַנץ ווייט איינס פון אַנדערן ווי אַ באַוואָרעניש נעגן פייער־אויסשפּרייטונג. יעדעס הויז האָט געהאַט אַן אייגענעם שטיק ערד, וואו די פּריוואַטע פי און הינער פון די דאָרפסלייט ווערן געהאַלטן.

אין דער „נורסערי" זיינען אַרום צוואַנציג קינדער געשלאָפן אין ריינע בעטעלעך. זיי זיינען געווען אין וויקל־שנורן, לויט דעם רוסישן שטייגער. אַן עלטערע מוטערלעכע פרוי האָט אויפגעפּאַסט אויף די קינדער, זיי געהאַלטן ריין און געזאָרגט פאַר זייערע באַדערפענישן.

די ראַדיאָ, דער גראַמאָפאָן און דער וועלאָסיפּעד רייסן זיך אַריין אין דאָרף, און כאָטש דער לעבנס־סטאַנדאַרד איז נאָך ניט אַזוי הויך, ווי ביי אונז, איז אָבער דאָ אַ גרעסערע מאָס גלייכהייט, און דער לעבנס־סטאַנדאַרד הויבט זיך מיט אַ וואַקסנדיגער שנעלקייט.

זיבן און צוואַנציג טויזנט אַזעלכע קאָלעקטיווע פאַרמס שפּרייטן זיך אוים איבער די סטעפּעס און איבער דעם פּאַס „שוואַרץ־ערד". קיין ענדערונג אין לאַנד איז ניט גרעסער ווי די ענדערונג אויפן לאַנד.

* * *

די שיף אויפן שוואַרצן ים, וואָס האָט מיך געפירט פון גרוזיע קיין קרים, און שפּעטער פון קרים קיין אָדעס, איז געווען אַ גרויסע און שיינע שיף מיט פּראַכטפולע קאַבינען, סאַלאָנען און מאָלצייטן. די דעקן זיינען געווען פריי פאַר די פּאַסאַזשירן פון אַלע קלאַסן. די מער־פּרימיטיווע פּויערים, וועלכע זיינען געפאָרן פון קאַווקאַז קיין אוקראַינע, זיינען געזעסן איינגע־נורעט אין פאַמיליע־קרייזן אין פאַרשיידענע ווינקלען. עס איז געווען אַ הייסע נאַכט — צו הייס צו שלאָפן אין די קאַבינען — און איך האָב פון צייט צו צייט אַרומגעוואַנדערט צווישן די שלאָפנדיגע גרופּן אויף די דעקן. דאָ האָט אַ פרוי, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע קינדער, גע־דריקט איר עופּה'לע צו איר ברוסט; און דאָרט האָט אַ מאַן געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך זיין באַלאַלאַיקע, ווייל אַ פּויער האָט ליב מוזיק. די קליידער זיינען מערסטנס געווען אַלטע, פּויערישע מלבושים. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען קליידער נאָך ניט קיין מאָס פון וואוילשטאַנד, און אַ סך שלעכט־געקליידעטע פּויערים זיינען אין דער ווירקלעכקייט גאַנץ גוט־אָפּ. עס וואַקסט אָבער די טענדענץ זיך בעסער צו קליידן, און עטלעכע פון די יונגע מענער און פרויען, וואָס זיינען דאָ געווען אויף וואַקאַציע, זיינען געווען אָנגעטאָן אין די פיינע ספּאָרט־קליידער פון די באַרג־קלעטערער אין די אַלפּן־בערג מיט ספּעציעלע שטיוול פאַר די בערג און סוועטערס מיט „זיפּערס".

איך מוז זיך מודה זיין, אַז מיר האָבן אויסגעפּעלט גוטע מאַניערן, ווען

איך בין אין איין נאָכמיטאָג געזעסן אין דעם רויך־סאַלאָן, וואָס האָט געהאַט פּראַכטפולע פּאַנעלן און נידעריגע קאַפע־טישלעך פון געשניצטן האָלץ. אַזוי ווי איך בין געווען פאַרמאַטערט פון ארומגיין, האָב איך אויסגעצויגן די פיס, כדי זיי אָפּרוען, און האָב זיי אָוועקגעלייגט אויף אַ נידעריג טישל. בשעת מעשה האָב איך געהאַלטן אין רעדן צו מיינע פריינט. איך האָב אָבער פאַר־זיכטיג אויסגעמידן ניט אָנצורירן דאָס טישל מיט מיינע שיך. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז צו מיר צוגעקומען דער קאַפּיטאַן מיט גאָלדענע פּאַסן אויף זיין מונדיר און האָט מיט העפלעכקייט און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל מיך געבעטן דאָס ניט צו טאָן. זעענדיג, אַז איך בין אַן אויסלענדער, האָט ער מיט אַנטשולדיגונג געזאָגט: „דאָס איז ניט אָנגענומען ביי אונז אין לאַנד." אין דער אמת'ן האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז איך האָב פאַרבראָכן געגן די נייע קולטור־סטאַנדאַרדס. אַוועקלייגן די פיס אויף אַ טיש איז ניט „קולטורעל". דאָס קאָן נאָך באַשעדיגן געמיינשאַפטלעך אייגנטום.

## 3. די דערוואַכטע אַזיע

אויב אוקראַינע איז איינע פון די מערסט־באַפעלקערטע און פּראָגרעסיווע צווישן די גרעסערע רעפּובליקן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אוזבעקיסטאַן פריער געווען צווישן די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע.

פאַר דער רעוואָלוציע זיינען די אוזבעקן רעגירט געוואָרן פון אַ צאַרישן גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דעם עמיר פון בוכאַראַ און מיט דעם כאַן פון כיווע, וועלכע זיינען געווען וואַסאַלן ביים צאַר. רוסישע קאַפּיטאַליסטן און די אָרטיגע העכערע קלאַסן האָבן עקספּלוא־טירט דאָס פּשוט'ע פאָלק אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן. די פּויערים זיינען געווען שוידערלעך אָרעם און פולשטענדיג אומוויסנד. אַרבעטנדיג אויף דער ערד, האָבן זיי שטיקער מדבר פאַרוואַנדלט אין אַאַזיסן דורך קאַנאַלן, וואָס זיי האָבן געגראָבן מיט די הענט, און דאָס אַלץ כדי רייכער צו מאַכן די באַלעבאַטים, נאָר ניט זיך אַליין.

מען האָט אומיסטן אָנגעהאַלטן אַ צושטאַנד פון אומוויסנהייט. בלויז צוויי פון הונדערט האָבן געקאָנט לייענען, און דאָס זיינען מערסטנס געווען די מולאָס, די מאָכמעדאַנישע גלחים.

בוכאַראַ און סאַמאַרקאַנד — ווי מען האָט פריער אָנגערופן דאָס לאַנד פון די אוזבעקן — זיינען נעמען, וואָס קלינגען ראָמאַנטיש. זיי דערמאָנען אָן טשינגיס־כאַן און טאַמערלאַן. רייזנדיגע פאַרכאַפּן אונז מיט די באַ־שרייבונגען פון דעם לאַנד, וואָס איז רייך מיט ביימער מיט שמעקעדיג האָלץ, מיט ווייַנגאָרטנס, באַוול־פּלאַנטאַציעס, באַזאַרן, טעפּיכער, זייד און בליש־טשענדיגע טורעמס פון די מאָסקן, וואו מולאָס אין טורבאַנען לייענען הייליגע פּסוקים פון קאָראַן.

די שיינקייט פון דער קליידונג, די אייגנאַרטיגקייט פון דעם דאָרף און די סודות'דיגקייט פון פאַרשלייערטע פרויען מעגן באַצויבערן ראָמאַנטישע רייזנדע, נאָר זיי שאַקירן דעם מאָדערנעם קולטורעלן מענטשן פון צענטראַל־אַזיע ווי סימבאָלן פון צוריקגעשטאַנענקייט, אומוויסנהייט, אונטערדריקונג און פון שטומער נויט. ס'איז ווי אַ מאַנטל, וואָס פאַרדעקט אַ יאַטערדיגע וואונד.

די נייע וועלט פון צענטראַל־אַזיע דאַרף ניט האָבן אָט־די איבער־בלייבעכצן פון שקלאַפעריי. דאָס, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַן עלעמענט פון שיינקייט פאַר געציילטע, האָט אָבער געהאַט אַ סך נויט און טראָער און באַרבאַריזם פאַר דער מערהייט. קלובן, אויטאָמאָבילן, מואוויס, פאַבריקן און עלעקטרישע באַלויכטונג האָבן אַ גרעסערן ווערט. דער מענטש פון צענטראַל־אַזיע שרעקט זיך נישט פאַרן אינדוסטריאַליזם אַזוי ווי מיר, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אין זיינע גרויזאַמע יאָרן. דאָרט ווערט דער אינדוס־טריאַליזם קאָנטראָלירט און ברענגט נוצן. דער אינדוסטריאַליזם מאַכט דעם מענטשן פריי און אינספּירירט די פאָלקס־דיכטער צו באַזינגען די גלאָריע פון אַ געזינטערער און בעסערער אָרדענונג.

אין די מזרח־לענדער פאַרשפּרייט זיך נייעס ווי אַ שרפה אין סטעפּ. דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע, האָט זיך שנעל צעטראָגן איבער דעם פלאַך־לאַנד פון רוסלאַנד, איבער די אוראַל־בערג און איבער די קאַ־זאַכישע מדבר־סטעפּעס ביז סאַמאַרקאַנד. איז פריער די נייעס געקומען אין דער פאָרם פון אומגלויבלעכע צויבער־מעשה'לעך, און דערנאָך ווי וואונדערלעכעווירקלעכקייט. און ווען די טראַקטאָרס אַליין זיינען אָנגעקומען אויף צו אַקערן דאָס לאַנד, ווען באַוול־פאַבריקן זיינען אויסגעוואַקסן צו וועבן די שטאָפן, און קראַפט־סטאַנציעס אויף צו פאַרפלייצן די פאַבריק און די שטוב מיט עלעקטרישער ליכט, האָט די נייעס זיך אַפילו פאַרשפּרייט אַריבער די זידלעכע גרענעצן קיין פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, מאָנגאָליע, אינדיע און כינע.

ווען טראַקטאָרס האָבן גענומען אַקערן די פעלדער אין דעם ווייטן כאָקאַניאָר, זיינען דאָרט געוועזן אויך אַנדערע צושויער חוץ די פאַרמערס און די אָרטיגע דאָרפסלייט. טאָג און נאַכט זיינען שטילערהייט געזעסן די אַפגאַנער פון דער צווייטער זייט גרענעץ און האָבן נאָכגעפאָלגט די אַרבעט פון די טראַקטאָרס. דאָס, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד טוט, איז ווי הייוון פאַר דעם מזרח.

די אַלטע אָרדענונג האָט זיך ניט געביטן מיטאַמאָל. אין בוכאַרע זיינען די מאַכטהאַבער מולאָס געווען די העכסטע מאַכט. דער קאָנטראָל איבער בילדונג, יוסטיץ, איבער דער פאַמיליע איז געווען ביי זיי אין די הענט. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אָנצוהאַלטן אָט־די הערשאַפט. קיין מאָדערנע בילדונג האָט ניט געקאָנט קריגן קיין אָנהאַלט אין בוכאַרע. וויסנשאַפט,

מאַטעמאַטיק און מאָדערנע שפּראַכן זיינען געווען פאַרבאָטן. מען האָט ניט געטאָן קיין זאַך אויף צו פאַרבעסערן די אַגריקולטור; מען האָט ניט געטאָן קיין זאַך אויף צו באַשיצן דאָס געזונט פון דער באַפעלקערונג און קיין זאַך פאַר דער קולטור; קיין זאַך אויף צו בויען בריקן, וועגן, אָדער סאַניטאַרישע מיטלען. די באַוואַסערונג איז געווען קנאַפּ און פּרימיטיוו. די אינדוסטריע איז דערשטיקט געוואָרןביים געבורט. אויף דעם גרונד, אַז אוזבעקיסטאַן דאַרף ניט קאָנקורירן מיט מאָסקווע, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון טורקמעניע אָפּגעזאָגט דעם פאַרלאַנג צו בויען אַ באַוול־פאַבריק אין טאַשקענט. עס איז דערביי געווען נאָך אַ געמיינער חשבון: פּויערים זיינען געהאָרכזאַם; ווען זיי קומען אָן אַרבעטן אין אַ פאַבריק, ווערן זיי פּראָלעטאַריער און זיי ווערן געפערלעך.

הינטער די הויכע ווענט אָן פענצטער איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. דער מאַן איז געווען דער אַבסאָלוטער הערשער ביי זיך אין הויז, בעת פּאָליגאַמיע און געצוואונגענע הייראַטן זיינען דערמוטיגט געוואָרן דורך די לאָקאַלע מאַכמעדאַנישע מנהגים. הויך איבערן שטאַט האָט זיך געהויבן — ווי אַ גרויזאַמער עמבלעם פון אַ שטאַט, וואו גוואַלדמאַכט הערשט איבן און הפקרות הערשט אונטן — דער „טורעם פון טויט", וואו מיידלעך זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צו שרעקלעכער שאַנד, און וואו מענער זיינען פאַרפייניגט געוואָרן אויף טויט.

די רוסישע אימפּעריע האָט פאַרכאַפּט די דריי צענטראַלע כאַנאַטן און האָט עקספּראָפּריאירט די האַלב־וואַנדערנדיקע שבטים פון די קירגיזן, טורקמענער און אוזבעקן. זייער לאַנד איז באַרויבט געוואָרן פון רוי־מאַטעריאַל. רוסישע קאַפּיטאַליסטן האָבן געעפנט באַנקען; האָבן אָפּגעקויפט באַוול; האָבן פאַרקויפט רוסישע פּראָדוצירטע סחורות און האָבן געענדערט דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן מצב פון לאַנד, וואָס האָט געפירט צו אַ פאַראָרעמונג פון די מאַסן. אין דאַרף האָבן זיך באַוויזן די עקסטרעמען פון רייכטום און אָרעמקייט, און אַזוי ווי עס פאָדערט זיך געלט אויף צו קולטיווירן באַוול, זיינען די פּויערים אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם קאָנטראָל פון די רוסישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן צוגעשטעלט דאָס געלט.

באַוול־פלאַנצונג האָט אונטער אָט־די באַדינגונגען זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ חורבן פאַר די אונטערשטע שיכטן פון עקאָנאָמישן לעבן און האָט געשאַפן אַ היימלאָזע באַפעלקערונג, וואָס האָט געוואַנדערט, זוכנדיג אַ דזשאָב. די פּויערים האָבן פאַרלאָרן זייער לאַנד, און ווייל אינדוסטריען זיינען געווען פאַרבאָטן, האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרדינען אויף אַ לעבן דורך פאַבריק־אַרבעט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. אַ סך האָבן זיך גענומען — ווי אין כינע — צו רויבעריי, און האָבן פון באַרג־באַהעלטענישן געמאַכט רויבער־אָנפאַלן.

די וואַנדערנדיגע אַגריקולטורעלע באַפעלקערונג פון קירגיזיע, קאַזאַכ־

סטאַן און טורקמעניע איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דעם לאַנד דורך קאָלאָניסטן פון געדיכט־באַזעצטע געגנטן אין אַנדערע טיילן פון דער אַלטער רוסישער אימפּעריע. זייערע לײדן זײַנען געװען נאָך מער שוידערלעך. פּונקט ווי די צפון־אַמעריקאַנער אינדיאַנער, זײַנען זיי געוואָרן אַ פֿאָלק אין פּראָצעס פון אויסשטאַרבן.

* * *

אויף אָט־דעם צעאַקערטן באָדן פון מענטשלעכע לײדן זײַנען געפֿאַלן די קערנער פון קאָמוניזם. זיי האָבן דאָ געשלאָגן פעסטע וואָרצלען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרצווייפלטער קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַרום אַ טוץ יאָרן, ביז אַ פולשטענדיגן זיג.

דער וואוקס פון קאָמוניזם אין צענטראַל־אַזיע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן ערנסטע געפֿאַר פאַר די לענדער צו דרום פון די צענטראַל־אַזיאַטישע גרענעצן. די מיליאָנען מאַכמעדאַנער, מאָנגאָלן, אידן און אַרמענער אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע זײַנען געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים פון רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט און האַנדל מיט די לענדער אויף יענער זייט רוסישער גרענעץ. ענגלאַנד האָט ספּעציעל געציטערט פאַר אָט־דער געפֿאַר און האָט געפּרואווט דורכפירן אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. קריטישע אַמעריקאַנער שרייבער, ווי דזשאָשוא קוניץ, אין זײַן בוך „דער זון־אויפגאַנג איבער סאַמאַרקאַנד", האָבן אַפילו געהאַלטן, אַז דער בריטישער אימפּעריאַליזם האָט געהאַט גראַנדיעזע פּלענער צו פאַרכאַפּן פאַר דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם אָט־דעם גאַנצן קאָלאָסאַלן שטח פון פרוכטבאַרע טאָלן, ריזיגע שטרעקעס און בערג, וואָס זײַנען רייך אין מינעראַלן — סיי אין צענטראַל־אַזיע, סיי אין קאַווקאַז. אין יעדן פֿאַל האָבן זייערע אַרמייען געהאַלטן קאַווקאַז און זייערע פלאָטן האָבן געהאַלטן דעם שוואַרצן ים און דעם קאַספּישן ים.

דער וואוקס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין זײַנע ערשטע יאָרן איז אין ערגעץ ניט געווען אין קיין גרעסערער געפֿאַר, ווי אין צענטראַל־אַזיע, נאָר צו דער שטוינונג פון דער וועלט, האָט די הויפּט־פעסטונג אויסגעהאַלטן. דער ווייס־גוואַרדייאַישער רוסישער עמיגראַנט פּאָטעכין שרייבט אין 1921 אַזוי:

„עס איז געגנוג אָנצואווייזן אויף דעם אומגלויבלעכן פאַקט, אַז אין 1918־1919 האָט עקזיסטירט די טורקעסטאַנער סאָוועטישע רעפּובליק. זייענדיג אײַנגאַנצן אָפּגעשניטן פון מאָסקווע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט די אַרמייען פון דוטאָוו'ן, קאָלטשאַק'ן, אַנענקאָוו'ן, דעניקין'ען און פון ענגלישע טרופּן; זייענדיג באַרויבט פון טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען פון באַהייצונג און תבואה, האָבן די טורקעסטאַנער באָלשעוויקעס באַוויזן זיך צו האַלטן אַפילו אין יענע סאַמע שווערע יאָרן."

דער קאַמף אין בוכאַרע איז געווען מער פאַרצויגן און אַ סך אַ שווערערער. דער עמיר פון בוכאַרע האָט באַנוצט זײַן גאַנץ פאַרמעגן און זײַן

גאַנצן פּרעסטיזש כּדי אָפּצושטעלן דעם וואוקס פון דעם סאָוועטן־רעזשים. די מאַכמעדאַנישע גייסטלעכע האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. און ענגלאַנד האָט אים אויף אַן אומדירעקטן אופן געגעבן שטיצע דורך דעם קאַספּישן ים און דורך קאַווקאַז און אויף אַ דירעקטן אופן וואו זי האָט דאָס נאָר געקאָנט טאָן. צו־לעצט האָט ענגלאַנד, צום גרויסן ווייטאָג פון דעם עמיר, געמוזט זיך צוריקציען צוליב די צרות אין אַפגאַניסטאַן. דער קוירנעל עטערטאָן האָט גאָר ניט גערן אויפגעגעבן זיין פּלאַן צו פאַרכאַפּן די ריזיגע זאַפּאַסן באַוול אין צענטראַל־אַזיע, וואָס דאָס וואָלט געוועזן פּאַראַליזירט די טעקסטיל־פאַבריקן פון אינדוסטריעלן רוסלאַנד מיט 1,000 מייל ווייטער און וואָלט אַזוי אַרום געהאָלפן ברעכן די סאָוועטישע הערשאַפט אין מאָסקווע. צו־לעצט איז דער עמיר אַנטלאָפן איבער דער גרענעץ, און כאָטש דער קאַמף האָט זיך געשלעפּט נאָך עטלעכע יאָר מיט דער הילף פון ענווער פּאַשאַ און די באַסמאַטשן — די באַרג־רויבער — האָט דער ווידערשטאַנד אין צענטראַל־אַזיע ענדלעך צוזאַמענגעבראָכן. קאָלטשאַק׳ס סיבירישע אַרמייען זיינען פאַר־שוואונדן. דעניקין איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון דרום־רוסלאַנד און די רויטע אַרמיי האָט פאַרכאַפּט קאַווקאַז.

די נייע רעפּובליקן האָבן זיך איינגעוואָרצלט ביי די גרויסע בערג, וואָס שאַפן די צפון־וואַנט פון אינדיע. די טאַדזשיקישע סאָוועטישע סאָציאַליס־טישע רעפּובליק, וואָס שליסט־איין די גאַרמאַ־באַדאַכאַנער אויטאָנאָמע רע־פּובליק, ליגט נעענטער פון אַלע ביי די ווענט פון דער בריטישער אימפּעריע — אַ קורצער אַריבערפלי איבער די בערג, און איר זייט אין קאַשמיר. צו צפון פון טאַדזשיקיסטאַן און, ציענדיג זיך פון בינעזישן סינקיאַנג צו מזרח־צו צו דעם קאַספּישן ים, ליגט קירגיזיע, אוזבעקיסטאַן און טורקמעניסטאַן. צו צפון פון זיי ווידער און, ציענדיג זיך ביי די צפון־גרענעצן פון אָט־די רעפּובליקן, שפּרייט זיך אויס די ריזיגע קאַזאַכישע סאָוועטישע סאָציאַליס־טישע רעפּובליק.

פול־וואוקסיגער סאָציאַליזם האָט זיך לאַנגזאַם אַנטוויקלט צווישן אָט־די פעלקער. צום ערשטן האָט מען דאָס לאַנד אוועקגענומען ביי די גרויסע לאַנד־באַזיצער און עס איבערגעגעבן צו די פּויערים, ווי מען האָט דאָס געטאָן אין רוסלאַנד. די לאַנג־יאָריגע עוולות, עקספּלואַטאַציע און באַליידיגונגען, וואָס די דאָזיגע פעלקער זיינען זיך אויסגעשטאַנען פון די הערשנדיגע קלאַסן, האָבן גרינגער געמאַכט די אַטאַקע אויף זיי, און זיי זיינען געפאַלן.

די נעקסטע שטופּע האָט געוואונען דער טראַקטאָר. עס איז צום אָנהויב געווען שווער פאַר דעם פּויער, וואָס האָט ערשט געקראָגן אַן אייגן שטיקל ערד, דאָס ווידער אויפצוגעבן און זיך אַנשליסן אין אַ קאָלעקטיווער פאָרם פון אַ גרויסן פאַרנעם; און עס איז געווען אַ געפאַר, אַז איינצלנע פּויערים זאָלן ווערן רייך און זאָלן דורך כּסדר׳דיגן פאַרגרעסערן פון זייער לאַנד־אייגנטום ווידער באַשאַפן די זעלבע איבלען, פון וועלכע די פּויערים האָבן

נאָר־וואָס זיך באַפרייט. די טראַקטאָרס האָבן זיי געראַטעוועט פון זיך אַליין. דער פרילינג פון 1930 איז געווען דער קריטישער מאָמענט. דער פרילינג איז געווען אַ שפּעטער. צייט צו זייען איז געווען זייער ווייניק. דער פּויער האָט זיך געמאַטערט שקראַבענדיק די ערד מיט אַ הילצערנעם אַקער. און דאָרט אויף דער צווייטער זייט פון דער ליניע, וואָס האָט אָפּגעטיילט זיין שמאָל פעלד פון די מלוכה־פאַרמס און פון די קאָלעקטיוון, האָט דער גרויסער שטאָלענער פערד געריסן די האַרטע ערד מיט אַ מורא׳דיגער שנעל־קייט. אומזיסט האָבן די מולאַס געוואָרנט די פּויערים, אַז „פעלדער, וואָס זיינען צעאַקערט דורך טראַקטאָרס, געבן ניט קיין גערעטעניש". דער וואונדער איז דאָך געשען פאַר זייערע אייגענע אויגן. דער טראַקטאָר האָט געוואונען. די פּויערים זיינען אריינגעטראָטן אין די קאָלעקטיוון. פּלאַנירטעווירטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער באַוול־אינדוסטריע אין צענטראַל־אזיע.

* * *

די אוזבעקן, וועלכע זיינען עטאַבלירט געוואָרן אין 1924 ווי אַ פאַר־באַנדישע רעפּובליק, זיינען אין פופצן יאָר צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ צוריקגעשטאַנענער צאַרישער קאָלאָניע אין איינער פון די בליענדיגסטע רעפּובליקן פון סאָוועטישן מזרח. אין 1928 זיינען אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע אוזבעקישע באַוול־פאַבריקן, און דערנאָך האָט מען זיך גענומען בויען אַ גיגאַנטישע טעקסטיל־פאַבריק, וואָס סטאַלין האָט זי באַצייכנט ווי די נייע באַזע פאַר דער סאָוועטישער טעקסטיל־אינדוסטריע. אַט־די פאַבריקן וועלן ארויסגעבן 150 מיליאָן מעטער טעקסטילן אַ יאָר.

באַוול־פעלדער נויטיגן זיך אין באַמיסטיגונג. די הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס אויף דעם טשירטיק־טייך לעבן טאַשקענט (הויפּט־שטאָט פון דער אוזבעקישער רעפּובליק) באַזאָרגן די קראַפט אויף ארויסצובאַקומען אַזאַט („ניטראָדזשען") פון דער לופט. נייע קראַפט־סטאַנציעס קומען־צו און נייע אינדוסטריען בליען אויף: זייד, שפּייז, לעדער און קליידער־אינדוסטריען. אוזבעקיסטאַן ווערט רייך און ווערט אַלץ מער אין אַ לאַגע זיך אַליין צו באַ־זאָרגן כמעט מיט אַלץ, וואָס זי דאַרף. צוואַנציג טויזנט טראַקטאָרס אַקערן אירע פעלדער, אַ מיליאָן טאָן באַוול איז אראָפּגענומען געוואָרן פון אירע פעלדער אין 1935. דער מלוכה־פּלאַן איז אויסגעפילט געוואָרן פאַר דער צייט.

אוזבעקיסטאַן איז איצט די גרעסטע באַוול־באַזע אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, און שטעלט־צו צוויי־דריטל פון גאַנצן באַוול, וואָס וואַקסט אין לאַנד. די זאַפּאַסן, וואָס דער קוירנעל עטערטאָן האָט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צו קריגן פאַר ענגלאַנד מיט צוואַנציג יאָר צוריק, האָבן באַטראָפן אַ קלייניגקייט אין פאַרגלייך מיט דער יערלעכער גערעטעניש אין סאָציאַליסטישן אוזבעקי־סטאַן. די פאַרמערס זיינען פאַרמעגלעך. אַ סך פאַמיליעס אין קאָלעקטיוון פאַרדינען העכער 10,000 רובל אַ יאָר, און מער ווי אַ הונדערט קאָלעקטיוון זיינען אריין אין דער ריי פון דעם אַזוי־גערופענעם „מיליאָנערן"־קלאַס, וואו

די יערלעכע איינקונפט פון אַ קאָלעקטיוו באַטרעפט מער ווי אַ מיליאָן רובל.

דאָס קולטורעלע לעבן שטייגט דאָרט ווי אַ רעזולטאַט פון פּראָדוקציע און געהעריגע אַרבעט. אַלע קינדער גייען אין שול. אַרום 25,000 סטודענטן לערנען זיך אין העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן. אוזבעקיסטאַן בילדעט־אויס אירע אייגענע אַגראָנאָמען, אינזשענערן, דאָקטוירים און לערער.

די אוזבעקישע פרויען, ווי מיר האָבן שוין געזען, זיינען אַריבער פון מיטלאַלטערלעכער שקלאַפעריי צו אַ גלייכן סטאַטוס מיט די מענער.

די אוזבעקישע קונסט האָט אויפגעלעבט און צעוואַקסט זיך. אוזבעקישע מאָלער ענגען אַרויס זייערע לייוונטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. און אין אַ לאַנד, וואו אין די צאַרישע צייטן האָט מען אַפילו דאָס וואָרט „טעאַטער" ניט געוואוסט, הערט איצט אַ געפּאַקטער זאַל ווי „האַמלעט" ווערט געשפּילט אויף דער געבירטיגער שפּראַך. די אוזבעקן, וועלכע האָבן זיך ניט געטאָרט אוועקזעצן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ צאַרישן טשינאָווניק, און וואָס זייערע פרויען האָבן קיינמאָל ניט געטאָרט ווייזן זייער פּנים אין דער עפנטלעכקייט פירן איצט דורך אין מאָסקווע אַ צען־טאָגיגן יום־טוב פון קונסט, געזאַנג, פון טענץ און פון שוישפּיל. די פרויען זינגען, שפּילן און טאַנצן זייט ביי זייט מיט די מענער. סאַראַ אישאַנטוראַיעראַ באַצויבערט מאָסקווע מיט איר לירישער שטימע.

פון בוכאַרע האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג זיך פאַרשפּרייט קיין טאַדזשיקיסטאַן, וואָס זיינע גרענעצן, ווי מיר האָבן געזען, ציען זיך לעבן אַפגאַניסטאַן און אַרויף־צו צו די פּאַמיר־בערג, וואָס אויף דער צווייטער זייט פון זיי ליגט אינדיע.

טאַדזשיקיסטאַן איז געגרינדעט געוואָרן ווי די זיבעטע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק אין דעצעמבער 1929. די פאַראַרעמטע פּויערים, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָך דעם פאַרצויגענעם און בלוטיגן קאַמף, אין וועלכן זיי האָבן געוואונען זייער פרייהייט, האָבן זיך געפונען אין אַ לאַנד פון חורבן. און אויף אָט־די רואינעס וואַקסן איצט אויס נייע שטעט. דאָס לאַנד פון קאָראַן, פון דער בייטש און פון אכזריות'דיגער אומגערעכטיגקייט טרעט אַריין אין אַ ניי לעבן און בויט אַ נייע אָרדענונג. סטאַלינאַבאַד, די אינגסטע שטאָט פון איינער פון די אינגסטע מלוכות אין דער וועלט, ווערט אַ באַקאַנטער נאָמען. ליגנדיג אין אַ טאָל צווישן שניי־באַדעקטע בערג, איז די שטאָט נעכטן נאָך געווען נישט מער ווי אַ צאָל ליימענע שטיבלעך און שמאָלע גאַסן, און היינט איז דאָס אַ רוישיגע שטאָט, וואו עס אַרבעטן פאַבריקן, און וואו אַ נייע, ריינע און איינגעאָרדנטע שיינקייט פאַרבייט די אָפּגעלאָזנקייט פון אַמאָל.

כאָטש עס האָבן אויסגעפעלט קוואַליפיצירטע אַרבעטער און בוי־מאַטעריאַלן, האָבן אָבער די ניי־געבוירענע קאָמוניסטן זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר קיין זאַך, און אונטער דער פירערשאַפט פון די רוסישע מיסיאָנערישע

אַרבעטער האָבן זיי באַוויזן וואונדער. סטאַלינאַבאַד איז אויסגעוואַקסן און פון דאָרט האָט קולטור, אינדוסטריאַליזאַציע און סאָציאַליזם זיך פאַרשפרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד, אַריינדרינגענדיג אין די ווייטסטע דערפער, אין די בערג, וואו עס איז שווער צוצוקומען, און אין דעם מדבר, וואָס מען קאָן אים נישט דורכגיין. וועג־בויער וואַרפן אַריבער נייע שליאַכן איבער די בערג; אויטאָמאָבילן, באַסעס און טראַקטאָרס ווערן אַ געוויינלעכע דערשיינונג.

דער האַסטיגער שטראָם פון דעם וואַקש־טייך, וואָס פליסט דורך טאַדזשיקיסטאַן, איז איינגעשפאַנט געוואָרן אין אַ גיגאַנטישער לאַנדווירטשאַפטלעך־אינדוסטריעלער אויפגאַבע, און דורך אַ ריזיגער נעץ פון דער באַוואַסערונג־סיסטעם שפרייטן זיך אויס זיינע וואַסערן איבער 41,000 אַקער לאַנד, וואו עס וואַקסט דער סאַמע בעסטער באַוול אין דער וועלט. ווען מען זאָל די קאַנאַלן פון אָט־דער באַוואַסערונג־סיסטעם אויסציען אין דער לענג איינעם נאָכן צווייטן, וואָלטן זיי געקאָנט אַרומרינגלען די ערד ביים עקוואַטאָר.

אין בוכאַרע זיינען געווען 8,000 זנאַכערס, וואָס האָבן געהיילט דורך כישוף, און בלויז איין דאָקטאָר, וואָס האָט אויפגעפאַסט אויפן געזונט פון דעם עמיר, זיין האַרעם און זיין הויף; היינט לערנען מעדיצינישע סטודענטן אין צענדליגער אַנאַטאָמישע אוידיטאָריומס. מאַלאַריע ווערט באַקעמפט דורך וויסנשאַפטסלייט און ניט פון מענטשן, וואָס האָבן די מאַלאַריע־קראַנקע איינגעגעבן פאַפירענע פילן געמאַכט פון בלעטלעך פון קאָראַן ווי אַ זיכערע רפואה.

די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן — אוזבעקן, טערקן, אַפגאַנער, אידן און אַ טוץ אַנדערע — לעבן איצט פרידלעך און זייט ביי זייט אין טאַדזשיקיסטאַן. אונטער דעם עמיר איז יעדער שבט געווען ביטער געגנעריש צו אַלע אַנדערע שבטים.

## 4. דער באַגינען אין מזרח

### יאַקוטיע און דער אַרקטישער צפון

וווייט פון דעם אינדוסטריעלן צענטער און צו צפון פון דער טראַנס־סיבירישער אייזנבאַן ציט זיך פון ים צו ים אַ ריזיגער און פרייער אומבאַקאַנטער קאָנטינענט — אַ לאַנד פון יעגער, פאַסטוכער און בעטלער, וואָס פלעגט באַרויבט ווערן פון רייזנדיגע סוחרים; אַ לאַנד, וואָס איז געווען אויסגעצערט פון אָרעמקייט און האָט געלעבט אונטער פעאָדאַלער אָדער פאַטריאַרכאַלישער הערשאַפט. די יאַקוטישע אויטאָנאָמע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליק, וואָס פאַרנעמט דאָ דעם גרעסטן שטח, איז אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע. דאָס איז אַן אומבאַאַרבירט לאַנד פון ענדלאָזע וועלדער, ריזיגע מינעראַלע אוצרות און טייכן, וואָס מאַכן דאָס לאַנד פאָטענציעל פאַר

א וועלט־צענטער פון וואסער־קראפט. קאלטע, קרישטאלענע לעיקס קוקן־ארויס דארטן, וואו שניי־באדעקטע בערג הויבן זיך ביז צו די וואלקנס. א וואנט פון שטילקייט טיילט־אפ די יאקוטישע טאיגע פון דער וועלט פון טומל, באוועגונג און מענטשלעכע פאסירונגען.

דער נייער הויך־קלינגענדיגער נאמען פון אט־דער רעפובליק רעדט גיכער וועגן דער צוקונפט, איידער וועגן דער פארגאנגענהייט, אדער—ניט רעכענענ־דיג פראכטפולע פערספעקטיוון — אפילו וועגן דער געגנווארט.

אמאל, אין די צארישע צייטן, איז יאקוטיע געווען א טורמע פאר פא־ליטישע ארעסטירטע, פאר באלשעוויקעס און פראגרעסיווע אינטעלעקטואלן. די שניי־באדעקטע טונדרעס און די דזשאנגל־ארטיגע טאיגע זיינען געווען א באווארעניש, אז די פארשיקטע וועלן ניט קאנען אנטלויפן אפילו אן א ריגל און אן א שלאס. צו וואגן זיך ארויסלאזן אין דער טונדרא אן א זאפאס שפייז, האט געמיינט זיך לאזן גיין אויף א זיכערן הונגער־טויט.

דאס פשוט'ע פאלק פון יאקוטיע איז געפלינדערט געווארן דורך דער רוסישער אריסטאקראטיע ; געפלינדערט דורך זייער אייגענעם אדעל ; גע־פלינדערט דורך זייערע געבירטיגע גייסטלעכע, די שאמאנס, און דורך רייזנ־דיגע אוואנטוריסטן. מען האט ביי זיי אויסגענארט א הירש פאר א פעקעלע נאדלען, א סויבל פאר א פלעשל בראנפן און א פעל פון א פוקס פאר א ביסל ביליגן טאבאק.

זייער שפייז איז געווען ארעם און קנאפ — שלעכטע מילך און פוילע פיש — און אין א שטוב, וואו זיי האבן געוואוינט, האבן זיי אויך געהאלטן זייער פי. קראנקהייטן זיינען געווען פארשפרייט, ספעציעל טובערקולאז און טראכאמע. עס קלינגט כמעט אומגלויבלעך, ווען מען לייענט דר. ל' פאפאוו'ס אפשאצונג, אז „פון די פינף ביז צען מענטשן, וועלכע האבן געוואוינט אין א יורטע (א ביידל פון א וואנדערנדיגן יאקוט), האט בלויז איינער געקאנט זען ; די אלע אנדערע האבן געדארפט טאפן זייער וועג".

א יאקוטישע פרוי איז געווען בלויז א שקלאפין, וואס האט געמוזט שטויסן קערנער, אכטונג געבן אויף די פי און טאן אלע שטוב־זאכן. פונקט ווי פי, האט מען די פרוי געקויפט און פארקויפט. די שטערבלעכקייט צווישן קינדער איז געווען זייער א הויכע. פרויען זיינען געגאנגען צו־קינד אויף א געלעגער פון שטרוי, אויף דעם קאלטן ערדענעם דיל.

גאנצע שבטים זיינען אויסגעשטארבן. די ראסע האט געהאלטן ביים פארשווינדן. די יאקוטישע שפראך איז געווען פארבאטן. אין די עטלעכע שולן, וואס האבן עקזיסטירט, האט מען די שפראך ניט געטארט באנוצן. אין די צארישע צייטן האבן בלויז 2 פראצענט יאקוטן געקאנט לייענען און שרייבן. עס איז ניט געווען קיין יאקוטישער אלפאבעט.

און איצט זיינען די סאוועטישע מיסיאנערן אנגעקומען אין יאקוטיע, און אין צוואנציג יאר האט דאס לאנד זיך פולשטענדיג פארענדערט. ערא־

פלאַנען פליען איבער די ריזיגע שטרעקעס פון דעם לאַנד דאָרט, וואו קיין מענטשלעכער פוס האָט קיינמאָל ניט געטראָטן; פון דער הויך אויף די עראָפלאַנען צייכנט מען מאַפעס און מען שטודירט די קאָנטורן פון דעם לאַנד. די נייע לענאַ־ליניע פאַרבינדט די סיבירישע אייזנבאַן מיט דעם לענאַ־טייך. דער נייער אַמור־יאַקוט אויטאָמאָביל־וועג, וואָס איז 869 קילאָמעטער לאַנג, ציט זיך פון דער אייזנבאַן דורך די טיפעניש פון דער יאַקוטישער טעריטאָריע, וואָס האָט פריער קיינמאָל ניט אָנגעקוקט קיין וועג.

עס ווערן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו פאַרוואַנדלען דעם צפונדיגן ים־וועג אין אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיגן וואַסער־וועג. דער לויכטטורעם, וואָס פינטלט מיט זיין ליכט, באַווייזט זיך אין די צפון־וואַסערן צוזאמען מיט די שיפן, וואָס ברעכן דאָס אייז, און מיט עראָפלאַנען אויף צו ווייזן דעם קורס און צו באַשיצן די האַנדלס־שיפן. מיט דער לייזונג פון די פראָבלעמען פון דעם צפון־ים־וועג וועט די דעראָבערונג פון דעם וויטן צפון זיין פאַרענדיגט.

שפייז־פראָבלעמען זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט אין וויטן צפון. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד לייזט אָט־די פראָבלעמען אויף אַ דערפאָלגרייכן אופן. גרינסן, וואָס פאַרמאָגן וויטאַמינען, און פרישע מילך זיינען פון אַ לעבנסנויטווענדיגקייט; „דער אַנטי־צינגע וויטאַמין „סי" איז דער פונדאַמענט פאַר דער אַנטוויקלונג פון די אַרקטישע לענדער." עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט־פראַקטיש צו טראַנספּאָרטירן די וואָגיגע גרינס־פראָדוקטן איבער אַזוינע ריזיגע שטרעקעס. און דאָס איז גאָרניט נויטיג. די צפון־לענדער אַליין אַנטוויקלען אַן אייגענע אַגריקולטור. דרייסיג טויזנט אַגריקולטורעלע מאַשינען אַרבעטן אויף די פעלדער פון יאַקוטיע; אין אַ לאַנד, וואו דער קוועקזילבער ווערט ווינטער־צייט פאַרפרוירן אין דעם טערמאָמעטער, וואַקסן איצט טאָמאַטן, רעטעכער, אוגערקעס און קאַווענעס זייט ביי זייט מיט ווייץ און גערשטן. אין סרעדנעקאָלימסק, יאַקוטיע, קאָסט 17 קאָפיקעס צו קולטיווירן אַ קילאָגראַם קאַרטאָפל; צו ברענגען אַ קילאָגראַם קאַרטאָפל פון דרום וואָלט געקאָסט 77 קאָפיקעס.

דער צפון אַנטוויקלט איצט זיין אייגענע שפייז־באַזע און באַזאָרגט זיינע שפייז־באַדערפענישן מיט געהעריגע שפייז־זאַפאַסן.

די אינדוסטריע שפרייט זיך אויס. גאָלד ווערט אַרויסגעגראָבן אין די אַלדאַנער גאָלד־פעלדער און אין אַנדערע פלעצער. זילבער, בליי, בלעך, קופער, צינק און טונגסטען פאַרגרעסערן דאָס רייכטום פון דעם פאָלק. מען האָט אין יאַקוטיע געפונען קוילן־זאַפאַסן און מען גראָבט שוין דאָרט קוילן. מען גראָבט דאָרט אויל־ברונעמער; מען האַקט אויסביימער; מען צעזעגט און מען שיקט אַוועק דאָס האָלץ; האַנדל מיט פיש, פוטערוואַרג און לעדער ווערט באַדייטנדיג אַנטוויקלט; אָרעמקייט פאַרשווינדט.

עס פאַרשווינדט אויך דער אַנאַלפאַבעטיזם. אַלע קינדער גייען אין שול.

זיבעצן צייטונגען — ניין פון זיי אויף דער יאַקוטישער שפּראַך — ווערן רעגולער פאַרשפּרייט.

יאַקוטסק, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָרעם דערפל, איז געוואָרן אַ פיינע שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון 25,000 נפשות. די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פאַרמאָגט 200,000 ביכער. אין דער ביבליאָטעק איז אויך דאָ אַ קונסט־גאַלעריע, אַ ראַדיאָ־סטאַנציע און אַ פילם־טעאַטער.

דער פאָלקלאָר, וואָס האָט געהאַלטן אין אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיט דעם פאָלק, ווערט איצט דערמוטיגט און אַנטוויקלט. דאָס זיינען די זוימען פאַר דער נייער יאַקוטישער קונסט, וואָס צעבליט זיך צוזאַמען מיט די פאַר־בעסערטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, און וואָס ווערט אַזוי אינטענסיוו אַנט־וויקלט דורך די יאַקוטישע דראַמאַטורגן און שוישפּילער. פיר און צוואַנציג יאַקוטער האָבן לעצטנס געקראָגן זייערע דיפּלאָמען אין דער מאָסקווער טעאַטער־שול אויף לונאַטשאַרסקי׳ס נאָמען, און די פּיעסן „לאַנג לעבן זאָל דער מענטש" פון דעם יאַקוטישן דראַמאַטורג מאַרדינאָוו, און „ברידער" פון יעפרעמאָוו רירן אָן אַ נייע סטרונע אין די הערצער און אין די מוחות פון דעם יאַקוטישן פאָלק.

די בילדונגס־פּיאָנערן, וואָס האָבן געעפנט די טירן פון אַ ניי לעבן פאַר די אומוויסנדע און דערדריקטע פּשוט׳ע מאַסן אין די צפון־לענדער, וועלן פאַרנעמען אַן ערנהאַפטן פּלאַץ אין דער צוקונפטיגער סאָוועטישער געשיכטע.

אַ בוך, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן אין לענינגראַד פון די שרייבער א. באַזאַנאָוו און נ. קאַזאַנסקי, הייסט „די שול אין וויטן מזרח". אין דעם בוך ווערט ברייט געשילדערט די „ראָמאַנטישקייט" פון די סאָוועטישע בילדונגס־טוער אין זייער אַרבעט פון גרינדן שולן און אויסבילדן וויסנשאַפטסלייט אין די אַרקטישע געגנטן. „וואָס מער איך לייען, אַלץ מער פרעג איך זיך, צי וואָלט איך ניט געקאָנט ווערן אַזאַ שרייבער ווי אַלעקסאַנדער פּושקין. ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך?" אַזוי שרייבט אַ שילער אין אַ שול פאַר די אולטשים, אַ קליינע נאַציאָנאַלע גרופּע אין וויטן צפון. דאָס האָט דאָס אינגל געשריבן אין זיין קאָמפּאָזיציע אויף דער טעמע: „וואָס איך וויל ווערן", און ער האָט אויסגעדריקט דעם נייעם חשק צו לערנען און די נייע אַמביציע און דעם ענטוזיאַזם, וואָס האָבן אָנגעהויבן ברענען אין די הערצער פון דער אַרקטישער יוגנט.

דער קאַמף אויף אָנצוצינדן אָט־דאָס פייער האָט אַרויסגערופן די זעלבע אייגנשאַפטן פון ליבע און טרייהייט, וואָס האָבן דערפירט אַנאַ סאָליוואַן מעיסי, די בראַווע לערערין פון העלען קעלער, צו אירע וועלט־באַוואוסטע דערפאָלגן.

בשעת געלאָגן, אינזשענערן, אַגראָנאָמען, לופט־פליער און די מאַנ־שאַפטן פון שיפן האָבן געשטרעבט צו באַהערשן לאַנגע שטרעקעס, צו בויען אינדוסטריען און פאַרשן די ערד, כדי אַרויסצובאַקומען אירע רייכטימער,

האָבן דערציער געפּאָרשט די מוחות פון די פּשוט'ע צפון־קינדער און זיי האָבן אַנטדעקט מענטשלעכע און גייסטיגע ווערטן, וואָס וועלן באַרייכערן די קונסט און אינטעליגענץ פון דער וועלט. די אַרקטישע יוגנט קאָן נאָך פאַר־ווירקלעכן דעם טרוים פון דעם קליינעם אולטשי, דעם עסעי־שרייבער, וואָס וויל ווערן אַ צווייטער פּושקין.

ספּעציעלע שוועריגקייטן זיינען באַגעגנט געוואָרן ביי דער גרינדונג פון די שולן אין אָט־די צפון־געגנטן. עס זיינען ניט געווען קיין געביידעס. עס זיינען ניט געווען קיין לערער, וואָס זאָלן רעדן די אָרטיגע שפּראַך. עס זיינען ניט געווען קיין לער־ביכער אויף דער געבירטיגער שפּראַך. אין אַ סך געגנטן איז אַפילו ניט געווען קיין איינגעזעסענע באַפעלקערונג, ווייל אַ סך צפון־פעלקער פירן אַ וואַנדערנדיג לעבן. מען האָט געדאַרפט שאַפן נאָמאַדן־שולן פאַר אַ נאָמאַדן־פאָלק.

שטופּענווייז האָט מען אָבער אויפגעבויט שולן און מען האָט אויסגע־בילדעט לערער. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע באַדערפעניש צו שאַפן „באָארדינג־סקולס", שולן וואו די שילער זאָלן אויך קאָנען וואוינען. שוין אין 1934־1935 זיינען 80.8 פּראָצענט פון די קינדער אין דער נענטס נאַציאָנאַלער טעריטאָריע געגאַנגען אין שול; אין דער כאַטאַנגאַ טעריטאָריע — 83.9 פּראָצענט; אין נאַרים — 97 פּראָצענט.

די נייע לערער האָבן געמוזט דורכמאַכן לאַנגע און געפערלעכע רייזעס, און זיי האָבן טעגלעך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גאַנצן באַרג פּראָבלעמען אין פּראָצעס פון בויען זייערע שולן. עס זיינען אַנטשטאַנען פּראַקטישע שוועריג־קייטן, ווייל די קינדער זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן פון פאַרשיידענע שבטים —יעדער מיט זיינע אייגענע זיטן און איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן. די קאַמי־קינדער אין לאַבאַזערסק, למשל, האָבן ליב געהאַט קאַשע פון גרייפּלעך; די סאַאַמי־קינדער האָבן דאָס פיינט געהאַט. אייניגע האָבן געקאָנט עסן חזיר־זופּ צו מיטאָג; אַנדערע האָבן דאָס ניט געקאָנט. איין מאָלצייט אין אַ היים־שול אין סט. לאָרענס האָט זיך געענדיגט זייער שלעכט, ווייל די קינדער פון די טשוקטשים רירן זיך איינגאַנצן ניט צו צו קיין זאַלץ.

שערן און באָדן די קינדער האָבן ווידער אַרויסגערופן אַ גאַנצן פּאַק פּראָבלעמען. מאָדערנע לערער ווילן נאַטירלעך האָבן ביי זיך אין שול קינדער מיט שיין־געשווירענע קעפּלעך און ריינע קערפּערס. די קינדער האָבן אַרויס־געוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד געגן דער וואַנע און דעם שערל: „יעדער עסקימאָס האָט אַן אַנדער סטיל פון שערן זיך, ווייל זיי גלויבן, אַז אויב אַלע קינדער זאָלן זיך שערן די האָר אויף דעם זעלבן אופן, וועלן זיי קראַנק ווערן."

מען האָט געדאַרפט אָנווענדן אַ סך טאַקט אין באָד, ווייל „ביי די עסקי־מאָסן און ביי עטלעכע אַנדערע שבטים עקזיסטירט אַ ריטואַלער פאַרבאָט אויף וואַשן זיך. אָבער אין אַ חודש צוויי אַרום ווערן די קינדער צוגעוואוינט

צו דעם נייעם שטייגער און זיי לערנען אפילו זייערע עלטערן אָט־די נייע איינפירונג."

די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר בעטן, פון וועלכע זיי קאָנען נאָך ארויספאַלן: "עס האָט אָפט פּאַסירט, אַז אַריינקומענדיג אין אַ צימער, וואו די קינדער זיינען געשלאָפן, האָט מען געקאָנט געפינען די בעטן ליידיג, דאָס בעט־צייג צעוואָרפן און די קינדער שלאָפנדיג אויף דער ערד, איינגעדעקט מיט זייערע ווינטער־מאַנטלען."

ספּעציעלע דערפאַרונג האָט זיך אויך געפאָדערט אויף צו קאָנען לערנען מיט די אָרטיגע קינדער. מעטאָדן פון דענקען זיינען זייער פאַרשיידן, און אין אַ געוויסן זין פעלט די צפון־מענטשן די פשטות פון די דרום־לענדער. אייניגע שבטים, למשל, האָבן נישט קיין באַשטימטע נומעראַציע, נאָר זיי האָבן מער ווי צוואַנציג קאַטעגאָריעס פון ציילן. מענטשן ציילט מען לויט איין סיסטעם, און ציין ציילט מען אויף אַן אַנדער אופן. עס גילטן דאָרט אַ סך אַלטע אַבערגלויבנס און פּאָעטישע פאַנטאַזיעס. ווינטער־אייז, למשל, איז טויט און אייז, וואָס שטראָמט אין פרילינג, איז לעבעדיג. די קינדער קאָנען אָבער מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ אָפּשאַצן די ווערט פון דער פעל פון אַ פוקס — בלויז לויט דעם שפּור פון דער חיה אויפן שניי, און זיי קאָנען פאָראויסזאָגן דעם וועטער מיט אַ וואונדערבאַרער פּינקטלעכקייט לויט די ענדערונגען אין דער פאָרמע און אין דעם קאָליר פון די וואָלקנס.

עס אַנטפּלעקט זיך דאָרט אַ נייער חשק צום לערנען און אַ נייע פעיאיגקייט. די אינטעליגענץ און קונסט פון דער וועלט וועלן רייכער ווערן אַ דאַנק דעם ביטראַג פון די צפון־פעלקער, און די אַרקטישע אינגלעך קאָנען נאָך פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון דעם אולטשי עסעי־שרייבער און קאָנקורירן מיט פּושקינ'ען.

## די אַלעאוטישע אינזלען

די אַלעאוטישע אינזלען זיינען געווען אויסער מיין ספערע פון באַאָבאַכטונג און איך בין דעריבער געווען פאַראינטערעסירט צו לייענען אַן איבערבליק וועגן די אינזלען, וואָס געפינען זיך אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע, אין אַ זשורנאַל*), וואָס האָט געמאַכט אַ היפּש פיינטלעכע און גאוה'דיגע אַטאַקע אויף אָט־דעם בוך מיינעם.

עס איז בעסער, אַז די לייענער זאָלן אַליין באַשטימען וואו דער אמת ליגט. איז, אָט זיינען צוויי ציטאַטן, לויט וועלכע זיי קאָנען אורטיילן וועגן דעם טאָן פון דער קריטיק:

"עס איז אויסער צווייפל, אַז דער דין איז אַ גאַנץ גוטער טעלאָג, נאָר מען זעט, אַז ער ווייסט ניט צו־פיל וועגן עקאָנאָמיק. די סאָוועטישע

*) "די ראָמען פאָרום".

פראפאגאנדיסטן האט זיך איינגענעבן אריינצופאקן דעם מאקסימום מיס־אינפארמאציע אין זיין נאטיץ־ביכל פאר אינפארמאציע!"

אדער אט־דאס:

„אין קורצן — סטאלין איז ניט מער, ווי נאך א בעסטיע. ער איז בלויז נאך איין סימבאל פון כאאס און אומארדענונג, וואס שטעלט־פאר מיט זיך פארגרעסערטע נויט."

ווי א מוסטער פון דעם „כאאס און אומארדענונג, וואס שטעלט־פאר מיט זיך פארגרעסערטע נויט" איז אויף דער זעלבער זייט פון דעם זעלבן איבערבליק געווען געדרוקט דער פאלגנדיגער אינטערעסאנטער באריכט, וואס עס האבן צוגעשיקט די אמעריקאנער וויסנשאפטסלייט, וועלכע האבן אויסגעפארשט די קאמאנדארסקע אינזלען. איך דערלויב זיך דא איבערצודרוקן אט־דעם באריכטווארט פאר ווארט:

„אין לויף פון דעם זומער אין 1938 האט א „קאוסט־גארד" שיף געמאכט א רייזע מיט פיר וויסנשאפטסלייט צו די אלעאוטישע אינזלען און צו דעם קאמאנדארסקי אינזל פון דעם סאוועטן־פארבאנד מיט דעם צוועק צו שטודירן די אפשטאמונג און אנטוויקלונג פון די אלעאוטן. אט־די אינזלען געפינען זיך צו מזרח פון דעם האלב־אינזל קאמטשאטקא אין סיביר. זיי זיינען אנטדעקט געווארן ארום דעם יאר 1741 דורך וויטוס בערינג מיט דער שטיצע פון דער רוסישער אימפעראטארין אנא. די ערשטע עקספעדיציע איז פלאנירט געווארן פון פיאטר דעם גרויסן.

„איינער פון די וויסנשאפטסלייט האט אנגעזאמלט געוויסע מאטעריאלן, וואס גיבן א מעגלעכקייט צו מאכן א פארגלייך צווישן דעם צושטאנד פון די אלעאוטן אונטער דער אמעריקאנער פאן און די אלעאוטן אונטער די רוסן.

„מען דארף געדענקען, אז די קאמאנדארסקע אינזלען זיינען פון די סאמע עקסטע פונקטן פון דעם סאוועטן־פארבאנד און ווי אזעלכע וועלן זיי געבן א באגריף וועגן דעם פארנעם און דעם סארט פאליסים, וואס די רוסן האבן אויסגעארבעט אין דער באהאנדלונג פון זייערע מער־פרימיטיווע גרופן.

„עס ווערט באריכטעט, אז די אמעריקאנער אלעאוטן זיינען היפש פארשולדיגט אין די האנדלס־קראמען. אפט פעלט זיי אויס שפייז. זיי זיינען שלעכט געקליידעט. זיי זיינען גאנץ שטארק געניוויגט צו בראנפן און זיי האבן, צום באדויערן, א גרויסע צאל ווענערישע קראנקע. דאס באציט זיך ניט אויף אלע גרופן, נאר עס איז פאראן א גענוג־גרויסע מאס פון אט־די באדויערלעכע באדינגונגען אויף צו לאזן אפן א געלעגנהייט פאר אויסבעסערונגען.

„אין די רוסישע קאמאנדארסקע אינזלען מיט א באפעלקערונג פון עטלעכע הונדערט אלעאוטן זיינען אלע קינדער פון א געהעריגן עלטער געווען אין שול, און אלע דערוואקסענע, וואס זיינען געווען ארבעטס־פייאיג, האבן געהאט דזשאבס. א סך פון זיי האבן געהאט קליינע פארמס

מיט גרינס־גערטנער. זיי האָבן געהאָדעוועט בהמות. עס איז דאָרט גע־ווען אַ רעגירונגס־סטאַנציע פאַר פוקס־צוכט און פאַר פלאַדיען ים־אָטערס (ים־חיות מיט אַ ווערטפולער פעל), מיט אַ וויסנשאַפטסמאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַהין צו געבן אָנווייזונגען.

„קיין שכירות איז אין לויף פון דעם באַזוך ניט באַמערקט געוואָרן; מען האָט ניט געקאָנט געפינען קיין טורמע. עס איז דאָ געווען אין דער הויפט־שטאָט אַ געזעלשאַפטלעכע הויז און אַ ביבליאָטעק, מיט וועלכער די געבירטיגע האָבן זיך געקאָנט באַנוצן. אויף ווי ווייט עס איז באַ־וואוסט, זיינען וועגערישע קראַנקהייטן דאָרט כמעט אינגאַנצן אויסגע־ראָטן געוואָרן.

„די געבירטיגע האָבן, ווייזט אויס, געהאַט גענוג קליידער. מען האָט געקאָנט קריגן שטיוול פון קעלבערנעם לעדער פאַר אַרום 3 דאָלאַר אין אַמעריקאַנער געלט. די אַלעאוטן און זייערע וואוינונגען זיינען געווען מוסטערן פון ריינקייט.

„עס איז דאָרט געווען אַ „נוירסערי" פאַר די קלענסטע קינדער, אַ קינדערגאָרטן און אַן עלעמענטאַרע שול. אין דער ביבליאָטעק זיינען גע־ווען טאָלסטאָי'ס און דאָסטאָיעווסקי'ס ביכער. די געבירטיגע האָבן ליב מוזיק און האָבן זיך אָפט געלאָזט וואויל־גיין מיט ספּאָנטאַנעם געזאַנג און האָבן געשפּילט „אַ סוזאַנאַ" פאַר זייערע אַמעריקאַנער געסט. צווישן די זיבן מיטגלידער אין דעם רעגירונגס־ראַט פון דעם אינזל זיינען דריי געווען אַלעאוטן. דער דירעקטאָר פון דער אינדוסטריע איז געווען אַן אַלעאוט.

„וואָס עס האָט ספּעציעל געמאַכט אַן איינדרוק אויף די באַזוכער, איז די באַנעמונג, דער געפיל פון זעלבסט־ווירדע און דער געזונטער אינטערעס צום קאָאָפּעראַטיוון לעבן, וואָס האָט זיך געלאָזט באַמערקן אומעטום. עס איז דאָ אינגאַנצן ניט געווען קיין שרעק, וואָס פירט גע־וויינלעך צו קליינלעכע פאַרברעכנס און צו שטרענגער באַהאַנדלונג. ווען די געסט האָבן געוואָלט קויפן שפּייז, זיינען די אָרטיגע איינוואוינער אַרויס און האָבן געכאַפּט אַ פּופּציג פּראַכטפולע סעמאָן־פיש אין אַן אָרטיגן שטראָם און האָבן די פיש צוגעטראָגן דער מאַנשאַפט פון דער שיף, אָפּזאָגנדיג זיך צו נעמען פאַר דעם אַ גראַשן געלט. עס איז דאָ געווען אַ מואווי און אין ספּאָרט זיינען די אַמעריקאַנער געסט באַזיגט געוואָרן — סיי אין וואַלי־באָל און סיי אין שאַך.

„די סטאַנציע פאַר פלאַדיען ים־אָטערס, די פאַרם אויף צו האָדעוועןפוקסן און די סטאַנציעס פאַר הירשן זיינען געווען זייער דערפאָלגרייך און האָבן געגעבן דער אָרטיגער באַפעלקערונג אַ גוטע איינקונפט.

„אין דעם קאָמונאַלן הויז זיינען געהאַלטן געוואָרן לעקציעס און עס זיינען געפירט געוואָרן דיסקוסיעס. עס איז דאָרט געווען אַ צייכענונג, וואָס האָט געוויזן ווי נאַצים און פאַשיסטן קריכן אַריבער איבער אַ סאָוועטישער וואַנט, און ווי סאָוועטישע סאָלדאַטן מאָביליזירן זיך זיי אָפּצושטעלן. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען פאַר דעם ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. אויף די אינזלען האָט מען פון קיין קלויסטערס ניט געוואוסט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָבן איינוואוינער פון פאַר־שיידענע ראַסן געקאָנט פריי הייראַטן איינע מיט די אַנדערע און קיין ראַסן־האַס איז דאָרט ניט געווען. די אינזלען זיינען געווען באַשיצט דורך

א ריזיגער מיליטערישער מאַכט, וואָס איז באַשטאַנען פון איין ליטענאַנט און זעקס רויט־אַרמייער.״

אָט־די פאַרצייכענונגען קאָנען אויסקוקן אַ ביסל צו אָפּטימיסטיש און איבערטריבן, נאָר דער פאַקט בלייבט, אַז דער סאָציאָלאָג, וואָס האָט געזאַמלט אָט־דעם מאַטעריאַל, האָט זיכער ניט געהאַט קיין פּערזענלעכן אָדער פּאָליטישן אינטערעס און האָט אויך ניט געהאַט דעם מינדסטן מאָטיוו צו איבערטרייבן.

## סאַכאַלין

אין רוסישע אויערן האָט דאָס וואָרט „סאַכאַלין״ געקלונגען גרויזאַם. „פאַרשיקט קיין סאַכאַלין״ האָט געמיינט דאָס זעלבע, ווי אַ טויט־אורטייל.

ווי אַנדערש עס קאָן אויסקוקן דאָס פּנים פון דער נאַטור, ווען זי ווערט אויסגענוצט פאַר אַנדערע צוועקן, קאָן מען צום בעסטן זען אין דעם פאַל פון סאַכאַלין. אָט ווי סאַכאַלין האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַ צאַרישן בור־זשואַזן שרייבער:

„די נאַטור האָט באַשאַפן אָט־דעם אינזל אין אַ מינוט פון צאָרן און מיט דער אַבזיכט צו פאַרוואַנדלען אַלצדינג אין אַ טורמע. דאָ איז דער ים אַ פאַררעטער און דער ברעג איז ניט קיין פריינט. סיי פאַר דעם ים און סיי פאַר דעם ברעג דאַרף מען מורא האָבן.״

און אָט ווי עס שרייבט וועגן סאַכאַלין אַ מאָדערנער סאָוועטישער שרייבער:

„מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קירצערן וועג דורך אַ סטעזשקע און געגאַנגען פאַרביי אַ יונגן וואַלד אין הויכן געדיכטן גראָז, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום גאַרטל. מיר זיינען אַרויסגעקומען אויף אַ קליין בערגל. די נאַטור איז דאָ געווען מילד און אָנגענעם, גאָרניט ווי דער פאַראומערטער אַריינגאַנג אין דעם טייל ביים ים; אַ בלויער הימל, העלע וואַרעמע זונליכט, אַ סך גרינס, וואָס איז געווען זייער געדיכט און האָט ניט געוואוסט פון קיין שטויב. ביים האָריזאָנט האָט זיך אָנגעזען אַ שלענגלדיקע ליניע בערגלעך, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די בערג. די זייטן בערג זיינען געווען באַדעקט מיט פּענקעס. דערנאָך איז געקומען אַ שטרעקע אומבאַרירטער וואַלד. אויף אָט־דעם הינטערגרונט האָט אַ זילבערנער שטראָם זיך געשלענגלט ווי אַ פרישע סטענגע, פאַר־מירנדיק וואַסער־פאַלן ווי שפּילצייג און קליינינקע טייכלעך. אין דעם בילד איז געווען אַ באַזונדערע ווייכקייט פון ליניע און קאָליר.״

אינסטינקטיוו דערמאָן איך זיך אָן מעיספילד׳ס „דער אייביגער גנאָד״, וואו דער שיכור׳ער פּויער האָט נאָך אַ לעבן פון אויסגעלאַסנהייט, וואָס האָט דערגרייכט צום העכסטן פּונקט אין אַ ווילדער און העסלעכער נאַכט אין אַ דאָרפס־שענקל, דערפילט פּלוצים, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש,

און ווען ער גייט אַרויס פאַרטאָג אין פעלד אַריין, דערזעט ער, אַז די פעלדער אַרום אים גליען מיט שטראַלנדיגער ליכטיגקייט און קאָליר, וואָס ער האָט דאָס פריער קיינמאָל ניט באַמערקט. די ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דעם פויער און ניט אין דער נאַטור, און די ענדערונג איז ניט אין סאַכאַלין, נאָר אין די מענטשן, וואָס נוצן אויס דעם אינזל.

ווייל אין די צאַרישע צייטן איז סאַכאַלין — דער פּאַציפישער אינזל, וואָס ליגט אַ שטרעקע אַוועק פון די ברעגן פון דער ים־פּראָווינץ און פון קאַמטשאַטקאַ אין דעם עקסטרעמען צפון־מזרח פונקט פון אַזיע, און וואָס זיין דרום־טייל באַלאַנגט צו יאַפּאַן — באַנוצט געוואָרן ווי אַ פאַרשיקונגס־פונקט. האָט ער דערפאַר געהאַט אַזאַ מאָנסטערהאַפטע רעפּוטאַציע.

דער באַרימטער רוסישער דראַמאַטורג טשעכאָוו, וועלכער האָט באַזוכט דעם אינזל סאַכאַלין אין 1890, דערציילט די שוידערלעכע געשיכטע פון אָט־דעם פּלאַץ אין זיין בוך „סאַכאַלין". אָט איז, פאַר אַ ביישפּיל, אַ כאַראַק־טעריסטישע שטעלע:

„אומעטום אין סאַכאַלין האָבן מענער־הענקער אויסגעטאָן פרויען־אַרעסטאַנטן נאַקעט און זיי געקאַטעוועט מיט בייטשן אין דער אָנוועזנ־הייט פון אויפזעער און נייגעריגע טשינאָווניקעס. אין קאַרסאַקאָווע האָט מען געשמיסן אַ שוואַנגערנדיגע פרוי. אין אַלעקסאַנדראָווסק האָט מען געשמיסן אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וועלכער האָט אויף דעם צווייטן טאָג זיך אויפגעהאַנגען.

„מען ברענגט אַריין דעם אַרעסטאַנט פּראָכאָראָוו אין דער קאַנצע־לאַריע פון דער טורמע. ער ווייסט נאָך ניט, אַז מען וועט אים געבן ניינציג שמיץ.

„דער דאָקטאָר, אַ יונגער דייטש, הערט אויס זיין האַרץ, כדי פעסט־צושטעלן וויפיל שמיץ דער אַרעסטאַנט קאָן איבערטראָגן. ער לייזט די פראַגע אין אַ מינוט.

„— אָ, דו אָרעמער מענטש — חוזק'ט דער דאָקטאָר — זיינען די קייטן ניט צו שווער פאַר דיר? פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט ווענדן צום טורמע־נאַטשאַלניק — ער וועט דאָך הייסן זיי אָראָפּנעמען.

„דער בלאַסער פּראָכאָראָוו רעדט קיין וואָרט ניט אַרויס, נאָר זיינע ליפּן ציטערן.

„—געוויס ביסטו אומשולדיג — זעצט פאָר דער דאָקטאָר — איר זייט אַלע אומשולדיג. ווי אומצוטרויליך מענטשן זיינען עס אין רוס־לאַנד! אָ, דו אָרעמער מענטש!

„דער אַרעסטאַנט פילט, אַז ער קאָן שוין מער ניט איבערטראָגן אָט־דאָס ניט־וויסן וואָס מען וועט מיט אים טאָן.

„— וואָס האָט זיך דיר נעכטן גע'חלום'ט? — פרעגט דער טורמע־נאַטשאַלניק.

„— איך האָב פאַרגעסן.

„— טאָ הער אויס, דו ביסט פאַראורטיילט געוואָרן צו קריגן ניינציג שמיץ. היינט דאַרפסטו זיי קריגן.

„אין מיטן צימער אין קאַבינעט פון דעם טורמע־נאַטשאַלניק שטייט

אַ משופּע׳דיגע באַנק, אין וועלכער עס זיינען אויסגעשניטן לעכער אויף צו פאַרבינדן די הענט און די פיס. דער הענקער טאָלסטיק — אַ קרעפטיגער פאַרשוין, געבויט ווי אַן אַטלעט, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו פראָכאָראָוו׳ן. דער אַרעסטאַנט לייגט זיך אַוועק אויף דער באַנק, ניט אויסרעדנדיג קיין וואָרט. דער הענקער שלעפּט אַראָפּ פראָכאָראָוו׳ס הויזן ביז די קני. ער טוט עס שווייגנדיג, אָן באַזונדערער איילעניש, און דערנאָך נעמט ער אים לאַנגזאַם צובינדן צו דער באַנק.

„ענדלעך איז פראָכאָראָוו שוין צוגעפעסטיגט. דער הענקער נעמט אין האַנט אַ בייטש מיט דריי לעדערנע פאַסן און גלייכט זיי אויס.

„— זע זאָלסט ניט חלש׳ן — זאָגט ער שטילערהייט, און דערלאַנגט דעם ערשטן שמיץ, ניט צעוויגנדיג די בייטש, גלייך ווי ער וואָלט אויספּרובירט ווי בעסער צו טרעפן.

„— איינס — זאָגט דער טורמע־נאַטשאַלניק אין אַ מאָנאָטאָנער שטים.

„אויף אַ מאָמענט איז פראָכאָראָוו שטיל און אַפילו דער אויסדרוק אויף זיין פּנים האָט זיך ניט געביטן, נאָר פלוצלונג לויפט דורך אַ ספּאַזמע פון ווייטאָג דורך זיין קערפּער, און עס רייסט זיך ביי אים אַרויס ניט קיין געשריי, נאָר אַ קוויטש.

„— צוויי — שרייט אויס דער טורמע־נאַטשאַלניק.

„דער הענקער שטייט ביי דער זייט און שמייסט אַזוי, אַז די בייטש זאָל פאַלן אין דער ברייט פון קערפּער. נאָך יעדע פינף שמיץ גייט ער לאַנגזאַם אַריבער אויף דער צווייטער זייט און גיט דעם קרבן אַ האַלבע מינוט אָפּרו. פראָכאָראָוו׳ס האָר קלעפּן זיך צו זיין פייכטן שטערן; זיין האַלז ווערט אָנגעשוואָלן; נאָך די ערשטע פינף מינוט ווערט זיין קערפּער, וואָס איז באַדעקט מיט קאַרבן פון פריערדיגע שמיץ, ברוין; די הויט פּלאַצט ביי יעדן קנאַק מיט דער בייטש.

„— וואַשע בלאַגאָראָדיע! — רייסט זיך ביי אים אַרויס צווישן איין יסורים־קוויטש און אַ צווייטן — האָט רחמנות, וואַשע בלאַגאָראָדיע!

„נאָך צוואַנציג אָדער דרייסיג שמיץ מורמלט פראָכאָראָוו, ווי ער וואָלט געווען שיכור, אָדער ווי ער וואָלט גערעדט פון היץ:

„—איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש . . . מיין סוף איז שוין געקומען. פאַרוואָס באַשטראָפט מען מיך? . . אוי . . . וויי! . . . . .

„דערנאָך דערהערט זיך עפּעס אַ גערויש, ווי ער וואָלט ברעכן. פראָכאָראָוו רעדט מער קיין וואָרט ניט אַרויס. מען הערט בלויז קרעכצן און אַ כאָרכלעניש אין האַלז. עס דאַכט זיך, אַז אַן אייביגקייט איז אַוועק זינט די עקזעקוציע האָט זיך אָנגעהויבן, נאָר דער טורמע־נאַטשאַלניק שרייט בלויז: צוויי און פערציג, דריי און פערציג, פיר און פערציג . . .

„ענדלעך קומט ניינציג. פראָכאָראָוו׳ס קערפּער איז ברוין פון די קאַרבן, וואָס בלוטן. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן; זיין פּנים איז געל; זיינע אויגן בלאָנדזשען אַרום. . . .”

ניט־געזעצלעכע הייראַטן זיינען געווען אַן אָנגענומענע זאַך און זיינען אָפן פּראַקטיצירט געוואָרן. אָנשטאָט היילן פאַרברעכנס, זיינען נייע פאַרברעכנס דערפונדן געוואָרן — לויט דער פאַרזיכערונג פון הויכע טורמע־

באַאמטע. אַ צאָל פון אָט־די פאַרברעכנס זיינען געווען פון דעם שווידער־לעכסטן כאַראַקטער.

אויף אָט־דעם אינזל, וואָס פאַרמאָגט קוילן, געהילץ און פיש, איז אין לויף פון יאָרן דאָס לעבן געווען באַגלייט מיט דעם קלינגען פון קייטן, דעם סווישטשען פון דער בייטש און דעם יאָמער פון געפייניקטע מענטשן. פאַר־צווייפלונג, פאַרברעכן, הפקרות, רייכע נאַטירלעכע אוצרות פאַרנאַכלעסיגט, אַלע הערלעכע שטריכן פאַרוואַנדלט אין בלוט־גליווערנדיגע שוידערס — דאָס אַלץ האָט פון סאַכאַלין געמאַכט אַן אמת'ן טיוול'ס אינזל. און מיט רעכט וואָלט מען וועגן דעם צאַרישן סאַכאַלין געקאָנט שרייבן מיט די באַקאַנטע ווערטער פון דאַנטע: „גיט אויף אייערע האָפענונגען, איר אַלע, וואָס טרעטן אַריין אַהער.”

ווען די סאָוועטן־מלוכה איז אַריינגעטראָטן אין סאַכאַלין אין 1925, איז די שווערע שטימונג פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט דער בייטש, מיט די טורמע־נאַטשאַלניקעס, מיט די ווי־געשרייען און מיט די אַרעסטאַנטסקע קייטן. די יוגנט איז געקומען און מיט איר איז געקומען אַ נייע אָרדענונג. טשעכאָוו האָט וועגן דעם עולם, וואָס ער האָט געזען אין אַלטן סאַכאַלין, פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל: „דער עולם איז באַשטאַנען פון מענער און פרויען פון אַרבעט־עלטער; עס זיינען אויך געווען עטלעכע אַלטע לייט און קינדער, נאָר קיין יוגנט איז אינגאַנצן ניט געווען.”

יונגע קאָמוניסטן זיינען געשיקט געוואָרן קיין סאַכאַלין צו אָרגאַניזירן די אַנטוויקלונג פון דעם אינזל און אָנצינדן די דאָרטיגע מענטשן מיט אַ חשק צו אַ ניי לעבן. צוועלף הונדערט זיינען זיי אָנגעקומען אין דער ערשטער מחנה; פינף הונדערט אין דער צווייטער. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט העק אויף אויסצוהאַקן וועלדער, מיט ברעך־אייזנס אויף צו גראָבן מאַינס און מיט עגבער־מאַשינען צו דערגרונטעווען זיך צו די פאַרבאָרגענע זאַפּאַסן אויל. די געשיכטע פון די ערשטע ראַנגלענישן פון דער סאָוועטישער יוגנט און איר אומבאַגרענעצטן ענטוזיאַזם קלינגט ניט אומגלויבלעך פאַר די, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט פּיאָנערן ביים אויפשטעלן קעמפּס פאַר בחורים פון לאַנקאַשיר אין די ערגסטע ענגלישע ווינטערן.

צוליב אַ שטורעם איז איינע פון די ערשטע גרופּן געבליבן אָן איר באַגאַזש. די שיף איז געווען געצוואונגען אַרויסצוזעצן די גרופּע זייער ווייט פון דעם פּונקט וואו זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען. די געשטראַנדעטע האָבן באַשלאָסן צו גיין צו־פוס דורכן וואַלד צום פּלאַץ פון זייער צוקונפטיגן „קאָלעקטיוו”; ערשט אין דריי חדשים אַרום איז צו זיי אָנגעקומען זייער באַגאַזש און דער זאַפּאַס שפּייז פאַר די מענטשן און די פי. אָט איז אַ באַשרייבונג פון יענעם עפּיזאָד:

„עס זיינען געקומען שווערע פרעסט און אַ טיפער שניי האָט פאַר־דעקט די ערד. מיר האָבן ניט געהאַט קיין וואַרעמע קליידער און קיין

שפּייז פֿאַר אונזער פּי. מיר האָבן אַליין אויך ניט געהאַט וואָס צו עסן. אייניגע מענטשן אין שטאָט און אַפּילו אין קאָמבינאַט זײַנען אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּאַניק און האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן פֿאַרמאַכן דעם קאָמבינאַט. דעמאָלט האָט די אָרגאַניזאַציע פֿון די יונגע קאָמוניסטן געוויזן איר ריכטיגן גייסט. אין לייכטע שיך, וואָס זײַנען געווען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, אין זומער־היטלען און אין צעריסענע קליידער, שטייענדיג ביזן גאַרטל אין וואַסער, האָבן די יוגנטלעכע געוואַלגערט ביימער פֿאַר עקספּאָרט, און מיט דער הילף פֿון פֿערדלעך, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס, האָבן זיי דאָס געהילץ אַוועקגעפֿירט. און ניט בלויז האָבן זיי אָנגעהאַלטן זייער באַשטימטע נאָרמע פֿון אַרבעט, נאָר זיי האָבן די נאָרמע נאָך איבערגעשטיגן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטן. . . . די אַרבעטער־גרופּע פֿון דער קאָמוניסטישער יוגנט, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן מיידלעך, האָט אָנגעלאָדן . . . צוויי טויזנט פֿיר הונדערט טאָן פֿראַכט פֿאַר עקספּאָרט אין פֿיר טעג צייט (אָן די אַלע נויטיגע פֿאָרט־אויסשטאַטונגען).

סאַכאַלין פֿאַרמאָגט אַ סך קוילן, אויל און פֿיש. די קוילן ליגן אין די בערג אין משופּע׳דיגע שיכטן. האָריזאָנטאַלע עפֿענונגען ווערן אויסגעגראָבן אין די זייטן פֿון די בערג. די עפֿענונגען קומען ווי עטאַזשן. די קוילן ווערן אַראָפּגעשטופּט מיטן פֿוס און זיי גליטשן זיך אַראָפּ דורך די עפֿענונגען באַרג־אַראָפּ אין קאָרעטעס און פֿון דאָרט אין קאַסטנס אויף דעם אונטערשטן גאָרן; און פֿון די קאַסטנס ווערן זיי אָנגעלאָדן אויף די וואַרטנדיגע טראָקס. קוילן האָבן אַ ספּעציעלן ווערט אין די פּאַציפֿישע וואַסערן, און עס איז מער ווי כדאַי די אָנשטרענגונג זיי צו קריגן.

די פֿיש־אינדוסטריע און לאַנד־ווירטשאַפֿט אויף סאַכאַלין ווערן געבוירן, אָדער ווידער־געבוירן. לעבן „שיראָקאַיאַ פּאַד״ פֿלעגט מען אַמאָל כאַפּן פֿיש ביי די ברעגן מיט אַ פּרימיטיווער נעץ. די דאָרטיגע פֿישערלייט האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, אַז די געדיכטסטע מענגעס פֿיש זײַנען זיי פֿאַרבייגעגאַנגען טיף אין וואַסער און ווייט פֿון דעם ברעג. דער „פּאַציפֿישער אינסטיטוט פֿון פֿישערייען״, באַוואָפֿנט מיט וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג, האָט אַנטפּלעקט פֿאַר די מלוכה־פֿישערייען און די פֿישער־קאָלעקטיוון דעם „סוד״, און איצט ווערן פֿיש געכאַפּט ווייט פֿון די ברעגן און אין טיפֿע וואַסערן. די רעזולטאַטן זײַנען גלענצנדיגע. די געכאַפּטע פֿיש ווערן קאָנסערווירט אין די מיליאָנען און ווערן געשיקט טיף אין לאַנד ווי שפּייז. פֿריער פֿלעגט מען זיי אין גרויסע קעסלען פֿאַרוואַנדלען אין ערד־באַמיסטיגונג.

הויכע אויל־טורעמס מיט הויב־מאַשינען הויבן זיך אין געדיכטע גרופּן אויף דעם מזרח־ברעג. אויל־אַרבעטער פֿון גראָזני און באַקו, וואָס זײַנען געקומען אַהער ווי וואָלונטירן, האָבן אויסגעלערנט נייע אַרבעטער און צוגעגרייט נייע קאַדרען. אין צוויי אָדער דריי יאָר האָט דער סאָוועטישער אויל־טראָסט דערגרייכט אַ פּראָדוקציע, וואָס יאַפּאַן האָט געדאַרפֿט צען יאָר אויף דאָס צו דערגרייכן. דער וואַלד טרעט צוריק פֿאַר די געדיכטע אויל־טורעמס

און פאר דעם פאס גרינס־גערטנער און וואוינונגען. אין זיבן יאר צייט איז אויסגעוואקסן די אויל־שטאט אבא מיט 25,000 איינוואוינער.

די אינדוסטריע באפעסטיגט זיך אין סאבאלין. לאנגזאם ווערן אויך די לעבנס־באדינגונגען פארבעסערט. סאלידע שטיבער באווייזן זיך אין די מאין־געגנטן, מיט סיצענע פארהענגלעך און מיט זינגענדיגע פייגעלעך אין שטייגעלעך.

סאבאלין האט זיין געבירטיגע באפעלקערונג. אונטער דער צארישער הערשאפט האט אט־די באפעלקערונג געהאלטן אין אויסשטארבן. אבער נישט איצט. די סאוועטן־מלוכה זארגט באזונדער פארן וואוילזיין פון געבירטיגע פעלקערשאפטן. זי קולטיווירט זיי, פונקט ווי זי קולטיווירט זוימען, וואס זיינען צוגעפאסט צו א באשטימטן באדן, און דערנאך קומט דער וואוקס און אויפבלי פון די פעלקער. אין סאבאלין איז די אויפגאבע נישט געווען קיין לייכטע. די דערפער פון די געבירטיגע גוליאקן זיינען געשטאנען אויף זייער א נידעריגן קולטור־מצב. די ווינטער־שטיבלעך ליגן אויף א העלפט איינ־געגראבן אין דער ערד און זיינען פול מיט רויך. מיזעראבעלע הינט זיינען געווען צוגעבונדן צו סלופעס און האבן געמאכט מעלאנכאלישע קולות, און טויטע פיש האבן געשאפן א שרעקלעכן געשטאנק. שמוציגע קינדער האבן געשלונגען לעבעדיגע פישלעך, וואס האבן זיך געצאפלט ביי זיי אין די הענט. און אט־דער איינפיר שטארבט לאנגזאם אפ. פרויען פלעגט מען ביי די גוליאקן קויפן און פארקויפן ווי פי. פאר א מיידל, למשל, האט מען אפטמאל באצאלט מיט א גאנצן געשפאן הינט. עלטערן פלעגן אפקויפן מיידלעך אין עלטער פון פיר־פינף יאר און פלעגן זיי גלייך חתונה מאכן מיט זייערע זין.

שטופנווייז בייט זיך אט־דער שטייגער אונטער דעם מיסיאנערישן איינ־פלוס פון דער סאוועטן־רעגירונג. דעם פלאץ פון זנאכערס פארנעמען אמת'ע דאקטוירים. בילדונג ווערט פארשפרייט. די רויכיגע שטוב פארשווינדט. נייע, הילצערנע הייזער פארנעמען איר פלאץ. אין די הייזער זיינען דא נייר־מאשינען, סאמאווארן און מאדערנע מעבל. פערד און בהמות באווייזן זיך אויף די פארמס פון די גוליאקן. אגריקולטורעלע וויסנשאפט און קאמ־פליצירטע אגריקולטורעלע מאשינען העלפן דעם פארמער ארויסצוקריגן פון זיינע פעלדער א גרעסערע גערעטעניש. פוילענצעריי ווערט אויסגעמיטן און פארדאמט. עס קומען פאר קאלאסאלע מאראלע ענדערונגען.

פון די 50,000 איינוואוינער פון סאבאלין זיינען קוים 5,000 דארט געבוירן געווארן. די מערסטע זיינען געקומען אין גרופן פון פארשיידענע טיילן פון דעם סאוועטן־פארבאנד. עס זיינען געקומען פישערלייט פון אסטרא־כאן, מאטראסן פון שווארצן ים, פויערים פון טראנס־באיקאל, אוקראינישע פארמער און אויל־ארבעטער פון קאווקאז.

אין 1933 האט מאקסים גארקי געקראגן א בריוו פון די קינדער פון סאבאלין.

„אייער בריוו (האָט ער זיי געענטפערט) איז אַ מתנה, וואָס איז ביי מיר אַזוי טייער, ווי אַן אָרדן. איך האָב דערהאַלטן בריוו פון קינדער פון אייראָפּייער. זייערע בריוו האָבן מיר, נאַטירלעך, פאַרשאַפט אַ סך נחת, נאָר זיי האָבן מיך ניט גערירט אַזוי טיף, ווי דער בריוו, וואָס איר, די קינדער פון די גוליאַקן, טונגוסן און אַראַכאַנען, האָט מיר געשיקט.

„עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס אייראָפּייאישע קינדער קאָנען לייענען און שרייבן; ס'איז יאָ אַ וואונדער און עס איז אויך טרויעריג, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען נאָך אַלץ אַנאַלפאַבעטן. איר אָבער זייט די קינדער פון שבטים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געשריבענע שפּראַך; אייערע טאַטעס זיינען געשלאָגן און געפּלינדערט געוואָרן פון די רוסישע און יאַפּאַנעזישע סוחרים; צווייפיסיגע חיות האָבן באַשווינדלט אייערע טאַטעס און זיי געהאַלטן אין אומוויסנהייט. . . .

„און איצט לערנט איר זיך. אין עטלעכע יאָר אַרום וועט איר אַליין זיין לערער און פירער פון אייערע שבטים. איר וועט פאַר זיי עפענען דעם ברייטן שטראַלנדיגן וועג צו דער פאַרברידערונג פון די אַרבעטנדיגע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. און אין דעם ליגט אַ גרויסע פרייד אי פאַר אייך, אי פאַר מיר.”

## 5. אַרויס פון דער געטאָ

די אידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּראָבלעם אין יעדן לאַנד. בשעת אָבער מען האָט זיי אין אַנדערע לענדער ניט ליב און מען פאַרפאָלגט זיי און מען אונטערדריקט זיי און מען זוכט זיי אויסצוראָטן זיינען זיי אין דער זעלבער צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פון סאַמע אָנהויב אַריינגעטראָטן אין אַ ניי לעבן. איינער פון די ערשטע דעקרעטן פון דער סאָוועטן־מלוכה האָט דעם 8טן אויגוסט, 1918, דערלאַנגט דעם ערשטן קלאַפּ דעם אַנטיסעמיטיזם און געעפנט די טיר פאַר אַ פּאָליטישער און עקאָנאָמישער גלייכהייט, וואָס ברענגט מיט זיך געזעלשאַפטלעכע ווערדע. עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן דאָס, וואָס די אידן האָבן בייגעטראָגן דער מענטשהייט.

די צאַרישע רעגירונג האָט באַהאַנדלט גרויזאַם אַלע פעלקער. די אידן זיינען ניט געווען קיין אויסנאַם. אין מיין געמיינדע האָט מיט יאָרן צוריק געוואוינט אַ אידישע פרוי, וועלכע איז געווען די מוטער פון אַ באַרימטן ענגלישן אַרכיטעקטאָר. ווי אַ יונגע מיידל איז זי די איינציגע געבליבן לעבן נאָך אַ פּאָגראָם, אין וועלכן איר גאַנצע פאַמיליע איז אויסגעקוילעט געוואָרן. דער שוידער פון יענעם טאָג פאַרפאָלגט זי איר גאַנצן לעבן. קרבנות פון בלוטיגע פּאָגראָמען און לעגאַלע באַגרענעצונגען; ניט צוגעלאָזט צו פאַבריקאַרבעט און פאַריאָגט פון די פעלדער האָבן זעקס מיליאָן אידן אין אַלטן רוסלאַנד געלעבט אין שרעק פאַר זייער לעבן און פאַר זייער האָב־און־גוטס.

די אידן האָבן ניט געהאַט קיין שולן, וואו מען זאָל לערנען אויף אידיש. בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון אַלע פעלעצער אין אוניווערזיטעט איז באַשטימט

געוואָרן פאַר אידן. ווי פּויאיג אַ אידישער בחור זאָל ניט געווען זיין, האָט ער און אַ סך אַנדערע געמוזט בלייבן אויסערן אוניווערזיטעט, אויב נאָר אָט־די קוואָטע איז שוין פאַרפולט געוואָרן. און האָט ער אַפילו געמעגט האָבן אַזאַ בריליאַנטענעם מוח ווי איינשטיין, איז זיין שאַנס אַריינצוטרעטן אין אַ רוסישן אוניווערזיטעט אין יענע צייטן געווען פּונקט אַזוי קנאַפּ, ווי יעזוס׳עם שאַנס היינט אַריינצוקומען אין היינטיגן דייטשלאַנד. די אידן זיינען געצוואונגען געוואָרן צו לעבן אין אַ מיזעראַבעלן באַשרענקטן שטח (די „טשערטאַ אָסעדלאָסטי"). בלויז אַ הייפּעלע רייכע אידן און פּראָפעסיאָנאַלן האָבן געקראָגן דאָס רעכט צו וואוינען אויסער דער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט.

צו וואַגן אַרויסגיין אויסער די גרענעצן פון דער „טשערטאַ" האָט געמיינט געשטעלט ווערן אויסערן געזעץ. דאָבלין פּ. קאָוטס ציטירט אין זיין בוך „פון צאַריזם ביז דער סטאַלין־קאָנסטיטוציע" דעם געוועזענעם שמיד שניידערמאַן, וועלכער זאָגט אַזוי:

„איך האָב געאַרבעט אַלס אַ שמיד אַכט און פערציג יאָר, און כמעט מיין גאַנץ לעבן האָב איך פאַרבראַכט אין זשוואַניץ. איינמאָל האָט דער פּריץ מיך געשיקט רופן, אַז איך זאָל פאַר אים פאַרריכטן די וועגענער. איך האָב אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג און האָב פאַרדינט צוויי רובל. . . . אויף דעם וועג אַהיים האָב איך אָנגעטראָפן אַ פּויער. — פון וואַנען גייסטו, איד? — האָט ער מיך געפרעגט. איך האָב אים דערציילט פון וואַנען איך גיי.

„— איך, קום צום פּריסטאַוו. ווייסטו דען ניט, אַז אידן טאָרן ניט אַרומגיין איבער די דערפער? — איך האָב זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן. עס איז בלויז געווען דריי קילאָמעטער ביז זשוואַניץ, נאָר ער איז געווען איינגע׳עקשנ׳ט. איך האָב אים אָפּגעגעבן דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט, ווייל ווען ער נעמט מיך צום פּריסטאַוו, וואָלט איך דאָס פאַרדינטע געלט סיי ווי געדאַרפט געווען אָפּגעבן און איך וואָלט נאָך אַ חוץ דעם געדאַרפט פאַרבלייבן אַרעסטירט אויף אַ נאַכט.

„איך בין געגאַנגען ווייטער און אין צען מינוט אַרום האָט די זעלבע געשיכטע זיך ווידערהאָלט. איך האָב געמוזט זיך שיידן מיט מיין לעצטן רובל. איך האָב אַזוי געטרוימט צו פאַרברענגען אַ גוטן פריילעכן שבת מיט גענוג שפּייז פאַר מיין פאַמיליע! עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַנדערש, און דערצו נאָך האָב איך אויף דעם וועג געקראָגן קלעפּ פון אַ שיכור און זיך קוים פאַרשלעפּט אַהיים, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. מען האָט אונז ניט באַטראַכט פאַר קיין מענטשן אין יענע צייטן."

לענינ׳ס באַציאונג צו דער אידן־פראַגע איז געווען קלאָר פון סאַמע אָנהויב. שרייבנדיג אין 1913 וועגן אַ געזעץ־פּראָיעקט, וואָס די באָלשעוויסטישע גרופּע האָט אַריינגעטראָגן אין דער דומע מיט דעם צוועק צו באַזייטיגן די באַשרענקונגען אויף אידן, האָט ער דערקלערט:

„די שול, די פּרעסע, די פּאַרלאַמענטאַרישע טריבונע — אַלץ ווערט אויסגענוצט צו פאַרשפּרייטן אומוויסנהייט, שלעכטקייט און ווילדן האַס צו די אידן. אין אַ״דער געמיינער אַרבעט באַטייליגט זיך ניט בלויז דער אָפּפאַל פון דער „שוואַרצער מאה", נאָר אויך רעאַקציאָנערע פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטסלייט, זשורנאַליסטן, דומע־דעפּוטאַטן און אַזוי ווייטער. מיליאָנען, אַפילו ביליאָנען רובל ווערן אויסגעגעבן אויף צו פאַר׳סמ׳ען די מוחות פון דעם פאָלק."

סטאַלינ׳ס באַציאונג איז געווען פּונקט אַזוי קלאָר. „קאָמוניסטן" — שרייבט ער — „קאָנען, ווי אויסגעהאַלטענע אינטערנאַציאָנאַליסטן, ניט פאַרפעלן צו זיין אומקאָמפּראָמיסלעכע און געשוואוירענע שונאים פון אַנטיסעמיטיזם."

די אידן שטעלן מיט זיך פאַר אַ שטענדיגע פּראָבלעם אויף דער וועלט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַר אַ״דער פּראָבלעם געפונען די בעסטע לייזונג.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט ניט אָנגעווענדעט קיין נאַציאָנאַלע אָדער ראַסן־דיסקרימינאַציע געגן אידן. די אידן האָבן געקראָגן עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע גלייכהייט. די סאָוועטישע אידן מעגן וואוינען וואו זיי ווילן; זיי מעגן אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעטן; זיי מעגן אַרבעטן אין פאַבריקן; זיי מעגן באַאַרבעטן ערד.

אין קרים און אין דרום־אוקראַינע האָב איך געהאַט אַלס מיטרייזנדע פאַר אַ קורצער צייט דריי יונגע, געבילדעטע אידן פון ניו יאָרק. איין צוועק פון זייער רייזע איז געווען צו שטודירן דעם מצב פון די אידן, ספּעציעל אין אָדעס, וואו די אידן באַטרעפן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג. פאַר דער שמחה פון אַ״די אַמעריקאַנער אידן, וואָס האָבן דערזען אַ לאַנד, וואו ראַסן־צעטיילונג און נאַציאָנאַלע צאַמען זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן אויף שטענדיג, האָבן זיי גאָר קיין ווערטער ניט געקענט געפינען.

די אידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן און אויף דער ערד אין אוקראַינע, אין קרים, אין מאָסקווע, אין גרוזיע, אין באַקו און אין סיביר האָבן באַוויזן זייערע פיאיגקייטן. איצט איז קלאָר, אַז ווען מען גיט די אידן אַ מעגלעכקייט און צייט, באַהערשן זיי אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע אַרבעט פּונקט אַזוי גוט, ווי מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

די פראַגע וועגן באַזעצן אידן אויף ערד איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. אידישע קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די שענסטע געגנטן, ווי ביי די דרום־ברעגן פון קרימער האַלב־אינזל — אַ פּלאַץ, וואָס איז באַרימט מיט זיינע קוראָרטן און וואַקאַציע־פּלעצער. עס זיינען אויך געגרינדעט געוואָרן קאָלאָניעס אין אוקראַינע. די צוויי מיליאָן אידן, וואָס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַגריקולטור, האָבן אינגאַנצן צונישט געמאַכט דעם אַלטן ליגן, אַז אידן זיינען פון דער

נאטור ניט צוגעפאסט צו ארבעטן אין פעלד און אין פאבריק. זיי זיינען בלויז אויף אזוי פיל ניט צוגעפאסט, אויף וויפיל א קינד, וואס מען האט קיינמאל ניט דערלויבט ארייבצושטעלן א פוס אין וואסער, איז ניט צוגעפאסט צו שווימען.

אויב מען גיט די אידן די געהעריגע געלעגנהייט, קאנען זיי זיך אויס־ציייכענען פונקט ווי אנדערע פעלקער. אט איז א ביישפיל: אין דער אזאוור שווארץ־ים׳ישער טעריטאריע איז אפגעהאלטן געווארן א קאנפערענץ פון די אידישע פארמער פון זלאטאפאלסקער ראיאן אין דער דניעפראפעטראווסקער געגנט און קאזאקן פון טצימיאנסקער ראיאן. נאך דער קאנפערענץ איז דורכ־געפירט געווארן א ספעקטאקל און א פארמעסט פון רייטן אויף פערד. אט־די פארוויילונג איז דורכגעפירט געווארן פון 300 קאזאקן, וועלכע זיינען וועלט־בארימט ווי פערד־רייטער. בערדישעוו, א פארטרעטער פון דעם אידישן ראיאן, האט געוואגט זיך אנצושליסן אין דעם פארמעסט. צעלאזנדיג זיין פערד, האט ער זיך גענומען אריבערשפרינגען איבער די שווערסטע פאר־צאמונגען און ער האט זיי בייגעקומען מיט אזא לייכטקייט, אז די קאזאקן, וואס אמאל זיינען זיי געווען די געשוואוירענע שונאים פון די אידן און באוואוסט מיט זייער אנטיסעמיטישער ברוטאליטעט, האבן אויסגעשריען מיט ספאנטאנער באגייסטערונג: „אן אמת׳ער קאזאק, אן אמת׳ער קאזאק!״

כדי צו העלפן די אידן צו אנטוויקלען זייער אייגענע שפראך און נאציאָ־נאלע קולטור, האט דער סאוועטן־פארבאנד זיי געגעבן די בירא־בידזשאנער טעריטאריע אין וויטן מזרח, וואו דער אמור־טייך גיסט זיך צוזאמען מיט דעם אוסורי־טייך — ארום 250 מייל פון דעם פאציפישן ים. בירא־בידזשאן איז צוויי מאל אזוי די גרויס, ווי פאלעסטינע, און איז אזוי גרויס ווי האלאנד און בעלגיע צוזאמענגענומען. אין בירא־בידזשאן בויען די אידן די ערשטע און איינציגע אידישע אויטאנאמע טעריטאריע אין דער וועלט. אידיש איז דארט די אפיציעלע שפראך אין שול און אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

זיכער באגייען זיי טעות׳ן. און ניט יעדער איד, וואס האט געמאכט דעם פארזוך, האט געקאנט איבערטראגן די שוועריגקייטן פון פיאנערישן לעבן, ספעציעל אין די ערשטע צייטן. כאטש בירא־בידזשאן איז פאטענציעל זייער רייך, איז דאס אבער געווען א נאך־ניט־בארירט און ניט־געצוימט לאנד. אט דער פאקט, וואס עס זיינען געווען שוועריגקייטן, האט אבער אויך געהאט א געוויסע גינסטיגע ווירקונג. בירא־בידזשאן איז געווען א טעריטאריע, וואס די אידן האבן געקראגן פאר א מתנה און וואו ס׳איז ניט געווען נויטיג ארויסצוזעצן די פריערדיגע איינוואוינער; א געשאנק, וואס האט געגעבן די מעגלעכקייט פאר א פלייסיגן און אנטשלאסענעם פאלק צו צעפירן די הענט; א געשאנק, וואס האט אויך געשטעלט צו דער פראבע דעם אויסדויער און כאראקטער פון די אידישע פיאנערן. די נאטור גיט קיינמאל ניט אפ דעם מענטשן אירע פאזיציעס אן א קאמף. דער אויסדויער פון די פיאנערן האט

דאָ געמוזט געשטעלט ווערן צו דער פּראָבע. מען האָט געמוזט בייקומען זומפּיגע ערטער. מענטשן און פערד זיינען פאַרהרוזנעט געוואָרן אין טיפע בלאָטעס, געפּייניגט געוואָרן פון אומצאָליגע פליגן און געביסן געוואָרן פון גיפטיגע מאָסקיטאָס. אַ סך האָבן מיט דער צייט אויפגעגעבן דעם קאַמף, ווייל זיי האָבן זיך פּונקט אַזוי ווייניג אויסגעטויגט פאַר די שווערע פּיאָנערישע אַרבעטן, ווי די שוסטערס און שניידער אָדער די קליינע קרעמער פון ענגלאַנד וואָלטן זיך אויסגעטויגט צו באַזינען די קאַנאַדער ווילדערנישן. זיי האָבן פאַרלאָרן זייער מוט און זיינען צוריקגעפאָרן.

די מערהייט אָבער איז פאַרבליבן און האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג אין דעם קאַמף מיט דער נאַטור. איצט בייט זיך דאָס פּנים פון בירא־בידזשאַן. זעג־מילן הודזשען און ליאַרעמען. שליאַכן שניידן דורך די וועלדער. די קוואַרץ־בערג גיבן אָפּ זייער גאָלד; די מאַינס זייערע קוילן; די שטיין־האַקערייען זייער מאַרמאָר. אין די פאַרלאָפענע צען יאָר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן עלעקטרישע סטאַנציע, אַ פאַבריק פאַר סטאַנדאַרטע הייזער, אַ מעבל־פאַבריק, אַ זעג־מיל און אַ קאַלך־זאַוואָד. אָנשטאָט די 42,000 אַקער קולטיווירט לאַנד אין 1929 זיינען אין 1939 שוין קולטיווירט געוואָרן 100,000 אַקער.

איר וועט אין בירא־בידזשאַן ניט געפינען די איינגעדאַרטע, דערשלאָגענע אידן פון דער געטאָ. די אידישע איינוואוינער האָבן אין בירא־בידזשאַן — ווי אין אַנדערע טיילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — באַוויזן, אַז זיי זיינען פּונקט אַזעלכע גוטע ערד־אַרבעטער, ווי די ניט־אידן. די אידישע קאָלעקטיווע פאַרמס בליען און ברענגען פּראָפיטן. די געוואוזענע קליינע באַלמעלאָכעס, די קליינע קרעמער און לופט־מענטשן, וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן און האָבן דערפירט דעם קאַמף צו אַ זיגרייכן סוף, זיינען געוואָרן געניטע פאַרמערס. צענדליגער און צענדליגער קאָלעקטיווע פאַרמס, וואָס זיינען גוט פאַרוואַלטעט און איב־נאַנצן מעכאַניזירט, האָבן פאַרגרעסערט דאָס רייכטום, די גערעטעניש און די שטאַנדהאַפטיגקייט פון דער אידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע. אַ סך קאָלעקטיווע פאַרמערס וועלן איצט פאַרדינען צו צען רובל אַ טאָג מזומן, אַ חוץ זייער חלק תבואה און גרינסן. ערשט נעכטן האָבן זיי געמוזט אויס־קומען מיט אַנדערהאַלבן רובל אַ טאָג.

צענדליגער און צענדליגער עדות דערציילן וועגן אָט־די דערפאָלגן. אַזוי שרייבט גריגאָרי קאַסטעל, אַן אוקראַינישער אייזנבאַן־אַרבעטער, אין דער „בירא־בידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ":

„איך בין זיך מודה, אַז איך אַליין האָב אַמאָל געטראַכט, אַז די אידן זיינען בלויז באַלמעלאָכעס. איך האָב געגלויבט, אַז עס וועט פאַר זיי זיין זייער און זייער שווער זיך אויסצולערנען נייע פּראָפעסיעס. נאָר פון סאַמע אָנהויב האָב איך דערזען, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות. די אידן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף מיט דער טאַיגע און האָבן זיך אויס־

געלערנט צו זיין בויער און פארמער. איך אליין האב אויסגעלערנט מער ווי צען אידן מיין אייגענע פראפעסיע, און איך קאן גאראנטירן פאר זיי אלע, אז זיי זיינען גוטע אייזנבאן־ארבעטער."

קולטורעלע טעטיגקייט גייט צוזאמען מיט מאטעריעלן פארשריט. עס זיינען געעפנט געווארן הונדערט און פיר אידישע שולן און פיר אידישע טעכניקומס. די מלוכה־אסיגנירונגען פאר דעם אויפבוי פון געזעלשאפט־לעבע, מוניציפאלע און קולטור־אינסטיטוציעס זיינען פארגרעסערט געווארן פון 300,000 רובל צו 11,500,000 רובל.

א נייער טעאטער, א נייע קינדער־שול פאר מוזיק און באלעט, א נייער פארק פאר קולטור און אפרו דארט, וואו נעכטן איז געווען א בלאטע און וואו ווילדע חיות זיינען ארומגעלאפן — דאס אלץ איז דער שטאלץ פון דער שטאט בירא־בידזשאן.

נאציאנאליטעטן מישן זיך אויס און וואוינען פונקט אזוי פריי אין בירא־בידזשאן, ווי אין וועלכן ניט איז לאנד אין דער וועלט, ווייל רוסן, אוקראינער, כינעזער און קאזאקן ווייכן מער ניט פון דעם אידן, ווי ער ווייכט מער ניט פון זיי.

## ז ע ק ס ט ע ר   ט י י ל

# אינטעלעקטועלע און גייסטיגע האָריזאָנטן

## 1. אין דער ריכטונג פון דעם העכסט־אַנטוויקלטן מענטשן

די פאַרשפּרייטונג פון בילדונג, די מעגלעכקייט צו רוען און צו האָבן פרייע צייט, דער נייער חשק צום לעבן און די נייע זיכערקייט ווייזן שוין זייערע רעזולטאַטן אין אַ שטייגנדיגער שטופּע פון נאַציאָנאַלער קולטור. דער זיבן־שטונדיגער אַרבעטס־טאָג — דער קירצסטער אַרבעטס־טאָג פון וועלכן ניט איז אינדוסטריעלן לאַנד — גיט דעם אַרבעטער אַ מעגלעכקייט צו גיין אַהיים פרי און לאָזט אים איבער גענוג ענערגיע פאַר אַנדערע טעטיגקייטן. אַ יערלעכע באַצאָלטע וואַקאַציע, וואָס ווערט אַלץ פאַרלענגערט, העלפט דעם אַרבעטער אָנזאַמלען נייע כחות, און אַ דאַנק דער מעגלעכקייט צו מאַכן לענגערע רייזעס, קריגט ער אַ ברייטן קוק אויף דעם לעבן. פאַרזיכערונג אין פאַל פון קראַנקהייט, עקסידענט און עלטער באַפרייט דעם אַרבעטער פון דאגות און נערוון־אָנשטרענגונג, בשעת דער פאַרבאָט אויף עקספּלואַטאַציע און דער פאַרקלענערטער אָנרעג און אויסזיכט פאַר פּערזענלעכער דעראָבערונג האָט באַפרייט די מענטשן פאַר העכערע שטרעבונגען.

איינער פון די באַלדיגע רעזולטאַטן דערפון, ווי מיר האָבן געזען, איז די נייע לײַדנשאַפט צום לייענען. אָט־דער דורשט ווערט געשטילט דורך צייט־שריפטן און ביכער־פאַרלאַגן.

ריזיגער פאָרשריט איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם צייטונגס־געביט, סיי אין צאָל און סיי אין דער קוואַליטעט. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט אין 1913 פאַרמאָגט 859 צייטונגען מיט אַ צירקולאַציע פון אַרום 3 מיליאָן עקזעמפּלאַרן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אין 1937 פאַרמאָגט 8,521 צייטונגען מיט אַ צירקולאַציע פון 36 מיליאָן עקזעמפּלאַרן.

ניט ווייניגער מערקווירדיג איז דער פאָרשריט אין דער פּראָדוקציע און פאַרשפּרייטונג פון ביכער. צום סוף פון דעם ערשטן פינף־יאָר־פּלאַן איז די ביכער־פּראָדוקציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געוועזן גרעסער, ווי אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד און יאַפּאַן צוזאַמענגענומען.

די נאָכפראַגע אויף ביכער איז אַזוי גרויס, אַז איין מאָסקווער ביכער־קראָם האָט אין איין טאָג פאַרקויפט 1,000 עקזעמפּלאַרן פון אַ נייער אויפ־

לאנגע פון טאלסטאי'ס „תחית המתים" („וואסקרעסעניע") ; 600 עקזעמפ־ליארן פון פושקינ'ס געזאמלטע ווערק אין איין באנד זיינען פארקויפט געווארן אין ווייניגער ווי דריי שעה צייט. דאס צארישע לאנד האט אין דעם בעסטן יאר, 1912, ארויסגעגעבן 133.6 מיליאן עקזעמפליארן פארשיידענע ביכער; דער סאוועטן־פארבאנד האט אין 1937 געדרוקט 571 מיליאן ביכער. אין 1938 האבן געזאלט געדרוקט ווערן 700 מיליאן עקזעמפליארן ביכער.*)

אין די צוואנציג יאר פון 1917 ביז 1937 זיינען גארקי'ס ביכער דער־שינען אין 32 מיליאן עקזעמפליארן; פושקינס אין 19 מיליאן; טאלסטאי'ס אין 14 מיליאן; טשעכאוו'ס אין אריבער 11 מיליאן; טורגעניעוו'ס אין ארום 8 מיליאן און גאגאל'ס אין 6 מיליאן עקזעמפליארן.

נאטירלעך דערגרייכן פאליטישע שרייבער און זייערע ביכער אסטרא־נאמישע ציפערן. אכט טויזנט קלאסישע ווערק איבער לעניניזם־מארקסיזם זיינען פארשפרייט געווארן אין 350 מיליאן עקזעמפליארן אין די לעצטע צוואנציג יאר. א העלפט פון אט־די אכט טויזנט פארשיידענע ביכער זיינען געווען אין די שפראכן פון די נאציאנאלע מינדערהייטן אין סאוועטן־פארבאנד.

דער וואוקס פון ליטעראטור צווישן די נאציאנאלע מינדערהייטן איז ממש שטוינענדיג, ווען מען פארגלייכט עם מיט דער הארבער אונטערדריקונג פון יעדן אויסדרוק מצד די נאציאנאלע מינדערהייטן אונטער דעם צארישן רעזשים. דער מאסקווער אינטערנאציאנאלער ביכער־פארלאג — איינער פון א גרויסער צאל אזעלכע פארלאגן — גיט ארויס ביכער אין פינף און אכציג שפראכן. ער דרוקט לערן־ביכער, ראמאנען, צויבער־מעשה'לעך פאר קינדער, טעכנישע אפהאנדלונגען, אדער איבערזעצונגען פון די קלאסיקער. אין אוקראינע זיינען דערשינען ניין מיליאן ביכער. אויף טאלסטאי'ס ביכער איז דא א גרויסע נאכפראגע סיי אין רוסלאנד גופא און סיי צווישן די נאציאנאלע מינדערהייטן. אין דער קליינער ארמענער רעפובליק האט מען פאראיארן גע־דרוקט 61,000 עקזעמפליארן פון אט־די ביכער.

די קאמפליצירטע ווערק פון איינשטיינ'ען האבן אין די מערסטע לענדער זיך פארקויפט אין זייער א קליינער צאל. דייטשלאנד האט איינשטיינ'ען אינ־גאנצן ארויסגעטריבן. אין ענגלאנד קאן מען דעם פארקויף פון איינשטיינ'ס ביכער ציילן גיכער אין די הונדערטער, איידער אין די טויזנטער; אבער אין סאוועטן־פארבאנד זיינען איינשטיינ'ס ווערק פארשפרייט געווארן אין 55,000 עקזעמפליארן אין די יארן צווישן 1927 און 1936.

*) אין 1939 זיינען אין סאוועטן־פארבאנד געדרוקט געווארן מער ביכער, ווי אין וועלכן ניט איז לאנד — 701 מיליאן עקזעמפליארן פון 43,800 פארשיידענע אויסגאבן. פון אט־דער צאל איז 117 מיליאן עקזעמפליארן געדרוקט געווארן אויף אנדערע שפראכן אויסער דער רוסישער.

אויף ווי ווערטפול ביכער ווערן באַטראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָן מען זען פון דעם, ווי מען זאָרגט וועגן די ביכער. די נייע לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע — אַ ריזיגע און אימפּאָזאַנטע געביידע ניט ווייט פון קרעמל — האָט אַזויפיל פּאָליצעס, אַז ווען מען זאָל זיי אויסציען איינע נאָך דער צווייטער, וואָלטן זיי דערגרייכט פון לאָנדאָן ביז קעמברידזש. און כאָטש די ביבליאָטעק איז ריזיג־גרויס, קאָן אַ בוך צוגעשטעלט ווערן דעם לייענער — אין וועלכן טייל פון דער געביידע יענער זאָל זיך ניט געפינען — אין דער קירצסטער צייט. דער מלוכה־ביבליאָטעקאַר האָט אויסגעפאָרשט די בעסטע ביבליאָטעק־מעטאָדן אין אַלע לענדער פון דער וועלט און זיי פאַרבעסערט דורך אייגענע איינאָרדענונגען.

די ניו יאָרקער פּאָבליק־לאַיברערי האָט אַריבערגעפירט 500,000 ביכער, און עס האָט איר געדויערט צוויי חדשים דאָס צו טאָן. די צוועלף מיליאָן ביכער פון דער לענין־ביבליאָטעק זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דריי חדשים צייט, און דערביי איז די פונקציע פון דער ביבליאָטעק ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף קיין איין־איינציגן טאָג.

אין ליטעראַטור, ווי אויך אין מוזיק און אין קונסט, קוקן די סאָוועטישע מענטשן אַריבער אויף יענער זייט גרענעץ צו געניסן פון דעם אוצר פון דער וועלט־קולטור. זיי זיינען די יורשים פון אַלע דורות. שעקספּיר איז זייערער; געטע איז זייערער; באַלזאַק, מאָליער און שילער — זיינען אַלע זייערע. אין זיין אייגענעם געבורטס־לאַנד איז דער 375טער געבורטסטאָג פון שעקספּיר'ן אַריבער אומבאַמערקט, נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָט־דער געבורטסטאָג פאַרצייכנט געוואָרן אין ביכער, זשורנאַלן און אין טעאַטערס, און זיין אָנדענק איז געערט געוואָרן פון הונדערטער טויזנטער פּויערים און אַרבעטער.

שעקספּיר ווערט באַטראַכט פאַר אַ באַשטאַנד־טייל פון דער קולטור פון דעם סאָוועטישן פאָלק. ער ווערט אָנערקענט אין אַ לאַנד, וואו קולטור באַלאַנגט אויף אַן אמת'ן צו דעם פאָלק. טויזנטער ליבהאָבערישע קונסט־קרייזן צווישן די האָרעפּאַשניקעס אַרבעטן אויף שעקספּיר'ס פּיעסן; זיי פירן־אויף: „האַמלעט", „מאַקבעט", אָדער „ראָמעאָ און דזשוליעט". די פאָרשטעלונג פון „קעניג ליר" איז היינטיגן פרילינג באַזוכט געוואָרן פון 200,000 מענטשן. און די פעלקער פון קירגיזיע, קאַזאַכסטאַן און באַשקיריע — ווי אויך אין אַ סך אַנדערע רעפּובליקן — קאָנען זען די פאָרשטעלונגען פון שעקספּיר'ס פּיעסן און אָט־די פּיעסן לייענען אין זייער אייגענער שפּראַך. אין דער קליינער אַרמענער רעפּובליק האָט מען אין די לעצטע פינף יאָר צייט פאַרקויפט 32,000 עקזעמפּליאַרן פון שעקספּיר'ס ווערק.

אויסלענדישע שרייבער ווערן אין אַלגעמיין אַ סך איבערזעצט און ברייט פאַרשפּרייט. צווישן זיי: אַפּטאָן סינקלער, מאָפּאַסאַן, וויקטאָר הוגאָ, אַנאַ־

טאָל פראַנס, באַלזאַק, דיקענס*), דאַרווין, און פון די מאָדערנע: טעאָדאָר דרײַזער, ערנעסט העמינגוועי, ה. דזשי. וועלס, פרענק נאָריס, לעאָן פויכט־וואַנגער, הענריך מאַן, גוסטאַוו רעגלער און אַרנאָלד צווייג.

אין אַלגעמיין גענומען, זײַנען ביכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרהעלט־ניסמעסיג ניט טײַער. דרײַ פיין־געבונדענע ביכער אַ חודש וועלן דעם אַר־בעטער קאָסטן צווישן 2 און 3 פּראָצענט פון זײַן דורכשניטלעכן פאַרדינסט. און אויב מען דרוקט ניט קיין מיסטישע ליטעראַטור, איז אָבער אויך ניט דערלויבט צו דרוקן קיין וואולגאַרע, אָדער פּאָרנאָגראַפישע ליטעראַטור.

שרײַבער ווערן ניט בלויז געלייענט, נאָר אויך געשאַפן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שאַפט ברייטע מעגלעכקייטן און אַ סך דערמוטיגונג — סיי באַ־וואוסטזיניג, סיי אומבאַוואוסטזיניג — פאַר זעלבסט־אויסדרוק.

ערשט לעצטנס זײַנען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געגרינדעט געוואָרן העכער 100,000 „קרײַזן פאַר זעלבסט־אויסדרוק", און די דראַמע־קרײַזן ציילן העכער 2 מיליאָן מיטגלידער. אַנדערע קרײַזן פאַר געזאַנג, מוזיק, טענץ, אָדער די גראַפישע קונסטן האָבן העכער 5 מיליאָן מיטגלידער.

נאָך גרעסער אָבער איז דער פאַרנעם פון זעלבסט־אויסדרוק אין דער פאָרם פון בריוו און אַרטיקלען אין די צײַטונגען. יעדע פאַבריק און יעדע אינסטיטוציע האָט איר וואַנט־צײַטונג, וואָס דערמוטיגט און קריגט פון די אַרבעטער בײַטראָגן מיט ווערטפולע אָנווײַזונגען און רעקאָמענדאַציעס וועגן פאַרבעסערן די אַרבעט אין פאַבריק און דאָס לעבן פון די אַרבעטער. מענער און פרויען קאָנען אין די וואַנט־צײַטונגען שרײַבן — און זיי שרײַבן טאַקע — וועגן קאָרופּטע און ניט־פּאַסנדע באַאַמטע, און אויך געבן פּאָזיטיווע אָנ־ווײַזונגען. די וואַנט־צײַטונג איז אַן אויסדרוק־מיטל פאַר געזעלשאַפטלעכן איפער.

דאָס האָט סאָציאַלער איפער אַרויסגעבראַכט דעם גלענצנדיגן סטיל פון וויליאַם קאָבעט, און סאָציאַלע לײַדנשאַפט — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — וועט מעגלעך שאַפן נײַע פאָרמען פון שרײַבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיס אַ. ל. סטראָנג דערציילט ווי זי האָט באַזוכט אין אַ מאָדערנעם שטעטל פופציג מייל פון אַן אײַזנבאַן אַ צוזאַמענפאָר פון אַרום 200 דאָרפישע צײַטונגס־קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו אַ פאַרזיי־קאַמפּאַניע. זיי זײַנען געווען בלויז אַ טייל פון די ענערגישע שרײַבער פון יענעם שטעטל. פיר הונדערט און זיבעציג פעלד־בריגאַדעס אין דער געגנט האָבן געהאַט אייגענע וואַנט־צײַטונגען.

*) צווישן 1917 און 1930 זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן 2 מיליאָן עקזעמפּליאַרן פון דיקענס'עס ביכער און זיי זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 30 שפּראַכן פון די פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער. עס ווערן צוגעגרייט נײַע איבערזעצונגען פון שעקספּיר'ס און בײַראָנ'ס שאַפונגען, כדי צו קאָנען מער ווירקזאַם איבערגעבן דעם פינקטלעכן גײַסט פון אָט־די שרײַבער.

„אַ קאַליר־פּולער זיבעצן־יאָריגער בחור מיט אַ טונקל־ראָזע העמדל פון סאַטין אונטער אַ שוואַרץ רעקל האָט מיט שטאָלץ באַריכטעט ווי מען האָט אַ דאַנק זיינע אַרטיקלען און עדיטאָריעלס אַרויסגעוואָרפן די קאָרופּטע פאַרוואַלטונג פון זיין קאָלעקטיווער פאַרם. — מיר האָבן אַרויסגעגעבן ניין נומערן — האָט ער דערקלערט ביים מיטינג — נאָך דערנאָך האָבן מיר געמוזט אָפּשטעלן די וואַנט־צייטונג, ווייל אונז האָט אויסגעפעלט פּאַפּיר. מיר האָבן שוין אָבער באַוויזן אויפצוהייבן די פאַרמערס, און דער אַלגעמיינער מיטינג האָט באַזייטיגט דעם פּרעזידענט און צוויי מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.“

די פאַבריק־צייטונג איז אַזוי־אַרום דער טויער, דורך וועלכן אַ סך סאָוועטישע שרייבער גייען אַריין אין די העכערע ספערן פון ליטעראַטור. די וואַנט־צייטונג שאַפט אַ געשמאַק פאַר ליטעראַטור און אַ פאַרשטענדעניש פון ליטעראַטור. פון אָט־דעם באַשיידענעם אָנהויב וואַקסן אַרויס ליטעראַרישע גרופּן, און פאַבריק־דרוקערייען גיבן אַרויס ביכער מיט פּאָעזיע, פּיעסן, אָדער אַפילו ראָמאַנען, וואָס זיינען געשריבן פון פאַבריק־אַרבעטער.

עס איז אַן אָנגענומענער כּלל אין סאָוועטישער קונסט, אַז דער קינסטלער דאַרף זיין פאַרבונדן מיט דעם קאָנסטרוקטיוון לעבן פון זיין לאַנד. פּונקט ווי דער אינזשענער, וואָס בויט אַ בריק, דאַרף פאַרשטיין ניט בלויז דעם פּלאַן, וואו ער דאַרף אַריבערוואַרפן די בריק, און ניט בלויז דעם דראַנג און דרוק פון זיין געביידע, נאָר ער דאַרף אויך פאַרשטיין דעם צוועק פון דער בריק און איר סאָציאַלע פונקציע אין שייכות מיט דעם גאַנצן לעבן, אַזוי מוז אויך דער קינסטלער צוגיין צו זיינע אויפגאַבן. ער דאַרף זיין אַריינגעטאָן אין דעם לעבן און אין דער אַרבעט פון די מאַסן. די מערסטע קינסטלער שטימען טאַקע איין מיט דעם, און עס איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס שאָלאָכאָוו, דער אויטאָר פון „שטיל פליסט דער דאָן“, האָט זיין שטענדיגע וואוינונג אין אַ דאָרף, וואו דאָס געענדערטע לעבן דינט אים ווי אַ באַזע פאַר זיינע שאַפונגען.

די סאָוועטישע לייענער האָבן אַ ווייטן אויסקוק אויפן לעבן און זיי ווילן, אַז אויך זייערע שרייבער זאָלן האָבן אַזאַ אויסקוק. עס איז דאָ זייער אַ קליינע נאָכפראַגע אויף דעם סאָרט שרייבן פון מערב־אייראָפּע, וואו דער שרייבער גריבלט זיך אין זיך אַליין. דאָס איז נאַטירלעך פאַר מענטשן, וואָס זיינען פאַרקאָכט מיט לייב און לעבן אין אַ נייעם ריזיגן עקספּערימענט. אַ לעבעדיג פאָלק וויל וויסן וועגן דעם העלד, וואָס פאָרשט־אויס נייע געגנטן, מאַכט דערפינדונגען, געפינט אויס זאַכן און טוט עפּעס אויף. זיי האָבן אַ גאָר קליינעם אינטערעס אין דעם מענטשן, וואָס ווענדעט זיין בליק אינעווייניג אין זיך, צו זיינע אייגענע עמאָציעס. דערפאַר זיינען זיי גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם מענטשן, וואָס ווערט מיטגעריסן מיט דעם זיג איבער דער נאַטור, און מיט דעם ציל פון אויסבילדן אַ נייעם מענטשן און אַ נייע מענטשהייט.

אפשר די סאמע בעסטע רעזולטאטן אויף דעם דאזיגן געביט קומען פון דערמוטיקן קינסטלער צווישן די נאציאנאלע מינדערהייטן. פאלקס־זינגער, צום ביישפיל, וואס דעקלאמירן אדער „דערציילן" זייערע מעשיות, אנשטאט זיי צו פארשרייבן, ווערן אויפגעזוכט און דערמוטיקט. פאלקס־ארקעסטערס און פאלקס־אינסטרומענטן ווערן אנטוויקלט, און א סך אויס־צייכענונגען ווערן אויסגעטיילט פאר די ארטיקע קינסטלער, וואס ווייזן ארויס זייערע פייאיקייטן.

אט־די אלע זאכן זיינען זייער וויכטיקע שטאפלען אויף דעם וועג פון א ברייטער קולטור־אויסשפרייטונג. געבירטיקע קונסט, וואס האט אין לויף פון הונדערטער יארן זיך געצויגן פון דער ערד און אנגענומען פארשיידענע פארמען, כאראקטעריסטיש פאר די באטרעפנדיקע געגנטן, קאן אנטוויקלט ווערן צו דער העכסטער שטופע אין אלערליי פארכאפנדיקע פארמען. פונקט ווי פלאנצן זיינען פון די סאוועטישע וויסנשאפטסלייט געזאמלט געווארן אין זייער געבורט־פלאץ, און זיינען קולטיווירט געווארן, כדי רייכער צו מאכן די סאוועטישע אגריקולטור, אזוי קאן מען אויך דערווארטן, אז די סאוועטישע קולטור וועט גיין פאראויס אין א סך נייע און אינטערעסאנטע ריכטונגען, א דאנק דעם, וואס עס ווערן אפגעהיט און דערמוטיקט אט־די פרימיטיווע פארמען פון קונסט. און דאס איז אמת וועגן דער גראפישער קונסט, פונקט ווי וועגן ליטעראטור. די פאלעך־מאלעריי, למשל, וואס האט געהאלטן אין פארשווינדן, ווערט ענערגיש אויפגעלעבט. עס ווערט דערמוטיקט דער אלטער חוש פאר פארבן — העלע און שטארקע — און מיר הויבן שוין אן זען א סך צייטמעסיקע געגן־ווירקונגען צו די מעכאנישע מאשין־שאפונגען.

דער טעאטער ווערט באזונדער געשעצט אין סאוועטן־פארבאנד. קיין לאנד גיט ניט זיין טעאטער אזא ברייטהארציקע פינאנציעלע שטיצע און טיילט ניט אויס דעם טעאטער אזעלכע מתנות פאר גרויסע אויסצייכענונגען, ווי עס ווערט געטאן אין סאוועטן־לאנד.

ווען דער מאסקווער קונסט־טעאטער האט אין סעפטעמבער 1938 גע־פייערט זיין פערציק־יאריקן יובילײ, האט דער טעאטער געקראגן דעם לענין־ארדן און דער גאנצער קאלעקטיוו, די ארבעטער אזוי גוט ווי די שוישפילער, האבן געהאט א מאלצייט מיט סטאלינ׳ען.

דער שוישפילער, וואס האט געדארפט דורכפירן די ראל פון אטעלא, האט געקראגן די מעגלעכקייט און דערמוטיקונג אוועקצוגעבן צוויי יאר צייט פאר דער ארבעט פון דורכשטודירן זיין ראל און זיך אריינלעבן אין איר. דאס ווייזט מיט וואס פאר אן ערנסטקייט מע קוקט אויף דער דראמאטישער קונסט אין סאוועטן־פארבאנד און ווי זי שטייגט דארט צו דער העכסטער שטופע.

די אפערע און דער באלעט זיינען פונקט אזוי פרעכטיק און ווערן גענומען פונקט אזוי ערנסט, ווי דער טעאטער.

אין סאוועטן־פארבאנד קומט איצט פאר, אן צווייפל, א רענעסאנס אין

דער קונסט ענלעך צו דעם רענעסאַנס, וואָס איז פאָרגעקומען אין איטאַליע און אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. מיר זיינען נאָך צו נאָענט צו אָט־דער דערשיינונג, אַז מיר זאָלן קאָנען באַגרייפן די פולע באַדייטונג אירע.

נאַטירלעך קומט ארויף די פראַגע וועגן דער פרייהייט פון דער קונסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. קריטיקירן קאָן מען אין אַ סך ריכטונגען. מען האָט קריטיקירט, און מען דאַרף די קריטיק ערנסט באַטראַכטן. דאָ — ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן — וויל איך בעסער אָנווייזן אויף דעם, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, די נייע און שעפערישע עלעמענטן אין דער סאָוועטישער טעאָריע און פּראַקטיק. אַנדערע — און זייער צאָל איז גאַנץ גרויס — פאַרנעמען זיך מיט קריטיק.

אין פאַרבינדונג מיט אָט־דער פראַגע קאָנען מיר זייער גוט אויסנוצן די ווערטער פון אַן אַמעריקאַנער מוזיק־קריטיקער, וועלכער האָט געזאָגט: „די זיכערקייט און דערמוטיגנדיגע סביבה פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן רופן ארויס די קנאה פון זייערע קאָלעגן איבער דער גאַנצער וועלט.” זיכערקייט און סטאַביליטעט שאַפן דאָך דעם באָדן פון פרייהייט, און אַ באַגייסטערנדיגע אומגעבונג רעגט־אָן דעם קינסטלער צו באַנוצן זיך מיט דער פרייהייט אויף צו שאַפן נייע קונסט־פאָרמען. און אויב עס האָט זיך צייטנווייז געדאַכט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שטערט אָדער אַנטמוטיגט די אַנטוויקלונג פון נייע פאָרמען פון קונסט, ווייל ער באַטראַכט זיי ווי אַ געפאַר פאַר דער נאַציאָנאַלער זיכערקייט, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס די סטאַביליטעט פון דער מלוכה אין קאַמף מיט אויסערלעכע און מיט אינערלעכע שונאים איז נאָך דעמאָלט ניט געווען געזיכערט.

ענגלאַנד האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרעסערע פרייהייט, ווי אין דער צייט, ווען זי איז פון קיינעם ניט באַדראָעט געוואָרן, און ווען זי איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון איר מאַכט. און בלויז איצט, ווען עס לויערן אויף איר געפאַרן פון אַלע זייטן, ווערן אַזעלכע מואוויס, ווי „פראָפעסאָר מעמלאָק” *) און אַזעלכע פּיעסן ווי „גרין פּעסטשורס” פאַרבאָטן דורך דעם צענזאָר.

און וואָס מער די זיכערקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד וואַקסט, אַלץ מער באַרעכטיגט זיינען מיר צו גלויבן, אַז זיין פרייהייט וועט ווערן ברייטער.

נאָר אַפילו איצט פילט בלויז אַ קליינער טייל פון די סאָוועטישע קינסטלער, אַז זיי זיינען געשטערט. די קינסטלער, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געלעבט אונטער דער אַלטער אָרדענונג, פילן נאַטירלעך די צוימען פון דער אָרדענונג, מיט וועלכער זיי זיינען ניט באַקאַנט, און פאַר וועלכער זיי האָבן

*) ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן איז אין ענגלאַנד דערלויבט געוואָרן צו ווייזן דעם פילם „פראָפעסאָר מעמלאָק”, נאָר דאָס בילד איז אַזוי צעקאַליעטשעט געוואָרן, אַז מאַרקס און לענין זאָלן ניט דערמאָנט ווערן אין טעקסט, און דער דראַמאַטישער סוף איז אויסגעשניטן געוואָרן.

ניט קיין סימפּאַטיע. בכלל גערעדט איז עס מסתמא אמת, אַז אויף די שאַפונגען פון אַט־די קינסטלער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ קיין נאָכ־פרעגע. די צענזור, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו פאַרעפנטלעכן די שאַפונגען פון אַט־די קינסטלער, האַנדלט בלויז ווי דער ביכער־לייענער פון אַן ענגלישן פאַרלאַג, וואָס דאַרף פעסטשטעלן וואָס דער עולם וויל לייענען און וואָס דער פאַרלאַג קאָן דרוקן אָן פינאַנציעלן פאַרלוסט. די צענזור אין סאָוועטן־פאַר־באַנד איז אָבער אַנדערש ווי די צענזור ביי אונדז. עס איז דאָרט ניטאָ אַזאַ אַמט ווי אונדזער „לאָרד טשעמבערלעין", דער הויפּט־צענזאָר אין ענגלאַנד. אין יעדן פאַל האָט די צענזור פון די מאַסן גופא די גרעסטע ווירקונג. דער קינסטלער און זיין עולם ווערן געבראַכט פּנים אל פּנים. פון דעם קינסטלער — צי ער איז אַ מאָלער, אַ נאָוועליסט, אָדער אַ דראַמאַטורג — ווערט דער־וואַרטעט און ער ווערט דערמוטיקט צו טרעפן זיך מיט זיין עולם, צו דער־קלערן זיי וועגן די פּרינציפּן פון זיין קונסט־שאַפונג און אויסצוהערן זייער גוטהייסונג אָדער זייער קריטיק. דער קינסטלער קאָן אַ סך לערנען פון די אַרבעטער דורך אַט־דעם פּראָצעס; די אַרבעטער קאָנען אויך לערנען אַ סך פון דעם קינסטלער. געמיינשאַפטלעכע קריטיק און געמיינשאַפטלעכע דער־קלערונגען זיינען ווערט אַ סך.

בכלל אָבער האָט די דערמוטיקונג, וואָס אַ קינסטלער קריגט אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, צו זיך קיין גלייכן ניט ביי אונדז אין לאַנד. זיי האָבן אַ פאַרטיקן עולם. זיי ווענדן זיך צו אַן אינטעליגענטן און פאַראינטערעסירטן פאָלק. זיי קריגן ברייטהאַרציקע הילף און קאָאָפּעראַציע מצד די מיטגלידער פון זייער פאַך. שרייבער, שוישפּילער און מאָלער האָבן זייערע אייגענע אָר־גאַניזאַציעס, וואָס העלפן אַרויס די מיטגלידער אויף גאָר אַ נייעם און ברייט־האַרציקן אופן. זיי פאַרמאָגן קלובן פאַר געזעלשאַפטלעכן פאַרקער, היימען פאַר אָפּרו, פאַבריקן פאַר דער באַזאָרגונג פון די מאַטעריאַלן, וואָס זיי באַנוצן אין זייער קונסט־אַרבעט, און פאַרשטייער, וואָס פירן פאַר זיי די פאַרהאַנד־לונגען ביים אָנגעמען אַרבעטן פון אַ גרויסן פאַרנעם, ווי דעקאָרירן פאַבריקן און אַנשטאַלטן. דער פאַכמאַן איז מער ניט איזאָלירט, ווי פריער, נאָר ער ווערט פאַרשמאָלצן מיט אַלע זיינע קאָלעגן אין אַ רייכער און מעכטיקער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע.

ביי די סאָוועטישע מענטשן איז דאָ איין וואָרט אויף די ליפּן, וואָס ווערט ווידערהאָלט מער ווי אַלע אַנדערע ווערטער. דאָס וואָרט איז „קולטור". עס נעמט אַריין אַלץ, וואָס מען מיינט מיט אַט־דעם וואָרט ביי אונדז, און עס שליסט איין אַ סך מער. עס איז, למשל, אומקולטורעל אַריינצוקומען אין אַ הויז מיט שמוציקע שיך, צו פאַרנאַכלעסיקן אויסצופּוצן די ציין, אָדער זיך ניט אויסוואַשן ריין הינטער די אויערן. עס איז אומקולטורעל צו פאַרנאַכ־לעסיקן ביכער און קונסט־ווערק, אָדער צו איגנאָרירן די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט.

אויב מיר קאָנען זיין גענויגט גוטמוטיג צו שמייכלען וועגן דעם געוויכט, וואָס מען לייגט אויף אַזאַ קליין וואָרט וואָלט עס ניט געשאַדט, אַז מיר זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן אונזער אייגענעם טייטש פון דעם וואָרט און אַנאַליזירן אונזער צופרידנהייט אין ליכט פון די חסרונות פון אונזער קולטור גופא. מיר רעדן וועגן קולטורעלע מענטשן. מיר רעדן וועגן קולטורעלע קלאַסן. די סאָוועטישע מענטשן באַגרענעצן נישט דאָס וואָרט און נישט די זאַך, וואָס ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכנט. די סאָוועטישע מענטשן האָבן ניט קיין ספּעציעלע קולטורעלע קלאַסן, און זיי זוכן ניט צו האָבן אַזעלכע קלאַסן. זיי ווילן, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין קולטורעל, און כדי צו דער־גרייכן אַזאַ רעזולטאַט, זוכן זיי צו באַזאָרגן אַ סך פרייע צייט, זיכערקייט און געלעגנהייטן פאַר אַלעמען. און אין פאַרבינדונג מיט דעם ווערט קונסט ניט באַטראַכט ווי עפּעס אַן אַבסטראַקטע זאַך, אָדער ווי אַ זאַך, וואָס באַלאַנגט צו אַ קרייז פון אויסדערוויילטע. קונסט איז די נאַציאָנאַלע ירושה, וואָס באַלאַנגט צו אַלעמען, און מוז ווערן צוגענגלעך פאַר אַלעמען.

## 2. „די דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט"

דעם 5טן דעצעמבער, 1936, איז אַ נייע פאָרם פון דעמאָקראַטיע געבוירן געוואָרן אין אַ וועלט, וואו טיראַניע אין דער פאָרם פון פאַשיזם האָט אָפּן זיך אויסגעלאַכט פון דער דעמאָקראַטישער אידייע און האָט גענומען סטראַשען די דעמאָקראַטישע מלוכות.

דעמאָקראַטיע, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן מיט דעם וואָרצל אין לענ־דער, וועלכע מען האָט באַצייכנט אַלס דעמאָקראַטיעס, איז גערן איינגעפירט געוואָרן אין דעם לאַנד, וואָס האָט — לויט ווי מען האָט אונז געוואָלט איינ־רעדן — געגלויבט אין דיקטאַטור.

דאָס קוקט־אויס פּאַראַדאָקסאַל בלויז פאַר די, וואָס נעמען־אָן דעם אומ־באַרעכטיגטן צוגאַנג, אַז פאַשיזם און קאָמוניזם זיינען צוגלייך געפערלעכע פאָרמען פון דיקטאַטור. אין דערווירקלעכקייט אָבער זיינען זיי דער היפּוך איינס פון צווייטן.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט איז די דיקטאַטור פון אַ קלאַס, ניט פון יחיד; זי איז צייטווייליג, ניט פּערמאַנענט. די דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט איז די דיקטאַטור פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט זיך געביטן מיט די פּלעצער מיט דעם פריערדיגן הערשנדיגן קלאַס. בשעת פריער האָט די מינאָריטעט געהאַט די מאַכט, האָט איצט די מאַיאָריטעט די מאַכט. די אַרבעטער זיינען געפירט געוואָרן צום זיג דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — דורך אָט־דער פעסטער אָרגאַניזאַציע, אַ דאַנק וועלכער דער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן באַוואוסטזיניג וועגן זיינע אייגענע צילן און האָט אַרויס־געשטעלט זיינע אייגענע פאָדערונגען.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט אַז איר מאַכט, און זי וועט עס אויך ווייטער טאָן אַזוי ביז די אַרבעטער וועלן זיין גרייט אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס אויסצונוצן די מאַכט פאַר זיך אַליין — ווי דאָס הויבט שוין אָן צו ווערן אַ ווירקלעכקייט. „יעדע קעכין" — האָט לענין געזאָגט — „מוז זיך אויסלערנען אָנצופירן מיט דער מלוכה." און אַט־דער פּרינציפּ איז נאָך אַלץ דאָמינירנדיג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטרעבט אַז אויפהער צו דערוועקן אין די מאַסן אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גאַנצן לאַנד און דערנאָך צו מאַכן מעגלעך פאַר זיי, דורך נויטיגער צוגרייטונג, אָנצואָווענדן אַט־די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין לעבן.

און חוץ דעם איז די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט בלויז אַ צייט־ווייליגע פּאָזע — בלויז אַ מיטל צו אַ ציל. די פאַשיסטישע דיקטאַטור איז פּערמאַנענט. דער פאַשיסטישער פירער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גאָט. ער ווערט אַ טייל פון אַן אייבינער אָרדענונג. ער ווערט אַ ציל פאַר זיך אַליין און ניט קיין מיטל צו קיין ציל. דער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר אַרבעט פאַר דעם, אַז די פאַשיסטישע דיקטאַטור זאָל אַלץ מער איינגעפונדעוועט ווערן. די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קוקט פאַראויס צום טאָג און אַרבעט פאַר דעם טאָג, ווען עס וועט נעמען אַ סוף צו דיקטאַטור בכלל.

די פאַרפולקאָמטע סאָציאַליסטישע אָרדענונג שאַפט אויטאָמאַטיש די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט. און ווען עס ווערן אָפּגעשאַפט קלאַסן ווערט אויך אָפּגעשאַפט די נויטווענדיגקייט פאַר איין קלאַס צו הערשן איבער אַ צווייטן.

אַט־די שטופע איז שוין מערסטנס פאַרענדיגט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם קורצן אָפּשניט פון איין און צוואַנציג יאָר.

דאָס איז אָבער נאָך ניט דער סוף; די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז בלויז אַ שטופע אויף דעם וועג צו דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, ווען — ווי ענגעלס האָט געזאָגט — „די רעגירונג איבער מענטשן וועט פאַרביטן ווערן דורך אַדמיניסטרירן איבער זאַכן און דורך פאַרוואַלטן מיט די פּראָצעסן פון דער פּראָדוקציע. די מלוכה וועט ניט אָפּגעשאַפט ווערן — זי וועט אָפּשטאַרבן."

אַט־דאָס איז די באַשטימט־העכערע שטופע, צו וועלכער די קאָמוניסטן שטרעבן. ווען עס וועלן געשאַפן ווערן די באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירק־לעכונג פון אַט־דער שטופע — גענוג וואוילזיין פאַר אַלעמען — דעמאָלט וועט מעגלעך ווערן פאַר דער נייער געזעלשאַפט זיך צו באַנוצן מיט די נאָבעלע ווערטער פון קאַרל מאַרקס אין זיין „קריטיק פון דער גאָטאַ־פּראָגראַם":
„פון יעדן לויט זיינע פייאיגקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפעניש ן."

אַט־דאָס איז די קאָמוניסטישע טעאָריע אין אַן עלעמענטאַרער פאָרם, און אין זיין בוך „שטאַט און רעוואָלוציע" האָט לענין אָנגעצייכנט אַט־דעם צושטאַנד ווי דעם ציל פון ענדגילטיגער פרייהייט און אמת'ער דעמאָ־קראַטיע. ער שרייבט אַזוי:

„בלויז אין א קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו דער ווידערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטן איז אינגאַנצן געבראָכן געוואָרן און וואו די קאַפּי־טאַליסטן זיינען פאַרשוואונדן; ווען עס זיינען מער ניטאָ קיין קלאַסן (דאָס מיינט, אז עס זיינען מער ניטאָ קיין אונטערשיידן צווישן די מיט־גלידער אין דער געזעלשאַפט לויט זייער שייכות צו די סאָציאַליזירטע פּראָדוקציע־מיטלען) — בלויז אין אזא געזעלשאַפט „הערט דער שטאַט אויף צו עקזיסטירן" און „מען קאָן אָנהויבן רעדן פון פרייהייט". בלויז דעמאָלט וועט מעגלעך ווערן און וועט טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן אַן אמת־פולע דעמאָקראַטיע — א דעמאָקראַטיע אָן וועלכע ניט איז אויס־נאַמען. און בלויז דעמאָלט וועט די מלוכה גופא אָנהויבן אָפּשטאַרבן, א דאַנק דעם פּשוט'ן פאַקט, וואָס מענטשן, וועלכע וועלן באַפרייט ווערן פון דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַפעריי, פון אומבאַשרייבלעכע צרות, פון ווילדקייט, און פון די אַבסורדן און פון דער שאַנדע פון קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע, וועלן שטופנווייז ווערן צוגעוואוינט אָפּצוהיטן די עלעמענטאַרע געזעצן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס מען האָט גע־וואוסט פאַר הונדערטער יאָרן, און וואָס מען האָט ווידערהאָלט פאַר טויזנטער יאָרן אין אַלע שול־ביכער. מען וועט זיך צוגעוואוינען אָפּצו־היטן אָט־די געזעצן אָן וועלכן ניט איז צוואַנג, אָן דער אָנווענדונג פון וועלכער ניט איז מאַכט, אָן אונטערוואָרפן־זיין צו וועמעס ניט איז אויבערהערשאַפט, אָן דעם ספּעציעלן צוואַנג־אַפּאַראַט, וואָס מען באַ־צייכנט מיט דעם נאָמען די מלוכה."

דאָס קלינגט אפשר אוטאָפּיסטיש. די דערגרייכונג פון אָט־דעם ציל וועט אפשר פאָדערן הונדערטער יאָרן פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג. ווער וועט אָבער וואָגן צו לייקענען די מעגלעכקייט דערפון? וועלכער אמת'ער דעמאָקראַט וועט לייקענען, אז אזא ציל איז ווינטשנסווערט?

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דעם סאָוועטישן סאָציאַליזם, וועלכער איז אין יעדן פאַל א נויטיגע שטופע אויף דעם וועג צום קאָמוניזם, און וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט די נייע פאָרם פון דעמאָקראַטיע, וואָס איז איצט פאַרקערפּערט אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע פון דעם יאָר 1936.

די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע האָט געהאַט אנדערע קאָנסטיטוציעס פאַר זיך, און זי אונטערשיידט זיך פון זיי. זי אַנטשולדיגט זיך ניט פאַר דעם, וואָס זי איז אַנדערש. א קאָנסטיטוציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ניט קיין פאַרגליווערטע זאַך. די געזעלשאַפט איז ניט פאַרגליווערט. די געזעלשאַפט וואַקסט. א קאָנסטיטוציע, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו די נעכטיגע באַ־דערפעניש, טויג שוין ניט פאַר דעם היינטיגן טאָג. קאָנסטיטוציעס זיינען ניט קיין קאָרסעטן פאַר דער געזעלשאַפט. קאָנסטיטוציעס באַצייכענען די שטופן פון דעם וואוקס פון א געזעלשאַפט. זיי קאָנען אפילו גיין ווייטער ווי די בלויזע פאַרצייכענונג, און — אויב זיי זיינען באַזירט אויף א ריכטיגער אויסטייטשונג פון די געזעצן פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג — קאָנען זיי פאַר־שנעלערן דעם וואוקס, וואָס זאָל פירן צו דעם, אז אַנדערע קאָנסטיטוציעס זאָלן פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

אזוי האָט די ערשטע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע פון דעם 10טן יולי, 1918, אָפּגעדינט איר צייט און האָט פריי געמאַכט דעם וועג פאַר דער צווייטער קאָנסטיטוציע פון יאָר 1924, וואָס איז געווען באַזירט אויף דעם ניי־פאָרמירטן פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. די איצטיגע קאָנסטיטוציע איז די דריטע און די בעסטע, און זי שטייט אין אַ ווירדיגער ריי מיט דער „מאַגנאַ קאַרטאַ" און מיט די דעמאָקראַטישע קאָנ־סטיטוציעס פון פראַנקרייך און פון אַמעריקע.

די סאָוועטישע כאַרטיע פון רעכט גאַראַנטירט פאַר יעדן בירגער:

דאָס רעכט אויף אַרבעט,
דאָס רעכט אויף אָפּרו,
דאָס רעכט אויף בילדונג,
דאָס רעכט אויף מאַטעריעלער פאַרזיכערונג אויף דער עלטער און אין פאַל פון קראַנקהייט.

און אָט־די ממשות'דיגע און ברייטע רעכט זיינען ניט גלאַט אַ פרומער וואונטש, וואָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז דעמאָלט, ווען די אומשטענדן וועלן דאָס דערלויבן. דאָס זיינען רעכט, וואָס באַצייכענען פאַקטן און ניט קיין נעבלהאַפטע צילן. און דאָס לאַנד, וואָס באַזיצט אָט־די רעכט און אויך די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס מאַכן אָט־די רעכט מעגלעך, האָט געלייגט דעם פעסטן פונדאַמענט פון אַ ווירקלעך געזונטער און פולשטענדיג גלייכער דעמאָקראַטיע.

און אָט־די דעמאָקראַטיע איז ניט באַגרענעצט — ווי ביי אונז — בלויז אויף איין טייל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָט־די רעכט זיינען גילטיג פאַר די מענער און פרויען פון יעדער ראַסע, פון יעדער שפּראַך און הויט־קאָליר. דער אַרטיקל 123 לייענט זיך אַזוי:

„די גלייכהייט אין די רעכט פון אַלע בירגער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אָפּגעזען פון זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע — אין אַלע ספערן פון דעם עקאָנאָמישן, מלוכה'שן, קולטורעלן, סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן איז אַ געזעץ, וואָס קאָן ניט אומגעביטן ווערן.

„אַלע דירעקטע אָדער אומדירעקטע באַגרענעצונגען פון אָט־די רעכט, אָדער פאַרקערט, די עטאַבלירונג פון דירעקטע אָדער אומדירעקטע פּריווילעגיעס פאַר בירגער אויף דעם גרונד פון זייער ראַסע אָדער נאַציאָ־נאַליטעט, ווי אויך דאָס פּראָפּאַגאַנדירן פון ראַסן־ אָדער נאַציאָנאַלע אויסנאַמען, אָדער די פּראָפּאַגאַנדע פון האַס און פאַראַכטונג, דאַרף באַשטראָפט ווערן לויט דעם געזעץ."

קיין פאָלק איז ניט פריי, כל זמן עס איז דאָ אַ נידעריגערער קלאַס; און קיין פאָלק איז ניט פריי, כל זמן אָט־דאָס פאָלק אונטערדריקט אַ צווייט פאָלק. דאָס זיינען אמת'ן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַרקערפּערט אין זייערע גרונט־געזעצן.

אַט־די ברייטע און אוניווערסאַלע רעכט געפינען זייער פּאַסנדיגן אויס־דרוק אין די ברייטע און קלאָר־אויסגעדריקטע וואַל־רעכט. יעדער יחיד פון יעדער ראַסע, קאָליר, שפּראַך אָדער גלויבן, און פון ביידע געשלעכטן, אין עלטער פון אכצן יאָר און העכער, באַזיצט דאָס רעכט צו שטימען גלייך מיט אַלעמען; דאָס רעכט צו שטימען דירעקט, דאָס רעכט צו שטימען דורך אַ געהיימען באַלאָט. גלחים מעגן שטימען. טשינאָווניקעס פון דעם אַלטן צאַרישן רעזשים מעגן שטימען. אַלע מעגן שטימען. קיין שטימרעכט אין דער וועלט איז ניט אַזוי ברייט ווי דאָס שטימרעכט אונטער דער נייער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע.

איז דאָס אפשר גאָר בלויז אַן אָנשטעל פון שטימרעכט? איז דאָס אפשר בלויז אַ פּאַפּירענע קאָנסטיטוציע?

עס איז געווען אַ סך קריטיק אין באַצוג צו די וואַלן פון 1937, און פון אַן ענגלישן שטאַנדפּונקט קוקן־אויס וואַלן אָן אָפּאָזיציע־פּאַרטייען לעכערלעך און געפערלעך. דאָס רוב האָט אָבער די קריטיק אָדער איגנאָרירט אָדער אונטערדריקט געוויסע באַדייטונגספולע פאַקטן.

ערשטנס, איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער אויסוואַל פון קאַנדידאַטן. די קאַנדידאַטן, וואָס זיינען „געלאָפן" אין די וואַלן, זיינען נאָמינירט און אויס־געקליבן געוואָרן פאַר קאַנדידאַטן ביי עפנטלעכע מיטינגען, וואָס זיינען גע־האַלטן געוואָרן ערב די אַלגעמיינע וואַלן. עס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַרשיידענע קאַנדידאַטן, און ביי די אַלגעמיינע, ענטוזיאַסטישע און גוט־באַזוכטע מיטינגען האָט מען גרינטלעך געוואויגן זייערע קוואַליפיקאַציעס. אַ וויילער קאָן אויסדריקן זיין צושטימונג אָדער געגנערשאַפט צו איינעם אָדער צו אַ צווייטן קאַנדידאַט נאָך אַ סך פריער, איידער עס קומען פאַר די וואַלן. ביי די ענדגילטיגע וואַלן קאָן ער נאָך אַלץ צוריקהאַלטן זיין שטימע פון דעם מאַן אָדער פרוי, וועלכע זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַטן.

צווייטנס, זיינען די נאָמינאַציעס געווען צוגענגלעך ניט בלויז פאַר מיט־גלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פּאַרטיי־מיטגלידער און ניט־פּאַרטייער זיינען צוגלייך אַרויסגעשטעלט געוואָרן, און אַ סך ניט־פּאַרטייער זיינען דערוויילט געוואָרן.

דריטנס, האָבן די דערוויילטע דעפּוטאַטן ברייט פאַרטראָטן דאָס געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין אַלגעמיין: פּאַסטוכער און מעלקערינס, אינזשענערן און טאָקערס, שרייבער און לערער, קינסטלער און אַקאַדעמיקער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן און לופט־פּליער, די נייע אינטעליגענץ און די אַלטע באָלשעוויקעס.

און ווידער, אויב עס איז דאָרט ניט געווען קיין אָפּאָזיציע־פּאַרטיי — אַ שטריך, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער אייגענער פּאַרלאַ־מענטאַרישער אָרגאַניזאַציע — איז דאָס דערפאַר, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט מער ניט די באַזע פאַר אַזאַ אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע פון דעם

אַרבעטער־קלאַס צו אַ הערשנדיקן קלאַס אָדער פון אַ פאַרמעגלעכן צו אַ פאַר־אָרעמטן קלאַס, וואָס דאָס איז אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער די באַזע פון אונזערע פאַרלאַמענטאַרישע אָפּאָזיציעס, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַר־שוואונדן, און מיר האָבן אַ גרונט צו האָפן, אַז זי איז פאַרשוואונדן אויף שטענדיק.

עס איז אָבער נאָך דאָ פּלאַץ — און אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט וועט, אָן צווייפל, שטענדיק זיין פּלאַץ — פאַר מיינונגס־פאַרשיידנהייטן איבער עקאָנאָמישע צי סאָציאַלע פּאָליסים, אפילו ווען די פונדאַמענטאַלע פראַגע צי די געזעלשאַפט זאָל זיין אַ סאָציאַליסטישע אָדער ניט איז שוין געשליכטעט. מען דאַרף האָפן אַז וואָס גרעסער ס׳וועט ווערן די סטאַביליטעט פון לאַנד, אַלץ מער וועט אויך וואַקסן די פרייהייט אויסצודריקן און דיס־קוסירן אַזעלכע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און צו זוכן דעם פרייען און אויטאָריטעטן אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג איבער דער אָדער יענער פּאָליסי. אַזאַ אָפּאָזיציע קאָן ניט געשאַפן ווערן קינסטלעך, כדי נאָכצוקומען די אַלטע פאָרמען פון פאַרלאַמענטאַרישער פּראָצעדור. דאָס מוז אָדער קומען נאַטירלעך, אָדער אין גאַנצן ניט קומען.

אַ קאָמפּעטענטער פאָרשער פון פּאָליטישע טענדענצן ווייזט מיר אָן אויף אַ צאָל פאַקטן, וואָס אין זיך גופא זיינען זיי ניט וויכטיג, נאָר זיי זיינען פון גרויסער באַדייטונג אין דער ליכט פון דער סאָוועטישער אַנטוויקלונג, און זיי קאָנען דינען ווי אַ סימן, אַז סטאַלין פאַרמעסט זיך אַבזיכטלעך צו פירן די סאָוועטישע פעלקער צו ווירקלעכע פאָרמען פון דעמאָקראַטיע.

ערשטנס, דאָס צונעמען די פּאָליטישע מאַכט ביי דער ליג פון יונגע קאָמוניסטן (קאָמסאָמאָל), ווען זיי האָבן זיך געפּרואווט פאַרמעסטן מיט דער פּאַרטיי גופא ווי אַן אָרגאַן פון פּאָליטישער מאַכט.

צווייטנס, די בסדר׳דיגע באַטאָנונג פון דער ראָל פון ניט־פּאַרטייער און די ווידערהאָלטע דערקלערונגען בנוגע זייער רעכט צו טיילן די פולמאַכט מיט דער פּאַרטיי.

דריטנס — און דאָס איז נאָך וויכטיגער — די אַנטשלאָסנקייט צו אונטערוואַרפן די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט דער אויטאָריטעט פון דעם העכסטן סאָוועט, וואָס איז ווי אונזער אייגענער פּאַרלאַמענט. אַלע האַנדלונגען פון דער אויספיר־מאַכט מוזן גוטגעהייסן ווערן דורך דעם העכסטן סאָוועט: „דער העכסטער אָרגאַן פון דער מלוכה״ — זאָגט דער אַרטיקל 30 פון דער קאָנסטיטוציע — „איז דער העכסטער סאָוועט.״ די וויכטיגקייט פון דורכפירן אָט־דעם געזעץ אין לעבן וועט גלייך קלאָר ווערן פאַר די, וואָס זיינען אַלאַרמירט וועגן דער פונקט־פאַרקערטער טענדענץ ביי אונז, וואו דער בריטישער מיניסטאָרן־קאַבינעט, למשל, מאַכט וויכטיגע שריט זיך ניט באַראַטנדיג מיט דעם פאַרלאַמענט אָדער זוכט ניט צו קריגן די באַלדיגע און שנעלע גוטהייסונג פון דעם פאַרלאַמענט פאַר אַזוינע שריט.

נאָך פיל וויכטיגער איז די אַנטשלאָסנקייט, אַז דער העכסטער סאָוועט זאָל קאָנטראָלירן דעם בודזשעט. די, וואָס האַלטן די מטבעה, האָבן סוף כל סוף די גאַנצע דעה. די הויפּט־טענה פון אינדיע, למשל, האָט אייגנטלעך צו טאָן מיט דער פראַגע פון געלט־קאָנטראָל, און די הויפּט־אויסזעצונג פון דעם אינדישן קאָנגרעס ווערט געמאַכט געגן דעם, וואָס בשעת אינדוסן ווערן באַשטייערט, האָבן נאָר ענגלענדער דעם קאָנטראָל איבער אויסגעבן דאָס שטייער־געלט.

ביי איינער פון די נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטענע זיצונגען פון דער דריטער סעסיע פון דעם העכסטן סאָוועט האָט דער באַריכט פון דער בודזשעט־קאָמיסיע פון ביידע הייזער אַרויסגעבראַכט אַ סך קריטיק וועגן דער אויס־טיילונג פון די בודזשעט־סומען, און האָט געפירט צו ענדערונגען, איידער דער מלוכה־בודזשעט איז ענדגילטיג אָנגענומען געוואָרן.

דער אמת׳ער חידוש בנוגע דער נייער דעמאָקראַטיע, וואָס איז פאַר־קערפּערט אין דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, איז אפשר דער באָדן גופא, וואו זי צעוואַקסט זיך. די פריערדיגע צאַרישע אימפּעריע האָט גאָר נישט ניט געוואוסט ניט פון קיין פּאָליטישער דעמאָקראַטיע און ניט פון קיין פּאָליטישער פרייהייט. און פּונקט ווי מיר אורטיילן וועגן פאָרשריט פון דער סאָוועטישער אינדוסטריע ניט אין פאַרגלייך מיט די אינדוסטריען פון ענג־לאַנד און אַמעריקע, נאָר אין פאַרגלייך מיט די צאַרישע אינדוסטריען, אַזוי דאַרפן מיר אורטיילן די נייע קאָנסטיטוציע ווי אַ קאָנטראַסט צו דער צאַרישער פאַרלייקענונג פון דעמאָקראַטיע. די פאָרמען און דער גייסט פון דעמאָ־קראַטיע אַנטוויקלען זיך ניט איבער נאַכט אָדער דורך איין שטרייך פון דער פען. ביי אונז אין לאַנד איז דאָס געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון יאָרהונדערטער פון קאַמף און עקספּערימענטן, און אונזער דעמאָקראַטיע איז נאָך בשום אופן ניט פאַרענדיגט, און אויב עס דאַכט זיך, אַז געוויסע פאָרמען פון דעמאָקראַטיע אַנטוויקלען זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ ביסל צו־לאַנגזאַם, באַשטייט אָבער דער אמת׳ער וואונדער אין דעם, וואָס דעמאָקראַטיע איז איבערהויפּט איינגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד; דער העכסטער וואונדער באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס די דעמאָקראַטיע איז געקומען אין אַזאַ ברייטער און אַלזייטיגער פאָרם.

און אויב די סאָוועטישע דעמאָקראַטיע, ווי די פאַקטן באַשטעטיגן דאָס, איז אַוועק ווייטער פון אונזער שטופע פון דעמאָקראַטיע, איז דאָס קיין וואונדער ניט, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז אונזער געזעלשאַפט גיט נאָך אַלץ איינעם פּאָליטישע רעכט לויט זיין רייכטום. לאָרד ביווערברוק און דזשאָן סמיט, למשל, מעגן זיך האָבן גלייכע רעכט צו שטימען אין די אַל־געמיינע וואַלן פאַר אַזאַ אָדער אַן אַנדער פּאָליסי, און מיר מעגן זיך טראַכטן, אַז אין דעם ליגט דער עצם פון אמת׳ער דעמאָקראַטיע, נאָר אין דער אמת׳ן איז אַזאַ דעמאָקראַטיע בלויז אַן אילוזיע. לאָרד ביווערברוק קאָן מיט זיין

רייכטום און מיט זיינע צייטונגען טעגלעך באַאײנפלוסן די מוחות פון מיליאָנען, און ער קען אַרויפזעצן און אַרונטערזעצן רעגירונגען. דזשאָן סמיט׳ס רעכט אוועקצושטעלן אַ צלמ׳ל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אין אַ נע־היימער אָפּשטימונג איין מאָל אין פינף יאָר איז אומבאַדייטנדיק אין פאַר־גלייך מיט דער מאַכט פון לאָרד ביווערברוק, ספּעציעל ווען דזשאָן סמיט איז נאָך אַ טעגלעכער לייענער פון די צייטונגען, וואָס באַלאַנגען צו לאָרד ביווערברוק, אָדער צו אַן ענלעכן צייטונגס־מאַגנאַט.

פּאָליטישע גלייכהייט פאָדערט, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן עקאָ־נאָמישע גלייכהייט. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דאָס. מיר האָבן דאָס ניט. אונזער דעמאָקראַטיע — כאָטש זי איז ווערטפול און איז אַ זאַך, פאַר וועלכער עס איז ווערט זיך צו שלאָגן, ווייל האָט דען ניט דער קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע אונז געהאָלפן אָפּצושאַצן און צו האַלטן טייער אַ סך אַזעלכע זאַכן, ווי ערלעכקייט, אמת און מיטלייד, וואָס זיינען ביי אונז טייער ווי דאָס לעבן אַליין ? — אָט־די דעמאָקראַטיע אונזערע וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן איר פולע פאַרווירקלעכונג ביז מיר וועלן ניט נאָכפאָלגן דעם סאָוועטישן ביישפּיל און באַזאָרגן פאַר אַלעמען עקאָנאָמישע פרייהייט און גלייכהייט. די דעמאָ־קראַטיע וועט איינדאַרן, אַנשטאָט וואַקסן, אין דער מאָס ווי עס ווערט שאַרפער די עקאָנאָמישע אומגלייכהייט. די קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס, וואָס מאַכן מעגלעך פאַר רייכע לייט צו קריגן אַזאַ ריזיגן קאָנטראָל איבער דער פּרעסע, גראָבן שוין אונטער אויף אַ סובטילן אופן אַ סך פון אונזער כלומרשט׳דיגער דעמאָקראַטישער פרייהייט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַוועקגעלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט. אַ נייער גייסט באַהערשט די לעבנס פון מיליאָנען, וועלכע זיינען ערשט נעכטן געווען צעטראָטן און אונטערדריקט, און אָט־דער גייסט ווייזט זיך אַרויס אין די נייע פאָרמען פון זייער רעגירונג. די טיפע באַדייטונג פון אָט־דעם פאָרשריט קען מען ווי געהעריק באַגרייפן בלויז דעמאָלט, ווען מיר האָבן אין זינען, אַז אָט־די נייע אָרדענונג כאַפּט אַרום אַ זעקסטל פון דער ערד. אמת׳ע דעמאָקראַטן דאַרפן זיך פרייען מיט אַזאַ מעכטיגן זיג פאַר דעם פּראָגרעסיוון גייסט פון דער מענטשהייט.

אַ סך שטערונגען דערלאָזן ניט, אַז די דעמאָקראַטישע עלעמענטן אין אַנדערע לענדער זאָלן באַגריסן די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע און אַלץ וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. די הויפּט־שטערונג איז אומוויסנהייט — אַן אומוויסנהייט, וואָס ווערט אין אַ סך קרייזן באַוואוסטזיניק באַפעסטיגט. די פאַרשפּרייטונג פון אמת׳ער אינפאָרמאַציע וועגן דעם, וואָס עס איז פאָר־געקומען און וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט צעשטערט דאָס בילד, וואָס שטעלט פאָר סטאַלין׳ען ווי אַן אָריענטאַלישן דעספּאָט. און אָט־דאָס בילד איז באַשאַפן געוואָרן און ווערט פאַרשפּרייט דאָ אין לאַנד צוליב גאַנץ פאַרשטענדלעכע מאָטיוון.

סטאַלין איז ניט קיין אָריענטאַלישער דעספּאָט. זיין נייע קאָנסטיטוציע באַווייזט עס; זיין גרייטקייט אויפצוגעבן זיין מאַכט באַווייזט עס. דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרגרעסערן די מאַכט, וואָס ער באַזיצט איצט, באַווייזט עס. זיין גרייטקייט צו פירן זיינע פעלקער אויף די נייע און אומבאַקאַנטע וועגן פון דעמאָקראַטיע באַשטעטיגט עס.

דער לייכטסטער וועג וואָלט געווען צו פאַרגרעסערן זיין אייגענע מאַכט און צו אַנטוויקלען אַן אויטאָקראַטישע הערשאַפט. זיין זשעני ווייזט זיך אַרויס אין די קורצע, פּשוט'ע זאַצן, וואָס אַנטהאַלטן די פונדאַמענטאַלע געזעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, די זאַצן, וואָס פאַרקערפּערן אין אַ קלאָרער, ריינער שפּראַך די כאַרטיע פון די נייע רעכט פון דעם מענטשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דאָ האָבן מיר אַ דאָקומענט, וואָס פאַרנעמט אַ פּלאַץ צווישן די גרעסטע מענטשלעכע דאָקומענטן, לויט זיין ליבע צו דעם מין מענטש און לויט דער פאַרערונג פון דער מענטשלעכער ווערדע. צו לייענען אָט־דעם שטוינענדיגן דאָקומענט, צו פאַרגלייכן אים מיט זיינע פאָרגייער, נאָכצושפּירן דעם וואוקס, די צעבליאונג און דאָס רייף־ווערן פון דעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט יאָרן צוריק ווי אַ יונגע און זייער צאַרטע פּלאַנץ גיט פרישע דערמוטיגונג יעדן דעמאָקראַט אין אַלע לענדער פון דער וועלט און באַוועגט אים צו קעמפן מיט באַנייטע כחות קעגן יעדער געגנערשאַפט, ניט געקוקט אַפילו אויף דער סאַמע ברוטאַלסטער אונטערדריקונג; אַ דערמוטיגונג צו קעמפן פאַר אָט־דער נייער און ברייטערער פרייהייט, וועגן וועלכער עס האָבן געטרוימט און אויף וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט אַלע גרויסע גייסטער פון דער וועלט.

און עס איז דאָ אַ גענוגנדיגער גרונד צו גלויבן, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון אָט־דער נייער דעמאָקראַטיע וועט דער יחיד זיך אַנטוויקלען אין האַרמאָניע מיט דער געזעלשאַפט און אין אַן אַטמאָספערע פון יושר און זיכערקייט. ווען סטאַלין האָט געזאָגט: „אונזער נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע וועט, לויט מיין מיינונג, זיין די דעמאָקראַטישסטע פון אַלע קאָנסטיטוציעס אויף דער וועלט", איז דאָס געווען ניט קיין פּוסטע באַרימעריי, נאָר אַן איינפאַכער אויסדרוק פון אַ פאַקט. ווען די איצטיגע אומרואיגע יאָרן, וואָס באַשטימען דעם גורל פון דער צוקונפט, וועלן שוין זיין פאַריבער און די היסטאָריקער וועלן נעמען רואיג וועגן די פאַקטן, וועט סטאַלין, אָן צווייפל, שטיין ווי אַ ריז צווישן קאַרליקעס, ווי דער מענטש, וואָס האָט, אין קאָנטראַסט צו יענע קלענערע מענטשעלעך, וואָס קלאַמערן זיך אין זייער פּערזענלעכער מאַכט, געלערנט און געפירט די גרויסע פעלקער־משפחה, וואָס מיר רופן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף דעם וועג פון זעלבסט־רעגירונג און זיי גערן איבערגעגעבן די מאַכט, וואָס געהערט סיי ווי צו זיי, אין דער מאָס ווי ס'איז געשטיגן זייער פייאיגקייט צו באַנוצן זיך מיט דער מאַכט.

## 3. „ליבע איז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון געזעץ"

ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע דענקער און אַרבעטער אין פֿאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָבן שטענדיק באַטראַכט רעליגיע ווי אַ געפֿערלעכן שונא. מען האָט נאָך אַלץ וויייניג צוטרוי צו רעליגיע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און וואו מען אַטאַקירט זי ניט אָפֿן און ענערגיש ווערט זי אַנטמוטיקט און שטויסט זיך אָן אויף שוועריקייטן. אין די ערשטע צייטן פֿון דער רעוואָלוציע זיינען געווען אַ סך מאַרטירער פֿון זייער רעליגיע. די גוטע האָבן געליטן צוזאַמען מיט די שלעכטע.

אין לויף פֿון הונדערטער יאָרן האָט די פּראַוואָסלאַווע קירך געאַרבעט האַנט־אין־האַנט מיט דעם צאַרישן רעזשים. אָרגאַניזירטע רעליגיע האָט זיך שטענדיק געשטעלט אויף דער זייט פֿון אונטערדריקונג און רעאַקציע. אָט־די רעליגיע איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פֿון וויסנשאַפֿט און בילדונג. מען האָט זיך פֿאַר מיר איינמאָל באַרימט אין די פֿאַר־מלחמה־יאָרן, אַז אַ פֿולשטענדיק אומוויסנדער מענטש קאָן ווערן אַ בישאָף אין רוסלאַנד.

עס איז געווען אומפֿאַרמיידלעך, אַז אַ סך נאָכפֿאָלגער פֿון דער אָפֿן־רעאַקציאָנערער און אַנטי־אינטעלעקטועלער רעליגיע זאָלן אַרויסטרעטן געגן דער נייער רעוואָלוציע און זיך שטעלן אויף דער זייט פֿון די אינטערווענציע־מלוכות, וואָס זייערע אַרמייען האָבן אַרומגערינגלט די יונגע רעפּובליק און געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן זי צו פֿאַרניכטן. אונטער אַזעלכע אומשטענדן דאַרף מען זיך ניט וואונדערן אויף די פּאַרזוכן צו אונטערדריקן די קירך. מאַרקס, לענין און סטאַלין זיינען געווען געגן רעליגיע בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געגלויבט, אַז רעליגיע האָט סיסטעמאַטיש זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון אָרגאַניזירטער אומגערעכטיגקייט. שווערע אַקטן זיינען באַגאַנגען געוואָרן געגן דער קירך אין דער מאָס, ווי די קירך איז געוואָרן קאָרופּטירט און רייך און האָט פֿאַרנאַכלעסיגט ניט בלויז סאָציאַלן יושר, פֿרייהייט, בילדונג פֿון די מאַסן און סאָציאַלן וואוילזיין אין אַלגעמיין, נאָר האָט אַקטיוו פֿאַרפֿאָלגט די, וואָס האָבן געשטרעבט צו אָט־די זאַכן. עס איז ניט קיין נאַטירלעכע זאַך, אַז מענטשן זאָלן מאָרדן גייסטלעכע.

קיין איין גרויסע רעוואָלוציע איז, צום באַדויערן, קיינמאָל ניט דורכגעפֿירט געוואָרן אָן בלוט־פֿאַרגיסונג, אָן גוואַלדטאַטן און אָן ברוטאַליטעט. די קאַמפֿן פֿאַר פֿרייהייט אין ענגלאַנד האָבן זייערע אייגענע געשיכטעס צו דערציילן. שוידערלעכע זאַכן זיינען פֿאָרגעקומען אין פֿראַנקרייך. שוידערלעכע זאַכן זיינען אויך פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד. זיי זיינען פֿאָרגעקומען אין ביידע לאַגערן, כאָטש ציפֿערן וועגן די גרוילטאַטן זיינען — לויט דער מיינונג פֿון מערסטע פֿאַראַנטוואָרטלעכע היסטאָריקער — שטאַרק איבערטריבן.

די פֿריערדיגע באַציאונג, וואָס האָט געפֿירט צו פֿאַרפֿאָלגונג, איז פֿאַר־

ביטן געוואָרן אויף אַ געוויסער מאָס טאָלעראַנץ. עס איז פולשטענדיק פאַלש צו זאָגן, אַז היינט־צו־טאָג איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניטאָ קיין רעליגיעזע פרייהייט. קירכן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מעגן לײַדן, און זיי לײַדן טאַקע מאַטעריעלע נויט אין פאַרגלײַך מיט די קירכן אין ענגלאַנד. מען מעג בײַ זיי צונעמען די מעגלעכקייט צו קריגן אַן איינקונפט פון ערד אָדער פון קאַפּיטאַל; נאָר דאָס איז אַ באַשרענקונג, וואָס ווערט אָנגעווענדט בנוגע אַלע גרופּן און יחידים אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָך ערנסטער איז דער פאַרבאָט צו לערנען רעליגיע מיט קינדער אויסער דעם פאַמיליע־קרייז, כאָטש אין דעם פאַמיליע־קרייז גופא איז קיין פאַרבאָט אויף רעליגיעזן אונטעררִיכט ניטאָ. עס איז ניט פאַרבאָטן צו לערנען רעליגיע מיט דערוואַקסענע. די פּרעסע און די ראַדיאָ זײַנען געשלאָסן פאַר רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס זײַנען ערנסטע באַשרענקונגען, נאָר אַ סך אַנדערע לענדער אויסער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד לײַדן פון ענלעכע אָדער נאָך ערגערע באַגרענעצונגען. מײַן פרײַנט, מר. פּעט סלאָון, אַ גראַדואירטער פון קעמברידזשער אוניווערזי־טעט און אַ לערער אין אַ סאָוועטישן קאָלעדזש, וואו ער איז געווען דער אָנפירער פון דער טרעיד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע, האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט היץ און איז אַוועקגענומען געוואָרן אין אַ שפּיטאָל, וואו אַ נוירס, וואָס איז גראָד געווען אַ באַפּטיסטקע, האָט פּרובירט אים באַקערן צו איר רעליגיע. די פאַרוואַלטונג האָט איר ניט געשטערט. די באַפּטיסטקע איז, אַגב, פּונקט ווי די באָלשעוויקעס, געווען אויסגעשפּראָכן געגן דער רוסישער פּראַוואָסלאַווגער קירך און זי האָט געזאָגט: „נו, יאָ, דאָס איז דאָך ניט קיין אמת'ע רעליגיע, דאָס איז דאָך אַ פאַלשע רעליגיע.“ געגן דער נײַער סאָוועטישער געזעצגעבונג, דערציילט מר. סלאָון, האָט זי נישט געהאַט קיין שום אויסזעצונג, נאָר זי וואָלט געוואָלט, אַז די באַפּטיסטן זאָלן האָבן די זעלבע מאָנאָפּאָליע אויף די מוחות פון דעם פאָלק, ווי די רוסישע אָרטאָדאָקסישע קירך האָט געהאַט פאַר דער רעוואָלוציע.

אַ צווייטער פרײַנט מײַנער האָט געוואוינט מיט אַ רוסישער פאַמיליע אין מאָסקווע. אין אַ ווינקל פון גאַסט־צימער איז געהאַנגען אַן איקאָנע און פאַר דער איקאָנע האָט געברענט אַ לעמפּל.

— זײַנען דאָ פאַראַן גלויביגע? — האָט מײַן פרײַנט געפרעגט.

— יאָ, אַ מיידל פון דאָרף, וואָס אַרבעט בײַ די שכנים, איז אַ גלויביגע און אויך אַן אינזשענער, וואָס וואוינט דאָ — האָט מען אים געענטפערט.

— אויב אַזוי, דערלויבט איר דאָך יאָ צו פּראַקטיצירן רעליגיע? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— געוויס, פאַרוואָס ניט? דאָס איז זייער אייגענער ענין — האָט מען אים ווײַטער געענטפערט.

קיין אָפיציעלער פאַרזוך ווערט ניט געמאַכט צו אונטערדריקן אָט אַזעלכע מיינונגען. און יעדע גרופּע בירגער, וואָס וויל דורכפירן רעליגיעזן ריטואַל,

איז פולשטענדיג פריי דאָס צו טאָן. מען האָט אַ פריוען צוטריט צו אַ געביידע אָן געצאָלטס, כאָטש די גרופּע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צאָלן דעם גלח, פאַר האַלטן אין אַ גוטן צושטאַנד און פאַרזיכערן די געביידע. אָט־די אויס־גאַבן מוזן די ערשטע געדעקט ווערן פון די רעסורסן פון דער גרופּע.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן איצט אַרום 50,000 גלחים. זיי האָבן די זעלבע רעכט ווי אַנדערע בירגער צו שטימען אין די וואַלן.

איך וואָלט געקאָנט באַשטעטיגן אָט־די סטעיטמענטס דורך מיין אייגענער דערפאַרונג אָדער דורך דער דערפאַרונג פון אַ רוסישן אימיגראַנטישן גלח פון ניו יאָרק, וואָס האָט מיך באַזוכט אין 1937 באַלד נאָך זיין צוריקקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו ער איז אַרומגעפאָרן אָן שום שטערונג — פון צפון צו דרום — און אין זיינע גלח׳ישע קליידער. איך וואָלט אויך געקאָנט ציטירן אַ סך אַנדערע קוואַלן, נאָר זאָלן זיין גענוג אָט־די קורצע ציטאַטן פון מר. אַלאַן קעש, אַ קאַנאַדישער רייזנדער און באַאָבאַכטער:

„די געמיינדע (פון אַ קירך אין לענינגראַד) האָט כמעט אָנגעפילט די קירך. דאָ זיינען געווען מענטשן פון יעדן עלטער, כאָטש די מערסטע זיינען געווען עלטערע מענטשן. . . . איינער פון די גלחים איז געווען גאַנץ יונג, נאָר זיין ענטוזיאַזם איז געווען אויסער צווייפל. די פאַרבײ־גייער האָבן געשענקט זייער ווייניג אויפמערקזאַמקייט, ווען דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. . . . דאָס זעלבע איז געווען אין מאָסקווע, וואו איך האָב געזען אַ גלח גייענדיג איבער די גאַסן אין זיינע געוויינ־לעכע לאַנגע מלבושים און מיט זיינע האָר פאַרדרייט אין אַ קנופּ אויף זיין נאַקן. . . . אין טיפליס בין איך אַרומגעגאַנגען באַזוכן די קירכן צוזאַמען מיט אַ יונגן גרוזינער, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין אַמעריקע. . . . דער קאַטעדראַל פון הייליגן סעמיאָן, וואָס איז אַלט העכער טויזנט יאָר, איז ניט באַשעדיגט געוואָרן אויף דעם מינדסטן אופן.״

מר. קעש דערציילט וועגן אַ גלח אין אַן אַנדער נייער קירך אין טיפליס, וועלכער —

„האָט אונז דערציילט, אַז דאָרט האָט מען די גלחים זייער שטאַרק פאַר־פאָלגט, נאָר ער האָט ניט באַשולדיגט די רעגירונג. שולדיג זיינען געווען די צו־פלייסיגע לאָקאַלע באַאַמטע, און אַזוי שנעל, ווי די רעגירונג האָט אויסגעפונען וואָס עס קומט פאָר, האָט זי באַלד אָפּגעשטעלט די פאַרפאָלגונגען. ער האָט גאַנץ אָפנהאַרציג צוגעגעבן, אַז די קירך האָט אַקטיוו זיך געהאַט באַטייליגט אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און זי האָט דערפאַר געקראָגן וואָס איר קומט. איינער פון זיינע אייגענע בישאָפן איז געכאַפּט געוואָרן באַנוצנדיג די קירך ווי אַ מאַסקע פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מעשים, און דאָס האָט געבראַכט אַ סך צרות פאַר זיי אַלעמען. איצט אָבער איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג.״

די באַהויפּטונג פון דעם גרוזינישן גלח, אַז די רעגירונג האָט אָפּגע־שטעלט די צו־פלייסיגע אַנטי־רעליגיעזע לאָקאַלע באַאַמטע, איז ספּעציעל אינ־

טערעסאַנט אין פאַרבינדונג מיט אַן ערשט־ניט־לאַנג געשעענער פּאַסירונג, וואָס איז ברייט געמאָלדן געוואָרן אין דער סאָוועטישער פּרעסע.

אַ מיידל, אַ סטאַכאַנאָווקע, וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ סאָווכאָז (אַ מלוכה׳שע לאַנדווירטשאַפט) אין סיביר, איז געווען אַ גלויביגע און זי האָט פּראַקטיצירט איר רעליגיע. אירע אַנטי־רעליגיעזע שכנים האָבן געהאַלטן, אַז צוליב דעם טאָר זי ניט פאַרנעמען קיין וויכטיגן פּאָסטן. מען האָט דערפון געמאַכט אַ „טעסט־קעיס", און די אַנטשיידונג האָט געדאַרפט דינען ווי אַ מוסטער פאַרן גאַנצן לאַנד. מען האָט די פראַגע געבראַכט צו סטאַלין׳ען דירעקט און זיין אַנטשיידונג איז געווען פולשטענדיג לטובת דער מיידל. די אַנטשיידונג איז אינגאַנצן באַזירט אויף דעם אַרטיקל 124 פון דער נייער קאָנסטיטוציע. דער אַרטיקל זאָגט:

„כדי צו פאַרזיכערן פאַר יעדן בירגער די פרייהייט פון געוויסן, ווערט די קירך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, און די שול פון דער קירך. די פרייהייט צו פּראַקטיצירן רעליגיע און די פרייהייט צו פירן אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע ווערט אָנערקענט פאַר אַלע בירגער."

ביז איצט זיינען מיר געווען פאַרנומען מיט אויסערלעכע פראַגן — מיט דער באַציאונג פון דער סאָוועטן־מלוכה צו אַן אָרגאַניזירטער רעליגיעזער קערפּערשאַפט און צו די מיטגלידער פון אַט־דער קערפּערשאַפט.

עס בלייבט איבער צו דיסקוטירן אַ פיל שווערערע — און מיר דאַכט זיך, אַ פיל וויכטיגערע פראַגע — די שייכות פון דעם סאָוועטישן עקספּערי־מענט בכלל און פון זיין סאַמע תוך צו רעליגיע אַלס אַזעלכער.

איך וויל אַרויסברענגען דעם געדאַנק, אַז דער קאָמוניזם אין זיינע פּאָזיטיווע אַספּעקטן איז ניט קיין פונדאַמענטאַלער שונא פון רעליגיע, און ווינציגער פון אַלץ איז ער אַ שונא פון דער קריסטלעכער רעליגיע. סוף כל סוף, בין איך איבערצייגט, וועט קאָמוניזם זיך אַרויסווייזן ווי אַ פריינט פון רעליגיע צום ווינציגסטן אין איין וועזנטלעכן פּרט. קאָמוניזם גיט דער געזעלשאַפט אַ נייע מאָראַלישע באַזע און האַלט ביים דערגרייכן אויף דער וועלט גראָד די זאַכן, אין וועלכע מיר קריסטן גלויבן אַזוי אָפט מיטן מויל און פאַרלייקענען אין לעבן. דער קאָמוניזם האָט דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ צו אַן אוממאָראַלער אָרדענונג, צו וועלכער מיר האָבן שטיל־שווייגנדיג צוגעשטימט.

אַ מיספאַרשטענדעניש וועגן דער שטעלונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו רעליגיע איז ברייט פאַרשפּרייט און דאַרף גלייך באַזייטיגט ווערן.

פון באַנוצן די פראַזע „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם" אויף צו כאַראַק־טעריזירן די סאָוועטישע וועלט־אַנשויאונג קומט דעם ענגלישן לייענער קיין געזונט ניט צו. דער באַגריף „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם" ווערט זייער

לייכט פאַרמישט מיט דער היפש־דיסקרעדיטירטער לערע פון „מאַטעריאַליזם", וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די וויסנשאַפט צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט און וואָס האָט זיך בשום אופן ניט געפּאָרט מיט אַ רעליגיעזן גלויבן.

ביים מאַטעריאַליסט איז באַוואוסטזיין און מאַטעריע איין און די זעלבע זאַך. ביים מאַטעריאַליסט איז באַוואוסטזיין בלויז אַ פונקציע פון מאַטעריע. ביים מאַטעריאַליסט איז באַוואוסטזיין בלויז אַ רעזולטאַט, אַ צושטאַנד און אַן איינגעשאַפט פון פּאַסיווער מאַטעריע.

אָט־די לערע איז איצט טויט. און וויסנשאַפטלייט אַליין האָבן געהאַט גאָר ניט קיין קליינעם חלק אין דער׳הרג׳ענען אָט־דעם באַגריף.

אָבער אָט־דער באַגריף און אַלץ, וואָס מיר פשוט׳ע ענגלענדער פאַרשטייען אונטער דעם וואָרט „מאַטעריאַליזם", האָט גאָר נישט ניט צו טאָן מיט דעם טייטש פון די ווערטער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם". קיינער האָט אַזוי אַנטשיידן נישט באַקעמפט דעם מאַטעריאַליסטישן קוק אויף דעם לעבן, ווי לענין אַליין. לענין האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט וואָס עס מיינט „ווירקלעכקייט", ווייל ער האָט אויסגעפונען אַז אין זיין איינענעם באַוואוסטזיין ווירקן די זעלבע געזעצן, ווי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין די אַטאָמען און אין די שטערן. דער לעבנס־פּראָצעס איז שעפעריש, האָט לענין געזאָגט, און אָט־דער פּראָצעס פון לעבן פאָדערט פון דעם מענטשן אַ ציל־באַוואוסטע טעטיקייט.

לענין׳ס גלויבן אין דער פּערזענלעכקייט, ווי אין אַ לעבעדיגן, שעפערישן, אונטערנעמערישן און ווירדיגן וועזן איז אינגאַנצן געגנעריש צום טויטנדיגן און דעגראַדירנדיגן מאַטעריאַליזם.

ווען איינער גיט זיך אָן מיט לײדנשאַפט פאַר אַן אַטעאיסט, מיינט עס ניט, אַז יענער מענטש איז פון אַ קריסטלעכן שטאַנדפּונקט פונדאַמענטאַל אומרעליגיעז, פּונקט ווי די לײדנשאַפטלעכע דערקלערונג פון איינעם, אַז ער גלויבט אין גאָט מיינט נאָך ניט, אַז יענער מענטש איז רעליגיעז. אַ סך הענגט אָפּ פון דעם, וואָס פאַר אַ טייטש מיר לייגן אַריין אין די ווערטער „רעליגיע" און „גאָט".

מען דערציילט, אַז טאָלסטאָי האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן גאָרקי׳ן: „גלויבט איר אין גאָט?" גאָרקי האָט געענטפערט: „ניין." לאָמיך דאָ איבערפראַזירן טאָלסטאָי׳ס ענטפער. „איר זאָגט, אַז איר גלויבט ניט, און איר מיינט טאַקע, אַז איר גלויבט ניט. נאָר אין דער אמת׳ן גלויבט איר יאָ. איך לייען דאָס אַרויס פון יעדן וואָרט, וואָס איר שרייבט. ניט וואָס אַ מענטש זאָגט, אָדער וואָס ער דענקט, אַז ער זאָגט, איז דער אמת, נאָר וואָס דער מענטש איז — אָט־דאָס זאָגט דעם אמת. אייער גאַנצער וועזן זאָגט מיר, אַז איר גלויבט אין גאָט."

עס פּאַסט זיך דאָ צו דערמאָנען די ווערטער פון קריסטוס׳ן אַליין: „ניט יעדער איינער, וואָס זאָגט צו מיר, גאָט, גאָט, וועט אַריינטרעטן אין הימלישן

פֿענינגרייך; נאָר בלויז דער, וואָס טוט דעם ווילן פֿון מיין פֿאָטער, וועלכער איז אין הימל.״

ניט דאָס, וואָס מיר זאָגן מיטן מויל און אַפילו ניט דאָס, וואָס מיר מיינען, אַז מיר גלויבן, דריקט אויס אונזער ווירקלעכן גלויבן. די אָריענטאַציע פֿון אונזער גאַנצן לעבן איז די זאַך, וואָס זאָגט דעם אמת, דעם גאַנצן אמת און בלויז דעם אמת. אונזער לעבן טוט תּפֿילה מער אויפֿריכטיג, ווי אונזערע ליפּן.

אין אַן אָנרעגנדיגן און אינהאַלטסרייכן קאַפּיטל אין זיין בוך „די שעפֿערישע געזעלשאַפֿט״ מאַכט דאָס פּראָפֿעסאָר דזשאָן מעקמאָרי זייער קלאָר, ווען ער הייסט אונז קוקן אַריבער דעם ווערטערלעכן טייטש פֿון „גאָט״ און „רעליגיע״ און זיך פֿרעגן: „וואָס זיינען די ווירקלעכקייטן, וואָס אָט־די ווערטער באַצייכענען?״

איז דען ניט אַ גלויבן אין גאָט דאָס, וואָס הויבט אונז אַרויס פֿון אונזער קאָנצענטרירט־זיין אין זיך אַליין און וואָס באַפֿרייט אונז פֿון אונזערע שרעקן? איז דאָס ניט די פֿייאיגקייט צו לעבן ווי אַ טייל פֿון דעם כּלל?

אַ סך פֿון אונז, וואָס גיבן זיך אָן אַלס רעליגיעזע מענטשן און באַהויפּטן, אַז זיי גלויבן אין גאָט, פֿעלט צום באַדויערן אָט־אַזאַ אמת׳ער גלויבן אין גאָט אָדער אינגאַנצן, אָדער ער גילט בלויז טיילווייז און בלויז מיט אַ האַלבן האַרצן. מיר האָבן ניט קיין צוטרוי צו דער וועלט און צום מענטשן, און מיר באַווייזן אונזער אומצוטרוי צו דער העכסטער קראַפֿט (גאָט), וואָס רעגירט איבער אַלץ, דערמיט וואָס מיר צאַמען זיך אָפּ פֿון אונזערע מיטמענטשן און זוכן צו באַזאָרגן אונזער אייגענע זיכערקייט. מיר זיינען פֿאַרטאָן אין זיך אַליין. אונז פֿעלט דער אמת׳ער ענטוזיאַסטישער גלויבן אין די מעגלעכקייטן פֿון דער וועלט און פֿון דעם מענטשן, אָדער אין דער העכערער השגחה, וואָס איז איבערביידן. אָט דאָס איז שטענדיג די געפֿאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלער רעליגיע.

און גראָד וועגן אַזעלכע אַזוי־גערופֿענע גלויבער אין גאָט האָט עם יעזוס דערקלערט, אַז ער וועט סוף כּל סוף זאָגן: „איך האָב אייך קיינמאָל ניט געקאָנט.״ זייער אָפּזאָגן זיך צו באַשטעטיגן זייער גלויבן מיט מעשׂים האָט אַרויסגעוויזן די פֿאַלשקייט פֿון זייער כּלומרשט׳דיגן גלויבן.

דער קאָמוניסט ווידער, וועלכער איז ניט פֿאַראינטערעסירט אין רעליגיע, האָט, ווי מיר דאַכט זיך, צוריק אויפֿגעכאַפּט אָט־די פֿייאיגקייט צו לעבן ווי אַ טייל פֿון דעם כּלל. ער גלויבט אין דעם, וואָס ער רופֿט די נאַטור־געזעצן און די היסטאָרישע פּראָצעסן. ער גלויבט אין אַ כּוח, וואָס אַנטשיידט דעם גורל פֿון דער מענטשהייט. ער פֿילט, אַז ער איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פֿון אַ מאַכט, וואָס איז ניט אומפּריינטלעך און וואָס האַלט ביים דערגרייכן זיין ציל פֿון באַשאַפֿן אַן אמת׳ע אַלוועלטלעכע ברידערשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס ביי אים הייסט דאָס די קלאַסנלאָזע געזעלשאַפֿט.

און אויף וויפיל ער האלט זיך ביי אָט־דעם גלויבן, האָט דער קאָמוניסט ווידער אויפגעלעבט א סך פון דעם, וואָס איז דער תוך פון אַן אמת׳ן גלויבן אין גאָט.

איצט, אַז מיר האָבן אָפּגעראַמט פון וועג אָט־די מיספאַרשטענדענישן, קאָנען מיר צוגיין צום תוך פון אונזער פּראָבלעם. ביז איצט האָבן מיר גע־רעדט וועגן קאָמוניזם און רעליגיע אין אַלגעמיין. עס בלייבט נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן קאָמוניזם און קריסטנטום.

געאָלאָגן און ביאָלאָגן האָבן פאַר אונז מעגלעך געמאַכט פעסטצושטעלן דעם גאַנג פון דער וועלט־אַנטוויקלונג און צו געפינען א פירנדיגן פּרינציפּ, וואָס זאָל דינען ווי א ריכט־שנור אין די אומגעהויערע ענדערונגען, וואָס דאָס לעבן אויף דער ערד האָט דורכגעמאַכט. אָט־דער פּרינציפּ איז אָרגאַניזאַציע.

אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג שטייגט דאָס לעבן צו אַלץ העכערע און העכערע שטופן פון אָרגאַניזאַציע.

וויסנדיג אָט־דעם פּרינציפּ, איז פאַר אונז מעגלעך פאָראויסצורעכענען די צוקונפטיגע ריכטונג פון לעבן. דאָס לעבן וועט גיין אויף דער ליניע פון א מער קאָמפּליצירטער און ענגער־באַהעפטער אָרגאַניזאַציע. אַזוי ווי ענדערונג איז דער איינציגער אומפאַרמיידלעכער געזעץ פון לעבן, וועט די ענדערונג אין דער ריכטונג פון א העכערער אָרגאַניזאַציע זיין דער קען־צייכן פון פּראָגרעס.

לעבעדיגע אָרגאַניזמען דאַרף מען, נאַטירלעך, אונטערשיידן פון בלויזע געמישן און כעמישע עלעמענטן. אַזוי איז די פּראָטאָפּלאַזמע, דער האַלב־פליסיגער, קאָלירלאָזער אָדער ווייסלעכער שטאָף, וואָס איז די פיזישע באַזע פון דעם לעבן פון פלאַנצן און חיות, א לעבעדיגער אָרגאַניזם אויף גאָר א נידעריגער שטופע פון אַנטוויקלונג, אָבער דאָך אַן אָרגאַניזם, וואָס דאָס קאָן ניט געזאָגט ווערן וועגן א בלויזער כעמישער קאָמבינאַציע.

יעדער ווייטערדיגער טראָט צו א העכערער שטופע האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט א נייע שטייגערונג צו א העכערער שטופע פון אָרגאַניזאַציע. דער פּראָצעס האָט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע אין די העכערע זויג־באַשעפע־נישן, ביי וועלכע די צאָל גלידער, זייער קאָמפּליצירטקייט און זייער צונויפ־בונד מיט דעם גאַנצן אָרגאַניזם דערגרייכן צום מאַקסימום.

אָרגאַניזירטקייט שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ, ווען עס ווערט דערגרייכט די שטופע פון זויג־באַשעפענישן. לויט דער אַנווייזונג פון דר. דזשאָזעף נידלמאַן, דער ביאָ־כעמיקער פון קעמברידזש, גייען מיר אַריבער פון דער קאָמפּליצירטקייט פון דעם מענטשן, וועלכער איז דער העכסטער מוסטער פון די זויג־באַשעפענישן, צו א נייער קאָמפּליצירטקייט אויף אַן אַנדער פלאַך — צו דעם קאָמפּלעקס פון דער גרופּע.

סאָציאָלאָגישע אָרגאַניזירטקייט און אַנטוויקלונג דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי א פאָרזעצונג פון ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג.

נאָך מער, אין דער מאָס ווי די סאָציאַלע אָרגאַניזירטקייט קומט צושטאַנד ווערט נויטיג דאָס זעלבע „אָפּזאָגן זיך פון די דאָמינירנדיגע אימפולסן”, וואָס איז נויטיג אין די ערשטע שטופן פון לעבעדיגע אָרגאַניזמען, און וואָס אויף דער מענטשלעכער שטופע רופן מיר דאָס אַלטרואיזם און אומאייגננוציגקייט.

קוקנדיג אויף צוריק צום לעבן אויף זיינע נידעריגסטע שטופן, זעען מיר ווי אָט־דער זעלבער פּרינציפּ פון „אָפּזאָגן זיך” פון זיך גופא איז שוין גילטיג. די זעלבסטשטענדיגע צעלן, וואָס האָבן געלעבט אַ פריי לעבן, און פון וועלכע אַלע אָרגאַניזמען ווערן צוזאַמענגעשטעלט, האָבן געמוזט „זיך אָפּזאָגן” פון זיך און אויפגעבן זייערע פרייהייטן, איידער זיי האָבן געקאָנט אַריבערגיין צו די העכערע שטאַפּלען פון לעבן, וואָס מיר געפינען ביי די חיות, וואָס זייערע אָרגאַניזמען באַשטייען פון אַ סך צעלן.

און פּונקט אַזוי וועט זיין נויטיג, אַז יעדער איינער פון אונז זאָל „זיך אָפּזאָגן” פון עפּעס, כדי עס זאָל קומען אַ העכערע שטופע פון סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע איידער די, וואָס מיר האָבן איצט. מיר זיינען, אַזוי צו זאָגן, צעלן פון אַ נייעם און פיל מער קאָמפּליצירטן אָרגאַניזם. מיר פאַרלירן עטוואָס פון אונזער זעלבסטשטענדיגקייט, נאָר מיר געווינען אַ סך מער אויף דער העכערער לעבנס־שטופע, צו וועלכער מיר האָבן דערגרייכט.

ווי יחידים זיינען מיר אָבער ניט די לעצטע שטופע פון דעם עוואָלוציעפּראָצעס. מיר קאָנען ניט באַשליסן, אַז מיר זיינען די איינציגע, וואָס האָבן דערגרייכט צום העכסטן פּונקט פון אָרגאַניזירטקייט. מיר אַליין מוזן נאָך פאַראייניגט ווערן אין אַ פיל גרעסערער גאַנצקייט. אונזער איצטיגע צעמישעניש מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צוקונפטיגער אָרדענונג.

פּונקט ווי פון אונזער שטאַנדפּונקט זיינען פריערדיגע צייטן געווען כאַאָטיש, אַזוי וועט פון אַ צוקונפטיגן שטאַנדפּונקט אונזער צייט אויך אויסקוקן כאַאָטיש.

כאַאָס הערשט, למשל, אין דער עקזיסטענץ פון אונזערע פילע אומאָפּהענגיגע מלוכות, וואָס קיינע פון זיי איז ניט באַגרענעצט דורך קיין מאָראַלן געזעץ, וואָס זאָל צוימען איר אַבסאָלוטע סואווערעניטעט. כאַאָס הערשט אין אַ וועלט, וואו די נאַטירלעכע רייכטימער און די פּראָדוקציע־מיטלען זיינען דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון פּריוואַטע מענטשן, וואָס האָבן אַ רעכט צו דיקטירן די באַדינגונגען אויף וועלכע אַנדערע מענטשן זאָלן האָבן אַ צוטריט צו זייער איינציגן קוואַל פון חיונה. עס הערשט כאַאָס אין אַ וועלט, וואו ווילדע קאָנקורענץ און אומרעגולירטע פּראָפיט־יאָגעניש זיינען די צווילינג־מאָטיוון פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע.

אויב עס איז דאָ אַ קראַפט, וואָס האָט די טענדענץ צו באַזייטיגן אָטדעם כאַאָס און צו פאַראייניגן די מענטשלעכע וועלט אין איין גאַנצקייט, איבערלאָזנדיג פאַר די פעלקער, וואָס שטעלן צוזאַמען די וועלט, זייערע

איינגאַרטיגע זיטן, שפּראַכן, קונסט און ליטעראַטור — אַ מענטשלעכע וועלט פון באַזונדערע פעלקער, וואָס זיינען באַגרענעצט אין זייער נאַציאָנאַלער סואווערעניטעט, נאָר זיינען פאַראייניגט אין זייער עקאָנאָמישער אָפּהענגיג־קייט — איז אַזאַ קראַפט פולשטענדיג אין איינקלאַנג מיט דעם וואוקס פון אָרגאַניזמען, וואָס האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט כאַראַקטעריזירט דעם פאָראויסמאַרש פון לעבן. יעדער פּראָצעס פון פּלאַנירן די וועלט מצד דעם קאָלעקטיוון מענטשן, נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן קאָנטראָל איבער דער ערד, די נאַטירלעכע אוצרות און די פּראָדוקטיווע מאַשינען; נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעשאַפט פּריווילעגיעס און הויבט זיך אָן דערנענטערן צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, יעדער פּראָצעס אַזאַ פאַרצייכנט אַ נייע שטופּע אין דער עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג. און אין פּונקט אַזאַ מאָס פאַרצייכנט דאָס די פאַרווירקלעכונג פון די קריסטלעכע געבאָטן.

אָט־דער קאָלעקטיוויזם איז אומפאַרמיידלעך. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיכער געמאַכט אַ גרויסן טראָט אין אָט־דער ריכטונג — סיי דורך זיין קלאָר־אויסגעשפּראָכענער פּראָגראַם און סיי דורך זיינע קאָנקרעטע אויפטוען, וואָס זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ניט געקוקט אויף ריקשטויסן, טעות'ן, חסרונות און פאַרברעכנס. און וואָסער לאַנד איז דען אומשולדיג אין פּרט פון אַזוינע פעלערן און פאַרברעכנס?

קריסטן דאַרפן אָנערקענען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע מיט אַלע אירע דעגראַדירנדיגע און דעזאָרגאַניזירנדיגע רעזולטאַטן איז פּונקט אַזוי אום'יושר'דיג, ווי זי איז וויסנשאַפטלעך פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג.

די קריסטן דאַרפן אויפגעבן דאָס „אויסשליסלעכע" קאָנצענטרירן זיך אויף „יענער וועלט" און אַנדערע מיסטישע עלעמענטן פון רעליגיע, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב מורא פאַר דעם פעאָדאַלן באַראָן און דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַליסט, אָדער אויס שרעק פאַר דער איינגעשטעלטער אָרדענונג, אָדער צוליב בלויזער אינערציע, וואָס פירט צו דעם, אַז מען זאָל צושטימען צו אַלץ וואָס מען דאַרף פאַרדאַמען, און פאַרדאַמען דאָס, וואָס דאַרף באַגריסט ווערן. די עטאַבלירטע אָרדענונג האָט זייער וויניג אויסזעצונגען, כאָטש אַ היפּש ביסל פאַראַכטונג, פאַר די, וואָס זייער רעליגיע גיט זיך אָפּ בלויז און אויסשליסלעך מיט הימלשע זאַכן. די אמת'ע קריסטלעכע רעליגיע דערלויבט קיינמאָל ניט, אַז די רעיונות וועגן יענער וועלט זאָלן זיין אַ שטערונג פאַר דער פרייד און דער פליכט פון דעם מענטשן אויף דער וועלט. די אמת'ע קריסטלעכע רעליגיע שעפּט באַגייסטערונג פון דער אייביגער וועלט, כדי צו פאַרצייכענען דערגרייכונגען אויף דער ערד. בלויז אַ פאַלשע קריסטלעכע רעליגיע פאַרנאַכלעסיגט „צו לעבן", כדי צו „דענקען און זיך פאַרטיפן אין רעיונות".

קאָלעקטיוויזם איז, הייסט עס, ניט בלויז אין איינקלאַנג מיט דעם אור־

שפּרונג פון קריסטלעכקייט — מיר דערמאָנען זיך דעם פּאַרצייטיקן קאָמוניזם אין ירושלים — נאָר ער הויבט אָן פּאַרווירקלעכן אין אַ פּראַקטישער און קאָנקרעטער פאָרם דעם אמת'ן זין פון דעם קריסטלעכן באַגריף וועגן ברידערלעכקייט.

דער קאָמוניזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גלויבט אין ברידערלעכקייט און פּראַקטיצירט עס; גלויבט אין קאָלעקטיווער זיכערקייט און וויל זיך צו דעם דערשלאָגן; גלויבט אין שלום און האָפט דאָס צו געווינען. דער קאָמוניזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרוואַנדלט עמאַציאָנעלן קאָמוניזם אין וויסנשאַפט־לעכן קאָמוניזם.

זשעדנע גלוסטונג, גיריקייט איז דער גרעסטער שונא פון אַט־דעם אויפ־שטייג צו דער העכערער פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע, און קריסטנטום איז דער געשוואוירענער שונא פון גיריקייט. מענטשן זיינען זשעדנע צו קריגן רייכ־טום, ווייל זיי ווילן די מאַכט, דעם פּרעסטיזש און די פּריווילעגיעס, וואָס רייכטום ברענגט. דער גיריגער מענטש איזאָלירט זיך פון אַנדערע, צאַמט זיך אָפּ, כדי זיך אַליין צו באַשיצן.

לויט איר סאַמע עצם איז גיריקייט אַ פאַרלייקענונג פון גאָט — דאָס אָפּזאָגן זיך אויפצוגעבן דאָס עגאָאיסטישע, זעלבסטשטענדיגע לעבן און צו זוכן זיכערקייט אין דעם כלל.

און אַט דערפאַר האָט עס יעזוס געוואָרנט די מענטשן, אַז זיי זאָלן „אַכטונג געבן און זיך אויסהיטן פון גיריגקייט". און אַט דערפאַר רעדט אויך סט. פּאָל וועגן גיריגקייט, ווי וועגן עפּעס אַן אומאַנשטענדיגער און מיאוס'ער זאַך: „זאָל דאָס צווישן אייך אַפילו ניט דערמאָנט ווערן." דער גיריגער מענטש ווערט קלאַסיפיצירט צוזאַמען מיט דעם נואף און דעם אומריינעם.

דער גייסט פון דעראָבערונג אָדער גיריגקייט איז אין די אויגן פון סט. פּאָל'ן פּונקט אַזאַ זינד ווי אַ פאַרדאָרבענער און אומגעצוימטער קערפּערלעכער אינסטינקט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט אַן אייגנטלעך רעליגיעזן אַקט, וואָס שטימט פולשטענדיג מיט דער קריסטלעכער פאַראַכטונג צו גיריגקייט, דערמיט וואָס ער האָט אונטערגעהאַקט די וואָרצלען פון גיריגקייט, באַפרייט דעם מענטשן פון די פּענטעס פון דעם דעראָבערישן אינסטינקט און אויס־געגלייכט דעם וועג צו אַ נייער אָרגאַניזאַציע פון לעבן אויף אַ העכערער שטופע פון עקזיסטענץ.

אויב קאָמוניזם קאָן פון רעליגיעזע מענטשן ניט באַטראַכט ווערן ווי דער ענד־ציל פון דעם גאַנצן לעבנס־פּראָצעס, איז דאָס אָבער זיכער אַ לעבנס־נויטיגער שריט אויף דעם געביט פון רעליגיעזער אַנטוויקלונג.

דער קאָמוניזם האָט בייגעקומען די צעפאַלונג פון דער מאָדערנער געזעל־

שאפט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אַ שפּאַר־געטאָן פאָראויס צו אַ העכערער און מער פולקאָמער איינגקייט פון די אָפּגעזונדערטע טיילן.

דער קאָמוניזם האָט ענדלעך געפונען אַ פאָרם פון פאָרגאַנצונג, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניש פון אַ טעכנישער ציוויליזאַציע.

דער קאָמוניזם האָט געטאָן אַ טובה דער רעליגיע דערמיט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט נעגן דעם אומרעליגיעזן דואַליזם פון גריכישן געדאַנק, וואָס האָט איינגעטיילט דאָס לעבן אויף צוויי טיילן — „רעליגיעזן" און „וועלטלעכן" — און האָט אַזוי אַרום פאַרקריפּלט די רעליגיע, וואָס מיר האָבן געִירש'נט פון די אידן און וואָס האָט דערגרייכט איר העכסטן אויס־דרוק ביי יעזוס'ן. די אידישע רעליגיע און נאָך מער די קריסטלעכע רעליגיע אין איר אָריגינעלער כוונה האָבן אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן. עס איז קיינמאָל ניט געווען די אַבזיכט צו צעטיילן דאָס לעבן אויף צוויי טיילן, וואָס דאָס מיינט איינגיין דערויף, אַז פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין איז די איינציגע און העכסטע רעליגיעזע פליכט; אַז די געזעלשאַפט מעג זיך פאַנאַנדערפאַלן, בעת דער איינצלנער מענטש לאָזט זיך וואויל־גיין מיט דעם געדאַנק וועגן די האַרמאָנישע הימלישע מקומות.

בשעת ביי די גריכן איז גאָט געווען אַן אַריסטאָקראַט, איז ער ביי די קריסטן געווען אַן אַרבעטער, און דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען, אַז בשעת ביי די גריכן איז דער אידעאַל פון דעם מענטשנ'ס לעבן געווען פאַר־טיפונג אין געדאַנק, איז ביי אידן און קריסטן דער אידעאַל געווען האַנדלונג און זעלבסט־רעאַליזירונג.

נאָך מער, ביי די אידן און ביי די ערשטע קריסטן איז דעם מענטשנ'ס וואוילזיין אָפּגעהאַנגען פון דעם כּלל; זיין זעלבסט־רעאַליזירונג האָט גע־פאָדערט, אַז ער זאָל זיך „אָפּזאָגן" פון אָפּגעזונדערטקייט און זיך אונטער־וואַרפן דעם כּלל. לויט יעזוס'ן איז גאָט'ס כוונה געווען אַ מענטשלעכע געמיינדע, וואָס בויט די מענטשלעכע פאַרוואַנדשאַפט אויף דער באַזע פון פרייהייט און גלייכהייט. צו פאַרלעצן אָט־דעם חוש פאַרן כּלל, צו דערגרייכן אָדער שטרעבן צו איינענער דערגרייכונג אויף דעם חשבון פון דעם כּלל, מיינט פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. צו האַנדלען עגאָאיסטיש מיינט האַנדלען נעגן דער אייגענער נאַטור, און דאָס מוז פירן צו אַ דורכפאַל און צו גרויסער אַנטוישונג. די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ פּירוש און אַן אורטייל איבער דעם מענטשנ'ס עגאָאיזם, ספּעציעל איבער זיין לוסט נאָך מאַכט און נאָך דעם לוקסוס פון זעלבסט־פאַרטיפונג.

ביים קאָמוניסט, ווי ביים קריסט, שטייט די געמיינדע העכער פון אַלץ. דער מענטש רעאַליזירט זיך אַליין אין דער געזעלשאַפט. דער קאָמוניסט פאַר־שעמט דעם קריסט דורך זיין גרינטלעכן שטרעבן צו אַ האַרמאָנישער געזעל־שאַפט. דאָ ווייזט ער זיך אַרויס ווי דער יורש פון דעם קריסטלעכן ציל.

די קאָמוניסטישע אַטאַקע אויף דעם אידעאַליזם, ווי אויך דער קאָמו־

ניסטישער קאַמף פאַר געמיינשאַפט, אַנטהאַלט דעריבער אַן עלעמענט פון אמת׳ער רעליגיע און דאַרף דערפאַר קריגן די אַנערקענונג פון קריסטן.

וואָלטן די קריסטן פון סאַמע אָנהויב געווען באַגריסט די קאָמוניסטן, ווי יענע האָבן דאָס פאָרדינט מיט זייער פולשטענדיק־קריסטלעכן לאָזונג „פון יעדן לויט זיינע פעיאיקייטן, צו יעדן לויט זיינע באַדערפענישן״, און מיט זייער איבערגעבן פון ווערטער צו מעשים אין דעם אויפבוי פון אַ קאָנ־קרעטער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף אָט־די פּרינציפּן — וואָלטן דעמאָלט די קריסטן געווען פאַרשאַפט אַ סך מער כבוד פאַר דער כוונה פון דעם גרינדער פון קריסטנטום, און די סאָוועטישע קאָמוניסטן וואָלטן אפשר קיינמאָל זיך ניט געווען געפילט געצוואונגען אָנצוהויבן זייער מלחמה קעגן רעליגיע. אפשר וואָלטן זיי אפילו געווען זיין גרייט זיך צו רעכענען מיט דער וואָרענונג, וואָס קריסטן מוזן זיך פילן געצוואונגען צו געבן צו יעדן איינעם, וואָס דענקט לייכטזיניק, אַז דער פאַרענדיקטער סאָציאַלער פּראָצעס פירט ממילא צו אַ פּערפעקטער אָרדענונג, אָדער צו די וואָס זעען פאַראויס די באַ־שאַפונג פון אַ פּערפעקטער אָרדענונג, אין וועלכער אַלע ווידערשפּרוכן וועלן געלייזט ווערן.

אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג וואָלט געמיינט אַ סוף פון דער געזעל־שאַפט און ניט אַ נייער אָנהויב. יעדע נייע פאַרגאַנצונג ברענגט אירע אייגענע ווידערשפּרוכן אַנשטאָט אַ פולקאָמענהייט אָן שום ווידערשפּרוכן.

דאָס איז אָבער אַ ווידערשפּרוך אויף אַ העכערער שטופע. מען קאָן געווים דערוואַרטן, אַז די קאָמוניסטישע אָרדענונג, וואָס האָט זיך דערהויבן צו אַ נייער שטופע פון פאַרגאַנצונג, וועט דורכמאַכן נייע און אויף־דאָס־ניי שעפערישע ווידערשפּרוכן. אַזעלכע ווידערשפּרוכן דאַרפן קיינעם ניט איבער־ראַשן אָדער באַאומרואיגן. דער קריסט דערוואַרט דאָס אין פאָראויס.

ווען דאָס וואָלט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט אונזער איצטיקן צוועק, וואָלטן מיר זיך געקאָנט אוועקלאָזן אַרגומענטירן, אַז די פּראָבלעמען פון גוט און שלעכט, פון טויט און לעבן קאָנען ניט געשליכטעט ווערן אַזוי לייכט, ווי געוויסע קאָמוניסטן שטעלן זיך פאָר. מיר וואָלטן געקאָנט אָנגעבן אַ וועזנטלעכע באַגרינדונג פאַר אונזער גלויבן, אַז די ענדגילטיקע רעאַליזירונג פון לעבן קאָן מען געפינען ניט אין דער געשיכטע, נאָר אויסער איר. מיר וואָלטן ווייטער געקאָנט אַרגומענטירן, אַז ווען אונז זאָל זיך אפילו איינגעבן צו פאַרגאַנצן דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן אין דער איצטיקער אָרדענונג, וועט נאָך אַלץ בלייבן די פּראָבלעם פון פאַרגאַנצן דאָס לעבן פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט בכלל מיט דעם לעבן פון דער אוניווערסאַלער אָרדענונג.

אָבער דאָס — כאָטש מיר דערמאָנען עס — ליגט אויסער די גרענעצן פון אונזער איצטיקער אויפגאַבע, וואָס באַשטייט דער עיקר אין פעסטשטעלן די שעפערישע אידייען אין דעם קאָמוניזם און צו אונטערזוכן און אָפּשאַצן זייער ווערט. מיר מעגן מיט רעכט צוריקקומען צום פּונקט, פון וועלכן מיר

האָבן אָנגעהויבן, און אָנווייזן, אַז קאָמוניסטן זיינען גערעכט ווען זיי טענה'ן, אַז מיר מוזן אָנהויבן דורכפירן אין דער פּראַקטיק די מאָס פאַרגאַנצונג, וואָס מיר זיינען שוין בכח צו פאַרווירקלעכן, און אַז די רעליגיע, וואָס ניט בלויז זאָגט זי זיך אָפּ דאָס צו טאָן, נאָר שטערט נאָך, שטופּט אָפּ אין אַ זייט און מיסרעפּרעזענטירט די, וואָס מאַכן אַ פּאַרזוך דאָס דורכצופירן, און אַליין אַנטלויפט זי פון האַנדלונג און באַהאַלט זיך אין פאַרטיפטע טראַכטעניש — אַז אַזאַ רעליגיע איז אַ שונא און מוז אַנטשלאָסן באַזייטיגט ווערן. „יענער, וואָס האָט ניט ליב זיין ברודער, וועמען ער האָט יאָ געזען, קאָן ניט ליב האָבן גאָט, וועמען ער האָט ניט געזען." „ליבע איז די פאַר־ווירקלעכונג פון דעם געזעץ."

## 4. „פון דעם פונק צו דעם פלאַם"

איך קאָן ניט לייענען אָדער ווידער־לייענען אָט־דעם בוך מיינעם און ניט זיין באַוואוסטזיניג וועגן זיינע פילע חסרונות און קנאַפּקייטן. עס איז נאָך דאָ אַזויפיל, וואָס האָט געקאָנט געזאָגט ווערן, אָדער געזאָגט ווערן אַ סך בעסער. דער סאָוועטישער עקספּערימענט, וואָס איז אַזוי ריזיג־גרויס אין זיין פאַרנעם, אַזוי רעוואָלוציאָנער לויט אַלע אונזערע מעטאָדן פון דענקען, אַזוי ניי און אַזוי אַרויסרופנדיג, לאָזט זיך ניט אויסשעפּן און קאָן בלויז אָנגעצייכנט ווערן מיט די ברייטסטע שטריכן. אַ פאַרענדיגטע אָפּהאַנדלונג — ווען איך וואָלט אַפילו געוועזן פייאיג אויף אַזאַ זאַך — איז דאָ אוממעגלעך; מען קאָן בלויז, אַזוי צו זאָגן, טראַכטן אין דער הויך.

איך בין אויך באַוואוסטזיניג — ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין דער פאָררעדע — וועגן דעם, אַז איך ווייז־אָן בלויז יענע שטריכן, וואָס זעען אויס אין מיינע אויגן צו זיין אמת־שעפעריש און ווירקלעך גוט. עס איז דאָ אַ סך, וואָס איז ניט גוט. אומגערעכטיגקייט און ליידן זיינען ניט אָפּגעמעקט געוואָרן איבערנאַכט ווי דורך אַ כישוף. קליינלעכער שווינדל, קליינלעכע קנאות און קליינלעכע אומערלעכקייטן פאַראומערן נאָך די האַר־מאָניע פון לעבן, און העסלעבקייט איז נאָך ווייט ניט פאַרשוואונדן. די רוסן זיינען ניט קיין מוסטערן פון טוגנט, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך ניט דער גאָלדענער גן־עדן פון די אוטאָפּיסטן. די רוסן זיינען, נאָך אַלעמען, מענטשן מיט אַלע שוואַכקייטן און נאַרישקייטן און זינד, וואָס פאַר־פלעקן אונז; און די רעשטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט — אַ פאַרגאַנגענ־הייט, וואָס איז ערגער פון אונזערער, אַפילו דער טיילווייזער פאָרשריט אויף דעם וועג פון פרייהייט און גלייכהייט איז דאָך געקומען אַ סך שפּעטער ווי ביי אונז — אָט־די רעשטלעך הענגען נאָך אַלץ ביי זיי ווי אַ שטיין אויפן האַלז.

נאָר אין גרויסן און גאַנצן זיינען די סאָוועטישע מענטשן באַוועגט און

באטרייבן זייער לעבן דורך א מאראלן צוועק, וואס איך וואלט זיך גע־וואונטשן מיטן גאנצן הארצן, אז ער זאל באוואוסטזיניג אויך ווערן אונזער צוועק. זיי ארבעטן פאר א געמיינשאפטלעכן וואוילזיין, וואס איז, לויט מיין מיינונג, ווירקלעך קריסטלעך אין זיין מאראלישקייט, כאטש זיי מעגן זייער שטארק וועלן פארלייקענען אט־דעם פאקט. זיי לערנען אין דער פראק־טיק, אז די ווירקלעכקייט פון לעבן ליגט אין דעם כלל, און זייערע אנ־גענומענע פרינציפן פאר דעם פאראויס־מארש צו א בעסערער געזעלשאפט־לעכער ארדענונג און צו א ברייטערער פארבינדונג פון יחידים, זיינען, לויט מיין מיינונג, ריכטיג אויסגעקליבן.

יעדער מין פראגרעס זעט אויס צו־לאנגזאם און אומזיכער. אונזער פארשריט צו א בעסערער געזעלשאפט איז אומקלאר און אומבאשטימט. טיפע און סובטילע און אומצאליגע כחות בינדן אונז צו אונזער פארגאנגענהייט. מיר האלטן זיך פעסט אן אונזערע טעות'ן און דומהייטן. די העלע שיין פון אמת פארבלענדט אונז די אויגן און מיר זוכן דאס אויסצומיידן. מיר טאפן אין דער פינצטער דארט, וואו מיר וואלטן באדארפט גיין מיט זיכערע טריט. באקאנטע וועגן זיינען לייכטע וועגן. ענדערונגען פאדערן אן אנ־שטרענגונג און האנדלונג ; און ענדערונג שרעקט, ספּעציעל אויב אן ענדערונג באדראעט די סטרוקטור פון אונזער פערזענלעכער זיכערקייט, וואס איז אזוי מיזאם אויפגעשטעלט געווארן.

און דאך מוזן ענדערונגען קומען. דאס לעבן באוועגט זיך שטענדיג. פארגליווערטקייט איז בלויז אן אנדער נאמען פאר טויט. דער מענטש גייט פאראויס, און אין אלגעמיין — ווי עס איז געווען דורך אלע דורות — גייט ער אויף דעם וועג צו חכמה. דער גאנג מעג זיך זיין א לאנגזאמער. אפט איז דער גאנג א פיינפולער און ווערט איבערגעריסן דורך א סך אפּהאלטן. אמאל קערט דער מענטש זיך אום צוריק, ווען ער שטויסט זיך אן אויף א שטערונג, וואס ער קאן זי ניט בייקומען. ער קערט זיך אבער אום צוריק און זוכט א נייעם ארומיגן וועג צום ווייטן ענד־ציל. דער מארש ווערט ווידער פארגעזעצט און מיט דעם פאראויס־גאנג קומען ענדערונגען.

אט־דער בוך איז אן ערלעכע און אן אמת'ע ווענדונג, אז אנדערע זאלן מיט ווייניגער פאראורטייל באטראכטן די ענדערונגען, וואס מאכן דעם איינ־דרוק—צוליב זייער שטוינענדיגער נייקייט—אז זיי זיינען אריבערגעשפרונגען יארהונדערטער. אין דער אמת'ן אבער זיינען דאס ענדערונגען, פאר וועלכע דער וועג איז שוין לאנג געווען צוגעגרייט. זייערע ווארצלען זיינען אין דער פארגאנגענהייט. זיי זיינען ווי וואסערן, וואס זיינען פארצאמט געווארן מיט א דאמבע דא און א דאמבע דארט, נאר וואס האלטן זיך אין איין אנזאמלען ביז זיי פלאצן ארויס פלוצלונג און אן א ווארנונג מיט א מעכטיגן דראנג, וואס שווענקט אראפ אלע שטערונגען אויפן וועג.

ענדערונגען מוזן קומען אין ענגלאנד, אין פראנקרייך און אין אמעריקע.

קיין לאַנד קאָן ניט בלייבן אויף אָן אָרט. אויב די ריי גייט פאָראויס אין איין לאַנד, מוזן די אַנדערע לענדער אויך גיין פאָראויס, אַניט וועלן זיי אומ־פאַרמיידלעך מוזן מאַכן אַ צוריקטריט. ענגלאַנד׳ס פאָראויס־מאַרש צו אַן אינ־דוסטריעלער אָרדענונג האָט אַנגעשטעקט די גאַנצע וועלט. די רוסישע שטוינענדיגע און פיל־באַדייטנדיגע ענדערונגען פירן צו ענדערונגען ביי אונז אין לאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער. עס מוז ניט פאָרקומען דוקא אויף דעם זעלבן אופן ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר קאָנען פּראָפיטירן — אויב מיר זאָלן נאָר ווע֫לן — פון די דערפאַרונגען פון רוסלאַנד און מיר קאָנען אויסמיידן די פאַרניכטונג פון אַ סך שעצבאַרע זאַכן. אויב מיר זאָלן אויף אַן ערלעכן אופן מאַכן אין צייט די נויטיגע וועזנטלעכע ענדערונגען, קאָנען מיר דערגרייכן דעם זעלבן ציל דורך פרידלעכע מיטלען.

איין זאַך צום ווינציגסטן איז קלאָר: ענדערונגען וועלן קומען, און עס איז בעסער, אַז מיר זאָלן אַליין און פרייוויליג מאַכן די נויטיגע ענדע־רונגען, דערפאַר, וואָס מיר אָנערקענען זייער ריכטיגקייט, איידער מיר זאָלן די זעלביגע ענדערונגען דורכפירן געצוואונגענערהייט, ווייל מיר וועלן ניט האָבן קיין ברירה.

אַן ענדערונג, וואָס ווערט אינספּירירט פון אַ מאָראַלן צוגאַנג, איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע זאַך צו דערגרייכן. מען מוז פאַר דעם האָבן שטאַרקע הענט, שטאַרקע מוחות און אומדערשראָקענעם מוט. עס פאָדערט זיך פאַר דעם אַ קלאָרקייט פון ציל און אַ פעסטקייט פון ווילן. עס פאָדערט זיך פאַר דעם אַ באַשטימטער שפּערישער צוועק.

דער פאַקל פון לעבן איז איצט ביי אונז אין די הענט. די וואָס וועלן קומען נאָך אונז וועלן זיין בכח צו אורטיילן בעסער ווי מיר, צי דאָס פייער ברענט העלער און שטאַרקער, אָדער עס ווערט טונקעלער; צי מיר האָבן פאַרבעסערט דאָס לעבן אין אונזער צייט, אָדער מיר האָבן עס ערגער גע־מאַכט. זיי וועלן אונז גיכער אורטיילן לויט אונזער ציל און לויט אונזער אָנשטרענגונג דעם ציל צו פאַרווירקלעכן, איידער לויט אונזערע דער־גרייכונגען. אויב עס איז דאָ וועלכער ניט איז מאָראַלער אמת און יושר אין דעם גרויסן עקספּערימענט, וואָס איך האָב פּרובירט באַשרייבן, וועט אָט־דער אמת און אָט־דער יושר פאַרבלייבן לעבן. מיר קאָנען דאָס אָננעמען און האָבן די פרייד פון פאַרשנעלערן דעם פּראָגרעס, אָדער מיר קאָנען דאָס פאַרוואַרפן און ליידן פון פּערזענלעכער אַנטוישונג. אָבער אַ דאַנק דעם אמת, וואָס דער עקספּערימענט פאַרמאָגט, וועט דער דערפאָלג זיין אַ זיכערער. איך שטים איין מיט די נאָבעלע ווערטער פון אַנאַטאָל פראַנס:

„דער אמת טראָגט אין זיך אַ דורכדרינגענדיגע קראַפט, וואָס איז פרעמד סיי דעם טעות און סיי דעם שקר. איך זאָג „אמת", און איר פאַרשטייט וואָס איך מיין, ווייל די שיינע ווערטער — אמת און יושר — דאַרפן ניט פאַרטייטשט ווערן, אַז מען זאָל זיי פאַרשטיין אין זייער

אמת'ן מיין. זיי פאַרמאָגן אין זיך אַ לויכטנדיגע שיינקייט און אַ הימלישע ליכט. איך גלויב פעסט אין דעם טריאומף פון אמת; אָט־דער גלויבן גיט מיר כח אין שווערע צייטן. . . ."

# עפּילאָג

## ערשטער טייל

געשריבן דעם 2טן נאָוועמבער, 1939.

דער הויפּט־צוועק, צוליב וועלכן אָט־דער בוך איז געשריבן געוואָרן, איז געווען צו שאַפן אַ מעגלעכקייט בעסער צו פאַרשטיין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ווען מען פרעגט מיך פאַרוואָס האָב איך אונטערנומען אָט־די אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע, האָב איך אויף דעם אַ דרייפאַכן ענטפער. ווייל עס איז געווען נויטיג צו דערציילן דעם אמת; ווייל עס איז געווען נויטיג צו פאַרשטיין דעם עקספּערימענט, וואָס ווערט דורכגעפירט פון רוס־לאַנד אויף דעם מאַסשטאַב פון אַ קאָנטינענט; און כדי צו באַאיינפלוסן — צוליב די צוועקן פון שלום — די מענטשלעכע מוחות אין דער ריכטונג פון וואַרעמערע באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָן אַן אָפּמאַך מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט מלחמה אויסגעזען צו זיין אומפאַרמיידלעך.

צום באַדויערן זיינען פּאַסירונגען געלאָפן צו־שנעל, און די מלחמה האָט אונז אָנגעיאָגט. עס איז פאַר מיר געווען שווער צו גלויבן, אַז אונזער הערשנדיגער קלאַס איז אַזוי בלינד און טעמפּ, אַז ער וועט בעסער איינגיין אויף מלחמה איידער צו דריקן די האַנט פון די סאָוועטן; נאָר דאָס איז דאָך, פּשוט גערעדט, אונזער איצטיגע טראַגעדיע. דער צוועק פון אָט־דעם עפּילאָג איז צו מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרריכטן און גוט־מאַכן די פאַר־קריפּלונגען, מיסרעפּרעזענטאַציעס און די קנאַפּע פאַרשטענדעניש בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, כדי מיר זאָלן באַטש איצט, אין אַ פאַרשפּעטיגטער שעה, געווינען די סימפּאַטיעס פון אָט־דעם גרויסן לאַנד און ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל אריינגעצויגן ווערן אין אַ קאָנפליקט געגן אונז.

* * *

באַטראַכט די פּאַסירונגען פון די לעצטע יאָרן און חדשים, אויב מעג־לעך, דורך סאָוועטישע אויגן. פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן מיר פאַר זיך געזען אַ בילד פון די גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלוכות, ווי זיי האָבן געשפּילט מאַכט־פּאָליטיק, וואָס איר תוך באַשטייט אין דעם גלויבן,

אז מיליטערישע מאכט, צוזאמען מיט אירע באגלייטונגס־שטריכן פון כיטרע־קייט, פארראט, שווינדל, ליגנס און געבראכענע צוזאגן איז דער איינציגער און ענדגילטיגער בורר צווישן פעלקער. מאכט־פאליטיק מיינט שוין ממילא דאס פעלן פון א גוטער מאראלישקייט. אין דער ספערע פון מאכט־פאליטיק און צוליב דעם „וואוילזיין פון דער מלוכה" וועלן שטאטסלייט באגיין אקטן און דורכפירן פאליסים און זיך באנוצן מיט מעטאדן, פון וועלכע זיי וואלטן אין זייער פריוואטן לעבן זיך אפגעטרייסלט מיט שוידער. מאכט־פאליטיק האט געפירט צו דעם צוזאמענשטויס פון די קאנקורירנדיגע אימ־פעריאליזמען אין 1918—1914, וואס האט צעטרייסלט די קאפיטאליסטישע סיסטעם ביז איר סאמע פונדאמענט. עס זיינען לויז־געלאזט געווארן ריזיגע כחות, פון וועלכע עס איז, נאך גרויסע ליידן, ארויסגעקומען די ערשטע דערפאלגרייכע סאציאליסטישע רעוואלוציע.

אין דעם משך פון א קורצער צייט נאך דער מלחמה האט זיך געדאכט, אז סיי די פעלקער און סיי די הערשנדיגע קלאסן האבן עפעס געלערנט, און צום שלום פון דער מלחמה האט מען געקאנט זען א בראוון פארזוך איינ־צושטעלן די באציאונגען צווישן לענדער אויף דער נייער באזע פון יושר, ארדענונג, אכטונג פאר געזעץ און דאס אויפגעבן פון מאכט אין דער שליכטונג פון שטרייטן. די פעלקער־ליג איז געבוירן געווארן.

דער סאוועטן־פארבאנד איז פון סאמע אנהויב געווען סקעפטיש וועגן דער אויפריכטיגקייט פון אט־די פארזוכן מצד דעם לעמפערט צו בייטן זיינע פלעקן. צו־אפט האט די ליג — סיי אין אירע האנדלונגען און סיי דורך די דערקלערונגען פון די פירנדיגע מלוכות — געוויזן, אז זי גייט אויף דעם וועג פון אנהאלטן, כאטש אין אן אנדער פארם, די אינטערווענציע־מלחמות וועגן דעם סאוועטן־פארבאנד אנשטאט צו פארנעמען זיך מיט דעם אויפבוי פון א נייער פרידן־סיסטעם.

אט־די אינטערווענציע־מלחמות האבן איבערגעלאזט אין די רוסישע מוחות א צייכן, וואס לאזט זיך ניט אפמעקן. דאס קאן מען אויף דעם בעסטן אופן זען אין דעם רוף צו די ארבעטער פון דער וועלט, וואס משי־משערין, דער אויסלאנדס־קאמיסאר, האט געמאכט דעם 18טן אפריל, 1919:

> „דאס זיינען ניט קיין אנדערע, ווי בלויז אייערע הערשער, וואס האלטן אן דעם בירגער־קריג צווישן אונז דורך דעם, וואס זיי גיבן שטיצע די קאנטער־רעוואלוציאנערן און שאפן הונגער און ארבעטלאזיג־קייט דורך דער קרימינעלער בלאקאדע אויף דעם סאוועטן־פארבאנד."

* * *

מיר הערן לעצטנס זייער א סך וועגן „ארומרינגלונג". ווער וועט לייקענען די שטענדיגע און אומאויפהערלעכע פארזוכן פון די גרויסע קאפי־טאליסטישע מלוכות, געוויינלעך אונטער דער פירערשאפט פון ענגלאנד, צו איזאלירן און ארומרינגלען דעם סאוועטן־פארבאנד?

מען קאָן אָנווייזן אויף דער קאָנפערענץ אין גענוא אין 1922 און אין לאָקאַרנאָ אין 1925. אין גענוא האָט מען די סאָוועטישע דעלעגאַטן אינ־פאָרמירט, אַז מען וועט העלפן זייער לאַנד צו פאַרריכטן די צעשטערונג, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער מלחמה און דעם בירגער־קריג, מיט דער באַדינגונג, אַז זייער לאַנד זאָל אויפגעבן די פּלענער פאַר סאָציאַ־ליזם. די זעלבע קאָנפערענץ האָט אינגאַנצן אָוועקגעשטופּט די געשלאָגענע דייטשלאַנד אָן אַ זייט, באַהאַנדלענדיג זי ווי אַ באַשעפעניש פון נידעריגסטן שטאַנד. דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וואָס זיינען אַזוי אָרום געשטויסן גע־וואָרן צו גיין צוזאַמען, האָבן געשלאָסן דעם ראַפּאַלאָ־אָפּמאַך, אָנהויבנדיג דערמיט אַ לאַנגע ריי פאַרבינדונגען, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן בלויז אויף אַ משך פון די פינף יאָר, וואָס מיר וועלן זיי שפּעטער באַ־טראַכטן, ווען די סאָוועטן־רעגירונג האָט געזוכט צו קריגן די הילף פון די דעמאָקראַטישע רעגירונגען און — צו דער ערגערניש פון דייטשלאַנד — מאַכן די פעלקער־ליג דערפאָלגרייך.

דער לאָקאַרנאָ־אָפּמאַך האָט פאַרבונדן פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, איטאַליע און בעלגיע פאַר שלום און גאַנץ קלאָר געגן רוסלאַנד. דאָס איז אַ סוד, וואָס איז אויף אַן אומפאַרזיכטיגן אופן אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך אָרמסבי־גאָר, אַ בריטישער קאַבינעט־מיניסטער, ווען ער האָט געזאָגט:

„די סאָלידאַריטעט פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע איז נויטיג אויף אָפּצושטעלן דעם געפערלעכסטן געוויקס, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אייראָפּייאישער געשיכטע. . . . לאָקאַרנאָ מיינט, אַז אויף ווי ווייט עס האָט צו טאָן מיט דער איצטיגער רעגירונג פון דייטשלאַנד, איז זי מער ניט פאַרבונדן מיט רוסלאַנד און זי פאַרבינדט איר גורל מיט דעם צד פון מערב.“

עס איז אַ פאַקט, אַז דער איינציגער באַשטענדיגער עלעמענט אין דער ענגלישער אויסלענדישער פּאָליטיק אין די יאָרן צווישן 1917 און 1939 איז געווען אונזער שנאה און פאַראַכטונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואו מיר האָבן נאָר געקאָנט, האָבן מיר געזוכט צו שעדיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר קאָנען זיך דערמאָנען אָן די „רויטע“ וואַלן פון 1924 און דעם געפעלשטן זינאָוויעוו־בריוו, נאָך וועלכן עס האָט נאָכגעפאָלגט דער איבערפאַל אויף דעם „אַרקאָס“ און דאָס אָפּברעכן אַלע האַנדלס־פאַרהאַנדלונגען. אָדער מיר קאָנען זיך דערמאָנען אָן דעם מעטראָ־וויקערס פּראָצעס אין מאָסקווע אין 1933, ווען מיר האָבן דערקלערט, אַז אונזערע אַגענטן זיינען אומשולדיג, בשעת איינער פון זיי האָט זיך שוין נעהאַט דערקלערט שולדיג, און ווען אונזער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן לויט אַ טעלע־גראַפישער אויפפאָדערונג, אַז ער זאָל מאָמענטאַל קומען קיין ענגלאַנד פאַר

קאָנסולטאַציע — אַ סיטואַציע, וואָס האָט שיעור ניט דערפירט צו אַ פולשטענדיקן ברוך אין די באַציאונגען צווישן די צוויי לענדער.

אָט־דער אינצידענט האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג אין שייכות מיט די פּאַסירונגען פון די לעצטע עטלעכע חדשים, ווייל די באַנעמונג פון מיסטער סטרענג אין 1934 אין באַצוג צו דעם העכסטן סאָוועטישן געריכט אין דער צייט, ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זיכער אים פאַרוואַנדלט אין אַ גאָרנישט־פּאַסנדיקן פּאַרטרעטער פון ענגלאַנד אין 1939. מר. סטרענג איז צו יענער צייט געווען דער דיפּלאָמאַטישער באַאַמטער, וואָס איז געוואָרן דער „שאַרזשע ד׳אַפּער", ווען דער בריטישער אַמבאַסאַדאָר האָט פאַרלאָזן מאָסקווע. איז דאָס געווען צוליב בייזווילינקייט אָדער צוליב טעמפּקייט, וואָס מען האָט געשיקט מר. סטרענג׳ן צו „פאַרשנעלערן" אונזערע פאַרהאַנדלונגען מיט דעם קרעמל אין יוני? די פירער אין דעם קרעמל האָבן אַ גוטן זכרון.

ווען מען שטודירט דורך די לעצטע צוואַנציק יאָר, ווערט מען דערשטוינט פון דער כסדר׳דיקער טאָלעראַנץ, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַרויסגעוויזן. די דערקלערונג ליגט זיכער אין זיין אייגענער שטרעבונג צו פרידן, ווי אַ נויטיגע באַדינגונג פאַר דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, און דערפאַר וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געזען, ווי ליטווינאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „שלום איז ניט צעטיילבאַר" און אַז אויב מען וועט בלויז אַראָפּלאָזן די מלחמה־הינט פון דער קייט, וועט קיין איין לאַנד ניט קאָנען בלייבן פון ווייטן און אומבארירט.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט קיינע אילוזיעס. ער וויל ניט קיין מלחמה. זיין רעקאָרד פאַר פרידן איז פון קיינעם ניט געשטעלט געוואָרן אונטער קיין פראַגע־צייכן און קאָן אונטער קיין פראַגע־צייכן ניט געשטעלט ווערן. דאָס באַציט זיך סיי אויף דער צייט, איידער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פעלקער־ליג, סיי אויף דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד. קיין איין מלוכה איז ניט געווען אַזוי אַנטשלאָסן און האָט אַזוי ניט געאַרבעט מיטן גאַנצן האַרצן פאַר פרידן. און קיין איין מלוכה האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אויף אַזוינע פּראָוואָקירנדיקע און אויסעראָרדנטלעכע שטערונגען, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם 8טן נאָוועמבער, 1917, אויף מאָרגן נאָך איר גרינדונג, האָט די נייע רעגירונג פאַרעפנטלעכט איר היסטאָרישן ערשטן באַשלוס:

„מיר שלאָגן פאָר צו אַלע קריגס־פירנדיקע פעלקער און זייערע רעגירונגען באַלד אָנצוהויבן פאַרהאַנדלונגען פאַר אַ גערעכטן און דעמאָקראַטישן שלום. . . . אַזאַ שלום, האַלט די רעגירונג, דאַרף זיין אַ באַלדיקער שלום אָן אַנעקסיעס (דאָס מיינט אָן פאַרכאַפּן פרעמדע

טעריטאָריעס, אָן אַ גוואַלדזאַמער אַנעקסיע פון פרעמדע נאַציאָנאַלי־טעטן) און אָן שאָדן־ערזאַץ."

אָט־דער פאָרשלאַג איז ווידערהאָלט געוואָרן עטלעכע מאָל. ביי דער קאָנפערענץ אין גענוא אין 1922 האָט טשיטשערין דערקלערט, אַז

„אונזערע דעלעגאַטן קליבן זיך פאָרצושלאָגן אין לויף פון דער קאָנפערענץ אַן אַלגעמיינע באַשרענקונג פון באַוואָפענונג, און מיר וועלן שטיצן אַלע פאָרשלאָגן, וואָס שטרעבן צו פאַרלייכטערן די לאַסט פון מיליטאַריזם."

ווייל שלום און אַנטוואָפענונג זיינען אומצעטיילבאַר (פונקט ווי, פון דער אַנדערער זייט, אַנטוואָפענונג און מלחמה זיינען אומצעטיילבאַר), האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד עקשנות'דיג און ניט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע און דעם שפּאָט איבער דער גאַנצער וועלט, אַרויסגעשטעלט זיינע פאָרשלאָגן פאַר אַנטוואָפענונג.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דערקלערט ביי דער וואַשינגטאָנער קאָנ־פערענץ אין 1921, אַז ער איז גרייט

„צו באַגריסן מיט פרייד יעדע פאַרקלענערונג פון באַוואָפענונגען, אָדער די באַגרענעצונג פון מיליטערישע אויסגאַבן, וואָס אונטער זייער לאַסט קרעכצן די אַרבעטער פון אַלע לענדער."

אין 1927, ביי דער צוגרייטונגס־קאָנפערענץ פאַר אַנטוואָפענונג, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַריינגעטראָגן זיין היסטאָרישן פאָרשלאַג פאַר פול־שטענדיגער אַנטוואָפענונג.

די פּאַרזוכן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט צו דערלאָזן, אַז די אַנט־וואָפענונג־קאָנפערענץ זאָל זיך ענדיגן מיט אַ פולשטענדיגן דורכפאַל, שטייען אין שאַרפן קאָנטראַסט מיט די האַנדלונגען פון אונזער אייגענעם דעלעגאַט, לאָרד לאָנדאָנדערי, און זיינע דערפאָלגרייכע אָנשטרענגונגען אָנצוהאַלטן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט באָמבע־עראָפּלאַנען.

אין זיין פאַרזוך צו געווינען און באַפעסטיגן די פּאָזיציע פון שלום האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געהאַנדלט מיט אַן אויסגעהאַלטנקייט און אַנט־שלאָסנקייט, וואָס מיר קאָנען בלויז באַוואונדערן, קוקנדיג אויף צוריק, בשעת מיר דאַרפן שטאַרק באַדויערן אונזער אייגענע אָפּאָזיציע צו אָט־די פאַרזוכן פאַר שלום. ווען עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן דער קעלאָג־אָפּמאַך, איז גע־מאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך ניט צו דערלאָזן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל אונטערשרייבן אָט־דעם אָפּמאַך. אָט־די מאַנעוורע איז דורכגעפאַלן, און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען דאָס ערשטע לאַנד, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, אָנווייזנדיג דערביי, אַז אין דעם אָפּמאַך פעלט וועלכע ניט איז פאַרפליכטונג זיך צו אַנטוואָפענען.

* * *

אין סעפּטעמבער 1934 איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף דעם פאָרשלאַג פון פראַנקרייך איינגעלאַדן געוואָרן אַריינצוטרעטן אין דער פעלקער־ליג. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. אין דער זעלבער צייט זיינען אָנגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען וועגן אַן אָפּמאַך פאַר געגנזייטיגער הילף צווישן פראַנקרייך און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — אַן אָפּמאַך, צו וועלכן דייטשלאַנד איז איינגעלאַדן געוואָרן זיך אָנצושליסן, און וועלכער איז פּאַקטיש געווען אָפן פאַר אַלע פעלקער.

אָט־דער אָפּמאַך, וואָס איז געווען אַ מין „מזרח־לאָקאַרנאָ", איז דעמאָנסטראַטיוו אָפּגעוואָרפן געוואָרן מצד ענגלאַנד. שפּעטער, ווען עס איז אין פעברואַר 1935 באַנייט געוואָרן דער אָפּמאַך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט אונזער רעגירונג דערקלערט אויסדריקלעך, אַז ענגלאַנד איז „ניט פאַראינטערעסירט" אין די פראַגן פון מזרח־איירעפּע, כאָטש ווי אַזוי מיר האָבן דאָס גוקאָנט טאָן זייענדיג אין דער פעלקער־ליג, איז שווער צו זאָגן. מיט פיר יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך שוין גאָר שטאַרק „פאַראינטערעסירט" אין מזרח־איירעפּע, ווען מיר האָבן געגעבן אומבאַגרענעצטע גאַראַנטיעס צו פּוילן און צו רומעניע. איצט האַלטן מיר זיך מיט די רעזולטאַטן פון אָט־דער האַנדלונג.

די שטעלונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו דער פעלקער־ליג באַלד ווי ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ליג און איידער זי האָט ענדלעך צוזאַמענגעבראָכן, איז געווען אַ פולשטענדיג קאָרעקטע, און דאָס איז געווען ניט בלויז אין פאָרמעלן זין. למשל, די פאַרהעלטענישן זיינע מיט איטאַליע זיינען אין 1934 געווען פריינטלעכע אויב ניט קיין האַרציגע. אַ ניט־אָנגריף אָפּמאַך איז אונטערגעשריבן געוואָרן צווישן די צוויי לענדער אין 1933. דאָך האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, שטעלנדיג אין געפאַר אָט־די גוטע באַציאונגען, אָן וואַקלענישן געשטעמפּלט ווי אַ פאַרברעכן איטאַליע'ס איבערפאַל אויף עטיאָפּיע. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט דורכגעפירט די טויט־געבוירענע „סאַנקציעס" נאָך דעם, ווי מיר האָבן שטילערהייד זיי אויפגעגעבן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַזוי געהאַנדלט, ריזיקירנדיג אַפילו אַריינצושטויסן איטאַליע — ווי דאָס איז טאַקע שפּעטער פאָרגעקומען — אין די אָרעמס פון זיינע געגנער.

אין באַצוג צו דער יאַפּאַנעזישער אַגרעסיע איז די האַנדלונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען פונקט אַזוי לויטער און קלאָר. פון סאַמע אָנהויב האָט ער זיך געשטעלט קעגן אָט־דער אַגרעסיע, בשעת מיר האָבן דורך סער דזשאָן סאַימאָן געהאַנדלט ווי די באַשיצער פון די אַגרעסאָרס. און בשעת ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אין 1938 באַזאָרגט יאַפּאַן מיט 78 פּראָצענט פון איר ע קריגס־מאַטעריאַלן, האָט זי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גאָרנישט ניט געקראָגן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געגעבן זיין הילף בלויז צו כינע.

די זעלביגע געשיכטע האָט זיך ווידערהאָלט אין שפּאַניע. בשעת מיר

האָבן געהאָלפן דער׳הרג׳ענען די געזעצלעכע רעגירונג פון שפּאַניע, אונטערן אויסרייד פון „ניט־אַריינמישונג״, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געפירט אַ קאַמף איינער אַליין פאַר דער אָפּהיטונג פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ און פאַר דער דעמאַסקירונג פון די דייטשע און איטאַליענישע אַגרעסאָרס.

אין איין פראַגע נאָך אַ צווייטער, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אין דער פעלקער־ליג, זיינען די סאָוועטישע רייד און מעשׂים געווען אָן אַ פּגימה. ווען מענטשן פון אַנדערע לענדער לייענען ליטווינאָוו׳ס רעדעס, מוזן זיי פאַרכאַפּט ווערן פון אַ געפיל פון שאַנדע און אַנטוישונג בנוגע די האַנדלונגען פון זייערע אייגענע שטאַטסלייט.

* * *

לאָמיר געדענקען, אַז די גאַנצע פּאָליטיק פון מיטאַרבעטן מיט דער פעלקער־ליג איז מצד רוסלאַנד געווען אַן עקספּערימענט. דאָס האָט געמיינט בייקומען אַלטע שרעקן און פאָראורטיילן. לאָמיר אויך געדענקען, אַז מען קאָן קיין שום פעלער ניט געפינען אין די רייד און האַנדלונגען פון די סאָוועטישע פאָרשטייער ביי דער פעלקער־ליג. לייענט ווידער איבער וואָס ליטווינאָוו האָט געזאָגט (אין זשענעוואַ דעם 21טן סעפּטעמבער, 1937) :

„מען קאָן דאָס איצט אָננעמען ווי אַן אַקסיאָמע, אַז די פּאַסיווע שטעלונג פון דער פעלקער־ליג אין דער צייט פון דעם קאָנפליקט אין מאַנדזשוריע האָט געפירט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צו דעם איבערפאַל אויף עטיאָפּיע. די קנאַפּע טעטיגקייט פון דער פעלקער־ליג אין דעם פאַל מיט עטיאָפּיע האָט דערמוטיגט דעם עקספּערימענט אין שפּאַניע. דאָס וואָס די ליג האָט פאַרפעלט אָנצונעמען מיטלען צו קומען שפּאַניע צו הילף, האָט דערמוטיגט דעם נייעם איבערפאַל אויף כינע. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט פיר פאַלן פון אַגרעסיע אין דעם משך פון פינף יאָר. מיר זעען ווי אַגרעסיע — אויב זי ווערט ניט אָפּגעשטעלט — שפּרייט זיך אויס פון איין קאָנטינענט אויף דעם צווייטן, אָננעמענדיג וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע פּראָפּאָרציעס. פון דער צווייטער זייט גלויב איך פעסט, אַז אַן אַנטשלאָסענע פּאָליסי מצד דער ליג אין איין פאַל פון אַגרעסיע וואָלט אונז געווען אויסגעהיט פון אַלע אַנדערע פאַלן פון אַגרעסיע. און דעמאָלט, און בלויז דעמאָלט, וואָלטן אַלע מלוכות געזען, אַז אַגרעסיע באַצאָלט זיך ניט, אַז אַגרעסיע לוינט זיך ניט. בלויז אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ צוגאַנג וועלן די געוועזענע מיטגלידער פון דער ליג מוזן אָנקלאַפּן ביי אונז אין די טירן און מיר וועלן צו זיי זאָגן מיט פרייד : „קומט אַריין.״ מיר וועלן זיי ניט פרעגן וועגן זייער פילאָזאָפיע און וועגן די רעזשימען, וואָס זיי האָבן ביי זיך אין דער היים, ווייל די פעלקער־ליג אָנערקענט די פרידלעכע עקזיסטענץ זייט ביי זייט פון אַלע רעזשימען אויף דער וועלט. און דעמאָלט וועט פאַרווירקלעכט ווערן אונזער געמיינשאַפטלעכער אידעאַל פון אַ וועלט־ליג, וואָס זאָל אָנגעהאַלטן ווערן ווי אַ וואָפן פאַר פרידן.״

אין אַט־די ווערטער לייענען מיר ניט נאָר די טראַגעדיע פון די פאַר־גאַנגענע ניין יאָר צייט, נאָר אויך די זאַך, וואָס האָט שפּעטער באַשטעטיקט דעם חשד מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין באַצוג צו אונזער אייגענער אָרנטלעכקייט.

* * *

צולעצט, האָבן מיר פאַר זיך די געשעענישן פון די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר. איז נאָכאַמאָל: וואָס איז דער רעקאָרד פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד בנוגע אַט־די געשעענישן? גיט פריער אַ קוק אויף היטלער'ס איבערפאַל אויף עסטרייך. וואָס האָט רוסלאַנד פאָרגעשלאָגן?

„פריער פאַר אַלץ און איבער אַלץ (זאָגט ליטווינאָוו) ווערט געשאַפן אַ געפאַר פאַר טשעכאָסלאָוואַקיע, און דערנאָך — ווייל אַגרעסיע איז אַנשטעקנדיג — קאָן מען דערוואַרטן, אַז די געפאַר זאָל זיך צעוואַקסן און דערפירן צו נייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן.... די איצטיגע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע שטעלט אַוועק פאַר אַלע פרידנס־ליבנדיגע מלוכות, און באַזונדערס פאַר די גרויסע מלוכות, די פראַגע וועגן זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם צוקונפטיגן גורל פון די פעלקער פון אייראָפּע, און ניט בלויז פון אייראָפּע. איך קאָן זאָגן אין נאָמען פון מיין רעגירונג, אַז זי איז גרייט פון איר זייט — ווי זי איז געווען גרייט פריער — אָנצושליסן זיך אין קאָלעקטיווער אַקציע, וואָס זאָל באַ־שלאָסן ווערן מיט איר אָנטייל און זאָל באַצוועקן צו פאַרצאַמען דעם ווייטערדיגן גאַנג פון אַגרעסיע און באַזייטיגן די אויסגעשפּראָכענע גע־פאַר פון אַ נייער וועלט־שחיטה. מיין רעגירונג איז גרייט באַלד אָנצו־הויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן פּראַקטישע מיטלען."

אַט־דער אָנבאָט איז פון ענגלאַנד צוריקגעוויזן געוואָרן דעם 24טן מערץ ווי „ניט־צייטמעסיג". און אויף אַן ענלעכן אופן זיינען איגנאָרירט געוואָרן די דערקלערונגען פון דער סאָוועטן־מלוכה, וואָס האָט דעם 11טן מאַי און דעם 25טן אויגוסט 1938 פאַרזיכערט, אַז זי וועט נאָכקומען אירע פאַרפליכטונגען צו פראַנקרייך און צו טשעכאָסלאָוואַקיע און האָט געפאָדערט „אַ פעסטע שטעלונג צו די אַגרעסאָרס". און דאָס זעלבע איז געווען אין באַצוג צו דעם פאָרשלאָג פון סעפּטעמבער דעם 2טן און דעם 11טן פאַר אַ געמיינשאַפטלעכער דערקלערונג מצד דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד לטובת טשעכאָסלאָוואַקיע און פאַר דער אָנווענדונג פון אַרטיקל 11 פון דער קאָנסטיטוציע פון דער פעלקער־ליג. און צולעצט האָט ליטווינאָוו דערקלערט אין זשענעווע דעם 21טן סעפּטעמבער:

„מיר זיינען גרייט דורכצופירן אונזערע פאַרפליכטונגען אונטער דעם אָפּמאַך (דער אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און טשעכאָ־סלאָוואַקיע) און צוזאַמען מיט פראַנקרייך געבן טשעכאָסלאָוואַקיע הילף מיט אַלע מיטלען, וואָס מיר פאַרמאָגן. אונזער קריגס־דעפּאַרטמענט איז גרייט באַלד זיך צו באַטייליגן אין אַ קאָנפערענץ מיט פאַרטרעטער פון

די מיליטערישע שטאַבן פון פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי צו פאַרהאַנדלען וועגן די מיטלען, וואָס זיינען נויטיג אין דעם מאָמענט."

מינכען האָט ניט בלויז דערלאַנגט דעם לעצטן טויט־קלאַפּ דער פעלקער־ליג, וואָס דאָס האָט געמיינט אַן אומפאַרמיידלעכער צוריקקער צו דער סיסטעם פון מאַכט־פּאָליטיק, נאָר האָט אויך געטריבן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אָנצונעמען אַ פּאָליטיק פון איזאָלאַציע, וואָס האָט פאַרן לאַנד באַטאָנט די געפאַר פון אַן אָפּמאַך פון די פיר קאַפּיטאַליסטישע און פאַשיסטישע מלוכות וואָס איז געווען געצילט געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. „איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין" — האָט לאָרד לאָנדאָנדערי געשריבן — „פאַר וואָס מיר האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרשטענדיגן מיט דייטשלאַנד אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן אין אָפּאָזיציע צום קאָמוניזם."

דער געדולד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָבער נאָך אַלץ ניט אויסגעשעפּט געוואָרן. נאָך דער ענדגילטיגער פאַרגוואַלטיגונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע דעם 15טן מערץ האָט די סאָוועטן־מלוכה פאָרגעשלאָגן דעם 18טן מערץ, אַז עס זאָל אין בוקאַרעסט דורכגעפירט ווערן אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע און טערקיי. אָט־דער פאָרשלאַג — ווען ער זאָל געווען אָנגענומען ווערן — וואָלט געקאָנט געווען פאַרמיידן די איצטיגע מלחמה. אונזער רעגירונג האָט דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזן אויף דעם גרונד, אַז ער איז „פריצייטיג". פּוילן איז נעגאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן וועלכן ניט איז דאָקומענט מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

נאָך אָט־דעם אָפּזאָג האָבן די געשעענישן זיך אַנטוויקלט זייער שנעל. היטלער האָט פאַרכאַפּט מעמעל. מיר האָבן געגעבן פּוילן אונזער גאַראַנטיע (ניט באַראַטנדיג זיך מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד). מוסאָליני האָט פאַרכאַפּט אַלבאַניע (דעם 7טן אַפּריל). ענגלאַנד האָט געגעבן ווייטערדיגע גאַראַנטיעס צו רומעניע און גריכנלאַנד (ווידער איגנאָרירנדיג דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד). ערשט דעם 15טן אַפּריל — אַ חודש נאָך דעם, ווי היטלער האָט אריינמאַרשירט אין פּראַג — האָבן מיר זיך געווענדעט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל געבן איינזייטיגע גאַראַנטיעס צו פּוילן און צו רומעניע. דאָס איז געווען אַן איינלאַדונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד „בלויז צו שאַרן פאַר אונז די הייסע קוילן פון פייער".

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאָרגעשלאָגן אַ געאייניגטן שוץ־בונד צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד, וואָס זאָל זיין קאָנסאָלידירט דורך אַ מיליטערישן אָפּמאַך און זאָל גאַראַנטירן די גאַנצקייט פון אַלע מלוכות פון דעם שוואַרצן ים ביז דעם באַלטישן ים. קיין ריכטיגער ענטפער אויף דעם פאָרשלאַג איז ניט געגעבן געוואָרן ביז דעם 27טן מאַי, דאָס הייסט ביז מיט זעקס וואָכן שפּעטער. אָט־דער פאָרשלאַג

איז פאַרבליבן דער איינציגער, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען גרייט צו דיסקוסירן. און ס'איז ווירקלעך געווען דער איינציגער פאָרשלאָג, וואָס איז געווען אויסגערעכנט צו ראַטעווען די לאַגע אין אייראָפּע, ווי מיר זעען דאָס איצט, ווען ס'איז שוין צו־שפּעט.

* * *

ניט אַריינגייענדיג אין צופיל דעטאַלן וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל מע קאָן די דעטאַלן זייער גרינג געפינען, ווי זיי זיינען גלענצנדיג אַרויסגעבראַכט דורך ד. נ. פּריט אין זיין בוך: „אַ ליכט געוואָרפן אויף מאָסקווע", אָדער דורך וו. פּ. קאָאוטס' בוך „דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און פוילן", קאָן מען זאָגן, אַז די ענגלישע פּאָליטיק אין די פינף חדשים פאַר דער מלחמה — בשעת מיר זיינען געשטאַנען ביים אָפּגרונד, וואוהין מיר זיינען דערנאָך אַריינגעפאַלן — איז געווען באַזירט אויף אַ צווייענדיגן חשבון: צו האַלטן די טיר אָפן קיין מאָסקווע, בשעת עס זיינען נאָך אַלץ געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט היטלער'ן געגן מאָסקווע. אָט־דער לעצטער פאַרזוך ווייזט זיך אַרויס אין טשעמבערלעינ'ס רעדעס, אין דער שטעלונג פון דער לאָנדאָנער „טאַימז", ספּעציעל אין די עדיטאָריעלס פון 1טן און 18טן אַפּריל, אין דעם בריוו פון ראָשקליף (אַ רוף צו ווייטערדיגער אַפּיזמענט־פּאָליטיק), די פאַרהאַנדלונגען צווישן וואָלטאַט'ן און האָדסאָנ'ען (וועגן אַ הלואה צו דייטשלאַנד פון 500 ביז 1,000 מיליאָן פונט), דער באַזוך פון לאָרד קעמסלי אין דייטשלאַנד, און צולעצט דער פאָרשלאָג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם 20טן אויגוסט, וועגן אַ פיר־מלוכה פּאַקט, וואָס איז גאַנץ קלאָר געווען געצילט געגן רוסלאַנד.

די אויפריכטיגקייט פון אונזער באַציאונג צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן געמאָסטן ווערן דורך פאָלגנדיגע פאַקטן: פון די ערשטע פינף און זיבעציג טעג פון די פאַרהאַנדלונגען האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרנומען בלויז זעכצן טעג, בשעת ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן פאַרנומען ניין און פופציג טעג; טשעמבערלעינ'ס שפּאָטישע באַמערקונג וועגן סטאַלינ'ען דעם 5טן מאַי; דאָס וואָס די ענגלישע פּרעסע האָט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט צו באַריכטן די וויכטיגע רעדעס און דערקלערונגען פון סטאַלינ'ען (דעם 10טן מערץ), פון מאָלאָטאָוו'ן (דעם 31טן מאַי) און פון זשדאַנאָוו'ן (דעם 29טן יוני); די אַטאַקע, וואָס סער האָרעים לינדלי האָט געמאַכט — נאָך דעם, ווי טשעמבערלעין האָט ביי אים פאַרבראַכט דעם סוף־וואָך — אין פּאַרלאַמענט ביי דער קאָמיטע פאַר אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און געגן אַן אָפּמאַך מיט יענעם לאַנד; דאָס, וואָס לאָרד האַליפאַקס האָט זיך אָפּגעזאָגט אין יוני אָנצונעמען די איינלאַדונג פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו קומען קיין מאָסקווע, און דאָס שיקן פון אַ מינדערוויכטיגן באַאַמטן פון דעם

אויסלענדישן מיניסטעריום (אַ מענטשן, וועלכער — ווי מיר האָבן געוואוסט — איז געווען אַ „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ" ביים קרעמעל, און וואָס זיין אַנ־וועזנהייט האָט געקאָנט אַרויסרופן בלויז ביטערע דערינערונגען); און צו־לעצט, דער צוזאַמענשטעל פון דער מיליטערישער מיסיע — אַלע פון דער זעלבער אומוויכטיקייט ווי מר. סטרענג, אָן וועלכער ניט איז פולמאַכט, וואָס איז געקראָכן אויף אַרומיגע וועגן מיט דער שנעלקייט פון אַ טשערעפּאַכע. עס האָט געדויערט זעכצן טעג ביז אָט־די פּראָצעסיע איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע, נאָכדעם ווי מיר האָבן באַשלאָסן זי צו שיקן. ריבענטראָפּ'ן האָט געדויערט בלויז זעכצן שעה.

דער ענדגילטיגער צוזאַמענברוך איז געקומען, ווען פּוילן האָט זיך אָפּ־געזאָגט צו דערלויבן סאָוועטישע סאָלדאַטן אַריינצוטרעטן אויף פּוילישער ערד, וואָס דאָס איז געווען אַ שרייענדיקער ביישפּיל פון דער חוצפּה'דיגער קורצזיכטיגקייט פון דעם הערשנדיגן קלאַס פון פּוילן און פון דער אומ־אויפריכטיגקייט פון אונזער כלומרשט'ן פּאַרלאַנג צו שליסן אַ מיליטערישן אָפּמאַך מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

שליסנדיג דעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בשום אופן ניט באַטראַכטן קיין נייעם און ניט־אויספּרובירטן וועג; עס איז געווען בלויז אַ צוריקקער צו דער פּאָליטיק, וואָס איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אָן אַ זייט מיט פינף יאָר פריער אין אַ פאַרזוך צו דערגרייכן קאָלעקטיווע זיכערקייט דורך דער פעלקער־ליג. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין געהאַט געשלאָסן ניט־אָנגריף־אָפּמאַכן מיט אַ סך לענדער. און ער איז געווען גרייט צו שליסן אַזעלכע אָפּמאַכן מיט אַלע לענדער — אפילו מיט יאַפּאַן, אויב זי זאָל נאָר צושטימען — אבי צו פאַרקלענערן די מלחמה־געפאַר.

עס איז ניט שווער צו זען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט נאָך אַנדערע און דרינגענדיגע אורזאַכן אויף צו שליסן דעם אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. עס איז געבליבן די שטענדיגע און באַרעכטיגטע מורא, אַז די דעמאָקראַטיעס פון מערב וועלן זוכן שליסן אַ שותפות מיט דייטשלאַנד געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין ליכט פון די ווידערהאָלטע פאַרזוכן פון ענג־לאַנד צו „אַפּיזן" דייטשלאַנד, האָט די זיכערקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געפאָדערט אַ פאַרשטענדיגונג מיט דייטשלאַנד.

נאַטירלעך האָט דער אָפּמאַך אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אַנטוישונג און שרעק ביי די דעמאָקראַטיעס פון מערב. מען האָט אויפגעהויבן דעם געשריי „פאַרראַטן די דעמאָקראַטיעס", נאָר געשריען אַזוי האָבן מערסטנס די, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געלייקנט, אַז רוסלאַנד קאָן אין וועלכן ניט איז זין באַצייכנט ווערן ווי אַ דעמאָקראַטיע. אַנדערע האָבן אין איילעניש אָנגענומען, אַז דער אָפּמאַך באַדייט דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַנטי־פאַשיסטישע סימפּאַטיעס, און דאָס איז געווען פּונקט אַזוי ניט־לאָגיש, ווי ווען מען וואָלט געזאָגט, אַז

דער אָפּמאַך צווישן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פראַנקרייך האָט באַדייט דאָס אויפגעבן דעם סאָציאַליזם.

מיר קאָנען זיך פאַררופן אויף די העכסטע אויטאָריטעטן, ווען מיר באַהויפּטן, אַז עס זיינען נישט געווען קיינע פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד פריער פון אויגוסט, און אַז עס איז אַ פאַקט, אַז דייטשלאַנד האָט נישט צוגעגעבן קיין באַדייטונג צו די פראַנצויזיש־ענגליש־סאָוועטישע פאַרהאַנדלונגען ביז די מיליטערישע מיסיע איז געקומען קיין מאָסקווע. און דעמאָלט — ווייזט אויס, צום ערשטן מאָל — האָט דייטשלאַנד אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר אַן אָפּמאַך. די עקאָנאָמישע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינען פריער געפירט געוואָרן אָן אימפּעט, זיינען באַנייט געוואָרן, און נאָך זיי זיינען געקומען פּאָליטישע פאָרשלאָגן. דאָס, וואָס מיר זיינען נישט געווען גרייט צו טאָן אין פינף חדשים, האָט דייטשלאַנד, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געהאַט די קינדערשע אילוזיעס וואָס הערשן ביי אונז אין לאַנד וועגן דער סאָוועטישער מיליטערישער מאַכט, דורכגעפירט אין פּונקט אַזויפיל טעג.

די פאַרהאַנדלונגען האָבן נישט אַנטהאַלטן קיין פּלענער וועגן דער צעטיילונג פון פּוילן צווישן דייטשלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. פאַרקערט, דער גרויסער טעות, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געמאַכט, איז באַשטאַנען אין זיין איבערשאַצן די מיליטערישע קראַפט פון פּוילן, אַזוי אַז די שנעלקייט פון דעם פּוילישן צוזאַמענברוך האָט געטראָפן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד כמעט נישט צוגעגרייט, און די רויטע אַרמיי האָט זיך געמוזט מאָביליזירן און זיך לאָזן מאַרשירן אין געציילטע עטלעכע שעה, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די נאַציס זאָלן צוקומען צו די סאָוועטישע גרענעצן.

די פיקציע וועגן דעם, אַז דער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי האָט געפירט צו דעם צוזאַמענברוך פון פּוילן, ווערט צוריקגעוואָרפן פון דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טאַימס". דעם 17טן סעפּטעמבער 1939 דעפּעשירט ער:

„דער פּוילישער פראָנט האָט פולשטענדיג צוזאַמענגעבראָכן. . . ."

דעם 19טן סעפּטעמבער:

„רייזענדע, וואָס זיינען דורכגעפאָרן דאָס לאַנד אין לויף פון לעצטער וואָך, באַריכטן אַז וואו זיי הזבן זיך געקערט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אויטאָמאָבילן און טעקסיס, אין וועלכע אָפיצערן האָבן עוואַקואירט זייערע פאַמיליעס. . . . דאָס האָט באַוויזן ווי גרויס עס איז געווען די דעמאָראַליזאַציע פון דער אַרמיי."

דעם 2טן אָקטאָבער:

„און עס איז געווען אומבאַדינגט נויטיג, אַז די רוסישע אַרמייען זאָלן פאַרנעמען אַט־די ליניע, כדי רוסלאַנד זאָל זיין געזיכערט געגן דער נאַצישער געפאַר."

דער קאָרעספּאָנדענט פון „דעילי העראָלד" אין פּוילן שרייבט דעם 2טן אָקטאָבער אַזוי:

„די רעגירונג האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן, ווען זי האָט אויף דעם פינפטן טאָג פון דער מלחמה געגעבן אַ סיגנאַל צו פאַרלאָזן וואַרשע אין אַ פּאַניק. פּוילישע פליכטלינגען פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, איינ־שליסנדיג די, וואָס האָבן געשטיצט דעם רעזשים, זיינען איצט איבער־צייגט, אַז ווען די רעגירונג זאָל געווען פאַרבלייבן אויף דעם פּלאַץ און ווען אַלע העכסטע פירער פון דער אַרמיי וואָלטן געווען פאַרבליבן אין לאַנד, וואָלט רוסלאַנד אפשר ניט געווען אַריינמאַרשירט."

* * *

דער צוזאַמענברוך פון דער פּוילישער רעגירונג האָט געמאַכט לעבנס־וויכטיג פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד צו האַנדלען שנעל, כדי צו ראַטעווען אַנדערע מינאָריטעטן פון דער נאַצישער טיראַניע. אָט־די מינאָריטעטן, וואָס זיינען געווען צעווישן די אונטערדריקטסטע אין אייראָפּע, ווערן צוריק אַ טייל פון דער מאַיאָריטעט פון זייערע פעלקער און זיי האָבן פּונקט אַזאַ רעכט צו זיין אַ טייל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי עלזאַס־לאָרעין האָט אַ רעכט צו זיין אַ טייל פון פראַנקרייך. לאָרד האַליפאַקס האָט באַלויכטן דעם ענין, ווען ער האָט דעם 26טן אָקטאָבער דערקלערט אין פּאַרלאַמענט:

„עס איז אפשר כדאי צו געדענקען, אַז די האַנדלונג פון דער סאָוועטן־מלוכה האָט געפירט דערצו, אַז די רוסישע גרענעץ זאָל אַריבער־גערוקט ווערן צו דעם פּונקט, וואו עס האָט פּאַקטיש געזאָלט זיין די גרענעץ לויט דעם פאָרשלאָג פון לאָרד קורזאָן, דעם ענגלישן אויסלאַנדס־מיניסטער, ביי דער ווערסאַלער קאָנפערענץ."

און אַן עדיטאָריעל אין דער לאָנדאָנער „טאַימס" פון דעם 2טן נאָוועמ־בער ווייזט־אָן מיט רעכט, אַז:

„מען מוז אָנערקענען, אַז ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע זיינען לויט זייער ראַסע אַ טייל פון דער רוסישער פאַמיליע, און די רעזולטאַטן פון די וואַלן, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט לעצטנס אָרגאַניזירט אין אָט־די פּראָווינצן, שטימען וואַרשיינלעך מיט די נאַטירלעכע געפילן פון דער דאָרטיגער באַפעלקערונג."

חוץ דעם, האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געמוזט אַזוי האַנדלען, כדי ניט צו דערלאָזן היטלערן צו באַהערשן די באַלקאַנען דורך אַ דירעקטן קאָנ־טאַקט מיט רומעניע. רוסלאַנד האָט פאַרצאַמט פאַר דייטשלאַנד דעם וועג צום שוואַרצן ים. עס איז געווען באַדייטונגספול — ווי עס האָט אָנגעוויזן דער מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו יאָרקער פּאָסט" — וואָס די דייטשע באָמבע־עראָפּלאַנען האָבן געשוינט די אייזנבאַן פון לעמבערג אויף דער צווייטער זייט גרענעץ מיט אַלע אירע וואָקזאַלן, דעפּאָס, וואַגאָנען און לאָקאָמאָטיוון, ניט באָמבאַרדירנדיג זיי אינגאַנצן. און עס קאָן גאָר

קיין צווייפל ניט זיין, אז די דערמאָרדונג פון קאַלינעסקו איז אומיסטן דורכגעפירט געוואָרן גלייכצייטיג מיט דעם מאָמענט, ווען דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך באַוויזן ביי דער רומענישער גרענעץ. ווען ניט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט רומעניע שוין איצט געווען אונטער דייטשן קאָנטראָל. דאָס וואָלט געפירט צו ערנסטע רעזולטאַטן פאַר די באַלקאַנען, טערקיי, דעם מיטל־לענדישן ים, דעם נאָענטן מזרח און אונזער אייגענעם וועג קיין אינדיע, וואָס לאָזן זיך גאָר ניט פאָראויסרעכענען. דער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי האָט מעגלעך געמאַכט פאַר אונז אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך מיט טערקיי.

און ענדלעך איז די רוסישע האַנדלונג נויטיג געווען כדי היטלער זאָל ניט קאָנען קריגן אַ פולשטענדיגן קאָנטראָל איבער די באַלטישע לענדער און דעם באַלטישן ים. אַנשטאָט דעם האָט רוסלאַנד, לויט די ווערטער פון האַר בעלישאַ, געגעבן דייטשלאַנד אַ מעכטיגן קלאַפּ ביי דעם באַלטיק. דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניוס קראָניקל" שרייבט:

> „ווי איך פאַרשטיי, באַטראַכט דער קריגס־דעפּאַרטמענט אָט־די געשעעניש פאַר זייער וויכטיג. ס'איז שטענדיג געווען אַ וויכטיגער עלעמענט פון דייטשלאַנד'ס סטראַטעגיע צו דאָמינירן איבער דעם באַל־טישן ים. איצט ווערט אָט־דער ים באַהערשט פון סאָוועטן־רוסלאַנד."

און צולעצט האָט די עסטאָנישע רעגירונג געשיקט איר „האַרציגן דאַנק" פאַר „די נייע פריינטלעכע אָפּמאַכן, וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן צווישן אונזערע רעגירונגען פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון שכנ'ישער און פרידלעכער קאָאָפּעראַציע."

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַקטיש אויפגעשטעלט אין מזרח־אייראָפּע אַן אומבאַזיגבאַרע וואַנט געגן היטלער'ן. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט פאַר־האַקט זיינע אייגענע טויערן געגן מלחמה און האָט דערמיט, ווילנדיג צי ניט־ווילנדיג, זייער אַ סך געהאָלפן ענגלאַנד און פראַנקרייך און אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַרגרעסערט די וואַרשיינלעכקייט פון היטלער'ס מפּלה.

פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט איז אוממעגלעך און נישט נויטיג, נאָר געוויסע זאַכן זעען אויס, צום ווייניגסטן, צו זיין וואַרשיינלעך. סטאַלין האָט פונקט אַזוי ווייניג חשק צו שאַרן הייסע קוילן פון פייער פאַר היטלער'ן, ווי פאַר טשעמבערלעינ'ען, אָדער פאַר דאַלאַדיע'ן. אין אַ צושטאַנד פון פרידן וועט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן אַ סך שטאַרקער, ווי ער איז געווען פריער, און אויס הומאַניטאַרישע ווי אויך אויס אַנדערע טעמים איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַן ספק אויפריכטיג אין זיין שטרעבן צו פרידן. די מלחמה צווישן די קאַפּיטאַליסטישע און פאַשיסטישע לענדער, פון דער צוויי־טער זייט, וועט אָן ספק איבערלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ שטאַרקערן, ווייל דער קאַפּיטאַליזם פון מערב מיט זיינע פילע אינערלעכע ווידערשפּרוכן קאָן קוים איבערטראָגן די לאַסטן פון אַ פאַרצויגענעם קאָנפליקט, און נאָך

לאנג פאר דעם איידער די מלחמה וועט זיין פאראיבער, וועט דאס פנים פון אייראפע שוין זיין ראדיקאל געענדערט.

און שטענדיג — צי עס איז פרידן, צי עס איז קריג — שטייען די סאוועטישע סאלדאטן און פויערים ביי דער גרענעץ, וואס ציט זיך צו דרום פון באלטישן ים לענג־אויס די גרענעצן פון דייטשלאנד. רוסלאנד און דייטש־לאנד זיינען מער ניט אפגעזונדערט דורך קיין אומאפהענגיגן בופער־לאנד. זייענדיג געטריבן צו פארצווייפלונג דורך א פארצויגענער מלחמה, מיט אלע אירע נויטן און לײדן, וועלן די ארבעטער און סאלדאטן פון דייטשלאנד זיין ניט ווייט אפגערוקט פון א פאליטיש־דערצויגענער ארמיי און פון פויערים, וועלכע ווייסן וואס זיי זיינען אויסן: די באפרייאונג פון די אר־בעטער און די בויאונג פון א נייער געזעלשאפט. עס הויבט אן צו טאגן אין מזרח. און אין דעם נייעם באגינען זעען מענטשן דעם אנזאג פון א נייער וועלט — ניט קיין פערפעקטע וועלט און ניט קיין אוטאפישע וועלט, נאר צום ווינציגסטן א וועלט, וואס איז באפרייט פון ארעמקייט און פון עקס־פלואטאציע און וואס שאפט די העכסטע מעגלעכקייטן פאר אלעמען צו אר־בעטן צוזאמען פאר דעם געמיינשאפטלעכן וואוילזיין, א וועלט, וואו די מענטשהייט, ענדלעך באפרייט פון א סך ערדישע לאסטן, וועט אפשר אנטדעקן אין זיך א נאבעלערע און מער דויערהאפטע גוטסקייט און שיינקייט.

## צווייטער טייל

(געשריבן דעם ערשטן סעפטעמבער, 1940.)

א סך זאכן זיינען פארלאפן זינט דער ערשטער טייל פון אט־דעם עפילאג איז געשריבן געווארן. מיר זיינען געווען עדות פון דעם צוזאמענ־ברוך פון א קאנטינענט. קליינע און גרויסע לענדער זיינען געפאלן אונטער דער נאצישער מלחמה־מאשין. נארוועגיע, דענמארק, האלאנד און בעלגיע האבן נאכגעפאלגט עסטרייך, טשעכאסלאוואקיע און פוילן, און זיי ליגן איצט צעטראטענע אונטער דעם נאצישן קנאפל! פראנקרייך, וואס איז פארראטן געווארן פון א קארופטן הערשנדיגן קלאס, וועלכער איז סימפאטיש צום פאשיזם און איז אנטשלאסן צו ראטעווען די אייגענע פארמעגנס דורך פאר־קויפן דאס לאנד — פראנקרייך האט זיך אונטערגעגעבן.

ענגלאנד געפינט זיך אין דער לאגע, פאר וועלכער א סך גרופן האבן צוליב פארשיידענע טעמים זיך געשראקן, די לאגע ווען זי מוז אן איזאלירטע קעמפן קעגן דעם נאצי־פאשיזם איינע אליין.

אזא לאגע האבן א סך פון אונז פאראויסגעזען, ווען מיר האבן געפאדערט האנדלונג קעגן די אגרעסארס אין ווייטן מזרח, אין עטיאפיע און אין שפאניע.

מען האָט אונז דעמאָלט געזאָגט, אַז טאָן עפּעס וועט מיינען מלחמה. אָבער דאָס פּאַרפּעלן צו טאָן דאָס, וואָס איז געווען יושר'דיג, האָט פּונקט אַזוי אומפאַרמיידלעך דערפירט צו מלחמה, און צו מלחמה אונטער די ערגסטע מעגלעכע באַדינגונגען, ווען אַנשטאָט דעם, אַז מיר זאָלן זיין אַרומגערינגלט מיט פריינט, זיינען מיר כמעט, אויב ניט אינגאַנצן, אַרומגערינגלט מיט שונאים. די זומער־חדשים, וואָס דערנעענטערן זיך איצט שנעל צו אַ סוף, זיינען וואַרשיינלעך די סאַמע קריטישסטע, וואָס ענגלאַנד האָט ווען געהאַט זינט די צייטן פון דער קעניגין עליזאַבעט. צום גליק קומט אָן דער האַרבסט מיט זיין שווערן וועטער. מיר שטייען פעסט. מיר וועלן נאָך אפשר קאָנען איבערכאַפּן דעם אָטעם און פאַרריכטן די פילע טעות'ן פון פריער.

דער הויפּט־טעות אונזערער — ווי מיר פאַרשטייען דאָס איצט — איז געווען אונזער שטעלונג צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס וואָס דער הערשנ־דיגער קלאַס פון ענגלאַנד האָט געוואָלט באַליידיגן און שעדיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז געווען אַ הויפּט־קוואַל פון צרות אין די פאַרגאַנגענע צוויי און צוואַנציג יאָר. דאָס איז געווען אַ סם פון האַס און אומצוטרוי, וואָס האָט געווירקט ווי אַ צערייצנדיגער גיפט אין דעם געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק; דאָס האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן אַלטע געגנערשאַפטן און געשאַפן נייע בייזע בלוטן, וואָס האָבן אונז — ווי עס איז געווען דער פאַל אין 1920 און אין 1923 — דערפירט צום סאַמע ראַנד פון קריג.

באַזונדער קלאָר און אָפן האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אין די חדשים זינט דעם 30טן נאָוועמבער 1939, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רוסיש־פינישע מלחמה, ביז דעם 10טן מאַי, ווען היטלער האָט אָנגעהויבן זיין נייעם אָנגריף. דעמאָלט איז באַנוצט געוואָרן אין דער ערשטער ריי די היפּאָ־קריטישע טענה, אַז עס איז געווען נויטיג צו ראַטעווען די קליינינקע פינלאַנד — ווען האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַזאַ ברען צו ראַטעווען כינע, וואו אפילו איצט האַלטן מיר געשלאָסן דעם בורמאַ־וועג? — און אין דער צווייטער ריי האָט מען אַרויסגערוקט די טענה, אַז מיר וועלן בעסער קאָנען שלאָגן דייטשלאַנד דורך באָמבאַרדירן באַקו.

הינטער יעדן איינעם פון אָט־די פּלענער באַהאַלט זיך דער פאַרלאַנג „אַריבערצושליסן די מלחמה אויף נייע רעלסן". דורך אַן אַטאַקע אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָפט מען אויסצוקערעווען דעם דייטשישן אָנגריף און אים אָפּווענדן פון מערב, ריכטנדיג אים צו מזרח. האָט דען היטלער ניט אויסגעדריקט פייערלעך אין זיין בוך „מיין קאַמף" און אויך אין דער פראַגע פון שפּאַניע זיין האַס צום באָלשעוויזם? זיכער וועט ער אויפכאַפּן די אָנ־צוהערעניש און זיך אָנכאַפּן אָן דער געלעגנהייט.

דעריבער האָבן מיר מיט קוים־באַהאַלטענער פרייד, אַנשטאָט מיט טיפן צער, אויפגענומען דעם אויסברוך פון דער רוסיש־פינישער מלחמה, און מיט יעדן מעגלעכן פּראָפּאַגאַנדע־מיטל האָבן מיר געשטרעבט אויפצוהעצן

די געזעלשאַפטלעכע מיינונג סיי אין ענגלאַנד און סיי אין פינלאַנד. קיין גרויל־געשיכטע האָט ניט אויסגעקוקט צו זיין צו אומגעלומפּערט, אַז זי זאָל ניט ווידערהאָלט ווערן; קיין באַריכט איז ניט געווען צו פאַנטאַסטיש, אַז מען זאָל אים ניט אַראָפּשלינגען; די רויטע אַרמיי איז באַטויבט געוואָרן מיט נאַרקאָטישע שטאָפן איידער זי איז געגאַנגען אין שלאַכט; די אויס־שטאַטונג איז געווען אַ קנאַפּע און אַ קלאָגעדיגע; טאָג נאָך טאָג האָט מען מיט אַ מאָנאָטאָנער רעגולערקייט פאַרניכטעט גאַנצע דיוויזיעס (צוויי מאָל אין דריי וואָכן צייט איז די 18טע דיוויזיע אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן); אין איין טאָג זיינען אַרונטערגעשאָסן געוואָרן 166 עראָפּלאַנען, דער עיקר דורך אַנטי־אַוויאַציע קאַנאָנען (אין דעם איצטיגן דייטשישן בליץ־קריג איבער ענגלאַנד האָבן די אַנטי־אַוויאַציע קאַנאָנען אַרונטערגעשאָסן אַ מאַקסימום פון 15 עראָפּלאַנען אין איין מעת־לעת); די טאַנקען האָבן אַלע מאָל צוזאַמענגעבראָכן, אָדער זיי זיינען פאַרשניט געוואָרן; יעדער פאַראַשוטיסט איז דערשאָסן געוואָרן איידער ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דער צוועק פון אָט־דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען צו טרייבן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין קריג געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין איינקלאַנג מיט אָט־דעם קוים־פאַרבאָרגענעם ציל האָבן מיר אונטערגעהעצט פינלאַנד צו אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט פאַר איר באַדייט זעלבסטמאָרד; מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצוטיילן צו פינלאַנד די רוסישע פרידנס־פאָרשלאַגן; מיר האָבן זיך אויך אָפּגעזאָגט צו זיין די פאַרמיטלער. אָנשטאָט דעם האָבן מיר געשיקט קיין פינלאַנד שטאַב־אָפיצערן, עראָפּלאַנען, קאַנאָנען, קוילן און אַנטי־טענק־אויסשטאַטונג, וואָס מיר האָבן אַליין זיך גענויטיגט אין דעם ביז צו פאַרצווייפלונג — ווי דאָנקערק האָט דאָס באַוויזן — אין אונזער אייגענעם קאַמף. מיר האָבן אַפילו אויספּלאַנירט און צו־געגרייט אַן עקספּעדיציע־אַרמיי. אַלס באַווייז דאַרף איך בלויז ציטירן מיסטער טשעמבערלעין׳ס אייגענע רייד אין פּאַרלאַמענט דעם 13טן מערץ, 1940:

„מיר האָבן געהאַט אויסגעאַרבעטע פּלענער. אָט־די פּלענער זיינען פאַרהאַנדלט און גוט־געהייסן געוואָרן אויף אַ זיצונג פון דעם העכסטן קריגס־ראַט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 5טן פעברואַר. די צו־גרייטונגען זיינען געפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער שנעלקייט און אין אָנהויב מערץ איז די עקספּעדיציע געווען גרייט אָפּצופאָרן. . . . די גרויס פון דער אַרמיי איז געווען אַרום 100,000. . . . די אַרמיי איז געווען שווער באַוואָפנט און אויסגעשטאַט. . . . זיכער ווען די „האָנאָרעיבל״ פּאַרלאַמענט־מיטגלידער פאַרשטיין, אַז דאָס איז ניט גע־ווען דווקא די לעצטע אַרמיי, וואָס מיר וואָלטן געשיקט. דאָס איז בלויז געווען די גרעסטע קראַפט, וואָס מיר האָבן געקאָנט אָפּשיקן אויף איין מאָל, ווי אַן אָנהויב.״

באַטראַכט דעם אונטערשייד אין דעם אופן ווי מיר האָבן באַהאַנדלט פינלאַנד און שפּאַניע, אָדער פינלאַנד און עטיאָפּיע, אָדער פינלאַנד און

כינע. מיר קאָנען אויך ניט באַרעכטיגן אונזער האַנדלונג מיט דעם תירוץ וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן אין אַן אַנדער לאַנד, אַז פינלאַנד האָט געהאַט באַצאָלט אירע חובות, ווייל כינע האָט אויך געצאָלט אירע חובות און שפּאַניע אויך. אין דער פראַגע פון צאָלן חובות האָט אונזער רעגירונג אַליין גאָר ניט אַזאַ ריינעם רעקאָרד.

און צולעצט, אָנשטאָט צו זוכן פרידן פאַר פינלאַנד, האָט דאַלאַדיע גאָר געמאַכט אַ פאַרזוך צו צווינגען זי דורך סטראַשונקעס פאָרצוזעצן די מלחמה, דערקלערנדיג דעם 12טן מערץ:

„שוין עטלעכע טעג ווי מיר וואַרטן בלויז אויף דעם רוף פון פינ־לאַנד, אַז מיר זאָלן איר קומען צו הילף מיט אַלע מיטלען, וואָס מיר פאַרמאָגן. אויב פינלאַנד וועט איצט ניט אַפּעלירן, אַז די עלאַיס זאָלן זיך אַריינמישן, איז קלאָר, אַז די עלאַיס וועלן ניט קאָנען ביים סוף פון דער מלחמה אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַן ענד־גילטיגער אַנטשיידונג פון דעם סטאַטוס פון פינלאַנד.”

די אורזאַך פון אָט־דער שטעלונג אונזערער צו פינלאַנד און צו איר מלחמה איז געווען דאָס, וואָס מעכטיגע עלעמענטן אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך זיינען געווען מער פאַראינטערעסירט אַז מיר זאָלן פירן מלחמה מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איידער מיט היטלער'ן. און אָט־די אורזאַך גיט דאָס טאַקע דעם שליסל צו די אַלע פאַרפּלאָנטערטע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געפירט צו דער מלחמה און האָבן באַגלייט איר גאַנג. דערמיט קאָן מען דערקלערן די פּעטעין־פּאָליטיק. דערמיט דערקלערט זיך אויך די שטעלונג פון דער לאָנדאָנער „טאַימס”, וועלכע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַ בריוו, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון בערנאַרד שאָו און פון מיר און אויך פון אַ צאָל אַנדערע גוט־באַקאַנטע פערזענלעכקייטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין דעם בריוו האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז די אויסשפּרייטונג פון דער מלחמה איז פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן פאַר דער גאַנצער בריטישער אימפּעריע, ווייל די שונאים פון ענגלאַנד וועלן צוקריגן 180,000,000 מענטשן צוזאַמען מיט דער גרעסטער און בעסט־אויסגעשטאַטער אַרמיי אין דער וועלט. דער בריוו האָט זיך געווענדט צו אַלע בירגער, אַז זיי זאָלן ניט דער־לאָזן, אַז די רעגירונג זאָל מאַכן אָט־דעם קאַטאַסטראָפאַלן שריט, ווייל אַ באַדייטנדיגער טייל פון דעם ענגלישן פאָלק און ספּעציעל די אַרבעטער, וועלכע פאָלגן נאָך מיט סימפּאַטיע די גרויסע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע עקספּערימענטן וואָס ווערן דורכגעפירט אין דעם סאָוועטישן לאַנד, וואָלטן באַטראַכט אַ פיינטלעכן שריט געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי אַן אַטאַקע אויף סאָציאַליזם און דאָס וואָלט געפירט צו אַ פולשטענדיגן צוזאַמענברוך פון וועלכער ניט איז איינינקייט אין ענגלאַנד.

כאָטש איך קאָן ניט פאַרטיידיגן די האַנדלונג פון דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד אין פינלאַנד צוליב מאָראַלע אורזאַכן, פיל איך אָבער, אַז עס איז

נויטיג צו באטראכטן אַט־די האַנדלונג סיי אין איר היסטאָרישן פּערספּעק־טיוו, סיי ווי אַ טייל פון דער קאָמפּליצירטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. מיין אייגענע באַציאונג צו דער פינישער מלחמה האָב איך אַרויסגעזאָגט פריער. איך זע אויך ניט קיין אורזאַכן צו בייטן מיין מיינונג, וואָס איך האָב דעמאָלט אויסגעדריקט:

„די שולד פאַר אַגרעסיע פאַלט אָבער ניט אינגאַנצן אויף די רוסישע פּלייצעס. אין לויף פון אַ סך יאָרן האָט רוסלאַנד געשטרעבט צו מאַכן די פעלקער־ליג ווירקזאַם; די לייכטקייט, מיט וועלכער מען קאָן איצט אָנווענדן ליטווינאָוו'ס רעדעס געגן דער פעלקער־ליג, איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם. אין דעם פאַרזוך אָבער צו דערשלאָגן זיך צו קאָלעקטיווער זיכערקייט דורך דער ליג האָט רוסלאַנד זיך אָנגעשטויסן אויף שטענדיגער געגנערשאַפט, און הויפּטזאַכלעך מצד אונזער רע־גירונג. מינכען און די נאַצי־אַריינדרינגונג אין פּראַג האָבן געפירט צו אַן ענדערונג אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק. רוסלאַנד, וואָס איז גע־וואָרן איזאָלירט און האָט מורא געהאַט פאַר איר אייגענער זיכערקייט, האָט זיך, ווי די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, גענומען צו דער אומ־מאָראַלישער שפּיל פון מאַכט־פּאָליטיק.

„ווען זי איז געצוואונגען געוואָרן אַליין צו באַזאָרגן איר זיכערקייט, האָט רוסלאַנד, ווייסנדיג וואָס פאַר אַ געפאַרן עס לויערן אויף איר מצד אַ וועלט, וואָס איז פיינטלעך צו איר סאָציאַליסטישן עקספּערימענט, געזוכט צו פאַררידגלען די טויערן דאָרט, וואו מעכטיגע אַריינדרינגער קאָנען זיך אַריינרייסן דורך אַ קליין שכנ'יש לאַנד. דאָס האָט זי געטאָן אין עסטאָניע, ליטע און לאַטוויע, און האָט דערנאָך פאַרלאַנגט פון פינלאַנד, פאַר אַ געהעריגער פאַרגיטיגונג, געוויסע סטראַטעגישע באַזעס, וואָס זיינען געווען נויטיג פאַר איר זיכערקייט.

„פריער פאַר אַלץ איז געשטאַנען די פראַגע וועגן באַשיצן לענינ־גראַד, וואו עס געפינט זיך אַ פערט־חלק פון דער סאָוועטישער אינדוס־טריעלער טעטיגקייט, דורך קריגן דעם קאָנטראָל איבער דעם צוטריט צו דער שטאָט פון ים דורך דעם פינלענדישן גאָלף און דורך אַפּרוקן אַ גרענעץ, וואָס האָט זיך געפונען בלויז זיבעצן מייל פון לענינגראַד גופא. צווייטנס, האָט מען געדאַרפט באַשיצן דעם שמאָלן אייז־פּרייען קאַנאַל, וואָס פירט צו מורמאַנסק אין צפון דורך קריגן דעם קאָנטראָל איבער דעם ריבאַטשי האַלב־אינזל, וואָס באַשיצט דעם צוטריט צום אַטלאַנטישן אָקעאַן, פונקט ווי דער גיבראַלטאַר באַשיצט דעם צוטריט צום מיטל־לענדישן ים.

„אַ קלאָרער סטעיטמענט אין אַט־דעם זין, מיט דער דערקלערונג, אַז דאָס איז געוואָרן נויטיג צוליב דער כסדר'דיגער שטערונג מצד דער טשעמבערלעין־רעגירונג און אויך מצד אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, וואָס האָבן ניט דערלאָזן צו קאָלעקטיווער זיכערקייט, וואָלט געמאַכט אַ גרויסן אונטערשייד אין דער שטימונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן איבער דער גאַנצער וועלט.

„עס איז דאָ נאָך איין זייער וויכטיגער שטריך פון דער אַלגעמיינער לאַגע, און דאָס וויל איך שטאַרק אונטערשטרייכן. רוסלאַנד האָט גע־שאַפן אַ ציוויליזאַציע, וואָס איז אין אַ סך פּרטים מער מאָראַליש אין

די געביטן פון דער היים און דער געזעלשאַפט ווי אונזער ציוויליזאַציע. זי איז דער היטער פון אַט־דער ציוויליזאַציע פאַר דער גאַנצער וועלט. די איינשטימיגקייט און ביטערניש, מיט וועלכע די איינפלוסרייכע קאַפּי־טאַליסטישע פּרעסע פון דער וועלט האָט אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד נעמט זיך נישט אַזוי דערפון, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אַטאַקירט אַ קליין לאַנד, ווי דערפון, וואָס ער איז דער טשעמפּיאָן און פאַרשטייער פון סאָציאַליזם. ווען האָבן מיר געזען אַזאַ איינשטימיגקייט אין באַצוג צו עטיאָפּיע, טשעכאָסלאָוואַקיע, שפּאַניע און כינע? אין דער זעלבער וואָך, ווען עס איז באַריכטעט געוואָרן וועגן דעם טויט פון 65 איינוואוינער אין דער באָמבאַרדירונג פון דער הויפּט־שטאָט פון פינלאַנד, איז אויך באַריכטעט געוואָרן וועגן 20,000 טויטע אין אַן ענלעכער באָמבאַרדירונג פון כינע. אָבער וועגן דעם האָט מען ביי אונז קיין ווען ניט געמאַכט.

„און צולעצט, אויב רוסלאַנד שטייט איצט, אויף דעם געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אויף דער זעלבער שטופע ווי די גאַנצע וועלט אין פּרט פון מאַכט־פּאָליטיק, ווייזט זי אָבער דער וועלט אַ בייַ־שפּיל מיט איר בויאונג פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואו עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די מעגלעכקייט פאַר איין מענטשן צו עקס־פּלואַטירן אַ צווייטן."

אַזוי האָב איך דעמאָלט געשריבן. עס זיינען דאָ בלויז דריי זאַכן, וואָס איך וואָלט איצט צוגעגעבן:

1) בנוגע דער באַשולדיגונג, אַז דער רוסישער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרן צוליב די געוויינלעכע מאָטיוון פון אימפּעריאַליסטישער אויס־שפּרייטונג, וואָלט איך אָנגעוויזן אויף דעם רוסיש־פינישן אָפּמאַך פון דעם 12טן מערץ. אַזעלכע גרויסמוטיגע באַדינגונגען, וואָס אַ זיגרייך לאַנד זאָל געבן אַ באַזיגט לאַנד, האָבן צו זיך קיין גליכן ניט אין אונזער עפּאָכע. אויב די רוסישע מאָטיוון זיינען געווען ריין־פאַרכאַפּעריש, פאַרוואָס האָט די סאָוועט־רעגירונג אומגעקערט פּעטסאַמאָ און די גרויסע ניקל־מאַינס פון צפון, וואָס זי האָט געבראַכט אין אָרדענונג נאָך דעם ווי די פינען האָבן זיי צע־שטערט? צוליב וואָס האָט זי זיי געדאַרפט אומקערן צו פינלאַנד אין דער בעסטער אָרדענונג?

2) בנוגע די טענות, אַז די רוסישע מעטאָדן זיינען געווען באַרבאַרישע, איינשליסנדיג די באָמבאַרדירונג פון אָפענע שטעט, דערפער און שפּיטאָלן; דאָס באַשיסן מיט מאַשין־ביקסן די פּאַסאַזשיר־צוגן און איינוואוינער, וואָס זיינען געלאָפן זוכן פאַר זיך אַ רעטונג אויף די וועגן אויסער די שטעט און אין דער ריכטונג פון דער שוועדישער גרענעץ — בנוגע די אַלע טענות וואָלט איך אָנגעוויזן אויף די אָפיציעלע פינישע ציפערן. ביז דעם 3טן מערץ, דאָס הייסט, נאָך דריי חדשים קריג און בלויז ניין טעג פאַרן שלום פון דער מלחמה, זיינען 563 ציווילע מענטשן דער׳הרג׳עט געוואָרן און 1,289

זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס איז אַ צאָל אויף אַ פערט־חלק קלענער ווי די צאָל קרבנות אין אַן איינציגער לופט־אַטאַקע אויף באַרצעלאָנאַ.

עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם פולן פאַרנעם פון אונזערע אייגענע און פון די דייטשע קרבנות אין דער איצטיגער לופט־מלחמה; מען שאַצט אין 30,000 די צאָל ציווילע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס אין די דריי שעה פון דער ברוטאַלער פאַרניכטונג פון דעם צענטער פון ראָטערדאַם דורך די דייטשן דעם 10טן מאַי (1940). איך בין ניט אין קיין לאַגע צו זאָגן וואָס פאַר אַן אָפּרוף אָט־די גרוילטאַטן האָבן געהאַט אין אַמעריקע. ביי אונז אין לאַנד האָט מען וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט געמאַכט אַ קנאַפּן ווען — גאָרניט אין פאַרגלייך מיט אונזער אַנטריסטונג בנוגע די פּאַסירונגען אין פינלאַנד. איך וויל בשום אופן ניט פאַרטיידיקן די באָמבע־אַטאַקעס אויף ציווילע מענטשן. אָפּגעזען פון מיין איצטיגער פּערזענלעכער דערפאַרונג, און כאָטש איך בין ניט קיין פּאַציפיסט, האָב איך שטענדיג באַטראַכט יעדן מין מלחמה ווי באַרבאַריש און אומציוויליזירט, און ספּעציעל געגן דער פרידלעכער באַפעלקערונג. איך זע ניט קיין אורזאַך פאַרוואָס איך זאָל איצט ענדערן אָט־די שטעלונג.

3) בנוגע די באַהויפּטונגען וועגן רוסלאַנד'ס אומפייאיקייט און שלעכטער אויסשטאַטונג וועט די פאָלגנדיגע ציטאַטע פון אַ וויכטיגן אַרטיקל אין דער לאָנדאָנער „טאַימס" פון דעם 18טן מערץ, אונטער אַ קאָפּ: „די קוואַליטעט פון דער רויטער אַרמיי", וואו עס איז אונטערגעצויגן געוואָרן אַ סך־הכל פון דער סאָוועטיש־פינישער מלחמה, אינגאַנצן ענדערן ביים אויפמערקזאַמען לייענער דעם איינדרוק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, און וואָס מען האָט געזוכט צו שאַפן ביים עולם אין לויף פון דער מלחמה:

„אין דער מלחמה מיט פינלאַנד האָט די רויטע אַרמיי געהאַט דעם שווערסטן פּרוביר־באָדן, וואָס זי האָט זיך געקאָנט אויסקלייבן אין אייראָפּע, און ווי איר ערשטן ערנסטן געגנער — די בעסטע אינדיווידועלע קריגער אין דער וועלט.

„די אַרמיי איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט אַ ריזיגער פּראָפּאָרציע פון מעכאַניזאַציע פּער מענטשן, און פאַר די שלאַכטן אויף דעם מזרח־פראָנט פון פינלאַנד האָט די אַרמיי אייגנטלעך געהאַט צופיל אויסשטאַטונג.

„די מערסטע וואָפן זיינען געווען ערשט־קלאַסיגער שטאָף — אַנטי־טאַנק קאַנאָנען, מאַשין־רעוואָלווערן, מאַשין־ביקסן און אַ נייער טיפּ רעוואָלווער, וואָס פאַרהאַקט זיך ניט. די רוסן זיינען, ווייזט אויס, מערקווירדיג דערפינדעריש.

„די פּאַקטישע סטראַטעגיע און דער ערשטער אָנגריף זיינען געווען גוט דורכגעפירט. די פינען גיבן צו, אַז די פינף פונקטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן, זיינען געווען די גינסטיגסטע, און די שלאַכט ביי סואָמאַסאַלמי איז פאַרטראַכט און אויסגעקעמפט געוואָרן אויף אַן אופן, וואָס ווייזט, אַז די רויטע אַרמיי פאַרמאָגט אינזשענערן, וואָס זיינען

גאַנץ פּייאיג, ווען זיי האָבן די געלעגנהייט דורכצופירן זייער אַרבעט. איינגאַנצן אַ נייער וועג איז אויסגעבויט געוואָרן פון דער גרענעץ ביז דעם לעיק קיאַנטאַ, אַ שטרעקע פון צוואַנציג מייל, אין ווייניגער ווי אין אַ חודש צייט.

„צום סוף פון דער מלחמה האָבן די רוסן שוין געהאַט דערגרייכט אַ וואונדערבאַרע שלאַכט-פייאיגקייט. נאָך מער, זיי האָבן אַליין עקספּערימענטירט אויף אַן אינטעליגענטן אופן, אַריינברענגענדיג אַזעלכע נייע איינריכטונגען, ווי געפּאַנצערטע שליטנס, דריי-גאַרנדיגע טרענטשעס און פאַלשע לאַגערן אויף צו פאַרנאַרן די באָמבע-עראָפּלאַנען צו די אַנטי-אַוויאַציע קאַנאָנען.

„די מלחמה האָט די רוסן אָפּגעקאָסט טייער. . . . נאָר עס איז געווען ביליג אין פאַרגלייך מיט זייערע געווינסן. די גאַנצע סאָוועטישע טרענירונג ווערט איצט געענדערט, און די רויטע אַרמיי האָט איצט דערפאַרענע טרופּן, פון וועלכע מען קאָן באַציען נייע אָפיצערן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פעסטע באַזע פאַר אויסבעסערונגען, וואָס אויב מען וועט אויף איר בויען ווי געהעריג, קאָן דאָס האָבן אַ טיפע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיגן גאַנג פון דער געשיכטע.”

ווען מען זאָל מיך פרעגן ווי איך קוק אויף דער איצטיגער סאָוועטישער פּאָליטיק, וואָלט איך דאָס סומירט אין צוויי געציילטע ווערטער: זעלבסט-שוץ און פרידן, און וואו די צוויי קאָנען קומען אין אַ צוזאַמענשטויס, וועט זעלבסט-שוץ פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ.

די דערפאַרונג פון די פאַרגאַנגענע אַכצן חדשים ווייזט, אַז אין באַצוג צו אויסלענדישער פּאָליטיק איז רוסלאַנד פולשטענדיג רעאַליסטיש. זי ליידט ניט פון קיין זעלבסט-נאַרעריי. אירע פירער האָבן געלערנט אַ סך לעקציעס פון דער ביטערער דערפאַרונג אויף דעם געביט פון אויפהאַלטן איר שווער-געוואונענע סאָציאַליסטישע זעלבסטשטענדיגקייט אין לויף פון די לעצטע דריי און צוואַנציג יאָר. די וויכטיגסטע פון אָט-די לעקציעס איז פאַרדאַכט און פאָרזיכטיגקייט בנוגע דער פיינטלעכער וועלט; אַנטשלאָסנקייט און פייאיגקייט צו האַנדלען; און אַ באַוואוסטזיניגקייט וועגן דער אייגענער ריזיגער קראַפט.

דעריבער, בין איך איבערציינגט, פאַרשטייט מען אין קרעמלין, אַז אויב ענגלאַנד זאָל באַזיגט ווערן, וועט היטלער אין אַ געוויסן טאָג זיך אַ וואָרף טאָן אָדער אויף אַמעריקע אָדער אויף דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד — אָפּהענגיג פון דעם, ווער פון זיי עס וועט זיין דער שוואַכערער. ניט מינימיזירנדיג אויף קיין מינוט די געפאַר פאַר אַמעריקע, וועט אָבער אין דעם אויסוואַל צווישן אָט-די צוויי, די שטירצונג פון באָלשעוויזם אויסער צווייפל זיין היטלער'ן נעענטער צום הארצן. „מיין קאַמף” מאַכט אָט-די באַהויפּטונג קלאָר, און די דראַסטישע האַנדלונג פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד אין די באַלקאַנען ווייזט, אַז ער איז גאַנץ באַוואוסטזיניג וועגן דער פּאָטענציעלער געפאַר; און אַפילו נאָך מער באַדייטונגספול איז דאָס, וואָס רוסלאַנד האָט אויפגעגעבן איר

זיבן־שעה׳דיגן ארבעטס־טאָג און אים פאַרביטן אויף אַן אַכט־שעה׳דיגן.

בלויז די, וואָס זיינען אינטים באַקאַנט מיט רוסלאַנד, קאָנען באַגרייפן די אומגעהויערע באַדייטונג פון אָט־דעם שריט און קאָנען אָפּשאַצן וואָס עס ליגט הינטער אָט־דעם באַשלוס. דער זיבן־שעה׳דיגער ארבעטס־טאָג איז געווען אַ סימבאָל פון דער רעוואָלוציע. בלויז אַ גרויסע געפאַר האָט געקאָנט פירן צו דעם, אַז דאָס זאָל אויפגעגעבן ווערן. די פאַרלענגערטע שטונדן פון ארבעט זיינען די מאָס, מיט וועלכער מען קאָן מעסטן די שרעק פון רוסלאַנד פאַר דער צוקונפט.

זיכער וועלן אייניגע פרעגן — אין ליכט פון אָט־די באַהויפּטונגען — פאַרוואָס פאַראייניגט זיך ניט רוסלאַנד מיט ענגלאַנד, כדי אומצוּוואַרפן היטלער׳ן? דערויף וואָלט איך געענטפערט, אַז אָפּגעזעען פון דעם פאַקט, וואָס אַזאַ שריט וואָלט זי אַריינגעשלײדערט אין דעם ווירבל־שטראָם פון דער איצטיגער מלחמה (אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס זי זוכט אויסצומיידן), טרויט זי אונז נאָך אַלץ ניט. אונזערע האַנדלונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט רעדן שטאַרק געגן אונז, און חוץ דעם האָט זי מורא, אַז מיר קאָנען נאָך טאָן מאָרגן דאָס, וואָס פראַנקרייך האָט געטאָן נעכטן, און זי איבערלאָזן צו פירן דעם קאַמף אַליין.

בלויז דער ווייטערדיגער גאַנג פון פּאַסירונגען וועט קאָנען ווייזן צי אָט־די שטעלונג פון בלייבן פון דערווייטנס איז די ענדגילטיגע שטעלונג פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, אָדער ניט. אונטער געוויסע באַדינגונגען קאָן רוסלאַנד זיין געצוואונגען — ווי אַמעריקע קאָן ווערן געצוואונגען — זיך אַריינצומישן. פון אַ ווייטן בליק דוכט זיך אויס כמעט זיכער, אַז זי וועט זיך אַריינמישן אין דער מלחמה. מיר דאַרפן אָבער געדענקען, אַז אַריינמישונג, ווי עס איז געווען דער פאַל אין שפּאַניע, קאָן אָננעמען אַ דיפּלאָמאַטישע אַזוי גוט ווי אַ מיליטערישע פאָרם. ווען, למשל, אַמעריקע און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָלן גיין צוזאַמען, וואָלטן זיי געקאָנט אויסאיבן אַן אַנטשיידנדיגן איינפלוס אויף די מלחמה־פירנדיגע צדדים.

אויב עס זאָל ניט קומען דערצו, און אין דעם איצטיגן מאָמענט זעט דאָס אויס צו זיין אומוואַרשיינלעך, מעגן מיר זיך פרעגן, וואָס נאָך פאַר אַ מעגלעכקייטן עס שטייען פאַר אונז. און דעמאָלט דאַרפן מיר געדענקען, אַז פיל וויכטיגער פון אַרמייען און לופט־פלאָטן זיינען אידייען און סאָציאַלע כחות. היטלער האָט אָפּגעהאַלטן זיינע שטוינענדיגע זיגן פונקט אַזוי פיל דורך אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע מיטלען, ווי דורך מיליטערישע. ער מעג פאַר־דאַמען דעם מאַרקסיזם, אָבער דער מאַרקסיזם, אָדער די שרעק פאַר אים צווישן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פון אַלע לענדער, איז געווען די טרומף־קאַרט אין היטלער׳ס ברוטאַלער און ספּעקטאַקולערער קאַריערע.

היטלער האָט זיך דערהויבן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד דערפאַר, וואָס ער האָט דערשפּירט, אַז דער הערשנדיגער קלאַס איז גרייט צו צאָלן

פאַר דער באַזייטיגונג פון דעם געשפענסט פון באָלשעוויזם. פאָן־טיסען האָט אונז דערציילט ווי ער אַליין האָט צוגעטראָגן 25,000,000 דאָלאַר פאַר אָט־דעם צוועק.

אַנטי־באָלשעוויזם איז געווען היטלער'ס טרומף־קאָרט אין שפּאַניע. דער זעלבער קורס האָט געפירט דערצו, אַז פּעטען זאָל פאַרראַטן זיין לאַנד און זיין פאַרבינדעטן, ברעכנדיג די פייערלעכסטע פאַרשפּרעכונגען (וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ווייניגער ווי מיט דריי חדשים פריער) ניט צו שליסן קיין סעפּאַראַטן פרידן.

נאָר אויב אַנטי־באָלשעוויזם איז אַ מעכטיג געווער, פאַרמאָגט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָך אַ שטאַרקערן. ער קאָן זיך ווענדן אין יעדן לאַנד, וואָס ליגט אונטער היטלער'ס קנאַפּל, צו די פאַראַרעמטע מאַסן, אַז זיי זאָלן זיך אויפהויבן אין קאַמף ניט בלויז פאַר זייער לאַנד, נאָר פאַר אַ באַנייט לאַנד און פאַר אַ נייער געזעלשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן אויסנוצן סיי נאַציאָנאַליסטישע און סיי סאָציאַלע כחות.

אין פראַנקרייך האָט מען אויף דעם מאָמענט אויפגעגעבן די אַלטע לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. זיי וועלן ווידער אויפשטיין. זיי וועלן קריגן אַ נייעם און טיפערן אינהאַלט. פאַרבונדן מיט דעם נייערן לאָזונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע — אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך! — וועלן זיי ווערן אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט.

אויב רוסלאַנד זאָל זיך אַריינמישן אין דער מלחמה, וועט עס מיינען אַ רעוואָלוציאָנערע מלחמה אין אייראָפּע. און דאָס איז אויך די איינציגע מלחמה, פאַר וועלכער היטלער ציטערט, ווייל דאָס הויפּט־געווער אין אַזאַ מלחמה וואָלט געווען האָפענונג און ניט שרעק; דאָס באַשאַפן פון אַ נייער און בעסערער וועלט און ניט די ווידער־אַרויפצווינגונג פון אַן אַלטער און פאַרהאַסטער וועלט; אַ וועלט פון סאָציאַלן יושר און ברידערלעכקייט, און ניט פון קלאַסן־אומגערעכטיגקייט און פון סאָציאַלער שקלאַפעריי.

בלויז אַזעלכע אידייען און אידעאַלן וועלן אָפּקערן די דייטשע מאַסן פון היטלער'ן. שרעקן זיי מיט אַ נייעם „ווערסאַל", מיינט אַריינשפּילן אין היטלער'ס הענט.

מען קאָן פרעגן, פאַרוואָס קאָן ענגלאַנד שוין איצט ניט אויסנוצן אַזעלכע אידייען און אידעאַלן? דער ענטפער איז אַ פּשוט'ער. אונזער הערשנדיגער קלאַס האָט מורא פאַר אָט־די אידעאַלן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט מורא פאַר היטלער'ן, און דערפאַר טאַקע ציטערט ער פאַר רוסלאַנד ווי אַ מעגלעכן פאַרבינדעטן.

אָבער די אַקטיווע אַריינמישונג פון רוסלאַנד איז גאָר ניט נויטיג. מיט דעם גאַנג פון דער מלחמה וועלן אָט־די אידייען זיך צעוואַקסן פון זיך גופא.

אַט־דאָס קומט טאַקע איצט פאַר אונזערע אויגן. אויף דעם באַפעל פון היטלער׳ן ווערט צפון־טראַנסילוואַניע, דאָס וויגעלע פון דעם רומענישן פאָלק, אָפּגעריסן פון רומעניע און איבערגעגעבן צו אונגאַרן, וואָס דערמיט ווערן 1,500,000 פּויערים באַרויבט פון זייער לאַנד און איבערגעגעבן נאָך אַמאָל צו די פאַרהאַסטע מאַדיאַרישע פּריצים, אַזוי אַז עס ווערן פאַרניכטעט די אַגראַרישע רעפאָרמען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט צוואַנציג יאָר צוריק, און די פּויערים ווערן פון דאָס ניי פאַרשקלאַפט.

אונטער דער לאַסט פון דעם נייעם גורל, וואָס איז זיי צוגעטיילט געוואָרן דורך היטלער׳ן און דעם קעניג קאַראָל, וועלן די פּויערים מוזן מאַכן אַ פאַר־גלייך צווישן זייער אייגן לעבן און דעם צושטאַנד אין בעסאַראַביע. עס וועט זיך אין טראַנסילוואַניע אַ הויב־טאָן אַ נייער אירידענטיזם (אַ באַוועגונג צוריק צו געווינען פאַרלאָרענע טעריטאָריעס), און מיט די לעקציעס פון צוואַנציג יאָר פאַר זייערע אויגן, וועלן די מענטשן זיך ווענדן צו נייע פירער און נים צו די, וואָס האָבן זיי פאַרראַטן.

אויף יעדן אופן מוז די איצטיגע מלחמה אויפבלאָזן אַלטע שנאות און באַשאַפן נייע. יעדע שוואַכע זייט פון דער געזעלשאַפט איז שוין איצט אויס־געשטעלט צו אַ שטאַרקערן דרוק ווי ווען עס איז פריער. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען יעדע מלוכה און יעדע געמיינדע ווערט געשטעלט צו דער פראַגע. דאָרט, וואו דער פונדאַמענט איז פויל, וועלן די שפּאַלטן אומפאַרמיידלעך ווערן גרעסער, און דאָס וועט אומוואַרפן די גאַנצע געביידע. די לאַגע, וואָס פירער און שטאַטסלייט האָבן אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרמיידן, אַנטוויקלט זיך מיט דער אומדערבאַרעמדיגער אַנטוויקלונג פון אַ גריכישער טראַגעדיע צום אומפאַרמיידלעכן קלימאַקס.

אַט־דאָס איז די דילעמע, וואָס שטייט פאַר היטלער׳ן און פאַר אונזער אייגענעם הערשנדיגן קלאַס, סיידן אַ שנעלער זיג וועט קומען פאַר דעם אָדער יענעם צד, און ביי דעם איצטיגן מאָמענט זעט אַזאַ זאַך אויס גאַנץ אומ־וואַרשיינלעך.

מען קאָן ביי מיר פרעגן: וואָס איז מיין אייגענער בליק און וואָס זיינען מיינע פאַרלאַנגען אין באַצוג צו אַט־די זאַכן? איך קאָן דערויף ענטפערן זייער פּשוט: איך וויל אַן ענדערונג. איך וויל אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל זיין אויף אַן־אמת׳ן מאָראַליש און וואו די האַרעפּאַשנע מענטשהייט זאָל באַפרייט ווערן פאַר שעפערישער טעטיגקייט. איך וויל, אַז אַט־די ענדערונג זאָל קומען — אויב מעגלעך — פרידלעך און מיט אַ מינימום פון געזעלשאַפטלעכער צעטרייסלונג און צערודערונג. דער מעטאָד פון גוואַלד־טאַטן שאַפט אומפאַרמיידלעך נייע אומגערעכטיגקייטן און פאַרטיפט די קוואַלן פון פאַרביטערונג.

איך זע פון מיין פענצטער איינעם פון די שענסטע לאַנדשאַפטן פון ענגלאַנד׳ס גרינער און שיינער ערד. איך זע די גערטנער, די גרינע הויפן,

די בלומען און הינטער זיי דעם קאַטעדראַל, וואָס איך האָב אַזוי ליב — אַ פּאָעמע אין שטיינער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין לויף פון דורות פון די ענגלישע בוי־מייסטערס — איינע פון די נאָבעלסטע מתנות, וואָס דער מענטש האָט געבראַכט צו גאָט. איצט טרייסלט זיך די געביידע אונטער דעם אויפרייס פון קריג. אונטן אין דעם פּראַכטפולן אונטערערדישן טשאַפּעל זינגען קליינע קינדער, וואָס זוכן דאָרט שוץ, זייערע לידער, בשעת פון אויבן קנאַלן מאַשין־ביקסן און קוילן פאַלן פון דעם בלויען אויסשפּרייט פון אַ פּראַכטפולן סעפּטעמבער־הימל.

דאָס איז די וועלט, אַ שיינע און אַ העסלעכע, וואָס דער מענטש האָט באַשאַפן. וואָס פאַר אַ געטלעכער צוועק באַהערשט אָט־די וועלט? מוז דען דער מענטש שטענדיק לערנען בלויז דורך לײַדן? איין זאַך זעט אויס צו זיין זיכער: אין די איצטיקע בלוטיקע און ברוטאַלע יסורים ווערט געבוירן אַ נייע וועלט. דאָס זיינען די ווייען פון געבורט, ניט פון טויט. אויסגעלייטערטע דורך די איצטיקע ליידן, וועלן די מענטשן זיך איבערציִיגן — אין דעם בין איך זיכער — אַז בלויז דורך געמיינזאַמקייט, פריינטשאַפט און ליבע קאָן מען אויסנוצן אָט־די אַלע נאָבעלע געשאַנקען, וואָס גאָט האָט געגעבן אויף צו באַרייכערן דאָס מענטשלעכע לעבן.

# צוגאָב

(אַן אויסצוג פון דעם פערטן אָפּטייל פון דעם דאָקומענט:
„די פונדאַמענטאַלע אויפגאַבן פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן")

## דער פּלאַן פאַר דעם ווייטערדיקן וואוקס פון דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב פון די אַרבעטער־מאַסן אין דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן

די דורכפירונג פון די ערשטע און די צווייטע פינף־יאָר־פּלענער האָט געבראַכט ניט בלויז אַ ריזיגן וואוקס און אַן ענדערונג אין דער מלוכה־ווירטשאַפט צוזאַמען מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער שוץ־פעיִקייט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויך אַ גרויסן וואוקס אין דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב פון די פעלקער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער דריטער פינף־יאָר־פּלאַן מוז שאַפן די זיכערקייט, אַז די באַדערפעניש און פאָדערונגען פון די אַרבעטער־מאַסן אין באַצוג צו די נויטיקע סחורות, פּראָדוקטן, וואוינונגען, קולטורעלע און שטייגערישע באַקוועמלעכקייטן זאָלן באַפרידיקט ווערן אין נאָך אַ גרעסערער מאָס. נאָך מער, דאָס

דורכפירן פון דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן באַצוועקט צו פאַרזיכערן אַ נייעם און גרעסערן טראָט פאָראויס צו דער עטאַבלירונג פון אַ מעכטיגער מאַטעריעלער באַזע פאַר דער שפּעטערדיגער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כחות און דעם וואוילזיין און קולטור פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס איז שוין איצט ניט קיין פראַגע פון אָפּשאַפן אַרבעטלאָזיגקייט און באַזייטיגן אָרעמקייט אין דאָרף — דאָס האָבן מיר שוין דערגרייכט פולשטענדיג און אויף אייביג. היינט־צו־טאָג באַשטייט אונזער אויפגאַבע אין אויפהייבן דעם וואוילזיין און דעם קולטורעלן מצב פון די אַרבעטער־מאַסן צו אַ שטופע, וואָס זאָל שטימען מיט די וואַקסנדיגע פּאָדערונגען פון דעם סאָוועטישן מענטשן — פּאָדערונגען, וואָס זיינען ניט־דערגרייכלעך אַפילו אין די רייכסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער און וואָס באַצייכענען דעם אָנהויב פון אַן אמת'ער בליאונג פון די כחות פון סאָציאַליזם — די בליאונג פון דער נייער סאָציאַליסטישער קולטור.

דער 18טער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד (באָלשעוויקעס) שטעלט־אַוועק די פאָלגנדיגע אויפגאַבן אונטער דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן אויף צו הויבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן מצב פון די אַרבעטער און די אַרבעטנדיגע אין די דערפער:

1. (א) צו פאַרגרעסערן דעם געברויך מצד די אַרבעטנדיגע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף אָנדערהאַלבן מאָל אין איינקלאַנג מיט דעם וואוקס אין דער איינקונפט פון די אַרבעטער, פויערים און אָנגעשטעלטע.

(ב) צו פאַרגרעסערן צום סוף פון דריטן פינף־יאָר־פּלאַן די צאָל אַרבעטער און אַנדערע אָנגעשטעלטע אין אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע אויף 21 פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט 1937; פאַרגרעסערן דעם דורכשניטלעכן לוין אויף 37 פּראָצענט און דעם לוין־פאָנד אויף 67 פּראָצענט.

(ג) צו העכערן די מלוכה־אויסגאַבן אויף די קולטורעלע און שטייגערישע באַדערפענישן פון די אַרבעטנדיגע מענטשן אין די שטעט און אין די דערפער, דאָס הייסט, אויסגאַבן אויף סאָציאַלער פאַרזיכערונג און מלוכה־אויסגאַבן אויף בילדונג, געזונט־פאַרהיטונג, שטיצע צו מוטערס פון גרויסע פאַמיליעס און פאַר קולטורעלער און שטייגערישער באַדינונג פון די אַרבעטער און אַנדערע אָנגעשטעלטע, ניט אַריינרעכענענדיג די מלוכה־אויסגאַבן אויף וואוינונגען און קאָמונאַלער בויאונג, ביז 53 ביליאָן רובל אין פאַרגלייך מיט 30.8 ביליאָן רובל, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אין 1937, וואָס דאָס מאַכט אויס אַ פאַרגרעסערונג אויף 1.7 מאָל אַזוי פיל.

(ד) באַדייטנדיג פאַרגרעסערן די איינקונפט פון די קאָלעקטיווע פאַרמערס ווי אַ רעזולטאַט פון וואוקס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט אויף די קאָלעקטיווע פאַרמס, דעם וואוקס פון גערעטענישן פון אַלע סאָרטן תבואות און דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיווקייט אין פי־צוכט.

(ה) דורכפירן ברייטע מיטלען פאַר אַ וועזנטלעכן פאָרשריט אין דער

פארווירקלעכונג פון דער היסטארישער אויפגאבע צו דערהויבן דעם קול־טורעלן און טעכנישן מצב פון דעם ארבעטער־קלאס פון סאוועטן־פארבאנד צו דעם מצב פון אינזשענערן און טעכניקער.

(ו) צו פארווירקלעכן אלגעמיינע מיטל־שול בילדונג אין די שטעט און אלגעמיינע זיבן־יאריגע מיטל־שול בילדונג צוזאמען מיט דער אויס־שפרייטונג פון צען־יאריגער בילדונג אין די דערפער און אין אלע נאציאנאלע רעפובליקן אזוי, אז די צאל שילער אין די עלעמענטארע און מיטעלע שולן אין די שטעט און אין די אינדוסטריעלע ישובים זאל פארגרעסערט ווערן פון 8,600,000 צו 12,400,000 און אין די דארפישע געגנטן פון 20,800,000 צו 27,000,000.

(ז) צו פארגרעסערן די צאל סטודענטן אין די אוניווערזיטעטן און טעכניקומס ביז 650,000. דערביי זאל די הויפט־אויפמערקזאמקייט אין די קומענדיגע יארן אפגעגעבן ווערן אויף צו הויבן די קוואליטעט פון העכערער בילדונג.

(ח) פארגרעסערן די נעץ פון פילם־טעאטערס, קלובן, ביבליאטעקן, קולטור־הייזער און לייען־צימערן. פערמאנענטע און אנדערע טעאטערס פאר קלאנג־מואווים זאלן ארגאניזירט ווערן אויף א גרויסן מאסשטאב און זאלן פארגרעסערט ווערן אויף זעקס מאל אזויפיל.

(ט) שטארק אויסברייטערן די אנשטאלטן און באדינונגען אויף צו באשיצן דאס געזונט פון די ארבעטנדיגע מאסן; פארבעסערן די שפיטאל־באדינונג; אויסברייטערן סאניטארע און פראפילאקטישע מיטלען, אבסטעט־רישע באדינונג; אויסברייטערן און פארגרעסערן די צאל קינדער־שפיטאלן; פארבעסערן די שוץ־איינארדענונגען ביי דער ארבעט און ארגאניזירן פאר־וויילונגען און פיזישע קולטור פאר די ארבעטער. די מלוכה־אויסגאבן אויף געזונט־פארהיטונג זאלן געהעכערט ווערן פון 10.3 ביליאן רובל אין 1937 צו 16.5 ביליאן רובל אין 1942. די צאל בעטלעך אין פערמאנענטע „נויר־סערים" און קינדער־גערטנער זאל פארגרעסערט ווערן ביז 4,200,000 אין 1942 אין פארגלייך מיט 1,800,000 אין 1937.

(י) צו פארגרעסערן די בויאונג פון וואוינונגען אין די שטעט און אין די אינדוסטריעלע ישובים אזוי, אז עס זאל געשאפן ווערן 35 מיליאן קוואד־ראט מעטער נייער וואוינונג־שטח אין לויף פון דעם דריטן פינף־יאר־פלאן.

2. כדי צו הויבן דעם לעבנס־סטאנדארד פון די ארבעטנדיגע מאסן, כדי צו פארזיכערן די העכסטע אנטוויקלונג פון טיכטיגן סאוועטישן האנדל אין דער צייט פון דריטן פינף־יאר־פלאן, דארף אין איינקלאנג מיט אים דערגרייכט ווערן דאס פאלגנדיגע:

(א) א פארגרעסערונג אין דעם סכום פון דעם מלוכה'שן און קאאפע־ראטיוון האנדל ביז 206 ביליאן רובל אין 1942 אין פארגלייך מיט די

126 ביליאָן רובל אין 1937; דער אומזאַץ פון עס־צימערן, רעסטאָראַנען, קאַפעיען און בופעטן דאַרף פאַרדאָפלט ווערן.

(ב) די נעץ מלוכה׳שע און קאָאָפּעראַטיווע קראָמען פאַר קליין־פאַרקויף („ריטעיל") זאָל פאַרגרעסערט ווערן אויף 38 פּראָצענט מיט אַ פאַר־בעסערונג פון דער גאַנצער סיסטעם פון האַנדל (בויען קעלטערס, בויען צענטראַלע באַזעס און סקלאַדן אויף צו פאַרשפּרייטן די סחורות; אַ סיסטעם פון צושטעלן און אַרויסשיקן סחורות), די נעץ קראָמען פאַר סחורות, וואָס זיינען דרינגענדיק־נויטיק פאַר די פּויערים אין זייער טאָג־טעגלעכן געברויך, ווי אויך אויף רעמאָנט און בוי־אַרבעטן, וואָס דאַרפן אַנטוויקלט ווערן באַ־זונדער אין די שנעל־וואַקסנדיקע אַגריקולטורעלע געגנטן.

3. דער צוזאַמענפאָר באַשטימט, אַז די נאַציאָנאַלע איינקונפט אין דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן זאָל פאַרגרעסערט ווערן אויף 1.8 מאָל אַזויפיל און שטעלט־פעסט אין פאַרבינדונג דערמיט, אַז די וואַקסנדיקע איינקונפט פון דער באַפעלקערונג און פון דער מלוכה דערלויבט פולשטענדיק צו באַפרידיגן סיי די באַדערפענישן פון פאָלקס־געברויך און סיי די באַדערפענישן פון דער מלוכה אויף צו אַנטוויקלען די פאָלקס־ווירטשאַפט, צו פאַרשטאַרקן די שויץ־קראַפט און צו שאַפן די נויטיקע מלוכה־רעזערוון.

דער גרויסער פאָרשריט אין אַלע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט פאָדערט ווייטערדיקע אויסבעסערונגען אין דער אַרבעט פון פּלאַנירן די מלוכה׳שע ווירטשאַפט און אין דער אָרגאַניזירונג פון בוכהאַלטעריע. די צענטראַלע אויפגאַבע אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פּלאַניר־אַרבעט איז צו שאַפן אַ קאָנטראָל בנוגע דער דורכפירונג פון דעם פּלאַן, כדי צו פאַרמיידן דיספּראָפּאָרציעס אין דער ווירטשאַפט; צו געפינען נייע רעזערוון פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן און אַריינטראָגן אויסבעסערונגען פאַר פאַר־שיידענע צווייגן און דיסטריקטן אין איינקלאַנג מיט די אַקטועלע רעזולטאַטן פון דער פאַרווירקלעכונג פון פּלאַן.

דער צוזאַמענפאָר באַשטעטיקט די נויטווענדיקייט צו פאַרבעסערן די בודזשעט־ און קרעדיט־אַרבעט, ווייטער צו באַפעסטיקן די סיסטעם פון קאָסט־אויסרעכענונג, פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן מיספאַרוואַלטונג, פאַר־גרעסערן די פּראָפיטאַבלקייט פון דער שווערער אינדוסטריע און פון אַנדערע צווייגן פון דער מלוכה׳שער ווירטשאַפט, באַפעסטיקן דעם סאָוועטישן רובל אויף דער באַזע פון סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע, שנעל אַנטוויקלען דעם האַנדל און אין אַלגעמיין הויבן דעם מאַטעריעלן מצב פון דעם פאָלק.

* * *

פאַר דעם צוועק צו פאַרזיכערן די אומבאַדינגלעכע דורכפירונג פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט אין דעם דריטן פינף־יאָר־פּלאַן, פאָדערט דער 18טער צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַר־

באַנד (באָלשעוויקעס) פון אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אָרגאַניזאַציעס פון דער מלוכה־ווירטשאַפט און די אָרגאַניזאַציעס פון די טרעיד־יוניאָנס:

(א) אַ לעבעדיגע, אָפּעראַטיווע טיכטיגקייט מצד די געשעפטס־פאַרוואַלטער; קאָנצענטרירן די אַרבעט פון די פאַרוואַלטער אויף אַ ריכטיגן אויסוואַל פון קאַדרען, אויף טעגלעכן קאָנקרעטן קאָנטראָל בנוגע דער דורכפירונג פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען באַשטימט געוואָרן פון דער פּאַרטיי און פון דער רעגירונג.

(ב) אַ געהעריגע אָרגאַניזירונג פון דעם לוין פאַר די אַרבעטער, פאַרלייט און אינזשענערן און טעכניקער מיט אַ געהעריגן מאַטעריעלן לוין פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט.

(ג) אַנטוויקלען סאָציאַליסטישן פאַרמעסט און די סטאַכאַנאָווער־באַוועגונג, איינפירן פעסטע אַרבעטער־דיסציפּלין און אַ הויכע אַרבעט־פּראָדוקטיווקייט פאַר אַלע אַרבעטנדיגע אין אונטערנעמונגען און אין אינסטיטוציעס.

# אינהאַלט


צו די אידישע לייענער — 3
ווענן דעם ענדגילטיגן זיג קאָן גאָר קיין צווייפל ניט זיין . . . — 5

ערשטער טייל

## אַן אַנטשולדיגונג און אַ רעכטפערטיגונג

1. אויטאָביאָגראַפיע — 11
   אין אַ בורזשואַזער סביבה — 20
   אין דער לערע ביים לעבן — 25
   געמיינדע־גלח — 30
2. דער אויפשטייג און דער באַרג־אַראָפּ פון קאַפּיטאַליזם — 37
   עוואָלוציע פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — 37
   די דערגרייכונגען פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — 42
   די פּענטעס פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט — 46
3. די מאָראַלע פאַרלייקענונג פון קריסטנטום — 54
   די פאַרלייקענונג פון גערעכטיגקייט — 59
   די פאַרלייקענונג פון פרייהייט — 66
   דאָס צונעמען די מעגלעכקייטן פאַר אַ שעפערישן לעבן — 73
   די פאַרלייקענונג פון פּריינטשאַפט — 74

צווייטער טייל

## דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פּלאַנירט־אויס די נייע געזעלשאַפט

1. דער נייער עקספּערימענט — 77
2. דער צאַרישער הינטערגרונט — 81
3. די פּראָגראַם און דער פּלאַן — 93
4. די דראַמע פון סאָציאַליסטישער פּלאַנירונג — 100
5. דער רוף צו דער וויסנשאַפט — 112
6. אונזער ירושה — 125
7. „שפּרייט אויס די ווייץ צפון־צו און די אינדוסטריע מזרח־צו" — 141

דריטער טייל

## דאָס סאָציאַליסטישע זעקסטל פון דער ערד

1. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע — 151
2. די פאַרגאַנגענהייט ווערט פאַרברענט — 155
3. שוואַרץ גאָלד — 159
4. די טייכן ווערן איינגעשפּאַנט — 162

5. שטאָלענע פונדאַמענטן — 171
6. אונזערע משרתים—די מאַשינען — 179
7. אַדערן און נערוון — 186
8. סאָציאַליסטישע גערעטעניש — 194
9. אויטאָפישע פאַרמעסטונגען — 200


פערטער טייל

## די גרעסטע מאָס וואוילזיין פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן

1. דער מאַראַלער רעזולטאַט פון פּלאַנירטער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע — 204
2. נייע האָריזאָנטן — 211
3. דער אָפענער טויער — 226
4. די נייע פרוי — 238
5. די סאָוועטישע פרוי אין מזרח — 256
6. די דעמאָקראַטיע פון דער פאַבריק — 262


פינפטער טייל

## דער פּלאַן און די פעלקער

1. די גלייכהייט פון די ראַסן — 273
2. די גאָלדענע אוקראַינע — 282
3. די דערוואַכטע אַזיע — 294
4. דער באַגינען אין מזרח — 301
יאַקוטיע און דער אַרקטישער צפון — 301
די אַלעאוטישע אינזלען — 306
סאַכאַלין — 308
5. אַרויס פון דער געטאָ — 315


זעקסטער טייל

## אינטעלעקטועלע און גייסטיגע האָריזאָנטן

1. אין דער ריכטונג פון דעם העכסט־אַנטוויקלטן מענטש — 321
2. „די דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט" — 329
3. „ליבע איז די פאַרווירקלעכונג פון געזעץ" — 338
4. „פון דעם פונק צו דעם פלאַם" — 350
עפּילאָג
ערשטער טייל — 353
צווייטער טייל — 367
צונאָב — 378